STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10512

YIDISHE GESHIKHTE IN LEKTSYES

M. Senderey

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Al distinguido
compañero
Uriel Bruner
Cordialmente
el autor
M. Senderey

מ. שענדערײ

יידישע געשיכטע און לעקציעס

1טער באַנד

פון אָנפאַנג ביזן סוף פון דער מזרח־עפּאָכע

עקזעמפּלאַר
פון דער
ספּעציעלער אויסגאַבע
222

בוענאָס איירעס 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
M. Senderey, Buenos Aires

אלע רעכט זענען רעזערווירט.

M. SENDEREY

HISTORIA JUDIA
EN LECCIONES

BUENOS AIRES, 1951

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

מיין געטרייען לעבנס־חבר,

מיין פרוי,

געווידמעט.

דער מחבר.

אַרייַנפֿיר

די יידישע געשיכטע, וואָס האָט ביז היינט געדאַרפֿט דערקלערן די רעטעלהאַפֿטע דערשיינונג פֿון אַ פֿאָלק וואָס האָט אָנגעוווירן זיין שטאַט, לאַנד און שפּראַך און האָט דאָך געקאָנט דערהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום און אייגנאַרט אין משך פֿון יאָרהונדערטער רדיפֿות און שחיטות, האָט איצט, ביים אָנפֿאַנג פֿון דער דריטער שטאַטלעכער עפּאָכע אין לעבן פֿון יידישן פֿאָלק, די פֿיל שווערערע אויפֿגאַבע קלאָר צו מאַכן פֿון וואַנען האָט דאָס פֿאָלק ישראל געשעפּט כוח, מוט, ענערגיע און געוואַגטקייט אויף צוריק אויפֿבויען זיין שטאַטלעכן לעבן, באַנייען און אָפּפֿרי'שן זיין גאַנצן נאַציאָנאַלן מהות און אָנהייבן אַ נייעם ציקל אין זיין קיום.

אויב ביז אַהער איז די אָנגענומענע מיינונג געווען, אַז די אידעע פֿון יידישקייט איז ביי׳געשטאַנען דעם פֿאָלק אין אַלע זיינע נויטן, ווערט איצט מער בולט דער פֿאַקט, אַז אין תוך איז דאָך דאָס פֿאָלק דער אייגנטלעכער שעפֿער פֿון אָט דער אידעע וואָס איז די אַרויסשטראַלונג פֿון זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן געניוס. „מיניה וביה" — פֿון אים און אין אים: אַזוי דאַרף פֿאַרשטאַנען ווערן די באַציאונג צווישן יידישן פֿאָלק און די אידעע פֿון יידישקייט. די היסטאָריע פֿון פֿאָלק דאַרף אויך זיין די געשיכטע פֿון דער אידעע, פֿון וועלכער ער איז דער שעפֿער און טרעגער, פֿון יידישקייט וואָס האָט אַזוי באַווירקט זיין גורל און איז זיין גרעסטער ביישטייער צום קולטור-אוצר פֿון דער מענטשהייט.

אין אונדזערע צייטן, פֿון גראַנדיעזן אויפֿבוי אין יידישן לעבן מוזן אויך אַלע פֿריהערדיקע עפּאָכעס פֿאַרשטאַנען און באַנומען ווערן אַנדערש ווי ביז אַהער. דער אויפֿקום און אויפֿבוי פֿון מדינת ישראל האָבן נישט נאָר אויפֿגעהייטערט אונדזער היינט און באַשיינט אונדזער מאָרגן, נאָר זיי האָבן אויך בעסער באַלויכטן אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס זעט גאַנץ אַנדערש אויס אונטער די ליכט-שטראַלן פֿון דער באַנייטער יידישער שטאַטלעכקייט.

ווייל עס איז פֿאַראַן אַ מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע, ווען דאָס פֿאָלק, דערשעפּט פֿון אומגלייכן געראַנגל מיט דער ריזיקער רוימישער אימפּעריע — אַ געראַנגל וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע צוויי יאָרהונדערטער, באַשליסט דורך זיינע מנהיגים, אָפּצוזאָגן זיך צייטווייליק פֿון שטאַטלעכן לעבן, שלום-מאַכן מיטן גורל, אָננעמען דאָס אומפֿאַרמיידלעכע און אונטערוואַרפֿן זיך דעם עול פֿון רוים בכדי צו דערהאַלטן דעם אייגענעם קיום אין דערוואַרטונג אויף בעסערע צייטן.

פֿון יענער גורלדיקער שעה אָן הייבן אָן די יידישע מקורים צו פֿאַרשווייגן און פֿאַרטושן די פּאַסירונגען פֿון דער יידי'שער געשיכטע וואָס באַצייכענען דעם געראַנגל פֿאַר פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. אַזוי בלייבט אויסער דעם תנ"ך אַזאַ היסטאָריש בוך ווי השמונאים א' וואָס פֿאַראייביקט די העלדישע מאַקאַבעער-עפּאָפּעע; די פּאַטריאָטי'שע קנאים וואָס האָבן זיך אַזוי מסירת-

נפשדיק געראנגלט מיט רוים, ווערן באצייכנט ווי „בריונים" און „פריצים", אויסווורפן, הייסט עס; און פון דעם גראנדיעזן אויפשטאנד פון בר־כוכבא, זיינען אין תלמוד פארבליבן בלויז פארטונקלטע שטעלן וואס גיבן נישט קיין באגריף וועגן אט דעם גיגאנטישן פארמעסט און זיין איינפלוס אויפן וויטערדיקן גורל פון פאלק.

אויב עמיצער שרייבט יא געשיכטע אין יענע צייטן, איז עס דער העלעניזירטער אריסטאקראט, דער כהן יוסף בן מתתיהו פלאוויוס, וועלכער פארטרעט אויך דעם שטאנדפונקט אז יידן דארפן זיך אפזאגן פון אייגענער שטאטלעכקייט, וואס זיי זיינען מער נישט בכוח און האבן נישט די פעאיקייטן אנצוהאלטן. דאס דאזיקע באוווסטזיניקע אפזאגן זיך פון שטאטלעכן לעבן און דאס איבערלאזן די אויפריכטונג פון דער יידישער מלוכהשאפט פאר די הימלישע כוחות, איז טאקע אפשר אין יענע צייטן נייטיק געווען און האט היפש בייגעטראגן צו ראטעווען דאס פאלק פון אומקום; עס האט אבער אויך בייגעטראגן צו אפטעמפן דעם חוש פאר היסטארישער ווירקלעכקייט און פאראליזירן אויף א לענגערער צייט דעם רצון פאר אקטיווער פאליטישער טעטיקייט.

אין משך פון לאנגן פינצטערן גלות, און בעיקר צוליב דעם גרויזאמען בלוט־פארלוסט דורך די כמעט אומאויפהערלעכע שחיטות אין משך פון קנאפע ניין הונדערט יאר (1946-1096) האט דאס פאלק כמעט פארגעסן דעם גרעסטן טייל פון זיין געשיכטע. געראטעוועט האט זיך נאר די היסטאריע פון די גאר אלטע צייטן, ביז דער גרויסער רעפארמע פון עזרא ונחמיה, ווייל זי איז פארהייליקט געווארן אין תנ"ך. אבער די אויסטייטשונג פון דעם טייל איז מער טעאלאגיש ווי היסטאריש. די רעשט, א צייט פון העכער פינף און צוואנציק יארהונדערטער, איז געבליבן ווי פארדעקט מיט א געדיכטן נעפלדיקן שלייער פון אונטער וועלכן עס האבן זיך ארויסגעזען די נישט־קלארע קאנטורן פון נגישות, רדיפות, שחיטות און נסים, נסים, נסים.

מיט דער רענעסאנס־עפאכע און, בעיקר, מיט דער השכלה, דערוואכט אויך דער אינטערעס פאר פארשונג און שטודיום פון דער יידישער פארגאנגענהייט. אבער די ערשטע פארשונגען זיינען מער שטודיומס פון יידישקייט ווי פון יידן. אפילו די צעטיילונג אין עפאכעס איז געמאכט געווארן לויט א רעליגיעז־גייסטיקן קריטעריום: בית ראשון, בית שני, תנאים, אמוראים, סבוראים, גאונים, בעלי־התוספות א. א. וו. ביי די שפעטערדיקע מחברים, וואס האבן שוין א פאזיטיווערן צוגאנג צו די עקאנאמישע און פאליטישע פאקטארן, באקומט זיך אפטער אז דאס לעבן אין גלות איז דער עיקר און די שטאטלעכע עפאכן זיינען בלויז עפיזאדן.

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל האט זיך דער צוגאנג געמוזט ראדיקאל ענדערן. בכדי בעסער צו באגרייפן די היינטיקע פאסירונגען, מוז מען זיך מער פארטיפן אין די געשעענישן פון וויטן אמאל, וואס האבן איצט באקומען א שטארקע אקטואליטעט. געאגראפיש האט זיך דער צענטער פון יידישן לעבן א רוק־געטון צוריק צו זיין אויסגאנגס־פונקט, ארץ־ישראל, און היסטאריש מוז אויך געשטעלט ווערן דער טראפ מער אויף די אמאליקע שטאטלעכע עפאכעס. די וויטע פארגאנגענהייט פון די אמאליקע יידישע מלוכות קאן אריענטירן ביים באגרייפן די היינטצייטיקע פראבלעמען, בפרט ווען מדינת ישראל האט היינט צו לייזן ענינים וואס זיינען אין תוך נישט צופיל פארשידן פון די וואס די אמאליקע יידישע שטאטלייט האבן געהאט צו דערליידיקן.

אָבער נישט נאָר פאַר דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון מדינת ישראל איז די וויכטיקייט פון די אַמאָליקע שטאַטלעכע צייטן, פאַראַן אויך אַ גאָר וויכטיק אינערלעך פּראָבלעם, וואָס מוז אַפילו ביי די זייער געביטענע אומשטענדן, דאָך באַנומען ווערן מיטן קריטעריום פון וויטן אַמאָל. די באַציאונגען צווישן אַ שטאַטלעכן צענטער אין ארץ־ישראל מיט אַ קהילות־פּעריפעריע אין חוץ־לארץ איז נישט קיין נייעס אין דער יידישער געשיכטע. די דערפאַרונג פון די אור־זיידעס קאָן זייער גוט צונוץ קומען די אור־אייניקלעך.

מדינת ישראל האָט אויך אַריינגעטראָגן אַ טיפע ענדערונג אין די באַציאונגען צווישן פאָלק ישראל און די אומות העולם. די טרויעריקע לאַגע פון די לעצטע טויזנט יאָר, איז נישט די איינציקע מעגלעכע; נישט אַלעמאָל זיינען יידן געווען ווי אַ שעפעלע צווישן וועלף, זיי האָבן אַמאָל געהאַט גאָר פריינטלעכע באַציאונגען מיט אַ ריי מלוכות און פעלקער: פּרס, די העלעניזירטע מצרים (עגיפּטן), אַפילו רוים וואָס האָט ביי איר גאַנצער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק דאָך געהאַט דרך־ארץ און אויך באַוווּנדערונג פאַרן יידישן שטאַט, פאַרן פאָלק ישראל און זיין אמונה.

עס מוז אויך גענומען ווערן גוט אין אַכט, אַז נישט אַלעמאָל זיינען יידן געשטאַנען אונטער פרעמדער השפּעה ווי אין די גלות־צייטן; אין דער שטאַטלעכער עפּאָכע איז עס געווען להיפּך. באַוועגונגען פון סימפּאַטיזירן מיט יידן און יידישקייט, אַפילו פון מגייר זיין זיך, זיינען נישט קיין זעלטנהייט אין דער וועלט־געשיכטע און דאָס האָט דערמעגלעכט די אַנטשטייאונג פון די צוויי טעכטער־רעליגיעס: קריסטנטום און איסלאַם, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן צווישן די צו יידישקייט גענייגטע שיכטן פון גרויסע פעלקער.

עס איז אויך נייטיק צו מאַכן אַ רעוויזיע אין דער באַדייטונג פון ארץ־ישראל אין דער גייסטיקער שאַפונג פון יידישן פאָלק אין אַלע צייטן, אויך נאָכן חורבן. נישט נאָר דער תנ"ך און די אַפּאָקריפן, די משנה און די מדרשים זיינען געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל, אויך דער תלמוד האָט זיין ארץ־ישראל־דיקע אויפלאַגע (ירושלמי) און אַפילו דער תלמוד בבלי איז דאָך אין גרונט נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן אויסטייטשונג פון דער משנה וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל. דאָרט זיינען אויך געשאַפן געוואָרן די נקודות און דער טראָפּ, די ערשטע פּיוטים און די יסודות פון דער קבלה. דער זוהר און די ווערק פון ר' משה קאָרדאָווערא, פון אר"י און פון ר' חיים וויטאַל, ס'הייסט די טעאָרעטישע און די פּראַקטישע קבלה זיינען צום גרעסטן טייל פאַרפאַסט געוואָרן אין ארץ־ישראל. דאָרט איז אויך אויפגעקומען די באַנייטע יידישע פּאָעזיע. שירים ווי: „יה רבון עלם" פון ר' ישראל נאַגאַרא און „לכה־דודי" פון ר' שלמה אלקבץ, די ציון־לידער פון ר' יהודה הלוי און די „התקוה" פון נ. ה. אימבער זיינען אַלע געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל, פּונקט ווי דער שולחן־ערוך וואָס האָט נאָרמירט דאָס יידישע לעבן פאַר די לעצטע פיר יאָרהונדערטער און די ענדגילטיקע רעדאַקציע פון עין־יעקב וואָס האָט געשטאַרקט דאָס פאָלק אין די גרויזאַמסטע צייטן.

אין דעם ווערק „יידישע געשיכטע אין לעקציעס", וואָס מיר ברענגען דאָ פאַרן לייענער, האָט זיך דער מחבר באַמיט צו עקספּאָנירן און באַלייכטן די פּאַסירונגען פון דער יידישער געשיכטע אין הסכם מיט דער נייער שטעלונג, צו וועלכער מדינת ישראל פאַרפליכטעט. ער האָט זיך אויך באַמיט צו אילוסטרירן די היסטאָרישע פּאַסירונגען מיט דער ליטעראַרישער שאַפונג פון די באַ־

טרעפנדע עפּאָכעס. דער פאַרנעם פון ווערק האָט, ליידער, נישט דערלויבט זיין צו פרייגעביק אין דעם פּרט, אָבער פסוקים פון תנ"ך, מאמרי חז"ל, שטעלן פון די אַפּאָקריפן, זוהר און אַנדערע ספרים, ציטאַטן פון די ווערק פון דער גאָלדע־נער עפּאָכע ביי די ספרדים און אשכנזים, ווערן געבראַכט ווי אַ באַוויז פון דעם אַז ליטעראַטור איז בעצם נישט קיין אַנדער זאַך ווי אַן אויסשטראַלונג פון לעבן, און מיר קאָנען בעסער פאַרשטיין וואָס די פאַריקע דורות האָבן איבער־געלעבט, ווען מיר לייענען וואָס זיי האָבן איבערגעטראַכט און איבערגעפילט.

דערביי האָט זיך דער מחבר באַמיט נאָכצופאָלגן אין זיין עקספּאָזע דעם פּרינציפּ פון אייניקייט אין יידישן לעבן. נישט צעפּיצלען די פּאַסירונגען לויט די לענדער און מדינות, נאָר אַריינגעמען זיי אויף ווי ווייט עס לאָזט זיך, אין די ראַמען פון איין און איינציק פאָלקס־לעבן, אַפילו אין די צייטן, ווען עס איז שוין געווען מער ווי איין צענטער. ישראל און יהודה, ארץ־ישראל און חוץ־לארץ, ספרדים, אשכנזים און אַנדערע עדות, זיינען נישט קיין באַזונדערע וועלטן, נאָר טיילן פון דער איינער און איינציקער וועלט וואָס הייסט פאָלק ישראל.

דער מחבר האָט זיך באַמיט צו סיסטעמאַטיזירן דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געשעפּט פון אַ ברייטער און מאָדערנער ביבליאָגראַפיע, אַזוי אַז דער לייע־נער זאָל באַקומען אַ באַגריף פון דער אויסוויקלונג פון די היסטאָרישע פּראָ־צעסן. נישט אָפּקומען בלויז מיט די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן און פּאַסי־רונגען, נאָר בעיקר תופס זיין די אומשטענדן און פאַקטאָרן, אינערלעכע און אויסערלעכע וואָס האָבן גורם געווען צו דער אָדער אַ צווייטער היסטאָרישער סיטואַציע, פּאַסירונג אָדער האַנדלונג. יידישע געשיכטע איז נישט גענוג בלויז צו וויסן, מען דאַרף זי אויך פאַרשטיין און פילן.

דאָס ווערק האָט דער מחבר פאַרפאַסט האָבנדיק אין אויג די שילער פון די יידישע מיטלשולן, די צוהערער אויף די קורסן פאַר דערוואַקסענע און דעם סתם־יידן וואָס האָט אינטערעס צו קאָנען די געשיכטע פון זיין פאָלק. קיינער פון די דערמאָנטע שיכטן, קאָן זיך נישט באַגנוגענען מיט דער צו רעזומירטער עקספּאָזע פון די קיצורים אין רוב איינבענדיקע ווערק, פונקט ווי זיי קאָנען אויך נישט אויפנעמען די אַלע איינצלהייטן וואָס עס ברענגען די קאַפּיטאַלע ווערק איבער יידישער היסטאָריע.

די „אידישע געשיכטע אין לעקציעס" איז אַ פּרווו צו דערגרייכן אַ מיטל־פּונקט צווישןביידע עקסטרעמען. אויף וויפל דאָס איז דעם מחבר געלונגען, וועט דער לייענער און די קריטיק האָבן צו באַשטימען. דער מחבר האַלט אָבער פאַר זיין חוב אונטערצושטרייכן, אַז דאָס איז געווען זיין עיקרדיקע כוונה און ער איז דערצו באַמוטיקט געוואָרן פון זיינע שילער אין מיטל־שולן און צוהערער אויף קורסן פאַר דערוואַקסענע. אויב די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַר־בעט, וואָס דער מחבר ברענגט דאָ מיט דער גאַנצער באַשיידנקייט פאַרן נוצן פון די פאַראינטערעסירטע, איז אים געלונגען, וועט ער ווי אויך די לייענער זיין שולדיק אַ יישר כוח די אַלע וואָס האָבן אים דערמוטיקט דאָס דאָזיקע ווערק אָנצושרייבן און מיטגעהאָלפן עס אַרויסצוגעבן.

דער מחבר.

ב.־איירעס, אלול תשי"א.

1טע לעקציע

משפחה־כראַניק: די צייטן פון די אבות

(20סטער ־ 16טער יאָרהונדערט פאַר דער אַלג. צ. ר*)

די געשיכטע פון יידישן פאָלק הויבט זיך אָן מיט א פאַמיליען־כראָניק, וואָס דערציילט ווי אַזוי פון די סעמיטישע שטאַמען, וואָס האָבן אין צוויי און צוואנציקסטן יאָרהונדערט פאַר ד. אַ. צ. ר. געגרינדעט אין מעסאָפּאָטאַמיע, דער טייל אַזיע צווישן די טייכן חדקל און פרת, א גרויסע און מעכטיקע אימפּעריע, האָט זיך אַרום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָפּגעטיילט א משפּחה, וואָס האָט מיט דער צייט באַקומען דעם נאָמען עברים; ווי אַזוי די דאָזיקע משפּחה איז זיך צעוואַקסן און האָט זיך פונאַנדערגעצווייגט אין א רייע פעלקער, דאָס איינגאַרטיקסטע פון וועלכע ס'איז דאָס פאָלק ישראל. דער באַגריף משפּחה איז אין יענע אוראַלטע צייטן געווען פיל ברייטער ווי אין אונדזערע טעג; ער האָט איינגעשלאָסן נישט בלויז פאָטער, מוטער און קינדער, נאָר ער האָט באַצייכנט א פיל גרעסערע מענטשן־גרופּע. די סעמיטן זענען געווען, און, מיטן אויסנאַם פון געוויסע צווייגן פון יידישן פאָלק, פאַרבליבן פּאָליגאַמיער. עס ווערט ביי זיי פּראַקטיצירט פילווייבעריי, אַזוי אַז ווען אפילו די אוראַלטע משפּחה האָט געהאַט איין פאָטער, האָט זי אָבער געקאָנט האָבן מער ווי איין מוטער. דער צוזאַמענבונד צווישן די קינדער וואָס האָבן געשטאַמט פון איין מענטשן איז געווען א פיל דויערהאַפטיקער, זיי האַלטן זיך צוזאַמען אין איין גרעסערער איינהייט כל זמן דער שטאַם־פאָטער, דער אָב (פּאַטריאַרך) לעבט. אויך נאָכן טויט פונעם אָב האַלטן זיך אַמאָל זיינע אָפּשטאַמער צוזאַמען און בילדן א פאַמיליען־גרופּע, וואָס רופט זיך קלאַן, בית־אָב אין העברעאיש.

אויך די קלאַנען פון דעם זעלבן שטאַם האָבן זיך געהאַלטן א לענגערע צייט צוזאַמען, בילדנדיק א נאָך גרעסערע איינהייט, א שבט, וואָס איז געווען ווי א מין קאָנפעדעראַציע פון קלאַנען (בתי־אב). די הויפּטן, סיי פון א בית־אב, סיי פון א שבט, האָבן געטראָגן דעם טיטל נשיא. ווען די שבטים פלעגן זיך פאַרגרעסערן אין צאָל, און אַריבערגיין פון פי־צוכט צו ערד־אַרבעט, זיך באַזעצנדיק אין א באַשטימט לאַנד, פלעגן זיי בילדן א פאָלק (עם) וואָס פלעגט מיט דער צייט שאַפן זיין מלוכה.

---

*) פאַר דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג.

דאָס יידישע פאָלק האָט אין טיפֿן אַלטערטום דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן פֿון דער אַנטוויקלונג: פֿון אַ משפּחה צו קלאַנען, פֿון קלאַנען צו שבטים, פֿון שבטים צו אַ פאָלק, וואָס האָט געבילדעט איינע אָדער צוויי מלוכות.

די אָפּשפּליטערונג פֿון דער עברישער משפחה איז פאָרגעקומען צוליב אַ סבה פֿון גייסטיקן כאַראַקטער. אברהם, דער אָב פֿון איינער פֿון די משפחות פֿון דעם קלאַן תרח, האָט פאַרלאָזט דאָס געצנדינסט, וואָס די מענטשהייט האָט דאַן פּראַקטיצירט, און האָט אָנגעהויבן פּריידיקן אַ נייעם גלויבן אין איין איינציקן גאָט, וועלכער קאָן נישט פאָרגעשטעלט ווערן אין קיין שום מאַטעריאַל, האָלץ, שטיין, מעטאַל, אָדער אין אַ לעבעדיקן וועזן, ווייל ער איז גייסט. די דאָזיקע נייע תורה האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט און דער גאַנצער קלאַן תרח האָט פאַרלאָזט מעסאָפּאָטאַמיע און אַוועקגעוואַנדערט דורך די אַרומיקע מדבריות אין זוכעניש פֿון אַ נייעם וווינאָרט. דער קלאַן תרח האָט זיך צו יענער צייט אָפּגעגעבן מיט פי־צוכט, געפירט אַ נאָמאַדן־לעבן און האָט לייכט געקאָנט אַריבערגיין פֿון איין אָרט צום צווייטן.

אויף דעם וועג פֿון זייערע וואַנדערונגען האָבן זיך פֿון קלאַן תרח אָפּגעטיילט די משפּחות, ביי וועלכע דער גלויבן אין דעם איינציקן אַלמעכטיקן גאָט (אל־שדי) האָט זיך נישט גענוג שטאַרק איינגעוואָרצלט. אין דער געגנט חרן, צו צפֿון־מזרח פֿון ירדן, האָט זיך אָפּגעטיילט די משפחה נחור, וועלכע האָט זיך אויסגעמישט מיט די קרובישע ארמים; אין טאָל פֿון ירדן, צו דרום־צו, האָט זיך אָפּגעטיילט די משפחה לוט, פֿון וועלכער עס וועלן זיך אויסבילדן די פעלקער עמון און מואב. די אַלע פעלקער וועלן באַזעצן דעם מזרח־ברעג פֿון ירדן און פֿון ים־המלח.

די משפחה פֿון דעם אָב אברהם איז געבליבן טריי דער לערע פֿון איין איינציקן גאָט, און האָט מיט אירע סטאַדעס געוואַנדערט ווייטער אויפֿן מערבֿדיקן ברעג פֿון ירדן, בעיקר אין דעם דרום־טייל, אין דער געגנט צווישן חברון און דעם נגב. דאָרט האָט אברהם געלאָזט גראָבן ברונעמער אויף צו באַזאָרגן וואַסער פאַר זיינע מענטשן און פי. די בעדואינער, וואָס וואַנדערן ביז היינט אַרום אין נגב, ווייזן אָן מיט שטאָלץ אויף איניקע גאָר אַלטע ברונעמער, וואָס, ווי זיי גלויבן, זענען עס די זעלבע וואָס אברהם, וועמען זיי האַלטן פאַר זייער שטאַם־פאָטער, האָט געגראָבן. עס איז מעגלעך, אַז שוין פֿון יענע אוראַלטע צייטן, אָדער פֿון די עטוואָס שפּעטערדיקע, ווען די אָפּשטאַמער פֿון אברהם וועלן זיך נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט צוריקקערן אין דער געגנט און ווידער גראָבן ברונעמער, שטאַמט דאָס אוראַלטע ליד פֿון ברונעם, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן אין חומש (במדבר כא: 20־18) און וואָס זאָגט:

עלי באר — ענו לה,	קוועל אויף, ברונעם! — זינגט צו אים. —
באר חפרוה שרים,	דער ברונעם, וואָס געגראָבן האָבן האַרן,
כרוה נדיבי עם,	אויסגעהאַקט האָבן די פירשטן פֿון פאָלק,
במחוקק במשענותם.	מיטן סצעפּטער אויף זייערע שטעקנס.

אין דער געגנט, ווו היינט געפינט זיך די שטאָט באר־שבע, האָט אברהם געפלאַנצט טאַמאַריסקן־ביימער (אשל). איינער פֿון זיי ווערט נאָך ביז היינט געוויזן ווי

פאַרפלאַנצט פון דעם שטאַמפאָטער פון יידישן פאָלק. פיטערן שאָף, גראָבן ברונעמער, פלאַנצןביימער, דאָס איז געווען די באַשעפטיקונג פון דער משפחה פון אברהם ווען זי האָט אריינגעוואַנדערט אין כנען. אויף זייער נייעם וווינאָרט האָט די משפחה באַקומען דעם נאָמען פון עברים, וואָס איז שוין פאַרבליבן ביז היינט ווי איינע פון די באַצייכע־נונגען פון יידישן פאָלק.

אין די דרום־געגנטן פון כנען קומט פאָר די ווייטערדיקע צעשפּליטערונג פון דער עברים־משפחה. אברהם האָט געהאַט מערערע פרויען, בלויז איינע פון זיי איז אויך געווען פון זעלבן שטאַם: שרה. און נאָר איר זון, יצחק, האָט געקאָנט קומען אין באַ־טראַכט אַלס הויפּט פון דער משפחה, נאָכן טויט פון אברהם. דער זון פון דער מצרישער הגר, ישמעאל, די קינדער פון דער כנענישער קטורה: זמרן, יקשן, מדן, מדין, ישבק און שוח, האָבן געמוזט ארויס פון דער עברים־משפחה און פון זיי האָבן זיך אויסגע־בילדעט א רייע האַלב־עברישע פעלקערשאַפטן, ווי: ישמעאל, מדין א. א. וו.

בכדי אָנצוהאַלטן אויף להבא דעם ריינעם אָפּשטאַם פון זיין משפחה, שיקט אברהם ברענגען פאַר יצחקן א פרוי פון דעם ברודער־שטאַם נחור, וואָס איז פאַרבליבן אין חרן, צו צפון־מזרח פון ירדן. מיט דער דאָזיקער פרוי, רבקה, האָט יצחק א צווילינג פון צוויי זין, עשו און יעקב. דער עלטערער, עשו, האָט חתונה פאַר פרעמד־שטאַמיקע פרויען, און קאָן דערפאַר אין דער משפחה נישט פאַרבלייבן. ער מוז אָפּטרעטן זיין בכורה דעם יינגערן, יעקבן, וועלכער וועט אויך נעמען פרויען פון דער ברודער־משפחה נחור, פון וועלכער רבקה שטאַמט. ווען יצחק וויל אויף דער עלטער בענטשן זיין בכור עשו און איבערגעבן אים די פירערשאַפט פון דער משפחה (בכורה), מישט זיך אריין רבקה, וועלכע איז זייער באַטריבט צוליב די נישט־עברישע פרויען פון איר זון עשו, און מאַכט אזוי, אז יצחק זאָל על פּי טעות בענטשן מיט דער בכורה יעקבן. די ברכה פון דער בכורה קלינגט אזוי:

הוה גביר לאחיך,	זיי א האַר איבער דיינע ברידער,
וישתחוו לך בני אמך,	און עס זאָלן זיך בוקן פאַר דיר די קינדער פון דיין מוטער.
אורריך ארור,	די וואָס שעלטן דיך זאָלן זיין פאַרשאָלטן,
ומברכיך ברוך.	און די וואָס בענטשן דיך זאָלן זיין געבענטשט.

פון אברהם ביז יעקב איז, אלזאָ, די עברים־משפחה נישט געוואַקסן. זי האָט בלויז אויסגעטיילט פון זיך קרובישע האַלב־עברישע משפחות, וואָס וועלן מיט דער צייט בילדן קרובישע פעלקער און שטאַמען. אָבער די קינדער פון יעקב וועלן אַלע בלייבן אין דער משפחה, און נאָך זיין טויט וועט שוין די עברים־משפחה פאַר־וואַנדלט ווערן אין א גאַנצן קלאַן, וואָס וועט זיך מיט דער צייט צעוואַקסן און צעטיילן אין מערערע שבטים. מיט יעקבן ווערט אַלזאָ אָפּגעשלאָסן דער פעריאָד פון די אבות, וואָס זענען בלויז דריי: אברהם, יצחק און יעקב.

יעקב האָט געהאַט פיר פרויען. צוויי פון שטאַם נחור: לאה און רחל; און צוויי פון א האַלב־עברישן שטאַם פאַרוואַנדעט צו נחור: בלהה און זלפה. ער האָט מיט זיי געהאַט צוועלף זין: ראובן, שמעון, לוי, יהודה, יששכר און זבולון, מיט לאה;

יוסף און בנימין — מיט רחל; דן און נפתלי מיט בלהה; גד און אשר מיט זלפה. זיי וועלן אלע זיין די שטאם־פאטערס פון די שבטים פון יידישן פאלק.

דער פארשידענער יחוס פון יעקבס פרויען האט גורם געווען צו א דיפערענ־צירונג פון די יידישע שבטים אין מער אדער ווייניקער מיוחסדיקע. די פיר קינדער פון די האלב־עברישע פרויען זענען באטראכט געווארן פון קלענערן יחוס, אזוי אויך די שבטים, וואס וועלן פון זיי שטאמען. אויך צווישן די קינדער פון רחל און לאה איז אנגעגאנגען א ריוואליטעט. לאה איז געווען די ערשטע פרוי פון יעקב און אירע קינדער האבן זיך דערפאר באטראכט פאר גרעסערע מיוחסים; אבער רחל איז געווען די באליבטסטע פרוי פון יעקב און איר עלטסטער זון יוסף האט זיך באטראכט פארן מיוחס צווישן אלע ברידער. יעקב האט אים טאקע אויך ליב געהאט מער פון אלע קינדער. די ריוואליטעט צווישן די קינדער פון לאה און רחל וועט זיך שפעטער אפרופן אויף די באציאונגען צווישן די שבטים וואס וועלן פון זיי שטאמען.

נאך בעתן לעבן פון יעקב האט יוסף געחלומט איבערצונעמען די פירערשאפט פון דער משפחה נאך זיין טויט. א מענטש מיט א רייכער פאנטאזיע, האט ער געזען חלומות אין דער הינזיכט. אט האט זיך אים געחלומט, אז די זון, די לבנה און עלף שטערן בוקן זיך צו אים; אט האט ער געזען, אז ווען ער בינדט גארבן אין פעלד צוזאמען מיט זיינע ברידער, בלייבט זיין גארב שטיין און די גארבן פון די ברידער בוקן זיך צו אים. די ברידער האבן פארשטאנען דעם זין פון די חלומות און עס האט זיי שטארק פארדראסן. לכתחילה האבן זיי געטראכט אים צו דערמארדן, אבער בלוט־פארגיסונג איז שוין דאן געווען אפגעפרעגט ביי די עברים, האט מען זיך געאייניקט אויף דעם, אז מען זאל אים פארקויפן פאר א שקלאף.

אלס שקלאף ווערט יוסף געבראכט קיין מצרים, ווו עס האבן דאן (ארום אכצנטן יארהונדערט) געוועלטיקט די היקסאסן (שעפער־קעניגן), צווישן וועלכע עס זענען געווען שבטים אויך פון סעמיטישן אפשטאם. גאר גיך האט יוסף גערופן די אויפמערקזאמקייט מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן און א צופאל האט אים געבראכט אין קעניגלעכן פאלאץ. ער איז פותר חלום דעם הערשנדיקן פרעה און שטייגט ארויף צו דער מדרגה פון לאנד־רעגירער. ער האט חתונה מיט א היקסאסן־טאכטער פון סעמיטישן אפשטאם, אסנת, מיט וועלכער ער האט צוויי זין: מנשה און אפרים.

ווען זיינע ברידער קומען קיין מצרים קויפן תבואה, אין יארן פון הונגער, וואס האט זיך אין מצרים נישט געפילט א דאנק די פארפלייצונגען פון טייך נילוס און דער גוטער אדמיניסטראציע פון יוספן, לאזט ער זיך פון זיי דערקענען און לאדט זיי איין צו קומען מיטן פאטער און פאמיליעס קיין מצרים, ביז די הונגער־יארן וועלן פאראיבער. די ברידער מיט זייערע פאמיליעס קומען קיין מצרים, ווו די עברים וועלן פארבלייבן פיל לענגער ווי זיי האבן עס גערענקט.

יעקב שטארבט אין מצרים. פארן טויט אנערקענט ער די זין פון יוסף ווי זיי וואלטן געווען זיינע אייגענע, און זיי וועלן מיט דער צייט ווערן די שטאם־פאטערס

פון צוויי יידישע שבטים: אפרים און מנשה. יעקב ווערט פון מצרים געפירט צו קבורה אין חברון אין דעם באַגרעבונגס־פּלאַץ, וואָס אברהם האָט געקויפט און וואָס ווערט ביז היינט געוויזן (די מערת־המכפלה ־ טאָפּלט־הייל). לויט דער טראַדיציע זענען דאָרט באַערדיקט: אברהם און שרה, יצחק און רבקה, יעקב און לאה. גראָד די באַליבסטע פרוי פון יעקב, רחל, בלייבט אויסער דעם פאַמיליען־קבר.

נאָכן טויט פון יעקב בלייבט יוסף דער הויפּט פון די עברים. מיט אים פאַרענדיקט זיך די משפּחה־עפּאָכע און עס הויבט זיך אָן דער פּעריאָד, ווען די משפּחה צעוואַקסט זיך אין קלאַנען. פאַרן טויט זאָגט יוסף אָן, אַז ביים צוריקקערן קיין כנען זאָל מען מיטנעמען זיין געביין, אַ פאַרזאָג, וואָס וועט בשעתו דערפילט ווערן.

די עברים בלייבן וווינען אין מצרים אַ פּאָר יאָרהונדערטער אונטער דער הערשאַפט פון די צו זיי שטאַם־נאָענטע היקסאָסן, ביז די היקסאָסן ווערן פאַרטריבן פון מצרים אין יאָר 1580 פאַר ד. א. צ. ר. צעוואַקסן זיך די עברישע קלאַנען אין דרייצן צאָלרייכע שבטים, ווייל דער קלאַן יוסף צעטיילט זיך אויף צוויי שבטים: אפרים און מנשה.

* * *

ווען די אָבות זענען אין פאָלק געשאַפן און פאַרשפּרייט געוואָרן אַ רייע דערציילונגען, וועלכע האָבן אויסער די היסטאָרישע עלעמענטן אויך פאָלקלאָריסטישע, וואָס ברענגען אַרויס די כאַראַקטער־שטריכן פון די גרינדער פון דער אומה, בעיקר פון אברהמען. ער איז אַ גרויסער מכניס אורח; ער נעמט אויף אין זיין געצעלט אפילו פרעמדשטאַמיקע וואַנדערער. ביי אַ געלעגנהייט זאָל זיך האָבן אַרויסגעוויזן, אַז דריי אַזעלכע אורחים זענען געווען מלאכים. ער האָט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן געפיל פאַר קרובהשאַפט און פאַר פדיון שבויים: ער קעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון זיין פּלימעניק לוט, וועלכער ווערט געפאַנגען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פון אים אָפּגעטיילט. ער איז אַ בעל רחמים און שטעלט זיך איין אפילו פאַר די זינדיקע מענטשן פון דער שטאָט סדום. ער האָט אַ געפיל פאַר אָרנטלעך דערווערבטן פאַרמעגן און זאָגט זיך אָפּ צו נעמען דאָס רויב פון סדום, וואָס ער האָט צוריק באַקומען ביי דער באַפרייאונג פון לוט. ער איז אַן אָנהענגער פון שלום. ער מיידט אויס מחלוקת מיט זיין פּלימעניק לוט און שליסט שלום אפילו מיטן פרעמדן פּלישתי אבימלך. די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן זענען אָנגענומען ווי סמנים פון זיינע אָפּשטאַמער, די יידן. לויט אַ ביבלישער דערציילונג, איז אברהם געווען גרייט אויף אַן אויפּפאָדערונג פון גאָט מקריב צו זיין פאַר אים זיין באַליבטן זון יצחק, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט גאָט אָפּגערופן זיין אויפפאָדערונג. דער גאָט פון אברהם ברויכט נישט קיין מענטשלעכע קרבנות. דער ערשטער אָנזאָג פון דעם קאַמף, וואָס דאָס יידנטום האָט שטענדיק געפירט קעגן אָט דעם שווידערלעכן מנהג.

2טע לעקציע

פאַרשקלאַפונג און באַפרייאונג

(1580־1220 בערך פאַר ד. א. צ. ר.)

ווען די היקסאָסן ווערן אַרויסגעטריבן פון מצרים אין יאָר 1580 פאַר דער אַלג. צ. ר. גייען די עברישע שבטים נישט מיט זיי, נאָר זיי פאַרבלייבן אין דער געגנט פון גשן, אויף דער גרענעץ צווישן דעם אייגנטלעכן מצרים און די מדבריות, וואָס טיילן זיי אָפּ פון זייער שטאַם־לאַנד, כנען.

צוליב דער באַפרייאונג פון פרעמדער הערשאַפט, שטאַרקן זיך אין מצרים די נאַציאָנאַליסטישע געפילן, פרעמדע ווערן פאַראַכט, בעיקר באַטראַכט מען אָפּשייען די שאָף־פּאַסטוכער. דערביי איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז די היקסאָסן זאָלן מאַכן אַ פּרוּוו זיך צוריקצוקערן און נאָכאַמאָל באַהערשן דאָס לאַנד. מען הויבט אָן באַטראַכטן די עברישע שבטים ווי אַ סכנה, ווייל, „טאָמער טרעפט אַ מלחמה, קאָנען זיי צושטיין צו די פיינט״. מען הויבט אָן רודפן די עברים, עס ווערט פאַר זיי איינגעפירט אַרבעטס־פּליכט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד: בויען פעסטונגען, דערפאָען, אויך טאָן שווערע פעלד־אַרבעט. זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין לייב־אייגענע פון די פּרעהס. לאַנגע יאָרן טראָגן זיי געדולדיק דעם שווערן יאָך, וועלכער שטעלט דאָך נישט אָפּ זייער פאַרמערונג.

דער יאָך ווערט נאָך שווערער, און עס ווערן אָנגענומען דראַסטישע מיטלען פון פיזישער אויסראָטונג אין די צייטן פון רעמסס דעם צווייטן, אַ מעכטיקער פּרעה, וואָס האָט געהערשט צווישן די יאָרן 1300 און 1225 פאַר ד. א. צ. ר. די עברים בויען גרויסע דעפּאָזיטן־שטעט, איינע פון וועלכע טראָגט דעם נאָמען פון דעם שטאַרקן הערשער, און „בויען פּתום מיט רעמסס״ איז ביז היינט פאַרבליבן אַ גאַנגבאַר יידיש ווערטל. עס ווערט אויך פאַראָרדנט אומצוברענגען די יידישע ניי־געבוירענע זכרים, אָדער גלייך ביים געבוירן, אָדער וואַרפנדיק אין טייך די, וואָס איז געלונגען צו ראַטעווען פון די הייבאַמס.

ווען אין די צייטן פון רעמסס דעם צווייטנס יורש, דעם פּרעה מערנעפּטאַה

(1215־1225), ברעכן אויס אַ רייע אויפשטאַנדן, אין די מדינות וואָס זענען אונטער־געוואָרפן מצרים און די ליביער רייסן זיך אַריין אין מצרים גופא, באַווייזן די עברישע שבטים, נאָך אַ שווערן קאַמף, אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון שקלאַפערײַ און אַנטלויפן אין די מדבריות, וואָס האָבן זיי אָפּגעטיילט פון כנען.

בראש פון אָט דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, שטייט משה בן־עמרם, פון שבט לוי. געבוירן אין די צייטן פון רדיפות אויפן לעבן פון יידישע יינגלעך, באַהאַלט אים זיין מוטער יוכבד אין אַ קעסטעלע וואָס זי שטעלט אַוועק ביים ברעג טייך. דאָרט געפינט אים די טאָכטער פון פּרעה, וועלכע דערציט אים ווי אַן אייגן קינד. אַלס צייכן פון זיין מצרישער דערציאונג, בלייבט דער נאָמען משה, וואָס איז אַ מצרישער.

משה דערוויסט זיך ווענן זיין אמתן אָפּשטאַם און פאַראינטערעסירט זיך מיטן גורל פון זיינע שטאַם־ברידער. אָבער פּאָר אָננעמען זיך די קריוודע פון די שקלאַפן דראָט אים אַ לעבנס־געפאַר און ער אַנטלויפט אין מדבר צום האַלב־עברישן שטאַם פון די מדינים, וואָס ציט זיין יחוס פון אברהמען און דינט צום אל־שדי, דעם גאָט פון די ערשטע אבות. דאָרט לעבט אָפּ משה אַ לענגערע צייט; ער פאַרטיפט זיך אין באַטראַכ־טונגען ווענן דעם גורל פון זיינע שטאַם־ברידער און אין דעם מהות פון דער מערק־ווירדיקער אָנגעשטאַלטיקער נאַטהייט, וואָס טיילט זיך אַזוי שאַרף אַרויס פון אַלע אַנדערע געטער.

אין זיינע וואַנדערונגען איבער דעם מדבר, פּאַשענדיק די שאָף פון זיין שווער יתרו, דעם כהן פון מדין, פאַר וועמענס טאָכטער, צפּורה, ער האָט חתונה געהאַט, קומט אַמאָל משה צום באַרג חורב, וואָס ווערט פאַרהייליקט ביי אַ סך סעמיטישע שטאַמען ווי „דער באַרג פון גאָט". אונטער דעם איינדרוק פון אָט דעם הייליקן פּלאַץ האָט משה אַ געטלעכע אַנטפּלעקונג. אין גלי פון דער שרפהדיקער מדבר־זון האָט ער די וויזיע פון אַ דאָרן־קוסט וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט און ער הערט ממש די שטים פון גאָט פון די אבות, וואָס באַפעלט אים זיך צוריקקערן קיין מצרים און באַפרייען זיינע שטאַם־ברידער, וואָס שמאַכטן אין שקלאַפערײַ. באַפרייטע, וועט ער זיי ברענגען אָט צו דעם הייליקן אָרט, וווּ זיי וועלן דינען צום גאָט פון די אבות און וועלן באַקומען נייע געזעצן פאַר זייער קיום אַלס פאָלק.

משה קערט זיך אום קיין מצרים. באַגלייט פון זיין עלטערן ברודער אהרן און די נשיאים (זקנים) פון די עברישע שבטים, הויבט ער אָן אונטערהאַנדלען מיטן פּרעה ווענן דער באַפרייאונג. לפנים־ווענן האַנדלט זיך עס בלויז ווענן פרייל אָזן די עברישע שבטים אויף אַ דריי־טאָגיקן יום־טוב ביים באַרג פון גאָט. מערנעפטאַה וויל אפילו נישט הערן פון אָפּלאָזן שקלאַפן, אפילו צייטווייליק. ווי אַן אמתער טיראַן פאַראָרדנט ער נאָך מער צו פאַרשווערן די אַרבעט פון זיינע קנעכט: „זאָל נאָך שווערער זיין די אַרבעט אויף די מענטשן און זאָלן זיי זיין פאַרטאָן אין איר און נישט פאַרנעמען זיך מיט פוסטע גערייד".

אָבער די פאַרהאַנדלונגען פון משה פאַלן צוזאַמען מיט די שווערע אומ־

שטענדן וואָס זענען פריער דערמאָנט געוואָרן. מצרים מאַכט אויך דורך אַ שווערע אינערלעכע צעטרייסלונג. עס שיטן זיך אויף דער מדינה די פּלאָגן, וואָס זענען די באַגלייט־דערשיינונגען פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלע און סאָציאַלע קאָנפליקטן: בלוט און עפּידעמיעס. בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, די באַוואַסערונג־קאַנאַלן ווערן פאַרנאַכלעסיקט און עס פאַרפּלאָדיען זיך אין זיי פרעש, וואָס פאַרפּעסטען דאָס לאַנד. די באַפּעלקערונג איז פאַרוואָרלאָזט, פאַרלייזיקט און פאַרקרעציקט. אויך די הויז־חיות זענען פאַרפּעסטעט. די פעלד־חיהלעך מערן זיך אומגעשטערט און פאַרניכטן גרויסע טיילן פונעם פּאַרזיי. ווען צו דעם אַלעמען קומען נאָך צו אַ פּאָר נאַטור־פּלאָגן ווי האָגל און אַ היישעריק וואָס פאַרפינצטערט ממש די הימלען, און די עפּידעמיעס רייסן זיך אַריין אויך אין די פּאַלאַצן, ווו עס פאַלן אפילו די ערשטגעבוירענע קינדער, וואָס פלעגן ספּעציעל געפלעגט ווערן, ווערט די אָנפירונג פון לאַנד דעזאָרגאַניזירט אַזוי, אַז די יידישע שקלאַפן, און מיט זיי פיל קנעכט פון אַנדערע פעלקער, קאָנען אַוועק אין די נאָענטע מדבריות.

דער דאַטום פון דער באַפרייאונג, פופצן טאָג אין חודש ניסן, ווערט ביז היינט געפייערט פון גאַנצן יידישן פאָלק אַלס זמן חרותנו, די צייט פון אונדזער באַפרייאונג. דער יום־טוב ווערט געפייערט גאַנצע אַכט טעג און טראָגט דעם נאָמען פּסח, וואָס מיינט צו זאָגן איבערהיפּען, אין אָנדענק פון דעם וואָס די הייזער פון די עברים האָבן וויניקער געליטן פון די עפּידעמיעס אין מצרים, ווי אויך פון טויט־פאַלן, גלייך ווי דער טויט וואָלט איבער זיי איבערגעהיפּערט. געקומען איז עס געוויס פון דעם וואָס יידן זענען שוין דאַן געווען מער אָפּגעהיט אין זינען פון ריינלעכקייט, קערפּערלעכער און גייסטיקער. דאָס פאָלק האָט אָבער געגלויבט, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס עס האָט געשמירט די ביישטידלעך פון זיינע וווינונגען מיטן בלוט פון די לעמעלעך, אָדער ציגעלעך, וואָס זיי פלעגן מקריב זיין (קרבן פּסח) צום פרילינגס יום־טוב, וואָס פאַלט צוזאַמען מיטן דאַטום פון יציאת מצרים, בשעת די אַנדערע פעלקער פלעגן ביי דער זעלבער געלעגנהייט מקריב זיין זייערע ערשטגעבוירענע קינדער (מכת בכורים). די עברים האָבן שוין אין די צייטן פון אברהמען פאַרוואָרפן דעם אָפּשייַלעכן מנהג פון מענטשלעכע קרבנות און זיי האָבן געגלויבט, אַז דערפאַר האָט דער גאָט פון זייערע אבות אָפּגעהיט זייערע הייזער אין מצרים, און דער טויט פון די עפּידעמיעס האָט איבער זיי איבערגעהיפּערט. ווי פלייש פון אַ קרבן איז דאָס פלייש פון קרבן פּסח געגעסן געוואָרן מיט נישט געיוירן ברויט (מצות) און דער יום־טוב האָט אויך באַקומען דעם נאָמען פון חג־המצות.

ווען די עברישע שקלאַפן אַנטלויפן אין מדבר, וויל זיי מערנעפּטאַה אומקערן אויף כח. ער יאָגט זיי נאָך מיט אַ שטאַרקער אַרמיי פון רייטוועגענער און רייטער און יאָגט זיי אָן אויפן זיבעטן טאָג, ביים ברעג פון ים־סוף. אַ פּלוצלינגע פאַרפלייצונג פאַרטרינקט אָבער זיינע חילות און די עברים זענען דעפיניטיוו פריי. זיי זעען אין

דעם די אַלמעכטיקע האַנט פון גאָט פון זייערע אבות און יובלען אין זיין כבוד וועגן מיט א קורץ ליד, פאַרפאַסט פון משהס שוועסטער, מרים, און וואָס זאָגט:

אשירה לד׳	איך וועל זינגען צו גאָט,
כי גאה גאה	ווייל ער איז הויך דערהויבט.
סוס ורוכבו	דאָס פערד מיט זיין רייטער
רמה בים	האָט ער געשליידערט אין ים.

(שמות ט"ו.21)

דאָס ליד איז שפּעטער אויסגעברייטערט געוואָרן אין א גאַנצער פּאָעמע, וואָס ווערט צוגעשריבן משהן, און ווערט ביז היינט געזאָגט ביים דאַווענען: אז ישיר.

נאָך א קורצן וואַנדערן אין מדבר קומען די עברישע שבטים, געפירט פון משהן, צו די הייליקע בערג חורב, סיני. דאָרט ווערט אָפּגעריכט א פייערלעכער גאָט־דינסט, פון וועלכן די באַפרייטע שקלאַפן הערן ארויס די שטים פונעם גאָט פון זייערע אָבות, און וועמענס נאָמען משה האָט פעסטגעשטעלט די צען פונדאַמענטאַלע געזעצן (געבאָטן), לויט וועלכע די שבטים וועלן ריכטן זייער צוזאַמענלעבן אין דער צוקונפט. אייניקע פון די געזעצן זענען שוין געווען אָנגענומען ביי די ציוויליזירטע פעלקער פון די אוראַלטע צייטן: נישט גנבענען, נישט מאָרדן, נישט לעבן אויסגעלאַסן, נישט שווערן פאַלש. אין דער שפּעטערדיקער יידישער יוריספּרודענץ וועלן זיי באַצייכנט ווערן אַלס די מצוות פון די בני נח. אָבער פאַראַן אין די צען געבאָט גאָר נייע געזעצן, וואָס זענען באמת אַן אַנטפּלעקונג אין לעבן פון דער גאַנצער מענטש־הייט: דער וויכטיקסטער ביישטייער פון יידנטום צו דער מאָראַל און עטיק פון דער וועלט.

א

אנכי ד׳ אלקיך	איך בין ד׳ דיין גאָט,
אשר הוצאתיך	וואָס האָט דיך ארויסגעצויגן
מארץ מצרים	פון לאַנד מצרים
מבית עבדים	פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.

(שמות כ.2)

אזוי דערשיינט אין דער וועלט־געשיכטע דער גאָט פון ישראל אַלס באַפרייער, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע פון פאַרשקלאַפטע און פאַרפאָלגטע.

ב

לא יהיה לך	זאָלסט נישט האָבן
אלהים אחרים על פני	אַנדערע געטער חוץ מיר.

(שמות כ.3)

דער ריינער מאָנאָטעאיזם, דער גלויבן אין איינאונאיינציקן גאָט, איז אויס־שליסלעך: אָדער גאָט אָדער דער געץ, ביידע פאַראַמאַל קאָן מען נישט דינען.

ג.

לא תעשה לך	זאָלסט זיך נישט מאַכן
פסל וכל תמונה	קיין געשניץ און קיין געשטאַלט
אשר בשמים ממעל	פון וואָס אין הימל פון אויבן,
ואשר בארץ מתחת	אָדער וואָס אויף דער ערד אונטן,
ואשר במים מתחת לארץ	אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד.
לא תשתחוה להם	זאָלסט זיך נישט בוקן צו זיי
ולא תעבדם	און זאָלסט זיי נישט דינען.

(שמות כ.4)

די גאָטהייט, אַלס העכסטער אידעאַל, טאָר נישט מאַטעריאַליזירט ווערן, פאַר־געשטעלט ווערן אין אַ געשטאַלט אָדער פאָרעם; עס איז בלויז רוחניות.

ד

זכור את יום השבת לקדשו	געדענק דעם טאָג שבת אים הייליק האַלטן,
ששת ימים תעבד	זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן
ועשית כל מלאכתך	און טאָן אַלע דיינע מלאכות,
וביום השביעי שבת לד' אלקיך.	אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין גאָט.
לא תעשה כל מלאכה,	זאָלסט נישט טאָן קיין מלאכה
אתה ובנך ובתך,	דו, און דיין זון און דיין טאָכטער,
עבדך ואמתך ובהמתך	דיין קנעכט, דיין דינסט און דיין בהמה
וגרך אשר בשעריך	און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן.

(שמות כ׳ 8־10)

דאָס איז דאָס ערשטע סאָציאַלע געזעץ פון דער מענטשהייט. אָבליגאַטאָרישע רו פאַר אַלע לעבעדיקע וועזנס וואָס אַרבעטן: דער גרעסטער סאָציאַלער איינפיר, דער שבת, איז פאַרבליבן אַן אָפּצייכענונג פון יידישקייט, אַ צייכן צווישן ישראל און זיין גאָט. העכער טויזנט יאָר וועלן פאַראיבער ביז די ציוויליזירטע מענטשהייט וועט אָנהויבן לאַנגזאַם, זייער לאַנגזאַם, איינפירן אָט די שענסטע שאַפונג פון יידישקייט.

ה

כבד את אביך ואת אמך	האַלט אין כבוד דיין פאָטער און דיין מוטער.

(שמות כ.12)

די מוטער ווערט דערהויבן צו דער זעלבער מדרגה פון פאָטער. מאַן און פרוי האָבן גלייכן ווערט און גלייכע רעכטן, דערוויילע ביי זייערע קינדער; אַ התחלה פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אין אַלע הינזיכטן אין דער געזעלשאַפט.

ו

לא תחמד בית רעך,	זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס הויז,
לא תחמד אשת רעך	זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס ווייב,
ועבדו, ואמתו, ושורו וחמורו	נישט זיין קנעכט, דינסט, אָקס און אייזל
וכל אשר לרעך	אָדער וואָס נאָר עס איז דיין חברס.

(שמות כ.14)

אַ געבאָט פון העכסטער מאָראַלישער באַדייטונג, וואָס באַוואָרנט נישט נאָר דאָס וואָס באַלאַנגט צום חבר, נאָר אויך די גייסטיקע רואיקייט פון גלויביקן. די פאָלקס־פאַרזאַמלונג ביים באַרג סיני נעמט אָן די צען געבאָט מיטן אויסגעשריי נעשה ונשמע, מיר וועלן טאָן און אויספאָלגן.

די צען געבאָט זענען אויסגעקריצט געוואָרן אויף 2 שטיינער (לוחות), אַריינ־געלייגט געוואָרן אין אַ קאַסטן, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ארון־הברית, דער קאַסטן פון בונד, ווייל ער האָט סימוואָליזירט אַ טאָפּלטן בונד: מיטן גאָט פון די אָבות, ווי אויך צווישן די שבטים גופא, וואָס בילדן אַ שבטים־קאָנפעדעראַציע, וועלכע וועט דעראָבערן דאָס לאַנד כנען, וווּ די אבות האָבן געלעבט און זענען באַערדיקט, און וועלן מיט דער צייט אויסבילדן אַן איינהייטלעך פאָלק, די איינִיקייט פון וועלכן עס וועט נישט צעשטערט אפילו דאַן, ווען עס שפּאַלט זיך אויף צוויי מלוכות און אויך דאַן ווען עס ווערט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט.

אין אָנדענק פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג ביים באַרג סיני, אויף וועלכער עס זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן די צען געבאָט, ווערט ביז היינט געפייערט, זעקס טעג אין חודש סיון, דער יום־טוב שבועות: זמן מתן תורתנו.

* * *

די פיגור פון משה איז בלי ספק איינע פון די וווּנדערבאַרסטע געשטאַלטן פון דער וועלט־געשיכטע. אַ דערצויגענער אין קעניגלעכע פּאַלאַצן, דערנענטערט ער זיך דווקא צו זיינע פאַרשקלאַפטע שטאַם־ברידער, וועמענס גורל ער טיילט און פאַר וועמענס פרייהייט ער קעמפט, דער ערשטער קעמפער קעגן ווילקיר פון די מעכטיקע און פאַר פרייהייט פון די. וואָס אַרבעטן. מיט אומדערשעפּלעכן געדולד פירט ער די באַפרייטע שקלאַפן־מאַסע און פורעמט פון זיי לאַנגזאַם אַ פאָלק, גרייט צו אַ פריי לעבן. די געט־לעכע צען געבאָט, וואָס ער האָט געגעבן דעם פאָלק, זענען באַזעלט פון הויכע מענטש־לעכע אידעאַלן און וועלן אַרויסרופן אין יידישן לעבן די העכסטע מענטשלעכע אינס־פּיראַציע, די נבואה. משה ווערט מיט רעכט פאַררעכנט ווי דער „פאָטער פון די נביאים". אַ פירער, אַ געזעצגעבער, אַ נביא, אַ שעפער פון פעלקער און פון תורות, בלייבט ער ביי דעם אַלעמען העכסט באַשיידן. די תורה ווייסט צו פאַרצייכענען, אַז „והאיש משה ענִיו מאד", דער מאַן משה איז געווען זייער באַשיידן.

3טע לעקציע

צוריקוואַנדערונג קיין כנען

גייסטיק געשטאַרקט דורך די נייע געזעצן, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען באַזעלט פון טיפן גלויבן אין דעם גאָט פון די אבות, וואָס זיי ווילן פון דאַן אָן באַצייכענען מיטן נאָמען פון די פיר אותיות י. ה. ו. ה., וואָס באַדייט דער וואָס איז דאָ אומעטום און שטענדיק, לאָזן זיך אַוועק די שבטים פון דער עברים־קאָנפעדעראַציע וואַנדערן איבער די מדבריות אין דער ריכטונג צום לאַנד פון די אבות, דאָס לאַנד כנען, וואָס זיי באַטראַכטן ווי אַ לאַנד וואָס איז זיי פאַרשפּראָכן געוואָרן (דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד) דורך זייערע אבות: אברהם, יצחק און יעקב. פאַר די שבטים־פאַראייניקונג איז פון דעם בונד מיטן גאָט פון די מאַציעס, אַלס סימוואָל פון זייער פאַראייניקונג און פון דעם בונד מיטן גאָט פון די אור־עלטערן, ווערט געטראָגן דער ארון־הברית, וואָס זיי הויבן אָן צו באַטראַכטן מיט דער צייט פאַרן סימוואָל פון גאָט גופא. ווען דער ארון הברית פלעגט רירן פון זיין אָרט, פלעגט געזונגען ווערן אַ קריגס־ליד:

קומה ד׳ ויפוצו אויביך	שטיי אויף גאָט און זאָלן זיך צעשפּרייטן דיינע פיינט
וינוסו משנאיך מפניך.	און זאָלן אַנטלויפן דיינע שונאים פון פאַר דיר.

(במדבר י. 35)

און ווען דער ארון־הברית פלעגט זיך אָפּשטעלן אָדער צוריקקערן פון אַ שלאַכט, פלעגט געזונגען ווערן:

שובה ד׳	קער איין, אָ, גאָט,
רבבות אלפי ישראל.	די טויזנטער און צענטויזנטער פון ישראל.

(במדבר י. 36)

די דאָזיקע מזמורים ווערן ביז היינט געזונגען אין די שולן ביים אַרויסנעמען און צוריק אַריינשטעלן די ספר־תורה אין ארון קודש.

דער ארון הברית איז באַטראַכט געוואָרן בעיקר ווי דער סימוואָל פון ד׳ צבאות, דער גאָט פון די הערשאַפטן, דער איש מלחמה, צו וועלכן דאָס פאָלק פלעגט זיך ווענדן אין צייטן פון סכנה, אפילו דאַן, ווען אין רואיקע טעג האָט עס געדינט אויך צו די אָרטיקע געטער פון פרוכטבאַרקייט.

דער ארון הברית איז שטענדיק געווען באוואכט און באגלייט פון די בעסט־באוואפנטע קרעפטן פון דער שבטים־קאנפעדעראציע, דער אוואנגארד: החלוץ. דער דאזיקער טערמין, חלוץ, ווערט ביז היינט באנוצט אויף צו באצייכענען די וואס גייען פאראויס פון פאלק אויף נאכאמאל דעראבערן דאס לאנד פון די אבות.

וואנדערנדיק פון אאזיס צו אאזיס און די מדבריות צווישן מצרים און כנען, האט די יונגע שבטים־קאנפעדעראציע ארגאניזירט איר אינערלעכע פארוואלטונג. צו די נשיאים פון בית־אב (קלאן) און שבט זענען צוגעגעבן געווארן ריכטער, א ראט פון עלטסטע און א פאלקס־פארזאמלונג, וואס האט געהאט צו באשטימען אין די וויכטיקסטע אנגעלעגנהייטן. עס איז אויך ארגאניזירט געווארן א פרימיטיווע גאטעס־דינסט־פארן ארון־הברית, וואס איז באטראכט געווארן ווי דער זעבארער סימוואל פונעם גאט פון די אבות: ד׳ צבאות, איש מלחמה, דער גאט פון די חילות, א מאן פון מלחמה.

אויף זייערע וואנדערונגען איבערן מדבר זענען טאקע די שבטים אייניקע מאל באפאלן געווארן פון די נאמאדישע מדבר־שטאמען. צווישן זיי עמלק, וועלכער איז זיך צו גרוויזאם באגאנגען מיט די קריגס־געפאנגענע, וואס פלעגן צו אים אריינ־פאלן. די קריגער פון דער עברים־קאנפעדעראציע האבן דערפאלגרייך אפגעשלאגן אלע אנגריפן. אין די דאזיקע פרימיטיווע קריגס־אפעראציעס האט זיך אויסגעצייכנט דער יונגער העלד פון שבט אפרים, יהושע בן נון, וועלכער איז געווען דער צו משהן נאענטסטער מענטש. דער נאמען פון עמלק איז פארבליבן דער סימוואל פון בארבא־רישקייט און ריקזיכטלאזער אכזריות. דערפאר איז קעגן אים אויסגערופן געווארן א הייליקער קריג: „מלחמה לד׳ בעמלק מדור דור״, אייביקער קאמף פון גאט קעגן באר־באַרישקייט פארקערפערט אין עמלק.

צוקומענדיק נענטער צו די גרענעצן פון כנען, זענען אהין ארויסגעשיקט געווארן אויסשפירער (מרגלים), וועלכע זענען צוריקגעקומען און באריכטעט, אז דאס לאנד איז א גוטס, „פליסט מיט מילך און מיט האניק, אבער שטארק איז דאס פאלק וואס זיצט אין לאנד, און די שטעט זענען באפעסטיקט ביז גאר״. דער ערשטער אנגריף אויפן נגב האט זיך טאקע נישט איינגעגעבן, די כנענים האבן געשטעלט א שטארקן ווידערשטאנד. מען האט געמוזט זוכן אנדערע וועגן פאר דער אריינדרינגונג אין לאנד, ארומגייענדיק די לענדער פון די קרובישע פעלקער: אדום, מואב און עמון אין דרום פון דער לינקער זייט ירדן.

די שבטים זענען לסוף צוגעקומען צום צענטראלן טייל פון דער דאזיקער ירדן־זייט, וווּ די אמורים האבן מיט א שטיקל צייט צוריק געהאט געגרינדעט צוויי נישט גאר שטארקע מלוכות, וואס האבן צעטיילט צווישן די אויבנדערמאנטע פעלקער אויף דרום און די שטאם־פארוואנדטע ארמים אויף צפון. אט־א די צוויי מלוכות פון סיחון און עוג, האבן זיך די עברים געפונען בכח און בארעכטיקט איינצונעמען, א זאך וואס זיי

האָבן דערגרייכט אָן איבעריק גרויסע אָנשטרענגונגען, און אַזוי אַרום געשטעלט אַ פעסטן פוס אויפן באָדן פון דער לינקער זייט ירדן, אַ רייכע געגנט, צוגעפּאַסט פאַר פיצוכט, וואָס וועט דינען אַלס שטיצפּונקט פאַר איינעמען דאָס גאַנצע פאַרשפּראָכענע לאַנד. דער געגנט איז צוגעטיילט געוואָרן די שבטים ראובן, גד און דעם קלאַן גלעד פון שבט מנשה.

ביי די ברעגן פון ירדן, ווו מען האָט פון די בערג־שפּיצן געקאָנט זען דאָס לאַנד אויף דער רעכטער זייט פון טייך, כמעט ביזן מיטללענדישן ים, איז געשטאָרבן משה, דער באַפרייער און פירער פון די עברישע שבטים. ער איז געווען איינער פון די לעצטע דערוואַקסענע מענער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. פאַר דער צייט פון די וואַנדערונגען איבערן מדבר זענען די געוועזענע שקלאַפן אויסגעשטאָרבן, און עס איז אויפגעקומען אַ נייער דור, וואָס האָט פון קיין שקלאַפעריי נישט געוווּסט, אַ דור אַ פרייער, אַ שטאַרקער און מוטיקער, וואָס איז אונטער דער פירערשאַפט פון משהס יורש, יהושע בן נון, געשטאַנען גרייט אונטערצונעמען די דעראָבערונג פונעם לאַנד פון די אבות.

דער טויט פון די באַפרייטע שקלאַפן אויפן וועג צום פאַרשפּראָכענעם לאַנד, און פון זייער באַפרייער און פירער אויפן שוועל פון זעלבן, דינט ביז צום היינטיקן טאָג ווי אַן אומאויסשעפּבאַרע טעמע פאַר ליטעראַרישע שאַפונגען איבער שטרעבן און נישט דערגרייכן. קיינער ווייסט נישט ווו דער קבר פון משה געפינט זיך. אין דער תורה איז פאַרשריבן געוואָרן: „ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה”, קיינער ווייסט נישט זיין קבר ביז צו היינטיקן טאָג. די שפּעטערדיקע חכמים האָבן דערקלערט, אַז דאָס איז געווען צוליב דעם, אַז די עברים זאָלן נישט אַריינפאַלן אין געצנדינסט, פאַרגעטערנדיק דעם קבר פון זייער באַפרייער.

4 טע לעקציע

די דעראָבערונג פון כנען

(1190 ־ 1000 בערך פאַר ד. א. צ. ר.)

די דעראָבערונג פון דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, דאָס לאַנד פון די אָבות, כנען, און דאָס גרינדן דאָרט אַ שטאַרקע יידישע מלוכה, איז געווען אַ שווער־רער, קאָמפּליצירטער פּראָצעס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ משך פון אַ פּאָר הונ־דערט יאָר, זינט משה האָט איינגענומען ביי די אמורים דעם צענטראַלן טייל פון דער לינקער זייט ירדן, ביז דער צווייטער מלך פון די עברים, דוד, איז צוגעקומען צו די ברעגן פון מיטללענדישן ים, באַזיגנדיק די פּלישתים.

דאָס לאַנד איז דעראָבערט געוואָרן נישט פּאַראַמאַל און נישט נאָר דורך מלחמה, אייניקע טיילן זענען פאַרנומען געוואָרן מיט קריגס־שטורעם, אין אַנדערע האָבן זיך די עברישע שבטים אַריינבאַקומען אויף פרידלעכע וועגן, אַלס קאָלאָניסטן, און אפילו אַלס געדונגענע אַרבעטער. אין אייניקע טיילן האָבן די שבטים אויסגעראָטן די איינוווינער וואָס האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן, אין אַנדערע האָבן זיי בלויז אונ־טערגעיאָכט זיי, אין געוויסע געגנטן זענען גאָר די עברים געווען צייטווייליק אונטערגע־יאָכט און געצאָלט צינז צו די אָרטיקע הערשער, ביז זיי האָבן געקאָנט באַזיגן זיי און דעפיניטיוו דעראָבערן דאָס לאַנד.

אונטער דער פירערשאַפט פון יהושע בן נון קרייצן איבער די שבטים, אַרום יאָר 1180 דעם שטראָמיקן ירדן און הויבן אָן די דעראָבערונג פון אייגנטלעכן כנען. דאָס לאַנד איז דאַן געווען געדיכט באַפעלקערט און איז געשטאַנען אויף אַ גאַנץ הויכער שטופע פון ציוויליזאַציע, האָט געהאַט אַ פיין אַנטוויקלטע אַגריקולטור, בעיקר וויין־קולטור, אַ היפשע הויז־אינדוסטריע און אַ גאַנץ גוטע מיליטערישע אָרגאַניזירטקייט. דער פּאָליטישער רעזשים איז געווען באַזירט אויפן פּרינציפּ פון שטאָט־מלוכות. יעדע גרעסערע שטאָט מיט די דערפער אַרום איר האָט געבילדעט אַ באַזונדערע מלוכה, וואָס איז נישט געווען פולשטענדיק אומאָפּהענגיק, ווייל זיי זענען כמעט שטענדיק געווען אונטערגעוואָרפן איינער פון די צוויי גרויסע אימפּעריעס פון אַלטערטום, מצרים אויף דרום, אָדער בבל אויף צפון.ביידע האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערעס אין באַהערשן

די סטראַטעגישע און האַנדלס־וועגן, וואָס האָבן געפירט דורך כנען פון איין אימפּעריע אין דער צווייטער.

נאָך עטלעכע יאָר מלחמות געלינגט עס יהושען צו באַזיגן גאַנצע 31 שטעט־מלוכות און דאָס קוים אין א טייל פון לאַנד, דער טאָל פון ירדן, צענטראַלע בערג־קייט, איניקע געביטן פון צפון. אין דער צייט ווען יהושע בראש פון איין שבטים־גרופּע מיט אפרים בראש דעראָבערט טיילווייז די צענטראַלע און צפונדיקע געביטן פון לאַנד, דעראָבערט א צווייטע שבטים־גרופּע, מיטן שבט יהודה און זיין נשיא כלב בן יפנה בראש, די דרום־געביטן פון לאַנד מיט די הויפּט־שטעט חברון און באר שבע. אָבער ביידע גרופּן בלייבן צעטיילט דורך א שמאָלן לאַנד־פּאַס, אויף וועלכן עס לעבט דער קריגערישער שטאַם יבוס, וועלכער האָט זיין פעסטונג אין דער שטאָט ירושלים, וואָס ליגט אויף בערג, צו וועלכע עס איז זייער שווער צוצוקומען.

די געאָגראַפישע אייגנשאַפטן פון לאַנד, די בערג־קייטן, וואָס שניידן גם דורך אין אַלע ריכטונגען, דער ירדן, וואָס טיילט עס אויף צוויי, דער קלימאַט, וואָס איז אַזוי פאַרשידן פון געגנט צו געגנט, האָבן גורם געווען אַז דער בונד צווישן די שבטים פון דער קאָנפעדעראַציע זאָל אין כנען אָפּגעשוואַכט ווערן. יעדער שבט איז זיך געזעסן אין זיין ווינקל און זיך וויניק געקימערט וועגן דעם, וואָס עס פּאַסירט מיט די אַנדערע שבטים. די דאָזיקע צעשפּליטערונג פלעגן אויסנוצן די אַנדערע פעלקערשאַפטן, וואָס זענען פאַרבליבן אין לאַנד, אויף אָראַפּצוּוואַרפן פון צייט צו צייט דעם יאָך פון די עברים און צייטנווייז אפילו אונטערדריקן אָדער באַהערשן דעם אָדער יענעם שבט. אין אַזעלכע שווערע צייטן פלעגט דער געטראָפענער טייל פון פאָלק זיך ווענדן צו די אַנדערע שבטים נאָך הילף, אַן אימפּראָוויזירטער מיליטערישער כח אונטער דער פירערשאַפט פון א צייטווייליק באַשטימטן קריגס־פירער (שופט) פלעגט אָפּשלאָגן דעם אָנגריף, אָדער פאַרטרייבן די אונטערדריקער. די דאָזיקע צייטווייליקע קריגס־פירער פלעגן שוין אויך האָבן השפעה אויף די אַלגעמיינע ענינים אין צייטן פון שלום.

איינער אַזא קאָאַליציע האָט זיך איינגעגעבן נישט נאָר צו באַזיגן דעם אונ־טערדריקער, נאָר אויך דעראָבערן דעם וויכטיקסטן טייל פון לאַנד, דעם רייכן עמק יזרעאל, וואָס די עברים האָבן א צייט נישט געקענט איינגעמען, ווייל זייערע איינ־וווינער, האָבן געהאַט רייט־וועגענער אויף צו פירן קריג. א יאָר אכציק נאָך יהושען זענען די שבטים פון צפון אונטערדריקט געוואָרן פון דעם מלך פון חצור יבין און זיין קריגספירער סיסרא, וואָס האָבן פאַרמאָגט גאַנצע ניין הונדערט רייט־וועגענער. א יאָר צוואַנציק האָבן די שבטים געליטן דעם יאָך פון יבין, ביז דער באַגייסטערטער פאָלקס־דיכטערין, דבורה הנביאה, האָט זיך איינגעגעבן צו בילדן א שטאַרקע שבטים־קאָאַליציע אונטער דער פירערשאַפט פונעם קריגס־העלד ברק בן אבינועם פון שבט נפתלי. אין דער קאָאַליציע האָבן זיך באַטייליקט בלויז די פאַראינטערעסירטע שבטים: אפרים, בנימין, דער קלאַן מכיר פון שבט מנשה, זבולון, יששכר און נפתלי. די אַנדערע שבטים זענען געבליבן מן הצד.

א סטראַטעגישער צוג פון עברישן קריגס־פירער ברק, וואָס האָט אָנגעהויבן די קריגס־אָפּעראַציעס ווינטער־צייט, ווען די שטאַרקע רעגנס פאַרוואַנדלען דעם עמק אין א גערדיכטער בלאָטע, האָט נייטראַליזירט די ווירקזאַמקייט פון די רייט־וועגענער. די עברישע פוס־גייער האָבן זיך לייכטער געקאָנט ארויסקריגן און שנעלער באַוועגן זיך אין די בלאָטעס, ווי די שווערע רייט־וועגענער. דערצו איז דורך די רעגנס ארויס פון זיינע ברעגן דאָס שטענדיק נישט גאָר טיפע טייכל קישון, וואָס שניידט דורך דעם עמק. דאָס אַלצדינג, צוזאַמען מיט דער העלדישקייט פון די עברישע קעמפער, האָט געבראַכט א פולשטענדיקע מפּלה פאַרן מיליטער פון יבין. סיסרא איז אומגעקומען דורך די הענט פון א פרוי פון קלאַן קיני, וואָס האָט געהאַט א בונד מיט די עברים, יעל, און די עברים האָבן דעראָבערט דעם עמק יזרעאל, א געגנט פון גרויסער סטראַטעגישער און עקאָנאָמישער באַדייטונג. דער באַדייט פון דעם זיג איז געווען אזא, אַז די פאָלקס־פּאָעזיע האָט געשאַפן אַן עפּיש געזאַנג, וואָס שילדערט די פּאַסירונג. דאָס געזאַנג ווערט צוגעשריבן דבורהן גופא. מיר נעמען פון דעם ליד בלויז א פּאָר סטראָפן:

אז ירד שריד לאדירים עם
ד׳ ירד לי בגבורים

דענסטמאָל האָט א הייפעלע באַהערשט א שטאַרק פאָלק,
גאָט האָט מיך געמאַכט געוועלטיקן איבער די גבורים.

(שופטים ה. 13)

ווי שטענדיק, ווען דער נצחון איז גרויס און אומדערוואַרט, האָט מען אין אויסגאַנג פון דער שלאַכט געזען די האַנט פון גאָט. זינגט דער פּאָעט:

מן השמים נלחמו,
הכוכבים ממסילותם
נלחמו עם סיסרא,

פון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן,
די שטערן פון זייערע שטעגן
האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסרא.

(שופטים ה. 20)

אָבער דער פּראַקטישער חוש פון די פאָלקס־פּאָעטן לאָזט זיי נישט פאַרקוקן אויך די נאַטירלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן צוגעהאָלפן:

נחל קישון גרפם,
נחל קדומים, נחל קישון!
תדרכי נפשי עז!

טייכל קישון האָט זיי אָוועקגעפליצט,
טייכל אַלטער, טייכל קישון!
טרעט אויף מיט מאַכט; מיין זעל!

נישט אַלע צוזאַמענשטויסן האָבן זיך אזוי גלאָררייך געענדיקט, מערסטנטייל פלעגט עם געלינגען נאָר אָפּצושלאָגן און פאַרטרייבן די שונאים. אין ספר שופטים ווערט געבראַכט די פולע רשימה פון די העלדישע שופטים, וואָס האָבן פאַרטיידיקט דאָס דעראָבערטע לאַנד פון די אָנגרייפער. אזוי באַפרייט עתניאל בן קנז פון שבט יהודה פון די אָנפאַלן פון אדום. אהוד בן גרא, פון שבט בנימין, פון צייטווייליקן יאָך פון מואב, יפתח הגלעדי פון שבט מנשה שלאָגט אָפּ אַן אומבארעכטיקטע אינוואַזיע פון עמון. ירובעל בן יואש, פון קלאַן מכיר פון שבט מנשה, שלאָגט אָפּ די אָפטע אריינדרינגונגען פון די נאָמאַדן־שטאַמען מדין און עמלק און צעשלאָגט זיי אזוי, אַז זיי פאַרלירן דעם חשק צו קומען אין יידישן גבול. ער קריגט דערפאַר

דעם ביינאָמען גדעון: דער וואָס צעשמעטערט. שמגר בן ענת און שמשון בן מנוח (שמשון הגבור) האָבן מיט ווייניקער דערפאָלג פּאַרטיידיקט דאָס לאַנד פון די מיליטעריש שטאַרקע פלשתים, וואָס האָבן שוין געהאַט געווער פון בראָנז. ביי אייניקע שבטים קומט אויף דער געדאַנק צו באַשטימען אַ מלך, וואָס זאָל אָנגיין פּערמאַנענט מיט די ענינים פון דער פּאַרטיידיקונג. אַ פאָרשלאָג צו פּראָקלאַמירן אים אַלס מלך ווערט געמאַכט צו ירובעל — גדעונען, אָבער ער זאָגט זיך דערפון אָפּ: „נישט איך וועל קעניגן איבער אייך, נישט מיינס אַ קינד וועט קעניגן איבער אייך, גאָט זאָל זיין אייער קעניג". די מאָנאַרכיע איז נאָך אין יענע צייטן געווען שטאַרק אָפּגעפרעגט ביי די עברים, אָבער די פאַרזיכערונג פון גדעון אין נאָמען פון זיינע קינדער האָט זיך נישט איינגאַנצן באַרעכטיקט. דווקא זיינער אַ זון, אבימלך, מאַכט אַ פּרווו צו פּראָקלאַמירן זיך אַלס מלך. ער שטעלט זיך אפילו נישט אָפּ פאַר אויסהרגענען אַלע זיינע ברידער, עס זאָלן נישט זיין קיין פּרעטענדענטן אויפן נייעם טראָן. עס ראַטעוועט זיך בלויז דער קלענסטער ברודער יותם, וועמען עס ווערט צוגעשריבן אַ שיינע אַנטימאָנאַרכיסטישע פאַבל פון פאָלגנדיקן אינהאַלט:

אַמאָל זענען דיביימער געגאַנגען זאַלבן אויף זיך אַ מלך. האָבן זיי פאָרגעשלאָגן די קרוין דעם איילבירט, דעם ווינשטאָק און דעם פייגנבוים. אָבער קיינער פון זיי האָט נישט מסכים געווען אָפּצושטעלן זיין גוטע שאַפונג פון בוימל, וואָס לייכט און שפּייזט; פון וויין, וואָס דערפרייט הערצער און פון האָניק, וואָס פאַרזיסט דאָס לעבן, און „גיין זיך וויגן איבער די ביימער". דאַן האָבן זיך די ביימער געווענדט צום דאָרנבוים און ער האָט גראָד דעם פאָרשלאָג אָנגענומען און איז געוואָרן אַ מלך איבער זיי . . .

יותם האָט דערביי געווונטשן, אַז אויב די וואָס האָבן אבימלכן געקרוינט אַלס קעניג זענען זיך פיין באַגאַנגען מיט דער משפּחה פון ירובעל־גדעון, וואָס זיי האָבן געלאָזט אומברענגען, זאָלן זיי זיך פרייען מיט אבימלכן און ער מיט זיי; אין קעגנפאַל, זאָל אַרויסגיין אַ פייער פון אבימלכן און פאַרשרפהנען די, וואָס האָבן אים געקרוינט. דער ווונטש איז מקוים געוואָרן. נאָך דריי יאָר ברעכט אויס אַן אויפשטאַנד קעגן אבימלכן. ביים פּרווו צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פאַלט אבימלך טויט. דער ערשטער פּרווו אויפצושטעלן אַ מלוכה אין ישראל איז דורכגעפאַלן.

אָבער גאָר אין גיכן וועלן די עברישע שבטים זיין געצוווּנגען צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ מלוכה, בכדי אָפּצושלאָגן די אָנגריפן פון אַ זייער שטאַרקן שונא, די פלישתים.

5טע לעקציע

ציוויליזאַציע און קולטור־פּאָרשריט אין די צייטן פון די שופטים

פּאר די פּאר הונדערט יאָר וואָס די דעראָבערונגס־עפּאָכע האָט געדויערט, די גרעסערע העלפט פון וועלכער איז באקאנט אלס די עפּאָכע פון די שופטים, האָבן די עברישע שבטים דורכגעמאַכט אַ טיפע עקאָנאָמישע און מאָראַלישע מעטאמאָרפאָזע, ווען אפילו פּאָליטיש און מיליטעריש זענען זיי געבליבן כמעט אויף דעם זעלבן פּונקט וואָס ביי זייער אריינדרינגען אין כנען.

פון פּי־צוכט גייען די עברים שטופנווייז אריבער צו ערד־ארבעט. זיי נעמען איבער ביי די איינגעזעסענע, צוזאַמען מיט זייערע מעטאָדן פון אגריקולטור, אויך זייערע ימים־טובים, וואָס זענען פארבונדן מיט ערד־ארבעט: פּארזיי, שניט און אראָפּנעמען די ערשטע פרוכטן פון טרויבן און פרוכט. מנהגים און זיטן, גלויבנס און אבערגלויבנס, אלץ נעמען איבער די פון מדבר געקומענע עברים, אָבער זיי ארבעטן עס אזוי איבער, זיי פּאסן עס אזוי צו צו זייער אייגנאַרט און גייסטיקן מהות, אז זיי ווערן פּארענדערט נישט צום דערקענען. די אויסגעלאַסענע וואַקכאַנאַליעס פון די כנענים אין שייכות מיטן טרויבן־שניט ווערן ביי די עברים פּאַרוואַנדלט אין פריידיקע טעג פון טענץ אין די וויינגערטנער. פּופצן טעג אין חודש אב (ט"ו), ווען דער טרויבן־שניט הויבט זיך אָן, און דעם צענטן טאָג פון חודש תשרי, ווען דער טרויבן־שניט איז שוין כמעט פּארענדיקט, פלעגן עברישע מיידלעך ארויסגיין טאַנצן אין די וויינגערטנער, וווהין עס פלעגן אויך קומען די בחורים. די יונגע מענטשן פלעגן זינגען לידער פון אַזאַ צניעותדיקער עראָטיק און חתונה־לידער פון אַזאַ דערהויבענער פיינקייט, אז זיי זענען שפּעטער אריין אין זאַמלבוך פון שיר־השירים, דאָס געזאַנג פון אלע געזאַנגען. דאָס וואָס דער צענטער טאָג אין תשרי איז אויך געוואָרן יום־כפּור, האָט נישט געשטערט, אַז די טענץ אין די וויינגערטנער זאָלן דורכגעפירט ווערן, אַזוי געלייטערט זענען זיי געוועזן. די אנדערע ערד־ימים־טובים ווערן געלייטערט דורך דער גייסטיקייט פון די מדבר־מענטשן, וואָס האָבן שוין ביי זייער אָנקומען אין לאַנד געבראַכט מיט זיך שטאַרקע גייסטיקע נייגונגען. דער יום־טוב פון פרילינג און פון ערשטן שניט ווערט צוזאַמענגעשמאָלצן מיטן יום־טוב פון באפרייאונג. דער יום־טוב פון שניט פון ווייץ, און ערשטע פרוכטן מיטן יום־טוב פון מתן תורה, און דער יום־טוב פון פּאַרענדיקן די אַגריקולטור־אַרבעטן מיטן יום־טוב סכות, וואָס האָט פון קדמונים געהייסן חג ד'.

אין די צייטן פון די שופטים הויבן אויך אָן אָנגעווענדט צו ווערן די ערשטע געזעצן, וועלכע זענען צוזאַמענגענומען אין ספר הברית, וואָס רופט זיך אַזוי דערפאַר, ווייל ער איז אָנגענומען געוואָרן אין אַלע שבטים און האָט געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם בונד צווישן זיי, ווי אויך דעם בונד פון דער קאָנפעדעראַציע מיטן גאָט פון די אבות, דעם קוואַל פון גערעכטיקייט. דער דאָזיקער געזעצן־קאָדעקס, וואָס ווערט צוגעשריבן משהן, אַנטהאַלט א רייע אייגנאַרטיקע פּרינציפּן נישט נאָר פון מדת הדין, נאָר אויך פון מדת הרחמים. עס ווערט אָפּגעשאַפט דער באַרבאַרישער מנהג פון בלוט־נקמה. די גערעכטיקייט דאַרף פריער פעסטשטעלן, צי עס איז דאָ אַן אָרט פאַר טויט־שטראָף, וואָס ווערט אָנגעווענדט נאָר אין פאָלגנדיקע פאַלן: פאַר טויטן א מענטשן בכיוון, פאַר שעלטן אָדער שלאָגן טאַטע־מאַמע, פאַר גנבענען א מענטש און פאַרקויפן אים פאַר א קנעכט, פאַר ברויכן כשוף, פאַר סאָדאָמיע. אויב ווער האָט געטויט א מענטשן אומגערן, קומט אים ניט קיין טויטשטראָף. ער קאָן זיך אויסבאַהאַלטן פון די פריינט די נקמה־נעמער (גואלי הדם) אין ספּעציעל דערצו באַשטימטע שטעט, וואָס מען האָט גערופן ערי מקלט (אַזיל־שטעט).

עס ווערט אויך אָפּגעשאַפט די גרויזאַמע נקמה פאַר וווּנדן, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אַן אוראַלטן ליד: „איך הרגע א מאַן פאַר מיין ווונד, און א ייִנגל פאַר מיין בייל, זיבנפאַך ווערט גענומען נקמה אין שטאַם פון קין און זיבן און זיבעציק מאָל אין שטאַם למך". דאָס נייע געזעץ שטעלט פעסט דעם פּרינציפּ פון מדה כנגד מדה: אַן אויג פאַר אַן אויג, א צאָן פאַר א צאָן, אָבער נישט מער פון דעם. שפּעטער ווערט פאַר יעדער ווונד פעסטגעשטעלט ווערן א געוויסע געלט־פאַרגיטיקונג. אָבער טאָר מער האַקט אַרויס א האַר אַן אויג אָדער א צאָן פון זיין קנעכט אָדער שקלאַפן (נישט־עברישע) מוז ער זיי פריילאָזן פאַרן אויג אָדער צאָן. פאַר גניבה קאָן מען מער נישט מוטילירן, אָפּשניידן א האַנט אָדער ביידע, ווי עס האָט זיך געפירט ביי אַנדערע פעלקער, נאָר דער גנב דאַרף באַצאָלן טאָפּלט, פירפאַך, לויט די פאַלן. אויב ער פאַרמאָגט נישט צו באַצאָלן, דאַרף ער פאַרקויפט ווערן אויף צו קענען באַצאָלן דעם באַטרעף מיטן קנס, אָבער אַן עברי טאָר נישט פאַרקויפט ווערן אויף מער פון זעקס יאָר, אויפן זיבעטן יאָר מוז ער באַפרייט ווערן.

נישט נאָר מדת הדין איז פאַראַן אין ספר הברית, פאַראַן אויך מדת הרחמים. מען טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט, מען טאָר נישט זיין צודרינגלעך ביים מאָנען א חוב אָדער נעמען א משכון. מען טאָר נישט זען ווי אַן אייזל, זאָל אפילו זיין פון א פיינט, פאַלט אונטער דער משא און אָפּהאַלטן זיך פון אַרויסהעלפן; מען מוז אים העלפן. באַגעגנט מען אַן אָקס אָדער אַן אייזל, פון א שונא אפילו, בלאָנדזשען, דאַרף מען אים אומקערן צו זיין אָרט. א פרעמדן טאָר מען נישט נאַרן און נישט דריקן, ווייל „איר זענט אַליין פרעמדע געווען אין לאַנד מצרים". מען דאַרף רחמנות האָבן אויף בעלי חיים, א ניי־געבוירן בהמהלע דאַרף פאַרבלייבן מינדסטנס א וואָך מיט דער מוטער איידער עס קאָן געבראַכט ווערן פאַר א קרבן. מער טאָר נישט קאָכן קיין ציגעלע

אין דער מילך פון דער מוטער. מען טאָר אויך נישט ארויסנעמען פון אַ נעסט די פויגל־מוטער מיט די פייגעלעך צוזאַמען.

דער ספר הברית שטעלט אויך פעסט די גרעסטע דריי יום־טובים פון יאָר (רגלים): פסח, שבועות און סכות, ווען די זכרים דאַרפן קומען ווייזן זיך אין גאָטס הויז (עולה לרגל זיין).

די עברישע שבטים האָבן אַ גאָר לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן זייער שטאַמען־אָרגאַניזאַציע, זיי האָבן נישט איבערגענומען ביי די אָרטיקע פעלקער דעם סיסטעם פון שטאָט־מלוכות, ווי אויך נישט איבערגענומען זייער מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, נישט די באַוואָפענונג; די רייטוועגענער פלעגן זיי גאָר פאַרברענען. גענויגט צו פרידן און צו אַרבעט, האָבן די עברישע שבטים, ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט די דעראָבערונג פון זייערע געגנטן, נישט געטראַכט וועגן ווייטערדיקער עקספּאַנסיע, נאָר גענומען זיך צו באַאַרבעטן זייער פרוכטבאַרן באָדן, ווי עס ווערט געזונגען אין אַן אַלט ליד וועגן שבט אשר.

וירא מנוחה כי טוב,	און ער האָט געזען די רו אַז זי איז גוט
ואת הארץ כי נעמה,	און דאָס לאַנד אַז עס איז ליב.
ויט שכמו לסבול	האָט ער געבויגן זיין רוקן צו טראָגן
ויהי למס עובד	און איז (אפילו) אַ צינז־קנעכט געוואָרן.
	(בראשית מ״ט 15.)

די השפעה פון די כנענים און פון די נייע לעבנס־באַדינגונגען האָט זיך אויך אויסגעדריקט אויפן געביט פון רעליגיע. פאַרבונדן מיט מוטער־ערד, פון וועלכער זיי האָבן אָנגעהויבן אַ זאַטע חיונה צו ציען, זייענדיק אָפּהענגיק מיט זייער וווילשטאַנד פון דעם צוּוווּקס פון זייערע סטאַדעס, האָבן די עברים ביסלעכווייז אָנגעהויבן דינען צו די אָרטיקע געטער: דעם בעל, וואָס מאַכט פּראָדוצירן די פעלדער, און זיין ווייב די עשתורת, וואָס באַפרוכפּערט די סטאַדעס. געוויס האָבן זיי נישט פאַרלאָזט דעם גאָט פון זייערע אבות, וואָס האָט זיי ארויסגעפירט פון מצרים „פון הויז פון קנעכט־שאַפט", אָבער יענע פּאַסירונג איז געוואָרן אַלץ מער און מער פאַרגאַנגענהייט און די באַדערפעניש פון יעדן טאָג האָבן גראָד גענויגט צו רופן צו די לאָקאַלע געטער. אוודאי איז אין שילה געשטאַנען דער ארון הברית און דאָרטן פלעגן רעגלמעסיק אָפּגעריכט ווערן די גרויסע ימים־טובים פון יאָר, דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז אין די אָרטיקע הייליקטומס זאָל מען, חוץ צום גאָט פון די אבות, אויך דינען צו לאָקאַלע אָפּגעטער.

נאָר אין צייט פון נאַציאָנאַלער סכנה, ווען מען האָט געדאַרפט ארויסטרעטן קעגן פיינד, פלעגט מען זיך אַ קער טאָן צום גאָט פון די אבות, וואָס איז דאָך געווען ד' איש מלחמה — אַ גאָט פון קריג. אין פאַל פון מלחמה פלעגט מען מיט אייפער רופן זיין הילף. אַזאַ צייט קומט צום סוף פון דער שופטים־עפּאָכע, ווען דער עצם קיום פון די עברים־שבטים ווערט באַדראָט פון די מעכטיקע און קריגערישע פּלישתים.

6 טע לעקציע

דער לעצטער שופט, שמואל; גרינדונג פון דער מלוכה

(1050 ־ 1030 פאר ד. א. צ. ר.)

ארום יאר 1050 פאר ד. א. צ. ר. האט דעם עצם קיום פון די עברישע שבטים געדראט אן ערנסטע סכנה מצד דעם קריגעריש געשטימטן און מיליטעריש געאיבטן פרעמדשטאמיקן פאלק פלשתים.

די פלשתים זענען געקומען קיין כנען כמעט איינצייטיק מיט די עברים. פון דעם נישט ווייט ליגנדיקן אינדזל אויפן מיטללענדישן ים, קרעטא (כרתים), ווו זיי האבן אויפגעשטעלט א באדייטנדיקע קולטור און פון וואנען זיי האבן געמוזט אפטרעטן ארום יאר 1200 צוליב דער אינוואזיע פון די דאן נאך באַרבארישע גריכישע שטאמען. די פלשתים זענען שוין געהאט אריין אין דער בראנז־עפאכע, בעת די עברים זענען נאך נישט אינגאנצן געהאט ארויס פון דער נײַ־שטיין עפאכע. די פלשתים האבן געהאט גוט געוועיר סיי צו אנגרייפן, סיי צו פארטיידיקן זיך. בראנזענע שווערדן און שפיזן, קיווערס און פאנצערס, ווי אויך פייל־און־בויגן. די וואג פון דער פולער באוואפענונג איז געווען אזא, אז די וויכטיקע קריגער פלעגן מוזן האבן א וואפנטרעגער, וואס זאל זיי נאכטראגן און דערלאנגען דאס נויטיקע געוועיר אין שלאכט. די עברים האבן פון דעם אלעמען כמעט נישט געוווסט. זייער אנגריף־געוועיר איז באשטאנען פון הילצערנע שפיזן מיט שפיצן פון שטיין אדער בראנז, קיין פייל און בויגן האבן זיי נאך נישט געהאט. אבער „זיי האבן געקאנט ווארפן א שטיין אין א האר און נישט פארפעלן". זייערע פאנצערס זענען געווען פון פעל און בכדי די פײַלן זאלן זיך אראפגליטשן, פלעגט מען זיי באשמירן מיט בוימל.

די פלשתים האבן פארכאפט דעם דרומדיקן טייל פון ים־ברעג, די אומגעגנט פון די איצטיקע שטעט עזה און אשקלון, און האבן זיך דארט באפעסטיקט אין פינף מיליטערישע פירשטנטומס; בראש פון יעדער איז געשטאנען א סרן (טיראן?) און זיי אלע זענען געווען פאראייניקט אין א מיליטערישן פארבאנד.די פלשתים האבן אונטערי‌אכט די ארומיקע שטאמען, געצוואונגען זיי צו ארבעטן פאר זייערטוועגן און אליין האבן זיי זיך אפגעגעבן בלויז מיט קריגס־פירונג.

די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע לאַגע האָט זיי צוגעשפּילט. אין 1090 פֿאַלט די מצרישע אימפּעריע, וואָס האָט פּרעטענדירט צו זיין די אויבערמאַכט פֿון כנען, פֿון 1107 איז אויך בבל פֿאַרנומען אין אַ שאַרפֿן קריג מיט אשור, אַזוי אַז דאָס צווישנלאַנד כנען איז געבליבן פֿריי פֿאַר פֿרעמדער דעראָבערונג.

שוין אין צוועלפֿן יאָרהונדערט האָבן די עברים געהאַט צו פֿירן אַן אָפּוועהר-קאַמף קעגן די פּלשתים, און וועלכן עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די שופֿטים שמגר און שמשון. אָבער אַפֿילו די אויסטערלישע גבורות פֿון שמשון הגבור זענען געווען אוממעכטיק קעגן דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פֿון די פּלשתים. דער שבט דן, צו וועלכן שמשון האָט געהערט, האָט סוף כל סוף געמוזט עוקר זיין פֿון דער שכנהשאַפֿט מיט די פּלשתים און זיך אריבערטראָגן אין צפֿון פֿון לאַנד, אין געגנט פֿון דער חולה-אָזיערע, ווו די שטאָט דן איז געוואָרן דער לעצטער וויכטיקער פּונקט פֿון די עברים אויף צפֿון, בעת באר שבע איז עס געווען אויף דרום (מדן עד באר שבע). די פּלשתים האָבן אויך אונטעריאָכט דעם שטאַרקן און קריגערישן שבט יהודה, וואָס האָט זיי געצאָלט צינז.

ארום יאָר 1050 פֿאַר ד. א. צ. ר. האָבן די פּלשתים אונטערגענומען אַ נייעם דעראָבערונגס-צוג אין צענטער פֿון לאַנד מיטן צוועק צוצוקומען צום עמק יזרעאל און באַהערשן די אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס-וועגן, וואָס האָבן אים דורכגעשניטן. אַ שוואַכע, אויף דער גיך צוזאַמענגעשטעלטע, קאָאַליציע פֿון עברישע שבטים, איז אַרויסגעטראָטן זיי איבערצושניידן דעם וועג. ביידע מחנות האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן ביי אפֿק, און די עברים האָבן געליטן אַ מפּלה. די זקנים פֿון פֿאָלק האָבן דאַן פֿאַרטראַכט צו ברענגען פֿון שילה אויפֿן שלאַכטפֿעלד דעם ארון-הברית, דעם סימוואָל פֿון גאָט פֿון די אבות, דעם איש מלחמה. אָבער אויך אָט דאָס מיטל האָט נישט געהאָלפֿן. די עברים זענען נאָכאַמאָל צעשלאָגן געוואָרן, די כהנים חפני און פּנחס, וואָס האָבן באַגלייט דעם ארון הברית זענען געפֿאַלן אין שלאַכט, דער ארון אַליין איז גענומען געוואָרן געפֿאַנגען. ווען די פֿינצטערע בשורה האָט דערגרייכט שילה, האָט עס דער אַלטער כהן עלי נישט אויסגעהאַלטן און איז געשטאָרבן פֿון צער. שילה איז צעשטערט געוואָרן פֿון די פּלשתים. די לאַגע האָט געשיינט צו זיין ממש קאַטאַסטראָפֿאַל.

אין יענע שווערע צייטן איז אויפֿגעשטאַנען דער ריכטיקער מאַן, וואָס האָט באַוויזן אַרויסצופֿירן די עברים פֿון דער פֿאַרווירונג, אין וועלכער זיי זענען אַריינגעפֿאַלן נאָך דער שרעקלעכער מפּלה. דער מאַן איז געווען שמואל בן אלקנה, פֿון רמתיים-צופֿים, אין הר אפֿרים. דערצויגן אין מקדש פֿון שילה, האָט ער וויניק געהאַלטן פֿון דער טוגנט פֿון די דאָרטיקע כהנים און די צעשטערונג פֿון דאָרטיקן הייליקטום האָט פֿאַר אים נישט באַדייט, אַז דער גאָט פֿון ישראל איז באַזיגט געוואָרן פֿון די פּלשתים. ער האָט פֿיל טיפֿער פֿאַרשטאַנען דעם עניין פֿון דינען גאָט, און די קרבנות האָבן שוין ביי אים נישט געהאַט די וויכטיקייט וואָס דאָס פֿאָלק האָט זיי צוגעשריבן. שמואל איז געווען דער ערשטער נביא, וואָס האָט געלערנט:

החפץ לד' בעלות וזבחים
כשמוע בקול ד'?
הנה שמוע מזבח טוב,
להקשיב — מחלב אילים.

באגערט דען גאָט בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער
ווי צוהערן דאָס קול פון גאָט?
זע, צוהערן איז בעסער פון בראַנדאָפּפער,
געהאָרכן (איז מער) פון פעטס פון ווידערס.
(שמואל א ט"ו 22)

מען קאָן, אַלזאָ, דינען גאָט אויך אָן אַ מקדש און אָן קרבנות.

שמואל שטאַרקט דעם גייסט פון פאָלק. ער אָרגאַניזירט אַ באַזונדערע ברו־דערשאַפט, די בני הנביאים, וואָס פלעגן ארומגיין איבערן לאַנד פון ישוב צו ישוב, זינגען די לידער פון דער גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, ווי „אז ישיר", דאָס געזאַנג פון דבורה, א. אַ. וו., דערציילן דעם פאָלק די גרויסע וואונדער, וואָס גאָט האָט אַמאָל געטאָן מיט די עברים. וועקן דעם אַמאָליקן קריגערישן גייסט און דעם גלויבן און בטחון אין גאָטס הילף. ווען די עברים גייען אַ צווייט מאָל ארויס קעגן די פּלשתים, ליידן די לעצטע אַ מפּלה אין אבן העזר. זייער אַריינדרינגען אין די ווייטערע טיילן פון לאַנד ווערט פאַרהאַלטן, הגם זייערע נציבים (גובערנאַטאָרס) בלייבן זיצן אין אַ טייל שבטים.

ווען שמואל ווערט אַלט, פאַרזאַמלען זיך די עלטסטע פון די שבטים און בעטן אים צו באַשטימען פאַרן פאָלק אַ מלך, וואָס זאָל משפּטן דאָס פאָלק, „אַרויסגיין אונדז פאַראויס און פירן אונדזערע מלחמות". דער דרוק פון די פּלשתים צווינגט די עברישע שבטים אָנצונעמען די מאָנאַרכיסטישע רעגירונגס־פאָרם, פון וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעהיט אַ פּאָר הונדערט יאָר.

שמואל וויל זיך קעגנשטעלן דעם פאַרלאַנג פון פאָלק. ער פּרוּווט זיי אָפּרעדן און מאָלט אין שוואַרצע פאַרבן די שלעכטע זייטן פון אַ מאָנאַרכיע: הויכע צינזן, פּערזענלעכע דינסט־פּליכט א. אַ. וו., אָבער אינגיכן טרעפט עפּעס אזוינס, וואָס באַ־וועגט שמואלן נאָכצוגעבן די פאָדערונג פון די עלטסטע. אויסנוצנדיק די שוואַכע לאַגע פון די עברים אויף דער רעכטער זייט ירדן, באַפאַלט נחש, דער מלך פון עמון, די שטאָט יבש־גלעד אויף דער לינקער זייט ירדן. ווען די עברים פון דער שטאָט זענען גרייט צו אָנערקענען זיין אויבערהערשאַפט, שטעלט ער אַ תנאי: ער זאָל יעדן פון זיי אַרויסנעמען אַן אויג „און דאָס מאַכן פאַר אַ שאַנד אויף גאַנץ ישראל". די איינ־וווינער פון יבש גלעד געלינגט עס צו וויסן טאָן אויף דער צווייטער זייט ירדן, און ווען איינער פון דער בני־הנביאים־ברודערשאַפט, דער פּויערן־זון פון גבעה, שאול בן קיש, דערוויסט זיך פון דעם פאַל, און אַז דאַ שטייט אין קאָן דער כבוד פון אַלע עברישע שבטים, פאַרשטענדיקט ער זיך שנעל מיט שמואלן, זאַמלט צונויף אין גאַייל אַן אימפּראָוויזירטע מחנה קריגער, גייט האַסטיק אַריבער דעם ירדן, באַפאַלט אומ־געריכט די עמונים און צווינגט זיי אָראָפּצונעמען די באַלאַגערונג פון יבש גלעד. שמואל זעט דאַן איין, אַז עס איז נויטיק אַ מאַן, וואָס זאָל זיך ווידמען דער פאַרטיידיקונג פון פאָלק און לאַנד צו יעדער צייט, און איז מסכים צו באַשטימען אַ מלך. סיי שמואל, סיי דאָס פאָלק געפינען אין שאולן דעם פּאַסיקן קאַנדידאַט אויפן ניי־געשאַפענעם מראָן און ער ווערט פייערלעך געקרוינט אין גלגל, ווו עס איז געשטאַנען אַן אַלט

היילִיקטום און אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון דעם ווי אַזוי די עברים זענען אריבער־געגאַנגען דעם ירדן אונטער יהושע.

אין תנ"ך איז פאַרצייכנט די רעדע, וואָס שמואל האָט געהאַלטן נאָך דער קרוינונג פון נייעם מלך, וואָס איז אַ מין דין וחשבון פון זיין טעטיקייט אַלס שופט. אַזוי האָט געזאָגט שמואל:

„איך האָב צוגעהערט צו אייער קול און אַלץ וואָס איר האָט צו מיר געזאָגט און איך האָב געמאַכט איבער אייך אַ מלך. און אַצינד אָט גייט דער מלך פאַר אייך; איך אָבער בין אַלט און גרא, און איך בין געגאַנגען פאַר אייך פון מיין יוגנט ביז היינטיקן טאָג. דאָ בין איך: זאָגט עדות אַקעגן מיר פאַר גאָט און זיין געזאַלבטן. וועמעס אָקס האָב איך צוגענומען? און וועמעס אייזל האָב איך צוגע־נומען? און וועמען האָב איך בארויבט? וועמען האָב איך געדריקט? אָדער פון וועמענס האַנט האָב איך גענומען אויסלייז, אַז איך זאָל פאַרהוילן מיינע אויגן פון אים? און איך וועלן אייך אומקערן.

האָבן זיי געזאָגט: „דו האָסט אונדז נישט בארויבט און האָסט אונדז נישט געדריקט און האָסט פון קיינעמס האַנט גאָרנישט גענומען".

האָט ער צו זיי געזאָגט: „עדות איז גאָט קעגן אייך און עדות איז זיין גע־זאַלבטער היינטיקן טאָג, אַז איר האָט אין מיין האַנט גאָרנישט געפונען". האָבן זיי געזאָגט: „עדות!"

(שמואל א׳ י״ב 1־5)

אַזוי האָט פאַרלאָזט זיין הויכן אַמט דער מערקווירדיקער מאַן, וואָס האָט געראַטעוועט די עברישע שבטים פון אַ שווערן פּאָליטישן און מאָראַלישן קריזיס; דער מאַן וועמען די פאָלקס דאַנקבאַרקייט פאַרגלייכט מיט משה און אהרן.

שמואל וועט נאָך אַ צייט באַווירקן די פּאָליטיק פון דער עברים־מלוכה, וועט אַפילו קומען צוליב דעם אין אַ קאָנפליקט מיט שאולן, אָבער די תקופה פון די שופטים און פון דער שבטים־קאָנפעדעראַציע איז מיט אים דעפיניטיוו אָפגעשלאָסן. עס הויבט זיך אָן די תקופה פון דער מלוכה, דער פאַרשטאַטלעכער פעריאָד איז פאַרענדיקט.

רשימה פון די שופטים

דעראָבערער	פאַרטיידיקער	סתם פירער
יהושע בן נון	עתניאל בן קנז	אבימלך בן ירובעל
כלב בן יפונה	אהוד בן גרא	תולע בן פואה
דבורה אשת לפידות	ירובעל בן יואש (גדעון)	יאיר הגלעדי
ברק בן אבינועם	יפתח הגלעדי	אבצן מבית לחם
	שמגר בן ענת	אלון הזבולוני
	שמשון בן מנות	עבדון בן הלל
	שמואל בן אלקנה	עלי הכהן

7טע לעקציע

שאול, דער ערשטער עברישער מלך

(1030 ־ 1010 פאַר ד. א. צ. ר.)

שאול, דער ערשטער מלך פון די עברים, איז איינער פון די סימפּאַטישסטע, אָבער אויך טראַגישסטע פיגורן, אפשר פון דער גאַנצער וועלט־געשיכטע. א באַשיידענער פויערים־זון, איז ער הויך־געוואַקסיק און פעסט געבויט: „מיט א קאָפּ העכער פון גאַנצן פאָלק". ענערגיש און העלדיש, גוטמוטיק און ווייכהאַרציק, איז ער פאָרט נישט געקנאָטן פון דעם טייג, פון וועלכן דינאַסטיע־גרינדער ווערן געשאַפן, עס פעלט אים דער שטאַרקער פּאָליטישער חוש. ער איז אויך נישט גענוג אַמביציעז און צופיל נאָכגיביק, און דאָס איז געווען זיין טראַגעדיע.

די גאַנצע צייט פון זיין קעניגן, אַרום צוואַנציק יאָר, איז ער באַהערשט פון צוויי פיגורן, וואָס זענען שטאַרקער פון אים. אין די ערשטע יאָרן, שמואל, וואָס האָט אים די קרוין געגעבן, אין די שפּעטערע יאָרן דער צוקונפטיקער גרויסער מלך, דוד, וואָס וועט פון אים די קרוין ירשענען און גרינדן א נייע דויערהאַפטע דינאַסטיע. אָט צווישן די צוויי שטאַרקע היסטאָרישע כאַראַקטערן וועט צעמאָלן ווערן דער שוואַכערער כאַראַקטער פון שאול בן קיש, דעם ערשטן מלך פון די עברים.

ווען שאול האָט געדאַרפט אָנהויבן זיין רעגירונג, איז די לאַגע פון פאָלק אין דער פרישער מלוכה געווען זייער אַן ערנסטע. איבער א גרויסן טייל פון די שבטים האָבן געהערשט די פלשתים, וועלכע האָבן זיך באַוואָרנט קעגן יעדן מעגלעכן ווידערשטאַנד דורך דעם פאַרבאָט אַז די עברים זאָלן מעגן האָבן אין זייערע געגנטן שמידן, ווייל „טאָמער וועלן זיי מאַכן שווערדן און שפּיזן". דער תנ"ך וויסט צו דערציילן, אַז זוכנדיק שווערדן פון בראָנז, האָט מען איבערן גאַנצן לאַנד געפונען בלויז צוויי. איינע האָט באַקומען דער ערשט געקרוינטער מלך, די צווייטע, זיין עלטסטער זון יונתן.

דער חילוק אין דער באַוואָפענונג צווישן די עברים און פלשתים קומט אַרויס בולט קלאָר אין דער דערציילונג וועגן דעם קאַמף צווישן דעם עברי דוד און דעם פלשתי גלית, וואָס זענען אמתע סימוואָלן פון זייערע באַטרעפנדיקע פעלקער.

גלית איז א ריזיקער, גוט־געשולטער קריגער, באוואפנט און באפאנצערט אין בראנז פון קאפ ביז פיס: א קיווער, א פאנצער, פוס־בלעכן, א שווערד, א לאנגע און א קורצע שפיז.

דוד איז א יונגער פאסטוך־יונג, וואס קאן בלויז גוט שטיינער שלײדערן. ער האט נישט קיין שום באוואפענונג, וואס זאל אים שיצן, ער האט נישט קיין שווערד מיט וואס צו טויטן. ווען אים געלינגט מיט א געשיקטן שלײדער פון א שפיציקן שטיין צוווארפן גליתן פון די פיס, מוז ער שנעל ארויסציען פון איר שייד די שווערד פון זיין שונא און אים טויטן מיט זיין אייגן געווער. די גבורה פון דוד און פון די עברישע שבטים, וואס ער סימבאליזירט, איז זיין מאראלישער כח: אמונה און בטחון, געווער וואס איז פארבליבן אויף אייביק יידיש. דער קאמף צווישן דוד און גלית איז פאר־בליבן ביי דער גאנצער וועלט ווי א סימבאל פון אומגלייכן קאמף צווישן יונגע, אנט־וואפנטע און נישט געשולטע פארטיידיקער, קעגן מעכטיקע, באוואפנטע און געשולטע אנפאלער.

און אט פון די רואיקע שבטים פון פאסטוכער און פויערים, וואס האבן פיינט מלחמה און לעבן נאך שלום, דארף עס שאול אויסבילדן אן אומה, וואס זאל זיין בכח זיך מיליטעריש צו פארטיידיקן. ער הויבט אן פון ארגאניזירן א פערמאנענטן פארטיידיקונגס־כח פון דריי טויזנט מענטשן. צוויי טויזנט זענען אונטער זיין דירעקטן באפעל און מיט טויזנט פירט אן זיין זון יהונתן, דער טראנפאלגער, וועלכן מען דארף דאך צולערנען דאס שווערע פאך פון מלוכה און מלחמה. שאול איז א ווירקלעכער חלוץ אויפן מלוכה־טראן.

שאול האט געהאט נויטיק צייט בכדי צו קאנען לאנגזאם און אין געהיים, אונטער דעם וואכזאמען אויג פון די פלשתישע גובערנאטארן, ארגאניזירן און באַ־וואפענען זיין קליינע הגנה־קראפט. אבער קיין צייט איז אים נישט געגעבן געווארן. דער היציקער טעמפעראמענט פון זיין זון יהונתן ברענגט צו דעם, אז דער קאנפליקט מיט די פלשתים זאל פריצייטיק אויסברעכן. יהונתן טויט דעם פלשתישן גובערנאטאר פון גבעה און די ידיעה ווארפט אן א פחד אויפן פאלק. שאול לאזט בלאזן שופר איבערן לאנד, בכדי צונויפצורופן די יידישע קריגער. ער שיקט אויך נאך שמואלן. אלס קאנצענטראציע־פונקט ווערט באשטימט גלגל. אין דעם אלטן הייליקטום פון גלגל זוכט שאול די מאראלישע כחות, וואס דאס פאלק האט נויטיק אין דער גרוי־סער שעה.

די פלשתים אבער זענען שטענדיק קריגס־פארטיק. דריי טויזנט רייט־וועגע־נער, זעקס טויזנט רייטער, פוסגייער אן א צאל הויבן אן זייער מארש אויף דעם לאנד פון די עברים, וועלכע צעלויפן זיך באהאלטן אין די היילן, אין די בערג־שפאלטן, אין די גריבער און אין די ווייניקע טורעמס, וואס זענען אין לאנד פארבליבן פון די כנענים. אנדערע זענען ליתר בטחון אריבער דעם ירדן. מיט שאולן בלייבן בלויז זעקס הונדערט שוואך־באוואפנטע אבער שטארק באמוטיקטע קריגער.

שמואל קומט אויך נישט צו דער באשטימטער צייט און שאול מוז אליין מקריב זיין די קרבנות, וואס מען איז זיך נוהג געווען צו ברענגען פארן אנהויב פון א מלחמה. ווען שמואל קומט עטוואס שפעטער, בלייבט ער דערמיט זייער אומצופרידן, און דער נביא ווארפט אין זיין צארן אינעם נייעם מלך די הארבסטע ווערטער: „דיין מלוכה וועט זיך נישט האלטן".

שאול גייט דרייסט ארויס מיט זיין הייפל קריגער און פארנעמט דעם שמאלן דורכגאנג צווישן מכמש און גבע, דער טויער וואס פירט צו די בארגיקע טיילן פון לאנד, ווו ער האט זיך באפעסטיקט. דארט מאכט דער היציקער און העלדישער יהונתן א געוואגטן אנפאל אויף די פלשתישע אוואנגארדן. צעטומלט פון אזא גבורה, ליידן די פלשתים א גרויסע מפלה. זייער הערשאפט איבער די עברים איז געבראכן, ווען אפילו נישט אינגאנצן אפגעשאפט. שאול און יהונתן ווערן די ליבלינגען פון פאלק, וואס דערפילט זיך מיטאמאל בכח צו פארטיידיקן זיין לעבן, האב און גוטס קעגן פיל שטארקערע פון אים.

דער דאזיקער ערשטער און אומדערווארטער זיג דערלויבט שאולן צו ארגאניזירן די כחות פון די שבטים. ער באשטימט זיין געשוועסטערקינד אבנר בן נר אלס הויפט־קאמאנדיר פון די עברים־ארמייען: צו זיין באפעל שטייען דער העלדישער יהונתן און דער יונגער דוד, א פויערים־זון פון בית לחם, וואס האט באזיגט דעם ריזיקן פלשתים־העלד גלית, און דערפאר באקומען די האנט פון שאולס טאכטער מיכל.

דוד, וואס שטאמט פון מעכטיקן קריגערישן שבט יהודה, ווערט דער לעגענדארישער העלד פון די עברים און פארטונקלט די גלאריע פון יהונתן און אפילו פון שאולן גופא. אין א נצחון־ליד פון יענע צייטן ווערט געזונגען:

הכה שאול באלפיו	שאול האט געזיגט מיט זיינע טויזנטער
ודוד ברבבותיו	און דוד מיט זיינע צענטויזנטער.

(שמואל אי י״ח.ז.)

דער אויפגייענדיקער שטערן פון דוד הויבט אן צו פארטונקלען דעם רום פון שאולן.

אפגעשטויסן די פלשתים צום ים־ברעג, ווּהין די עברישע כחות האבן נאך נישט געוואגט צו אוואנסירן, נעמט זיך שאול ארגאניזירן דאס אינערלעכע לעבן פון דער מלוכה. כדי מער אויסצוטיילן זיי אין אפגעזונדערטקייט פון די כנעניש עלעמענטן, וואס זענען נאך פארבליבן אין לאנד, ווי אויך אויף צו קריסטאליזירן דעם עברישן אייגנארט אין נבואישן גייסט, הויבט אן שאול אויסצוראטן די רעשטלעך פון כנענישן לעבנס־שטייגער: ער ראט אויס די מכשפים, ער באקעמפט אויך דעם מתים־קולט. די פאלקס לעגענדע, וואס איז נישט גאר צופרידן מיט די נייע איינפירן, וועט זיך שפעטער נוקם זיין אין שאולן מיט דער דערציילונג, אז צום סוף פון זיין קעניגן האט ער אליין געמוזט אנקומען צו א כשופמאכערין, זי זאל פאר אים ארויסרופן פון יענער וועלט

דעם געשטאָרבענעם שמואל אויף צו פרעגן ביי אים אַן עצה (מתים־קולט). אונטער דער הערשאַפט פון זייער באַגייסטערטן מלך הויבן אָן די עברישע שבטים צו אָרגאַניזירן זייער מיליטערישע מאַכט, די אינערלעכע פאַרוואַלטונג פון לאַנד און צו רייניקן זייערע זיטן און מנהגים.

אויף דער אָנווייזונג פון שמואלן באַשליסט שאול צו פאַרזיכערן די דרום־גרענעצן פון לאַנד, וווּ אין די מדבריות פון נגב האָבן זיך אַרומגעטראָגן די עמלקים, אַ נאָמאַדן־שטאַם, וואָס האָט אָנגעטאָן צרות די עברים נאָך בשעת זייער מאַרש פון מצרים און האָט נישט אויפגעהערט צו באַלעסטיקן און אָנצופאַלן אויף די ישובים פון עברים־לאַנד. דער קריגס־צוג קעגן די עמלקים ווערט געקרוינט מיט אַ גרויסן נצחון. די עברים נעמען פיל רויב און אַ סך געפאַנגענע. צווישן זיי דעם מלך פון די עמלקים, אגג. שמואל האָט געהאַט באַפוילן אומצוברענגען אַלע עמלקים און פאַרניכטן דאָס גאַנצע גוטס זייערס, אין הסכם מיט אַן אוראַלטן געטלעכן באַפעל:

מחה תמחה,	אָפּמעקן זאָלסטו (אפילו)
את זכר עמלק	דאָס געדעכעניש פון עמלק.

שאול האָט אָבער אָט דעם באַפעל נישט דורכגעפירט. ער איז צו ווייכהאַר־ציק אויף צו טויטן געפאַנגענע, און די שאָף און רינדער ווי דאָס אַנדערע פאַרמעגן קאָן דאָך באַרייכערן די פאָלקס עקאָנאָמיק פון די עברים. שאול וויל אפילו באַגנעדיקן דעם מלך פון עמלק, אגג, וועלכער איז דאָך פאָרט אַ מלך. אָבער דאָ אימפּאָנירט זיך שמואל. די אויטאָריטעט פון נביא איז נאָך גוואַלדיק גרויס, אגג ווערט אומגע־בראַכט און דער רים צווישן מלך און נביא איז פון דאַן אַ דעפיניטיווער. אַ קלאַנג פאַרשפּרייט זיך, אַז שמואל האָט אין געהיים געקרוינט דעם יונגן דוד אַלס צוקונפטיקן מלך פון די עברים.

פון דעם אַלעמען פאַלט שאול אַריין אין אַ מרה שחורה און ער ליידט אָנגריפן פון אַ שטאַרקער מעלאַנכאָליע, וואָס פלאָגט אים שעהענווייז. אין פאָלק פאַרשפרייט זיך אַ קלאַנג, אַז „אַ שלעכטער גייסט פון גאָט שרעקט דעם מלך". אויף צו פאַרטרייבן די פינצטערע מעלאַנכאָליע פון קעניג זוכט מען אַ געשיקטן האַרפיסט, וואָס זאָל מיט זיין שפּילן אויפהייטערן דעם מלכס געמיט. אָבער דער בעסטער האַרפיסט פון די עברים איז ווידעראַמאָל דער זעלבער דוד, דער יונגער קריגס־העלד, וועלכער ווערט גערופן „נעים זמירות ישראל", זיסער זינגער פון ישראל. דאָס שפּילן פון דודן באַרואיקט פון צייט צו צייט דעם מלך, אָבער זיין עצם אָנוועזנהייט רעגט נאָך שטאַרקער אויף דעם קעניגס אויפגעברויזט געמיט. שאול פילט, אַז דער דאָזיקער נייער אויפקומענ־דיקער כח וועט מאַכן אַ סוף צו דער דינאַסטיע, וואָס ער האָט ערשט געגרינדעט. ווי אויף צו להכעיס האָט דוד דאָס גליק צו מאַכן זיך באַליבט ביי אַלעמען. דער טראָנ־פאָלגער יהונתן האָט ליב דודן ווי אַן אייגענעם ברודער און זאָל זיך האָבן אויסגע־דריקט ביי אַ געלעגנהייט, אַז: „דוד וועט זיין מלך און איך וועל ביי אים זיין וויצע־קעניג". (די ליבע צווישן דוד און יהונתן איז פאַרבליבן ווי אַ ביישפּיל פאַר די קומענ־

דיקע דורות.) אין א שעה פון פינצטערער מעלאנכאָליע און יאוש פאַלט איין שאולן צו דערמאָרדן דודן, אָבער דאָס גיט זיך אים נישט איין, דוד דרייט זיך פלינק אויס פון דער מיט נישט זיכערער האַנט פון קעניג געוואָרפענער שפּיז.

שאול הויבט אָן ערנסט פאַרפאָלגן דודן. ער יאָגט אים נאָך איבער די היילן און מדבריות וווּ יענער באַהאַלט זיך אויס, נאָכדעם ווי שאול טויט די כהנים פון נב ווייל זיי האָבן געגעבן ברויט צו דודן און זיינע מענטשן, און אַלע האָבן מורא צו געבן אַזיל דעם פאַרפאָלגטן העלד. דערביי לעבט שאול איבער אַ טיפע אינערלעכע טראַגעדיע. אין תוך האָט ער אויך ליב דודן, ער רופט אים מערערע מאָל „מיין זון”. דוד באַציט זיך אויך מיט רעספּעקט צום „געזאַלבטן פון גאָט”. ביי אַ פּאָר צופאַלן האָט ער שאולס לעבן אין זיין האַנט, אָבער ער וואָגט נישט אויפהויבן זיין האַנט אויף דעם וואָס פאַרפאָלגט אים נישט פון רשעות, נאָר ווי לויטן באַפעל פון עפּעס אַן אכזריותדיקן פאַטום, אַן אָנרחמנותדיקן גורל.

דאָס פאַרפאָלגן דודן ציט אָפּ שאולס אויפמערקזאַמקייט פון די מלוכה־ענינים. דער אַרמיי פעלט אויך איר באַליבטער הויפּט און פירער, די פאַרטיידיקונג פון לאַנד ווערט דערפון אָפּגעשוואַכט. ווען דוד, פאַרפאָלגט פון שאולן, זעט זיך געצוווּנגען צו בעטן אַזיל ביי איינעם פון די פּלשתישע הערשער און קומט צו אים בראש פון אַ גאַנץ באַדייטנדיקן חיל פון זיינע אָנהענגער, די מוטיקסטע קריגער פון ישראל, דערפילן זיך די פּלשתים געזיכערט קעגן דעם מעגלעכן ווידערשטאַנד פון די עברים און זיי רייסן זיך ווידער אַריין אין לאַנד פון ישראל. שאול מיט זיינע חילות טרעט אַרויס אין קריג. די הויפּט־שלאַכט קומט פאָר אויף די בערג פון גלבוע, ביים ראַנד פון עמק יזרעאל. די פּלשתישע בויגן־שיסער באַזיגן שנעל די חילות פון די עברים, וואָס האָבן נאָך אַלץ געקעמפט מערסטנטייל מיט שליידערן שטיינער: דודס שבט, יהודה, וואָס האָט שוין יאָ געהאַט גרופּן פון בויגן־שיסער האָט זיך אין דער מלחמה נישט באַטייליקט. די אַרמיי פון די עברים ליידט אַ געוואַלדיקע מפּלה. אויפן שלאַכטפעלד בלייבן צווישן אַלע געפאַלענע אויך די קערפּערס פון ערשטן עברישן מלך, שאול, און פון זיינע זין, יהונתן, אבינדב, מלכישוע, וואָס האָבן העלדיש געקעמפט ביזן טויט פאַר זייער לאַנד און פאָלק.

דער טויט פון שאול און זיינע זין האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער און די עברישע שבטים, די פאָלקס זינגער האָבן טרויער־לידער פאַרפאַסט, באַוויינט דעם העלדישן מלך און זיינע זין. שפּעטער זענען די אַלע לידער צונויפגענומען געוואָרן אין איין פּאָעמע, וואָס ווערט צוגעשריבן דודן, ווייל אין איר געפינט זיך אַ פּעיז וועגן דער ליבע צווישן דוד און יהונתן, וואָס נאָר דוד האָט געקאָנט אָנשרייבן.

אין דער פּאָעמע (שמואל ב׳ א.) ווערן באַוויינט די גבורים:

הצבי, ישראל,
על במותיך חלל.
איך נפלו גבורים!

די פּראַכט, ישראל,
איז אויף דיינע הייכן דערשלאָגן,
ווי זיינען די גבורים געפאַלן!

עס ווערן פארשאָלטן די בערג פון גלבוע, ווו די העלדן זענען געפאַלן:

הרי בגלבוע	בערג פון גלבוע,
אל טל ואל מטר עליכם	ניט טוי און ניט רעגן אויף אייך.
ושדי תרומות	אָדער פעלדער געהויבענע
כי שם נגעל מגן גבורים,	ווייל דאָרט איז פאַרמיאוסט געוואָרן דער שילד פון גבורים,
מגן שאול בלי משוח בשמן,	דער שילד פון שאול מיט אייל ניט באַשמירט.

די יידישע טעכטער ווערן גערופן צו באַוויינען שאולן :

בנות ישראל	איר טעכטער פון ישראל,
אל שאול בכינה	וויינט אויף שאולן
המלבישכם שני עם עדנים,	וואָס האָט אייך אין פורפור און דעליקאַטע שטאָפן געקליידט,
המעלה עדי זהב על לבושכם	וואָס האָט אַרויפגעטאָן צירונג פון גאָלד אויף אייערע קליידער.

באַזונדערס ווערט באַקלאָגט דער טויט פון יהונתן :

צר לי עליך אחי יהונתן	מיך קלעמט נאָך דיר, מיין ברודער יהונתן.
נעמת לי מאד,	ליב געווען ביסטו מיר זייער,
נפלאתה אהבתך לי	וואונדערלעך איז געווען דיין ליבשאַפט צו מיר,
מאהבת נשים.	מער ווי די ליבע פון ווייבער.

די עלעגיע ענדיקט זיך מיט א טרויערפולן אקאָרד :

איך נפלו גבורים	ווי זענען געפאַלן די גבורים
ויאבדו כלי מלחמה!	און פאַרלוירנגעגאַנגען די וואָפן פון מלחמה!

שאול, דער ערשטער מלך פון די עברים, איז געווען טויט, אָבער זיין ווערק, די מלוכה וואָס ער האָט געגרינדעט, וועט אַרויס מיט נצחון פון דעם פארלוסט, וואָס זיין טויט האָט פאַר איר באַדייט. די אידעע פון דער יידישער מלוכהשאַפט, פון וועלכער ער איז געווען דער ערשטער אויסדרוק, וועט איבערלעבן די מלוכה גופא און וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַספּיראַציע, פון וועלכער דאָס פאָלק וועט זיך נישט אָפּזאָגן אפילו אין די שווערסטע צייטן, שאַפנדיק דעם וואונדערבאַרן אידעאַל פון משיחיזם, וואָס וועט באַאיינפלוסן א גרויסן טייל פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. שאול איז געווען דער ערשטער משיח ד'; דאָס פאָלק ישראל, און מיט אים א גרויסער טייל פון דער מענטשהייט, וואַרטן אויף איינעם, וואָס וועט ווערט זיין דעם דאָזיקן הויבן נאָמען און פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, רייף מאַכן די מענטשן פאַר א מלוכה פון גאָטלעכקייט אויף דער ערד.

8טע לעקציע

אין יאָרן פון אומבאַשטימטקייט

(1010 ־ 1003 פאַר ד. א. צ. ר.)

דער נצחון ביי די גלבוע־בערג האָט געמוזט די פּלשתים אַזוי טייער קאָסטן, אַז זיי האָבן נישט געוואָגט טיפער אַריינצודרינגען אין עברים־לאַנד און האָבן זיך באַגנוגנט מיט קאָנטראָלירן די הויפּט־וועגן פאַר מסחר, וואָס שניידן עס דורך. פאַר דודן האָט דער טויט פון שאול געעפנט די מעגלעכקייט זיך צוריקקערן אין לאַנד. אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט ער געקרוינט אַלס מלך פון זיין שטאַם־שבט יהודה און שטעלט איין זיין הויפּטשטאָט אין דער אוראַלטער חברון, איינע פון די עלטסטע שטעט אין לאַנד, ווי אויך אויף דער וועלט.

אָבער די שאול־דינאַסטיע איז נישט אינגאַנצן אומגעקומען אויפן שלאַכט־פעלד. עס איז פאַרבליבן אַ זון פון ערשטן עברישן מלך מיטן נאָמען איש־בעל (איש בשת), וועמען דער הויפּט קריגס פירער פון שאולן, אבנר, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט פון דער לעצטער שלאַכט, פּראָקלאַמירט אַלס קעניג איבער די צפון־שבטים פון די עברים. דאָס לאַנד ווערט צעטיילט אין צוויי מלוכות,, דאָס פאָרבילד פון דער דעפיניטיווער צעטיילונג, וואָס וועט קומען מיט אַכציק יאָר שפּעטער. כדי צו האַלטן זיך וואָס ווייטער פון די פּלשתים, באַזעצט זיך איש־בעל אין מחנים, אויפן מזרח־ברעג פון ירדן.

מיט געדולד און אויסדויער, דורך קריג און אונטערהאַנדלונגען, הויבט אָן דוד צוריקצושטעלן די גאַנצקייט פון דער מלוכה. זיינע קריגס־פירער האַלטן אָפּ קליינע שלאַכטן און קליינע נצחונות איבער די קריגס־פירער פון דער שאול־דינאַסטיע, אָבער דוד מיידט אויס אַ דעפיניטיוון זיג, וואָס זאָל אים דערלויבן צו פאַרכאַפּן די צווייטע מלוכה. געדולדיק וואַרט ער ביז די לאַגע וועט רייף ווערן און ער וועט גערופן ווערן צו קעניגן איבער גאַנץ ישראל. דערווייל פירט ער פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען. דעם קריגס־פירער אבנר זאָגט ער צו, אַז ער וועט אים באַשטימען פאַרן הויפּט פון אַרע חילות פון דער פאַראייניקטער מלוכה. ער האָט זיינע מענטשן אומעטום, וואָס טענהן

איין מיט די פירער פון די שבטים „שוין נעכטן און אייערנעכטן האט איר דאך געוואלט האבן דודן פאר אייער מלך, טוט עס איצט", און נביאים צעטראגן איבערן גאנצן לאנד די געטלעכע בשורה: „דורך די הענט פון מיין קנעכט דוד וועל איך העלפן מיין פאלק ישראל פון די פלשתים און פון אלע זיינע פיינט".

דאס מזל שפילט אים אויך צו. א פאר אוואנטוריסטן, רכב און בענה, דער־מארדן איש־בעלן און ברענגען זיין קאפ צו דודן אין דער האפענונג גוט באלוינט צו ווערן. דוד אבער פארשטייט פאליטיק און היט זיך, אז דאס פאלק זאל קענען זען אין אים דעם, וואס האט באלוינט די מערדער פון א מלך בישראל. ער פארמשפט ביידע קעניג־מערדער צום טויט און באערדיקט דעם קאפ פון דעם אומגליקלעכן איש־בעל מיט אלע קעניגלעכע כבודים. דוד קאן אויך זיין גרויסמוטיק און שטרעבט בעיקר צו זיין גערעכט. ווען אבנר ווערט דערמארדעט פון דעם שטארקן מאן ביי דודס טראן, דער קריגס פירער יואב בן צרויה, אויס בלוט־נקמה דערפאר וואס יענער האט אין א שלאכט דערהרגעט זיין ברודער עשה־אל, קאן דוד יואבן נישט פארמשפטן, עס איז גאולת הדם, און דער וואס האט געמארדעט איז נישט געווען אין קיין אזיל־שטאט, אבער דוד ארדנט איין א פייערלעכע לויה פארן אומגעקומענעם קריגס־פירער, און דאס קלאגליד, וואס ווערט פארפאסט ביי דער געלעגנהייט און איז צו אונדז דער־גאנגען, ווערט אויך צוגעשריבן דודן. דאס קלאג־ליד לויטעט :

הכמות נבל ימות אבנר?	זאל אבנר שטארבן ווי א נידערטרעכטיקער שטארבט?
ידיך לא אסורות ורגליך לא לנחשתים הגשו, כנפול לפני בני עולה נפלת	דיינע הענט זענען ניט געבונדן געווען, און דיינע פיס ניט אין קייטן געשמידט... ווי מען פאלט פאר פארברעכער ביסטו געפאלן.

(שמואל בי ב. 34)

די קלוגע טאקטישע האלטונג פון דודן, די אנווענדונג פון קראפט צוגלייך מיט איבערצייגונג, האבן געבראכט די פארהאפטע רעזולטאטן. עטלעכע יאר נאכן טויט פון שאולן, פארזאמלען זיך די עלטסטע פון די שבטים קיין חברון און זאלבן דודן אלס מלך איבערן גאנצן פאלק. די צייטווייליקע צעטיילונג איז פארשווונדן. עס איז מעגלעך, אז ביי דער געלעגנהייט איז פארפאסט און געזונגען געווארן צום ערשטן מאל דאס קרוינונג־ליד, וואס איז צו אונדז דערגאנגען, און וואס לויטעט :

ויהי בישורון מלך, בהתאסף ראשי עם,	געווארן אין ישראל א מלך, ווען ס'האבן זיך פארזאמלט די עלטסטע פון פאלק
יחד שבטי ישראל	צוזאמען (פון) אלע שבטים פון ישראל.

די פלשתים טרעטן ארויס אין קאמף קעגן נייעם מלך; דוד באזיגט זיי און זיי ליידן א גרויסע מפלה.

9טע לעקציע

דוד מלך ישראל

(1003 ־ 970 פאר ד. א. צ. ר.)

דער צווייטער מלך איבער אלע עברישע שבטים, דער פויערים זון פון בית לחם, וואס אין יהודה, דוד בן ישי, איז די וואונדערבארסטע פיגור פון דער שטאטלע־כער עפאכע פון יידישן פאלק, און איז פארוואנדלט געווארן אין דעם סימוואל פון דער יידישער מלוכהשאפט. די דינאסטיע, וואס ער האט געגרינדעט, איז אונטערגעגאנגען נאך מיטן חורבן פון דער ערשטער עברים־מלוכה, אבער דאס פאלק האט דערהאלטן זיין צוגעבונדנקייט צו איר אין משך פון יארטויזנטער; משיח דארף זיין פון דודס הויז. אונטערן געזאנג פון „דוד מלך ישראל חי וקים" געזונגען פון אלט און יונג, פרומע און פרייע, אלטפרענקישע און מאדערנע, איז אויפגעקומען דער דריטער יידישער שטאט, מדינת ישראל.

דוד איז געווען א פילבאגאבטע פערזענלעכקייט, א מוטיקער, אומדערשראָ־קענער קעמפער, וואס „זיין הארץ איז ווי דאס הארץ פון לייב", א טאלאנטפולער קריגס־פירער, וואס קאן אלע סודות פון אנגריף און אפווער־קאמף און ווייסט אויס־צוניצן דעם פאסיקן מאמענט פאר אזא אדער אנדער שריט; א געשיקטער פאליטיקער, וואס קאן געדולדיקווארטן ביז זיין שעה וועט קומען און א ווייטזיכטיקער שטאטס־מאן, וואס האט אין בליק די העכסטע, אייביקע פאלקס אינטערעסן, איז ער נאך דערצו דער „נעים זמירות ישראל", דער זיסער זינגער פון ישראל, וועמען עס ווערט צוגע־שריבן דאס גרעסטע בוך פון לירישער פאעזיע אין דער וועלט־ליטעראטור, דער ספר תהלים.

דוד הויבט גלייך אן רעארגאניזירן די עברישע מלוכה, וואס איז געווען גאר אפגעשוואכט פון דער מפלה אויף די גלבוע־בערג און דעם שטילן בירגער־קריג צוויש: דודן און דער דינאסטיע פון שאול. ער טוט עס מיט דער ענערגיע פון א קריגס־פירער און דער ווייטזיכטיקייט פון אווירקלעכן שטאטסמאן. זיין ערשטע זארג איז צו פאר־

שטאַרקן די אחדות צווישן די שבטים, וואָס איז היפּש אָפּגעשוואַכט געוואָרן בעת דער ציטווייליקער צעטיילונג אין צוויי מלוכות. פאַר איינוועגס זוכט ער אָפּצושוואַכן די שטענדיקע ריוואַליטעט צווישן די שטאַרקע שבטים יהודה און אפרים, וואָס האָבן געקעמפט פאַר העגעמאָניע איבער די אַנדערע, קלענערע און שוואַכערע שבטים. דאָס איז די אויסוויקלונג פון דער אַלטער ריוואַליטעט צווישן די קינדער פון יעקב: יהודה איז אַ זון פון לאה און אפרים שטאַמט פון יוסף, דעם זון פון רחל.

דוד באַמיט זיך גלייך אונטערצושטרייכן, אַז זיין באַשטייגן דעם טראָן מיינט ווייט נישט די העגעמאָניע פון זיין שטאַם־שבט יהודה. אָבער זיין קרוין־שטאָט איז דאָך פאָרט אין חברון, די הויפּטשטאָט פון יהודה, און דאָס גיט דאָך דעם שבט אַ באַשטימטן פאָרצוג און אַ געוויסע העגעמאָניע. די ערשטע זאָרג פון דודן איז צו גרינדן אַ נייע קרוין־שטאָט, וואָס זאָל נישט געהערן צו קיין שבט, נאָר צום גאַנצן פאָלק, צו דער מלוכה אַלס אַזעלכע.

דוד וואַרפט אַן אויג אויף דער שטאַרק באַפעסטיקטער ירושלים, וואָס ליגט אויף די הויכע בערג צו צפון פון חברון אויפן סאַמע גרענעץ צווישן דעם שבט יהודה, דער שבט פון דוד, און דעם שבט בנימין, דער שבט פון שאול. די עברים האָבן ביז דאַן נאָך נישט באַוויזן צו נעמען די שטאָט ביי די קריגערישע יבוסים, וואָס האָבן אָפּגעטיילט די שבטים פון דרום און די פון צפון. אַ פאַראייניקטע ארמיי פון אַלע שבטים אונטער דער בערזענלעכער אָנפירונג פון דודן פאַרנעמט ירושלים און שאַפט אָפּ די שטערונג פאַרן פאַרקער צווישן די עברישע שבטים. דאָס לאַנד פון די עברים ציט זיך איצט אָן איבעררייס פון דן ביז באר שבע. דוד באַזעצט זיך אין דער ציטאַדעל פון ירושלים, וואָס ווערט זינט דאַן גערופן עיר דוד, אָדער ציון. ער פאַרשיט דעם טאָל צווישן די בערג, אויף וועלכע די שטאָט שטייט און אויף דעם פּלאַץ (מלוא, אָנפילונג) בויט ער אויף אַ נייע שטאָט.

אָבער דאָס אַלץ איז נישט גענוג. ירושלים איז דאָך בלויז די פּאָליטישע הויפּטשטאָט פון לאַנד און דוד ווייסט די גרויסע באַדייטונג פון גייסטיקע פאַקטאָרן. ירושלים מוז אויך ווערן די רעליגיעזע הויפּטשטאָט פון די עברים, אַ הייליקע שטאָט, עס מוז אַהין געבראַכט ווערן דאָס גרעסטע הייליקטום פון פאָלק, דער ארון הברית, דער סימוואָל פון בונד צווישן די שבטים און גאָט פון די אבות. דוד מאָביליזירט אַן אַרמיי פון דרייסיק טויזנט קריגער צו גיין אָפּנעמען דעם ארון הברית; די פּלשתים דערשרעקן זיך פאַר אַזאַ כח און שיקן אַליין אָפּ דאָס הייליקטום, וואָס ווערט מיטן גרעסטן פּאַראַד אַריינגעבראַכט אין ירושלים. דוד פירט זיך אויף ביי דער געלעגנהייט ווי אַן עכטער פאָלקס מענטש. צוזאַמען מיטן פּשוטן המון, „מיט די קנעכט און דינסטן", טאַנצט ער די טראַדיציאָנעלע טענץ פאַרן גרויסן פאָלקס־הייליקטום.

אַזוי ווערט ירושלים דער צענטער פון יידישן פאָלק אויף אַלע אייביקייטן. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט וועט זיך דער פּאַרלאַמענט (כנסת) פון מדינת ישראל

אַפּזאָגן אָנצונעמען אַ געזעץ, וואָס פּראָקלאַמירט ירושלים אַלס די הויפּטשטאָט פון דעם נייעם יידישן שטאַט, ווייל ירושלים האָט עס גאָר קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין. דער נאָמען פון דודס פעסטונג, ציון, איז געוואָרן דער סימוואָל פון דער באַוועגונג (ציוניזם), וואָס האָט געבראַכט צום אויפקום פון דריטן יידישן שטאַט, מדינת ישראל. די דאָזיקע אייביקע באַדייטונג פון ירושלים ווערט שוין אָפּגעשפּיגלט אין אַן אַלטער פּאָעזיע, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען דורך אַ פערז אין ספר תהלים:

ירושלים הבנויה,	ירושלים וואָס איז געבויט
בעיר שחוברה לה יחדו	ווי אַ שטאָט וואָס פאַראייניקט צוזאַמען.

(תהלים קכ״ב 3)

באַפעסטיקט די אינערלעכע סטרוקטור פון דער מלוכה און די אייניקייט צווישן די שבטים, נעמט דוד אונטער די אויסברייטערונג פון די מלוכה־גרענעצן. ער צעקלאַפּט און באַזיגט די פּלשתים, וואַרפט זיי אונטער זיין מאַכט און דערגייט ביז צו די ברעגן פון מיטללענדישן ים. ער וואַרפט אויך אונטער זיין ממשלה די סעמיטישע מדינות צו מזרח פון ירדן: ארם, עמון, מואב און אדום און דערגייט אַזוי אַרום צו די אוראַלטע פּאָרטן אויף די ברעגן פון ים סוף: אילת און עציון גבר. מיט די מעכטיקע ים־פאָרער, די פעניציער, אַ מישלינג־פאָלק פון כנענים און עברים, וואָס האָט גערעדט אַ שפּראַך שטאַרק ענלעך צו עברית, שליסט דוד אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אַליאַנץ, וואָס דערלויבט אים צו באַרייכערן דאָס לאַנד און די הויפּט־שטאָט ירושלים מיט פיינע בנינים און אַרטיקלען פון אויסלענדישער פאַבריקאַציע. אין ירושלים ווערט געבויט דער ערשטער קעניגלעכער פּאַלאַץ. דוד פּלאַנט אויך צו בויען אַ בית המקדש פאַרן ארון הברית, אָבער זיינע שטענדיקע מלחמות גיבן אים נישט קיין צייט און קיין געמיט דורכצופירן אַזאַ וויכטיקע אונטערנעמונג. אין פאָלק פאַרשפּרייט זיך דער געדאַנק, אַז דוד האָט נישט די זכיה צו בויען דאָס גרויסע הייליקטום פאַרן גאָט פון ישראל, ווייל ער האָט צופיל בלוט פאַרגאָסן אין מלחמות. דער רעליגיעזער סענטימענט פון פאָלק איז קעגן מלחמות און פאַר פרידן. דוד שטעלט אָבער אויף אַ מזבח אויפן אָרט וווּ ער פּלאַנט צו בויען דעם בית המקדש און דאָס רופט אַרויס אומצופרידנקייט אין געוויסע פּריסטער־קרייזן.

אויף דורכצופירן זיין גרויסצוגיקע דעראָבערונגס פּאָליטיק, וואָס איז נישט אין הסכם מיט די פרידלעכע נייגונגען פון פאָלקס־כאַראַקטער, איז דוד אָנגעקומען צו אויסלענדישע מיטאַרבעטער. די שלאָג־קרעפטן פון זיינע חיילות זענען געדונגענע נישט־עברישע זעלנער, די כרתי אָפּשטאַמער פון אינדזל קרעטאַ, די כרי פון אַ געגנט אין קליין־אַזיע, און די פלתי, ס׳הייסט די פּלשתים, וואָס טרעטן וויליק אַריין אין זיין דינסט. אייניקע פון זיינע קריגס־פירער זענען נישט־עברים, ווען אַפילו זיי נעמען אָן דעם גלויבן אין גאָט פון ישראל: אוריה החתי, אתי הגתי א. א. זיין נאָנטער ראַטגעבער איז חושי הארכי פון דער שטאָט ארך וואָס אין בבל. דוד פירט איין די ערשטע פאַר־

מען פון א רעגולערער רעגירונג. אין זיין הויף זענען שוין פאראן סעקרעטארן, וואס פארשרייבן די באפעלן, ווי אויך כראניקער, וואס פארצייכענען די וויכטיקסטע מלוכה־פאסירונגען. אזוי ווערט געבוירן די יידישע כראנאגראפיע.

דוד פירט אויך דורך א דירעקטע פאלקס ציילונג, א זאך, וואס איז דערווידער דעם יידישן גייסט, מען האלט נאך ביז היינט ביי יידן, אז מען טאר נישט ציילן דירעקט קיין לעבעדיקע מענטשן. ווען אין א קורצער צייט ארום ברעכט אויס אן עפידעמיע אין לאנד,האלט דאס פאלק, אז דאס איז א שטראף פון הימל פאר האבן געציילט דירעקט מענטשן. פאראן בכלל היבש אומצופרידענע מיט דודס נייע איינפירונגען, און צום סוף פון זיין קעניגן דארף ער באקעמפן צוויי אויפשטאנדן: בראש פון ערשטן שטייט זיין אייגענער זון אבשלום, בראש פון צווייטן, שבע בן בכרי, פון שאולס שבט בנימין.

די ערשטע מרידה ברעכט אויס אין דער פאריקער קרוין־שטאט חברון, די איינוווינער פון וועלכער זענען געווים געווען אומצופרידן מיטן אריבערטראגן די הויפטשטאט קיין ירושלים. אבשלום פראקלאמירט זיך אלס מלך וואס וועט קעניגן אין חברון, נישט אין דער נייער ירושלים, און איז מקריב קרבנות אין דעם אלטן הייליק־טום פון חברון, ווו דעם מזבח זאל, לויט דער טראדיציע, האבן געבויט דער אור־פאטער פון דער אומה, אברהם אבינו, אן אומדירעקטער פראטעסט קעגן דעם נייעם מזבח פון ירושלים. דער כח פון די אויפשטענדלער איז אזוי גרויס, אז דוד זעט זיך געצוווּנגען צו פארלאזן ירושלים און זוכן שוץ אויף דער מזרח־זייט פון ירדן. די ענערגישע האלטונג פון זיין קריגס־פירער, יואב, באווייזט אבער די מרידה צו דער־שטיקן. אבשלום קומט אום אין שלאכט און דוד דער פאטער האט נישט גענוג טרערן צו באוויינען דעם זון, וואס האט אין אים מורד געווען. דוד איז צו סענטימענטאל אין זיין פאמיליע־לעבן. דער מעכטיקער באצווינגער פון פעלקער, וואס האט אויפגע־בויט די עברישע אימפעריע, האט נישט געקאנט באהערשן זיין אייגענע משפחה. זיין עלטערער זון אמנון קומט אום צוליב א ליבע־אוואנטורע מיט זיין האלבער שוועסטער תמר, און דער נאמען אמנון ותמר באצייכנט היינט א דעליקאטע בלום פון צוויי קאָ־לירן. דער דריטער זון אבשלום קומט אום אין דער מרידה קעגן פאטער. אן אלטער מאנומענט לעבן ירושלים טראגט ביז היינט דעם נאמען יד־אבשלום, ווען אפילו עס איז א גרויסער ספק צי אבשלום איז ווירקלעך באערדיקט אונטער דער מצבה.

די צווייטע מרידה, פון שבע בן בכרי, ווערט געפירט אונטערן לאזונג פון דער אמאליקער שבטים־פרייהייט: „איש לאהליך ישראל"! יעדער איינער אין זיין געצעלט. זי ווערט אבער גלייך אונטערדריקט.

די אומרואיקע שטימונג אין לאנד כאפט אויך ארום די הויף־ספערן, ווען די עלטער פון דודן מאכט צייטיק די פראגע פון דער ירושה. עס איז צום ערשטן מאל אין דער עברישער געשיכטע, וואס א מלך דארף לאזן זיין טראן פאר א געזעצלעכן

יורש. קיין קלאָרע געזעצן וועגן דער טראַנספאָלגונג זענען נאָך נישטאָ. דוד איז נישט געבונדן מיט קיינע געזעצן אָדער מנהגים, נישטאָ נאָך קיין פּרעצעדענטן. אַלס דער וואָס האָט פּאַקטיש געשאַפן די מלוכה האָלט ער זיך באַרעכטיקט צו לאָזן די קרוין דעם פון זיינע זין, וואָס געפעלט אים מערער.

די לעצטע טעג פון גרויסן מלך זענען פּאַרוואָלקנט צוליב דעם קאַמף אַרום דער קרוין. אין הויף שאַפן זיך צוויי פּאַרטייען. דער קריגס־פירער יואב און דער ערשטער כהן אביתר זענען פאַרן עלטערן פון דודס לעבעדיקע זין, אדוניהו; אָבער דער שעף פון דער פּאַלאַץ־וואַך, בניהו בן יהוידע, דער צווייטער כהן צדוק, דער נביא נתן און אַ טייל פון די יונגע גבורים, זענען פאַרן מיזיניק, דעם נאָך גאָר יונגן ידידיה. מיט זיי פירט אָן דודס געליבטע פרוי בת שבע, די ליבע פון זיין עלטער און די מוטער פון ידידיה. עס ווערט צייטיק אַ קאָנפליקט, וואָס קאָן אָננעמען גאָר אַן ערנסטן כאַראַקטער.

אָבער דודן געלינגט דאָך אויסצומיידן, אַז דער קאָנפליקט זאָל פירן צו אַ בירגער־קריג. אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן לאָזט ער זאַלבן ידידיהן פאַר מלך. ער זעצט אים אויך זיצן אויף זיין טראָן און אָנפירן פּאַקטיש מיט דער מלוכה. דאָס איז געגנוג, אַז די פּאַרטיי פון אדוניהו זאָל אויפגעבן דעם קאַמף. דער פּרעסטיזש פון דעם אַלטן מלך, דער דרך ארץ פאַרן נייעם „געזאַלבטן פון גאָט" איז גענוג, אַז ידידיה זאָל רואיק איבערנעמען די מלוכה נאָכן טויט פון זיין גרויסן פאָטער.

די פערציק יאָר פון דודס ממשלה האָבן באַפעסטיקט דאָס שטאַט־וועזן פון די עברים, צעמענטירט די איינהייט צווישן די שבטים, געגעבן דער מלוכה אַ נייע פּאָליטישע און רעליגיעזע הויפּטשטאָט, ירושלים, און דערמעגלעכט דורך דער דעראָבערונג פון די אַרומיקע קליינע מלוכות די רואיקייט, רום און רייכטום פון דער צייט פון זיין זון און יורש, ידידיה.

אין דודס קבר ווערן באַערדיקט גרויסע אוצרות. שפּעטערדיקע יידישע הערשער וועלן מער ווי איין מאָל עפענען דעם קבר צו אַרויסנעמען פון דאָרט מיטלען אין צייטן פון אַ שווערער לאַגע פאַר דער מלוכה. ביי היינטיקן טאָג איז דער קבר דוד אויפן באַרג ציון איינס פון די הייליקע ערטער פון ירושלים, וווּהין עס ציען טויזנטער און טויזנטער יידן פון דער גאָרער וועלט, צו מתפּלל זיין, אָדער פאַרנויגן זיך אין שטיל שווייגן, פאַרן רו־אָרט פון גרויסן יידישן מלך.

10טע לעקציע

ידידיה - שלמה המלך

(970 ־ 933 פאר ד. א. צ. ו.)

דוד האט געלאזט זיין יורש, ידידיה, א שטארקע, גוט ארגאניזירטע מלוכה, אויסגעשפרייט ביז צו די ווייטסטע מעגלעכקייטן פון אירע נאטירלעכע גרענעצן. ידידיה האט פאר זיך נישט געהאט קיין פראבלעמען פון נייע דעראבערונגען, ער האט אויך נישט געהאט קיין צופיל שווערקייטן איינצוהאלטן דאס שוין דעראבערטע, איז ער געווען פריי פון פיר׳ מלחמות, און די קנאפע פערציק יאר פון זיין קעניגן זענען געווען יארן פון שלום, דערפאר האט ער באקומען אלס מלך דעם נאמען שלמה: דער קעניג פון פרידן.

די עברים זענען געווען א זייער ארבעטזאם פאלק. אין יארן פון פריד איז מען רואיק געזעסן „יעדער אונטער זיין ווײנשטאק און אונטער זיין פײגנבוים". דאס הייסט, באארבעט די ערד, וואס האט גוט באצאלט די מיזאמע ארבעט ארום איר מיט רייכע גערעטענישן. אין לאנד איז געווארן אן עודף פון אגריקולטור־פראדוקציע, וואס פלעגט עקספארטירט ווערן אין די נאנטסטע פעניצישע שטעט, וועלכע האבן זיך אין די פראדוקטן שטארק גענייטיקט: תבואה, בוימל, וויין, פרוכטן, האניק, וואל, זענען געווען די הויפט־פראדוקטן פון דעם עקספארט. פון פעניציע האט מען אימפארטירט בוי־מאטעריאלן, בעיקר צעדער־ביימער, און אינדוסטריעלע ארטיקלען. די פרימיטיווע ליימענע כלים פון דער עברישער באלעבאטישקייט האבן ביסלעכווייז אנגעהויבן צו ווערן פארביטן מיט פיינערע אויסארבעטינגען פון גלאז, וואס די פעניציער האבן פראדוצירט און אויך אייניקע עברישע שבטים האבן זיך ביי זיי אויסגעלערנט צו פאבריצירן.

די געגנט שטארקע עברישע מלוכה האט קאנטראלירט די האנדלס־וועגן צווישן מצרים און בבל, די צוויי גרויסע אימפעריעס פון יענע צייטן. אין די יארן פון שלמה איז אויף דעם טראנזיט־האנדל ארויפגעלייגט געווארן אן אפצאל, וואס האט פיל באַרייכערט די שטאט־קאסע. בשותפות מיט די פעניציער (צורים) האבן די עברים אויך אנגעהויבן צו אנטוויקלען זייער ים־האנדל. פון יפו, עזה און עכו ביים מיטללענדישן ים, פון אילת און עציון גבר ביים ים־סוף פלעגן אפגיין שיפן און פלאטעס, וואס האבן געפירט מסחר מיט גאר ווייטע לענדער פון שפאניע אויף מערב, ביז אינדיע אויף מזרח.

פאַראַן אַ מיינונג, אַז די דאָזיקע האַנדלס־פּלאַטעס פלעגן דערגרייכן אַזוי ווייט ווי כינע (אופיר?). פון יענע ווייטע מקומות פלעגט מען ברענגען חיות און עופות, גאָלד, זילבער, אַנדערע מעטאַלן, קאָרעלן וכדומה אַנטיקלעך. „זילבער איז געווען ווי שטיינער און צעדערן ווי פּראָסטע האָלץ", אַזוי כאַראַקטעריזירט דער תנ"ך די רייכקייט פון שלמהס מלוכה.

ווי יעדער רייכער און מעכטיקער מלך גיט זיך אָפּ שלמה מיט בנינים, קעניגלעכע פּאַלאַצן פאַר זומער־וווינונג און ווינטער־וווינונג, אַ האַרעם פאַר די צאָלרייכע ווייבער, שטאַלן פאַר די פערד און קאַמערן פאַר די רייטוועגענער, ציסטערנעס אין די בערג אויף צו אָנזאַמלען רעגנוואַסער און דעפּאָזיטן פאַר געווער. עס איז געווען אַ צו רייך לעבן פאַר די איינפאַכע עברישע השגות פון יענע ציימן און מעגלעך, אַז דער גרויסער לוקסוס פון קעניגלעכן הויף האָט באַוויזן אָנצונעמען אויף להבא געזעצן, וואָס פאַרבאָטן דעם קעניג צו האָבן צופיל ווייבער, צופיל רייטוועגענער, צופיל פערד. אַ מלך פון די עברים דאַרף, לויט דער פאָלקס־השגה, זיין פיל באַשיידענער.

אַ באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמט דאָס בויען פון בית־המקדש, אַ ניי הייליקטום פאַרן אוראַלטן ארון הברית, וואָס האָט באַגלייט די עברים אויף זייערע וואַנדערונגען אין דער מדבר און ביים אַריינדרינגען אין כנען. ביז דאַן האָט זיך דער ארון הברית אויפגעהאַלטן אין אַ געצעלט (משכן), אויפבויען אַ סטאַבילן בית המקדש האָט געמיינט צו סימוואָליזירן, אַז דאָס עברים פאָלק בלייבט פאַרוואָרצלט אין זיין לאַנד: צוזאַמען מיט אים איז אויך דער סימוואָל פון זיין גאָט געקומען אל המנוחה ואל הנחלה. דער בית המקדש איז געבויט געוואָרן מיט אַ סך לוקסוס, מיט אַ שפע פון טייערן האָלץ, גאָלד, זילבער, בראָנז, סיי אין דער געביידע, סיי אין די כלים פון גאָטעס דינסט. צום חנוכת הבית איז פאַרפאַסט געוואָרן אַ פאָלקס־ליד, וואָס ווערט צוגעשריבן שלמהן. דער ערשטער פערז פון ליד (מלכים א' ח. 13) זאָגט:

בנה בניתי בית זבול לך	איך האָב דיר אויסגעבויט אַ הויז פון וווינונג,
מכון לשבתך עולמים	אַן אָרט דיר צום זיצן אויף אייביק.

דאָס נייע באַרייכערטע לעבן האָט אויך אַריינגעפירט קונסט־שאַפונגען אין בית המקדש, אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אין די הייזער פון די גרויסע מלוכה־דיגניטאַרן און רייכע סוחרים. פאַרבליבן זענען אין פאָלקס זכרון דער וואונדערבאַרער טראָן, דאָס גאָלדענע געווער פון דער קעניגלעכער לייב־וואַך, די הייליקע כלים פאַרן גאָטעס דינסט אין בית המקדש, ווי אויך דער קופּערנער באַסיין, וואָס איז אין הויף פון בית המקדש געשטאַנען און מען האָט אים גערופן „ים", ווי סימוואָליזירנדיק די עברישע הערשאַפט אויף די ימים. וועגן דעם פּרעכטיקן טראָג־שטול פון שלמה איז אַפילו אַ פאָלקס ליד פאַרפאַסט געוואָרן, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז אין שיר השירים (ג' 9־10):

אפריון עשה לו המלך שלמה	אַ הימלבעט האָט זיך מלך שלמה געמאַכט,
מעצי הלבנון.	פון האָלץ פון לבנון.
עמודיו עשה כסף,	אירע זיילן האָט ער פון זילבער געמאַכט,
רפידתו זהב,	איר אָנלען פון גאָלד,

מרכבו ארגמן, איר אויסבעט פון פּורפּור,
תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים אינעווייניק געפלאַסטערט מיט ליבשאַפט
פון ירושלימס טעכטער.

שלמהן ווערט אויך צוגעשריבן דאָס אויפבויען פון אַ רייע שטעט, פון גזר אין ארץ ישראל, ביז תדמור (פּאַלמירא) אין דעם מדבר פון סיריע. דעפּאָזיטן־שטעט און פּאַלאַצן אין ירושלים און אויף די בערג פון לבנון. שלמה פּרוּווט זיך אויך אָפּשאַפן די איינטיילונג פון פאָלק לויט דעם עטנישן פּרינציפּ פון שבטים און ער פירט איין אַ נייע צעטיילונג לויטן געאָגראַפישן פּרינציפּ פון פּראָווינצן, וואָס ווערן פאַרוואַלטעט נישט פון געבוירענע אָדער דערווייַלטע נשיאים, נאָר פון נציבים, גובערנאַטאָרן, באַשטימטע פון מלך. עס איז געווען אַ צו ווייטגייענדיקע רעפאָרמע, גאָר נישט אין הסכם מיטן ווילן פון פאָלק אין יענער צייט, און עס האָט אַרויסגערופן אַ געוויסע אומצופרידנקייט.

דאָס רייכטום, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין לאַנד, דער אינטערנאַציאָנאַלער מסחר, וואָס איז דורך דעם דורכגעגאַנגען, די רייזעס אין ווייטע מקומות, דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז דער קולטור־ניוואָ פון די עברישע פּאַסטוכער און פּויערים זאָל שטייגן צו אַ פיל העכערער מדרגה. מסחר פאָדערט שרייבן, לייענען, רעכענען, וואָס ווערן דאַן היפּשלעך פאַרשפּרייט אין די פאָלקס מאַסן. עס באַווייזן זיך אפילו די ערשטע שפּראָצן פון אַ וועלטלעכער ליטעראַטור, דער תנ״ך ווייסט צו דערציילן, אַז שלמה האָט פאַרפאַסט דריי טויזנט משלים און העכער טויזנט שירים. דאָס קאָן פאַרשטאַנען ווערן אין דעם זין, אַז אין זיינע צייטן האָט מען אָנגעהויבן פאַרשרייבן די פאָלקס משלים, די אַלטע לעגענדעס און די געזאַנגען פון נאַציאָנאַלן עפּאָס, וואָס זענען איבערגעגאַנגען מינדלעך פון דור צו דור. געוויס זענען דאַן אויך פאַרפאַסט געוואָרן נייע אָריגינעלע שאַפונגען און מסתמא אויך אונטער דער השפעה פון מלך שלמה, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די קליגסטע מלכים פון אַלע צייטן, און ווערט באַטיטלט אַלס „החכם מכל אדם”, דער קליגסטער פון אַלע מענטשן.

די מאַכט און גלאַנץ פון שלמהס מלוכה האָבן געבראַכט צו אַ שידוך צווישן דעם מלך פון די עברים און דער טאָכטער פון אַ פּרעה פון מצרים. דאָס דאָזיקע לאַנד איז שוין דאַן אַרויס פון דער געפאַלנקייט, אין וועלכער עס איז אַריין אין 1090 פאַר ד. אַ. צ. ר. און האָט שוין צוריק געהאַט די מדרגה פון אַ גרויסער מאַכט, וואָס עס וועט זיך איינגיכן אָפּרופן אויף דער צוקונפט פון דער עברישער מלוכה. די טאָכטער פון דעם לאַנד, וואָס האָט אַמאָל אַזוי אונטערדריקט די עברים, האָט געוויס נישט געקאָנט זיין ווילקאָמען אַלס פרוי פון עברישן מלך. דאָס פאָלק וואָלט אויך געקוקט קרום אויף דעם וואָס אַ געצנדינערין זאָל וווינען אין ירושלים, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן באַטראַכט צו ווערן ווי אַ הייליקע שטאָט. שלמה לאָזט בויען פאַר דער מיוחסדיקער פּרינצעסין אַ פּאַלאַץ הינטער ירושלים, דאָרטן ווערן אויך געבויט פּאַלאַצן פאַר די אַנדערע נישט־יידישע ווייבער, וואָס שלמה האָט גענומען צוליב פּערזענלעכע און פּאָליטישע טעמים; די פרויען אָרדענען איין קליינע טעמפּלען פאַר זייערע געצן און צוליב דעם מלכס פרעמדע ווייבער ווערט דאָס לאַנד פון די עברים צוריק באַפלעקט מיט

געצנדינסט, וואָס פאַרשאַפט אויפרעגונג אין די רעכטגלויביקע קרייזן פון פאָלק, בראש פון וועלכע עס שטייט דער נביא אחיהו השלוני.

די מאַסן קלאָגן זיך אויך אויף די צו הויכע צינזן, וואָס דער מלך רייסט פון זיי אויף צו קאָנען אָנהאַלטן זיין לוקסוס לעבן, פאַר וועלכן עס האָבן נישט גע־קלעקט אַלע רייכטימער פון מסחר, וואָס דער מלך האָט מאָנאָפּאָליזירט. אין נאָמען פון די אומצופרידענע טרעט אַרויס אַ קעניגלעכער באַאַמטער פון שבט אפרים, דער ענערגישער און טיכטיקער ירבעם בן נבט, וועלכער וויל אויסשפּילן די שטענדיקע ריוואַליטעט צווישן זיין שבט אפרים און דעם שבט יהודה, צו וועלכן שלמה געהערט. אחיהו השילוני און ירבעם בן נבט שליסן אַ בונד אויף אָפּצורייסן די אַנדערע שבטים פון מלך שלמה מיט זיין שבט יהודה.

צו די פאַקטאָרן פון אינערלעכער פּאָליטיק קומען צו צום סוף פון שלמהס קעניגן געוויסע פאַקטאָרן פון אויסערלעכער פּאָליטיק. מצרים איז ווידער געוואָרן אַ גרויסמאַכט און האָט אָנגעהויבן שטרעבן איינצונעמען די לענדערייען פון פאָדער־אַזיע, וואָס האָבן זיך אַמאָל געפונען אונטער איר אויבערהערשאַפט און פון וועלכע די עברים האָבן באַוויזן צו שאַפן אַ מעכטיקע אימפעריע אין די צייטן וואָס מצרים איז געווען פּאָליטיש אָפּגעשוואַכט. לעת עתה האָט נאָך מצרים נישט געקאָנט טראַכטן וועגן אַן אָנגריף אויף פאָדער־אַזיע. די מלוכה פון שלמה איז געווען צו שטאַרק, אַז מען זאָל וואַגן אויף איר אָנצופאַלן אין אַן אָפענער מלחמה. מצרים הויבט דערווייל אָן שטיצן די וואַסאַלן פון דער עברישער אימפעריע: ארם, אדום א. אַ. זי שטיצט דעם פּרעטענדענט אויפן טראָן פון ארם רזון בן אלידע, וואָס רייסט זיך אָפּ פון די עברים און דערקלערט זיך זעלבסטשטענדיק אין דמשק. זי שטיצט אויך דעם פּרינץ פון אדום, הדד, וואָס זוכט צוריקצושטעלן די אומאָפּהענגיקייט פון זיין לאַנד. אויך ירבעם בן נבט, וואָס וויל שפּאַלטן די עברישע מלוכה גופא, האָט די אונטערשטיצונג פון מצרים. ווען שלמה אַנטדעקט זיין פאַרשווערונג, אַנטלויפט ירבעם קיין מצרים, ווו ער וועט זיך אויפהאַלטן ביזן טויט פון מלך.

דער קלוגער מלך האָט טאַקע געשיקט דערהאַלטן זיין ממשלה ביזן סוף פון זיינע יאָרן, אָבער דער פּחד פאַר אַן אינערלעכן אויפשטאַנד איז געווען גענוג גרויס, ווי עס זאָגט עדות אַ פאָלקס ליד פון יענע צייטן:

הנה מטתו של שלמה,	אָט איז דאָס בעט פון שלמהן,
ששים גבורים סביב לה,	זעכציק גבורים אַרום דעם,
מגבורי ישראל,	פון די גבורים פון ישראל,
כלם אחוזי חרב,	אַלע באַגורט מיט שווערד,
מלומדי מלחמה,	געניט אין מלחמה,
איש חרבו על ירכו,	איטלעך זיין שווערד אויף זיין דיך
מפחד בלילות.	פון דער שרעק אין די נעכט.

(שיר השירים ג׳ ז)

אַז די שרעק איז נישט געווען קיין אומזיסטע, וועלן באַווייזן די פּאַסירונגען וואָס וועלן זיך אַנטוויקלען באַלד נאָך שלמהס טויט.

שפּאַלטונג און ברידער־קריג

(933 ־ 887)

שלמה האָט נישט נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון זיין פאָטער דוד און האָט נישט געלאָזט זאָלבן זיין נאָכפאָלגער ביי זיין לעבן, אַזוי אַז זיין יורש האָט ערשט געדאַרפט אָנערקענט ווערן פון די פאָלקס־עלטסטע. רחבעם, דער יורש פון שלמה, פון וועלכן דאָס פאָלק האָט דערוואַרט פאַרלייכטערונגען אין זיין שווערער לאַגע, ווי עס ווייזט זיין נאָמען, רחבעם, — דער וואָס וועט פאַרלייכטערן דעם פאָלק, וואָלט אוודאי געוואָלט געקרוינט ווערן אין ירושלים, אָבער באַלד נאָכן טויט פון שלמה, אין די טעג בין מלך למלך, קערט זיך אום ירבעם בן נבט פון מצרים און ער פירט אויס, אַז די קרוינונג זאָל פאָרקומען אין שכם, די הויפּטשטאָט פון שבט אפרים. אויך דער נאָמען פון ירבעם איז אַ גענוג סימבאָלישער: ירבעם — דער וואָס וועט קעמפן פאַרן פאָלק.

אין שכם ווערן רחבעמען צוגעשטעלט פאָדערונגען צו פאַרקלענערן די צינזן. די אַלטע ראַטגעבער עצהען, אַז דער מלך זאָלן אויפן מאָמענט נאָכגעבן. נאָך דער קרוינונג, ווען ער וועט זיין אין ירושלים, וועט מען זען וואָס עס לאָזט זיך טאָן. רחבעם, אָבער, פאָלגט די יינגערע ראַטגעבער, זיינע חברים, און נעמט אָן אַ שאַרפן הערשערישן טאָן. אויפן דריטן טאָג ענטפערט ער :

קטני עבה ממתני אבי,	מיין מינדסטער פינגער איז דיקער פון מיין פאָטערס לענדן.
אבי העמים עליכם על כבד	מיין פאָטער האָט אויף אייך אַרויפגעלאָדן אַ שווערן יאָך
ואני אסיף על־עלכם,	און איך וועל נאָך צולייגן צו אייער יאָך.
אבי יסר אתכם בשוטים	מיין פאָטער האָט אייך געשטראָפט מיט ריטער
ואני איסר אתכם בעקרבים.	און איך וועל אייך שטראָפן מיט שקאָרפּיאָנען.
	(מלכים א׳ י״ב, 12)

רחבעמס ניט געראָטענער ענטפער האָט אַריינגעשפּילט אין די הענט ירבעמען. עס ברעכט אויס אַן אָפענע מרידה, דער מלך רחבעם אַנטלויפט צוריק קיין ירושלים, די צפון־שבטים דערקלערן זיך פאַר אָפּגעריסן פון דודס דינאַסטיע :

מה לנו חלק בדוד	מיר האָבן נישט קיין חלק אין דודן
ולא נחלה בבן ישי,	און קיין ירושה אין זון פון ישי,
לאהליך, ישראל !	צו דיינע געצעלטן, ישראל !

די צפון־שבטים גרינדן אַ באַזונדער מלוכה (מלכות ישראל) און ירבעם בן נבט ווערט דער מלך פון דער דאָזיקער מלוכה. רחבעם יוערט געקרוינט אַלס מלך אין ירושלים, אָבער ער האַלט אָן די הערשאַפט נאָר אויף זיין שטאַם־שבט יהודה און טיילן פון שבט בנימין און שמעון (מלכות יהודה). דער פריערדיקער נאָמען פאַר דער מלוכה פון די עברים קאָן מער נישט באַנוצט ווערן. פון דאַנען די דריי נעמען, מיט וועלכע יידן ווערן ביז היינט באַצייכנט: העברעער (עברים), יידן (יהודים), איזראַעליטן (ישראלים).

די שפּאַלטונג איז נישט דורכגעגאַנגען בלוטלאָז. ווי נאָר רחבעם ווערט געקרוינט אין ירושלים, הויבט ער אָן אָרגאַניזירן אַן אַרמיי אויף צוריק אָנשליסן מיט כוח די אָפּגעריסענע שבטים. דעם נביא שמעיה געלינגט עס אויף אַ ווײַלע אָפּצוהאַלטן פון אַ ברידער־קריג, אָבער אַ ביסל שפּעטער ברעכט דאָך אויס אַ מלחמה צווישן ביידע מלוכות. ווען די לאַגע פון דער צפון־מלוכה (ישראל) ווערט צו שווער, קומט איר צו הילף מצרים. דער פּרעה שישק באַפאַלט יהודה, נעמט איין ירושלים און צעראַבירט אַ טייל פון די גרויסע אוצרות, וואָס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן פאַר די צייטן פון דוד און שלמה. ער נעמט אויך צו די גאָלדענע שילדן פון דער קעניגלעכער לייב־גוואַרדיע.

אויף צו פאַרזיכערן די אומאָפּהענגיקייט פון זיין נייער מלוכה זוכט ירבעם דורכצופירן די שפּאַלטונג אויך אויפן רעליגיעזן געביט. דער ארון הברית, דער סימ־וואָל פון גאָט פון די אבות, איז דאָך פאַרבליבן אין ירושלים. שאַפט ירבעם נייע סימ־וואָלן פאַר דער דאָזיקער גאָטהייט. אין די אַלטע, דורך דער טראַדיציע געהייליקטע טעמפּלען פון בית־אל און דן ווערן אַריינגעשטעלט גאָלדענע אָדער באַגילדעטע עקס־לעך, וואָס דאַרפן סימוואָליזירן „דעם גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים". די שבטים פון דער צפון־מלוכה מיינען, אַז דערמיט זענען זיי נישט געוואָרן קיין געצנדינער, זיי דינען בלויז דעם גאָט פון די אָבות אונטער אַ נייעם סימוואָל. אָבער דער דאָזיקער סימוואָל איז דאָך די געשטאַלט פון אַ לעבעדיקער באַשעפעניש, וואָס איז שטרענג פאַרבאָטן אין די צען געבאָט.

קעגן דער „זינד פון עגל" טרעט אַרויס דער זעלבער נביא אחיהו השילוני, וואָס האָט מיטגעהאָלפן ירבעמען צו גרינדן די מלכות ישראל. אין נאָמען פון גאָט פון די אבות מוסרט ער דעם מלך:

יען אשר הרימותיך מתוך העם, ואתנך נגיד על עמי ישראל,	ווייל איך האָב דיך אַרויסגעהויבן פון פאָלק און דיך געמאַכט פאַר אַ פירשט איבער מיין פאָלק ישראל,
ותלך ותעשה לך אלהים אחרים ומסכות,	און דו ביסט געגאַנגען און זיך געמאַכט פרעמדע געגאָסענע געצן,
לכן הנני מביא רעה אל בית ירבעם,	דערום ברענג איך אַן אומגליק אויף ירבעמס הויז
ובערתי אחרי בית ירבעם עד תמו	און וועל אויסראַמען זיין דינאַסטיע ביזן סוף.

(מלכים א׳ י״ד, 15־7)

די ווערטער פון נביא פאַלן נישט אין פּוסטן חלל. די דינאַסטיע פון ירבעם לעבט נישט פיל איבער איר גרינדער. זיין זון נדב קעניגט בלויז צוויי יאָר, בעשא בן אחיה, פון שבט יששכר, מאַכט אַ מרידה, טויט דעם מלך און פאַרנעמט זיין אָרט.

בעשא טראָגט אַריבער די הויפּטשטאָט פון שכם קיין תרצה. ער פירט אויך קריג קעגן מלכות יהודה, ווו עס קעניגט דאַן דאָס אייניקל פון רחבעם, אסא בן אבים. בעשא באַפעסטיקט די שטאָט רמה, וואָס קאָנטראָלירט די וועגן וועלכע פאַרבינדן ביידע מדינות און דערלאָזט נישט „אַריינגיין און אַרויסגיין" צו אסא.

אָסא רופט דאַן צו הילף דעם מלך פון אַרם, בן־הדד, וועלכער רייסט זיך אַריין אין די צפון־געביטן פון ישראל. בעשא מוז אויפגעבן די בלאָקאַדע אויף יהודה און איילן צו פאַרטיידיקן די גרענעצן פון זיין מלוכה. אָבער נישט לייכט וועט עס אָנקומען צוריק צו דעראָבערן די פאַרכאַפּטע געביטן. עס וועט קאָסטן אַ לאַנגן, ביטערן קריג, וואָס וועט דויערן אַרום הונדערט יאָר. דער נביא חנני האָט שטאַרק געמוסרט דעם מלך פון יהודה דערפאַר וואָס ער האָט גערופן פרעמדע כוחות צו אַריינמישן זיך אינעם ברידער־קריג צווישן די עברים און דערמיט געעפנט די צפון־גרענעצן פאַר די ארמים:

בהשענך על מלך ארם,	ווייל דו האָסט זיך פאַרלאָזט אויפן מלך פון ארם
ולא נשענת על ד' אלהיך,	און האָסט זיך נישט פאַרלאָזט אויף דיין גאָט,
על כן נמלט חיל מלך ארם מידך	דערום איז דאָס גוטס פון ארם אַרויס פון אונטער דיינע הענט.

(דברי הימים ב', ט"ז, ז)

אויך די דינאַסטיע געגרינדעט פון בעשא דויערט נישט פיל לענגער פון איר גרינדער. זיין זון אלה, קעניגט בלויז צוויי יאָר, און אויך די נייע מרידה ווערט צוגע־גרייט פון אַ נביא, יהוא, דער זון פון חנני, וועלכער זאָגט אויף בעשאן, אין גאָטס נאָמען, פאָלגענדעס:

יען אשר הרימותיך מן העפר,	ווייל איך האָב דיך דערהויבן פון שטויב,
ואתנך נגיד על עמי ישראל,	און געמאַכט פאַר אַ פירשט אויף מיין פאָלק ישראל
ותלך בדרך ירבעם,	און דו ביסט געגאַנגען אין וועג פון ירבעמען
ותחטיא את עמי ישראל	און האָסט געמאַכט זינדיקן מיין פאָלק ישראל,
הנני מבעיר אחרי בעשא ואחרי ביתו	ראַם איך אויס בעשאן און זיין הויז.

(מלכים א' ט"ז 2)

אין ביידע נבואות איז צו מערקן דעם אומאָפּהענגיקן טאָן פון די נביאים. דער מלך איז אָדער „אַרויסגעהויבן פון צווישן פאָלק", אָדער גאָר „דערהויבן פון שטויב". ער איז, אַלזאָ, נישט קיין אויבערמענטש, נאָר איינער פון פאָלק, וואָס קאָן הערשן בלויז אַזוי לאַנג, ווי ער גייט אין די וועגן פון גאָט, ס'הייסט, ער האַלט זיך ביי די געזעצן, אין קעגנפאַל קאָן ער באַזייטיקט ווערן און פאַרביטן ווערן אויף אַ צווייטן.

אויך די נבואה פון יהוא בן חנני האָט אַן אָפּקלאַנג אין פאָלק. דער קריגס־

פירער זמרי מאַכט אַ מרידה, טויט דעם מלך אלה און פאַרנעמט זיין אָרט. דער אוזור־פּאַטאָר קעניגט אָבער בלויז איין וואָך, עס ברעכט אויס אַ קעגן־מרידה און ער ווערט געטויט. דאָס פאָלק צעטיילט זיך דאַן אין צוויי צדדים, איינער וויל פאַר מלך אַ געוויסן תבני בן גינת, דער צווייטער שטיצט דעם קריגס־פירער עמרי. תבני פאַלט אין בירגער־קריג און דעם טראָן פאַרנעמט דער ענערגישער עמרי, וועלכער וועט גרינדן אַ דינאַס־טיע, וואָס וועט הערשן אין משך פון קנאַפּע פופציק יאָר.

דער ברידער־קריג, די אינערלעכע מרידות, די אינטערווענץ פון פרעמדע מדינות האָבן אָפּגעשוואַכט ביידע מלוכות צוגלייך. פון דער מעכטיקער עברישער אימפּעריע בלייבן צוויי אָפּגעשוואַכטע מלוכהלעך, וואָס מוזן זוכן כוח און צוריק־פאַראייניקונג אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן. דאָס וועט זיין די אויפגאַבע פון דער דינאַסטיע עמרי.

מלכים וואָס האָבן געקעניגט אין די צייטן פון ברידער־קריג

ישראל		יהודה	
ירבעם	912-933	רחבעם	917-933
נדב	911-912	אבים	915-917
בעשא	888-911	אסא	875-915
אלה	887-888		
זימרי	זיבן טעג		

12טע לעקציע

דינאַסטיע עמרי I

(887 ־ 843 פאַר ד. א. צ. ר.)

(פּאָליטישע לאַגע)

עמרי, דער גרינדער פון דער דריטער דינאַסטיע אין מלכות ישראל, איז גע־וועזן אַן ענערגישער קריגס־פירער, אַ טיכטיקער אַדמיניסטראַטאָר און אַ ווייטזיכטיקער פּאָליטיקער. ער גייט אין די דרכים פון דוד המלך אין זיין פון צוריקשטעלן די גאַנצ־קייט פון עברישן פאָלק און באַפעסטיקן זיין פּאָליטישע מאַכט. זיין פּאָליטיק פון פאַר־אייניקן דורך אַ בונד מלכות יהודה מיט מלכות ישראל ווערט פאַרגעזעצט דורך זיין זון אחאב, איינער פון די גרעסטע מלכים פון אַלטן ישראל.

עמרי פאַרטראַכט זיך קודם כל וועגן דער גאַנצקייט פון זיין מלוכה, וואָס ווערט צעריסן פון ריוואַליטעט צווישן די שבטים וואָס בילדן זי. פאַר דער קורצער צייט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט דאָס לאַנד איבערגעלעבט דריי בלוטיקע שטאַטס־קלאַפּן און איין שווערן בירגער־קריג, אַלץ צוליב דעם, וואָס די שבטים קאָנען נישט דורכקומען וועגן דער העגעמאָניע אינעם לעבן פון דער מלוכה. עמרי טוט־נאָך דעם ביישפּיל פון דודן און גרינדעט אַ נייע הויפּט־שטאָט אויף אַ נישט־באַזעסענעם פּלאַץ, אין דער האָפענונג, אַז די נייע קרוין־שטאָט, שומרון, וועט צעמענטירן די אחדות צווישן די שבטים פון צפון, ווי ירושלים האָט עס געטאָן צווישן די שבטים פון דרום. נאָך זעקס יאָר קעניגן אין תרצה, טראָגט עמרי אריבער זיין קרוין־שטאָט קיין שומרון.

עמרי שטעלט אויך אָפּ דעם ברידער־קריג מיט מלכות יהודה, מיט וועלכער ער טרעט אריין אין אַ בונד וואָס וועט אָנהאַלטן כמעט די גאַנצע צייט פון ווייטערדיקן קיום פוןביידע מלוכות. ער קניפּט אויך אָן ענגערע באַציאונגען מיטן האַלב־עברישן פאָלק פון די פעניציער. זיין טראָנפאָלגער אחאב וועט חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פון פעניצישן מלך און הויפּט־פּריסטער, אתבעל. דער בונד מיט יהודה דערלויבט עמרין צו באַהערשן די קלענערע סעמיטישע פעלקער עמון, מואב און אדום, וועלכע האָבן אין די צייטן פון ברידער־קריג צווישן ביידע עברישע מלוכות אראָפּגעוואָרפן די אויבערהערשאַפט, וואָס דוד האָט אויף זיי בשעתו ארויפגעלייגט.

נאָך וויכטיקער פון עמרים רעגירונג־צייט, וואָס האָט געדויערט צוועלף יאָר, זענען די דריי און צוואנציק יאָר קעניגן פון זיין זון אחאב. אחאב איז דער ערשטער עברישער מלך וועמענס נאָמען עס ווערט דערמאָנט אין נישט־יידישע דאָקומענטן. ער זעצט פאָר די פּאָליטיק פון זיין פאָטער צו אָנהאַלטן שלום מיט מלכות יהודה, ער מאַכט חתונה זיין טאָכטער עתליה מיט יהורם, דער זון און טראָנפאָלגער פון יהושפט, דעם מלך פון יהודה. אין שלום מיט יהודה און באַהערשנדיק די קלענערע פעלקער־שאַפטן, קאָן אחאב אונטערנעמען דעם לעצטן שריט פון צוריקשטעלן די גרויסע אימ־פּעריע פון דודן. ער פאַרפירט קריג מיט דער שטאַרקסטער מלוכה פון מזרח־זייט ירדן, מיט ארם. אָבער ארם איז שוין אַ צו שטאַרקע מאַכט, דער קעניג פון ארם וואָגט שוין גאָר צו פאָדערן, אַז אחאב זאָל זיך דערקלערן פאַר זיינעם אַ וואַסאַל, און דראָט, אַז „ער ווייסט נישט צי דער שטויב פון שומרון וועט קלעקן פאַר אַ הויפן פאַר זיין פּיל־צאָליקן חיל". אחאב ענטפערט אים מיט אַן אַלט עבריש ווערטל „אל יתהלל חוגר כמפתח", וואָס מיינט, עס זאָל זיך נישט באַרימען דער וואָס גאַרטלט זיך אונטער אויף צו גיין אין מלחמה, ווי דער וואָס גאַרטלט זיך אָפּ, ווען ער קומט פון דער מלחמה. אחאב האַלט אָפּ עטלעכע זיגן איבער ארם און ער נעמט אפילו געפאַנגען דעם קעניג בן הדד, מיט וועלכן ער שליסט אָבער אַ פריינטשאַפט־בונד, באַקומענדיק בלויז צוריק די שטעט וואָס ארם האָט אַמאָל פאַרנומען, און פרייע מערק פאַר די סוחרים פון ישראל אין דער הויפּטשטאָט פון ארם, דמשק.

די מילדע שלום־קאָנדיציעס מיט ארם ווערן אַרויסגעצוווּנגען דורך פאַקטאָרן פון דער אויסערן־פּאָליטיק.

אין מעסאָפּאָטאַמיע איז אויפגעקומען אַ נייע גרויסע מאַכט, אשור, וואָס האָט אַ מי־ליטערישע אָרגאַניזאַציע, דעראָבערישע אַפּעטיטן און צאָלרייכע רייטער־חילות, וואָס קאָנען אונטערנעמען ווייטע דעראָבערישע עקספּעדיציעס. די קלענערע פעלקער, ישראל צווישן זיי, שליסן אַ פאַרטיידיקונגס־בונד אויף קעגנצושטעלן זיך דעם נייעם „פאַרצוקער פון פעלקער". די פאַראייניקטע חילות קעמפן מיט די אשורים אין יאָר 854 ביי קרקור. ישראל באַטייליקט זיך אין דער שלאַכט מיט צוויי טויזנט רייטוועגנער און צען טויזנט פוסגייער, אַ באַדייטנדיקער כוח פאַר יענע צייטן. דער נצחון ווערט גערעכנט פאַר אשור, אָבער ער האָט צו טייער געקאָסט, אַזוי אַז דער אָנגריף פון נייעם דעראָבערער ווערט אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט. דאָס דערלויבט אחאבן צו באַנייען די מלחמה מיט ארם, וואָס האָט פאַרהאַלטן די שטאָט רמות גלעד און וויל זי נישט צוריקקערן, לויט דער התחיבות וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אין שלום־אָפּמאַך. אין יאָר 853 קומט פאָר ביי רמות גלעד אַ בלוטיקע שלאַכט צווישן די פאַראייניקטע כוחות פון ישראל מיט יהודה און די חילות פון ארם. דער אויסגאַנג פון דער שלאַכט איז אומבאַשטימט, אָבער ישראל פאַרלירט אין איר זיין גרויסן מלך, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף און איז געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד.

דער טויט פון מלך אחאב האָט געדינט אַלס סיגנאַל פאַר דער מרידה פון די וואַסאַלן־פעלקער: עמון און מואָב. זיין יורש אחזיהו איז געווען אַ קרענקלעכער מענטש, וואָס האָט געקעניגט בלויז איין יאָר און האָט נישט געקאָנט ווי געהעריק פירן די מלוכה־ענינים. די לאַגע בעסערט זיך, ווען אויפן טראָן שטייגט ארויף נאָכן קינ־דערלאָזן אחזיהו דער צווייטער זון פון אחאב, יהורם.

פאַראייניקט מיט זיין פאַרבינדעטן מלך פון יהודה, יהושפט, און מיטן מלך פון אדום, דעם וואַסאַל פון יהודה, טרעט אַרויס יהורם צו קעמפן קעגן מלך פון מואב, וואָס האָט מורד געווען אין ישראל. די מלחמה שפּילט זיך אָפּ אין די מדבריות פון נגב און עבר הירדן. עס איז וועגן איר געפונען געוואָרן אויך אַ נישט־עברישער דאָקו־מענט. דער שטיין פון משע מלך מואב, אין וועלכן ער באַרימט זיך, אַז ער האָט באַ־זיגט דעם זון פון אחאב וואָס האָט אים געזוכט צו אונטעריאָכן. אין תנ״ך ווערט דער־ציילט, אַז כאָטש די פאַראייניקטע חילות האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד מואב און באַלאַגערט איר הויפּטשטאָט, האָבן זיי דאָך געמוזט אָפּטרעטן, ווייל „עס איז געווען אַ צאָרן אויף ישראל און זיי האָבן אָפּגעצויגן פון אים (דעם מלך מואב) און צוריקגע־קערט אין זייער לאַנד״.

דער „צאָרן״ זענען געווען די חילות פון ארם, וועלכע האָבן געהאָלפן מואָב דורך דעם וואָס זיי האָבן אָנגעגריפן ישראל פון צפון און געצוווּנגען מלך יהורם צו איילן מיט זיינע קרעפטן צו פאַרטיידיקן זיין לאַנד. די מלחמה איז געווען זייער אַ שווערע. די הויפּטשטאָט שומרון איז אויסגעשטאַנען אַ שווערע באַלאַגערונג, וואָס האָט ארויסגערופן אַ שאַרפן הונגער; די שטאָט האָט געהאַלטן ביי פאַלן, אָבער פּלוצלינג זענען די ארמים אָפּגעטרעטן. אַ קאָאַליציע פון חתישע מלכים איז באַפאַלן ארם און די באַלאַגערער פון שומרון האָבן געמוזט איילן צו פאַרטיידיקן זייער אייגן לאַנד.

דעם מלך יהורם געלינגט צו רעאָרגאַניזירן זיינע קרעפטן און אונטערנעמען אַן אָנגריף קעגן ארם. ביי רמות־גלעד ווערט יהורם פאַרוווּנדעט אין איינער פון די שלאַכטן און האָט געמוזט אָפּפאָרן אין זיין ווינטער־רעזידענץ, יזרעאל, אויף דער־האָלונג. די סיטואַציע נוצט אויס דער אַמביציעזער קריגס־פירער יהוא בן נמשי, וועל־כער האָט פאַרטראַכט אַ מרידה קעגן יהורם. יהוא האָט פאַר זיין מרידה באַקומען די ברכה פון נביא אלישע, וועלכער האָט אים געלאָזט זאַלבן בשתיקה אַלס מלך פון ישראל. די מרידה פון יהוא איז ענג פאַרבונדן מיטן סאָציאַל־רעליגיעזן קאַמף, וואָס ווערט באַ־האַנדלט אין קומענדיקן קאַפּיטל. ווען די מרידה ברעכט אויס, נעמט יהוא אַ טייל פון מיליטער וואָס באַלאַגערט רמות גלעד און לאָזט זיך קיין יזרעאל. דער מלך יהורם פאָרט אַרויס אים מקבל פנים זיין צוזאַמען מיט זיין פּלימעניק אחזיהו, דעם קעניג פון יהודה. יהוא טויט ביידע מלכים, ווי אויך די אַלטע מלכה איזבל, וואָס ווערט געהאַלטן פון פאָלק פאַר שולדיק אין די אומגליקן וואָס האָבן געטראָפן דאָס לאַנד, ווייל מיט איר אויסגעלאַסנקייט און כשוף האָט זי ארויסגערופן דעם צאָרן פון גאָט. יהוא מאָרדעט

אוים די גאַנצע דינאַסטיע פון אחאב און שטייגט ארויף אויפן טראָן פון ישראל, אויף וועלכן זיין דינאַסטיע וועט זיך האַלטן קרוב צו הונדערט יאָר.

* *

רואיק און צופרידן איז געפלאָסן דאָס לעבן אין יהודה די גאַנצע צייט וואָס די דינאַסטיע עמרי האָט געוועלטיקט אין ישראל. אָפּגעשטעלט דער ברידער־קריג צווישן די צוויי מלוכות וואָס האָבן באַלאַנגט צו איין פאָלק, איז יהודה געוואָרן די געטרייע פאַרבינדעטע פון דער שטאַרקערער און רייכערער מלכות ישראל. קעניג יהושפט פון יהודה באַגלייט די מלכים פון ישראל אחאב און יהורם אויף זייערע מלחמות מיט די אַרומיקע פעלקער. ער האָט אָבער אויך צייט אָפּצוגעבן זיך מיט אינערלעכע ענינים.

ער איז דער ערשטער מלך, וואָס גיט צו צו זיין פּערזענלעכן נאָמען שפּט די דריי אותיות י. ה. ו., וואָס באַצייכענען דעם נאָמען פון גאָט פון די אבות, אַלס סימן אַז ער איז זיין געטרייער דינער, מערערע מלכים וועלן אין די קומענדיקע דורות נאָכ־טאָן זיין ביישפּיל. עס ווערט דערציילט, אַז יהושפט האָט געמאַכט די ערשטע שריט אויף איינצופירן פאָלקס־בילדונג, ווי אויך איינשטעלן א רעגלמעסיקן געריכטס־וועזן. ער זאָל אויך געווען אָנהויבן אָפּצוהיטן די געזעצן פון שמיטה און יובל. יהושפט פּרוּווט אויך באַנייען דעם אינטערנאַציאָנאַלן ים־האַנדל, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן אין די צייטן פון שלמה און איז בטל געוואָרן בשעת דעם ברידער קריג צווישןביידע מלוכות. בשותפות מיט אחזיה, דעם זון פון אחאָב און מלך פון ישראל, בויט ער א פלאָט אין עציון גבר, ביי אילת, אויפן ים־סוף. אָבער עס פעלט די מיטווירקונג פון די דערפאַרענע ים־פאָרער, די פעניציער, און די שיפן ווערן צעבראָכן ביים אַרויס־פאָרן אין ים.

נאָכן טויט פון יהושפט נעמט איבער די מלוכה זיין זון יהורם, וועלכער איז א געטרייער פאַרבינדעטער פון דעם מלך פון ישראל מיטן זעלבן נאָמען, און ליידט אויך פון זיינע מפּלות. אין זיינע צייטן באַפרייט זיך אדום פון איר אָפּהענגיקייט פון יהודה, אויך די שטאָט לבנה דערקלערט זיך זעלבסטשטענדיק.

ווען יהורם שטאַרבט, באַשטייגט דעם טראָן זיין זון אחזיהו, וועלכער ווערט געטויט צוזאַמען מיטן מלך פון ישראל יהורם, בשעת דער מרידה פון יהוא.

מלכים פון די צייטן פון דער עמרי־דינאַסטיע

ישראל		יהודה	
עמרי	876-887	אסא	875-887
אחאב	853-876	יהושפט	851-875
אחזיהו	852-853	יהורם	844-851
יהורם	843-852	אחזיהו	843-844

13טע לעקציע

דינאַסטיע עמרי II

(סאָציאַל ־ רעליגיעזער קאַמף: אליהו הנביא, אלישע)

די מלוכה־יאָרן פון מלך אחאב זענען אויך וויכטיק צוליב דעם העפטיקן סאָציאַל־רעליגיעזן קאַמף, וואָס ווערט אָנגעפירט אין לאַנד און בראש פון וועלכן עס שטייט דער נביא אליהו.

די פעניציִשע מלכה, איזבל, פירט איין אין ישראל די מנהגים פון פעניציִשן קעניגלעכן הויף און דעם קולט פון זייער אָפּגאָט בעל, ביידע זאַכן זענען נישט געווען אין הסכם מיטן כאַראַקטער און מיט די רעליגיעזע פּרינציפּן פון די ישראלים. דער מעמד פון אַ מלך אין ישראל איז געווען גאַנץ פאַרשידן ווי פון די מלכים ביי אַנדערע פעלקער. די מלכים פון אַלטערטום פלעגן צושרייבן זייער יחוס צו פאַרצייטיקע העלדן און אַפילו צו געטער. ביי אַ סך פעלקער איז דער מלך אויך געווען דער הויפּט־פּריס־טער פון דעם פאָלקס־גאָט, פון וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אָפּשטאַמער און נישט זעלטן פאַר אַ פאַרקערפּערונג. אַזאַ מיוחסדיקער אויבערמענטש האָט געהאַט באַזונדערע רעכט, ער איז געווען באַלעבאָס איבער לעבנס און פאַרמעגנס און האָט געקאָנט טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט. גאַנץ אַנדערש איז געווען דער ענין ביי די עברים אין ישראל און יהודה. די מלכים פון די עברישע לענדער זענען באַטראַכט געוואָרן ווי פּשוטע בשר־ודמס, טאַקע געזאַלבט פון גאָט צו רעגירן, אָבער זיי מוזן עס טאָן אין הסכם מיט די געזעצן און מנהגים, קיין ווילקיר איז זיי נישט דערלויבט; טויטן אָן אַ דין אָדער צונעמען פאַרמעגן איז זיי פאַרבאָטן.

די מלכים פון די עברים זענען נישט געווען קיין כהנים, די כהונה איז טאַקע געווען אונטערגעוואָרפן דער מלוכה, אָבער דאָך האָט זי אויסגעאיבט אַ געוויסע השפּעה. ביי די עברים זענען אויך געווען נביאים וואָס האָבן גערעדט אין נאָמען פון גאָט און צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך געמוזט צוהערן. אין די צייטן פון אחאב האָט גע־לעבט דער נביא אליהו, אַ פּויערים־זון פון לאַנד גלעד אין עבר הירדן, ווי עס שיינט פון נישט גאָר גרויסן יחוס, ווייל עס איז אַפילו נישט באַוווּסט דער נאָמען פון זיין

פּאַטער, וואָס פלעגט שטענדיק פּאַרצייכנט ווערן ביי פערזאָנען פון העכערן יחוס. זיין נאָמען איז אָבער פילבאַדייטנדיק, אלי־יהו, ס׳הייסט: מיין גאָט איז י.ה.ו., דער אָפּגע־קירצטער, נישט פולע נאָמען פון גאָט פון די אבות.

דער ערשטער קאָנפליקט צווישן אחאב און אליהו איז אויסגעבראָכן, ווען דער מלך האָט אוועקגערויבט א וויינגאָרטן פון איינעם נבות, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן פאַר קיין געלט די נחלה, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיינע אבות. יידן זענען פון קדמונים געווען צוגעבונדן צו זייער באָדן, בפרט צו דער נחלה, וואָס קומט פון ירושה. דער מלך האָט אָבער נויטיק געדאַרפט האָבן דעם פּלאַץ אויף צו פאַרגרע־סערן זיין ווינטער־פּאַלאַץ אין יזרעאל, און זייענדיק טריי דער יידישער טראַדיציע, האָט ער זיך דאָ קיין עצה נישט געקאָנט געבן. צו הילף איז אים געקומען זיין פעני־צישע פרוי איזבל. זי האָט אויך נישט געוואָגט גלאַט אַזוי צונעמען פרעמד פאַרמעגן, דאָס, האָט זי פאַרשטאַנען, וועט ביי די עברים אַרויסרופן א צו שטאַרקן אויפברויז, האָט זי געלאָזט פאַרפירן א פּראָצעס קעגן נבות, כלומרשט פאַר גאָט־לעסטערונג און באַליידיקן דעם מלך. אונטערגעשטעלטע עדות האָבן עס באַשטעטיקט און דינסטגרייטע ריכטער האָבן נבותן פאַרמשפּט צום טויט און צו קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן לטובת דעם מלך. דאָס לעצטע איז אינגאַנצן געווען דערווידער די עברישע באַגריפן פון אייגנ־טום און ירושה־רעכט. אָבער דאָ איז אויפגעטראָטן דער נביא, און ווען אחאב קומט איבערצונעמען דעם וויינגאָרטן פון נבות, דערשיינט פאַר אים אליהו און עס קלינגען אָפּ די שאַרפסטע טאַדל־ווערטער: „הרצחת וגם ירשת?״ האָסט דערמאָרדעט און ביסט נאָך געקומען ירשנען?! דער ערשטער פּראָטעסט וואָס איז אויף דער וועלט געהערט געוואָרן קעגן ווילקיר פון די דעספּאָטישע מאַכט־האָבער. דער פאַקט, וואָס אחאב האָט אַראָפּגעשלונגען די שאַרפע מוסר רייד פון נביא באַווייזט, אַז טיף אין זיין עבריש האַרץ האָט ער אנערקענט, אַז אליהו איז גערעכט.

נאָך שאַרפער איז געווען דער קאָנפליקט צוליב די איינפירונגען פון איזבל אויפן געביט פון רעליגיע. אין מלכות ישראל איז די עברישע רעליגיע באַ־איינפלוסט געוואָרן פון די אַרומיקע קולטן. מען האָט טאַקע געדינט צום גאָט פון די אָבות, מ׳האָט אים אָבער אָנגעהויבן פאַרגעטערן אין א זעבאָרן סימ־וואָל, אין געשטאַלט פון א יונג עקסל, דעם סימוואָל פון פּריה ורביה. אָבער די רעליגיע איז דאָך געבליבן ריין פון מיטאָלאָגיע, פריי פון די אָפּשיילעכע געצנדינע־רישע מנהגים, ווי הייליקע זנות און, בעיקר, מענטשלעכע קרבנות, פון וואָס די עברים האָבן פון די גאָר אַלטע צייטן זיך אָפּגעטרייסלט מיט גרויל. גאָר אַנדערש איז געווען דער קולט פון בעל און פון זיין פּאַר עשתורת. עס איז געווען א קולט פול מיט דער אָפּשיילעכסטער אויסגעלאַסנקייט און וואָס האָט פון צייט צו צייט אויך געפאָדערט מענטשלעכע קרבנות. דעם דאָזיקן קולט האָט די מלכה איזבל מיטגעבראַכט פון איר היימלאַנד און ער האָט גיך געפונען אָנהענגער אין די הויף־קרייזן, ווי אויך נאָכ־טענצער אין די רייכערע שיכטן. אויף צו בלייבן גאַנץ מיט זיך אליין, האָט מען אויך

נישט אינגאַנצן פאַרוואָרפן דעם קולט פון גאָט פון די אבות, מען האָט געדינט סיי גאָט, סיי דעם בעל. אליהו איז מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין ברויזנדיקער נאַטור און פלאַמיק וואָרט אַרויס אין קאַמף קעגן אַזאַ טאָפּלטקייט אין גייסטיקע, רעליגיעזע ענינים.

אויסנוצנדיק אייניקע יאָרן טריקעניש, וואָס האָבן שטאַרק געפּלאָגט דאָס לאַנד, האָט אליהו געמענהט צום מלך, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר טאָלערירן דעם קולט פון בעל און האָט געפאָדערט צו פאַררופן אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל באַשליסן אין דער אָנגעלעגנהייט. עס איז געווען אַן אור־אַלטער איינפיר ביי די עברים, אַז אין פראַגן פון גאָר גרויסער וויכטיקייט פלעגט מען פאַררופן אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג צו באַשליסן. די גרויסע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אויף איינעם פון די כרמל־בערג, וווּ עס איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזטער, האַלב־צעשטערטער מזבח פון נאַציאָנאַלן קולט. דאָרט האָט אליהו אַרויסגערופן די כהנים פון בעל אויף אַ געפעכט פון ווערטער מיט מופתים, און האָט געפאָדערט פון דער פאַרזאַמלונג, זיי זאָלן אויפהערן „היפּען אויף צוויי צווייגן" און באַשליסן צווישן גאָט און בעל. ער האָט מיט זיינע מופתים און רייד אַזוי געווירקט אויפן פאָלק, אַז די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן: „ד' הוא האלהים", בלויז גאָט איז גאָט! אַן אויסרוף מיט וועלכן עס ווערן ביז היינט פאַר־ענדיקט די תפלות אין אַלע שולן אין דעם היילִיקסטן טאָג פון יאָר, אום יום־כפור.

דערמיט איז נאָך אָבער דער קאַמף נישט געווען פאַרענדיקט. דער באַשלוס פון דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט נאָר געשטאַרקט די הענט פון אליהו און זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן פאַרפירט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן די כהנים־נביאים פון בעל און הונדערטער פון זיי געטויט. אויך אליהו האָט נישט איינמאָל געשפּילט מיטן לעבן אין קאַמף קעגן איזבל. אין אַ צייט אַרום ווערט אליהו פאַר־שווּנדן, דאָס פאָלק הויבט אָן גלויבן, אַז ער איז אַ לעבעדיקער אַרויף אויפן הימל.

אליהו איז אַריין אין דער פאָלקס פאַנטאַזיע ווי דער „קנא קנאתי", דער אייַ־פערדיקער אָפּהיטער פון בונד צווישן דעם גאָט פון ישראל און זיין פאָלק. לויטן פאָלקס גלויבן איז ער אָנוועזנד ביי יעדער ברית מילה, ווו עס ווערט מיט בלוט פאַר־חתמעט דער בונד צווישן יעדן ניי־געבוירענעם ייד מיטן גאָט פון די אבות און זיין פאָלק. נעבן דעם שטול פון דער אָפּעראַציע שטייט אַ צווייטער, אַ ליידיקער „כסא של אליהו". דעם גרויסן קעמפער פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און רעליגיעזער דער־הויבונג איז דורך דער פאָלקס פאַנטאַזיע אויך צוגעטיילט געוואָרן די מיסיע פון אָנזאָגן דאָס אָנקומען פון דער גאולה. ביי יעדן סדר־טיש, ווו עס ווערט געפייערט דער אָנדענק פון דער ערשטער באַפרייאונג פון מצרים, שטייט אַ כוס, וואָס טראָגט דעם סימוואָלישן נאָמען כוסו של אליהו, ווי ער וואָלט וואַרטן אויפן ליכטיקן אָנזאָגער פון דער ענדגילטיקער גאולה. די פאָלקס־לעגענדע פון אַלע צייטן האָט באַצירט אליהון מיט די וווּנדערבאַרסטע דערציילונגען פון הילף פאַרן כלל און יחיד.

דער קאַמף קעגן דעם קולט פון בעל האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פאַרן

נאַציאָנאַלן קולט. זייט דאַן קומט אויף דער מנהג, אַז מלכים און אַלע וויכטיקע מענטשן זאָלן צוגעבן צו זייער נאָמען די דריי אותיות י.ה.ו. אָדער בלויז צוויי י.ה. פאַרקירצונגען פון גאָטס נאָמען. אפילו די קינדער פון אחאב און איזבל טראָגן נעמען מיט די דאָזיקע אותיות: יהורם, אחזיהו, עתליה. אָבער דער זיג איז נאָך נישט קיין אבסאָלוטער. אין די קרייזן אַרום איזבל ווערט אַלץ פּראַקטיצירט דער קולט פון בעל. דער תלמיד פון אליהו, אלישע בן שפט, וועט נאָך דעם געהיימניספולן פאַרשווינדן פון רבין פאָרזעצן דעם קאַמף. ער וועט אָרגאַניזירן די מרידה פון יהוא, וואָס וועט אויף אַ דראַסטישן אופן פאַרענדיקן מיט דער דינאַסטיע וואָס האָט איינגעפירט דעם קולט פון בעל און וועט אויסרייניקן דאָס לאַנד פון דעם העסלעכן קולט.

נביאים וואָס האָבן געווירקט אין יענע צייטן:

אליהו הגלעדי אלישע בן שפט מיכיהו בן ימלא

14טע לעקציע

דינאַסטיע יהוא I

(843 ־ 744 פאַר ד. א. צ. ר.)

די דינאַסטיע געגרינדעט פון יהוא בן נמשי האָט רעגירט אין מלכות ישראל ניין און נײַנציק יאָר. פינף דורות פון דער דינאַסטיע זענען געזעסן אויפן טראָן פון ישראל, וואָס האָט אונטער איר ממשלה דערגרייכט אַ גאָר הויכע מדרגה פון מאַכט און ווױלשטאַנד.

נישט אַזוי לײַכט איז אָנגעקומען יהואן (816-843) אַרויסצופירן דאָס לאַנד פון דער אָפּגעשוואַכטקייט, אין וועלכער די פאַרצויגענע מלחמה מיט ארם, ווי אויך דער בירגער־קריג, וואָס זײַן מרידה האָט אַרויסגערופן, האָבן עס אַרײַנגעוואָרפן. נישט זײַענדיק בכוח צו אַנטקעגנשטעלן זיך ארם מיט אייגענע קרעפטן, רופט יהוא צו הילף דעם מעכטיקן קעניג פון אשור, שלמנאסר דעם דריטן. ער דערקלערט זיך פאַר זײַנעם אַ וואַסאַל און קויפט מיט רײַכע מתנות זײַן הילף קעגן ארם. אויפן אָבעליסק, וואָס יענער מלך פון אשור האָט אויפגעשטעלט, קאָן מען ביז הײַנט זען די פיגורן פון דער געזאַנדשאַפט, וואָס ברענגט די מתנות פאַרן מעכטיקן אשורישן הערשער פון „קעניג יאוא פון הויז עמרי". שלמנאסר האָט געהאַלטן יאוא (יהוא) פאַר אַ זון פון דער עמרי־דינאַסטיע.

שלמנאסר נעמט אונטער אַ קריגס־צוג קעגן ארם, וואָס מוז אָפּשוואַכן זײַן דרוק אויף ישראל. אָבער די מלחמה מיט ארם ציט זיך נאָך אַלץ און די גאַנצע צײַט וואָס יהוא רעגירט, ווי אויך בעת דעם קעניגן פון זײַן זון יהואחז (816-800), קעמפן זיי מיט גאַנץ ווייניק דערפאָלג קעגן ארם. ערשט דעם אייניקל פון יהוא, דעם מעכטיקן מלך יהואָש (800-785) געלינגט עס צו צעברעכן דעם כוח פון ארם אין בלוטיקע שלאַכטן ביי אפק און געבן ישראל די נויטיקע זיכערקייט און רו.

אין די צײַטן פון די ערשטע דריי מלכים פון דער דינאַסטיע יהוא לעבט אויך איבער מלכות יהודה אַ רייע אינערלעכע אויפטרייסלונגען, פיר שטאַטס־קלאַפּן, וואָס צעטרייסלען דאָס לעבן פון דער מדינה.

ווען קעניג אחזיהו בן יהורם פאלט אין 843, צוזאמען מיט זיין פעטער, יהורם מלך ישראל, אונטער די פיילן פון דעם מורד יהוא בן נמשי, פירט דורך זיין מוטער עתליה א שטאטס־קלאפ אין יהודה. זי טויט אלע קינדער פון מלך, פארכאפט דעם טראן, אויף וועלכן זי האלט זיך גאנצע זעקס יאר. זי פירט אויך איין אין די הויף־קרייזן דעם עפנטלעכן קולט פון בעל, וואס זי האט גע׳ירשנט פון איר מוטער איזבל.

אבער דעם כהן גדול יהוידע געלינגט אפצוראטעווען איין קינד פון אחזיהו, דעם גאר יונגן יהואש, וועלכן ער באהאלט אוים אין די אינעוווייניקסטע צימערן פון בית המקדש די גאנצע זעקס יאר, וואס עתליה רעגירט דאס לאנד. אויפן זיבעטן יאר ארגאניזירט יהוידע א פאלקס־אויפשטאנד, זעצט אראפ עתליהן און לאזט זי טויטן, צע־שטערט דעם טעמפל פון בעל און רייניקט אפ דאס לאנד פון בעל־קולט. יהואש שטייגט ארויף אויפן טראן פון זיינע אבות.

יהואש בן אחזיהו איז א שוואכער רעגירער, ער איז אינגאנצן אונטער דער השפעה פון די כהנים, גיט זיך אפ מיט פארשענערן דעם בית המקדש, אבער ווען ארם פאלט אן אויפן לאנד, קאן ער זיך נישט פארטיידיקן און קויפט זיך אוים מיט די אוצרות פון קעניגלעכן פאלאץ און בית המקדש. די שוואכקייט פון קעניג רופט ארוים א גרויסע אומצופרידנקייט. א הויף־פארשווערונג טויט דעם מלך, און דעם טראן באשטייגט זיין זון אמציהו.

להיפך צו זיין פאטער, איז אמציהו אן ענערגישער, קריגערישער מלך. ער פארמשפט צום טויט די מערדער פון זיין פאטער, ער שוינט אבער זייערע פאמיליעס, אין הסכם מיטן געזעץ, וואס לויטעט:

לא יומתו אבות על בנים	פאטערס זאלן ניט געטויט ווערן פאר קינדער,
ובנים לא יומתו על אבות,	און קינדער זאלן ניט געטויט ווערן פאר פאטערס.
כי אם איש בחטאו יומת.	נייערט, יעטוועדער פאר זיין זינד זאל געטויט ווערן.

(מלכים בי י״ד־6)

אמציה קערט אום אדום אונטער דער אויבערהערשאפט פון יהודה. ער פאר־פירט אויך קריג מיטן מעכטיקן מלך פון ישראל יהואש, וועלכער זאגט זיך לכתחילה אפ אנצונעמען זיין קריגס־ארויסרוף, אבער לסוף מוז ער ארויסטרעטן אין מלחמה. אמציה ווערט געשלאגן, ער מוז אפטרעטן יהואשן די אוצרות פון ירושלים, לאזן מאכן נידעריקער די מויערן פון שטאט, און געבן זיינע קינדער אלס משכנות, אז ער וועט בלייבן טריי דעם בונד מיט ישראל. די מפלה רופט ארוים אן אויפברויז קעגן אמציה, וועלכער ווערט אויך דערמארדעט אין א שטאטס־קלאפ, און דאס פאלק פירט ארויף אויפן טראן זיין זון, דעם יונגן און ענערגישן עזריה, וואס וועט אלס מלך אננעמען דעם נאמען עוזיהו.

מיטן באשטייגן דעם טראן פון ישראל דורך ירבעם בן יהואש (785) און עוזיהו בן אמציהו אין יהודה (780), הויבט זיך אן אן עפאכע פון וווקס און אויפבלי

פארביידע עברישע מלוכות, די יאָרן 785-745 זענען פון די גליקלעכסטע צייטן אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק. אונטער די קלעפּ פון מעכטיקן אשור ווערט דער שטענדיקער שונא, ארם, שטארק אָפּגעשוואכט. ירבעם קאָן באפרייען די גאנצע טעריטאָריע פון ישראל און אפילו פארנעמען דמשק. די קלענערע מלוכות עמון און מואב זענען צוריק ווי אין די צייטן פון דוד און שלמה, עמרי און אהאב וואסאַלן פון ישראל, אדום און די פלשתים זענען צו יענער צייט וואסאלן פון יהודה. די גינסטיקע פּאָליטישע סיטו־אציע, דער שלום אין לאנד, דערלויבט דעם אַרבעטזאַמען עברישן פּויער צו פאַרגרע־סערן די פּראָדוקציע. עס צעבליט זיך דער האנדל, ביידע מדינות ווערן שטארק רייך. וועגן גלענצנדיקן מצב פון יהודה, סיי פּאָליטיש, סיי מיליטעריש האָבן מיר די באַ־גלויבטע עדות־זאָגן פון ישעיהו הנביא:

ותמלא ארצו כסף וזהב,	אז אָנגעפילט איז זיין לאנד מיט זילבער און גאָלד
ואין קצה לאוצרותיו	און ניטאָ קיין שיעור צו זיינע אוצרות,
ותמלא ארצו סוסים	און אָנגעפילט איז געוואָרן זיין לאנד מיט פערד
ואין קצה למרכבותיו	און נישטאָ קיין שיעור צו זיינע רייטוועגן.

(ישעיה ב׳־ז)

וועגן ישראל זינגט א ליד פארפאסט אין יענע צייטן:

וישכן ישראל בטח,	און ישראל רוט אין זיכערקייט
בדד עין יעקב,	אָפּגעזונדערט — דער קוואַל פון יעקב,
אל ארץ דגן ותירוש,	אין א לאנד פון תבואה און וויין,
אף שמיו יערפו טל	און זיינע הימלען טריפן טוי.

(דברים ל״ג־28)

און וועגן גאנצן פאָלק צוזאמען זאָגט א נבואה, וואָס ווערט צוגעשריבן א נישט־יידישן נביא בלעם, וועמען מען זאָל נאָך אין די פאָריקע צייטן האָבן אָנגעדונגען צו שעלטן די עברים, אָבער אויף גאָטס באפעל האָט ער זיי גאָר געבענטשט:

מה טבו אהליך יעקב,	ווי שיין זענען דיינע געצעלטן, יעקב,
משכנותיך ישראל!	דיינע וווינונגען, ישראל!
כנחלים נטיו,	ווי טייטלבוימער אויסגעשטרעקט,
כגנות עלי נהר	ווי גערטנער ביים טייך,
כאהלים נטע ה׳,	ווי אלאָען וואָס גאָט האָט געפלאנצט.
כארזים עלי מים	ווי צעדערן ביים וואסער.

(במדבר כ״ד 6־5)

די ערשטע צוויי פערזן פון אָט דעם שיר ווערן ביז היינט געזאָגט ביים אריינ־קומען אין א שול.

דער גליקלעכער מצב פון פאָלק העלפט צו דער אַנטוויקלונג פון גייסטיקן לעבן. עס הויבט זיך אָן צו אנטוויקלען ביי דער זייט פון דער אָפיציעלער הויף־נבואה א פאָלקס־נבואה וואָס שאפן אירע ווערק בכתב און וועט מאכן די התחלה פאר די

נבואה־ספרים פון תנ"ך. אין לאַנד באַווייזן זיך אויך פיין אויסגעאַרבעטע קונסט־ווערק. נישט לאַנג צוריק האָט מען געפונען די שטעמפּלען פון מיניסטאָרן פון ירבעם און עוזיה, וואָס ווייזן א פיינע אנטוויקלונג פון דער גראַוויר־קונסט.

מיט שטאָלץ זינגט דאָן דער משורר :

אשריך ישראל! מי כמוך?	וווּיל איז דיר ישראל! ווער איז דיין גלייכן!
עם נושע בד', מגן עזרך,	א פאָלק געהאָלפן פון גאָט, דער שילד פון דיין הילף.
ואשר חרב גאותך	און וואָס איז די שווערד פון דיין גרויסקייט
ויכחשו אויביך לך,	און דיינע פיינד וועלן איינגיין פאַר דיר,
ואתה על במותימו תדרך	און דו וועסט אויף זייערע הייכן טרעטן.

(דברים ל"ג־29)

א באַשרייבונג פון דעם לוקסוס־לעבן פון די רייכערע שיכטן געפינען מיר אפילו ביים נביא עמוס :

השוכבים על מטות שן	די וואָס ליגן אויף בעטן פון עלפּענביין
וסרוחים על ערשותם,	און אויסגעצויגן אויף זייערע געלעגערס,
ואוכלים כרים מצאן,	און עסן לעמער פון די שאָף
ועגלים מתוך מרבק.	און קעלבער פון שטאַל,
הפרטים על פי הנבל,	די וואָס צימבלען אויף דער גיטאַר,
כדוד חשבו להם כלי שיר,	אַזוי ווי דוד האָבן זיי אויסגעטראַכט כלי־זמר,
השותים במזרקי יין,	די וואָס טרינקען וויין פון שפּרענגבעקנס
וראשית שמנים ימשחו.	און זאַלבן זיך מיט די בעסטע בוימלען.

(עמוס ו, 4־6)

שטאַרק מיליטעריש, רייך עקאָנאָמיש, אנטוויקלט קולטורעל, זענען געווען ישראל און יהודה אין די יאָרן 785־745.

15 טע לעקציע

דינאַסטיע יהוא II

(קולטור־סאָציאַלע אַנטוויקלונג)

אין די צייטן פון דער יהוא דינאַסטיע אַנטוויקלט זיך שטאַרק די פאָלקס־נבואה, וואָס באַקעמפט די אָפיציעלע נבואה, וועלכע ווערט ווי ביז דאַן, אויסגעהאַלטן אין די קעניגלעכע הויף. די אָפיציעלע נבואה איז אַריין אין דער געשיכטע מיטן ביי־נאָמען נביאי השקר (די נביאים פון פאַלשקייט), די געטלעכע פאָלקס נבואה איז באַ־קאַנט אַלס נביאי האמת (די נביאים פון ריכטיקייט). ביידע נבואות זענען די זעלבע דערשיינונגען, נאָר אין פאַרשידענעם ליכט.

אין דער צייט וואָס די אָפיציעלע הויף־נבואה באַזינגט די מאַכט און דעם גלאַנץ פון דער מלוכה, זוכט די פאָלקס־נבואה גאָר אַנדערע גליקן. מאַכט פון אַ מלוכה באַדייט נישט אַלעמאָל דאָס גליק פון פאָלק. צייטנווייז איז עס גאָר להיפך. בשעת די מאַכטהאָבער און די רייכע גענעסן דאָס גוטס פון לאַנד, קרעכצן די אָרעמערע שיכטן אונטער דעם יאָך פון שווערע צינזן און אַנדערע מלוכה־לאַסטן. די פאָלקס־נבואה טרעט אַרויס מוטיק צו מאָנען דאָס גליק פון די פאָלקס־מאַסן. זי מוסרט די מאַכטהאָבער פאַר זייער נישט־ערלעכער סאָציאַלער פּאָליטיק, פאַר אונטערדריקן די אָרעמע, פאַר נישט אויסטיילן זיי קיין גערעכטיקייט. די סאָציאַלע נבואה איז דער גרעסטער ביי־טראָג פון יידישן פאָלק צום קאַמף פאַרן גליק פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אין די צייטן פון ירבעם בן יואש הויבט אָן צו זאָגן זיינע נבואות דער שטרענגער עמוס, אַ פּאַסטוך פון תקוע וואָס אין יהודה. ער מאָנט גערעכטיקייט פאַרן אָרעמאַן, פאַרשטענדעניש פאַרן נויטבאַדערפטיקן. דינען גאָט דורך טאָן גוטס. עמוס קוקט גאָר אַנדערש אויפן מצב אין ישראל. ער זאָגט אין נאָמען פון גאָט:

על שלשה פשעי ישראל	פאַר דריי פאַרברעכנס פון ישראל,
ועל ארבעה לא אשיבנו,	יאָ, פאַר פיר, וועל איך אים ניט פאַרגעבן,
על מכרם בכסף צדיק,	פאַר זייער פאַרקויפן פאַר געלט דעם גערעכטן
ואביון בעבור נעלים,	און דעם אָרעמאַן פאַר אַ פּאָר שיך,

(עמוס ב׳־6)

אין יהודה איז הפנים די סאָציאַלע גערעכטיקייט בעסער, אָבער דאָרט האָט אויך עמוס וואָס אויסצוזעצן :

על מאסם תורת ד׳	פאַרוואָס זיי האָבן פאַראַכט די תורה פון גאָט
וחקיו לא שמרו	און זיינע געזעצן ניט געהיט
ויתעום כזביהם,	און זייערע ליגנס האָבן זיי פאַרפירט,
אשר הלכו אבותיהם אחריהם.	וואָס זייערע עלטערן זענען נאָכגעגאַנגען נאָך זיי.

(עמוס ב׳־4)

ביי אַזאַ צושטאַנד פון סאָציאַלן אומרעכט און רעליגיעזער געפאַלנקייט זאָגט גאָט דורכן מויל פון עמוס :

מתאב אני את גאון יעקב,	איך פאַראומווערדיק די שטאָלץ פון יעקב
וארמנותיו שנאתי	און זיינע פּאַלאַצן האָב איך פיינט געקראָגן,
והסגרתי עיר ומלאה.	און איך וועל איבערענטפערן די שטאָט מיט איר פולקייט!

(עמוס ו׳־8)

אפילו די פייערלעכע גאָטעסדינסטן מיט מוזיק און געזאַנג אין די מקדשים איז נישט לרצון דעם גאָט פון ישראל. ער פאָדערט עטוואָס גאָר אַנדערש.

הסר מעלי המון שיריך	טו אָפּ פון מיר דאָס ברומען פון דיינע געזאַנגען
וזמרת נבליך לא אשמע,	און דאָס שפּילן פון דיינע גיטאַרן וויל איך ניט הערן.
ויגל במים משפט	נאָר זאָל קוועלן ווי וואַסער גערעכטיקייט
וצדקה כנחל איתן.	און רעכטפאַרטיקייט ווי אַ שטאַרקער שטראָם.

(עמוס ה׳ 24־23)

פאַר די סאָציאַלע עוולות ווייסט גאָר עמוס נישט קיין פאַרגעבן. ווייל מען רויבט אָרעמע איז :

בתי גזית תבנו ולא תשבו בם,	הייזער פון שטיין האָט איר געבויט און וועט אין זיי ניט זיצן.
כרמי חמד נטעתם ולא תשתו את יינם,	פּרעכטיקע וויינגערטנער געפלאַנצט און וועט זייער ווין ניט טרינקען,
והפכתי חגיכם לאבל	און איך וועל פאַרקערן אייער יום־טוב אין טרויער
וכל שיריכם לקינה.	און אַלע אייערע לידער אין קלאָג.

אפילו דער העלדישער און באַליבטער מלך ירבעם בן יואש ווערט נישט געשוינט :

בחרב ימות ירבעם	דורך שווערד וועט שטאַרבן ירבעם,
וישראל גלה יגלה מעל אדמתו.	און ישראל וועט אין גלות אַוועק פון זיין ערד.

(עמוס ז׳־11)

אַזוי מאַכט איר דעבוט די שטרענגע, נאָר אויפריכטיקע נבואה פון אמת און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

די נבואה פון עמוס איז נישט מקוים געוואָרן אין די טעג פון ירבעם, וועל־כער איז גראָד געשטאָרבן רואיק מיט אַ נאַטירלעכן טויט. זי האָט אָבער נישט פאַר־זאמט צו פאַרווירקלעכט ווערן באַלד נאָכן טויט פון ירבעם. זיין זון זכריה קעניגט בלויז זעקס חדשים. ער ווערט דערמאָרדעט אין אַ מרידה און עס הויבט זיך אָן די צעפאַלונג פון דער מעכטיקער מלכות ישראל. עס וועט נישט פאַרבייגיין קיין פערטל יאָרהונדערט און די מלוכה פון צפון וועט אויפהערן צו עקזיסטירן אַלס זעלבסט־שטענדיקער שטאַט, אירע איינוווינער וועלן אין מאַסן פאַרטריבן ווערן פון לאַנד. עס וועט אין דער יידישער געשיכטע געעפנט ווערן דאָס גרויזאַמע קאַפּיטל פון גלות.

די דינאַסטיע יהוא האָט פאַרענדיקט, ווי זי האָט אָנגעהויבן. זי איז געקומען צו דער מאַכט דורך אַ מרידה און איז אין אַ מרידה אונטערגעגאַנגען. איר אויפ־שטייג האָט באַדייט אַן אויפשטייג פאַר מלכות ישראל. איר פאַלן האָט געמיינט דעם אָנהויב פון סוף פון דער מלוכה.

מלכים וואָס האָבן געהערשט אין די צייטן פון דער יהוא - דינאַסטיע

ישראל		יהודה	
יהוא	816-843	עתליה	837-843
יהואחז	800-816	יהואש	798-837
יואש	785-800	אמציהו	780-798
ירבעם	745-785	עוזיהו	740-780
זכריה	744-745		

כדאי צו באַמערקן, אַז פון די ניין מלכים טראָגט נאָר איינער אַ נאָמען אָן די אותיות י. ה. אָדער .י ה. ו., וואָס באַדייטן אַ קירצונג פון נאָמען פון גאָט פון ישראל.

נביאים וואָס זענען געווען טעטיק אין יענע צייטן:

אלישע בן שפט — עמוס — ישעיהו בן אמוץ

16טע לעקציע

צוזאַמענברוך פון מלכות ישראל

(744 ־ 720)

קוים 24 יאָר האָט מלכות ישראל איבערגעלעבט איר גרעסטן מלך ירבעם בן יואש. פון דער העכסטער מדרגה פון מאַכט און גלאַנץ פאַלט די מלוכה אַראָפּ ביז דער לעצטער שטופע פון חורבן און צעפאַלונג און הערט אויף צו עקזיסטירן. דער דער לעצטער פּעריאָד פון מלכות ישראל איז ענלעך אויף די ערשטע צייטן פון איר אנטשטייאונג: אָפטע מרידות, אינטערווענץ פון פרעמדע מלוכות, ברידער־קריג מיט יהודה. זעקס מלכים, וואָס געהערן צו פינף דינאַסטיעס בייטן זיך אויפן וואַקלענדיקן טראָן פון דער מלוכה און דער גרויסער דעראָבערער, אשור, באַגינסטיקט די אינער־לעכע אומאָרדענונגען, שטיצט איין מלך קעגן צווייטן און רייסט דערווייל שטיקער פון דער טעריטאָריע פון לאַנד, ביז וואַנען ער שלינגט עס איין אינגאַנצן.

אין פּאָליטישן שפּיל באַטייליקט זיך אויך מצרים, וועלכע זעט מיט שרעק ווי די אשורישע אימפּעריע רוקט זיך אַלץ נענטער צו אירע גרענעצן און שלינגט איין איינס נאָכן צווייטן די צווישנדיקע בופער־שטאַטן: ארם, ישראל. מיטן פאַלן פון ארם הויבט זיך פּאַקטיש אָן דער מאַרש פון אשור אויף מצרים, וועלכער וועט זיך ענדיקן אין אַ יאָר פופציק אַרום, ווען אסר־חדון וועט באַזיגן און באַהערשן מצרים. די אימ־פעריע פון נילוס ווערט זיך מיט די לעצטע כוחות פון אירע שכנים; זי פאַרשפּרעכט זיי הילף, ציט זיי אַריין אין מלחמות און מרידות, וואָס דאַרפן אָפּהאַלטן דעם פאָר־שריט פון די אשורישע חילות, איידער זיי וועלן דערגרייכן די מצרישע גרענעצן. אין די לעצטע יאָרן פון איר קיום וואַקלט זיך מלכות ישראל צווישן די צוויי גרויסמאַכטן אשור און מצרים, און די לעצטע כוחות פון פאָלק ווערן אויסגעשעפּט אין דער צוויי־פראָנטן־פּאָליטיק פון: „מאַכן אַ בונד מיט אשור און פירן בוימל קיין מצרים".

קוים אַ האַלב יאָר נאָכן טויט פון ירבעם בן יואש, ברעכט אויס די ערשטע מרידה. אַ געוויסער שלום בן יבש טויט דעם זון פון ירבעם, זכריה, און באַשטייגט

דעם טראָן, אויף וועלכן ער האַלט זיך קוים איין חודש. מנחם בן גדי דערמאָרדעט שלום בן יבש און דערהאַלט זיך אויפן טראָן אַ יאָר זיבן, 737-744, אָבער בלויז מיט דער הילף פון אשור. ער צאָלט דעם מלך פון אשור תגלת פלאסר טויזנט זיל־בער טאַלענטן, ער זאָל אים שטיצן אויף דער מלוכה. דער זון פון מנחם, פקחיה, קעניגט קוים איין יאָר, זיין אדיוטאַנט פקח בן רמליהו איז מורד אין אים, טויט אים און פאַרנעמט דעם טראָן.

פקח איז אַן ענערגישער מענטש. ער זוכט אויפצושטעלן אַ כוח, וואָס זאָל קאָנען אָפּהאַלטן דעם אָנגריף פון אשור. ער שליסט זיך אָן אין אַ קאָאַליציע, געשטיצט אויף מצרים וועלכע ווערט אָנגעפירט פון מלך פון ארם, רצין. זיי ביידע זוכן אָנצו־שליסן אין דער קאָאַליציע דעם מלך פון יהודה אָחז, אָבער יענער וויל נישט צושטיין. רצין און פקח רייסן זיך אַריין אין יהודה. זכרי, דער גבור פון אפרים, טויט און נעמט געפאַנגען טויזנטער פון די בני יהודה. דאַן רופט אחז צו הילף אשור; תגלת פלאסר דרינגט אַריין אין ארם, פאַרנעמט דמשק, טויט רצין און פאַרטרייבט די איינוווינער קיין אשור. עס איז אַ נייער איינפיר, אויסצוּוואָרצלען פעלקער פון זייער אייגענער טעריטאָריע, איבערזעצן זיי אין אַנדערע געביטן פון דער גרויסער אשורישער אימ־פעריע, ווו זיי וועלן זיך מוזן אסימילירן מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג און פאַר־לירן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. אויך פון ישראל רייסט תגלת פלאסר אָפּ די צפון־פּראָווינצן און פאַרטרייבט זייערע איינוווינער אין גלות.

דער דורכפאַל פון דער פּאָליטיק פון מלך פקח רופט אַרויס קעגן אים אַ מרידה. הושע בן אלה טויט דעם מלך פקח און ווערט דער לעצטער מלך פון דער מלוכה, וואָס איז שוין באַשרענקט בלויז אויפן צענטראַלן געביט, וואָס האָט געהערט צום שבט אפרים, מיט שומרון אַלס הויפּטשטאָט.

עלף יאָר רעגירט הושע בן אלה. די מערסטע צייט וואַקלט זיך זיין פּאָליטיק צווישן אשור און מצרים. אויפן ניינטן יאָר פון זיין רעגירן איז ער מורד אין אשור. דאַן דרינגט אַריין דער מלך פון אשור שלמנאסר דער פינפטער אין לאַנד, נעמט גע־פאַנגען דעם מלך און באַלאַגערט שומרון וואָס פאַרטיידיקט זיך דריי יאָר, און פאַלט אין יאָר 722. די טעריטאָריע פון דער געוועזענער מלכות ישראל ווערט דערקלערט אַלס אשורישע פּראָווינץ, רעגירט פון אַ גובערנאַטאָר באַשטימט פון אשור.

דער דאָזיקער צושטאַנד דויערט אָבער נישט מער פון צוויי יאָר. אין יאָר 720 איז די באַפעלקערונג נאָכאַמאָל מורד אין אשור און איר נייער מלך, סרגון, אינטערווענירט שנעל, נעמט נאָכאַמאָל אין צעשטערט שומרון און פאַרטרייבט אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג קיין אשור. אויף די ליידיק געוואָרענע לענדע־רייען באַזעצט אשור קאָלאָניסטן פון אַנדערע מדינות, וואָס וועלן זיך מיט דער צייט אויסמישן מיט די אויף די ערטער פאַרבליבענע בני ישראל און וועלן בילדן דאָס מישלינג־פאָלק פון די שומרונים. מלכות ישראל האָט פולשטענדיק אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אין יענע גסיסה־יאָרן פון דער מלכות ישראל איז טעטיק איינער פון די גרעסטע און דערהויבנסטע נביאים, וואָס טראָגט צופעליק דעם זעלבן נאָמען וואָס דער לעצטער מלך פון מלכות ישראל, הושע בן בארי רופט ער זיך. א געפילפולע, צאַרטע נאַטור, ווייטיקט ער דורך די דראַמע פון זיין פאָלק, וואָס זעט אויס אין זיינע אויגן ווי א ווידערקול פון זיין פערזענלעכער טראַגעדיע. ביידע טראַגעדיעס, די פּער־זענלעכע און נאַציאָנאַלע, באַווירקן זיך קעגנזייטיק אין זיין געמיט.

הושע בן בארי האָט דאָס אומגליק צו פאַרליבן זיך אין א לייכטזיניקער פרוי, וואָס פאַרראַט אים אָפט מיט אַנדערע, אַזוי, אַז ער איז אפילו נישט זיכער, צי די קינדער וואָס זי האָט אים געבוירן זענען באמת זיינע. ער גיט זיי פיל־באַדייטנדיקע נעמען: לא עמי (נישט פון מיין שטאַם), לא רוחמה (נישט געליבטע), אָבער ביי דעם אַלעמען הערט ער נישט אויף צו ליבן זיין פרוי. וויפל זי מאַכט אים נישט ליידן, איז ער דאָך גרייט צו פאַרגעבן איר, פאַרגעבן אָן א סוף, דאָס איז דער כוח פון זיין ליבע.

הושע האַלט זיך פעסט ביי דער נביאישער טעזע, אַז די ליידן וואָס דאָס פאָלק לעבט איבער זענען א שטראָף פון גאָט פאַר דינען צו פרעמדע געטער, אָדער דינען דעם גאָט פון ישראל מיט געצנדינערישן קולט. ער פאַרגלייכט די באַציאונגען צווישן גאָט און זיין פאָלק וואָס איז אים נישט טריי מיט זיינע אייגענע באַציאונגען צו זיין פאַררעטערישער פרוי און קומט צום אויספיר, אַז טראָץ אַלעמען, וועט דאָך גאָט זיין פאָלק נישט פאַרלאָזן, ווייל ער האָט דאָך עס ליב ווי א מאַן א פרוי, אָדער ווי א פאָטער א קינד. גאָט איז פול מיט ליבע, ער מוז פאַרגעבן זיין פאָלק אַלץ, וואָס האָט קעגן אים געזינדיקט, פונקט ווי ער, א פשוטער בשר ודם, איז גרייט צו פאַר־געבן זיין פרוי אַלע אָפּנייגן פון דרך הישר, אויב נאָר זי וועט באמת חרטה האָבן און וועט זיך אומקערן צו אים מיטן גאַנצן ערנסט.

הושע איז דער ערשטער אַריינצופירן אין דער היסטאָרישער דראַמע צווישן גאָט און פאָלק דאָס געפיל פון ליבע און רחמנות, די מדת הרחמים. גאָט אַליין, ליידט דאָך, כביכול, ווען ער פאַרשאַפט ליידן זיין פאָלק. זאָגט דערפאַר הושע:

איך אתנך אפרים,
אמגנך ישראל?
איך אתנך כאדמה,
אשימך כצבאים?
נהפך עלי לבי,
יחד נכמרו רחומי,
לא אעשה חרון אפי,
לא אשוב לשחת אפרים,
כי אל אנכי ולא איש

ווי קאָן איך דיך איבערגעבן, אפרים,
דיך איבערענטפערן ישראל ?
ווי קאָן איך דיך מאַכן ווי אדמה,
דיך לאָזן ווערן ווי צבאים ?
מיין האַרץ קערט זיך אום אין מיר,
מיין גאַנצע רחמנות צינדט זיך אָן
איך וועל ניט אויספירן מיין גרימצאָרן,
איך וועל מער ניט אומברענגען אפרים,
וואָרום גאָט בין איך, און ניט קיין מענטש...

(הושע י״א־9־8)

אָט־אָ דער קאַמף צווישן מדת הרחמים און מדת הדין, אָט די מלחמה פון כביכול מיט זיך זעלבסט, איז די הערלעכסטע ירושה, וואָס די נבואה האָט איבער־

געלאָזט דעם פאָלק ישראל, און דורך אים דער גאַנצער וועלט. אין מיטן פון זיין שטראָף, וואָס צעשטערט דאָס לאַנד און ברענגט אונטערגאַנג אייפן פאָלק, טרויערט כביכול אַליין און האָפט, אַז ער וועט עס נאָך אַלץ קאָנען גוטמאַכן, ווי נאָר דאָס פאָלק וועט זיך באמת אומקערן צו אים. ווי טרייסטנדיק זיך אַליין, זאָגט הושע אין נאָמען פון גאָט:

ארפא משובתם	איך וועל היילן זייער אָפּקערונג,
אהבם נדבה,	איך וועל זיי ליב האָבן האַרציק,
כי שב אפי ממנו,	וואָרום מיין צאָרן איז אָפּגעגאַנגען פון אים
אהיה כטל לישראל,	איך וועל זיין ווי דער טוי צו ישראל,
יפרח כשושנה	ער וועט בליען ווי אַ רויז,
ויך שרשיו כלבנון	שלאָגן זיינע וואָרצלען ווי דער לבנון,
ילכו יונקותיו	זיינע צווייגן וועלן זיך שפּרייטן
ויהי כזית הודו,	און זיין פּראַכט וועט זיין ווי אַן איילבירט־בוים
וריח לו כלבנון	און אַ ריח וועט ער האָבן ווי דער לבנון.

(הושע י״ד־5)

כביכול טרייסט זיך אַליין, אַז זיין בונד מיטן געליבטן פאָלק וועט נישט איבערגעריסן ווערן, זיי וועלן זיך איבעראַנייס פאַראייניקן, דאָס מאָל אויף אייביק. ווי אין ליבע־עקסטאַז שעפּטשעט הושע דעם געטלעכן צוזאָג:

וארשתיך לי לעולם,	און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר אויף אייביק,
וארשתיך לי בצדק ובמשפּט,	און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר מיט רעכט און גערעכטיקייט,
ובחסד וברחמים,	מיט גענאָד און באַרעמהאַרציקייט,
וארשתיך לי באמונה,	און איך וועל דיך פאַרקנסן צו מיר מיט טריישאַפט
וידעת את ד׳	און וועסט דערקענען גאָט.

(הושע בי 22־21)

די דאָזיקע פאָרמולע פון אייביקער ליבע צווישן הימל און ערד, צווישן גאָט און פאָלק ווערט ביז היינט איבערגעחזרט ביים צערעמאָניאַל פון לייגן תפלין, ווען אַרומדרייענדיק די רצועות אויף דעם מיטלסטן פינגער פון דער לינקער האַנט ווי אַ דרייפאַכן קידושין־רינג, מורמלען יידישע ליפּן די הייליקע ווערטער פון אייביקער ליבע און אייביקער פאַרגעבונג, וארשתיך לי לעולם . . .

די דאָזיקע האַרציקע טרייסט־רייד קומען געמישט מיט נבואות פול מיט טאַדל און פאַרוואָרף פאַר באַגאַנגענע זינד. דאָס האַרץ פון דעם נביא, נישט מער ווי אַ בשר ודם, איז ממש צעריסן געוואָרן אין דעם קאַמף צווישן מדת הדין און מדת הרחמים.

די קאָנצעפּציע פון הושע, אַז ליבע איז די קראַפט וואָס רעגולירט די באַציאונגען צווישן גאָט און מענטש, און דאַרף אויך רעגולירן די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, איז פאַרבליבן אַן אינטעגראַלע טייל פון יידישן וועלט־באַנעם. די

וויטעדיקע נביאים וועלן עס אנטוויקלען ביז צו דער העכסטער מדרגה. דער פײנסטער נאָכפאָלגער פון הושע אויף דעם געביט איז געווען דער נביא ירמיהו, וועלכער וועט שפּעטער מיט הונדערט דרײסיק יאָר, אין די צײטן פון אונטערגאַנג פון דער צווייטער מלוכה, יהודה, כמעט ווערטערלעך איבערחזרן די ווערטער און געפילן פון זײן גרויסן רבין. ער וועט אויך האָבן אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו די פאַרטריבענע שבטים פון מלכות ישראל, וועמען ער וועט זינגען אַ האַרציק ליבע־ליד, וואָס ווערט ביז הײנט געזונגען אין אַלע שולן בכל תפוצות ישראל אין דעם הייליקסטן טאָג פון יאָר, אין יום־כפור : (ירמיהו ל״א־19)

הבן יקיר לי אפרים ?	איז מיר אַ טײערער זון אפרים ?
אם ילד שעשועים?	צי אַ קינד אַ געצערטלטס ?
כי מדי דברי בו,	וואָרום ווי נאָר איך רעד פון אים,
זכור אזכרנו עוד	בענקען, בענק איך ווידער נאָך אים,
רחם ארחמנו, נאום ד׳	איך וועל אים נאָך דערבאַרעמען, זאָגט גאָט.

די נביאים עמוס און הושע זענען די צוויי שפּיצן פון דער אַקס, אַרום וועל־כער עס דרייט זיך די וווּנדערבאַרסטע גייסטיקע שאַפונג פון יידישן פאָלקס גייסט דורך יאָרהונדערטער און דורות. עמוס, בלויז מדת הדין, אומרחמנותדיק שטרענג, מאָנט און שענקט נישט קיין עוולות, ווייסט נישט פון קיין צופיל אײנזען. הושע איז מדת הדין געלייטערט דורך מדת הרחמים, דאָס האַרץ פון דער וועלט, דאָס געטלעכע געפיל, די מדה פון חסד, לײטזעליקייט. אָט די צוויי שטראָמען וועלן זיך גאָר גיך צונויפגיסן אין דער העכסטער מענטשלעכער קאָנצעפּציע, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז באַגריפן. דער גאָט פון גערעכטיקייט און גלייכצייטיק פון ליבע און רחמים. די שטרענגע הלכה און די מילדע אגדה, דאָס טרוקענע מתנגדות און דאָס זאַפטיקע חסידות, דער האַרטער פאַרמאַליזם און די ראָמאַנטישע תורה שבלב, דאָס אַלץ ציט חיונה אין משך פון העבער זעקס און צוואַנציק הונדערט יאָר פון די צוויי מעכטיקע נבואישע שטראָמען, וואָס האָבן געשלאָגן אין מלכות ישראל, דווקא האַרט פאַר איר אונטערגאַנג, ווי אַ לעצטע גרויסע ירושה פאַר דער וועלט.

מלכים וואָס האָבן געהערשט אין יענע צײטן

ישראל		יהודה	
זכריהו	744- 6 חדשים	עוזיהו	740-744
שלום בן יבש	744- 1 חודש	יותם	736-740
מנחם בן גדי	737-744	אחז	720-736
פקחיה בן מנחם	736-737		
פקח בן רמליהו	734-736		
הושע בן אלה	722-733		
אַ גובערנאַטאָר פון אשור	720-722		

17טע לעקציע

אַנזאַג פון משיחס צייטן: חזקיהו מלך יהודה

(720 ־ 692 פאַר ד. א. צ. ר.)

מיטן פאַרשווינדן פון מלכות ישראל, בלייבט יהודה איינגעקלעמט צווישן אשור און מצרים, די צוויי גרויסמאַכטן פון יענער צייט. די אשורים האָבן פאַרנומען די ברעגן פון ביידע ימים, דעם מיטללענדישן און דעם ים סוף, צו וועלכע יהודה האָט געהאַט אַן אויסגאַנג. אָפּגעריסן פון ים, איז יהודה געבליבן דערווייטערט פון דער גרויסער וועלט, פאַרשאַנצט אויף אירע רעלאַטיוו הויכע בערג, צו וועלכע די פיינט־לעכע חילות האָבן שווער געקאָנט צוקומען. די קליינע מדינה האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פון אויסערן־פּאָליטיק און זיך מער פאַרטיפט אין אירע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. דאָך פלעגט זי פון צייט צו צייט אַריינגעשלעפּט ווערן אין דעם גע־ראַנגל צווישן אשור און מצרים, אָבער די פאָלקס־כוחות זענען בעיקר געווען געווידמעט די אינערלעכע ענינים און די סאָציאַל־מאָראַלישע אידעען פון די נביאים דרינגען אַלץ טיפער אַריין אין באַוווּסטזיין פון פאָלק.

אין די יאָרן פון אונטערגאַנג פון מלכות ישראל, האָבן אין יהודה געהערשט צוויי קעניגן: יותם, דער זון פון עוזיהו, וואָס האָט פאָרגעזעצט די אַרבעט פון זיין גרויסן פאָטער, און זיין זון, אחזיהו, אַ מענטש מיט אַ שוואַכן, וואַקלדיקן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך ניט נאָר דערקלערט אַלס וואַסאַל פון אשור, נאָר ער איז אויך אַרונ־טערגעפאַלן דער רעליגיעזער און גייסטיקער השפּעה פון דער אשורישער קולטור. אחזיהון האָט בעיקר געלאָקט די פּאָזיציע פון אשורישן מלך, וואָס איז אויך געווען דער פּריסטער פון גאָט אשור, צו וועמען ער פלעגט אַליין מקריב זיין קרבנות. נאָך זיין באַזוך אין דמשק, ווו ער טרעפט זיך מיטן מעכטיקן אשורישן הערשער תגלאת פלאסר, באַפעלט אחזיהו דעם כהן אוריה, ער זאָל אויפבויען אין בית המקדש־הויף אַ ספּעציעלן מזבח, לויטן אשורישן מאָדעל, און אויף דעם מזבח וועט דער מלך אַליין מקריב זיין זיינע קרבנות, וואָס וועלן זיך מער נישט צונויפמישן מיט די קרבנות פון פשוטן פאָלק. דאָס אָפּטיילן זיך פון כלל און מקריב זיין באַזונדער און אַליין קרבנות איז באַטראַכט געוואָרן ווי געצנדינסט און דאָס פאָלק האָט געקירצט דעם נאָמען פון זיין מלך, וועל־

כער איז אַריין אין דער היסטאָריע מיטן נאָמען אחז, אָן די אותיות י.ה.ו., וואָס באַ־צייכענען אַן אויפּריכטיקן דינער פון גאָט פון די אָבות. די רעליגיעזע איינשטעלונג פון מלך איז אויך געווען מאָסגעבנדיק פאַר זיין סאָציאַלן פּראָגראַם: דערווייטערונג פון די פאָלקסמאַסן, באַעולהען אָרעמע א. א. וו.

אַנטוויקלט אין זיין קעניג, האָט דאָס פאָלק געלייגט זיינע האָפענונגען אויפן טראַנספּאָלגער עמנואל, וועלכער וועט אָננעמען ביים אויפשטייגן אויפן טראָן אין יאָר 720 (דעם זעלבן יאָר וואָס שומרון איז געפאַלן) דעם נאָמען חזקיהו (אַ געשטאַרקטער פון גאָט). נאָך אין דער פריסטער יוגנט פון עמנואל האָט אויף אים דער נביא ישעיה פאָראויסגעזאָגט:

ושפט בצדק דלים,	ער וועט משפטן מיט גערעכטיקייט די אָרעמע,
והוכיח במישור לענוי ארץ,	און אַנטשיידן מיט יושר פאַר די געקריוודעטע פון לאַנד,
והיה צדק אזור מתניו	גערעכטיקייט וועט זיין דער גאַרטל פון זיינע לענדן
והאמונה אזור חלציו	און טריישאַפט דער גאַרטל פון זיינע דיכן.

חזקיהו שאַפט אָפּ די פרעמדע איינפירונגען פון זיין פאָטער אחז, ער שאַפט אויך אָפּ די רעשטן פון געצנדינסט, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין די פּראָוואָרפענע ישובים פון לאַנד, דאָס גאָטעסדינסט ווערט קאָנצענטרירט אין בית המקדש פון ירו־שלים, די לאָקאַלע טעמפּלען ווערן אָפּגעשאַפט. די איינגעשרומפּענע טעריטאָריע פון קליינעם לאַנד האָט מעגלעך געמאַכט אַזאַ רעפאָרמע.

חזקיהו האָט אויך אַן אויג אויף די אינטערנאַציאָנאַלע ענינים. פאָרמעל איז ער, ווי זיין פאָטער, אַ וואַסאַל פון אשור, ער הויבט זיך אָבער אָן לאַנגזאַם צו גרייטן צו אַ מרידה, וואָס זאָל אים דערלויבן אָראָפּוואַרפן דעם יאָך. צו אַלעם ערשטן נעמט ער באַזאָרגן ירושלים מיט וואַסער, בכדי זי זאָל קאָנען אויסהאַלטן אַ לענגערע באַלאַגערונג אין פאַל פון אַ מלחמה. ער לאָזט פאַרשיטן די קוואַלן פון אויסערן שטאָט און קאַנאַליזירט זייערע וואַסערן דורך אַ טונעל אין שטאָט אַריין. דער טונעל איז לעצטנס געפונען געוואָרן. ער האָט געהאַט העכער פיר הונדערט מעטער די לענג און אַרום דרייסיק מעטער די הויך. דאָס וואַסער איז אַריינגעפלאָסן אין אַ גרויסן רעזער־וואַר (ברכה).

אין 711 ברעכט אויס אַ מרידה פון די פלשתים קעגן אשור, אָבער דער מלך סרגון אונטערדריקט זי מיט דער גרעסטער אכזריות, וואָס האַלט אָפּ חזקיהון פון אַרויס־טרעטן אין רעוואָלט. אָבער אין 705, ווען סרגון שטאַרבט און אויפן טראָן גייט אַרויף זיין זון סנחריב, שאַפט דער מלך פון בבל מראדך בלאדן אַ קאָאַליציע פון אַלע קלענערע מלוכות קעגן אשור און צו דער קאָאַליציע שטייט צו חזקיהו. סנחריב צעקלאַפּט אָבער די הויפּט־מורדים, אַנדערע ציען זיך צוריק פון דער קאָאַליציע און יהודה בלייבט גיך פנים אל פנים מיט דער מעכטיקער אימפּעריע פון אשור. מצרים האָט, ווי במעט אַלעמאָל, צוגעזאָגט הילף און נישט געהאַלטן קיין וואָרט.

די אשורישע חילות רייסן זיך אריין אין יהודה. די פעסטונגען פון לאַנד באַמיען זיך מיט ווייניק דערפאָלג צו פאַרהאַלטן זייער מאַרש, זיי פאַלן אָבער איינס נאָך איינס. בלויז די פעסטונגען עזקה און לכיש האַלטן זיך אַ לענגערע צייט. מען האָט נישט לאַנג צוריק אויסגעגראָבן שערבלעך מיט מיטטיילונגען וועגן יענע קריגס אָפּעראַציעס.

חזקיהו איז גרייט אויסצוקויפן זיין מרידה. ער שיקט שליחים מיט רייכע מתנות צו סנחריב, וואָס האַלט באַלאַגערט לכיש און בעט זיך:

חטאתי, שוב מעלי, את אשר תתן עלי אשא

איך האָב געזינדיקט, קער זיך אָפּ פון מיר,
וואָס דו וועסט אויף מיר אַרויפלייגן
וועל איך טראָגן.
(מלכים ב׳, יח־14)

אָבער סנחריב איז אומבויגזאַם אין זיין צאָרן. ער וויל אײנגאַנצן מאַכן אַ סוף צו יהודה, וואָס שטייט אים אין וועג פאַר זיינע פּלענער צו דעראָבערן מצרים. ער שיקט זיינע קריגספירער, זיי זאָלן איבעררעדן די פאַרטיידיקער פון ירושלים, אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן, וועלן זיי בלייבן רואיק אין זייער לאַנד, ביז זיי וועלן אַריבערגעפירט ווערן אין אַן אַנדער מדינה, וואָס איז אַזוי גוט, אויב נישט בעסער, פון יהודה. אָט דער צוזאָג שטאַרקט גראָד די פּאַטריאָטישע געפילן. די בני יהודה גרייטן זיך צו פאַרטיידיקן זייער הויפּטשטאָט ביז צום סוף. אויך דער נביא ישעיהו הייסט אָנהאַלטן דעם ווידערשטאַנד. אויף צו באַמוטיקן די פאַרטיידיקער זאָגט ער צו אין נאָמען פון גאָט:

לא יבוא אל העיר הזאת
ולא יורה שם חץ,
ולא יקדמנה מגן,
ולא ישפוך עליה סוללה
בדרך אשר בא בה ישוב —
ואל העיר הזאת לא יבוא.

ער וועט ניט אַריינקומען אין דער דאָזיקער שטאָט
און ניט אַריינשיסן אַהין קיין פייל,
און ניט קומען פאַר איר מיט אַ שילד,
און וועט ניט אָנשיטן אַרום איר קיין ערד־וואַל.
מיטן וועג וואָס ער איז געקומען וועט ער צוריקקערן
און ניט אַריינקומען אין דער שטאָט.
(מלכים ב׳ י״ט־32)

ירושלים איז נישט סתם עפּעס אַזוי אַ שטאָט. זי איז אויך דאָס ערדישע וווינאָרט פון אַלמעכטיקן גאָט פון ישראל. דאָרט געפינט זיך זיין איינציקער בית המקדש און די שטאָט וועט נישט אַריינפאַלן אין האַנט פון שונא. עס געשעט טאַקע עפּעס אומדערוואַרטס. אין לאַגער פון די אשורים ברעכט אויס אַן עפּידעמיע. די פאָלקספאַנטאַזיע דערציילט דערנאָך, אַז „אַ מלאך פון גאָט האָט אין איין נאַכט געטויט 185 טויזנט אשורים". סנחריב טרעט אין איילעניש אָפּ. יהודה איז געראַטעוועט. אין אשור ווערט סנחריב דערמאָרדעט אין אַ מרידה, וואָס איז, מעגלעך, געווען די הויפּט־סיבה פון זיין צוריקטרעט פון יהודה.

גרויס איז געווען די פרייד. ישעיהו האָט באַזונגען די רעטונג אין אַ געדיכט, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז און וואָס זאָגט צווישן אַנדערע:

העם ההולכים בחשך
ראו אור גדול,
יושבי בארץ צלמות,

אור נגה עליהם.

דאָס פאָלק וואָס איז געגאַנגען אין פינצטערניש
האָט דערזען אַ גרויסע ליכטיקייט,
די וואָס זענען געזעסן אין לאַנד פון טויטנ־שאָטנס
אויף זיי האָט אַ ליכטיקייט אויפגעשיינט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

כי את על סבלו,
ואת מטה שכמו,
שבט הנוגש בו,
החיתות כיום מדין

וואָרום דעם יאָך פון זיין לאַסט,
דעם שטאַנג פון זיין נאַקן,
די רוט פון זיין דריקער
האָסטו צעבראָכן ווי אין טאָג פון מדין.

(ישעיהו ט׳ 1־5)

די וואונדערבאַרע רעטונג פון ירושלים האָט אויפגעהייטערט דאָס פאָלק. פאַר די צען יאָר וואָס חזקיהו האָט נאָך רעגירט ביז זיין טויט, רוט זיך דאָס לאַנד אויס פון די געליטענע אומגליקן, עס צעבליט זיך איר ווילשטאַנד און אויך איר קולטור. דער מלך באַשטימט אַ קאָלעגיום באַוווּסט אַלס „אנשי חזקיהו", די מענער פון חזקיהו, זיי זאָלן צונויפזאַמלען אַלע אַלטע געזעצן, די פאַרצייטיקע לידער און דערציילונגען פון נאַציאָנאַלן עפּאָס. אויף אַזאַ אופן ווערט געשאַפן די ערשטע זאַמלונג פון כתבי הקודש (דער תנ"ך).

אין יענע רואיקע צייטן דיכטן די נביאים ישעיהו און מיכה צום ערשטן מאָל וועגן אייביקן וועלט־פרידן צווישן אַלע פעלקער, וואָס וועלן אַמאָל זאָגן:

לכו ונעלה אל הר ד׳,
אל בית אלהי יעקב,
ויורנו מדרכיו
ונלכה בארחותיו,
כי מציון תצא תורה
ודבר ד׳ מירושלים.
ושפט בין הגויים
והוכיח לעמים רבים,
וכתתו חרבותם לאתים
וחניתותיהם למזמרות.
לא ישא גוי אל גוי חרב
ולא ילמדו עוד מלחמה.

קומט און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון גאָט
צום הויז פון גאָט פון יעקב
און ער וועט אונדז לערנען זיינע וועגן
און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן,
וואָרום פון ציון וועט אַרויסגיין אַ לערע
און אַ געטלעך וואָרט פון ירושלים.
און ער וועט משפטן צווישן די פעלקער
און אַנטשיידן צווישן פיל אומות.
און זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס
און זייערע שפּיזן אויך צווייגמעסערס.
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט ניט הויבן קיין שווערד
און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה.

(ישעיהו ב׳ 3־4)

אָט די נבואה, די העכסטע פאַרקערפּערונג פון דעם אידעאַל פון יידישקייט, וואָס די נביאים האָבן פאָרמולירט אין די צייטן פון חזקיהו מלך יהודה, ווערט ביז היינט געטראָגן פון יידישן פאָלק דורך לענדער און דורות. דער אייביקער אַלוועלט־לעכער שלום איז געוואָרן דער צייכן פון משיחס צייטן, ווען דער גואל צדק, משיח, וועט באַפרייען נישט נאָר דאָס פאָלק ישראל פון גלות, נאָר די גאַנצע וועלט פון אַלע אירע צרות. פאַראַן דערפאַר אַ שטאַרקע מיינונג אין תלמוד, אַז חזקיהו איז געווען די ערשטע פאַרקערפּערונג פון משיח.

18טע לעקציע

יאָרן פון געפאַלנקייט: מנשה בן חזקיהו

(692 ־ 640 פאַר ד. א. צ. ר.)

חזקיהו שטאַרבט אין פרידן און דעם טראָן באַשטייגט זיין זון מנשה, וועלכער איז קוים צוועלף יאָר אַלט. יהודה הויבט אָן ליידן פון אַ רעגענטן־ראַט, וואָס רעגירט אין נאָמען פון יונגן מלך. די הארן צעשטערן ביסלעכווייז די אָרדענונג וואָס חזקיהו האָט איינגעשטעלט. נישטאָ מער קיין גערעכטיקייט אין לאַנד, די שטאַרקע מאַכטהאָבער אונטערדריקן די שוואַכע, די רייכע — באַגזלען די אָרעמע. דער נביא ישעיהו שטורעמט די רעגירונג מיט זיין מעכטיק, פלאַמיק וואָרט:

איכה היתה לזונה	ווי אויסגעלאַסן איז געוואָרן
קריה נאמנה,	די געטרייע שטאָט,
מלאתי משפט,	געווען פול מיט גערעכטיקייט,
צדק ילין בה,	רעכטפאַרטיקייט פלעגט רוען אין איר,
ועתה — מרצחים.	און אַצינדערט־אָ — מערדערס!

(ישעיהו א׳, 21)

ער טייטלט אָן מיטן פינגער אויף די אמתע שולדיקע:

ד׳ במשפט יבוא	גאָט וועט גיין אין משפט
עם זקני עמו ושריו,	מיט די עלטסטע פון זיין פאָלק און זיינע הארן.
ואתם בערתם הכרם,	דאָס האָט איר אויפגעגעסן דעם וויינגאָרטן.
גזילת העני בביתכם,	די גזילה פון דעם אָרעמאַן איז אין אייער הויז.
מלכם תדכאו עמי?	פאַרוואָס אונטערדריקט איר מיין פאָלק?
ופני עניים תטחנו	און צעמאָלט דאָס פנים פון די אָרעמע.

(ישעיהו ג׳, 14־15)

שפּעטער, ווען מנשה ווערט עלטער און נעמט אַליין איבער די רעגירונג, ווערט נישט בעסער, נאָר אפילו ערגער. צום סאָציאַלן אומרעכט קומט צו רעליגיעזע געפאַלנקייט. צו דער צייט האָט אשור סוף כל סוף איינגענומען מצרים. אין 671 פאַרנעמט אסר־חדון די הויפּטשטאָט פון מצרים מעמפיס. אין 666 דעראָבערט אַשור־

באַניפאַל די שטאָט טעבאַס. מצרים ווערט אונטערגעוואָרפן אשור און די קליינע יהודה בלייבט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פון אשור באַהערשטע לענדער. די אומ־אָפּהענגיקייט פון דער מדינה איז בלויז אַ פאָרמעלע, מנשה איז באמת נישט מער ווי אַ וואַסאַל פון אשור. אויף צו געפינען חן אין די אויגן פון זיינע אויבערהאַרן, פירט איין מנשה אין זיין לאַנד געצנדינערישע מנהגים און זיטן. ער שטעלט צוריק די לאָקאַלע טעמפּלען, וואָס חזקיהו האָט געהאַט אָפּגעשאַפט, דאָרט ווערט געדינט צום בעל און צו דער עשתורת. אויך אין די הויפן פון בית המקדש פון ירושלים ווערן אויפגעשטעלט מזבחות צו די געטער פון אשור און בבל. אין טאָל הנום, לעבן ירושלים, ווערט פּראַקטיצירט דער שוידערלעכסטער קולט פון בעל־מלך, וואָס פאָדערט צו פאַר־ברענען לעבעדיקע קינדער אין זיין כבוד. יהודה פאַלט פּאָליטיש און מאָראַליש. די זינד פון מנשה בן חזקיהו ווערן אויף אַלע יאָרן דער שרעקונגס־גייסט פון דער נבואה, דער טאָל הנום (גי־הנום) — אַ באַצייכענונג פאַר אַן אָרט פון די גרוילעקסטע אָפּקור־מענישן.

די נביאים דערקלערן מלחמה דער געצנדינסט. ישעיהו הערט נישט אויף צו דונערן מיט זיין מעכטיק וואָרט. ער זאָגט אָן דאָס קומען פון שרעקלעכן טאָג פון גאָטס שטראָף, דער יום ד׳:

ושח גבהות האדם,	די האָפּערדיקייט פון מענטשן וועט געבויגן ווערן
ושפל רום אנשים	און די הויכקייט פון לייט וועט דערנידערט ווערן,
ונשגב ד׳ לבדו ביום ההוא.	און גאָט אַליין וועט זיך דערהויבן אין יענעם טאָג.

(ישעיהו בי ־ 17)

דער מענטש וועט דאַן פאַרוואַרפן די זילבערנע און גאָלדענע געצן, וואָס ער האָט זיך געמאַכט. ער וועט פאַרקריכן אין לעכער פון פעלזן און אין שפּאַלטן פון שטיינער:

מפני פחד ד׳	פאַר דער שרעק פון גאָט
ומהדר גאונו	און פאַר דער פּראַכט פון זיין גרויסקייט
בקומו לערץ הארץ.	ווען ער וועט אויפשטיין אויפצוטרייסלען די ערד.

(ישעיהו בי ־ 21)

דער שרעקלעכער טאָג איז געקומען: אונטער דער אויבערהערשאַפט פון אשור ליידט יהודה גרויסע צרות. אַ פאָלקס־לעגענדע האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז מנשה טוט צום סוף פון זיינע יאָרן תשובה און ווערט גוט און פרום. דאָך ירשנט אים זיין זון, וואָס טראָגט אַ ריין געצנדינערישן נאָמען, אמון, וועלכער איז אַ געצנדינער ווי זיין פאָטער. ער קעניגט אָבער בלויז צוויי יאָר, עס ברעכט אויס אַ פּאַלאַץ־מרידה און דער מלך ווערט געטויט. אָבער די פאַרטרעטערשאַפט פון די פאָלקס־שיכטן מאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די מורדים, טויט זיי אַלע און פירט אַרויף אויפן טראָן דעם אַכט־יאָריקן פּרינץ יאשיהו, אין וועמענס נאָמען עס רעגירט דערווייל אַ ראַט פון פאָלקסמענטשן, אָנגעפירט פון נביאים.

19טע לעקציע

אונטערן איינפלוס פון דער נבואה: יאשיהו בן אמון

(638 ־ 608 פאר ד. א. צ. ר.)

צען יאר דויערט די רעגירונג פון דעם רעגענטן־ראט אין נאמען פון דעם יונגן יאשיהו (638־628). אין פארלויף פון דער צייט ווערן איניקע געגנטן פון יהודה פאר־וויסט פון א פאלק, וואס קומט פון זייער ווייט און וואס קיינער פארשטייט נישט זיין שפראך. דאס זענען געווען די סקיטן, וואס האבן צווישן 650 און 620 פארוויסט א סך לענדער פון אזיע און זענען דערגאנגען ביז מצרים. יהודה האט פון זיי ווייניק געליטן, דאך איז דער רושם פון זייער באזוך געווען א דערשיטערנדיקער. דער נביא ירמיהו, וואס הויבט אן ווירקן אין יענער צייט, מאלט עס דראמאטיש:

גוי איתן הוא,	א מאכטיק פאלק איז עס,
גוי מעולם הוא,	א פאלק פון פארצייטן,
גוי לא תדע לשונו	א פאלק וואס דו ווייסט ניט זיין לשון
ולא תשמע מה־ידבר.	און פארשטייסט ניט וואס ער רעדט.
אשפתו כקבר פתוח,	זיין פייל־בייטל איז ווי אן אפענער קבר,
כלם גבורים	זיי זענען אלע גבורים.

(ירמיהו ה׳ 15־16)

די דאזיקע אינוואזיע פון די סקיטן צעטרייסלט די מאכט פון אשור, וואס דערלעבט שוין די לעצטע טעג פון איר אימפעריע.

אין 628 נעמט יאשיהו איבער די רעגירונג אין זיינע אייגענע הענט און מיט צוויי יאר שפעטער הויבט אן צו זאגן זיינע נבואות ירמיהו. אין דער זעלבער צייט ווירקט אויך דער נביא צפניה.ביידע נביאים קעמפן קעגן דעם געצנדינסט, וואס ווערט נאך געפירט זינט די צייטן פון מנשה. ירמיהו, מיט זיין מילדקייט און ווייכ־הארציקייט, צפניה, מיטן גאנצן צארן פון מדת הדין. ירמיהו בעט זיך ממש:

שובו בנים שובבים,	קערט אייך אום, קינדער אפקערער,
ארפא משובותיכם	איך וועל היילן אייער אפקערונג.

און צפניה דונערט מיטן שרעקלעכן וואָרט:

והכרתי מן המקום הזה	און איך וועל פאַרשניידן פון דעם דאָזיקן אָרט
את שאר הבעל,	דעם איבערבלייב פון בעל,
את שם הכמרים עם הכהנים	דעם נאָמען פון די פּריסטער מיט די כהנים.
— — — — — — —	— — — — — — — — — — —
הס מפני ד׳ אלהים!	שטיל פאַר גאָט דעם האר!
כי קרוב יום ד׳,	וואָרום נאָענט איז דער טאָג פון גאָט,
כי הכין ד׳ זבח,	וואָרום גאָט האָט אָנגעגרייט אַ שלאַכטונג,
הקדיש קרואיו.	שוין פאַרבעטן זיינע גערופענע...

(צפניה א׳, 4, 7)

פון יעדער שורה הערט זיך דראָאונג פון שטרענגער מדת הדין, אָן רחמים. די רייד פון די נביאים האָבן געהאַט אַ ווירקונג סיי אויפן פאָלק, סיי אויפן מלך. אין 621 פאַראָרדנט יאשיהו צו רעמאָנטירן דעם בית המקדש, וואָס איז שוין געווען היפּש פאַרנאַכלעסיקט. ביי די באַניִיאונגס אַרבעטן ווערט געפונען ערגעץ אין אַ ווינקל־צימער אַ ספר, וואָס איז דאָרט געלעגן באַהאַלטן, מסתמא זינט די צייטן פון גענצנדינערישן מלך מנשה. דאָס זענען קאַפּיטלעך פון ספר־דברים, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די העכסטע נבואישע אידעאַלן פון ליבע צו גאָט און צו מענטשן, פון סאָציאַלן יושר און פון העכערער רעליגיעזיטעט. אין ספר איז אויך פאַראַן אַ קאַפּיטל, וואָס זאָגט צו אַלע ברכות, ווען דאָס פאָלק וועט זיך פירן לויט די געזעצן פון דער תורה און די שוידערלעכסטע צרות, אויב עס וועט פאַרלאָזן גאָטס תורה. די קללות פון דעם קאַפּיטל זענען זייער ענלעך אויף דעם וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט בשעת דער אינוואַזיע פון די סקיטן. דאָס רופט אַרויס איבערן גאַנצן לאַנד אַ באַוועגונג פון תשובה און חרטה. יאשיהו באַשליסט צו גיין אין די וועגן פון זיין גרויסן עלטער־זיידן חזקיהו, וואָס האָט מיט אַכציק־ניינציק יאָר צוריק דורכגעפירט אַ ברייטע רעפאָרמע אויף אַלע געביטן פון לעבן פון פאָלק. יאשיהו גייט אין זיינע פוסטריט נאָך אין אַ ברייטערן פאָרנעם. די טעמפּלען אויסער ירושלים ווערן צעשטערט, זייערע כהנים אַריבערגעפירט קיין ירושלים, וווּ זיי ווערן צוגעלאָזט בלויז צו די געהילפס־פונקציעס פון דער גאָטעסדינסט. דער בית המקדש ווערט אויסגערייניקט פון די אָפּגעטער און פון אַלע גענצנדינערישע סימבאָלן. די רעפאָרמע ווערט אויך אויסגעשפּרייט אויף אַ גרויסן טייל פון דער טעריטאָריע פון אַמאָליקן מלכות ישראל, וואָס יאשיהו קאָן, צוליב דער שוואַכקייט פון אשור, ווידער איינשליסן אין זיין מלוכה, וואָס דערגרייכט כמעט די גרענעצן פון די צייטן פון דוד און שלמה. נאָך דעם אַלעמען ווערט געפייערט דער יום־טוב פסח מיטן גרעסטן פּאַראַד און אין פולן הסכם מיט די פאַרשריפטן פון דער תורה. פון גאַנצן לאַנד קומען עולי־רגל צום בית המקדש פון ירושלים.

אויף צו באַשטעטיקן די רעפאָרמע ווערט דורכגעפירט אַ גרויסע פאָלקספאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף נעמען אויף זיך גיין להבא אין די וועגן פון דער תורה און פון די נביאים. דער מלך לייענט פאַר דעם נייעם בונד מיטן גאָט פון די אָבות און

שווערט איין דאָס גאַנצע פאָלק צו גיין אין די וועגן פון גאָט. אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון ספר דברים איז פאַרצייכנט דער אַריינפיר צום בונד־אָפּמאַך:

אתם נצבים היום כלכם
לפני ד׳ אלהיכם
ראשיכם — שבטיכם, זקניכם
ושוטריכם,
כל איש ישראל,
טפכם, נשיכם
וגרך אשר בקרב מחנך,
מחוטב עציך עד שואב מימיך,
לעברך בברית ד׳ אלהיך ובאלתו
אשר ד׳ אלהיך כרת עמך היום.

איר שטייט היינט אַלע
פאַר אייער גאָט,
די עלטסטע פון אייערע שבטים, אייערע
עלטסטע און אויפזעער,
אַלע מענער פון ישראל,
אייערע קינדער און אייערע ווייבער,
און דער פרעמדער פון דיין מחנה.
פון האָלצהאַקער ביזן וואַסערטרעגער,
אַז דו זאָלסט אַריינטרעטן אין בונד און שבועה
פון דיין גאָט.
וואָס דיין גאָט שליסט מיט דיר היינט.

(דברים כ״ט, 9־11)

אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַלע, פון די עלטס־טע און חשובסטע, ביזן האָלצהעקער און וואַסער־טרעגער, אויך די פרויען און קינדער, איז אַן אָנזאָג פון אַ נייער פּאָליטישער אָרדענונג, אַ דעמאָקראַטיע, צו וועלכער נישט אַלע פעלקער זענען אפילו היינט דערגאַנגען. און אין דער אידעע פון אַ בונד צווישן גאָט און פאָלק איז באַהאַלטן דער קערן פון סאָציאַלן קאָנטראַקט, וואָס וועט מיט העכער צוויי טויזנט יאָר שפּעטער באַפרוכפּערן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע.

אונטער דער נייער אָרדענונג רוט אָפּ דאָס פאָלק פון יהודה פון די איבער־געלעבטע צרות. יאשיהו איז אַריין אין דער געשיכטע, נישט נאָר ווי אַ רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר, נאָר אויך ווי אַ מלך, וואָס האָט געטאָן משפט און צדקה, און האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון דעם אָרימאַן.

ניין יאָר נאָך דער דורכגעפירטער רעפאָרמע פאַלט ענדלעך די אימפּעריע פון אשור און איר הויפּטשטאָט נינוה ווערט צעשטערט פון די פאַראייניקטע חילות פון די בבלים און מדיים. דאָס פאַלן פון אשור, פון וועלכן יהודה האָט אַזוי פיל געליטן, רופט אַרויס פרייד אין פאָלק. דער נביא נחום באַזינגט די פּאַסירונג אין אַ פּאָעמע, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען אין תנ״ך, אין וועלכער נחום באַשרייבט מייסטערהאַפט דעם לעצטן קאַמף פון אשור און דעם חורבן פון זיין הויפּטשטאָט. אין גרויס שמחה רופט דער נביא צום פאָלק פון יהודה:

חגי יהודה חגיך,
שלמי נדריך,
כי לא יוסיף
לעבר בך בליעל,
כלה נכרת!

פייער יהודה דיינע פייערטעג,
באַצאָל דיינע נדרים,
וואָרום עס וועט ניט מער
דורכגיין אין דיר דער נידערטרעכטיקער,
ער איז אינגאַנצן פאַרשניטן.

(נחום ב׳, 1)

דער חורבן פון אשור פרישט אָפּ די האָפענונג, אַז די איינוווינער פון ישראל, וואָס זענען אַהין פאַרטריבן געוואָרן מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, זאָלן זיך קענען

צוריקקערן אַהיים. די דאָזיקע האָפענונג כאַפּט אונטער דער געפּילפּולער ירמיהו, וואָס זאָגט אָן די גוטע בשורה דער מוטער רחל, אַ פיגור, וואָס ער פירט אַריין אין דער העברעאישער פּאָעזיע. די מוטער רחל האָט זיך די גאַנצע צייט נישט באַרואיקט און וויל זיך נישט טרייסטן נאָך אירע פאַרטריבענע קינדער, וואָס קומען נישט צוריק. איר ביטער געוויין הערט זיך אַזש ביז רמה, און דערגייט ביזן הימל, און ירמיהו טרייסט זי :

מנעי קולך מבכי,	פאַרמייד דיין קול פון געוויין,
ועיניך מדמעה,	און דיינע אויגן פון טרערן,
כי יש שכר לפעולתך	וואָרום פאַראַן אַ לוין פאַר דיין מי
ושבו מארץ אויב,	און זיי וועלן צוריקקערן פון לאַנד פון פיינט,
ויש תקוה לאחריתך,	און פאַראַן אַ האָפענונג פאַר דיין לעצט,
ושבו בנים לגבולם.	און די קינדער וועלן צוריקקערן צו זייער גרענעץ.

(ירמיהו ל"א 15)

ירמיהו טראָגט אויך די בשורה אין פאָלק אַריין. מיט ענטוזיאַזם רופט ער אויס :

עוד אבניך ונבנית	איך וועל דיך נאָך אויפבויען און דו וועסט נאָך אויפגעבויט ווערן,
בתולת ישראל.	יונגפרוי ישראל.
עוד תטעי כרמים	דו וועסט נאָך פלאַנצן וויינגערטנער
בהרי שומרון	אין די בערג פון שומרון.

(ירמיהו ל"א 2־3)

אָבער די ליכטיקע האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן. דאָס פאַלן פון אשור האָט באַפרייט פון אונטער איר יאָך די צוויי גרויסע מלוכות בבל און מצרים און יעדע איינע פון זיי האָט זיך געהאַלטן פאַר דער יורשטע פון דער פאַרשווונדענער אימפּעריע פון אשור.

שוין פון 664 האָט רעגירט אין מצרים פּסאַמעטיך דער 1־טער, אַן ענער־גישער, אַמביציעזער הערשער. לכתחלה איז ער געווען נישט מער ווי אַן אשורישער גובערנאַטאָר, שפּעטער האָט ער פאַר זיך אויסגעקעמפט די פּאָזיציע פון אַן אויטאָ־נאָמען וואַסאַל, און אויף וויפל אשור איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט זיך פּסאַמעטיך אַלץ מער באַפעסטיקט ווי דער אומאָפּהענגיקער פרעה פון מצרים. ווען אשור איז געפאַלן, האָט פּסאַמעטיך פאַרטראַכט איבערצונעמען די ירושה און ווערן דער איינ־ציקער וועלט־הערשער. צוליב זיין טיפן עלטער האָט ער אַליין נישט באַוויזן דורכצו־פירן זיינע פּלענער, אָבער דריי יאָר נאָך זיין טויט וועט מאַכן דעם פּרווו זיין זון דער פרעה נכה. בראש פון אַ גרויסן חיל לאָזט ער זיך אַוועק קיין צפון, צו קעמפן קעגן דעם באַזיגער פון אשור, דעם מלך פון בבל, נבו־פּלאַסר.

אָבער דער וועג פון נכה ליגט דורך יהודה, און דער מלך יאשיהו וויל פאַרבלייבן נייטראַל אין דעם קאָנפליקט. ער טרעט אַרויס מיט זיינע חילות אויף צו פאַרשטעלן דעם וועג פון די מצרים. נכה וואָרנט אים אפילו, אַז ער איז גאָר נישט

ארויסגעטראָטן קעגן יהודה, אָבער פאַר יאשיהון איז עס אַלץ איינס, ער זוכט דאָך צו פאַרטיידיקן די סוּווערענע נייטראַליטעט פון זיין לאַנד. ביי מגדו, אין עמק יזרעאל, קומט פאַר די שלאַכט צווישן די חילות פון יהודה מיט די מחנות פון מצרים. יהודה ליידט אַ מפּלה. יאשיהו פאַלט אויפן שלאַכטפעלד. דאָס לאַנד פאַלט אַרונטער דער אויבערהערשאַפט פון מצרים. ווען די פאָלקס פאַרטרעטערשאַפט (עם ־ הארץ) באַשטימט דעם צווייטן זון פון יאשיהו, דעם דריי און צוואַנציק יעריקן שלום, אַלס מלך, וועלכער קעניגט דריי חדשים אונטערן נאָמען יהואחז, זעצט אים פרעה נכה אַראָפּ פון טראָן, נעמט אים געפאַנגען קיין מצרים און באַשטימט אויף זיין אָרט דעם עלטסטן זון פון יאשיהו, אליקים, וואָס נעמט אָן אַלס מלך דעם נאָמען יהויקים.

דער טויט פון יאשיהו האָט אַרויסגערופן גרויסן טרויער אין אַלע שיכטן פון פאָלק. דער נביא ירמיהו, די פאָלקס־זינגער און די פאָלקס־זינגערינס, האָבן פאַרפאַסט ספּעציעלע קלאָג־לידער, וואָס זענען צונויפגענומען געוואָרן אין אַ באַזונדער בוך און פלעגן געזונגען ווערן אין די לעצטע יאָרן פון קיום פון דער ערשטער יידישער מלוכה און אויך שפּעטער אין גלות. דער פאָלקס גייסט האָט דערפילט, אַז מיטן טויט פון זיין גרויסן און גוטן מלך הויבט זיך אָן די ירידה פון דער מלוכה און אַ שווערע צייט פאַרן עצם קיום פון פאָלק; אַז דער שטערן פון מלכות יהודה הויבט אָן צו פאַרגיין.

20סטע לעקציע

באַרג אַראָפּ: די מלכים יהויקים און יהויכין

(597־607 פאַר ד. א. צ. ר.)

טרויעריק איז געוואָרן די שטימונג אין יהודה, ווען די מצרים האָבן ארויפ־געזעצט יהויקימען אויפן טראָן. עס זענען נאָך נישט אויסגעטריקנט די טרערן מיט וועלכע דאָס פאָלק האָט באַוויינט זיין באַליבטן מלך יאשיהו, וואָס איז געפאַלן ביי דער פאַרטיידיקונג, און שוין האָט עס געשלונגען טרערן פון פאַרדרוס און באַליי־דיקונג פון דעם, וואָס אַ פרעמדער הערשער האָט אַראָפּגעזעצט דעם מלך שלום יהואחז וואָס דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן, און אים אָנגעבונדן אַ מלך, אליקים־יהויקים, נישט אין הסכם מיט זיין ווילן. די דאָזיקע שטימונג געפינט איר אָפּקלאַנג אין די ווערטער פון דעם נביא ירמיהו, וועלכער זאָגט:

אל תבכו למת	איר זאָלט ניט וויינען אויפן טויטן (יאשיהו)
ואל תנודו לו,	און ניט באַדויערן נאָך אים,
בכו בכה להולך,	וויינען וויינט אויף דעם וואָס גייט אוועק,
כי לא ישוב עוד	וואָרום ער וועט זיך מער ניט אומקערן
וראה את ארץ מולדתו	און זען דאָס לאַנד פון זיין געבורט.

(ירמיהו כ״ב, 10)

די חילות פון מצרים זעצן דערווייל פאַר זייער מאַרש קיין מעסאָפּאָטאַמיע. אין בבל איז אונטער דער צייט געשטאָרבן דער אַלטער נבו־פּלאַסר און דעם טראָן האָט באַשטיגן זיין זון נבוכדנאצר, אַ יונגער, ענערגישער און פעאיקער קריגס־פירער. אין יאָר 605 קומען די מצריים ביז כּרכמיש אויפן טייך פּרת, וווּ זיי ווערן פולשטענ־דיק צעשלאָגן פון די בבלישע חילות און אַנטלויפן מיט חרפּה צוריק.

די דאָזיקע מפּלה פון מצרים, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ נקמה פאַרן טויט פון יאשיהו און די דערנידערונגען וואָס פרעה האָט פאַרשאַפט יהודה מיטן אַראָפּזעצן דעם מלך וואָס זי האָט דערווײלט (יהואחז), האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די שאַפונגען פון די נביאים. ירמיהו מאָלט די שלאַכט אין פאָלגנדיקע דינאַמישע סטראָפן:

ערכו מגן וצנה
וגשו למלחמה,
אסרו הסוסים
ועלו הפרשים !
והתיצבו בכובעים,
מרקו הרמחים,
לבשו הסריונות.
מדוע ראיתי המה חתים ?
נסגים אחור
וגבוריהם יכתו
ומנוס נסו ולא הפנו,
מגור מסביב !

גרייט אָן פּאַנצער און שילד
און טרעט צו צו מלחמה,
שפּאַנט די פערד,
זעצט זיך ארויף, רייטער !
שטעלט זיך אין קיווערס,
שלייפט די שפּיזן,
טוט אָן די פּאַנצערס,
פאַרוואָס־זשע זע איך, זיי ווערן צעשראָקן ?
זיי טרעטן צוריק,
זייערע גבורים ווערן צעקלאַפּט,
לויפן איין געלאָף און קערן זיך ניט אום,
אַ שרעק רונדאַרום !

(ירמיהו מ״ו 2־6)

דער שלום־אָפּמאַך צווישן מצרים און בבל האָט געבראַכט יהודה אונטער דער אויבערהערשאַפט פון בבל. יהויקימען אָבער האָט עס ווייניק געאַרט. דאָס איז געווען אַן ענגהאַרציקער און קורצזיכטיקער טיראַן, וואָס האָט געהאַט די שוואַכקייטן פון אַלע קליינמוטיקע וואַסאַלן, מאַכן זיך וויכטיק דורך בנינים, הערשן מיט אַ שטאַרקער האַנט, אונטערדריקן זיינע אונטערטאַנען מיט גרויסע צינזן. ער פירט אויך איין דעם ביז דאַן אין יהודה אומדערהערטן איינפיר פון ארבעט־לייסטונג, ארבעטן אומבאַצאָלט פאַרן מלך. דער נביא ירמיהו שטראָפט דעם קליינקעפּיקן מלך מיט פאַל־גנדיקע סטראָפן :

הוי בונה ביתו בלא צדק,
ועליותיו בלא משפט,
ברעהו יעבד חנם,
ופעלו לא יתן לו,
האומר אבנה לי בית מדות,

ועליות מרוחים,
וקרע לו חלוני
וספון בארז
ומשוח בשׁשר,
התמלוך, כי אתה מתחרה בארז?

ווי דעם וואָס בויט זיין הויז מיט אומערלעכקייט
און זיינע אויבערשטובן מיט אומרעכט,
מיט זיין חבר ארבעט ער אומזיסט,
און גיט אים ניט זיין לוין.
וואָס זאָגט: איך וועל מיר אויפבויען
אַ גרויס הויז
און געראַמע אויבערשטובן,
און ער שניידט זיך אויס פענצטער
און באַדעקט זיי מיט צעדער,
און באַשמירט עס מיט פאַרב.
קעניגסט דען? וואָס דו פאַרמעסט זיך מיטן צעדער?

(ירמיהו כ״ב 13־15)

דער מלך ווערט אָבער ווייניק נתפּעל פון נביאס שטראָפרייד. ער פאַרפאָלגט ירמיהון, וועלכער מוז זיך פון אים אויסבאַהאַלטן. פון זיין באַהעלטעניש שיקט ער צום מלך זיינע שריפטלעכע וואָרענונגען, אָבער דער מלך לאָזט אפילו נישט פאַרענ־דיקן דאָס לייענען די מגילה, ער צעשניידט זי מיט זיין מעסער און וואַרפט זי אריין אין פייער.

דאָס פירט שוין אפילו דעם מילדן ירמיהו אַרויס פון געדולד און ער שעלט דעם מלך מיט טויטע קללות.

לא יספדו לו,
הוי אחי והוי אחות,
לא יספדו לו,
הוי אדון והוי הודו,
קבורת חמור יקבר,
סחב והשלך
מהלאה לשערי ירושלים

מען וועט ניט קלאָגן אויף אים
„ווי מיין ברודער!" און „ווי שוועסטער!"
מען וועט ניט קלאָגן אויף אים
„ווי האר", און „ווי זיין מאַיעסטעט!"
ווי אַן אייזל וועט ער באַגראָבן ווערן.
פאַרשלעפּט און פאַרוואָרפן
ווייטער פון די טויערן פון ירושלים.

(ירמיהו כ״ב 18־19)

אָבער די נבואה ווערט מקוים נאָר אויף דער העלפט. צום סוף פון זיינע יאָרן איז יהויקים מורד אין מלך פון בבל. באַלד קומט אַ שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס דערגרייכט די טויערן פון ירושלים. בשעת דער באַלאַגערונג פון דער שטאָט שטאַרבט יהויקים. לויט איין מיינונג איז ער געפאַלן ביים פאַרטיידיקן די שטאָט. אויפן טראָן גייט אַרויף זיין אַכצן יאָריקער זון יהויכין, וועלכער קעניגט בלויז דריי חדשים. אין פאַרלאַנג צו ראַטעווען די שטאָט, קאַפּיטולירט ער צו די קריגס־פירער פון בבל, וועלכע נעמען אין געפענגעניש דעם מלך, זיין מוטער, זיינע פרויען און קינדער, און פאַרטרייבן זיי אין גלות קיין בבל, צוזאַמען מיט אַרום צען טויזנט בני יהודה, די פירנדיקע שיכטן פון דער מלוכה, די האָלץ־ און אייזן־אַרבעטער וואָס קאָנען פאַבריצירן געווער, און די מלחמה־געפאַנגענע, וואָס זענען גענומען געוואָרן בשעת די קריגס־אָפּעראַציעס. אויפן צעטרייסלטן טראָן פון יהודה זעצט אַרויף נבוכדנצאר דעם דריטן זון פון יאשיהו, מתניה, וועלכער נעמט אָן אַלס מלך דעם נאָמען צדקיהו. ער שווערט טריי־שאַפט צו זיין אויבערהאַר דעם מלך פון בבל.

דער מלך יהויכין בלייבט איינגעבאַקן אין הארצן פון די פאָלקס־מאַסן. זיין שריט פון איבערגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט אויף צו ראַטעווען די שטאָט האָט אים ביז גאָר געמאַכט באַליבט ביים פאָלק, וואָס פאַרציט אים דעם נאָמען יהויכין אויף דעם מער פאָלקסטימלעכן כניהו. דער נביא ירמיהו, וואָס האָט מיט עלף יאָר צוריק באַקלאָגט דעם גלות פון זיין פעטער יהואחז קיין מצרים, באַקלאָגט איצט זייער געפיל־פול דעם גלות פון באַליבטן כניהו :

העצב נבזה נפוץ,
האיש הזה כניהו,
אם כלי אין חפץ בו,
מדוע הוטלו הוא וזרעו
והושלכו אל ארץ אשר לא ידעו?

איז אַ פאַראַכט און צעבראָכן געפעס
דער דאָזיקער מאַן כניהו ?
איז ער אַ כלי אַ נישט־ווערטיקע?
פאַרוואָס זענען זיי פאַרוואָרפן געוואָרן
ער און זיינע קינדער,
פאַרשליידערט אין אַ לאַנד וואָס זיי קענען ניט?

(ירמיהו כ״ב, 28)

מלכות יהודה בלייבט אין צייכן פון גלות.

21סטע לעקציע

דער לעצטער געראַנגל

צדקיהו דער לעצטער מלך פון יהודה; גדליהו דער רעגירער אין נאָמען פון בבל

(597 ־ 584 פאַר ד. א. צ. ר.)

צדקיהו איז געווען אַ מענטש פון שוואַכן כאַראַקטער און דערצו זייער יונג, קוים 21 יאָר אַלט, און נישט ער האָט געקאָנט פירן די מלוכה־שיף אין דעם שווערן קריזיס, וואָס די מדינה האָט דורכגעמאַכט. אין לאַנד זענען געווען צוויי פּאַרטייען: די פּראָ־מצרישע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז מען מוז מאַכן אַ צווייטע מרידה קעגן בבל. בראש פון דער פּאַרטיי זענען געשטאַנען די מיליטער־לייט, די גרויסע האַרן, די הויפּט־כהנים און די הויף־נביאים מיט חנניה בן עזור בראש. די צווייטע פּאַרטיי איז געווען פּראָ־בבליש און האָט געהאַלטן, אַז אויף מצרים טאָר מען זיך נישט אָריענטירן, אַז בבל איז צו שטאַרק, און בלית־ברירה מוז מען בלייבן אונטערטעניק בבל; אגב, וועט דאָך מצרים אויך פאָדערן אונטערטעניקייט. די פּאַרטיי האָט אויך געהאַלטן, אַז יהודה דאַרף זיך בכלל אָפּלאָזן פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און בעסער זיך ווידמען די אינערלעכע ענינים פון לאַנד. בראש פון אָט דער פּאַרטיי זענען געשטאַנען די פאָלקס־נביאים ירמיהו און יחזקאל.

פאַרשידן אין גייסט און כאַראַקטער זענען געווען אָט די צוויי גרויסע נביאים, וואָס האָבן דורכגעלעבט די לעצטע דראַמאַטישע יאָרן פון מלכות יהודה. פאַרשידן איז אויך געווען דאָס אָרט פון זייער טעטיקייט. ירמיהו האָט געווירקט בעיקר אין יהודה און נאָכן חורבן אין מצרים. יחזקאל איז פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיטן מלך יהויכין קיין בבל, וווּ ער האָט געווירקט די גאַנצע צייט.

יחזקאל איז געווען אַן אומבויגזאַמער אָנהענגער פון מדת הדין. יידן האָבן געזינדיקט סיי מאָראַליש מיט עוולות קעגן די שוואַכע און אָרעמע, סיי רעליגיעז מיט דינען צו פרעמדע געטער און איבערנעמען פרעמדע פירונגען אין דעם קולט פון נאָ־

ציאָנאַלן גאָט, מוזן זיי אָפּקומען. אין זיין אומבויגזאַמער שטרענגקייט רעדט יחזקאל צו שאַרפע ווערטער קעגן די מלוכות ישראל און יהודה. אין זיינע אויגן זענען זיי ווי איינפאַכע זונות. דאָס פאָלק גופא איז אויך פון קליינעם יחוס. דער פאָטער אַן אמורי, די מוטער א חתית, און פון געבוירן אָן איז עס ווילד געוואַקסן. „ניט געוואַשן אין וואַסער, ניט געשמירט אין בוימל, ניט געוויקלט אין לייוונט, אפילו דער נאָפּל איז ניט אָפּגעשניטן". עפּעס ווי אַן אונטערגעוואָרפענער ממזר. און שפּעטער, ווען עס איז אויסגעוואַקסן, איז עס געבליבן הויל נאַקעט, און האָט זיך געוויקט אין אייגענעם בלוט, ביז גאָט האָט זיך דערבאַרעמט אויף דעם און געזאָגט: „אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן, אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן". ערשט דעמאָלט איז עס געוואָרן אַ שטיקל לייט. איצט, אַז עס האָט פאַרראַטן גאָט, האָט עס גאָר קיין פאַרגעבונג נישט. אָבער אויך אָט די שטרענגע פאַרקערפּערונג פון מדת הדין וועט שפּעטער צוזאַמענברעכן, ווען קיין בבל וועט דערגיין די ידיעה, אַז ירושלים איז געפאַלן. ער ווערט פּאַראַליזירט, עס נעמט אים אָפּ אויף אַ צייט דער לשון. שפּעטער, ווען ער קומט צו זיך קאָן ער קוים שטאַמלען. און דאַך וועט ער זיין דער ערשטער אַרויסצוטרעטן מיטן אָנזאָג פון ווידעראויפלעבונג פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, ישראל און יהודה צוזאַמען. די יידן זענען דאַך אין גלות אָפּגעקומען פאַר זייערע זינד, ווערט דער נביא פון שטרענגער שטראָף אויך דער ערש־טער נביא פון דערבאַרעמונג.

גאַנץ פאַרשידן פון יחזקאל איז זיין מיטצייטלער ירמיהו. אַ מענטש מיט אַ מילד, געפילפול געמיט, וואָלט ער נישט וועלן שטראָפן, אָדער אָנזאָגן פורעניות, אָבער דער נבואה־דראַנג איז שטאַרקער פון אים. ער פילט אים ווי אַ פאַרבאָרגענעם פייער אין זיינע ביינער, ער מוז אַרויסקומען מיט זיין וואָרט. ער שטרענגט זיך אָן אָפּצורעדן דעם מלך פון מורד זיין אין בבל. ער ראָט אים שלום צו מאַכן מיט זיין גורל. זיך ווידמען די אינטערעסן פון לאַנד. דער מלך צדקיהו איז אָבער צו שוואַך און צו יונג און קאָן גאָרנישט קעגן די האַרן.

דאָך געלינגט ירמיהון אָפּצוהאַלטן אַ לענגערע צייט דעם קעניג פון מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן בבל. אָבער דער דרוק פון מצרים איז זייער גרויס. אין 590 קומט קיין ארץ ישראל דער פרעה פּסאַמעטיך דער צווייטער צו זוכן פאַרבינדעטע אין אַ קאָאַליציע קעגן בבל. אָבער ער האָט ווייניק דערפאָלג. צדקיהו פאָרט אפילו ספּעציעל קיין בבל אויף צו פאַרזיכערן נבוכדנצאַרן אין זיין לאָיאַליטעט.

אין 588 באַשטייגט דעם מצרישן טראָן דער פרעה חפרע (אַפּריעס, אין גריכיש) אַן ענערגישער הערשער, וואָס טרעט אַרויס מיט תביעות קעגן דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס פרעה נכה האָט בשעתו געשלאָסן. ער שאַפט אַ קאָאַליציע פון די קלע־נערע מלוכות קעגן בבל, ירמיהון געלינגט עס לכתחילה אָפּצוהאַלטן צדקיהון פון צושטיין צו דער קאָאַליציע, אָבער צום סוף פון יאָר 588, ווען חפרע האָלט אָפּ אַ זיג אין זיין ים־מלחמה קעגן פעניציע און ציפּערן, שטאַרקן זיך די האָפענונגען אויף

מצרים און די פּראָ־מצרישע פּאַרטיי צווינגט צדקיהון צו רעבעלירן קעגן בבל. ירמיהו טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער מרידה, און ווען די בבלים באַלאַגערן ירושלים, צען טעג אין חודש טבת פון 588, פאָדערט ירמיהו אַז מען זאָל נאָכטאָן דעםביישפּיל פון מלך יהויכין און זיך אונטערגעבן, בכדי צו ראַטעווען די שטאָט, דאָס לאַנד און דאָס פאָלק. די האַרן וואַרפן אים אַריין אין אַ פינצטערן גרוב, פון וואַנען ער ווערט אַרויסגענומען אויפן באַפעל פון מלך.

דערווייל איז דער פּרעה חפרע אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרמיי קעגן די בבלים, וואָס האָבן געמוזט אָפּנעמען די באַלאַגערונג פון ירושלים. די פּראָ־מצרישע פּאַרטיי האָט טריומפירט, זיי האָבן זיך צוגעשריבן דעם נצחון און האָבן דערווייל פאַר איינוועגס צוריק פאַרשקלאַפט די יידישע קנעכט, וואָס מען האָט געהאַט באַ־פרייט בשעת דער באַלאַגערונג, בכדי זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין פאַרטיידיקן די שטאָט. דער דין פון באַפרייען יידישע קנעכט אויפן זיבעטן יאָר איז מער נישט אָפּגע־היט געוואָרן מיט דער געהעריקער שטרענגקייט זינט דער טיראַנישער ממשלה פון יהויקים. ווען די שטאָט איז באַלאַגערט געוואָרן, האָט מען די קנעכט אָפּגעלאָזט, איצט, ווען די באַלאַגערונג איז אָפּגענומען געוואָרן, האָט מען זיי ווידער פאַרשקלאַפט. ירמיהו פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ אומרעכט און אין זיין צאָרן זאָגט ער נבואות, אַז: „אפילו איר זאָלט אויסהרגענען דעם גאַנצן חיל פון די כשדים וואָס האַלטן מלחמה אויף אייך און זיי זאָלן אַלע בלייבן געשטאָכענע אין זייערע געצעלטן, וועלן אָט די געשטאָכענע אויפשטיין און פאַרברענען די שטאָט". פאַר קיין סאָציאַלע עוולות קאָן אפילו דער מילדער ירמיהו נישט שענקען.

אָבער די מצרים דערשרעקן זיך פאַר די בבלישע חילות און ציען זיך צוריק. יהודה איז איבערגעלאָזט אויף איר אייגענעם גורל, די באַלאַגערונג פון ירושלים ווערט באַנייט, ירמיהו ווערט אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש. דאָרט פירט ער דורך אַ סימ־באָלישן אַקט, וואָס באַווייזט ווי טיף עס איז געווען אין זיין האַרצן די האָפענונג, אַז דאָס פאַלן פון דער שטאָט באַדייט נאָך נישט דעם אומקום פון פאָלק, אַז דאָס פאָלק פון יהודה וועט איבערטראָגן און אַרויס גאַנץ פון שרעקלעכן נסיון. ירמיהו קויפט ביי זיין שוועסטערקינד חנמאל דאָס פעלד, וואָס יענער פאַרמאָגט אין דאָרף ענתות; ער באַצאָלט מזומן, שרייבט אַ קויף־שיין, שטעלט עדות, די פולע פּראָצעדור פון אַ קניה, נאָר בכדי צו סימבאָליזירן די געטלעכע נבואה, אַז „מען וועט נאָך קויפן פעלדער און שרייבן קויפשיינען אין לאַנד בנימין און אין דער סביבה פון ירושלים, אין די שטעט פון יהודה און פון באַרג, און פון דער שפלה, און פון נגב, ווייל די געפאַנגענע וועלן זיך צוריקקערן". (ירמיהו ל"ב 44).

ווען דאַרט פאַרן צווייטן וועלט־קריג אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווערט יידן פאַרבאָטן צו קויפן באָדן אין ארץ ישראל, ווערט פון קרן קימת פון ירושלים פאַר־אָרדנט צו לייענען קאַפּיטל ל"ב פון ירמיהו, ווי אַ מקור פון האָפענונג.

אזוי געשלידערט צווישן יאוש און האָפענונג לעבט איבער ירמיהו די טיפע טראַגעדיע פון פאָלק יהודה. זיין האַרץ ווערט צעריסן פון די קעגנגעזעצטע געפילן. פון איין זייט פאַרשטייט ער, אַז די שטראָף איז אַ פאַרדינטע און מוז דערפאַר קומען, פון דער צווייטער זייט פילט ער דעם גאַנצן צער און ווייטיקט פאַר די אומגליקן, וואָס זיין פאָלק לעבט דורך. זיין גרויס האַרץ ווערט די קאַמפּס־אַרענע צווישן מדת הדין און מדת הרחמים. זיין לעבן איז אים נישט ליב, ער פאַרשעלט דעם טאָג פון זיין געבוירן, ער פאָדערט ביי זיין פאָלק פאַרן אומרעכט קעגן גאָט און מאָנט ביי זיין גאָט די קריוודע פון זיין פאָלק. ער ליידט גרויזאַם, איבערמענטשלעך.

על שבר בת עמי	איבער דעם בראָך פון מיין פאָלק
השברתי, קדרתי.	בין איך צעבראָכן, פאַרפינצטערט בין איך.
שמה החזיקתני	אַ שרעק האָט מיך אָנגענומען.
— — — — — — —	— — — — — — — — — —
מי יתן ראשי מים,	ווער וואָלט געמאַכט מיין קאָפּ וואַסער,
ועיני מקור דמעה,	און מיין אויג אַ קוואַל טרערן,
ואבכה יומם ולילה,	איך וואָלט באַוויינט טאָג און נאַכט,
את חללי בת עמי.	די טויט־געשלאָגענע פון מיין פאָלק.

(ירמיהו ח׳ 21־23)

די פּאַסירונגען האָבן זיך דערווייל אַנטוויקלט מיט אומרחמנותדיקער אומ־בויגזאַמקייט. צען טעג אין חודש טבת פון 588 איז ירושלים באַלאַגערט געוואָרן. דעם ניינטן תמוז פון 586 איז די שטאָט גענומען געוואָרן. צדקיהו פּרוּווט אַנטלויפן פון שטאָט. אין פעלד זענען נאָך דאָ געווען מיליטערישע כוחות, דאָרט איז אויך דאָ שפּייז געווען, נישט ווי אין ירושלים, וואָס איז געפאַלן צוליב הונגער און דאָרשט. מען וועט נאָך קאָנען פאָרזעצן דעם געראַנגל. אָבער אין געגנט פון יריחו ווערט ער גענומען געפאַנגען פון די כשדים און אָפּגעשיקט אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון נבוכדנאצר אין רבלה פון לאַנד ארם.

דאָרט ווערט דער לעצטער קעניג פון יהודה שוידערלעך געפּייניקט. ער מוז צוזען דעם טויט פון זיינע זין. נאָכהער מאַכט מען אים בלינד און ער ווערט פאַר־שיקט אויף אייביקער תפיסה קיין בבל. אין אַ פינף וואָכן נאָכן פאַלן פון ירושלים קומט אָן אַ פאַראָרדענונג פון נבוכדנאצר, אַז מען זאָל די שטאָט צעשטערן, דעם בית המקדש און די פּאַלאַצן פאַרברענען, די קאָסטבאַרע כלים אָפּפירן קיין בבל, צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע האַרן און כהנים, וואָס ווערן געטויט אין רבלה. אַרום צען טויזנט נפשות פון די פירנדיקע שיכטן זענען ווידער פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. די שטעט פון יהודה, איר פרעכטיקע הויפּט־שטאָט, אירע פעסטונגען און אַ טייל דערפער זענען געלעגן צעשטערט. אין דער צעשטערונג האָבן די בבלים צוגעהאָלפן די אַרומיקע פעל־קער, צווישן זיי דאָס ברודער־פאָלק פון אדום, וואָס האָט זיך גראָד אויסגעצייכנט מיט זיין אכזריות.

אָבער נבוכדנאצר האָט נישט בדעה אינגאַנצן חרוב מאַכן דאָס לאַנד, צוליב זיינע פּאָליטישע אויסרעכענונגען. אין אָנזיכט פון אַ צוקונפטיקן אָנגריף אויף מצרים,

דארף ער גראד האבן, אז דאס גרענעץ־לאנד יהודה זאל בלייבן באזעצט און דינען ווי אן אפראוויזאציע־באזע פאר זיינע חילות. ער לאזט איבער די דארפישע באפעלקערונג אויף איר פלאץ. ער באשטימט אפילו א יידישן רעגירער פון דער מדינה, גדליהו בן אחיקם בן שפן, וואס האט פארנומען דעם אמט פון פאלאץ־אינטענדענט ביי צדקיהו און איז געווען א געטרייער שילער פון ירמיהו און א פרא־בבלי. גדליהו באזעצט זיך אין דער צו ירושלים נאענטער שטאט מצפה (היינט נעבי סומוויל). ביסלעכווייז קומען צו אים די קריגס־פירער מיט זייערע חילות, וואס איז געלונגען אויסצובאהאלטן זיך פון די בבלים. גדליהו בארואיקט זיי. ער הייסט זיי פארנעמען די פוסטע שטעט, באזעצן זיך אין זיי, צוריקשטעלן דאס לאנד, נישט מורא האבן פאר די בבלים. יהודה הויבט אן ביסלעכווייז צוריקשטעלן אירע חורבות.

אבער די פאליטיק פון גדליהו פון געהארכזאמקייט צו בבל ווערט באטראכט ווי א פארראט מצד די היפער־פאטריאטן. איינער פון זיי ישמאל בן נתניה, א פרינץ פון דער קעניגלעכער דינאסטיע, וואס האט זיך אויסבאהאלטן אין לאנד עמון, קומט צו גדליהון, כלומרשט מיטארבעטן אין ווידעראויפבוי פון לאנד. גדליהו האט צו אים דעם פולסטן צוטרוי, ווען אפילו די קריגס־פירער יוחנן בן קרח און אנדערעווארענען אים, אז ישמעאל האט אים בדעה צו טויטן. די ווארענונג איז נישט געווען קיין בלבול. אויף ראש השנה פון 585, אדער 584, איז ישמעאל געווען דער גאסט פון גדליהו און ער האט אים פאררעטעריש דערמארדעט, ווי אויך אויסגעהרגעט דעם בבלישן גארניזאן פון מצפה.

אויס מורא פאר רעפרעסיעס מצד די בבלים, באשליסן די פארבליבענע קריגס־פירער צו אנטלויפן קיין מצרים, ווען אפילו ירמיהו ראט זיי צו בלייבן אין לאנד און פארזעצן דעם ווידעראויפבוי. די קריגס־פירער פארנעמען א טייל פון פארבליבענעם פאלק און ציען אפ קיין מצרים, וווּ זיי ווערן באזעצט ווי א מיליטערישע קאלאניע אויפן אינדזל יב (עלעפאנטינע) אויפן טייך נילוס, הארט ביי דער גרענעץ מיט עטיאפיע. ווּ זיי דארפן אפהיטן די גרענעצן פון מצרים. זיי שטעלן זיך אויף א קליינעם בית־המקדש אויף צו דינען גאט מיט קרבנות און מנחות. דער בית מקדש וועט עקזיסטירן א פאר הונדערט יאר. א צווייטע טייל ווערט פארטריבן קיין בבל.

יהודה בלייבט וויסט. איר טעריטאריע ווערט טיילווייז פארנומען פון די ארומיקע פעלקערשאפטן, עמון, אדום, מואב, שומרונים און פלשתים. אבער אין געוויסע טיילן פון לאנד דערהאלטן זיך פארט יידישע אקערבויער, וואס ווילן נישט איבעררייסן דעם בונד מיטן לאנד און מיטן באדן פון די אבות. מלכות יהודה איז חרוב. דאס פאלק איז אין גלות. א טייל אין בבל, א טייל אין מצרים. מען האט געקאנט מיינען, אז עס איז געקומען דער סוף פון עברים־פאלק... אבער די געשיכטע פון דעם וווּנדער־פאלק איז נאך ווייט נישט פארענדיקט. עס האט בלויז אפגעשלאסן דעם ערשטן אקט פון דער דראמע, דורכגעמאכט דעם ערשטן קרייז פון זיין קיום, אויף באלד אנצוהויבן א צווייטן.

22סטע לעקציע

תחית המתים פון א פאָלק

(586 ־ 562 פאַר ד. א. צ. ר.)

פאַרוויסט און פאַרלאָזן איז געבליבן דאָס לאַנד יהודה נאָך דער צעשטערונג פון איר מלוכה. דאָס פאָלק, צעריסן אויף דריי שטיקער. איין טייל פאַרטריבן קיין בבל, א צווייטע — אוועק קיין מצרים, א דריטע, גאָר א קליינער חלק, האָט זיך דערהאַלטן אין די וויסטסטע, אָפּגעלייגנטע דערפער פון היימלאַנד. א בית־עולם־שטילקייט האָט די ערשטע יאָרן נאָכן חורבן געהערשט אויף די פעלדער פון יהודה, אנטשוויגן איז אויך געוואָרן צייטווייליק די שטימע פון די נביאים. צו שטאַרק איז געווען דער קלאַפּ, צו גרויס דער בראָך, די כוחות פון דער פאָלקס נשמה זענען געבליבן ווי פּאַראַליזירט. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך נאָך געלאָזט הערן, איז געווען דאָס וויינען און קלאָגן אויפן גרויסן אומגליק. און אין אָט דעם געוויין, וואָס ווערט מיט דער צייט פאַרוואַנדלט אין א מעכטיקן פּראָטעסט־געשריי, איז געלעגן דער אָנזאָג, אז דאָס פאָלק איז בלויז דערדריקט, אָבער ווייט נישט טויט; טויטע וויינען נישט און פּראָטעסטירן נישט.

באַלד נאָכן חורבן הויבן אָן פאַרפאַסט צו ווערן קלאָג־לידער (קינות), וואָס באַוויינען דעם אומגליק. זיי זענען שפּעטער צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין דער מגילה איכה, וואָס ווערט צוגעשריבן דעם נביא ירמיהו, ווען אפילו נישט אַלע אירע קאַפּיט־לען זענען פאַרפאַסט פון גרויסן מקונן. לויטן אינהאַלט און סטיל פון די פאַרשידענע קלאָג־לידער קאָן מען זיך משער זיין, אז זיי זענען פאַרפאַסט געוואָרן פון פאַרשידענע מחברים און אפשר אויך אין פאַרשידענע לענדער. יעדע סביבה ברענגט ארויס אן אנדער געוויין, אנדערע דעראינערונגען, אן אנדער באַקלאָגן זיך.

דאָס אוממיטלבאַרסטע געוויין הערט זיך ארויס פון קאַפּיטל ה׳, וואָס איז וואַרשיינלעך פאַרפאַסט געוואָרן צווישן די פאַרבליבענע אין יהודה. עס פילט זיך ארויס דער צער און צאָרן פון א פאָלק, וואָס זיצט נאָך אויף זיין באָדן. ער איז אָבער באַ־רויבט פון געניסן אים.

נחלתנו נהפכה לזרים,
בתינו לנכרים,
מימינו בכסף שתינו,
עצינו במחיר יבואו.
עבדים משלו בנו,
פורק אין מידם,
זקנים משער שבתו,
בחורים מנגינתם,
שבת משוש לבנו,
נהפך לאבל מחולנו.

אונדזער נחלה איז איבערגעגאַנגען צו פרעמדע,
אונדזערע הייזער צו אַנדערע.
אונדזער וואַסער טרינקען מיר פאַר געלט,
אונדזער האָלץ קומט אונדז אָן פאַר באַצאָלט.
קנעכט געוועלטיקן איבער אונדז,
נישטאָ קיין אויסלייזער פון זייער האַנט,
זקנים האָבן פון טויער אויפגעהערט,
יונגעלייט פון זייער געזאַנג,
אויפגעהערט די פרייד פון אונדזער האַרצן,
פאַרוואַנדלט אין טרויער אונדזער טאַנץ.

(איכה ה׳, 2, 4, 8, 13, 14)

דער קאַפּיטל א׳ איז וואַרשיינלעך פאַרפאַסט געוואָרן אין גלות בבל דורך אַן אָנהענגער פון די נביאים, וואָס איז מקבל באהבה די פאַרדינטע שטראָף. ער באַוויינט בעיקר דעם חורבן פון דער הויפּטשטאָט, ירושלים:

איכה ישבה בדד
העיר רבתי עם;
היתה כאלמנה.
רבתי בגויים,
שרתי במדינות,
היתה למס.

ווי איינזאַם איז געבליבן
די שטאָט פון פיל פאָלק;
געוואָרן ווי אַן אלמנה,
די פירשטין צווישן די אומות,
די האַרינטע צווישן די מדינות —
געוואָרן צו צינז.

(איכה א׳ 1)

ער באַוויינט אויך דעם גורל פון פאַרטריבענעם פאָלק.

גלתה יהודה
מעני ומרב עבודה.
היא ישבה בגויים,
לא מצאה מנוח.

יהודה איז אין גלות אוועק,
אין פּיין און אין גרויס קנעכטשאַפט.
זי זיצט צווישן די פעלקער,
זי געפינט נישט קיין רו.

(איכה א׳, 3)

אָבער דער משורר איז מקבל די שטראָף; זאָל עס זיין אַ כפרה פאַר די זינד.

צדיק הוא ד׳
כי פיהו מריתי.

גאָט איז גערעכט,
ווייל איך האָב זיין וואָרט ווידערשפּעניקט.

(איכה א׳ 18)

דער פאַרפאַסער פון קאַפּיטל ב׳ שיינט צו זיין אַ מיליטערמאַן, וועמען עס טוט ווי, מער פון אַלץ, די צעשטערונג פון דער מלוכה־קראַפט. ער באַדויערט דאָס פאַלן פון די פעסטונגען, די מיליטערישע מפּלה:

בלע ד׳ ולא חמל
כל נאות יעקב,
הרס בעברתו
כל מבצרי יהודה
הגיע לארץ,
חלל ממלכה ושריה.

גאָט האָט אומגעבראַכט אָן רחמנות
אַלע וווינונגען פון יעקב,
צעשטערט אין זיין צאָרן
אַלע פעסטונגען פון יהודה,
זיי געבראַכט צו דער ערד,
פאַרשוועכט די מלוכה און אירע האַרן.

(איכה ב׳, 2)

דאָס קאַפּיטל ד׳ שיינט צו געהערן ירמיהון גופא. עס איז אַן עלעגיע פול מיט טרויער און רחמנות אויפן ליידנדיקן פאָלק, פון אַלע זיינע שיכטן.

בני ציון היקרים	די טייערע קינדער פון ציון
המסלאים בפז,	מיט גאָלד געוווגן,
איכה נחשבו לנבלי חרש	ווי זענען זיי גערעכנט ווי ליימענע קריגן,
מעשה ידי יוצר?	געמאַכט פון אַ טעפּערס האַנט?
האכלים למעדנים,	די וואָס פלעגן עסן טייערע שפּייזן,
נשמו בחוצות,	זענען וויסט אין די גאַסן,
האמונים עלי תולע	די דערצויגענע אויף ווערמיל־רויט
חבקו אשפתות.	טוליען זיך צו די מיסטהויפנס.

(איכה ד׳ 2, 5)

קאַפּיטל ד׳ איז דאָס איינציקע, וואָס שליסט זיך מיט אַ טרייסט־וואָרט:

תם עוונך בת ציון,	געענדיקט איז דיין זינד, טאָכטער ציון,
לא יוסיף להגלותך.	ער וועט דיך מער ניט פאַרטרייבן.

(איכה ד׳ 22)

ירמיהו בלייבט געטריי דער מדת הרחמים, וואָס ער פאַרקערפּערט.

די קינה פון קאַפּיטל ג׳ באַציט זיך אויף פּערזענלעכע ליידן און נישט אויפן חורבן פון לאַנד.

אָט־אָ די קלאָג־לידער האָט מען אָנגעהויבן פאַרלייענען אין די תעניתים־טעג, וואָס מען האָט איינגעפירט אין אָנדענק פון די וויכטיקסטע עטאַפּן פון חורבן. צען טעג אין טבת (די באַלאַגערונג פון ירושלים), ניין טעג אין תמוז, דאָס פאַלן פון דער שטאָט, זיבן טעג אין אָב (דאָס פאַרברענען דאָס בית המקדש) און דריי טעג אין תשרי, אַ נדחה, (די דערמאָרדונג פון גדליהו).

אָבער צווישן די קלאָג־לידער הויבן זיך אויך אָן צו הערן טענער פון מונטערער טראַציקייט. ביי די טייכן פון בבל ווערט געשווירן די גרויסע שבועה, וואָס האָט צונישט געמאַכט אַלע גלותן.

אם אשכחך ירושלים	אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים,
תשכח ימיני,	זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן,
תדבק לשוני לחכי	זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צו מיין גומען,
אם לא אזכרכי,	אויב איך וועל דיך ניט געדענקען,
אם לא אעלה את ירושלים	אויב איך וועל ניט דערמאָנען ירושלים
על ראש שמחתי.	אויף מיין העכסטער שמחה.

(תהלים קל״ז)

אָט־אָ די שבועה, וואָס האָט באַגלייט דאָס פאָלק אין אַלע זיינע גלותן, איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דער אייגנאַרטיקייט פון פאָלק ישראל. ווייל, ווען אפילו פּאָעטן האָבן געזונגען: „ווי קאָנען מיר זינגען דאָס געזאַנג פון גאָט אויף פרעמדער ערד?״ האָט זיך דאָס גייסטיקע שאַפן פון די פאַרטריבענע נישט אָפּגעשטעלט. די פאַרטריבענע בני יהודה זענען שוין דאַן געווען ווייט פון געצנדינסט און האָבן דערפאַר נישט געקאָנט מיטמאַכן דאָס לעבן פון געצנדינערישן בבל. דערצו האָבן זיי זיך באַזעצט אין קאָמ־

פאַקטע מאַסן און אין אַ באַזונדער געגנט, ווו זיי האָבן זיך ס'רוב אָפּגעגעבן מיט ערד־אַרבעט, ווען אַפילו אַ היפּשער טייל איז אַריבער צו מלאכות און אַ דינער שיכט האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט מסחר, אפילו מיט גרויס־מסחר און פינאַנצן. די בני יהודה האָבן אין בבל געגומען אויספורעמען אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער אין דער פרעמד. בשעת די וואָס זענען אַוועק קיין מצרים, וועלכע זענען באַשטאַנען פון מיליטערלייט און כהנים, האָבן אויף פרעמדער ערד אויפגעבויט אַ קליינעם בית המקדש־און ווייטער געדינט צום גאָט פון די אָבות אויפן אַלטן שטייגער, מיט קרבנות, שפּייז־אָפּער און וויין און בוימל־גיסונגען, זענען די פאַרטריבענע קיין בבל געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די נביאים, וועלכע האָבן סתם נישט איבעריק געהאַלטן פון קרבנות, בפרט נאָך אויף פרעמדער, נישט־הייליקער ערד. האָבן זיי איינגעפירט אַ גאָטעס־דינסט אָן קרבנות. די ערשטע פון דעם מין אין דער וועלט־געשיכטע. די גאָטעס־דינסט איז באַשטאַנען פון פאַרלייענען שטעלן פון די הייליקע שריפטן, וואָס זיי האָבן שוין דאַן געהאַט, האַלטן דרשות, אָפּריכטן תפילות און זינגען הימנען, וואָס זענען שפּעטער צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין תהלים.

די אָפּהיטונג פון די נאַציאָנאַלע ימים־טובים, פון די איינגעפירטע טרויער־טעג צום אָנדענק פון חורבן, און, בעיקר, די אָפּהיטונג פון שבת, האָבן דערלויבט די פאַרטריבענע צו שאַפן אַן אייגענע גייסטיקע אַטמאָספערע, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט צו דערהאַלטן זיך אין דער פרעמדער סביבה. דער קיום פון פאָלק האָט באַקומען אַ גייסטיקע באַזע, וואָס דער נביא יחזקאל רופט אָן „מקדש מעט", קליינער בית המקדש.

דאָך זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך מיאש געווען פון די מעגלעכקייטן פון אַ נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט און האָבן געטענהעט, אַז איינמאָל פאַרלוירן די מלוכה, קאָן דאָס פאָלק מער קיין תקומה נישט האָבן. צווישן אָט די גרופּן האָט זיך געשטאַרקט די נייגונג צו אַסימילאַציע. אין אַ רייע האַנדלס־דאָקומענטן פון יענער צייט, וואָס מען האָט נישט לאַנג אַנטדעקט, געפינט מען אונטערשריפטן פון יידן מיט בבלישע נעמען, ווי אויך באַווייזן פון געמישטע הייראַטן. קעגן אָט די עלעמענטן טרעט אַרויס מיט זיין מעכטיק וואָרט דער נביא יחזקאל.

יחזקאל שאַפט דאַן זיין באַרימטע וויזיע וועגן די טויטע ביינער, אַ פּאָעטיש מייסטערווערק, וואָס האָט באַאיינפלוסט די געפילן נישט בלויז פון יידישן פאָלק. דער נביא דערזעט זיך פלוצלינג אין אַ טאָל פול מיט אויסגעטריקנטע, פאַרגעלטע ביינער, און ער הערט די שטימע פון גאָט, וואָס פרעגט אים, צי אָט די ביינער קאָנען נאָך לעבעדיק ווערן? און ווען דער נביא ענטפערט: „נאָר דו, גאָט דער האַר, ווייסט", באַקומט ער אַ באַפעל צו זאָגן אויף די ביינער די פאָלגנדיקע נבואה:

כה אמר ד'	אַזוי האָט געזאָגט גאָט דער האַר
לעצמות האלה.	צו די דאָזיקע ביינער.
הנני מביא בכם רוח	זעט, איך ברענג אַריין אין אייך אַ גייסט
וחייתם.	און איר וועט לעבעדיק ווערן.

(יחזקאל ל"ז, 5)

און די נבואה ווערט פאַר זיינע אויגן מקוים. ער זעט זיך פלוצלינג אַרומגע־רינגלט מיט אַ מעכטיקן חיל און ער הערט אַ שטימע, וואָס דערקלערט אים די באַדיי־טונג פון דער ווונדערבאַרער וויזיע:

הנה אנכי פותח את קברותיכם	זע, איך עפן אייערע קברים
והעליתי אתכם מקברותיכם, עמי,	און וועל אייך, מיין פאָלק, אויפברענגען פון אייערע קברים
והבאתי אתכם על אדמת ישראל.	און וועל אייך ברענגען אויף דער ערד פון ישראל.

(יחזקאל ל״ז 12)

די גרויסע בשורה פון נאַציאָנאַלן תחית המתים איז קלאָר געהערט געוואָרן. אין די אומענדלעכקייטן פון דער בבלישער אימפעריע האָבן זיך די פאַר־טריבענע פון יהודה צונויפגעטראָפן מיט די שבטים פון ישראל, וואָס זענען אַהין פאַר־טריבן געוואָרן מיט 134 יאָר צוריק, און האָבן דורך דער גאַנצער צייט צום גרעסטן טייל דערהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. אויף פרעמדער ערד קומט פאַר אַ דער־נענטערונג צווישןביידע צווייגן פון יידישן שטאַם. דער נביא יחזקאל טייטשט עס אויס סימבאָליש. אויפן באַפעל פון גאָט נעמט ער צוויי העלצער; אויף איינעם שרייבט ער אויף: „ליהודה ולבני ישראל חבריו״, און אויפן צווייטן: „ליוסף, עץ אפרים וכל בית ישראל חבריו״. ער פאַראייניקט ביידע אין איין האַנט, צו סימבאָליזירן די פאָלגנ־דיקע נבואה:

הנה אני לוקח	זע, איך נעם צונויף
את בית ישראל	די קינדער פון ישראל
מן הגויים אשר הלכו שמה.	פון די פעלקער וווּהין זיי זענען אַוועק,
וקבצתי אותם מסביב,	און איך וועל זיי פאַרזאַמלען פון רונד און אַרום,
והבאתי אותם על אדמתם.	און וועל זיי ברענגען אויף זייער ערד,
ועשיתי אותם לגוי אחד,	און איך וועל מאַכן פון זיי איין פאָלק,
בארץ, בהרי ישראל.	אין לאַנד, אויף די בערג פון ישראל.
ומלך אחד יהיה לכלם,	און איין מלך וועט זיין ביי זיי אַלעמען,
ולא יהיו עוד לשני גויים,	און זיי וועלן מער ניט זיין קיין צוויי פעלקער
ולא יחצו עוד לשני ממלכות	און מער ניט צעטיילט ווערן אין צוויי מלוכות.

(יחזקאל ל״ז 21־22)

דער גלות, וואָס האָט געזאָלט באַדייטן די צעשטויבונג פון פאָלק, ווערט נאָר אַן אָרט, וואָס פאַראייניקט זיינע נאַציאָנאַלע כוחות. די פאַרטריבענע זענען שוין אינער־לעך גרייט צו נאַציאָנאַלען ווידערגעבורט. עס פעלן די אויסערלעכע פאַקטאָרן, וואָס זאָלן צו דעם העלפן.

23סטע לעקציע

אַ נבואה ווערט מקוים

(538 - 562)

באַלד ווערן אויך די אויסערלעכע אומשטענדן גינסטיק פאַרן געגאַרטן צוריק־קער. אין 562 שטאַרבט נבוכדנצר און זיינע יורשים קאָנען נישט אויפהאַלטן די אימ־פּעריע, וואָס ער האָט מיט זיין ענערגיע גרויס געמאַכט. די אונטעריאָכטע פעלקער הויבן אָן מורד צו זיין, און די שוואַכע בבלישע מלכים זוכן פרידנס־מיטלען ווי אָנצוהאַלטן זייער אונטערטעניקייט. דער יידישער ישוב אין בבל איז שוין געווען פון היפּשער וויכ־טיקער און אפילו פּאָליטישער השפעה, און דער קעניגלעכער הויף זוכט זיך מיט אים גוטצושטעלן. דער זון פון נבוכדנצר, אויל־מרדך, באַפרייט באַלד ביים באַשטייגן דעם טראָן דעם געפאַנגענעם מלך פון יהודה, יהויכין, פון תפיסה, און גיט אים אַן אָנגע־זעענעם פּלאַץ אין זיין הויף. דורך דעם ווערט יהויכין דער אנערקענטער ראש פון די פאַרטריבענע (ראש גולה), וואָס פילן זיך געשטאַרקט ווען זייער מלך איז ווידער חשוב אין קעניגלעכע הויפן.

צו יענער צייט קומט פאָר אַ גרויסע ענדערונג אין אַ נישט גרויסער מלוכה, וואָס איז דאַן געווען אונטערגעוואָרפן בבל און וועט באַלד ווערן איר יורשטע. די מלוכה פון פרס נעמט אָן אַ נייעם גלויבן, געפּרעדיקט פון איר נביא ספּיטאַמאַ זאַראַטוסטראַ, אַ גלויבן, וואָס איז אַ וויכטיקער שריט פון פּאָליטעאיזם (פילגעטעריי) פון די בבלים, צום מאָנאָטעאיזם (גלויבן אין איין גאָט) פון די יידן. לויט דער אמונה פון זאַראַטוס־טראַ זענען פאַראַן צוויי געטער: דער גאָט פון גוטס און פון ליכט אַהורא־מאַזדאַ, און דער גאָט פון שלעכטס און פינצטערניש אַהורא־מאַן. ביידע געטער פירן אַ שטענדיקן קאַמף צווישן זיך און דער מענטש איז בכוח מיטצוהעלפן אין דער מלחמה. ווען ער טוט גוטס, שטיצט ער דעם פּרינציפּ פון ליכט, דעם שיינענדיקן אַהורא־מאַזדאַ; טוט ער, פאַר־קערט, שלעכטס, שטיצט ער דעם פינצטערן אַהורא־מאַן און שטאַרקט זיין ממשלה. אַהורא־מאַזדאַ איז אין שטאַרקער קרובהשאַפט צום „גאָט פון די הימלען", ווי די אַנדערע פעלקער פלעגן דעמאָלט רופן די גאָטהייט פון ישראל.

באזעלט און באמוטיקט פון דעם נייעם גלויבן, נעמט אונטער דער מלך פון דעם קליינעם לאנד, כורש, אין 546, א קאמף קעגן דער פינצטערניש, קעגן דער טיראַנישער גרויסמאַכט בבל. פריער צווינגט ער דעם צו פרס שטאַט־נאַענטן מדי, צו פאַראייניקן זיך מיט פרס, און פרס ומדי ווערן א צווילינג־פאָלק אויף אלע ציטן. נאכהער באזיגט ער דעם רייכסטן מלך פון אלע ציטן, דעם גריך קרעזוס, קעניג פון דעם לאנד לידיע, אין קליין־אזיע. דער שאַרפער געהער פון די יידישע נביאים פאַרנעמט גלייך די טריט פון א נייער עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע. כורש ווערט פאַר זיי דער געשיקטער פון גאָט „זיין געזאַלבטער „משוח". אלע מלחמות פון כורשן באַצוועקן דאָך, אין לעצטן סך הכל, אראָפּצוזעצן די מאַכט פון בבל, און דאָס קאָן מיינען די באַפרייאונג פון די, וואָס בבל האָט מיט כוח פאַרטריבן פון זייער לאַנד. איין נבואה זאָגט עס גאַנץ קלאָר:

כה אמר ד' למשיחו לכרש,	אזוי האָט גאָט געזאָגט צו זיין געזאַלבטן, צו כרשן,
אשר החזקתי בימינו,	וואָס איך אונטערשטיץ זיין רעכטע האַנט
לרד לפניו גויים,	צו מאַכן אונטערטעניק פאַר אים פעלקער,
ומתני מלכים אפתח.	און די לענדן פון מלכים וועל איך אָפּבינדן,
לפתח לפניו דלתות	צו עפענען פאַר אים טירן
ושערים לא יסגרו,	און טויערן זאָלן נישט פאַרשלאָסן ווערן,
למען עבדי יעקב	(אלץ) פון וועגן יעקב מיין קנעכט
וישראל בחירי.	און ישראל מיין אויסדערוויילטן.

(ישעיהו מ״ה)

צו כורשן דערגייען די ידיעות, אז די בני יהודה, פאַרטריבענע אין בבל, וואַרטן אויף זיין זיג און מסתמא, זענען זיי אויך גרייט צו אַרבעטן פאַר אים. אין 539 נעמט כורש איין בבל און לאָזט גלייך אַרויס א דעקלאַראַציע, וואָס מאַכט אַן ענדע צום געצוווּנגענעם גלות פון די בני יהודה. דאָס איז געווען אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דעם נייעם דעראָבערער, וועלכער האָט צוריקגעקערט א סך פעלקער אין זייערע לענדער און אומגעקערט פיל געטער זייערע צעשטערטע מקדשים. די דעקלאַראַציע פון כורש, דאַטירט פון יאָר 538, לויטעט:

כה אמר כרש מלך פרס,	אזוי האָט געזאָגט כרש, דער קעניג פון פרס,
כל ממלכות הארץ,	אַלע קעניגרייכן פון דער ערד
נתן לי אלהי השמים,	האָט מיר געגעבן דער גאָט פון די הימלען,
והוא פקד עלי	און ער האָט מיר באַפוילן
לבנות לו בית	אים צו בויען א הויז
בירושלים אשר ביהודה	אין ירושלים וואָס אין יהודה.
מי בכם מכל עמו	ווער פון צווישן אייך פון גאַנצן פאָלק זיינעם,
יהי אלהים עמו,	זאָל זיין גאָט מיט אים,
ויעל לירושלים אשר ביהודה,	און זאָל אויפגיין אין ירושלים וואָס אין יהודה,
ויבן את בית ד' אלהי ישראל,	און זאָל בויען דאָס הויז פון גאָט פון ישראל.
וכל הנשאר מכל המקומות,	און איטלעכער, וואָס בלייבט אין די מקומות
אשר הוא גר שם,	וואָס ער וווינט דאָרטן,
ינשאוהו אנשי מקומו	זאָלן אים העלפן די מענטשן פון זיין אָרט

בכסף, בזהב, ברכוש ובבהמה,
עם הנדבה
לבית אלהים אשר בירושלים.

מיט זילבער, גאָלד, מיט גוטס און מיט בהמות,
אינאיינעם מיט א נדבה
פאַרן הויז פון גאָט, וואָס אין ירושלים.

(עזרא אי 2־5)

פון זיין צד האָט דער מלך פון פּרס אָפּגעגעבן די הייליקע כלים פון בית־המקדש, וואָס נבוכדנצר האָט בשעתו געבראַכט פון ירושלים, און דער ניי־באַשטימטער גובערנאַטאָר (פּחה) פון יהודה, ששבצר, איז באַאויפטראַגט געוואָרן זיי אָפּפירן צוריק קיין ירושלים.

גרויס איז געווען די פרייד פון די פאַרטריבענע, ווען אפילו בלויז א טייל פון זיי זענען געווען גרייט צו פאַרלאָזן זייער נייע היים און צוריקקערן קיין יהודה. אויפן שפּיץ פון גליק זענען געווען די נביאים און זייערע אָנהענגער. די נבואה פון די טויטע ביינער ווערט מקוים, א פאָלק שטייט אויף תחית־המתים. יובלען פאָעטן אין א רייע געזאַנגען:

בשוב ד' את שיבת ציון
היינו כחולמים,
אז ימלא שחוק פינו
ולשוננו רנה.

אז גאָט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון
זענען מיר געווען ווי אין חלום,
דענסמאָל איז אונדזער מויל פול געוואָרן מיט געלעכטער
און אונדזער צונג מיט געזאַנג.

(תהלים קכ"ו)

און דער אומבאַקאַנטער נביא, וועמענס נבואות זענען אַריין אין ספר ישעיהו, זאָגט:

נחמו, נחמו עמי,
יאמר אלהיכם.
דברו על לב ירושלים
וקראו אליה
כי מלאה צבאה,
כי נרצה עוונה,
כי לקחה מיד ד'
כפלים בכל חטאתיה.

טרייסט, טרייסט מיין פאָלק,
זאָגט אייער גאָט,
רעדט צום האַרצן פון ירושלים
און רופט צו איר,
אַז זי האָט דערפילט איר צייט,
אַז אָפּגעצאָלט איז איר זינד.
אַז זי האָט געקריגן פון גאָטס האַנט
טאָפּלט פאַר אַלע אירע זינד.

(ישעיהו מ.)

א דריטער פּאָעט זינגט:

עורי, עורי,
לבשי עזך ציון,
לבשי בגדי תפארתך
ירושלים עיר הקדש.

דערוועק זיך, דערוועק זיך,
טו אָן דיין שטאַרקייט, ציון,
טו אָן דיינע פּראַכטיקע קליידער,
ירושלים, די הייליקע שטאָט.

(ישעיהו נ"ב)

די דערלויבעניש פון כורש און דער ענטוזיאַסטישער רוף פון די נביאים דערוועקן די הערצער. 42.360 יידישע נפשות קערן זיך אום פון בבל קיין יהודה, מיט א פּאָר טויזנט מער פון דער צאָל, וואָס איז אהין פאַרטריבן געוואָרן. זיי ברענגען מיט

זיך 7.337 קנעכט און דינסטן, צוויי הונדערט זינגער און זינגערינס, 736 פערד, 245 מויל־אייזלען, 435 קעמלען, 6.720 אייזלען. זיי פירן אויך מיט דאָס גאָלד און זילבער, וואָס די פאַרבליבענע אין בבל האָבן זיי געגעבן הן פאַרן בית המקדש, הן פאַר זיי גופא. 41.000 גאָלד מטבעות, 5.000 וואָג זילבער, א הונדערט קליידער פאַר די כהנים. עס איז געווען א גאַנץ פאַרמעגלעכער ישוב, וואָס האָט דערצו די אונטערשטיצונג פון דעם נאָך מער פאַרמעגלעכן טייל, וואָס איז פאַרבליבן אין בבל. בראש פון דער ערשטער עליה שטעלט זיך דאָס אייניקל פון מלך יהויכין, זרבבל בן שאלתיאל, און יהושע, דאָס אייניקל פון הויפּט־כהן יהוצדק.

פון בבל זענען ארויסגעגאַנגען מער יידן ווי עס זענען אהין פאַרטריבן געוואָרן; און דאָך איז נאָך דאָרט פאַרבליבן א וויכטיקער יידישער ישוב, עס איז פאַרבליבן דער נאַטירלעכער צוּוווּקס פון די זעבציק יאָר וואָס עס האָט געדויערט פון דער ערשטער פאַרטרייבונג, אין 597 מיטן מלך יהויכין, ביזן צוריקקער אין 537. עס זענען נאָך צו־געקומען א טייל פון די שבטים פון מלכות ישראל, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן אין 722-20 קיין אשור און האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין זייערע ברידער פון יהודה. דער ישוב אין בבל איז געבליבן עקזיסטירן ביז היינטיקן טאָג, העכער דריטהאַלבן טויזנט יאָר. איצט ווערן די יידן פון בבל (איראַק) אריבערגעפירט קיין מדינת ישראל, דער יידישער שטאַט, וואָס ווערט פון דאָס ניי אויפגעשטעלט.

דער ישוב אין בבל האָט ביזן אָנפאַנג פון עלפטן יאָרהונדערט פון דער א. צ. ר. געהאַט א צענטראַלע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, בראש פון וועלכער עס זענען געשטאַ־נען די אָפּשטאַמער פון יהויכין מלך יהודה, וואָס האָבן געטראָגן דעם טיטל ראש גולה (ריש־גלותא, אין אראַמיש), די הויפּטן פון די פאַרטריבענע.

מלכים וואָס האָבן געהערשט אין די לעצטע יאָרן פון מלכות יהודה

יחזקיהו	692-720	נביאים
מנשה	640-692	ישעיהו
אמון	638-640	מיכה
יאשיהו (יהואחז)	608-638	צפניה
יהויקים (יהויכין)	597-608	ירמיהו
צדקיהו	586-597	יחזקאל

24סטע לעקציע

שווערִיקייטן פון ווידעראויפבוי

(538 ־ 515 פאַר ד. א. צ. ר.)

דער ענטוזיאַזם, וואָס די כורש־דעקלאַראַציע האָט אַרויסגערופן און די התפעלות געשאַפן דורך די הערלעכע רייד פון די נביאים און משוררים, האָבן זיך גיך אָנגעשטויסן מיט דער האַרטערווירקלעכקייט און זענען היפש אָפּגעקילט געוואָרן דורך דער גרויקייט פון דעם אויפבוי־פּראָצעס, וואָס איז גאָרנישט גרינג אָנגעקומען.

זומער־צייט פון 537 קומען אָן די צוריקגעקערטע פון בבל. זיי הויבן זיך אָן צו באַזעצן אין די ישובים, פון וועלכע זייערע עלטערן האָבן געשטאַמט, טייל ישובים זענען ליידיק און ווערן פאַרנומען אָן ווידערשטאַנד, אָבער אַנדערע מקומות זענען פאַרנומען פון די בני יהודה, אַקערבויער און וויינגערטנער־קולטיווירער, וואָס זענען טראָץ אַלעמען פאַרבליבן אין לאַנד. עס הויבן זיך אָן קאָנפליקטן פאַרן באַזיץ פון באָדן און עס שאַפט זיך אָן אָנגעצויגנקייט צווישן די צוריקגעקומענע און די ברידער זייערע, וואָס זיי האָבן שוין אין לאַנד געטראָפן. דאָך אָרדענען זיך די זאַכן טיילווייז איין.

צו די נײַ־יאָר פייערונגען פון ראש השנה (537), פאַרזאַמלט זיך דאָס גאַנצע פאָלק קיין ירושלים. מען בויט אויף אַ מזבח און מען באַנייט דאָס גאָטעסדינסט מיט קרבנות און מנחות. די כהנים זענען גאָר צופרידן. זיי באַקומען צוריק זייער אמאָליקע וויכטיקייט. זייער צופרידנקייט ווערט געטיילט פון אַלע די וואָס זענען פאַרבליבן אין לאַנד און האָבן נישט דורכגעמאַכט די גייסטיקע עוואָלוציע פון די פאַרטריבענע קיין בבל. אויך אַ טייל פון די פאַרטריבענע איז גליקלעך צו קאָנען דינען צום גאָט פון די אבות דורך קרבנות, ווי זייערע עלטערן האָבן עס געטאָן.

אָבער די אָנהענגער פון דער ריינער לערע פון די נביאים האַלטן, אַז צוריק־קערן צום קרבנות־קולט איז אַ מעגלעכער צוריקקער צום אַלטן געצנדינסט. איינער פון די נביאים דריקט זיך זייער שאַרף אויס אין דער הינזיכט :

שוחט השור, מכה איש, — דער וואָס שלאַכט אַן אָקס, איז ווי ער דער־שלאָגט אַ מאַן.
זובח השה, עורף כלב, — דער וואָס שלאַכט אַ שאָף, איז ווי ער האַקט אָפּ דעם קאָפּ פון אַ הונט.
מעלה מנחה, דם חזיר, — ווי ער ברענגט אַ שפּייזאָפּפער, איז ווי בלוט פון אַ חזיר.
מזכיר לבונה — מברך און. — דער וואָס רויכערט ווייראיך, איז ווי ער בענטשט אַן אָפּגאָט.

(ישעיהו ס"ו, 3)

דער קאָנפליקט צווישן דער כהונה און דער נבואה ווערט פאַרשאַרפט. דאָך שטאַרקט זיך די השפעה פון די כהנים און שפּעטער, אין 537, ווערט דורך דעם פּחה ששבצר פאַרלייגט דער פונדאַמענט פון אַ בית המקדש אין הסכם מיטן באַפעל פון כורשן צו בויען אַ הויז פאַרן גאָט פון ירושלים, וואָס אין יהודה. באַלד ווערט ששבצר אָפּגע־רופן און די פירערשאַפט בלייבט אין די הענט פון זרובבל און יהושע.

אָבער דאָס בויען פון בית המקדש שלאָגט זיך אָן אויף שוועריקייטן. קוים איז מען דורכגעקומען אין דעם באָדן־קאָנפליקט מיט די בני יהודה, וואָס זענען געהאַט פאַר־בליבן אין לאַנד, טרעט מען אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט די נאָנטע פעלקערשאַפטן, עמון, אדום, פלשתים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט שטיקער טעריטאָריע פון דער פּוסטער יהודה און וואָס די צוריקגעקערטע ווילן איצט צוריק באַקומען. צו דער זעלבער צייט פאַרשאַרפט זיך דער קאָנפליקט מיט די שומרונים, דאָס מישלינג־פאָלק, וואָס איז אויפגעקומען אין די צענטראַלע געגנטן פון ארץ ישראל, אַלס רעזולטאַט פון דער צונויפשמעלצונג פון די קאָלאָניסטן, וואָס אשור האָט דאָרט באַזעצט מיט די רעשטלעך פון די צפון־שבטים, וואָס זענען פאַרבליבן אין לאַנד נאָכן חורבן פון מלכות ישראל. די שומרונים האַלטן זיך פאַר פולשטענדיקע יידן, זיי „שלאַכטן אויך צום גאָט פון ישראל”, און זיי ווילן צוטרעטן אַלס שותפים צום אויפבוי פון בית המקדש. דערביי האָבן זיי אויך אַ פּאָלי־טישן מיין. שומרון איז אַ באַזונדער פּראָווינץ. אויב אין ירושלים זאָל אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש, קאָן יהודה אויך באַקומען דעם סטאַטוס פון אַ באַזונדער פּראָווינץ; אויב אָבער מען זאָל בויען דעם בית המקדש צוזאַמען, וועט לייכטער זיין איינצוהאַלטן יהודה אַלס אַ טייל פון דער שומרון פּראָווינץ. אָבער זרובבל און יהושע אנטזאָגן זיך אָנצונעמען דאָס שותפות. דעם בית המקדש ווען זיי בויען לויטן באַפעל פון כורש מלך פרס, ס'הייסט פאַר יהודה באַזונדער. זיי נעמען אַריין אין שותפות די בני יהודה ובנימין, וואָס זענען פאַרבליבן אין לאַנד און נישט געגאַנגען אין גלות. אָבער מיט די שומרונים ווילן זיי נישט קיין שותפות. דער אַלטער קאָנפליקט צווישן יהודה און אפרים ווערט נאָכאַמאָל באַנייט. דערצו ווערט די פּאָליטישע לאַגע וויניקער גינסטיק. אין 530 שטאַרבט כורש, און זיין זון קאַמביזעס נעמט פאַרווירקלעכן דעם אַלטן טרוים פון אַלע אַזיאַטישע הערשער צו איינגעמען מצרים. אין 525 באַהערשט קאַמביזעס די אימפּעריע פון נילוס. דער דורכגאַנג פון זיינע חילות אַהין און צוריק, איבער יהודה, האָט שלעפּט

געווירקט אויף דעם עקאנאמישן מצב פון די פרישע קאלאניסטן, וואס האבן זיי געמוזט באשפייזן: אין לאנד טרעט אריין אן עקאנאמישער קריזיס.

קאמביזעס רופט אויך ארויס א בירגערקריג אין דער אימפעריע. ער טויט זיין ברודער סמערדיס, און האט שפעטער צו קעמפן קעגן אן אוואנטוריסט, וואס גיט זיך אויס פארן דערמארדעטן בן־מלך.

אין די פאר דער אימפעריע אומרואיקע צייטן טרוימט זרובבל נישט וועגן בויען דעם בית המקדש, נאר וועגן צוריקשטעלן די מלוכה פון דוד און קרוינען זיך אלס מלך פון יהודה. אייניקע פון די נביאים האלטן אויך, אז ס'איז זיך נישטא וואס צו איילן מיטן אויפבוי פון בית־המקדש. איינער פון זיי טרעט אפילו ארויס מיט גאר שארפע ווערטער:

כה אמר ד':	אזוי האט גאט געזאגט:
השמים כסאי והארץ הדם רגלי,	דער הימל איז מיין טראן און די ערד מיין פוס־בענקל.
איזה בית אשר תבנו לי?	ווו איז דאס הויז, וואס איר קענט מיר בויען?
ואיזה מקום מנוחתי?	און ווו איז דאס ארט פון מיין רו?

(ישעיהו ס"ו)

אבער די לאגע אין דער פערסישער אימפעריע נארמאליזירט זיך, אויפן טראן שטייגט ארויף דריוש דער ערשטער, און די פארטיי פון דער כהונה באקומט ווידער די אויבערהאנט. אין 520, דאס צווייטע יאר פון דריושס קעניגן, ווערט פארלייגט א נייער פונדאמענט פארן בית־המקדש.

די בוי־ארבעטן ווערן פארגעזעצט לאנגזאם, מיט גרויסע שטערונגען פון דרויסן. דער פערסישער סאטראפ פון די לענדער, תתני, וויל וויסן מיט וועמענס דער־לויבעניש דער בית המקדש ווערט געבויט. ער שטעלט אפ די ארבעטן און פרעגט אן אין דער הויפטשטאט פון דער אימפעריע. פון דארטן קומט אן א פאזיטיווער ענטפער. די דערלויבעניש האט בשעתו ארויסגעגעבן דער גרויסער כורש, און דער רעגירנדיקער מלך דריוש באשטעטיקט זי און באפעלט נאך ארויסצוגעבן פון די קעניגלעכע אוצרות די נויטיקע מיטלען דערויף. די נביאים חגי און זכריהו באמוטיקן דאס פאלק צו דער ארבעט, וועלכע ווערט פארענדיקט. אין מערץ־אפריל פון 515 ווערט דער בנין סוף כל סוף באנייט. ביי דעם חנוכת הבית פון אט דעם צווייטן בית־המקדש הערן זיך שוין גאר אנדערע געדאנקען, ווי ביי דער באנייאונג פון ערשטן, ווען אפילו זיי זענען אויך אריין אין דעם זעלבן קאפיטל פון ספר מלכים א, ח. עס ווערט שוין געזאגט אין פסוק 27:

כי האמנם ישב אלהים על הארץ?	ווארום קאן אין דער אמתן גאט וווינען אויף דער ערד?
הנה השמים ושמי השמים לא יכלכלוך,	אז אלע הימלען קאנען דיך ניט ארייננעמען,
אף כי הבית הזה אשר בניתי.	היינט ווי שוין דאס דאזיקע הויז, וואס איך האב געבויט.

די פונקציע פון בית־המקדש איז שוין אקצענטירט מער ווי אן ארט פון תפלה. זאגט דערפאר פסוק 29:

להיות עיניך פתוחות אל הבית הזה,
לילה ויום. אל המקום אשר אמרת
יהיה שמי שם,
לשמע אל התפלה
אשר יתפלל עבדך אל המקום הזה.

דיינע אויגן זאלן זיין אפן אויף דעם הויז,
טאג און נאכט. אויף דעם ארט וואס האסט געזאגט
מיין נאמען זאל דארטן זיין
צוצוהערן צו דער תפלה,
וואס דיין קנעכט וועט מתפלל זיין אקעגן דעם ארט.

און די תפלות קאנען זיין פארשידענע, ווען מען וועט דורכפאלן אין מלחמה, ווען עס וועט נישט זיין קיין רעגן, ווען א הונגער זאל אויסברעכן אין לאנד, ווען א היישעריק זאל עם פארוויסטן, ווען יידן וועלן געפאנגען ווערן אין אנדערע לענדער. ביים מזבח פון הויז וועלן אויך אויפגענומען ווערן שבועות, אפילו אין פריוואטע אנגעלעגנהייטן, און גאט וועט באשטראפן דעם רשע און באצאלן דעם גערעכטן. קורץ, דער בית המקדש ווערט געבויט ווי אן ארט, פון וואנען עס זאלן געהערט ווערן אויך די פערזענלעכע געבעטן, ווי עס זאגט פסוק 38:

כל תפלה, כל תחנה,
אשר תהיה לכל האדם.

וואס נאר פאר א תפלה, וואס נאר פאר א געבעט,
וואס עס וועט זיין ביי יעטוועדן מענטשן.

און די תפלות און בקשות וועלן אנגענומען ווערן נישט בלויז פון יידן (פסוקים 41־5):

וגם אל הנכרי
אשר לא מעמך ישראל הוא,
ובא מארץ רחוקה למען שמך,
ובא והתפלל אל הבית הזה,
ואתה תשמע השמים מכון שבתך
ועשית ככל אשר יקרא אליך הנכרי.

און אויך צו דעם פרעמדן,
וואס ער איז נישט פון דיין פאלק ישראל
און ער וועט קומען פון א ווייטן לאנד פון וועגן דיין נאמען,
און ער וועט קומען מתפלל זיין אין דעם הויז,
זאלסטו צוהערן אין הימל, דאס ארט פון דיין וווינונג,
און זאלסט טאן אלץ וואס דער פרעמדער וועט רופן צו דיר.

מיטן אויפבוי פון בית המקדש שטארקט זיך דער קאנפליקט צווישן זרבבל, דער פארטרעטער פון דער דוד־דינאסטיע, וואס טרוימט וועגן צוריקשטעלן די פאליטישע זעלבסטשטענדיקייט, און דעם פארטרעטער פון דער כהונה, יהושע, וואס וויל ווערן דער איינציקער פירער פון פאלק אונטער פערסישער מאכט. דער נביא זכריה זוכט צו ברענגען צו א קאמפראמיס. ווען די יידן פון בבל שיקן גאלד אויף א קרוין פאר זרובבלען, שלאגט פאר זכריה, אז מען זאל מאכן צוויי קרוינען: איינע פאר זרובבל, איינע פאר יהושע און „א פרידנס איינפארשטענדעניש זאל זיין צווישן ביידע”. אבער יהושע איז נישט מסכים און געשטיצט אויף די פערסישע מאכטהאבער, וואס

האבן באגינסטיקט די רעליגיעזע מאכט קעגן דער ציווילער, ווייל זי איז געווען ווייני־קער געפערלעך פאר די אינטערעסן פון דער אימפעריע, געלינגט עס יהושען צו בא־זייטיקן זרובבלען, מען ווייסט אפילו נישט גענוי וואס פון דעם פרינץ, דעם אפשטא־מער פון דער דוד־דינאסטיע, איז געווארן.

יהושע האט זיך אין קאנפליקט געמוזט באנוצן מיט נישט איבעריק ריינע מיטלען. דער זעלבער נביא זכריה, האט א וויזיע, וואס ווערט באשריבן אין קאפיטל ג׳ פון דעם בוך אויף זיין נאמען. יהושע שטייט פאר גאטס מלאך אין שמוציקע בגדים און דער שטן באשולדיקט אים אין עפעס. אבער גאט מאכט שטומען דעם שטן: „דאס איז דאך א האלצשייט געראטעוועט פון פייער". ער הייסט אויסטאן יהושען זיינע שמו־ציקע קליידער און אים אנטאן בגדי מלכות. זיין זינד ווערט אים פארגעבן. אין וואס די זינד איז באשטאנען זאגט נישט דער נביא.

די מאדערנע ביבל־קריטיקער דענקען צו האבן אנטפלעקט אין א קאפיטל פון תהלים (פ"ט) דעם סוף פון זרובבל, צו וועלכן יהושע זאל נישט האבן געווען פרעמד. לויט דער מיינונג האט זיך זרובבל פארט געלאזט קרוינען אלס מלך פון יהודה: לכתחילה האט ער באוויזן צו באפעסטיקן זיין פאזיציע. די נביאים און תהלים־דיכטער האבן באגריסט זיין זיג, אבער נאכהער איז ער באזיגט געווארן פון דער פערסישער מאכט, וואס יהושע איז אפשר געווען א ווערקצייג אין איר האנט. אין אויבנדערמאנטן קא־פיטל זאל האבן געבליבן א מאסקירטע דערציילונג פון די פאסירונגען. דער תהלים־זינגער האלט זיך אפילו נישט אפ פון מאכן א פארווורף גאט אליין:

איה חסדיך הראשונים,	ווו זענען דיינע אמאליקע גענאדן
אשר נשבעת לדוד באמונתך?	וואס דו האסט געשווירן צו דוד ביי דיין גלויבן?

(תהלים פ"ט, 50)

ווי די זאך זאל נישט האבן געווען, זרובבל איז פארשוווּנדן און מיט אים דער לעצטער שפור פון דער הערשאפט פון דודס הויז. אבער דאס פאלק האט באהאלטן זיין טריישאפט צו דער דינאסטיע אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה, ווו עס האט אויסגעפורעמט די פיגור פון משיחן, א פאלקס און וועלטס דערלייזער, וואס דארף זיין א בן־דוד.

דערווייל אבער רעגירן די מדינה יהודה (יהוד אין ארמיש) די כהנים, וואס וועלן בילדן אן אריסטאקראטיע, א קאסטע צו וועלכער מען קאן געהערן נאר לויטן געבורט, און וואס האט געוויסע פריווילעגיעס קעגן די פשוטע ישראלים.

25סטע לעקציע

אונטער כהנים - הערשאַפט

(515 - 458 פאַר ד. א. צ. ר.)

זיבן און פופציק יאָר האָט געדויערט די אומבאַגרענעצטע רעגירונג פון די כהנים און פאַר דער קורצער צייט האָט דער קבוץ אין יהודה דורכגעמאַכט א טיפן רעגרעסיוון פּראָצעס, וואָס האָט אים געבראַכט כמעט צום שוועל פון אונטערגאַנג.

די פּערסישע אימפּעריע איז במשך פון דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער צייט געווען פאַרנומען מיט אירע מלחמות אין גריכנלאַנד, אין וועלכע די מעכטיקע אימפּעריע האָט געליטן א רייע מפּלות. די אָנשטרענגונג פון קריג און די צערודערונג פון די מפּלות האָבן געבראַכט דערצו, אַז די רעגירונג זאָל פאַרנאַכלעסיקן די אַדמיניסטראַציע פון די אָפּגעלייגטע געגנטן, וועלכע האָבן גענאָסן פון א גענוג ברייטער זעלבסטפאַרוואַלטונג. אין יהודה איז נאָך טאַקע אַלץ געזעסן א פּערסישער גובערנאַטאָר, אָבער פּאַקטיש איז שוין די אַדמיניסטראַציע פון דער מדינה מער געווען אין די הענט פון די כהנים גדולים, וואָס זענען געווען געטרייע פּערסישע אַגענטן.

איבערנעמענדיק די אָנפירונג פון דער מדינה, האָבן די כהנים גדולים פאַר אַלעמען אָנגעהויבן צו באַזאָרגן די אינטערעסן פון זייער אייגענער קאַסטע. אונטער זייער השגחה איז געווען דאָס גרעסטע הייליקטום פון לאַנד, דער בית המקדש, וווּהין עס פלעגן אריינפליסן רייכע מתנות פון דעם ישוב אין בבל. אין זייער באַזיץ זענען געווען די הייליקע שריפטן, געשריבן אין אַלט-העברעאישן כתב, דעם אַזוי גערופענעם מכתב אלהים, געטלעכע שריפט, בשעת אין ציווילן לעבן האָט מען שוין פון א צייט צוריק באַנוצט דעם קלערערן און לייכטערן „חרט אנוש", מענטשלעכן געשריפט. דער כתב פון דער תורה איז געווען פאַרשטענדלעך בלויז די כהנים, האָלט דערפאַר דער נביא מלאכי, אַז: „די ליפּן פון כהן היטן דאָס וויסן, און לערע דאַרף מען פאַרלאַנגען פון זיין מויל, ווייל א מלאך פון גאָט איז ער".

און די כהנים הויבן זיך אָן פירן אַנדערש ווי די פּשוטע מענטשן. זיי היטן

שטרענג אָפּ די געזעצן פון ריטועלער ריינקייט און אומריינקייט. כהנים טאָרן נישט אָנרירן קיין טויטן קערפּער, ווייל זיי ווערן טמא, כהנים טאָרן נישט עסן קיין פלייש פון געפּגרטע און פאַרצוקטע בהמות (טרפה), כהנים טאָרן נישט חתונה האָבן פאַר א גרושה, א זונה, אָדער אַן אַלמנה, סיידן אַן אַלמנה פון א כהן. דער כהן גדול מעג נעמען נאָר א בתולה פון כהנים־שטאַנד. מיט דער צייט האָבן זיך אויסגעבילדעט מיוחסדיקע פאַמיליעס, מיט וועלכע די כהנים האָבן זיך געמעגט מתחתן זיין (משיאים לכהונה). מיט איין וואָרט, די כהונה האָט דורכגעפירט א טיילונג אין יידישן פאָלק לויט דעם קאַסטן־פּרינציפּ. דער כהן איז די העכסטע מדרגה. נאָכהער קומען זיינע געהילפן, די לויים, לסוף די פשוטע בני ישראל, אָבער די דאָזיקע ווערן געטיילט אויף ריין־בלוטיקע, וואָס האָבן יחוס־בריוו, און די וואָס האָבן קיין יחוס־בריוו נישט, די עמי־הארץ, וואָס שטייען אויף גאָר א נידעריקער מדרגה.

ביי זייער גאַנצער יחוסדיקייט האָבן זיך דאָך די רעגירנדיקע כהנים מתחתן געווען מיט די הערשנדיקע פאַמיליעס פון די אַרומיקע שטאַמען. בעיקר מיטן האַלב־יידישן שטאַם פון די שומרונים, אפשר מיטן ציל צו פאַרשמעלצן זיי לסוף מיטן ישוב פון יהודה. זייער ביישפּיל ווערט נאָכגעטאָן פון א סך יידן.

די כהונה האָט אויך פאַרקוקט א סך פון די סאָציאַלע געזעצן, וואָס די נבואה האָט איינגעפירט. לויט תורת משה איז די כהנים פאַרבאָטן צו באַזיצן באָדן, אָבער די רעגירנדיקע כהנים־פאַמיליעס האָבן אונטער פאַרשידענע אויסריידן געהאַט גרויסן לאַנד־באַזיץ. מען האָט אויך נישט שטרענג אָפּגעהיט די דינים פון אָפּמעקן די חובות יעדן זיבעטן יאָר (שמיטה) און חובות זענען אָנגעוואַקסן א סך. די צינזן זענען געווען הויך, געווען אויך עטלעכע הונגער־יאָרן. פון נויט האָבן אייניקע פאַרקויפט זייערע פעלדער און ווייַנגערטנער, אָבער דאָס געזעץ פון יובל, לויט וועלכן יעדער פאַרקויפ־טער באָדן ווערט צוריקגעקערט זיין ירושה־באַלעבאָס אין פופציקסטן יאָר, איז אויך נישט אָפּגעהיט געוואָרן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פאַר חובות האָט מען אָנגע־הויבן נעמען אין קנעכטשאַפט די קינדער פון די בעלי־חובות. די ירידה פון דער מדינה איז געווען גרויס אין אַלע הינזיכטן: עקאָנאָמיש, סאָציאַל און נאַציאָנאַל.

די נבואה קעמפט ווידער קעגן די אַלע סאָציאַלע עוולות, אָבער מיט א פיל שוואַכערער שטים ווי אַמאָל. איצט איז דאָך די רעגירונג אין די הענט פון די דינער פון גאָט, די כהנים און קעגן זיי לאָזט זיך עס נישט אַזוי שטורעמען. דאָך פעלן נישט קיין שאַרפע רייד. איינע אַזאַ שטראָף־נבואה ווערט ביז היינט געלייענט אין דעם הייליקן טאָג יום־כפור, און גראָד איז עס אַזאַ נבואה, וואָס שטרייכט מער אונטער דעם סאָ־ציאַלן מאָמענט, נישט דעם רעליגיעזן. די נבואה רעדט גענוג פאַרשטעלט, אָבער מען פאַרשטייט וועמען זי מיינט.

דער נביא רעדט וועגן די, וואָס זוכן גאָט טאָג־איין טאָג־אויס, און באַגערן צו

ווײַסן זײַנע וועגן. זיי פֿאַסטן אַפֿילו אָפּט און האָבן טענות פֿאַרוואָס גאָט קוקט זיך נישט אַרום אויף זייערע תעניתים. אָבער דער נביא דערקלערט :

הן לריב ומצה תצומו,
ולהכּת באגרף רשע,
הלזה תקרא צום
ויום רצון לד׳?

איר פֿאַסט דאָך נאָר פֿאַר קריג און שטרייט,
און צו שלאָגן מיטן פֿויסט פֿון אומרעכט.
צי דאָס רופֿסטו פֿאַסטן
און אַ טאָג פֿון באַוויליקונג צו גאָט?

(ישעיהו נ״ח, 4)

אָט וואָס איז דער ריכטיקער טאָג פֿון באַוויליקונג פֿאַר גאָט :

פּתח חרצבות רשע,
התר אגודות מוטה,
ושלח רצוצים חפשים,
וכל מוטה תנתקו.
הלא פרס לרעב לחמך,
ועניים מרודים תביא בית.

כי תראה ערם וכסיתו,
ומבשרך לא תתעלם.

לויז מאַכן די קייטן פֿון אומרעכט,
אָפּבינדן די בינדשטריק פֿון יאָך,
און אַרויסלאָזן פֿריי די געדריקטע,
און יעטוועדן יאָך זאָלט איר צעברעכן.
אָפּצוברעכן פֿון דײַן ברויט פֿאַרן הונגעריקן,
און פֿאַרוואָגלטע אָרעמע זאָלסטו אַרײַנ־
ברענגען אין הויז.
אַז דו זעסט אַ נאַקעטן זאָלסטו אים באַדעקן
און פֿון דײַן אייגן פֿלייש זאָלסטו זיך ניט
באַהאַלטן.

(ישעיהו נ״ח, 6)

דער תענית איז וויכטיק פֿאַר פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, אָבער דער עיקר איז סאָציאַלע גערעכטיקייט און מיטלייד צום לײַדנדיקן. אייניקע ביבל־קריטיקער זעען אין דער דערציילונג וועגן קרחן דאָס פֿאָרבילד פֿון דעם קאַמף פֿון די מאַסן מיט דער כּהונה.

דערדריקט און דערשלאָגן איז געלעגן יהודה, מען האָט געוואַרט אויף אַ דערלייזונג, וואָס וועט נישט פֿאַרזאַמען צו קומען.

26סטע לעקציע

די גרויסע רעפאָרמע: עזרא און נחמיה

(458 ־ 433 פאַר ד. א. צ. ר.)

אין דער צייט וואָס דער קבוץ אין יהודה איז צוריקגעטראָטן עקאָנאָמיש, נאַציאָנאַל, סאָציאַל און אַפילו רעליגיעז, האָט דער ישוב אין בבל פאָרגעזעצט זיין וווּקס און אַנטוויקלונג אין אַלע הינזיכטן. עקאָנאָמיש איז זיין מצב געווען גלענצנדיק, אַ סך פון די פאַרטריבענע זענען שטאַרק רייך געוואָרן. יידן האָבן אויך אָנגעהויבן פאַרנעמען הויכע מלוכה־פּאָסטנס, אַפילו אין קעניגלעכן הויף. אויך סאָציאַל, נאַציאָנאַל און רעליגיעז איז דער ישוב אין בבל געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה. אין דער פרעמד האָט שטאַרקער געווירקט דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט צווישן אָרעם און רייך. וועגן געמישטע חתונות זענען פאַראַן גאָר ווייניק ידיעות צו יענער צייט אין בבל און פרס. אויך דאָס רעליגיעזע לעבן איז געבליבן טריי די נבואישע לערעס, ווען אַפילו אויך דאָרט איז די נבואה כמעט אַנטשוויגן געוואָרן אַן אַנטוישטע אין אירע האָפענונגען אויף אַ גאַנץ נייעם לעבן נאָך דער גאולה פון גלות, האָפענונגען וואָס זענען נישט מקוים געוואָרן. אויך די כהנים, וואָס זענען פאַרבליבן אין בבל, זענען געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה. נישט האָבנדיק קיין מזבח מיט קיין קרבנות, האָבן זיי זיך מער פאַרטיפט אין די גייסטיקע ווערטן פון דער תורה און נבואישער לערע, האָבן פאַרפאַסט תפלות און מזמורים פון תהלים און, בעיקר, געלערנט און פאַרשפּרייט אין פאָלק די הייליקע שריפטן, וואָס זיי האָבן צו יענער צייט פאַרמאָגט. מעגלעך, אַז אין בבל און פרס איז מען שוין צו יענער צייט געהאַט אַריבער צום צווייטן העברעאישן שריפט, צום חרט אנוש, די פירקאַנטיקע אותיות, וואָס זענען ביז היינט פאַרבליבן דער דרוק־כתב פון העברעאיש און יידיש. אַ דאַנק אָט דער ענדערונג, איז די הייליקע שריפט געווען מער פאַרשפּרייט און באַקאַנט צווישן ברייטן עולם.

דער ישוב פון בבל האָט מיט פּיין צוגעקוקט די ירידה פון קבוץ אין יהודה. די גולה, וואָס האָט יהודה אויפגעבויט, האָט זיך געפילט מחויב צו ראַטעווען דעם דאָרטיקן קבוץ פון פאַרקריפּלונג און אונטערגאַנג. איינגיכן שאַפט זיך אַ גינסטיקע

פּאָליטישע לאַגע פאַר אַזאַ אינטערווענץ. ארתחשסתא דער ערשטער זאָגט זיך אָפּ פון דער דעראָבערונגס־פּאָליטיק אין גריכנלאַנד, ווו די פּערסער האָבן געליטן אַזאַ דורכפאַל, און ווידמעט זיין אויפמערקזאַמקייט די אינערלעכע ענינים פון זיין אימפּעריע. ער הערט זיך צו צו די בקשות פון זיינע יידישע הויפליט וועגן איינפירן מער אָרדענונג אין דער פּראָווינץ יהודה. אין 458 אויטאָריזירט ער א צווייטע עליה פון בבל.

בראש פון דער עליה, אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן בלויז 1.746 מענער, חוץ פרויען און קינדער, ס׳הייסט בסך הכל ארום אַ פינף טויזנט נפשות, ווערט געשטעלט עזרא, אַ כהן און סופר, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אמט אין דער פּערסישער אימפּעריאַלער אַדמיניסטראַציע. ער ווערט אויטאָריזירט פון „דעם קעניג פון די קעניגן" צו באַשטימען אין יהודה ריכטער און דיינים, איינצופירן די געזעצן פון דעם גאָט פון ישראל און דורכפירן די באַפעלן פון דער רעגירונג. די אומגעהאָרכזאַמע קאָן ער פאַרמשפּטן צו געפענגעניש, צו קאָנפיסקאַציע פון פאַרמעגן, צו אויסשליסן פון דער געמיינדע און אפילו צו טויט־שטראָף. דער מלך באַפעלט אויך זיינע קאַסירער און גיטער־פאַרוואַלטער ארויסצוגעבן עזראן אַ פינאַנציעל־עקאָנאָמישע סובסידיע פון די מלוכה־מיטלען, ביז הונדערט טאַלאַנטן זילבער, הונדערט מאָס ווייץ, הונדערט מאָס וויין, הונדערט מאָס בוימל, און זאַלץ וויפל ער וועט נאָר וועלן. עזרא פאַרזאַמלט זיין עקספּעדיציע ביים קאַנאַל, וואָס פאַלט אריין אין טייך אהוא. דעם 1טן ניסן פון 458 איז די עקספּעדיציע גרייט זיך צו לאָזן אין וועג, אָבער עזרא גיט זיך חשבון, אַז עס פעלן לוויים, אַ האַלב פּריסטערישער שטאַם, וואָס האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין גייסטיקן לעבן פון פאָלק אַלס פּאָעטן, מוזיקער און זינגער. ער שיקט ברענגען וויפל נאָר מעגלעך לוויים און ערשט דעם צוועלפטן ניסן לאָזט ער זיך אין וועג אריין. עזרא שעמט זיך צו בעטן ביים מלך אַ באַוואָפנטע באַגלייטונג, ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָטס שמירה, און דעם 1טן אב פון זעלבן יאָר קומט די עקספּעדיציע בשלום אָן קיין ירושלים. עזרא טרעט גלייך צו צו זיין גרויסער ארבעט: איינפירן אָרדענונג אין לעבן פון קבוץ אין יהודה.

עזרא פאַרנעמט זיך גלייך מיטן שאַרפסטן פּראָבלעם פון די געמישטע הייראַטן. דער רעלאַטיוו קליינער קבוץ שטייט אין סכנה צו פאַרשלונגען ווערן עטניש. די קינדער פון די געמישטע פּאָרלעך ריידן שוין אויף אַ געמישטער שפּראַך, האַלב יהודית, אַ מישלינג־שפּראַך פון העברעאיש און אַראַמעאיש, און האַלב די אַנדערע שפּראַכן פון די מוטערס. די ברייטע מאַסן פון קבוץ האָבן שוין פאַרגעסן צו רעדן עברית און ריידן יהודית, אָדער גאָר אַראַמעאיש, די דעמאָלדיקע אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון פאָדער־אַזיע. עזרא האַלט, אַז די סכנותדיקע סיטואַציע פאָדערט און באַרעכטיקט דראַסטישע מיטלען. אין הסכם מיט אַ באַשלוס פון אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג ווערט דעקרעטירט, אַז די פרעמדע פרויען מיט זייערע קינדער ווערן אויסגעשלאָסן פון כלל און צוריקגעשיקט צו זייערע שטאַם־פעלקער. לויט אַן אורלאַלטן איינפיר, וואָס האָט זיך דערהאַלטן ביז היינט, נעהערט ביי יידן דאָס קינד צום שטאַם פון דער מוטער.

אָבער אַזאַ דעקרעט איז לייכטער צו דיקטירן ווי דורכצופירן. עס ווערט באַשטימט אַ באַזונדער בית דין, וואָס זאָל אויפמערקזאַם שטודירן יעדן פאַל באַזונדער, צעשיידן פאַמיליעס איז ביי יידן נישט געווען קיינמאָל קיין לייכטע זאַך. נאָר אַ טייל פון די פרעמדע פרויען, וואַרשיינלעך די, וואָס האָבן נישט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, ווערן צוריק־געשיקט, אָבער דאָס רופט אַרויס דעם צאָרן פון זייערע שטאַם־פעלקער, וואָס באַפאַלן ירושלים, ברעכן איין אירע מויערן, פאַרברענען אירע טויערן, רייסן זיך אַריין אין שטאָט און נעמען געפאַנגענע; וואַרשיינלעך די מענער פון די אָפּגעשיקטע פרויען. דאָס צוריק־שיקן די פרויען ווערט אָפּגעשטעלט, אָבער די לאַגע פון קבוץ איז נאָך איצט ערגער ווי פריער.

אַ דעלעגאַציע פון יהודה לויפט אַוועק זוכן הילף און שוץ אין דער פערסישער הויפּטשטאָט שושן. דאָרט פאַראינטערעסירט זיך מיט איר נחמיה בן חכליה, וועלכער פאַרנעמט דעם הויכן פּאָסטן פון שר־המשקים. נחמיה איז אַ הייסער ייד, ווען ער דער־הערט אַז „די פאַרבליבענע פון געפאַנגענשאַפט, דאָרט אין דער מדינה, זענען אין גרויס נויט און שאַנד, די מויערן פון ירושלים זענען צעשמעטערט, די טויערן פאַרברענט אין פייער", ווירקט עס אויף אים אַזוי שטאַרק, אַז דער מלך דערקענט אויף זיין פּנים דעם טיפן צער וואָס ער לעבט איבער.

אויף דעם מלכס פראַגע, וואָס איז עס מיט אים? ענטפערט ער אָפנהערציק: „ווי זאָל מיין געזיכט נישט אויסזען שלעכט, ווען די שטאָט, וווּ מיינע עלטערן זענען באַגראָבן, איז חרוב און אירע טויערן פאַרברענט אין פייער?" אויף דער בקשה פון נחמיה איז דער מלך מסכים אים אָפּצולאָזן אויף אַ שטיקל צייט, בכדי צו ברענגען אָרדענונג אין יהודה. ער גיט אים אויך מיט בריוו צו די סאַטראַפּן פון די אַרומיקע מדינות, זיי זאָלן אים געבן אַלערליי הילף; בעיקר געהילץ צו בויען די מויער אַרום דער שטאָט און די פעסטונג אַרום בית המקדש. נחמיה באַקומט אויך אַ באַוואָפנטן עסקאָרט, וואָס גיט אים צו די געהע־ריקע חשיבות (445).

דאָס אָנקומען פון אַזאַ הויכן מלוכה־מאַן מיט אַזעלכע ברייטע פולמאַכטן רופט אַרויס גרויס אויפרודערונג סיי אין קבוץ פון יהודה, סיי צווישן די אַרומיקע פעלקער־שאַפטן, בעיקר צווישן די האַלב־יידישע שומרונים, וואָס האָבן געהאָפט מיט דער צייט איינצושלינגען דעם ריין־יידישן קבוץ פון יהודה, מיט וועלכן זיי האָבן שוין פריער פרובט־לאָז געזוכט צו פאַראייניקן זיך.

נחמיה טרעט גלייך צו אויפצושטעלן די מויער פון דער שטאָט. די פירער פון קבוץ העלפן אים ענטוזיאַסטיש אין דער אונטערנעמונג. אָבער די אַרומיקע פעלקער־שאַפטן ווייזן אַרויס אַ שאַרפע אָפּאָזיציע. אויך די פערסישע באַאַמטע פונעם געגנט האָבן נאָך פריער געמסרט קיין עקבאַטאַנאַ און געוואָרנט קעגן דער באַפעסטיקונג פון ירושלים: „זאָל דער קעניג וויסן, אַז אויב די שטאָט זאָל אויפגעבויט ווערן און די מויערן באַפעסטיקט ווערן, וועלן זיי (די בני יהודה) אויפהערן צאָלן צינזן און אָפּצאָלן, און די

קעניגלעכע שאַץ־קאַמער וועט שאַדן האָבן". איצט ראָטן זיי אונטערזוכן אין די קעניג־לעכע אַרכיוון, וועט מען געפינען אין די כראָניק־ביכער, אַז: די דאָזיקע שטאָט (ירושלים) איז אַ ווידערשפּעניקע שטאָט און האָט געמזיקט מלכים און מדינות, און מרידות זענען אין איר שטענדיק אויסגעבראָכן, דערפאַר טאַקע איז די שטאָט חרוב געוואָרן. מיר זענען מודיע דעם קעניג — אַזוי שרייבן די באַאַמטע — אַז אויב די שטאָט זאָל אויפגעבויט ווערן און אירע מויערן באַפעסטיקט, וועט דער מלך נישט האָבן קיין שליטה פון דער זייט פון טייך פּרת"*). די מסירה האָט קיין פּעולה נישט געהאַט. נחמיה האָט געהאַט גרויס השפּעה אין קעניגלעכן הויף און מען האָט צו אים געהאַט צוטרוי. די בוי־אַרבעטן זערן פאַרגעזעצט.

די קעגנער פון נחמיה און פון זיין אויפבוי־ווערק אין ירושלים אַנטשליסן זיך דאָן צו אָפּשטעלן דעם אויפבוי מיט אייגענע כוחות. בראש פון דער פאַרשווערונג שטייען דער גובערנאַטאָר פון שומרון סנבלט און דער פאַרוואַלטער פון עמון טוביה, האַלבע יידן, וואָס האָבן פאַרבינדעטע אין ירושלים גופא, זיי זענען פאַרוואַנדעטע צו די הויפּט־משפּחות פון די כהנים, און אייניקע „נביאים" שטייען צו זייער דינסט. אויך דער פירער פון די אַראַ־בער, גשם, שטיצט די פאַרשווערונג. נחמיה דערוויסט זיך פון דעם באַצייטנס און אָרגאַ־ניזירט זיינע קרעפטן סיי פאַר אַרבעט, סיי פאַר פאַרטיידיקונג. די לאָזונגען וואָס ער וואַרפט דאָן: „ביי טאָג אַרבעט און ביינאַכט שמירה", און „מיט איין האַנט די קעלניע און מיט דער צווייטער די שווערד", זענען אויפגעלעבט געוואָרן און אָנגעווענדט געוואָרן מיט פיר און צוואַנציק הונדערט יאָר שפּעטער, ביים אויפבוי פון מדינת ישראל. דער געפּלאַנ־טער אָנפאַל איז נישט פאָרגעקומען, די מויער איז געוואָרן פאַרענדיקט. דער קבוץ האָט באַקומען זיין פעסטונג.

אָבער מויערן אַליין זענען נישט גענוג. יהודה האָט זיך אויך גענויטיקט אין אַ נייער גייסטיקער פעסטונג. און נחמיה פאַראייניקט זיינע כוחות מיט די אָנשטרענגונגען פון עזראן, בכדי איינצופירן אין לעבן אָט דעם גייסטיקן כוח. ביידע גדולים באַשליסן אַ געוואַגטע רעפאָרמע: אַרויסנעמען די תורה פון איר באַהעלטעניש אין בית־המקדש־היילקטום און איבערגעבן זי דעם גאַנצן פאָלק. די כהנים זאָלן מער נישט זיין די איינ־ציקע „תפשי התורה", נאָר דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זי קאָנען לערנען און פאַרשטיין מיט דער הילף פון די סופרים. עזרא און נחמיה בייטן דעם אַלטן העברעאישן כתב פון דער תורה אויף דעם דאָן מאָדערנעם כתב אשורי, וואָס איז מער צוגענגלעך פאַרן פּראָסטן עולם. אָבער די פּשוטע פאָלקסמאַסע פאַרשטייט שוין נישט גוט קיין העברעאיש, וואָס איז פאַרבליבן דאָס לשון פון כהנים, לוויים און די געלערנטע סופרים. עזרא און נחמיה זעצן איבער צום ערשטן מאָל די תורה אויף דער אומגאַנגס שפּראַך פון די מאַסן; דער־

*) פאַראַן אויך אַ מיינונג, אַז די דאָזיקע מסירה איז געשריבן געוואָרן ביים ערשטן אויפבוי פון דער שטאָט.

ווייל נאָר מינדלעך, אָבער שפּעטער וועט די איבערזעצונג אויך געמאַכט ווערן שריפט־לעך, און לאַנגע יאָרהונדערטער וועט די תורה געלייענט ווערן בכל תפוצות ישראל שנים מקרא ואחד תרגום. ס'הייסט, איין מאָל דער העברעאישער טעקסט, נאָכהער די אַראַמע־אישע איבערזעצונג און לסוף ווידער אַמאָל דער העברעאישער טעקסט, וואָס איז שוין פאַרשטענדלעך געוואָרן דורך דער איבערזעצונג. די ערשטע עפנטלעכע פאָרלעזונג פון דעם תורה־טעקסט מיט מינדלעכער איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אין משך פון 23 טעג, פון 1טן ביזן 23סטן תשרי פון יאָר 435 בערך.

די פאָרלעזונג איז געפירט געוואָרן פון אַ ספּעציעלער הילצערנער בימה, אויפ־געשטעלט אויפן פּלאַץ פאַר דעם וואַסער־טויער. עזרא האָט געלייענט פסוק ביי פסוק און ספּעציעלע פּאַרטייטשער האָבן דערקלערט יעדן זאַץ „באַשיידן, שכלדיק, צו פאַרשטיין דאָס געלייענטע". די פאָרלעזונג פלעגט פאָרקומען פון פרימאָרגן ביז האַלבן טאָג און עס זענען געקומען הערן מענער, פרויען און קינדער, וואָס קאָנען שוין פאַרשטיין. עס איז געווען דער ערשטער פאָלקס־אוניווערזיטעט אין דער וועלט־געשיכטע און אונטערן פרייען הימל. אַ גאַנץ פאָלק האָט זיך גענומען לערנען תורה. פאַרענדיקט דאָס פאָרלייענען די תורה, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסער תענית אויף צו בעטן מחילה פאַר די באַגאַנגענע זינד און אָננעמען אויף זיך להבא צו גיין אין די דרכים וואָס די תורה האָט אָנגעצייכנט. אין דער צווישנצייט האָט מען געפייערט דעם יום־טוב סוכות, וואָס איז אין די גלות־צייטן כמעט געהאַט פאַרגעסן געוואָרן. פון דאַן אָן זענען די פייערונגען פון פאַרענדיקן לייענען די תורה פאַרבונדן מיטן יום־טוב סוכות. פון די לעצטע צוויי טעג יום־טוב אין די גלות־לענדער טראָגט דער טאָג שמיני עצרת דעם ערנסט פון כמעט אַ יום־כפור, מען איז מזכיר נשמות און אייניקע תפלות ווערן געזאָגט מיט יום־כפורדיקע נגונים, דעם לעצטן טאָג שמחת תורה ווערט פאַרענדיקט דאָס יערלעכע לייענען פון דער תורה, יעדער ייד מוז עולה לתורה זיין. אויך די קינדער ווערן אויפגערופן צוזאַמען „עם כל הנערים", אין אָנדענק פון דעם, וואָס אויך די עלטערע קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין דער ערשטער עפנט־לעכער פאָרלעזונג פון דער תורה.

פון דאַן אָן איז איינגעפירט געוואָרן צו לייענען די תורה סיסטעמאַטיש יעדן שבת. אין ארץ ישראל פלעגט מען פאַרענדיקן לייענען די פינף חומשים אין דריי יאָר, אין כבל אין איין יאָר. פּאַסיקע שטעלן פון דער תורה ווערן אויך געלייענט אין די ימים טובים, תעניתים, תענית־צבור וכ'. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, אין די מאַרק־טעג פון יענע צייטן, ווען די דאָרפסלייט פלעגן זיך צונויפקומען אין די גרעסערע שטעטלעך, ווערט פאָר־געלייענט אַ פּרשה פון דער וואָך־סדרה, בכדי אַז אויך די ישובניקעס זאָלן קאָנען הערן קריאת התורה.

דאָס פאַרטייטשן פון דער תורה אויף דעם לשון וואָס איז גערעדט געוואָרן פון די פאָלקס־מאַסן האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אין צוויי באַזונדערע דיסציפּלינען: אויסטייטשן געהעריק דעם זין פון די געזעצן, די הלכה, און איינטייטשן אין די ווערטער

פון דער תורה די אַלע גערדאַנקען, וואָס דאָס שפּעטערדיקע לעבן האָט געשאַפן, די דער־ציילונגען פון אַלטן אַמאָל א. אַ. וו. (אגדה). די הלכה פּלעגט אויך אויסטייטשן די געזעצן און דינים אין הסכם מיט די אַלעמאָל נייע באַגריפן וואָס קומען פון די נייע לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך דאָך געהאַלטן אין איין ענדערן.

די תורה ווערט פּראָקלאַמירט אַלס פונדאַמענטאַלער געזעץ פון יידישן לעבן. גלייכצייטיק ווערן צוריק איינגעפירט די סאָציאַלע געזעצן פון שמיטה און יובל, וואָס זענען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון די כהנים. אַלע אַלטע חובות ווערן אָפּגעמעקט, די פאַר חובות צוגענומענע הייזער, פעלדער און גערטנער ווערן צוריק־געקערט צו זייערע באַלעבאַטים. די פאַמיליען מיטגלידער וואָס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן פאַר חובות זענען באַפרייט געוואָרן. עס ווערט אויך איינגעפירט א שטרענגערע און פול־שטענדיקע אָפּהיטונג פון שבת־רו. ביז דאַן פלעגט מען זיך נוהג זיין נאָר נישט צו טאָן אין דעם טאָג קיין מלאכה, עזרא און נחמיה באַטראַכטן אויך האַנדל פאַר אַ מלאכה און עס ווערט פאַרבאָטן צו טאָן מסחר אום שבת. אין דעם טאָג ווערט דער יידישער מענטש באַפרייט פון יעדער זאָרג און דאַרף זיך ווידמען בלויז גייסטיקע אינטערעסן, בעיקר דעם למוד התורה. דער קבוץ פון יהודה הויבט אָן צו פירן אַן עכט יידיש לעבן, אין פולן הסכם מיט די לערעס פון די נביאים.

אויף צו פאַרזיכערן די דורכגעפירטע רעפאָרמען, האָבן עזרא און נחמיה געלאָזט רעדאַגירן א פייערלעכע שבועה, די אַמנה, וואָס עס האָבן אונטערגעשריבן די עלטסטע פון אַלע משפחות, כהנים, לוויים און ישראלים, און אַלע האָרן וועלכע שווערן אונטער אַ קללה, צו גיין אין די וועגן פון דער תורה וואָס „גאָט האָט געגעבן צו משה", אָפּהיטן און דער־פילן אַלע געטלעכע מצוות, געזעצן און דינים, זיך נישט משדך זיין מיט אַנדערע פעלקער, נישט אַרבעטן און נישט האַנדלען שבת און יום־טוב, פאַרלאָזן די פעלדער און אָפּמעקן די חובות יעדן זיבעטן יאָר (שמיטה), זיך באַשטייערן יערלעך מיט א דריטל פון א שקל פאַר דער אויסהאַלטונג פון בית־המקדש, ברענגען אין צייט האָלץ פאַרן מזבח, די ערשטע פרוכט פון פעלד און גאָרטן, געבן אַ צענטל פון גערעטעניש פאַר די לוויים". די אַלע אונ־טערגעשריבענע אויף דער אמנה בילדן א ספּעציעלן ראַט, וואָס וועט אַכטונג געבן אויף דער דערפילונג פון דער אָנגענומענער התחיבות. דער ראַט בלייבט פּערמאַנענט, די וואָס שטאַרבן ווערן פאַרביטן מיט אַנדערע, און עס בילדעט זיך אויס אַ פּאַרלאַמענט פון משפחה־הויפּטן, די כנסת הגדולה, וווּ זייט ביי זייט מיט די עלטסטע פון די כהנים, זיצן די עלטסטע פון די לוויים און ישראלים, ווי אויך די געלערנטע סופרים.

נאָכן דורכפירן די רעפאָרמע איז נחמיה אין 433 אָפּגעפאָרן צוריק קיין פּרס צו פאַרנעמען זיין הויכן אַמט אין קעניגלעכן הויף.

די אַלזייטיקע רעפאָרמען פון עזרא און נחמיה האָבן פאַרזיכערט דעם ווייטערן קיום פון דעם קבוץ אין יהודה און משפּיע געווען אויף דער אויספורעמונג פון יידישן לעבן אין גלות. נישט אומזיסט זאָגט דער תלמוד, אַז עזרא וואָלט ווערט געווען, די תורה

זאל געגעבן ווערן דורך אים, מער נישט וואס משה האט געלעבט פאר אים. א צווייטער מאמר פארזיכערט, אז „די תורה איז כמעט פארגעסן געווארן פון די יידן, ביז עזרא איז געקומען און האט זי פון דאס ניי באפעסטיקט”

אלס פועל יוצא פון דעם קאמף ארום אויפבוי פון דער מויער פון ירושלים און פון דער דורכגעפירטער רעפארמע, ווערט פולשטענדיק דער ריס צווישן די בני־יהודה און די שומרונים, וועלכע האבן דאך אנגענומען די לעצטע רעדאקציע פון דער תורה, ווען אפילו זיי האבן נישט אנגענומען די ענדערונג פון כתב. זייערע ספרי תורה ווערן ביז היינט געשריבן אין אלטן עברישן שריפט. די שנאה צווישן די צוויי שטאמען האט זיך נאך פארשארפט צוליבן פארבאט זיך משדך צו זיין און די בני יהודה האבן געהאט פיל אויסצושטיין פון די מישלינג־אפשטאמער פון שבט אפרים

27סטע לעקציע

דער לעצטער יאָרהונדערט אונטער דער פּערסישער הערשאַפט

(433 ־ 332 פאַר ד. א. צ. ר.)

די זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס עזרא און נחמיה האָבן רעפאָרמירט, האָט איבערגעלעבט די פּערסישע הערשאַפט איבער יהודה, ווי דעם עצם עקזיסטענץ פון דער פּערסישער אימפּעריע. אונטער דער פּירערשאַפט פון דער כנסת הגדולה האָט זיך דער קבוץ אין יהודה אַנטוויקלט אין אַלע הינזיכטן און איז זייער דעמאָקראַטיזירט געוואָרן. די ערשטע כנסת הגדולה האָט געהאַט פאַרטרעטער נאָר פון די משפחות וואָס האָבן געקאָנט ברענגען בריוו איבער זייער ריינעם אָפּשטאַם, אָבער פון בבל זענען צוריקגעקומען עלעמענטן אויך פון אַ קלענערן יחוס: נתינים, גרים, קנעכט, ממזרים, פינדל־קינדער, וואָס האָבן קיין יחוס־בריוו נישט געהאַט און זענען דערפאַר נישט געווען פאַרטראָטן אין דער ערשטער כנסת הגדולה. מיט דער צייט אָבער ווערט אָנגענומען, אַז אויך מיטגלידער פון די נישט־יחוסדיקע שיכטן קאָנען אריין אין כנסת הגדולה אויף זייער פּערזענלעכע באַזעס, ס׳הייסט, אויב זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס געלערנטע. אָפּשטאַמער פון גרים זענען שפּעטער אפילו געווען פאָרזיצער פון סנהדרין, וואָס האָט פאַרביטן די כנסת הגדולה. די פּאַקטישע אָנפירונג פון דער מדינה און איר פאַרטרעטערשאַפט פאַר דער פּערסישער מאַכט איז נאָך אַלץ געבליבן ביים כהן גדול, אָבער ער איז שוין מער נישט געווען קיין אַליינהערשער. ער האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער כנסת הגדולה.

פאַרן לעצטן יאָרהונדערט אונטער פּערסישער הערשאַפט קומען כמעט נישט פאָר קיין וויכטיקע פּאָליטישע פּאַסירונגען אין לעבן פון קיבוץ אין יהודה. אַ ווייטע מדינה, האָט זיך יהודה ווייניק באַטייליקט אין די אומרוען, וואָס די אימפּעריע האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע הונדערט יאָר פון איר קיום.

אין אינערלעכן לעבן איז פאָרגעזעצט געוואָרן דער קאַמף צווישן דער כהני־שער אַריסטאָקראַטיע און דער ברייטער פאָלקס דעמאָקראַטיע, אָנגעפירט פון די לוויים און סופרים. אין דער צייט ווען די כהנים גדולים זענען געבליבן מאַכטגיריק און

האבן געקעמפט פאר דער אויבערהערשאפט מיט אזא פארביסנקייט, אז עס איז דער־גאנגען איינמאל צום עקסטרעם, אז א כהן גדול, יוחנן בן יהוידע, זאל דערהרגענען אין בית המקדש זיין ברודער ישוע, ווייל יענער האט געוואלט פארכאפן די כהונה גדולה מיט דער הילף פון פערסישן גובערנאטאר ביגווי, באמיען זיך די דעמאקראַ־טישע סעקטארן פון דער כנסת הגדולה צו דעמאקראטיזירן אפילו די גאטעסדינסט אין בית־המקדש און פירן איין פאלגנדיקע תקנות:

א) דער קרבן תמיד. צוויי מאל אין טאג, אין דער פרי און פארנאכט, פלעגט מען מקריב זיין אין בית המקדש שעפסלעך, אלס שטענדיקן קרבן (קרבן תמיד). די ערשטע צייטן פלעגן די דאזיקע קרבנות קומען פון פריוואטע פערזאנען, פארשטייט זיך פון די רייכערע שיכטן. די כנסת הגדולה פירט איין, אז דער קרבן תמיד זאל קומען פון א קהלשער קאסע, בכדי ער זאל סימבאליזירן דעם ביישטייער פון אלע יידן. מעגלעך, אז אין יענער צייט איז דער אפצאל פארן בית המקדש געהעכערט געווארן פון א דריטל שקל, אין די צייטן פון עזרא אויף א האלבן שקל. דעם ביישטייער פלעגן צאלן נישט נאר די יידן פון יהודה, נאר אויך פון דער גאנצער צעשפרייטונג אין גלות איבער דער וועלט און דער בית המקדש ווערט דער פארבינדונגס־נערוו פון גאנצן יידישן פאלק.

ב) אנשי המעמד. לויטן דין דארף דער וואס ברענגט א קרבן שטיין דערביי בשעת מען איז אים מקריב. דער קרבן תמיד איז דאך אבער א פאלקס־קרבן, טא ווער זשע זאל שטיין בשעת מען איז אים מקריב? ווערט דער גאנצער ישוב צעטיילט אין פיר און צוואנציק חלקים, וואס ווערן גערופן מעמד, יעדע וואך קומען די פארטרעטער פון א מעמד, אפילו פון די ווייטסטע געגנטן פון לאנד, אויף צו שטיין דערביי, בשעת מען איז מקריב די קרבנות פון פאלק. דורך די אנשי המעמד ווערט דאס פשוטע פאלק צוגעצויגן ווי א מיטבאטייליקטער צום העכסטן ריטואל פון גאטעסדינסט.

ג) לוויים ־ געזאנג. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט ווערט געלייגט צו אנטוויק־לען דאס געזאנג פון די לוויים ביים מקריב זיין די קרבנות און אנדערע צערעמאניעס אין בית המקדש. עס אנטשטייען גאנצע פאמיליעס פון פאעטן, זינגער און מוזיקער. די מוזיקאלישע קונסט דערגרייכט אין בית המקדש צו גאר א הויכער מדרגה.

ד) בתי־כנסיות. אין אלע ישובים ווערן געגרינדעט שולן, מועדי אל, וווּ עס ווערט געפירט די גאטעסדינסט אויפן זעלביקן שטייגער, ווי מען האט עס איינגע־פירט אין בבל: לייענען די תורה, זינגען הימנען, הערן דרשות, אן מקריב צו זיין קרבנות, וואס קאנען געבראכט ווערן נאר אין בית המקדש.

די דעמאקראטיזאציע פון פאלקס־לעבן באגייט זיך נישט אן אידעאישע קאמפן. די געלט־ און יחוס־אריסטאקראטיע, בעיקר די כהנים, ארגאניזירן זיך אויף

איינצוהאַלטן די פּאַרשידענע פּריווילעגיעס, וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין די צייטן פון זייער אומבאַגרענעצטער הערשאַפט. זיי פירן זיך אויף אַ העכסט אַריסטאָקראַטישן שטייגער און אונטערשטרייכן, אַז אייניקע מצוות פון דער תורה, ווי אָפּהיטן ריטועלע ריינלעכקייט, עסן בלויז פליישׁ, וואָס איז געשאָכטן ווי אַ קרבן, זענען חל נאָר אויף זיי: פּשוטע יידן דאַרפן זיי נישט אָפּהיטן. די כהנים און מיוחסים אָרגאַניזירן זיך אין אַ באַזונדערן סעקטאָר, וואָס ווערט באַצייכנט ווערן לויטן נאָמען פון שטאַם־פאָטער פון דער הערשנדיקער כהנים דינאַסטיע צדוק — צדוקים.

די פאָלקס דעמאָקראַטיע, וואָס באַשטייט בעיקר פון פאַרמעגלעכע פּויערים און בעלי־מלאכות און ווערט אָנגעפירט פון די לויים און סופרים, אָרגאַניזירן זיך אויך אין אַ באַזונדערן אָרדן. זיי האַלטן, אַז די געזעצן פון דער תורה זענען חל אויף אַלע יידן, ווייל דער הויפּט־געבאָט איז:

קדושים תהיו	הייליק זאָלט איר זיין,
כי קדוש אני ד׳ אלהיכם	ווייל איך, אייער גאָט, בין הייליק.

(ויקרא י״ט, 2)

זיי הויבן אויך אָן אָפּהיטן די געזעצן פון ריטואַלער ריינלעכקייט, פון שחיטה און כשרות, פּונקט ווי די כהנים ביי די קרבנות. זיי וואַשן זיך פאַרן עסן און נאָכן עסן, פּונקט ווי די כהנים פאַרן מקריב זיין די קרבנות, זיי פירן איין אַ ברכה פאַרן עסן און נאָכן עסן, פּונקט ווי ברכות פלעגן געזאָגט ווערן פאַרן און נאָכן מקריב זיין אַ קרבן. דערמיט דערהויבן זיי דאָס טעגלעכע לעבן פון יעדן ייד צו דער מדרגה פון אַ גאָטעס־דינסט. די מיטגלידער פון אָט דעם אָרדן רופן זיך צווישן זיך חבר, און ווייל זיי האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון די אַלע, וואָס פירן זיך נישט ווי זיי, רופט מען זיי אין פאָלק פּרושים: אָפּגעשיידטע. עס איז אויך מעגלעך, אַז דער נאָמען שטאַמט נאָך פון די צייטן פון עזרא, און מען האָט מיט אים באַצייכנט די, וואָס האָבן זיך אָפּגעשיידט פון הייראַטן מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן.

די פּרושים באַמיען זיך צו האַלטן זיך פאָלקסטימלעך. זיי ווילן זיך לחלוטין נישט אָפּזונדערן פון דער מאַסע, נאָר, אדרבא, דערהייבן די מאַסע צו זיך. אויף צו ווערן אַ פּרושי איז נישט נויטיק קיין געבורט־יחוס, נאָר אָפּהיטן די געזעצן פון דער תורה און לערנען זי.

אין דער כנסת הגדולה אַנטוויקלט זיך אַ העפטיקער קאַמף צווישן צדוקים און פּרושים. די צדוקים, ווי יעדע הערשנדיקע קאַסטע, זענען פאָרמאַליסטן, זיי רעכע־נען זיך בלויז מיטן בוכשטאַב פון געזעץ. די פּרושים פירן דורך אַן אַנדער פּרינ־ציפּ: „הוו מתונים בדין“. זייט געמעסיקט אין דער געזעצגעבונג. אומעטום ווו דער טעקסט פון דער תורה איז שוין געווען צו שטרענג אין באַצוג צו די נייע לעבנס פאָרמען, האָבן זיי געזוכט אים אויסצוטייטשן אין אַ מילדערן זין. אַזוי, למשל, האָבן זיי דאָס געזעץ „עין תחת עין“, אַן אויג פאַר אַן אויג, אויסגעטייטשט אין דעם זין,

אז פאר שעדיקן אן אבר דארף מען באצאלן דעם ווערט פון זעלבן: אויג, צאן או״וו. די צדוקים זענען שטרענג אין אנווענדן שטראפן, אפילו טויט־שטראף. זיי האבן גע־האט א שטראף־קאדעקס, וואס האט געזאגט קורץ און שארף: פאר די און די עברות קומט: פארשטיינען, אדער פארברענען, אדער קעפן, אדער הענגען. די פרושים זענען אנטשלאסענע קעגנער פון טויט־שטראף און באמיען זיך אויסצומיידן די שווידערלעכע שטראף, ווי נאר עס איז מעגלעך. אין דעם זין טייטשן זיי אוים די געהעריקע שטעלן פון דער תורה.

אלס אריסטאקראטיע זענען די צדוקים נישט איבעריק פאראינטערעסירט אין פאלקס־בילדונג. די פרושים פון דער כנסת הגדולה שטעלן אבער פעסט דעם כלל: „העמידו תלמידים הרבה״, דערציט פיל תלמידים.

זייענדיק אייפערדיק פאר דער אפהיטונג פון די גרונד־דינים, לערנען די פרושים: „עשו סיג לתורה״, מאכט א פארצוימונג ארום דער תורה. ס׳הייסט, אמאל איז נויטיק צו פארבאטן אויך לייכטערע זאכן, וואס זיינען ווי א מין פארצוימונג ארום דעם עיקר געזעץ, בכדי ער זאל נישט אנגערירט ווערן.

די חלוקי דעות צווישן די צדוקים און פרושים נעמען ארום נאך א סך ענינים פון דעם גלויבן אין תחית המתים, וואס די צדוקים ווארפן אפ, ווייל עס ווערט וועגן דעם נישט דערמאנט אויסדריקלעך אין דער תורה, ביז דער פעסטשטעלונג פון דעם טאג, ווען שבועות דארף געפייערט ווערן, און אפילו געוויסע מנהגים פון גאטעסדינסט אין בית המקדש, ווי דאס רויכערן וויירויך אין טאג פון יום כפור.

28סטע לעקציע

ערשטע שפּראָצונגען פון יידנהאַם

(פערטער יאָרהונדערט פאַר ד. א. צ. ר.)

אין דער זעלבער צייט וואָס דער קבוץ אין יהודה לעבט א רעלאַטיוו רואיקן פעריאָד און קאָן זיך ווידמען זיינע אינערלעכע, גייסטיקע ענינים, לעבן איבער די יידישע ישובים אין גלות, סיי אין בבל־פרס, סיי אין מצרים, א פאָר פיינלעכע עפּיזאָדן, וואָס דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי די ערשטע שפּראָצונגען פון יידנהאַס אין דער אַנטי־קער וועלט, וואָס האַלט ביי אונטערגיין.

אין יאָר 411 ווערט דורך דעם פּערסישן מושל פון אויבערשטן מצרים, וויידארנאַג, צעשטערט דער בית המקדש, וואָס די יידישע קאָלאָניע פון יב האָט געהאַט געגרינדעט באַלד ווי זי האָט זיך באַזעצט אין יענער געגנט אין די צייטן נאָכן חורבן, 580 בערך. ווען אפילו די יידישע מיליטערישע קאָלאָניע איז דאָך אַ שטיץ־פּונקט פון דער פּערסישער אימפּעריע און אירע יידישע איינוווינער זענען אין אָפיציעלן פּערסישן דינסט, פאַראייניקט זיך וויידארנאַג מיט די מצרישע פּריסטער, וואָס האָבן געזען דעם בית־המקדש צום גאָט פון ישראל ווי אַ דאָרן אין אויג, און זיין זון נפאַיאַן פירט אָן מיט אַ המון, וואָס צעשטערט דעם בית המקדש. דריי יאָר נאָכאַנאַנד זענען זיך משתדל די יידישע זעלנער, אַז מען זאָל צוריקבויען זייער בית־המקדש. זיי ווענדן זיך מיט רירנדיקע בריוו צו יוחנן דעם כהן גדול פון ירושלים, צו ביגוויי, דעם פּערסישן גו־בערנאַטאָר פון יהודה, צו דליה און שלמיה, די קינדער פון סנבלט, דעם גובערנאַ־טאָר פון שומרון, אָבער עס העלפט ווייניק. לסוף זאָגן זיי צו ביגוויין אַ פאַרגיטיקונג אין גאָלד און דאָס העלפט. ער, צוזאַמען מיט דליה בן סנבלט, שרייבן צו אַראשאַם, דעם הויפּט־גובערנאַטאָר פון מצרים, ער זאָל דערלויבן צוריק אויפשטעלן דעם בית המקדש אין יב. די דערלויבעניש ווערט געגעבן אין יאָר 408, אָבער בלויז אויף קרבנות פון שפּייזאָפּפער און ווייררויך. קרבנות פון לעבעדיקע באַשעפענישן ווערן שוין מער נישט דערלויבט.

די צייט פון צווייטן עפּיזאָד קאָן דערווייל גענוי נישט פעסטגעשטעלט ווערן, און פאַראַן היסטאָריקער, וואָס זענען נוטה צו לייקענען אין זייןווירקלעכקייט. ער איז אָבער באַשריבן אין אַ באַזונדערן בוך, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין תנ"ך, און אין זיין אָנדענק ווערט ביז היינט געפייערט אַ יידישער פאָלקס יום־טוב. שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזעלכע צוויי וויכטיקע באַשטעטיקונגען ווי אַ בוך פון די כתבי הקדש און אַ פאָלקס יום־טוב זאָלן זיך באַזירן אויף אַ פּאַסירונג, וואָס לא היה ולא נברא.

ווי דער ענין זאָל נישט זיין היסטאָריש, איז אָבער דאָס בוך, מגלת אסתר, דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן קינסטלערישן אמת. עס איז דאָס קלאַסישע ווערק פון אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן. די דערציילונג איז אַ גאַנץ פּשוטע. דער פּערסישער מלך אחשורוש (אַרטאַקסערקסעס) לאָזט טויטן זיין פרוי ושתי און פון אַלע מיידלעך וואָס מען ברענגט אים צוזאַמען פון דער גאַנצער אימפּעריע, בכדי דער מלך המלכים זאָל פון צווישן זיי אויסקלייבן אַ נייע מלכה, געפעלט אים די יידישע טאָכטער הדסה, וואָס טראָגט שוין דעם בבלישן נאָמען אסתר. ווען אסתר ווערט מלכה, ווערט איר פעטער מרדכי (אויך אַ בבלישער נאָמען) אַ מקורב צום הויף. דער מלך אחשורש צייכנט שפּעטער באַזונדער אויס זיין ערשטן האר המן בן המדתא האגגי און אַלע הויפלייט קניען און בוקן זיך צו אים, אויסער מרדכי, וואָס פאַרלירט נישט זיין יידישע און מענטשליכע ווירדע און קניט נישט פאַרן אויפגעקומענעם פּאַטענטאַט. דאָס פאַרדריסט געוואַלדיק המנען און ער זוכט אויסצוברענגען זיין כעס אויף איין יידן, מרדכי, דורך אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אַ צוגאַנג, וואָס איז געוואָרן קלאַסיש פאַר אַלע אַנטיסעמיטישע מאַכטהאָבער.

המן ברענגט פאַרן מלך אַ מסירה אויף אַלע יידן, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי דער מאַניפעסט פון שנאת ישראל: „פאַראַן אַ פאָלק, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך. זייערע פירונגען זענען פאַרשידן פון אַלע אַנדערע פעלקער, דעם מלכס געזעצן טוען זיי נישט און דעם מלך לוינט נישט זיי צו לאָזן לעבן. אויב דעם מלך איז ווילגעפעלן, זאָל באַפוילן ווערן זיי אומצוברענגען און איך וועל אַריינטראָגן צען טויזנט זילבער־טאַלאַנטן פאַר די, וואָס וועלן דורכפירן די אַרבעט".

דער מלך אחשורש איז מסכים און גיט אַרויס אַ דעקרעט, וואָס רעזומירט דעם פאַרלאַנג פון אַלע שונאי ישראל אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער:

להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים טף ונשים ביום אחד ושללם לבז.	פאַרטיליקן, אויסמאָרדן און אומברענגען אַלע יידן, מיט קינדער און פרויען אין איין טאָג, און זייער פאַרמעגן צערויבן.

(מגילת אסתר ג', 13)

דער דעקרעט ווערט ביזן באַשטימטן דאַטום, 13 טעג אין חודש אדר, געהאַלטן בסוד, אָבער מרדכי דערוויסט זיך פֿאַרט פֿון אים און ער הויבט אויף אַ טומל. ער פֿאַרערט פֿון אסתרן, זי זאָל גיין צום מלך און אָפּשרייען די גזירה, ווען אפילו דאָס זאָל שטעלן איר לעבן אין געפֿאַר. אויף אסתרס אָנווייזונג איז מען גוזר תענית, מען ריכט אָפּ תפילות. אסתרן געלינגט צו צעשטערן די פֿאַרשווערונג פֿון המנען, וועלכער ווערט געטויט, אָבער דער דעקרעט בלייבט דאָך אין קראַפֿט, ווייל: „אַ כתב וואָס איז געשריבן אין נאָמען פֿון מלך און געחתמעט מיטן מלכס זיגל, קאָן מען נישט אָפּרופֿן". דאָס איינציקע, וואָס מען דערגרייכט פּאַקטיש איז וואָס די יידן ווערט דערלויבט „פֿאַרזאַמלען זיך און פֿאַרטיידיקן זייער לעבן": „להקהל ולעמד על נפשם".

ביי די שונאי ישראל ווערט צוגענומען די שטיצע און פּראָטעקציע פֿון דער מאַכט און דאָן בלייבן זיי אוממעכטיק. די וואָס ווילן דווקא אַ הוליע טאָן אויפֿן חשבון פֿון די יידן, ווערן צוריקגעשלאָגן פֿון דער יידישער זעלבסטשוץ און ליידן גרויסע פֿאַרלוסטן, סיי אין דער הויפּט־שטאָט שושן, סיי אין אַלע אַנדערע שטעט פֿון דער אימפּעריע. ווי סימבאָליש עס איז: דער דעקרעט פֿון אחשורש איז נישט אָפּגערופֿן געוואָרן, די סכנה הענגט ביז היינט איבער יידישע קעפּ, עס איז נאָך גוט ווען מען לאָזט זיי פֿאַרטיידיקן זיך...

אין אָנדענק פֿון דעם עפּיזאָד, וואָס האַלט זיך אין איין איבערהזרן אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצן גלות, ווערן געפֿייערט די דריי טעג: 13־טער אדר (תענית אסתר), 14־טער אדר (פּורים), 15־טער אדר (פּורים פֿון שושן). די פֿערזאָנען זענען אויך געבליבן סימבאָליש. אַ גרויסער אַנטיסעמיט איז אַ המן. לכבוד אַ נס, וואָס עס טרעפֿט מיט אַ קהלה, וועלכע ווערט געראַטעוועט פֿון אַ סכנה, ווערט איינגעפֿירט אַ לאָקאַלער פּורים. איינער פֿון די ערשטע דעקרעטן פֿון דער נאַצי־רעגירונג אין דייטשלאַנד איז געווען צו פֿאַרבאָטן לייענען די מגילה. ארור המן און ברוך מרדכי איז פֿאַרבליבן אַ גאַנגבאַרער יידישער אויסדרוק.

מלכים פֿון פּערסיע וואָס האָבן געוועלטיקט איבער יהודה

כורש	530־538
קאַמביזעס	522־530
דריוש 1	486־522
קסערקסעס 1 (אחשורש 1)	465־486
ארתחשסתא 1	423־465
קסערקסעס 2 (אחשורוש)	423
סוגדיאַנוס	423
דריוש 2 נאָטאָס	404־423
ארתחשסתא 2	359־404
ארתחשסתא 3	338־359
ארסעס	336־338
דריוש 3	331־336

יידישע פֿירער אין יענע צייטן

ששבצר פּחה
זרובבל בן שאלתיאל
יהושע בן יהוצדק כה"ג
עזרא און נחמיה
בגוויי פּחה
אלישיב כה"ג
יהוידע כה"ג
יוחנן בן יהוידע כה"ג
ידוע בן יוחנן כה"ג

29סטע לעקציע

ווען אַ וועלט ווערט פאַרענדערט

(333 ־ 312 פאַר דער א. צ. ר.)

געפירט פון די סופרים, די עלטסטע פון פרושים־אָרדען, זעצן פאָר די איינוווינער פון יהודה אין לעצטן יאָרהונדערט פון דער פערסישער אימפעריע די גרויסע סאָציאַל־רעליגיעזע רעפאָרמע, וואָס עזרא און נחמיה האָבן דורכגעפירט אין 435־445 און וואָס באַצוועקט צו פורעמען דאָס יידישע לעבן אין הסכם מיט דער לערע פון די נביאים. דאָס לעבן אין יהודה ווערט ביז גאָר אייגנאַרטיק, געלייטערט און דערהויבן. אפילו די אומפאַרמיידלעכע השפעות פון דער פערסישער קולטור און אמונה, פון וועלכע די יהודים נעמען איבער געוויסע איינפלוסן, ווערן אַזוי איבערגעקאָכט און אויסגעפורעמט אין אייגענער אייגנאַרטיקייט, אַז זיי פאַרלירן יעדן שמץ פון פרעמדקייט. אין יהודה ווערט געבוירן די גייסטיקע דערשיינונג, וואָס הייסט יידישקייט און דער ישוב אין היימלאַנד, וואָס האָט ערשט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק געמוזט באַקומען אויך גייסטיקע הילף פון בבל, הויבט אָן צו ווערן אַ בעל־משפיע און באַאיינפלוסן די יידישע ישובים אין די גלות־לענדער.

אין משך פון דעם יאָרהונדערט קריסטאַליזירן זיך אויס די אַספּיראַציעס פון דער נביאים־לערע אין פאָזיטיווע, פּראַקטישע לעבנס פאָרמען, וואָס בילדן אַן אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער, וועלכער וועט זיך שוין שווער לאָזן באַאיינפלוסן פון אויסערלעכע השפעות. דער שאַפונגס פּראָצעס פון יידישקייט איז כמעט פאַרענדיקט. יידישקייט וועט זיך אויף להבא קענען ענדערן, אָבער בשום אופן נישט אַנדערש ווערן.

אין דער זעלבער צייט, ווען יידישקייט האָט געהאַלטן אין איין אויפשטייגן, טרעט אַריין די פערסישע אימפעריע אין דעקאַדענץ. די פערסער האָבן געשטרעבט צו וועלט־הערשאַפט. זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט באַהערשן אַלע מלוכות פון פאָדער־אַזיע, פון אינדיע ביז אַביסיניע (מהודו ועד כוש). זיי האָבן אויך געזוכט צו אונטער־יאָכן די גריכן, אַ פאָלק מיט אַן אייגנאַרטיקער, גרויסער קולטור, מיט אַן אויסגעשפּראָ־

בענעם גייסטיקן מהות, וואָס האָט באַוווינט דעם דרום־טייל פון באַלקאַנישן, גריכישן און איטאַליענישן האַלב־אינדזלען אין אייראָפּע, ווי אויך דעם מערב־טייל פון קליין־אַזיע און אַ סך אינדזלען אויפן מיטללענדישן ים.

די גריכן זענען געווען גוטע ערד־אַרבעטער, געשיקטע בעלי־מלאכות, העלדישע קריגער און זייער פּעאיקע סוחרים; זיי האָבן פאַרמאָגט דענקער און פאָרשער. דער גריכישער געדאַנק איז אַ קלאָרער, אַ סיסטעמאַטישער, זיי האָבן געדענקט מעטאָדיש. סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעל, עמפּעדאָקלעס און אַנאַקסאַגאָראַס האָבן שוין צו יענער צייט געהאַט געשאַפן פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע סיסטעמען.

די גריכן האָבן קיינמאָל נישט געשאַפן קיין איינהייטלעכע מלוכה, זיי זענען געווען צעטיילט אין אַ צאָל שטעט, וואָס האָבן געבילדעט באַזונדערע שטאַטן, רעגירט פון קעניגן, טיראַנען, אָליגאַרכיעס און אַריסטאָקראַטיעס, וואָס האָבן זיך גערופן טעות־דיק פאָלקס־הערשאַפטן, דעמאָקראַטיעס. וואָס עס האָט די גריכן פאַראייניקט איז געווען זייער שיינע האַרמאָנישע שפּראַך, זייער רעליגיע, אַ פּילגעטעריי, וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקער מאָראַלישקייט, זייער נייגונג צו ספּאָרט, פיזקולטור און די ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, אָלימפּיאַדעס, וואָס זענען צום ערשטן מאָל אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין 776 און פלעגן רעגולמעסיק דורכגעפירט ווערן יעדן זיבעטן יאָר: צו די אָלימפּיאַדעס פלעגן צונויפֿאָזט ווערן בלויז ריינבלוטיקע גריכן. די גריכן האָבן אויך גע־האַט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן חוש פאַר שיינקייט, פאַר האַרמאָנישקייט און זיי האָבן דער־הויבן די סקולפּטור, מאָלעריי, מוזיק, פּאָעזיע, ליטעראַטור, טעאַטער. יעדע קונסט איז ביי זיי געשטאַנען אונטערן שוץ און איינפלוס פון אַ באַזונדערער געטין, אַ מוזע.

די פּערסישע הערשער, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער די גריכישע שטעט פון קליינאַזיע, האָבן אויך פאַרזוכט צו באַהערשן די גריכישע שטעט אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. דריוש דער ערשטער, אין 490, און קסערקסעס אין 480, פּרוּוון אַריינ־דרינגען אין אייגנטלעכן גריכנלאַנד. זיי ווערן אָבער געשלאָגן, דער ערשטער אין מאַ־ראַטאָן, דער צווייטער אין סאַלאַמינאַ. די גריכישע שטעט האַלטן אָן זייער פרייהייט.

די וויכטיקסטע גריכישע שטאָט, אַטען, לעבט איבער אין די יאָרן 460־430, אַ בלי־עפּאָכע, וואָס ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם שטאָט־פירער אין יענער צייט, די פּעריקלעס־עפּאָכע. דאָן לעבן די גרויסע גריכישע דענקער און פאָרשער. די שטאָט ווערט באַשיינט מיט שיינע פּאַלאַצן און פּרעכטיקע סטאַטועס פון די גרויסע סקולפּטאָרן.

אָבער פון 431 ביז 404 ווערט געפירט אַ ביטערער בירגער־קריג, באַקאַנט אַלס די מלחמה פון פּעלאָפּאָנעס, צווישן אַטען, די פעסטונג פון ציוויליזם, און ספּאַרטאַ, די ציטאַדעל פון מיליטאַריזם. די מלחמה ווערט געפירט מיט אַ שווידערלעכער אכזריות און ברענגט צו אַ ירידה פון גאַנץ גריכנלאַנד. אין 380 באַקומט אַ צייטווייליקע וויכטיקייט די שטאָט טעבאַס, אָבער גאָר אין גיכן וועט גאַנץ גריכנלאַנד זיין אונטערן איינפלוס און פירערשאַפט פון פיליפּ, אַ האַלב־גריכישער הערשער פון באַרבאַרישן מאַקעדאָניע.

פיליפּ איז זייער אַן ענערגישער מענטש. אין 338 באַזיגט ער אַ קאַאַליציע פון גריכישע שטעט, לייזט אויף די ליגע פון אַטיקאַ און פאַררופט אַ קאָנגרעס אין קאָרינט, וואָס באַשליסט אַ מלחמה קעגן פּערסיע, און באַשטימט פּיליפּן פאַר הויפּט־אָנפירער פון אַלע גריכישע חילות. דער וועג צו אַליינהערשאַפט איז אָפן. פּיליפּ שטאַרבט אָבער פּלוצלינג אין 335, און זיין טראָן באַשטייגט זיין יונגער זון אַלעקסאַנדער, וועלכער איז קוים 22 יאָר אַלט, און וועלכער וועט אַריין אין דער וועלט־געשיכטע אַלס אַ לעגענדאַרישער וועלט־דעראָבערער, אַלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניע, מיטן צוגאָב־טיטל, דער גרויסער.

אַלעקסאַנדער איז נישט געווען אַזוי קולטורלאָז ווי זיינע מאַקעדאָנישע לאַנדסלייט. זיין פאָטער האָט אים באַזאָרגט מיט אַ גוטן לערער, דער באַרימטער פילאָזאָף אַריסטאָטעל. ער האָט דערפאַר געהאַט אַ ברייטערן אויסבליק אויף דער וועלט־פּאָליטיק. ער פּלאַנט נישט נאָר באַזיגן די פּערסער און דעראָבערן זייער אימפּעריע, נאָר גרינדן די ערשטע וועלט־אימפּעריע, ווו אַלע פעלקער זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין מענטשן־משפּחה אונטער זיין הערשאַפט, געפירט פון דעם גריכישן גייסט.

נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער שטילט איין אַ פּאָר מרידות אין די אים אונטערגעוואָרפענע לענדער, לאָזט ער זיך אַוועק אויף זיין גראַנדיעזער אונטערנעמונג. איז עלף יאָר וועט ער ווי אַ בליץ דורכשניידן די גרעסטע טייל פון דער דאַן באַקאַנטער וועלט. אין 334 הויבט ער אָן זיין מאַרש קעגן די פּערסער. אין 333 האָלט ער אָפּ זיין ערשטן זיג איבער זיי ביי איסוס, אין קליין־אַזיע. אין 332 פאַרנעמט ער דעם גאַנצן ברעג פון מיטללענדישן ים פון צור ביז עזה. אין 331 נעמט ער איין מצרים, גרינדעט דאָרט אַ נייע שטאָט, וואָס דאַרף זיין די הויפּטשטאָט פון זיין וועלט־אימפּעריע, און טראָגט ביז היינט זיין נאָמען — אַלעקסאַנדריע. דעם זעלבן יאָר באַזיגט ער דעם לעצטן פּערסישן מלך המלכים דריוש דעם דריטן און ווערט איינציקער אויבערהאַר פון גאַנץ פאָדער־אַזיע און אַלע לענדער אַרום מזרחדיקן בעקן פון מיטללענדישן ים. ער נעמט איבער דעם פּראַכט און גלאַנץ פון פּערסישן קעניגלעכן הויף, האָט חתונה פאַר אַ פּערסישער פּרינצעסין, צווינגט זיינע חברים, זיי זאָלן אויך חתונה האָבן פאַר אַזיאַטישע פרויען, בכדי אָנצוהויבן דעם פּראָצעס פון צונויפמישן די מענטשלעכע ראַסן. ער לאָזט זיך פּראָקלאַמירן אַלס זון פון מצרישן גאָט אַמאָן און פאָדערט, מען זאָל אים אָפּגעבן געטלעכן כבוד. ווי געטריבן פון אַ געהיימען כוח, זעצט ער פאָר זיין דעראָבערונג־מאַרש, דערגרייכט ביז צענטראַל־אַזיע, דרינגט אַריין אין אינדיע און שטאַרבט אונטערוועגנס אין 323, נישט האָבנדיק דערגרייכט דעם עלטער פון 33 יאָר.

אַלעקסאַנדער לאָזט אַלס יורש אַ קליינעם זון און אַ נישט־דערבאַקענעם ברודער, זיי ווערן אָבער גיך אומגעבראַכט און זיינע אמתע יורשים ווערן פיר פון זיינע גענעראַלן, וועלכע צעטיילן זיך די אימפּעריע און זענען באַקאַנט אין דער וועלט־געשיכטע אַלס די דיאַדאָכן, ס'הייסט די יורשים.

איבער פּאַלעסטינע פירט זיך אַ בלוטיקער קריג צווישן דעם גענעראַל פּטאָלעמעאוס לאַגוס, וואָס האָט זיך פּראָקלאַמירט מלך פון מצרים, ווו ער האָט געגרינדעט אַ דינאַסטיע, וואָס וועט הערשן ביז די צייטן פון אויגוסטוס, אין יאָר 30 פאַר דער א. צ. ר. און אַ צווייטן קריגס־פירער פון אַלעקסאַנדערן, אַנטיגאָנוס. אין 320 דרינגט אריין פּטאָלאָמעאוס קיין פּאַלעסטינע, אין 315 שטויסט אים אַנטיגאָנוס אַרויס פון דאָרט, אין 312 דרינגט פּטאָלאָמעאוס נאָכאַמאָל אריין, געווינט די שלאַכט ביי עזה און בלייבט דער הערשער פון פּאַלעסטינע. אַ צווייטער גענעראַל פון אַלעקסאַנדער, סעלעווקוס, נעמט איין די מלוכות פון פּרס און בבל און וויל אויך באַהערשן פּאַלעסטינע. אין 311 שליסן פּטאָלאָמעאוס און סעלעווקוס שלום צווישן זיך און זינט דאַן הויבט זיך אָן אַ נייע צייטרעכענונג, וואָס אויך יידן האָבן באַנוצט אין אָפיציעלע דאָקומענטן, און האָט דערפאַר באַקומען די באַצייכענונג אַלס „מנין שטרות", צייט־ציילונג פאַר דאָקומענטן, פּאַקטיש: די גריכישע עפּאָכע.

די צוואַנציק יאָר פון מלחמות און מהומות (332־311) איז דער קבוץ פון יהודה כמעט געבליבן מן הצד פון די אַלע וועלט־פּאַסירונגען. פאַרשאַנצט אויף זייערע בערג, באַפרייט פון פּערסישן עול און נאָך נישט איינגעגלידערט אין קיין סטאַבילער גריכישער מאַכט, האָבן יידן דערווייל אויסגעברייטערט די קאָמפּעטענץ פון זייער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דער כהן גדול איז געוואָרן דער פּאַקטישער רעגירער פון דער מדינה. פאַרטיפט אין זייערע לערעם און אין זייערע כתבי הקדש, האָבן זיי געהאַלטן, אַז דער גאַנצער טומל גייט זיי ווייניק אָן; מעג אַ וועלט זיך ענדערן, וועלן זיי בלייבן ווי געווען, איינגעשלאָסן אין זיך און טריי דעם גלויבן און די טראַדיציעס פון זייערע אבות. אַ קאַפּיטל פון תהלים (מ"ו), וואָס איז וואַרשיינלעך פאַרפאַסט געוואָרן אין יענער צייט, גיט אַ באַגריף פון די שטימונגען, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין יהודה:

אלהים לנו מחסה ועז,
עזרה בצרה נמצא מאד,
על כן לא נירא בהמיר ארץ,

ובמוט הרים בלב ימים,
המו גויים, מטו ממלכות,
נתן בקולו תמוג ארץ,
ד' צבאות עמנו,
משגב לנו אלהי יעקב, סלה!

גאָט איז אונדז אַ באַשיצונג און אַ שטאַרקייט,
אַ הילף אין צרות, גרינג צו געפינען.
דרום לאָמיר ניט מורא האָבן ווען עס
בייט זיך די ערד,
און ווען די בערג פאַלן אין האַרץ פון ים.
פעלקער טומלען, קעניגרייכן פאַלן.
ער טוט אַ געשריי וואַקלט זיך די ערד,
מיט אונדז איז גאָט דער האַר,
אונדזער פעסטונג איז דער גאָט פון יעקב: סלה!

(תהלים מ"ו, 2, 3, 7)

אַזוי זיכער איז מען געווען אין יהודה, אַז די גרויסע וועלט־איבערקערעניש האָט מיט איר ווייניק שייכות. אָבער גריכן זענען געווען אַ גרויס פאָלק. גריכנטום — אַ גרויסע קולטור, מיט וועלכער יידישקייט וועט זיך מוזן רעכענען און קעמפן פאַר קיום.

30סטע לעקציע

פרידלעכער צוזאמענלעבן פון יידנטום מיטן העלעניזם

(312 ־ 198 פאר דער א. צ. ר.)

די מלוכה וואס פטאלאמעאוס לאגוס האט געגרינדעט אין מצרים, וועלכע וועט פון דאן אן טראגן דעם גריכישן נאמען עגיפטן, האט געשטרעבט פארצוזעצן די פאליטיק פון שאפן א נייע וועלט־קולטור, לויט אלעקסאנדער דער גרויסער האט בשעתו אנגעצייכנט. אין דער הויפט־שטאט אלעקסאנדריע, וואס איז גיך געווארן א וועלט־שטאט, באזעצן זיך מענטשן פון אלע פעלקער, שטאמען און אמונות. דארט ווערט אויך געגרינדעט אן אוניווערזיטעט מיט א גרויסער ביבליאטעק, און עס הייבט זיך אן לאנג־זאם צו שאפן דער סינטעז צווישן דער אלטער גריכישער קולטור, דער אוראלטער מצרישער קולטור און די אנדערע היידנישע קולטורן פון פאדער־אזיע. אט די מיש־לינג־קולטור איז באקאנט מיטן נאמען העלעניזם, און זי וועט באהערשן א גרויסע טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט אין א משך פון א זעקס הונדערט יאר ביז 324, ווען זי וועט באזיגט ווערן פון קריסטנטום, וואס איז נישט עפעס אנדערש ווי העלע־ניזם מיטן צוגאב פון געוויסע פרינציפן און דאגמעס פון יידישקייט, פון וועלכע דער העלעניזם איז באאיינפלוסט געווארן. דאס יידנטום גופא וועט אין דער קאמבינאציע נישט אריינגיין, עס וועט דערהאלטן זיין אייגנארט, ווען אפילו עס וועלן זיין געוויסע קענגזייטיקע השפעות צווישן יידנטום און העלעניזם.

יידנטום האט זיך נישט געקאנט צוזאמענשמעלצן מיטן העלעניזם, צווישן זיי איז געלעגן א צו טיפער תהום. אויף וויפל דער העלעניזם האט אריבערגעשטיגן יידיש־קייט אין אינטעלעקטועלן זין, און אויפן וויסנשאפטלעכן געביט, איז יידישקייט געווען פיל דערהויבענער אין איר מאראל און עטיק. א ריין מאנאטעאיסטישע אמונה, האט יידישקייט בשום אופן נישט געקאנט שלום מאכן מיטן פאליטעאיסטישן פאגאניזם. א לעבנסשטייגער, באזירט אויף צדק, יושר און רחמנות, האט יידישקייט נישט געקאנט צושטימען צו דער אכזריות פון העלעניזם. די זיטן־ריינקייט און צניעות פון יידישקייט

איז געווען אין פולן קעגנזאַץ צו דער מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט און סעקסועלער פּער־ווערזיע, וואָס האָט פאַרכאַפּט די העלעניסטן, אַפילו אייניקע באַדייטנדיקע פילאָזאָפן. אַ פאָלק, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט פאַרערונג צו אַרבעט און מיט אַכטונג צום יגיע־כפּימניק, האָט זיך שווער געקאָנט צופּאַסן צו דער גרינגשעצונג פון אַרבעט און ביטול צום האָרעפּאַשניק, וואָס דער העלעניזם האָט געלערנט. צווישן יידנטום און העלעניזם איז געלעגן אַ תהום, וואָס האָט נישט געקאָנט איבערגעבריקט ווערן.

דאָך האָבן זיך די גריכן באַצויגן אַ גאַנץ לאַנגע צייט מיט דרך ארץ צו די יידן. זיי האָבן זיי גערופן „די פילאָזאָפן וואָס אין די בערג פון יהודה" און די יידישע לעגענדע וועגן אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, וואָס פאַרנויגט זיך דער ערשטער פאַרן כהן גדול, וואָס גייט אים אַרויס מקבל פנים זיין, סימבאָליזירט די דאָזיקע באַציאונג פון דרך ארץ און אַכטונג. יידן האָבן אויך געמוזט אַרונטערפאַלן ביז אַ געוויסן גראַד אונ־טער גריכישער השפּעה. דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלץ. יידן זענען געקומען אין קאָנ־טאַקט מיט גריכן און מיט העלעניזירטע פעלקער און עס האָט געמוזט קומען צו אַ קעגנזייטיקער השפּעה צווישן די צוויי קולטורן.

דאָס אָרט, ווו די באַציאונגען צווישן יידן און גריכן האָבן זיך אָנגעהויבן, איז געווען אַלעקסאַנדריע, די הויפּטשטאָט פון עגיפּטן, דאָס לאַנד, וואָס האָט געהאַט די אויבערהערשאַפט איבער יהודה. אויף צו באַפעלקערן די נייע שטאָט האָבן די פּטאָלאָ־מעער־הערשער געגעבן פּריווילעגיעס צו די פאַרשידנסטע מענטשן, וואָס ווילן זיך דאָרטן באַזעצן. פון זייערע מלחמות אין פּאַלעסטינע האָבן די פּטאָלאָמעער מיטגע־בראַכט אַ סך געפאַנגענע, צווישן זיי אויך יידן, וועלכע זיי האָבן באַזעצט אין אַלעק־סאַנדריע. פון די גוטוויליקע און געצוווּנגענע יידישע איינוווינער האָט זיך אין אַלעק־סאַנדריע געשאַפן אַ באַדייטנדיקער יידישער ישוב, וואָס האָט פאַרנומען צוויי פון די פינף שטאָט־טיילן, געהאַט די פולסטע בירגער־רעכט און אַן אינערלעכע זעלבסט־פאַר־וואַלטונג. דער ערשטער פּועל יוצא איז געווען, וואָס יידן האָבן פאַרלאָזט זייער טראַ־דיציאָנעלע באַשעפטיקונג, ערד־אַרבעט און האָבן אָנגעהויבן אַריבער צו מלאכה, מסחר, אַפילו אינטערנאַציאָנאַלן מסחר; אַלעקסאַנדריע איז דאָך געווען דער גרעסטער האַפן פון יענער וועלט.

אַלעקסאַנדריע איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער קולטור־צענטער. אין איר אוניווערזיטעט (מוזעאום) האָבן די בעסטע גריכישע פּראָפעסאָרן געלערנט נאַטור־וויסנשאַפט און מעדיצין, ליטעראַטור און קונסט, מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע. די יידן האָבן אויך נישט געקאָנט בלייבן פרעמד צו דער דערשיינונג.

ביסלעכווייז פאַרלאָזן די יידן זייער היימישן לשון, אַראַמעאיש, און הויבן אָן רעדן גריכיש. העברעאיש בלייבט פאַר די תפילות אין שול און פאַר די געלערנטע. די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די צייטן פון פּטאָלאָמעאוס פילאַדעלפוס (247-285) האָט מען געמוזט איבערזעצן די תורה אויף גריכיש פאַרן

געברויך פֿון גרויסן און וויכטיקן ישוב פֿון אַלעקסאַנדריע. אַ שיינע פֿאָלקס־לעגענדע (דער בריוו פֿון אַריסטעאַס) דערציילט, אַז די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון מלך, וועלכער האָט געוואָלט האָבן אין דער ביבליאָטעק פֿון אוניווערזיטעט (מוזעאום) די הייליקע שריפֿט פֿון די יידן אויף גריכיש. דער מלך האָט זיך געווענדט צום כהן גדול אלעזר און יענער האָט אים צוגעשיקט זיבעציק זקנים, וואָס האָבן גע־קאָנט אַזוי גוט גריכיש ווי העברעאיש, און זיי האָבן געמאַכט די איבערזעצונג מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און איינשטימיקייט. די איבערזעצונג ווערט טאַקע גערופֿן „סעפּטואַגינטאַ", ס'הייסט די איבערזעצונג פֿון די זיבעציק. אַזוי צי אַזוי, אָבער די יידישע הייליקע שריפֿט איז שוין געווען צו באַקומען אין גריכיש און זי האָט געקאָנט באַאיינפֿלוסן די בעסערע מוחות פֿון דער העלעניסטישער קולטור־וועלט.

נישט קלענער איז אויך געווען דער איינפֿלוס פֿון העלעניזם אויף דער יידיש־ליטעראַרישער שאַפֿונג. מיט דער צייט קומען ביי יידן אויף ביכער, וואָס אפילו ווען געשריבן אין העברעאיש, פֿילט זיך אין זיי דער איינפֿלוס פֿון העלעניזם. לויט דער מיי־נונג פֿון געוויסע ביבל־קריטיקער זענען אַ פּאָר אַזעלכע ביכער אפילו אַריין אין די כתבי הקדש. און ווירקלעך: בעת מען האָט שפּעטער (85־130) פֿעסטגעשטעלט די צאָל און אינהאַלט פֿון די הייליקע ביכער, האָבן אייניקע פֿון זיי, ווי שיר השירים און קהלת, אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפֿט מצד געוויסע מיטגלידער פֿון דעמאָלדיקן סנהדרין. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די ביכער זענען נישט געשריבן געוואָרן מיט רוח הקדש, ס'הייסט אין ריינעם יידישן גייסט. באמת איבעראַשט אין שיר השירים די אָפֿענע שפּראַך אין וועלכער עס ווערט באַזונגען די קערפּערלעכע שיינקייט פֿון פֿרוי און מאַן; די עראָטיק איז טאַקע אַ גאַנץ צניעותדיקע, אָבער פֿאָרט עראָטיק, וואָס פּאַסט זיך נישט אין די כתבי הקדש.

קהלת איז אַ בוך פֿול מיט יאוש און פֿאַטאַליזם, צוויי שטימונגען, וואָס זענען דערווידער דעם יידישן גייסט. יידן זענען אַן אָפּטימיסטיש פֿאָלק, פֿול מיט לעבנס־פֿרייד, וואָס איז זיך קיינמאָל נישט מיאש און לעבט מיט בטחון, ווייל יידישקייט לערנט נישט צו גלייבן אין שיקזאַל, אין גורל, אין בלינדן פֿאַטום, נאָר אין דער השגחה פֿון אַ גערעכטן און גוטן גאָט, וואָס וויל בלויז טאָן גוטס דעם מענטשן. אויף צו ראַטע־ווען די צוויי ספֿרים פֿון אויסגעשלאָסן ווערן פֿון די כתבי הקדש, האָט זיך פֿאַר שיר השירים געדאַרפֿט איינשטעלן נישט קיין קלענערער ווי ר' עקיבא, און צו קהלת האָט מען צוגעגעבן אַ פּאָר פּסוקים, וואָס זאָלן אַ ביסל מילדערן זיין צו פֿילאָזאָפֿישן יאוש.

אין אַ דריטן ספֿר, וואָס ווערט אויך, ווי די פֿאָריקע צוויי, צוגעשריבן שלמה המלך, משלי, רעדט זיך אויך וועגן דער וויכטיקייט פֿון חכמה, אַ ריין גריכישער באַ־גריף, ווען אפילו דער יידישער מחבר האָט באַשטימט אַז „ראשית חכמה יראת ד'": דער עיקר חכמה איז גאָטספֿאָרכטיקייט. צוליבן כבוד פֿון שלמה איז משלי געבליבן אין די כתבי הקודש, אָבער אַ צווייטער ספֿר פֿון דברי חכמה, פֿאַרפֿאַסט פֿון יהושע בן

סירא, וועלכער ווערט אָפט ציטירט אין תלמוד, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר דער גריכישער השפּעה, וואָס פּילט זיך אין אים, בעיקר אויפן געביט פון גרינגשעצן אַר־בעט. און ער איז שיעור אינגאַנצן נישט פאַרלוירן געגאַנגען פון יידן. סיי ווי סיי, וויפל יידישקייט האָט זיך נישט געהיט פון העלעניסטישער השפּעה, האָט זי זיך דאָך נישט אויסגעהיט, עפּעס האָט זיך אַריינגעריסן אויף כוח, ווען אפילו אַ גאַנצע ליטע־ראַטור איז צוליב דעם געבליבן אויסער דעם תנ"ך.

די וויכטיקייט פון ישוב אין אַלעקסאַנדריע איז מיט דער צייט געשטיגן און ביי אַ געלעגנהייט וועט ער אָנהויבן משפּיע זיין אויך אויפן ישוב אין יהודה אין זיין פון זיין העלעניזאַציע. די פּטאָלאָמעער האָבן נישט באַשטימט קיין גובערנאַטאָר אין יהודה. דאָס לאַנד איז, ווי אין דער פּערסישער עפּאָכע, געפירט געוואָרן פון דער כנסת הגדולה, וואָס האָט באַקומען דעם גריכישן נאָמען גערוסיא (עלטסטן־ראַט). בראש פון דער מדינה איז געשטאַנען דער כהן גדול, וואָס האָט יערלעך געצאָלט דעם צינז אין דער קעניגלעכער שאַץ־קאַמער. אין ירושלים איז טאַקע געזעסן אַן עגיפּטישער גאַרניזאָן, אין לאַנד זענען געווען היפּש עגיפּטישע באַאַמטע, אָבער זייער השפּעה איז געווען קליין און די אויטאָנאָמיע ברייט.

די צווייטע העלעניסטישע אימפּעריע, סיריע, וואָס האָט געגרענעצט מיט ארץ־ישראל פון צפון, האָט געשאַרפט די ציין אויפן גאַנץ רייכן לאַנד און האָט אין אַלע פּאַלעסטינעזישע מדינות אינטריגירט קעגן מצרים. אין יהודה איז די באַפעל־קערונג אויך געווען צעטיילט אין צוויי שטרעמונגען פּראָ־עגיפּטיש און פּראָ־סיריש. אין די צייטן פון פּטאָלאָמעאוס עווערגעטעס, אַרום יאָר 228, געלינגט די סירער אי־בערצורעדן דעם כהן גדול חוניא דעם צווייטן, ער זאָל נישט שיקן דעם יערלעכן אָפּצאָל קיין אַלעקסאַנדריע. די באַציאונגען צווישן יהודה און עגיפּטן זענען געוואָרן שטאַרק אָנגעצויגענע. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער מלך זאָל שיקן איינמאָנען דעם צינז אויף כוח.

פון דער לאַגע האָט אַרויסגעפירט אַ פּלימעניק פון כהן גדול, יוסף, וואָס האָט געהערט צו דער פאַמיליע פון די בני טוביה, אָפּשטאַמער פון טוביה העמוני, וואָס האָט אין די יאָרן 435־445 אינטריגירט קעגן נחמיה. די בני טוביה זענען געווען גרויסע גוטבאַזיצער אין עבר הרדן, זיי האָבן פאַרנומען הויכע אדמיניסטראַטיווע אַמטן און געהאַט גוטע באַציאונגען אין עגיפּטן. אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אויטאָרי־זירט יוסף בן טוביה צו פאָרן קיין עגיפּטן און איינשטילן דעם צאָרן פון מלך. יוסף האָט דערפאָלג אין זיין מיסיע. ער אָרדנט אַלץ איין, ער נעמט זייער אויס ביים מלך און מלכה און ווערט דער צינז־פּאַכטער פון גאַנץ פּאַלעסטינע, יהודה אַריינגערעכנט.

אויף דורכצופירן די איינקאַסירונג פון די צינזן, דאַרף יוסף האָבן מיטאַר־בעטער, אַגענטן, אפילו זעלנער, ווייל דער מלך דערלויבט אים צו האַלטן פאַר דעם צוועק אַ קליינע אַרמיי. פאַרשטענדלעך, אַז אויף די פּאָסטנס ווערן באַשטימט קרובים,

נאָענטע מענטשן, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן און עס שאַפט זיך אין יהודה גופא א היפשער שיכט פון בערזאָנען, וואָס טוען עגיפּטישע אַרבעט, לעבן מיט עגיפּטישע אינטערעסן און פאַלן ממילא אַרונטער דער עגיפּטישער השפעה, דורכמאַכנדיק אַ טיפן פּראָצעס פון העלעניזאַציע. די בני טוביה זענען די ערשטע אָנזאָגער פון אַ העלעניזאַציע־באַוועגונג, וואָס וועט אויפקומען אין יהודה און וועט האָבן אָנהענגער אויך אין דער הייליקער שטאָט ירושלים.

דער העלעניסטישער לעבנס שטייגער האָט געלאָקט בעיקר די רייכערע קרייזן, וואָס האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען א ביסל מער „עולם הזה" און האָבן דערצו געזוכט מיט עפּעס אַרויסצוהויבן זיך פון דער מאַסע, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. אָנהענגער פון העלעניזם זענען אויך געווען די הערשנדיקע כהנים־פאַמיליע, די אַריסטאָקראַטיע פון דער מדינה. דער מאָנאַרכיסטיש־אַריסטאָקראַטישער איינשטעל פון העלעניזם איז זיי געווען צום הארצן. די פאָלקס־דעמאָקראַטיע, וואָס די רעפאָרמע פון עזרא און נחמיה האָט איינגעפירט אין יהודה, איז זיי געווען ווייניקער געפעלן. געטריי דעם יידישן לעבנס שטייגער זענען געבליבן די פּרושים, די דאָרפס מענטשן, אפילו די כהנים, וואָס האָבן נישט געהערט צו די רעגירנדיקע פאַמיליעס, די בעלי מלאכות פון די שטאָטישע ישובים. די העלעניזאַציע האָט צייטיק געמאַכט אַ טיפן סאָציאַל־רעליגיעזן קאָנפליקט, וועלכער האָט זיך דערווייל אָפּגערופן אין דער ליטעראַטור. אין קאַפּיטל א' פון תהלים, לייענט זיך:

אשרי האיש	ווייל איז צום מענטשן,
אשר לא הלך בעצת רשעים,	וואָס איז נישט געגאַנגען אין ראַט פון די רשעים
ובדרך חטאים לא עמד	און אויף דעם וועג פון די זינדיקע איז ער נישט געשטאַנען
ובמושב לצים לא ישב,	און אין דער זיצונג פון די שפּעטער איז ער נישט געזעסן
כי אם בתורת ד' חפצו,	נייערט צו דער לערע פון גאָט איז זיין באַגער
ובתורתו יהגה יומם ולילה.	און אין זיין תורה טראַכט ער טאָג און נאַכט.

די העלעניסטן ווערן דאָ באַשאָנקען מיט די עפּיטעטן: רשעים, חטאים, לצים, דאָס באַווייזט, אַז דער קאָנפליקט האַלט שוין נישט ווייט פון אַ שאַרפן קאַמף.

כל זמן די אויבערהערשאַפט האָט געהערט צו די מצרים, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שאַרפע העלעניזירנדיקע טענדענצן, האָט זיך דער גלייכגעוויכט אין דער מדינת יהודה ווי עס איז געהאַלטן. די לאַגע ווערט אָבער אַנדערש, ווען אין יאָר 198 געלינגט אַנטיאָכעס דעם גרויסן, מלך פון סיריע, אָפּצורייסן יהודה פון מצרים און אָנשליסן גאַנץ פּאַלעסטינע אין זיין אימפּעריע. דאַן קאָן דער גלייכגעוויכט לאַנג נישט אויסהאַלטן. אין דרייסיק יאָר אַרום. אין 168, וועט אויסברעכן אַן אָפענער ביטערער קאַמף.

31 סטע לעקציע

אין פלאָנטער פון קאָנפליקטן

(198 ־ 176 פאַר דער א. צ. ר.)

אין יאָר 198 געלינגט אַנטיאָכעס דעם דריטן, מיטן ביינאָמען דער גרויסער, איינצושלינגען דעם גאנצן...

אין יאָר 198 געלינגט אַנטיאָכעס דעם דריטן, מיטן ביינאָמען דער גרויסער, איינצוגלידערן פּאַלעסטינע אין דעם געביט פון זיין סירישער אימפּעריע. אַרום הונדערט פינף און צוואַנציק יאָר האָט סיריע געזוכט צו באַהערשן דעם מזרחדיקן ברעג פון מיטללענדישן ים, און האָט געפירט דערפאַר אַ רייע בלוטיקע מלחמות אין די יאָרן 315, 312, 275, 217, און לסוף אין 198. די מלחמות צווישן די מלכים פון דרום (עגיפּטן) און צפון (סיריע) פאַרן באַזיץ פון פּאַלעסטינע ווערן אָפּגעשפּיגלט אין איידיקע קאַפּיטלען פון ספר דניאל פון תנ"ך.

סיריע איז געווען גאָר פאַרשידן פון עגיפּטן. יענע האָט געהאַט אַן איינהייטלעכע איינגעבוירענע באַפעלקערונג, וואָס איז באַהערשט געוואָרן פון אַ הייפל גריכן און מאַקעדאָניער, וואָס האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו די אָרטיקע אוראַלטע מנהגים. אין מצרים האָט זיך געלוינט די גריכן און מאַקעדאָניער, אַז זייט ביי זייט מיט דער אוראַלטער מצרישער קולטור זאָל עקזיסטירן, חוץ זייערער, נאָך אַ קולטור, וואָס איז נישט פיל ווייניקער אַלט פון דער עגיפּטישער. אין דער הינזיכט זענען די יידן אונטער עגיפּטישער הערשאַפט געווען די נאַטירלעכע פאַרבינדעטע פון די הערשנדיקע שיכטן, גריכן און מאַקעדאָניער, דערפאַר האָבן זיי פריי און אומגעשטערט געלעבט סיי אין אַלעקסאַנדריע, סיי אין יהודה. די פּטאָלאָמעער האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס אַרויפצוצווינגען אויף די יידן קיין העלעניזאַציע. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיטן נאָרמאַלן פּראָצעס פון קולטור־השפעה און האָבן נישט געהאַט קיין נויט און קיין פאַרלאַנג דעם דאָזיקן פּראָצעס אונטערצואיילן אויף כוח.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אין סיריע, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ קאָנגלאָמעראַט פון פעלקער, שפּראַכן און קולטורן: פעניציער, אַראַמעער, אַשורים, בבלים, פּערסער, מעדיער, יידן וכו', אין דער העלעניזם האָט געמוזט אימפּאָנירט ווערן אין די פּאָליטישע אינטערעסן פון פאַראייניהייטלעכן די אימפּעריע. וואָס קלענער עס זענען געווען די מעגלעכקייטן פון פאַרשמעלצן די אַלע פאַרשידענע פעלקער, אַלץ גרעסער איז געווען די אַמביציע דאָס דורכצופירן. די סירישע הערשער האָבן זיך נעגרויסט דערמיט, אַז זיי זענען פאַר די פּלענער פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן צו שאַפן

א העלעניסטישע וועלט. זייער הויפּט־שטאָט אַנטיאָכיע האָט אין דער הינזיכט קאָנקור־רירט מיט אַלעקסאַנדריע. דערפאַר זענען די סירישע הערשער געווען וויניקער טאָלע־ראַנט און מער נוטה צו אַרויפצווינגען העלעניזאַציע אויף אַלע די זיי אונטערגעוואָר־פענע פעלקער.

צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען אַן ערשטקלאַסיקער אויסערלעכער פאַקטאָר. אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט טויכט אויף פון די וואַסערן פון מיטללענדישן ים די גוואַל־דיקע מאַכט פון דער רוימישער רעפּובליק, וואָס גייט מיט פעסטע, זיכערע טריט צו איר ציל: ווערן די איינציקע גרויסמאַכט אין דער וועלט. סיריע, וואָס האָט באַקומען רוים פאַר א שכן, האָט געפילט, אַז פריער־שפּעטער וועט זי מוזן אַריינטרעטן אין קאַמף מיטן נייעם דעראָבערער, און האָט זיך געאיילט ענגער צוזאַמענשמידן די פעל־קער פון איר אייגענער אימפּעריע.

די שטאָט רוים איז געגרינדעט געוואָרן אַרום יאָר 740 פאַר דער א. צ. ר. פון לאַטיינישע פּויערים און אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף די ברעגן פון טייך טיבער, ביים טייך־איבערגאַנג צווישן דעם געגנט פון די לאַטינער, אין צענטער פון איטאַליע, און דעם לאַנד פון די עטרוסקן, אין צענטער און אויף צפון. דער פּונקט איז געווען זייער א גוטער הן פון סטראַטעגישן, הן פון קאָמערציעלן שטאַנדפּונקט, ער קאָנטראָלירט די וועגן צווישן דעם דרום און צפון פון האַלב־אינדזל. א יאָר צוויי־הונדערט און פופציק נאָך איר גרינדונג, אין 507, ווערט אין רוים אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיע און איינגעשטעלט א רעפּובליקאַנישע אָרדענונג אונטער דער פירערשאַפט פון צוויי קאָנ־סולן, מלוכה־פּרעזידענטן. אין 451 גיט זיך רוים אירע ערשטע געזעצן, פאַרפאַסט פון 10 מענטשן און פאַרשריבן אויף 12 טאָוולען. אין 409 ווערט רוים צעשטערט דורך אַן אײַנ־וואַזיע פון קעלטישע פעלקער, אָבער אירע ענערגישע איינוווינער בויען זי שנעל אויף צוריק. אַרום 390 ווערט רוים באַזיגט פון די גאַלן און מוז זיי צאָלן א הויכע קאָנטרי־בוציע. פון גאַלישן שעף ברענאָ, וואָס האָט באַזיגט רוים שטאַמט דאָס ווערטל: „ווי צו די באַזיגטע", וואָס איז גראָד אין דעם פאַל נישט מקוים געוואָרן, רוים קומט שנעל צוריק צו זיך.

אין 344 פירט רוים א בלוטיקע מלחמה מיט די סאַמניטן, אין 311 — א קריג מיט די רייכע און שטאַרקע עטרוסקן. אַלע באַזיגטע פעלקער ווערן אָנגעשלאָסן אין רוים. אין 287 נעמט אַן ענדע צו די אינערלעכע שטרייטיקייטן צווישן די אַריס־טאָקראַטישע פּאַטריציער, די אָפּשטאַמער פון די ערשטע גרינדער פון דער שטאָט, און די וויניקער אַריסטאָקראַטישע פּלעביייער, די אָפּשטאַמער פון די שפּעטער־געקומענע איינוווינער. די סטרוקטור און מאַכט פון רוים איז דעפיניטיוו פעסטגעשטעלט.

רוים דערנענטערט זיך צום דרום פון האַלבאינדזל, וואָס איז דאַן געווען באַ־זעצט פון גריכן און האָט געטראָגן דעם נאָמען גרויס־גריכנלאַנד. די גריכן, א פאָלק פון סוחרים און ים־פאָרער, האָבן געקעמפט פאַר מערק און זענען אַריין אין א שאַרפן קאָנפליקט מיט קאַרטאַגאָ, די גרויסע סעמיטישע האַנדלס־רעפּובליק פון צפון־אַפריקע.

קאַרטאַגאָ איז געגרינדעט געוואָרן כמעט אײנצײטיק מיט רוים דורך פעניצישע סוחרים און האָט זיך אַ לאַנגע צײט באַטראַכט ווי אַ קאָלאָניע פון דער מוטערשטאָט צור. ווען אַלעקסאַנדער דער גרויסער האָט חרוב געמאַכט צור, בכדי איר גרויסער ים־מסחר זאָל אַריבער אין גריכישע הענט און זאָל זיך קאָנצענטרירן אין דער נײ־געגרינדעטער אַלעקסאַנדריע, זענען אַ סך צוריק אַוועק אין דער טאָכטער־שטאָט קאַרטאַגאָ, וואָס איז געוואָרן אַן אמתע גרויסמאַכט. קאַרטאַגאָ האָט געהאַט קאָלאָניעס אויך אויפן אײראָפּעאישן קאָנטינענט: שפּאַניע, די באַלעאַרן־אינדזלען, די אינדזלען קאָרסיקאַ און סאַרדיניע, און איצט האָט זי געקעמפט מיט די גריכן פאַר סיציליע. קאַרטאַגאָ (דער נאָמען איז פאַרגרײזט פון די צורישע ווערטער קרתא־חדתא, נײע שטאָט) איז געווען ווי רוים אַ רעפּובליק, און איז אויך געוועזן אָנגעפירט פון צוויי פּרעזידענטן, וואָס האָבן געטראָגן דעם אַלט־סעמיטישן טיטל פון שופטים. די שפּראַך פון קאַרטאַגאָ איז געווען צוריש (פּוניש), וואָס איז כמעט אידענטיש מיט העברעאיש.

אין דעם קאָנפליקט מיט די גריכן פאַר סיציליע, רופן יענע צו הילף דעם קעניג פון עפּיר (איצטיקע אַלבאַניע) פּירהוס, פון וועמען עס איז פאַרבליבן דאָס ווערטל: „נאָך אײנער אַזאַ זיג און איך בין פאַרלוירן", ווי אויך דאָס בײ־וואָרט אַ פּירהוס־זיג. ווען פּירהוס מוז זיך צוריקציען, אינטערווענירט אין דער מלחמה רוים, און קעמפט פאַרביטערט אין משך פון 23 יאָר (264־241). רוים איז בעיקר שטאַרק אויף דער יבשה. קאַרטאַגאָ איז בעיקר אַ מעכטיקע ים־מאַכט, אָבער די קריגער פון רוים זענען בירגער און די זעלנער פון קאַרטאַגאָ זענען געדונגענע מערסענאַריער, די ענערגיע פון די רוימער באַזיגט דאָך די אָנשטרענגונגען פון קאַרטאַגאָ, און די ערשטע פּונישע מלחמה ווערט פאַרענדיקט מיט אַ זיג פאַר רוים, 241. אָבער קאַרטאַגאָ זוכט רעוואַנש און איר גרויסער קריגס־פירער חני־בעל (האַניבאַל), וואָס רעגירט אין שפּאַניע, נעמט אונטער אין 218 אַ רעוואַנש־קריג קעגן רוים. מיט אַ גוט־דיסציפּלינירטער אַרמײ, וואָס האָט אויך קריגס־העלפאַנטן, גײט ער אַריבער אין מיטן ווינטער די אַלפּן־בערג, אַ גאָר גראַנדיעזער אויפטו פאַר יענע צײטן. די רוימער, וואָס האָבן זיך געמײנט זיכער הינטער דער דאָזיקער בערג־קײט, האָבן פּלוצלינג דערזען זײער לאַנד באַדראָט פון אַ מעכטיקן דעראָבערער: „האַניבאַל בײ די טויערן!" איז געבליבן ביז היינטיקן טאָג אַן אויסדרוק, וואָס באַדײט די שטאַרקסטע סכנה. אָבער די רוימער איבערוועלטיקן די סכנה. אַ שטאַרקע רוימישע אַרמײ, אָנגעפירט פון סציפּיאָן דרינגט אַרײן אין דער טעריטאָריע פון קאַרטאַגאָ. האַניבאַל ווערט גערופן צו פאַרטײדיקן זײן פאָטערלאַנד. דער זיג בלײבט לסוף פאַר די רוימער, אין יאָר 201, אַזוי אַז ווען סיריע נעמט סוף כל סוף אײן די אַזוי לאַנג באַגערטע פּאַלעסטינע, איז רוים די אײנציקע גרויסמאַכט פון מיטלענדישן ים, ווײל דער שלום־אָפּמאַך פון 201 פאַרבאָט קאַרטאַגאָ צו האָבן אַ קריגס־פלאָט.

האַניבאַל ראַטעוועט זיך קײן סיריע און באַמוטיקט אַנטיאָכעס דעם גרויסן צו אַ קריג מיט רוים. אין יאָר 190 צעקלאַפּן די רוימישע לעגיאָנען, אָנגעפירט פון דעם

זעלבן סציפיאָן, די חילות פון אַנטיאָכעס דעם גרויסן אין דער שלאַכט ביי מאַגנעזיע. אַנטיאָכעס מוז בעטן שלום. ער מוז זיך אַפילו פאַרפליכטן איבערצוגעבן די רוימער האַניבאַלן. יענער אָבער האָט די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן, און גאַנצע זיבן יאָר וועט זיך די מעכטיקע רוים יאָגן נאָך אים איבער אַלע מלוכות פון פאָדער־אַזיע. האַניבאַל ווערט פאַרהאַלטן פון דעם מלך פון ביטיניע, וועלכע וויל אים אַרויסגעבן צו רוים, ער ראַטעוועט זיך אָבער פון דער חרפה צו אַריינפאַלן אין די הענט פון זיינע גרעסטע שונאים; ער נעמט איין סם. אַזוי פאַרשווינדט דער איינציקער מענטש, וואָס האָט נאָך געקענט קעמפן קעגן רוים.

אַנטיאָכעס דער גרויסער מוז אויך אַרויסווייזן זיין געטריישאַפט צו אַ בונד, וואָס רוים אימפּאָנירט אים און זיין זון אַנטיאָכעס, דער צוקונפטיקער מלך מיטן ביינאָמען עפּיפאַנעס, לעבט לאַנגע יאָרן אין רוים אַלס ערובניק. דאָרט באַקאַנט ער זיך מיטן גאַנצן כוח פון דער נייער וועלט־מאַכט און באַגרייפט די גאַנצע גרויס פון דער סכנה, וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר פאַרן עצם קיום פון די גריכישע לענדער. עס ווערט צייטיק אַ שאַרפער קאַמף צווישן רוים און סיריע, און דאָס וועט מוזן משפּיע זיין אויך אויפן גורל פון יהודה.

דערווייל אָבער, אונטער די ערשטע סירישע מלכים, וואָס באַהערשן יהודה, איז דער מצב נישט ערגער און אין געוויסע הינזיכטן אַפילו בעסער, ווי אונטער עגיפּטן. אַנטיאָכעס דער גרויסער לאָזט איבער די אַדמיניסטראַציע פון דער מדינה אין די הענט פון כהן גדול. ער פאַראָרדנט אַפילו גוטמאַכן די הזיקות, וואָס ירושלים און אַנדערע שטעט פון יהודה האָבן געליטן בשעת די לעצטע מלחמות צווישן סיריע און עגיפּטן פאַר פאַלעסטינע. ער באַפרייט די איינוווינער אויף דריי יאָר פון צינזן, ער גיט פאַרן בית המקדש בהמות, וויין, בוימל און ווייררויך אויף אַ באַטרעף פון צוואַנציק טויזנט דראַכמעס, אויסער דעם מעל, ווייץ, זאַלץ. די יידן ווערט דערלויבט אַנצוהאַלטן אומגעשטערט די מנהגים פון זייערע עלטערן. די מיטגלידער פון כנסת־הגדולה (גערוסיא), די כהנים און סופרים, ווערן באַפרייט פון צינזן. אין אַ צווייטן באַפעל ווערט פאַרבאָטן נישט־יידן אַריינצוגיין אין בית־המקדש. דאָס טאָרן אויך נישט טאָן קיין יידן, וואָס געפינען זיך נישט אין ריטועלער ריינקייט (טהרה). קיין ירושלים טאָר מען נישט אַריינפירן קיין פלייש און קיין פעל פון פערד, מולאייזלען, אייזלען, פאַנטערעס, האָזן און אַנדערע בעלי חיים, וואָס יידן טאָרן נישט עסן זייער פלייש. מען טאָר אויך נישט האָדעווען אַזעלכע בעלי־חיים אין שטאָט. אַנטיאָכעס דער גרויסער איז זיכער אין דער יידישער געטריישאַפט צו אים און ווען עס ברעכן אויס אויפשטאַנדן אין די מדינות פון פריזיע און לידיע, באַפעלט ער אַריבערצופירן אַהין צוויי טויזנט יידישע פאַמיליעס פון בבל, אויף דער טרייִשאַפט פון וועלכע ער קאָן זיך פאַרלאָזן און וועמען ער דערלויבט צו לעבן אומגעשטערט לויט די פירונגען פון זייערע עלטערן. ווען אַנטיאָכעס דער גרויסער שטאַרבט און עס ירשנט אים זיין עלטערער זון סעלעווקוס דער פער־

טער (175־187), ווערט בנוגע יידן פאַרגעזעצט די זעלביקע פּאָליטיק פון גוטן ווילן.

פאַר די 23 יאָר פון די ערשטע צוויי סירישע מושלים ווערט אָבער אין יהודה פאַרגעזעצט דער פּראָצעס פון נישט־געצוווּנגענער העלעניזאַציע, וואָס רופט אַרויס אַ שטאַרקע רעאַקציע אין די פּרימערע קרייזן פון פאָלק. דערווייל איז עס נאָר אַ פּאַסיווער ווידערשטאַנד. דער פירנדיקער כהן גדול אין די ערשטע צען יאָר פון דער הערשאַפט פון די סעלעווקידן איז געווען שמעון דער צווייטער, וועלכער איז באַטיטלט געוואָרן אַלס שמעון הצדיק. ער איז אַן אַקטיווער פּאָליטיקער, און איז אפילו אַ אָנהענגער פון דער סעלעווקישער דינאַסטיע. ער נוצט ברייט אויס די פאַראָרדענונג פון אַנטיאָכעס דעם גרויסן צורעכט צו מאַכן דעם בית המקדש און די שטאָט־מויער פון ירושלים, און פאַרוואַנדלט ירושלים אין אַ שטאַרק באַפעסטיקטער שטאָט. ער העלפט די סירישע חילות צו פאַרטרייבן דעם עגיפּטישן גאַרניזאָן פון ירושלים, אָבער אויף זיין אָרט קומט אַ סירישער גאַרניזאָן.

אין גייסטיקע פּראָבלעמען איז שמעון הצדיק אַן אַבסאָלוטער קעגנער פון העלעניזאַציע און ער קעמפט אויף זיין שטייגער קעגן די העלעניסטישע טענדענצן פון דער אַריסטאָקראַטיע. ער פירט איין אַז ביי זון־אויפגאַנג זאָלן די כהנים אין בית המקדש אויסזינגען דעם פּסוק שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד, אַן אומדירעקטער פּראָטעסט קעגן דער פילגעטעריי פון העלעניזם. פון דאַן ווערט דער פּסוק געזאָגט, ווי נאָר יידן לעבן און שטאַרבן, פון אויטאָ דע פע, ביז די גאַז־קאַמערן. ער פירט אויך איין, אַז בשעת דעם גאָטעס־דינסט אין בית המקדש זאָלן געלייענט ווערן שטעלן פון דער תורה, אַ פּראָטעסט קעגן דער גרינגשעצונג פון דער תורה מצד די העלעניסטן. לויט זיין מיינונג האַלט זיך די גאַנצע וועלט אויף תורה, גאָטעס־דינסט און גוטע מעשים צו מענטשן. ווען אין פאָלק שטאַרקט זיך אַ טענדענץ צו נזירות, אָפּזאָגן זיך פון די לעבנס־הנאות אַלס קעגנגעוויכט קעגן דער איבערגעטריבענער עולם־הזהדיקייט פון די העלעניסטן, איז שמעון הצדיק מיט דעם נישט מסכים און זאָגט זיך פּרינציפּיעל אָפּ צו עסן פון דעם פלייש פון קרבן, וואָס יעדער נזיר דאַרף ברענגען ביים ענדיקן די צייט פון זיין נזירות. לויט דער מיינונג פון שמעון הצדיק דאַרפן זיך יידן נישט אָפּזאָגן הנאה צו האָבן פון לעבן, וואָס איז דאָך אַ געשאַנק פון גאָט. דער מחבר פון ספר בן סירא באַזינגט שמעון הצדיק אין דעם מאָמענט ווען ער גייט אַרויס פון בית המקדש:

מה נהדר בהשגיחו מאוהל	ווי פּרעכטיק איז ער ווען ער קוקט אַרויס פון היליקטום
ובצאתו מבית־הפרכת,	און קומט אַרויס פון הויז פון פאָרהאַנג.
ככוכב אור מבין עבים,	ווי אַ ליכטיקער שטערן פון צווישן וואָלקנס,
וכירח מלא בימי־מועד,	ווי אַ פולע לבנה אין יום־טוב טעג,
כשמש משרקת אל היכל מלך	ווי אַ זון, וואָס שיינט איבער אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ,
וכקשת נראתה בענן.	און ווי אַ רעגנבויגן, וואָס זעט זיך אין וואָלקן.

די באַמיאונגען פון שמעון הצדיק קאָנען אָבער נישט פאַרמיידן דעם קאָנפליקט צווישן העלעניזירנדיקע און פרומע.

32סטע לעקציע

אונטער עקסטרעמער העלעניזאַציע

(175 ־ 168 פאַר דער א. צ. ר.)

די אָנגעצויגנקייט צווישן די העלעניזירנדיקע און די יידן וואָס זענען טריי געבליבן דער טראַדיציע פון יידישקייט ווערט פון מאָל צו מאָל אַלץ מער פאַרשאַרפט און גייט אַריבער כמעט אין אַן אָפענעם קאָנפליקט נאָכן טויט פון שמעון הצדיק. זיין זון און יורש חוניא (יוחנן) דער דריטער איז געווען אַן אָנהענגער פון די פטאָלאָמעער, וואָס האָבן נאָך נישט אויפגעגעבן זייערע אַספּיראַציעס אויף צוריקבאַקומען פאַלעסטינע. אָבער די עקסטרעמע העלעניסטן זענען געשטאַנען פאַר סיריע, טאַקע צוליב אירע שטאַרקערע העלעניזירנדיקע טענדענצן. אין די צייטן פון חוניא דעם דריטן איז געווען דער הויפּט פון דער בית־המקדש ־ וואַך אַ געוויסער שמעון, איינער פון די בני־טוביה, אַ גאַנץ עקסטרעמער העלעניזירער. שמעון וויל אויך ווערן דער הויפּט פון דער שטאָט־פּאָליציי און אינספּעקטאָר איבער די מאַרקן. חוניא וויל אים נישט באַשטימען אויף אַזאַ וויכטיקן אַמט, וואָס וואָלט קאָנצענטרירט צופיל מאַכט אין זיינע נישט גאָר באַגלויבטע הענט.

שמעון וואַגט דאַן אַ פאַררעטערישן שריט. ער דענונצירט צום סירישן מלך סעלעוקוס דעם פערטן, אַז אין בית המקדש געפינען זיך גרויסע אוצרות און עס וואָלט רעכט געווען, אַז מען זאָל זיי איבערגעבן דעם מלך, ווייל די מלוכה־קאַסע איז געווען נישט גאָר פול. סעלעוקוס שיקט זיין מיניסטער העליאָדאָרוס צו ברענגען די אוצרות פון בית־המקדש. אָבער דער כהן גדול אַנטזאָגט זיך זיי איבערגעבן. ער דערקלערט, אַז דאָס זענען פּריוואַטע פאַרמעגנס דעפּאָזיטירט אין בית־המקדש קאַסע, די רעשט געלט איז באַשטימט אויף צדקה. העליאָדאָרוס וויל גאָרנישט הערן. ער גייט אַריין אין בית המקדש אויף כוח צו „באַטראַכטן" די אוצרות. און דאָ טרעפט עטוואָס אויסטערלישעם. אויף העליאָדאָרוס פאַלט אַרויף אַ פייערדיקער רייטער, די פיס פון זיין פערד וואַרפן אים צו דער ערד און צוויי לייכטנדיקע יונגעליים שלאָגן אים שטאַרק מיט שטעקנס. העליאָדאָרוס חלשט און ווערט קוים אַ לעבעדיקער אַרויסגעטראָגן פון

הייליקטום. וועגן דער פּאַסירונג פאַרשפּרייטן זיך צוויי ווערסיעס. דאָס פאָלק האַלט, אַז דאָס האָט אַ מלאך פון גאָט אָפּגעשלאָגן דעם פּרווו קעגן די הייליקע אוצרות. שמעון, דער שעף פון בית־המקדש ־ וואָך זאָגט, אַז דאָס האָט דער כהן גדול אונטער־געשטעלט פּשוטע שטערבלעכע, זיי זאָלן אָנבראָכן די ביינער דעם געשיקטן פון מלך. חוניא ווערט אַרויסגערופן קיין אַנטיאָכיע אויף צו דערקלערן דעם פּאַרפאַל.

אָבער אין דער צייט וואָס דער כהן גדול זיצט אין אַנטיאָכיע און וואַרט אויף זיין פּראָצעס, ווערט סעלעווקוס דער פערטער דערמאָרדעט, טאַקע פון דעם דער־מאָנטן העליאָדאָרוס, וועלכער וויל פאַרנעמען דעם טראָן. דער יורש פון סעלעווקוס דעם פערטן, זיין זון דעמעטריוס, איז דאַן אַ קינד פון ניין יאָר און געפינט זיך דערצו אין רוים אַלס ערובניק. אין רוים געפינט זיך אויך דער יינגערער ברודער פון סעלעווקוס, אַנטיאָכעס. געוויס קאָן אַ קליין קינד נישט אויפנעמען דעם קאַמף קעגן אוזורפּאַטאָר. דערצו איז נויטיק אַ דערוואַקסענער מענטש. פון רוים פאָרט אַרויס אַנטיאָכעס, וועל־כער באַזיגט שנעל העליאָדאָרוסן, אָבער אָנשטאָט צו ברענגען צום טראָן זיין פּלימע־ניק, פּראָקלאַמירט ער זיך אַלס מלך פון סיריע מיטן צונאָב־נאָמען פון טעום עפּיפאַנעס, די אָנוועזנדיקע גאָטהייט.

אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס איז אַ מעגאַלאָמאַן, ער פּרעטענדירט צוריקצושטעלן די גרויסקייט פון דער גריכישער וועלט, ער איז דערצו אַן עקסטרעמער העלעניזירער און האָט אין אויג אַ מלחמה מיט רוים נאָכדעם ווי ער וועט באַפעסטיקן זיין מלוכה און פאַראייניהייטלעכן דורך העלעניזירן אַלע אירע עלעמענטן. אָט די קאָניונקטור ווילן אויסנוצן די העלעניזירער פון יהודה, וואָס וואָלטן וועלן העלעניזירן לכל הפּחות ירושלים, די הויפּט־שטאָט, ווו עס וווינט די אַריסטאָקראַטיע, און פאַרוואַנדלען זי אין אַ גריכישער פּאָליס, ס'הייסט אַ שטאָט מיט אַ ברייטער מוניציפּאַלער אויטאָנאָמיע.

אַ ברודער פון כהן גדול חוניא, ישוע, וועלכער טראָגט שוין אויך דעם גריכישן נאָמען יאַזאָן, פועלט פאַר געלט ביי אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס, אַז דער כהן גדול זאָל אַראָפּגעזעצט ווערן און ער, ישוע־יאַזאָן, זאָל באַשטימט ווערן אויף זיין אָרט. ער שלאָגט אויך פאָר דעם מלך 150 זילבער טאַלאַנט פאַר דער דערלויבעניש אויפצובויען אין ירושלים אַ גימנאַזיום פאַר פיזישע איבונגען און אַ „עפעבעא", אַ גריכישע שול פאַר דער יוגנט. אַנטיאָכעס איז אויף אַלץ מסכים און אין 175 קערט זיך אום ישוע־יאַזאָן קיין ירושלים אַלס כהן גדול. יאַזאָן בויט גלייך אויס דעם גימנאַזיום, וווּהין ער אַליין בכבודו ובעצמו פירט די יוגנט צו מאַכן נאַקעטערהייט פיזישע איבונגען. בכדי נישט פאַרשעמט צו ווערן פאַר די וויניקע גריכישע יוגנטלעכע, וואָס באַטייליקן זיך אויך אין די איבונגען, פירן דורך יידישע בחורים אַ געוויסע אָפּעראַציע, וואָס זאָל פאַרדעקן זייער געיידישטקייט. ישוע־יאַזאָן גרינדעט אויך נעבן ירושלים אַ נייעם שטאָט־טייל, וואָס ער רופט אָן אַנטיאָכיע פון ירושלים און אירע איינוווינער זענען אַזוי ווייט העלע־ניזירט, אַז זיי באַטייליקן זיך אין די אָלימפּישע שפּילן לכבוד הערקולעס־מעלקאַרט,

וואָס די העלעניזירטע פּעניציער האָבן איינגעפירט. קנאַפּע דריי יאָר האָלט אָן ישוע־יאזאָן דעם אַמט פון כהן גדול (175־172) און פירט דורך אַ טיפן העלעניזאציע־פּראָצעס. פאַר דער צייט באַזוכט אַנטיאָכעס ירושלים און רויבט אויס דעם בית המקדש. אָבער עס זענען שוין פאַראַן אין יהודה נאָך עקסטרעמערע העלעניזירער, וואָס זענען מיט דער געמעסיקטער פּראָגראַם פון ישוע־יאַזאָן נישט צופרידן און זוכן אַרויפצוזעצן אויפן אַמט פון כהן גדול אַ נאָך עקסטרעמערן העלעניזירער.

דער מענטש זוכט זיך אינגיכן אָפּ. עס איז אַ ברודער פון דעם הויפּט פון בית־המקדש וואַך, שמעון, וואָס האָט דענונצירט די אוצרות. זיין יידישער נאָמען איז אונדז נישט באַוווּסט, ער איז באַקאַנט בלויז מיטן גריכישן נאָמען מענעלאַאוס. אין יאָר 172 ווערט מענעלאַאוס פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל באַשטימט אַלס כהן־גדול. ישוע־יאַזאָן אַנטלויפט אין לאַנד עמון, וווּ עס האָט נאָך מיט דריי יאָר צוריק געלעבט איינער פון די בני טוביה, הורקנוס, דער זון פון יוסף דעם צינז־פאַכטער, וועלכער איז געווען אַ געמעסיקטער העלעניזירער. צווישן זיינע פריינד געפינט יאַזאָן שוץ. אָבער מענעלאַאוס קאָן נישט באַצאָלן די גאַנצע סומע וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן דעם מלך פאַרן אַמט פון כהן גדול, 300 זילבער טאַלאַנט, ער ווערט אַרויסגערופן קיין אַנטיאָכיע. דער מלך אַנטיאָכעס איז נישטאָ דאַן אין דער הויפּטשטאָט, אויף זיין אָרט פירט אָן מיט דער מלוכה אַ האַרבערער בעל דבר, אַנדראָניקוס, וועלכער שטעלט זיך נישט אָפּ אפילו פאַר דערמאָרדן אַ בן מלך. פאַר אַ צוזאָג פון גוט געצאָלט מצד מענעלאַאוס טויט אויך אַנדראָניקוס דעם פריערדיקן כהן גדול חוניא דעם דריטן, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן אין טעמפּל דאַפנע פון אַנטיאָכיע, וווּ ער האָט גענאָסן אַזיל־רעכט און האָט פון דאָרט געשטורעמט קעגן דעם פאַרטאַכלעווען די אוצרות פון בית המקדש אין ירושלים. אָבער מענעלאַאוס דאַרף געלט, צו דערפילן אַלע זיינע צוזאָגן. ער פאַראָרדנט זיין ברודער ליזימאַכוס, וואָס ער האָט געלאָזט אַלס שטעלפאַרטרעטער, ער זאָל נעמען פון בית המקדש אַלץ, וואָס לאָזט זיך, אַפילו די הייליקע געפעסן, וואָס מען פלעגט באַנוצן צום גאָטעס־דינסט. ליזימאַכוס וויל דערפילן דעם באַפעל פון ברודער, נאָר אין ירושלים ברעכט אויס אַ מרידה און ליזימאַכוס ווערט דערהרגעט. אָבער מענעלאַאוס בלייבט פאָרט כהן גדול און איילט צוריק קיין ירושלים.

אין 169 און 168 פירט אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס מלחמה קעגן עגיפּטן און האַלט אָפּ אַ רייע גלענצנדיקע זיגן. אָבער ווען ער האַלט שוין ביים פולן טריומף, קומט צו אים אַ געשיקטער פון רוימישן סענאַט, פּאָמפּיליאָ לענאַ, און גיט אים איבער דעם „ווונטש" פון דער רעפּובליק, אַז ער זאָל פאַרלאָזן מצרים. אַנטיאָכעס וויל אָפּציען, ער זאָגט, אַז ער וועט זיך מישב זיין, אָבער דער רוימער מאַכט מיט זיין שטעקן אַ קרייז אַרום דעם מלך און זאָגט אים: „אָט דאָ וועסטו זיך מישב זיין". אַנטיאָכעס ווייסט גוט די מאַכט פון רוים און פאַרשטייט, אַז מען מוז נאָכגעבן. אַ צערייצטער און דערנידעריקטער פאַרלאָזט ער עגיפּטן.

אין ירושלים פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז אַנטיאָכעס איז געשטאָרבן. יידן יובלען. דער עקס כהן גדול ישוע־יאַזאָן קומט פון לאַנד עמון מיט אַ חיל פון טויזנט מאַן געמעסיקטע העלעניזירער, באַפאַלט ירושלים, פאַרנעמט די שטאָט און צווינגט מענעלאַאוסן צו זוכן שוץ ביים סירישן גאַרניזאָן, אין דער שטאָט־פעסטונג. אָבער אַנטיאָכעס איז נישט געשטאָרבן. ער דערנענט זיך מיט זיין חיל קיין ירושלים אויף צו דערדריקן די מרידה. יאַזאָן אַנטלויפט. ירושלים ווערט פאַרנומען פון די סירישע חילות, וואָס מאָרדן אָן אײנזען מענער, פרויען און קינדער אין די טויזנטער. מענעלאַאוס קאָן אַרויס פון דער שטאָט־פעסטונג. צוזאַמען מיט אַנטיאָכעס ראַבירט ער ממש אויס דעם בית המקדש. אַנטיאָכעס קאָן זיך נישט איינשטילן, די באַליידיקונג וואָס ער איז אויס־געשטאַנען אין מצרים פאַרשאַרפט זיין צאָרן קעגן יהודה און ביים פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין 168 לאָזט ער אַרויס אַ דעקרעט, וואָס צווינגט אַרויף העלעניזאַציע אויף אַלע פעל־קער פון זיין מדינה, יידן אַריינגערעכנט. יידישקייט ווערט פאַרבאָטן. פאַר שבת, מילה, תורה לערנען און אַנדערע יידישע מנהגים דראָט טויט־שטראָף. יהודה ווערט געשטעלט פאַר דעם גרעסטן פּרוּוו זינט איר קיום.

33סטע לעקציע

די ערשטע מאַרטירער על קידוש השם

(168 פאַר דער א. צ. ר.)

צום ערשטן מאָל אין זייער געשיכטע ווערן די קינדער פון יהודה געשטעלט פאַרן נסיון צו דאַרפן קעמפן פאַר זייער אמונה. אַנטיאָכעס שיקט זיין קריגס־פירער אַפאָלאָניוס מיט אַ שטאַרקן מיליטער דורכצופירן זיין דעקרעט. אַפּאָלאָניוס נאַרט אָפּ די יידן פון ירושלים, ער קומט אַריין אין ירושלים אונטערן אויסרייד פון שלום, אָבער ווי נאָר ער איז אין שטאָט, מאַכט זיין סאָלדאַטעסקאַ אַ שווידערלעכע הריגה אויף די אַלע, וואָס ווילן זיך נישט אונטערוואַרפן דעם באַפעל פון קעניג. ירושלים ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ היידנישער שטאָט. דער בית המקדש אין אַ טעמפל צום גריכישן גאָט צעאוס, דעם 15טן כסלו פון 168 ווערן צום ערשטן מאָל געבראַכט קרבנות אין זיין כבוד אויפן מזבח פון בית המקדש. אין אַלע גרעסערע ישובים ווערן אויפגעשטעלט געצנדינערישע מזבחות און יידן ווערן געצווונגען מקריב זיין קרבנות צו די געטער. די עקסטרעמע העלעניזירער, אפילו א טייל פון די געמעסיקטע, וואַרפן זיך אונטער דער גזירה פון מלך. א סך פשוטע יידן טוען נאָך זייער ביישפיל, ווען אפילו מיט טיפן צער אין האַרצן. אָבער די רעכט פרומע, די חסידים און פרושים עפענען דאָס קאַפיטל פון מסירת נפש על קידוש השם. זיי לאָזן זיך אומברענגען פאַר אָפּהיטן זייער אמונה. די פאָלקס לעגענדע האָט דערהאַלטן דעם אָנדענק פון אַלטן אלעזר און פון דער פרוי חנה מיט אירע זיבן זין, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען על קידוש השם. באמת זענען עס מער סימבאָלישע פיגורן, וואָס סימבאָליזירן אַ גרויסע טייל פון פאָלק, זקן און פרוי, מאַן און קינד, פון אַלע עלטערן.

דער משורר פון תהלים (ע"ט) גיט אַ בולט בילד פון דער לאַגע אין יהודה צו יענער צייט, ער זאָגט :

ד' באו גויים בנחלתך,	גאָט, פעלקער זיינען געקומען אין דיין נחלה,
טמאו את היכל קדשך	האָבן פאַראומריייניקט דיין הייליקן טעמפל,
שמו את ירושלים לעיים,	האָבן געמאַכט ירושלים צו רואינען,

נתנו את נבלת עבדיך, מאכל לעוף השמים, בשר חסידיך לחיתו ארץ.	געגעבן דאָס טויטע ליִיב פון דיינע קנעכט פאַר שפּייז צו די פייגל פון הימל, דאָס פלייש פון דיינע חסידים, צו די חיות פון דער ערד,
שפכו דמם כמים, סביבות ירושלים ואין קובר.	זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט ווי וואַסער, רונד און אַרום ירושלים און ניטאָ ווער עס זאָל באַגראָבן.
היינו חרפה לשכנינו	מיר זענען געוואָרן צו שאַנד ביי אונדזערע שכנים,
לעג וקלס לסביבותינו.	צו געלעכטער און שפּאָט ביי אונדזערע ארומיקע.

אויף צו שטאַרקן דאָס פאָלק אין זיין ווידערשטאַנד, ווערן אין יענע צייטן פאַרשפּרייט אַ רייע דערציילונגען, וואָס ווערן שפּעטער אַריין אין ספר דניאל. אַזוי דערציילט מען, אַז נאָך אין די צייטן פון גלות בבל האָט דער מלך נבוכדנאצר געלאָזט צווינגען דריי יידישע יונגעלייט, חנניה, מישאל און עזריה, צו דינען עבודה זרה. זיי האָבן זיך אָבער בעסער געלאָזט וואַרפן אין קאַלכאויוון, פון וואַנען זיי זענען על פּי נס אַרויס אומבאַשעדיקט.

עס ווערט אויך דערציילט וועגן ווונדערבאַרן חלום, אין וועלכן נבוכדנאצר זאָל האָבן געזען זיין מלוכה אין פאָרם פון אַ געשטאַלט מיט אַ קאָפּ פון גאָלד, ברוסט און הענט פון זילבער, בויך פון קופּער, פיס טיילוויז פון אייזן, טיילוויז פון ליים. פון ערגעץ הויבט זיך אויף אַ שטיין און צעשטויסט די געשטאַלט, אַ ווונק, אַז די מלוכה פון אַנטיאָכעס איז גאָרנישט אַזוי שטאַרק.

מען דערציילט אויך וועגן דער נאַכט אין וועלכער בלשאצר, דער לעצטער הערשער פון בבל, האָט געהוליעט מיט זיינע הויפליִיט און געטרונקען ווייִן אין די הייליקע כלים פון בית המקדש, וואָס נבוכדנאצר האָט געבראַכט, ווען ער האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש אין ירושלים. פּלוצלינג באַווייזט זיך אַ פייערדיקע האַנט, וואָס שרייבט אָן אויף דער וואַנט אַן אויפשריפט אין אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך. בלויז דער יידישער יונגערמאַן דניאל האָט געקאָנט לייענען די אויפשריפט, וואָס האָט געלויטעט: מנא, מנא, תקל ופרסין, וואָס מיינט: עס איז געציילט, געוווויגן און אָפּגעבראָכן די טעג פון דיין מלוכה. געזאָגט האָט מען בלשאצרן, געמיינט האָט מען אַנטיאָכעסן.

דער זעלביקער דניאל זאָל אויך האָבן געזען אַן אַפּאָקאַליפּטישע וויזיע. פון טייך גייט אַרויס אַ באַראַן מיט צוויי גרויסע הערנער, איינער עטוואָס קלענער פון דעם צווייטן, און דער באַראַן שטויסט אַלעמען אויף רעכטס און לינקס און קיינער קאָן קעגן אים נישט ביישטיין. פּלוצלינג קומט פון מערב־זייט אַ ציגנבאָק מיט איין האָרן צווישן די אויגן און ער וואַרפט זיך אויפן באַראַן, צעברעכט אים די הערנער, וואַרפט אים צו דר׳ערד און צעטרעט אים. אָבער דער האָרן פון ציגנבאָק ווערט צעבראָכן און אויף זיין אָרט וואַקסן אויס פיר הערנער. שפּעטער קומט אויף אַ קליינער האָרן, וואָס וואַקסט ממש אויס ביזן הימל, וואַרפט פון דאָרט אַראָפּ שטערן און צעטרעט זיי, פאַרמעסט זיך

קעגן כביכול אַליין, שאַפֿט אָפּ דעם קרבן תמיד. דער אמת ליגט צעטראָטן אויף דר'ערד. דניאלן ווערט אויך געגעבן דער באַשייד פֿון דער זעאונג. דער באַראַן און זיינע צוויי הערנער סימבאָליזירן די פֿאַראייניקטע מלוכה פּרס ומדי, דער ציגנבאָק סימבאָליזירט אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, די פֿיר הערנער, די פֿיר יורשים און דער האָרן וואָס פֿאַר־מעסט זיך קעגן הימל איז: „אַ קעניג אַן עזות פּנים, וואָס פֿאַרשטייט זיך אויף ליסטי־קייטן און זיין מאַכט וועט זיין גרויס און ער וועט אומברענגען די שטאַרקסטע און דאָס פֿאָלק פֿון הייליקע, אין מיטן פֿון שלום וועט ער פֿילע אומברענגען, אַנטקעגן דעם האַר פֿון די הארן וועט ער זיך שטעלן, אָבער אָן עמעצנס האַנט וועט ער צעבראָכן ווערן". אויף זיין פֿראַגע וויפֿל דאָס וועט אַלץ דויערן? באַקומט דניאל אַן ענטפֿער: „ביז אָוונטן און פֿרימאָרגנס דריי טויזנט דריי הונדערט". די שטעלן פֿון ספֿר דניאל וועלן נאָכהער אין משך פֿון דורות אויפֿמערקזאַם שטודירט ווערן פֿון די וואָס האַלטן, אַז אין זיי איז באַהאַלטן דער סוד פֿונעם דאַטום ווען משיח וועט קומען.

אָפּגייענדיק אין זייער בלוט האָבן די חסידים און פּרושים פֿאַרטיידיקט מיט מסירת נפֿש די אמונה פֿון זייערע אבות. די מאַסע האָט זיך נישט אַלעמאָל געקאָנט דער־הויבן צו דער מדרגה פֿון מאַרטירער; די עקסטרעמע העלעניזירער האָבן געשטיצט די דאָזיקע אונטערנעמונג פֿון „ציוויליזירן אַ פֿאַרעקשנט פֿאָלק"...

אָבער גאָר אין גיכן וועט דער פֿאָלקס צאָרן אויסברעכן. פֿון פּאַסיוון ווידער־שטאַנד וועלן די פֿאָלקס מאַסן אַריבער צו אַקטיוון קאַמף און וועלן געבן דעם פֿאָלק ישראל און דער גאַנצער מענטשהייט די וווּנדערבאַרע עפּאָפּעע פֿון די מכבים.

34סטע לעקציע

אין קאַמף וועסטו דיין רעכט דערגרייכן

(מתתיהו חשמונאי, יהודה המכבי)

(168 ־ 163 פאַר דער א. צ. ר.)

סוף יאָר 168 ברעכט אויס אַ מרידה קעגן די סירישע אונטערדריקער און זייערע אַרויסהעלפער, די העלעניסטן. די מרידה ברעכט אויס אין דעם דאָרף מודיעין, נישט ווייט פון ירושלים, און בראש פון אויפשטאַנד שטעלט זיך אַן אַלטער כהן, מתתיהו בן יוחנן, פון דער פאַמיליע חשמונאי, מיט זיינע פינף זין: יוחנן־גדי, שמעון־תסי, יהודה־מכבי, אליעזר־אורן, יונתן־אפפוס.

ווען קיין מודיעין קומט דער גריכישער קאָמאַנדיר אַפּעלעס מיט זיין אָפּטיילונג איינצופירן דאָרט דאָס געצנדינסט און ער ווענדט זיך צו מתתיהו, אַז ער זאָל, ווי דער אָנגעזעענסטער מענטש פון אָרט, געבן דעם ערשטן ביישפּיל, ענטפערט אים מתתיהו מיט ווערטער, וואָס אַלע יידישע דורות האָבן פאַרוואַרקלעכט אין לעבן: „ווען אפילו אַלע פעלקער פון דעם מלכס מדינות וועלן אים פאָלגן און וועלן זיך אָפּקערן פון די געטער פון זייערע עלטערן, וויל איך מיט מיינע ברידער און פריינט אָפּהיטן דעם בונד, וואָס גאָט האָט געמאַכט מיט אונדזערע אָבות. מיר וועלן נישט אויספאָלגן דעם קעניגס באַפעל און וועלן פון אונדזער אמונה נישט אָפּטרעטן נישט רעכטס, נישט לינקס". און ווען איינער פון די העלעניזירטע יידן גייט דאָך צו מקריב צו זיין אַ קרבן, דערשטעכט אים מתתיהו מיט זיין האַנט און הויבט דערמיט אָן די מרידה. לויט אַן אַלטן מדרש איז נאָך צו דעם אַלעמען צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די גריכישע זעלנער האָבן פאַרפּייניקט אַ טאָכטער פון מתתיהו.

דער געשריי פון מתתיהו „מי לד' אלי!" — ווער עס איז פאַר גאָט, צו מיר! — האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג. עס האָבן זיך צו אים גענומען זאַמלען די אַלע, וואָס זענען געווען גרייט נישט נאָר צו שטאַרבן, נאָר אויך צו קעמפן. עס גרינדן זיך פּאַרטיזאַנער־גרופּן אָנגעפירט פון מתתיהוס זין, וואָס באַפאַלן קלענערע סירישע אָפּטיילונגען, שניידן

אָפּ די אָפּראָוויזאַציע און שטערן די פאַרבינדונג צווישן די סירישע חילות. די באַרגיקע געגנט אַרום ירושלים באַגינסטיקט פיל זייער קאַמף. די גריכן דערפילן באַלד, אַז די שטימונג אַרום זיי האָט זיך געביטן.

דער פּרעסטיזש פון אַלטן מתתיהו ווירקט אויך אויף צו ענדערן אַן עקסטרעם פרומען באַשלוס, וואָס האָט ביז דאַן געקאָסט פיל יידישע לעבנס. פאַנאַטיזירט דורך די רדיפות, האָבן זיך די חסידים געקלאַמערט מיט די לעצטע כוחות אין די פונדאַמענטאַלע מצוות פון יידישן דת און אין דעם טאָג פון שבת פלעגן זיי נישט קעמפן, אַפילו נישט אַנטלויפן פון דער סכנה, נאָר מוטיק אויפנעמען דעם טויט אויף קידוש השם. די סיריער האָבן זיך דאָס דערוווּסט און פלעגן אָנפאַלן אויף די באַהעלטענישן פון די חסידים דווקא אין טאָג שבת. מתתיהו, צוזאַמען מיטן בית־דין, וואָס פאַרטרעט די כנסת הגדולה ביי די פאַרטיזאַנער, באַשליסן, אַז פיקוח נפש איז דוחה שבת און זענען מתיר צו פאַרטיידיקן זיך אויך אין דעם הייליקן טאָג.

אַפּאָלאָניוס טרעט גלייך אַרויס מיט אַ היפּשער אַרמיי אויף אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד. אָבער דער מיטלסטער זון פון מתתיהו, יהודה המכבי ציינט זיך אַרויס אַלס גרויסער קריגס־פירער. ער באַזיגט מיט זיינע פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען די סירישע גוט געשולטע אַרמיי. אַפּאָלאָניוס פאַלט אין שלאַכט און יהודה נעמט אַראָפּ זיין שווערד, מיט וועלכער ער וועט קעמפן ביזן סוף פון זיין לעבן. עס חזרט זיך איבער דער פאַל פון דוד מיט דער שווערד פון גלית. קעמפן מיט געווער גענומען ביים שונא איז גע־וואָרן אַ סימבאָל, וואָס וועט זיך מער ווי איין מאָל ווידערהאָלן אין דער יידישער געשיכטע.

קעגן יהודה המכבי און זיינע חילות טרעט דאַן אַרויס דער גובערנאַטאָר פון גאַנץ פּאַלעסטינע סעראָן, אָבער אויך סעראָן ווערט געשלאָגן. כמעט ביים אָנפאַנג פון דער מרידה שטאַרבט דער אַלטער מתתיהו און לאָזט איבער די פירערשאַפט צו זיינע צוויי זין שמעון התסי, אַ געשיקטער פּאָליטיקער, און יהודה המכבי, אַ העלדישער קריגס פירער. די צענטראַלע סירישע רעגירונג שיקט דאַן אַרויס קעגן די מורדים אַ גאָר שטאַרקע אַרמיי, אונטער דער פירערשאַפט פון צוויי גענעראַלן, ניקאַנאָר און גאָרגיאַס. דער שטעלפאַרטרעטער פון אַנטיאָכעס, ליזיאַס, וואָס פירט דאַן אָן מיט דער מלוכה אין אָפּוועזנהייט פון אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס, גיט זיי פּערציק טויזנט פוסגייער און זיבן טויזנט רייטער; זיינע גענעראַלן זענען אַזוי זיכער אין דעם זיג, אַז זיי לאָזן מיטגיין מיט די חילות גריכישע שקלאַפן־הענדלער, וואָס וועלן קויפן די יידן, וואָס וועלן אַריינ־פאַלן געפאַנגען.

יהודה האָט קוים צען טויזנט קעמפער. אויף צו באַמוטיקן זיי פאַררופט ער אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג קיין מצפּה (היינט נבי סמוויל, אין פון די אַראַבער אָקו־פּירטן טייל ישראל). ירושלים איז דאָך פאַרנומען פון פיינט. דאָרט ווערט געהאַלטן אַ תענית, אָפּגעריכט תפילות, די לוויים־כהנים זינגען ספּעציעל צו דער געלעגנהייט פאַר־

פֿאַסטע מזמורים, צווישן זיי די מזמורים מ״ד, ע״ד, פ״י, קי״ט און אַנדערע, וואָס זענען אַריין אין ספר תהלים. מזמור מ״ד זאָגט:

עורה, למה תישן ד'
הקיצה, אל תזנח לנצח,
כי שחה לעפר נפשנו,
דבקה לארץ בטננו,
קומה עזרתה לנו
ופדנו למען חסדך.

דערוואַך, פֿאַרוואָס שלאָפֿסטו גאָט?
וואַך אויף! פֿאַרלאָז אונדז ניט אויף אייביק.
ווייל געבויגן ביזן שטויב איז אונדזער זעל,
באַהעפֿט צו דער ערד איז אונדזער לייב,
שטיי אויף אונדז צו הילף
און לייז אונדז אויס פֿון וועגן דיין חסד.

קאַפּיטל פ׳ זאָגט צווישן אַנדערעס:

רעה ישראל, האזינה,
יושב הכרובים הופיעה,
לפני אפרים ובנימין ומנשה
עוררה גבורתך
ולכה לישועתך לנו.

דו פּאַסטוך פֿון ישראל, הער צו,
דו וואָס זיצסט אויף די כרובים, דערשיין.
פֿאַראויס פֿאַר אפרים, בנימין און מנשה,
דערוועק דיין גבורה
און קום אונדז צו הילף.

די מלחמה איז דאָך אייגנטלעך נישט נאָר פֿון די יידן, נאָר פֿון כביכול אַליין:

זכר זאת, אויב חרף ד'
ועם נבל נאצו שמך.
קומה ד' ריבה ריבך
זכר חרפתך מני נבל כל היום.

געדענק דאָס, דער פֿיינט לעסטערט גאָט!
אַ נידערטרעכטיק פֿאָלק פֿאַרשוועכט דיין נאָמען.
שטיי אויף גאָט! נעם זיך אָן דיין קריוודע,
געדענק דיין שאַנד פֿון דעם שאַלקהאַפֿטיקן
אַ גאַנצן טאָג.

דער מזמור קי״ט הויבט זיך אָן מיט די פֿערזן:

אשרי תמימי דרך
ההולכים בתורת ד',
אשרי נוצרי עדותיו
בכל לב ידרשוהו.

ווייל איז די וואָס גייען ערלעך זייער וועג,
וואָס גייען אין דער לערע פֿון גאָט,
ווייל איז די, וואָס היטן זיינע אָנזאָגן,
וואָס זוכן אים מיטן גאַנצן האַרצן.

מער ווי ביי איין געלעגנהייט האָבן קאַפּיטלעך פֿון תהלים באַמוטיקט פֿרייהייט־קעמפֿער אויך פֿון אַנדערע פֿעלקער.

נאָך די אָפּגעריכטע תפילות באַמוטיקט יהודה זיינע קעמפֿער מיט אַ פֿייערדיקער רעדע, דער לייטמאָטיוו פֿון וועלכער איז: „זכרו את החרפה!״ געדענקט די שאַנדע! ער גיט זיי אויך אַ קאַמפֿס־לאָזונג: „לד' הישועה!״, „אין גאָט אונדזער הילף!״ יהודה נוצט מייסטערהאַפֿט אויס אַ סטראַטעגישן צוג פֿון שונא. ווען גאָרגיאַס לאָזט זיך אַרויס מיט אַ טייל פֿון זיין חיל אויף אַ באַנאַכטיקן מאַרש, בכדי אָנצופֿאַלן אומגעריכט אויף יהודה, גייט אַוועק יהודה מיט אומוועגן און באַפֿאַלט אומגעריכט דעם לאַגער פֿון פֿיינט, וועלכן ער צינדט גלייך אונטער. ווען גאָרגיאַס קומט צוריק פֿון זיין פּרוכטלאָזער נאַכט־עקספּעדיציע, טרעפֿט ער זיינע הויפּט־באַזעס אין פֿייער און טרעט אָפּ אין איילעניש, פֿאַרלירנדיק פֿיל זעלנער. יהודה און זיינע קעמפֿער פֿאַרכאַפּן פֿיל געווער, פּראָוויאַנט און אויך דאָס געלט, וואָס די גריכישע שקלאַפֿן־הענדלער האָבן מיטגעבראַכט אויף צו קויפֿן יידישע געפֿאַנגענע (פֿרילינג 165).

דאַן טרעט אַרויס קעגן יהודה דער שטאַטהאַלטער פון דער אימפּעריע, ליזיאַס, ער קומט גאָר פון אַן אַנדער ריכטונג, פון דרום, און דערגרייכט בית צור, אַ צוואַנציק מייל פון ירושלים. יהודה צעשמעטערט אָבער זיינע חילות, די סיריער פאַרלירן פינף טויזנט מאַן און טרעטן אין איילעניש אָפּ (זומער 165). דער וועג קיין ירושלים שטייט פריי פאַר יהודה מיט זיינע קעמפער.

יהודה מיט זיינע חילות נעמען שנעל איין די הויפּטשטאָט פון דער מדינה, די אייביק הייליקע ירושלים. דער סירישער גאַרניזאָן ציט זיך צוריק אין דער שטאָט־פעסטונג, די יידישע העלעניסטן צעלויפן זיך אין אַלע ריכטונגען. אַ טייל כאַפּט זיך אויך אַריין אין דער שטאָט־פעסטונג. די קריגער פון יהודה נעמען זיך גלייך אויסרייניקן דעם בית המקדש פון געצנדינסט, בויען אַ נייעם מזבח אַנשטאָט דעם פאַרשוועכטן, און דעם 25סטן כסלו פון 165 ווערט צוריקגעשטעלט דאָס גאָטעסדינסט, וואָס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן מיט עטוואָס מער ווי דריי יאָר צוריק. מען איז מקריב קרבנות, מען צינדט ווידער אָן די גאָלדענע מנורה. עס ווערט שפּעטער דערציילט, אַז מען האָט ערגעץ געפונען קוים איין קריגל כשרן בוימל מיטן זיגל פון כהן גדול, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז קיין טמא הענט האָבן זיך צו דעם נישט צוגערירט. אָבער דער בוימל איז גענוג בלויז אויף איין נאַכט, האָט געטראָפן אַ נס און עס האָט געלאַנגט אויף אַכט נעכט, ביז מען האָט געקאָנט צוגרייטן פרישן כשרן בוימל. פאַראַן אויך אַ צווייטע ווערסיע. ווען די חשמונאים־קעמפער זענען אַריין אין בית־המקדש, איז שוין די מנורה גופא געווען פאַראומווירדיקט פון טמא העגט. מען האָט געמוזט דורכפירן איבער איר אַ ריטואַל פון רייניקונג. האָט מען דערווייל אויפגעשטעלט אַכט שפּיזן, אויף וועלכע מען האָט פייער געצונדן, ביז די מנורה איז ריין געוואָרן, פרישער כשרער בוימל איז געבראַכט געוואָרן און מען האָט געקאָנט ווידער אָנצינדן דאָס הייליקע ליכט פון בית המקדש. די מנורה איז ביז היינט פאַרבליבן אַ סימבאָל פון יידישקייט, זי איז אויך דער סימבאָל פון מדינת ישראל. אין אָנדענק פון דער באַנייאונג פון דעם בית המקדש אין יאָר 165 פאַר דער א. צ. ר., ווערט ביז היינט געפייערט יערלעך דער יום־טוב חנוכה, פון 25סטן כסלו ביזן 2טן טבת, אַכט טאָג.

ביי די גאָטעס־דינסטן לכבוד דער באַנייאונג פון בית המקדש איז יהודה געווען טעטיק אַלס שטעלפאַרטרעטער פון כהן גדול (סגן) און אין זיין כבוד, איז לויט דער מיינונג פון אייניקע ביבל־פאָרשער, פאַרפאַסט געוואָרן דער מזמור כ"ד פון תהלים, וו? עס ווערט, צווישן אַנדערס, געזונגען:

מי יעלה בהר ד'	ווער זאָל אַרויפגיין אויפן באַרג פון גאָט?
ומי יקום במקום קדשו,	און ווער זאָל שטיין אין זיין הייליקן אָרט.
נקי כפים ובר לבב,	דער וואָס האָט ריינע הענט און אַ זויבער האַרץ,
אשר לא נשא לשוא נפשו	וואָס האָט גאָט ניט דערמאָנט צום פאַלשן
ולא נשבע למרמה.	און האָט ניט געשוואָרן צו פאַלשע געטער.

דאָס קאַפּיטל ווערט ביז היינט געזאָגט אין די נעכט פון די פּאַרכטיקע טעג: ראָש השנה און יום־כּפור.

די ענטוזיאַסמירטע משוררים האָבן געגלויבט, אַז מיטן זיג פון די חשמונאים הויבט זיך אָן אַ נייע וועלט־אָרדענונג, דאָס קעניגרייך פון גאָט. זינגען זיי אין מזמור צ״ח פון תהלים:

בחצוצרות וקול שופר,
הריעו לפני המלך לד׳
ירעם הים ומלאו
תבל ויושבי בה.
נהרות ימחאו כף
יחד הרים ירננו,
לפני ד׳ כי בא לשפוט הארץ,
ישפט תבל בצדק
ועמים במישרים.

מיט טרומייטן און שופר קול
שאַלט פאַר גאָט דעם מלך,
זאָל דונערן דער ים מיט זיין פולקייט,
די וועלט און אירע איינוווינער,
טייכן זאָלן פּליעסקען מיט די הענט,
אַלע בערג זאָלן זינגען אינאיינעם,
פאַר גאָט, ווייל ער קומט משפּטן די וועלט,
ער וועט משפּטן די וועלט מיט גערעכטיקייט
און די פעלקער מיט יושר.

ביז היינט ווערט אין די חנוכה־טעג געזאָגט אַ קורצע תפילה „על הנסים", אין וועלכער עס ווערט געזאָגט צווישן אַנדערס:

מסרת גבורים ביד חלשים,
ורבים ביד מעטים,
וטמאים ביד טהורים,
ורשעים ביד צדיקים,
וזדים ביד עוסקי תורתך.

האָסט איבערגעגעבן שטאַרקע אין האַנט פון שוואַכע
און פילע אין די הענט פון ווייניקע,
און אומריינע אין די הענט פון זויבערע,
און רשעים אין די הענט פון רעכטפאַרטיקע,
און אויסוואַרפן אין די הענט פון די וואָס היטן דיין לערע.

דער קאַמף פון די חשמונאים איז וויט אַרויס פון די ראַמען פון אַ נאַציאָנאַלער מלחמה און האָט באַקומען אַן אַלוועלטלעכע באַדייטונג אַלס קאַמף פון רעכט קעגן אומרעכט.

אַנדערטהאַלבן יאָר, ביזן מיט פון יאָר 163, לעבט דאָס לאַנד רואיק. יהודה באַפעסטיקט דעם בית המקדש־באַרג (הר־הבית), בכדי דער סירישער גאַרניזאָן, וואָס איז פאַרשפּאַרט אין דער שטאָט־פעסטונג (אַקראָ־פּאָלים) זאָל אפילו נישט קאָנען חלומען וועגן דעראָבערן צוריק דאָס יידישע הייליקטום. ער באַפעסטיקט אויך די שטאָט בית צור און באַמיט זיך צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן פאַר די פינף יאָר 163־168.

יהודה ווייסט אָבער, אַז מיטן זיג איז נאָך נישט פאַרענדיקט דער קאַמף, און נעמט זיך גרייטן צו ווייטערדיקע מיליטערישע אָפּעראַציעס.

35סטע לעקציע

קבוץ גלויות

(163 ־ 160 פאַר דער א. צ. ר.)

אָבער אויך די דאָזיקע פאָר יאָר, פון דער באַנייאונג פון בית המקדש ביזן אָנגריף פון סיריע, האָט יהודה המכבי און זיינע חילות נישט געקאָנט בלייבן אינגאַנצן רואיק. זיי מוזן פירן אייניקע קלענערע מלחמות הן אויף צו פאַרזיכערן די גרענעצן פון דער קליינער מדינה יהודה, הן אויף צו ראַטעווען די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין אַנדערע טיילן פון ארץ ישראל און זענען, אַלס רעאַקציע קעגן די זיגן פון די חשמונאים, פאַרפאָלגט געוואָרן פון די אַנדערע פעלקערשאַפטן. מען דאַרף גוט נעמען אין אַכט, אַז יהודה האָט דאַן פאַרנומען נאָר אַ טייל פון ארץ־ישראל, און די שטרעבונג פון די חשמונאים פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער פירערשאַפט און רעגירונג וועט זיין צו פאַרוואַנדלען יהודה אין ארץ־ישראל.

יהודה המכבי זאָרגט קודם כל פאַר דער זיכערקייט פון די גרענעצן. די לעצטע אינוואַזיע פון די סיריער איז געקומען פון דרום, דורך אדום, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעשפּרייט ביז חברון. יהודה באַפעסטיקט טאַקע בית צור צווישן חברון און ירושלים. דאָס איז אָבער נישט גענוג, די אדומים און די נאָמאַדישע מעונים האָבן געהאָלפן די סיריער אין זייער אינוואַזיע פון יהודה. דאַרף מען זיי אָפּשוואַכן און געבן אַ לעקציע וואָס זיי זאָלן לאַנג געדענקען. יהודה וואַרפט זיך אויף די אדומים און מעונים, צעקלאַפּט זייערע חילות, צעשטערט זייערע פעסטונגען און טורעמס און קערט זיך אום קיין ירושלים מיט גרויסע רייכטימער, גענומענע ביים פיינט, אַ מין פאַרגיטיקונג פאַר די היזיקות, וואָס זיי האָבן פאַראורזאַכט בשעת דער סירישער אינוואַזיע. יהודה צעשלאָגט אויך די חילות פון די העלעניזירטע עמונים, מיט וועלכע עס פירט אָן דער סירישער גענעראַל טימאָטעאוס און פאַרזיכערט די גרענעץ פון דער מדינה צו מזרח־זייט (163).

אַלס נקמה פאַר די זיגן פון יהודה פאַלן אָן די פעלקערשאַפטן פון די אַנדערע טיילן פון ארץ ישראל אויף די יידישע ישובים, וואָס לעבן צווישן זיי. די יידן שיקן

שליחים צו יהודה המכבי און רופן אים צו הילף. יהודה פאררופט א ספעציעלע זיצונג פון דער כנסת הגדולה, אויף וועלכער עס ווערט באשלאסן גיין צו הילף די באדראטע און פארפאלגטע יידישע ישובים. שמעון, דער ברודער פון יהודה המכבי, מיט אן ארמיי פון דריי טויזנט מאן, ווערט געשיקט קיין גליל. יהודה מיט זיין ברו־דער יונתן, מיט אכט טויזנט קעמפער, — קיין עבר הירדן, אין געגנט פון גלעד. דאס רעשט מיליטער בלייבט אין ירושלים, ווו דער סירישער גארניזאן זיצט נאך אלץ אין דער שטאט־פעסטונג. בראש פון אט די חילות שטייען יוסף בן זכריה און עזריה, וועמען יהודה פארזאגט שטרענג נישט אונטערצונעמען קיינע קריגס־אפעראציעס אין זיין אפוועזנהייט.

שמעון באזיגט די היידנישע איינוווינער פון גליל און פארפאלגט זיי ביז עכו, ער פארנעמט די יידישע ישובים פון גליל אין העמערן ירדן־טאל און ברענגט זיי אריבער צייטווייליק קיין יהודה. יהודה המכבי און יונתן פירן דורך אן ענלעכע אפעראציע אין עבר־הירדן. זיי באפרייען די יידן וואס זענען באלאגערט אין זייערע פעסטונגען: בצר, עלמון, חשבון, מקד, קרניים, זיי באזיגן טימאטעאוס; ביי דער אלטער שטאט רמות־גלעד. אין אייניקע פלעצער פארברענען זיי די טור־רעמס און טעמפלען, ווו די שונאים האבן זיך באפעסטיקט, צוזאמען מיט די מענטשן. זיי נעמען אויך מיט די יידישע איינוווינער פון יענע געגנטן און פירן זיי אריבער צייטווייליק קיין יהודה. עס ווערט אזוי ארום דורכגעפירט א קבוץ־גלויות, ווען אפילו אין א קליינעם מאסשטאב. די חשמונאים חילות קערן זיך אום רייך מיט זיג, מיט געראטעוועטע יידישע לעבנס, מיט יידיש האב און גוטס. יובלט דער מזמור קי"ח פון תהלים, וואס איז פארפאסט געווארן אין יענער צייט און וואס זאגט צווישן אנדערס:

כל גויים סבבוני, בשם ד' כי אמילם, סבוני גם סבבוני	אלע פעלקער האבן מיך ארומגערינגלט, ביי גאט! אז איך וועל זיי פארשניידן, יא, זיי האבן מיך ארומגערינגלט, אי ארומגערינגלט!
בשם ד' כי אמילם, סבוני כדבורים, דעכו כאש קוצים	ביי גאט! אז איך וועל זיי פארשניידן, זיי האבן מיך ארומגערינגלט ווי בינען, אבער זיי זענען פארלאשן געווארן ווי דערנער־פייער,
בשם ד' כי אמילם	ביי גאט, איך וועל זיי פארשניידן !

דער מזמור קי"ח איז איינער פון די קאפיטלען פון הלל, וואס ווערט ביז איצט געזאגט יום־טוב און ראש־חודש.

אין ירושלים טרעפט יהודה א ביסל אן אומאנגענעמע לאגע. די קריגס־פירער וואס ער האט געלאזט בראש פון גארניזאן האבן נישט אויסגעפאלגט זיין פאר־ארדנונג און האבן אונטערגענומען מלחמה־אפעראציעס, ליידנדיק א מפלה. ער פאר־ריכט אבער באלד די לאגע, רייסט זיך אריין אין שונא'ס געביט, אקופירט אדום, נעמט

די אַלטע יידישע שטעט חברון און מרשה, קומט צו צום ברעג ים, פאַרברענט די האַפנס פון יפו, יבנה און אַשדוד, און איז זיך נוקם פאַר דעם וואָס די איינוווינער פון יפו האָבן אַרויפגעזעצט זייערע יידישע שכנים, אַ 200 מאַן, אויף שיפן, זיי אַרויס־געפירט אין ים און דאָרט זיי אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

גלייכצייטיק מיטן קבוץ גלויות פירט אויך דורך יהודה אַ זאַמלונג פון גייס־טיקע ווערטן. אין יענע, רעלאַטיוו רואיקע יאָרן, ווערן צונויפגעזאַמלט און רעדאַ־גירט די שאַפונגען פון די נביאים. פונקט ווי עזרא האָט רעדאַגירט דעפיניטיוו די תורה, אַזוי ווערן אין די צייטן פון יהודה המכבי (אַרום יאָר 163) רעדאַגירט די נביאים.

אין יאָר 164 שטאַרבט אַנטיאָכעס עפיפאַנעס אין מיטן פון אַ מלחמה מיט די פּאַרטיער. ער באַשטימט זיין מיניסטער פיליפּוס אַלס רעגענט פאַר דער צייט פון מינדעריעריקייט פון זיין זון אַנטיאָכעס עווּפּאַטאָר דער פינפטער, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז ער האָט פריער באַשטימט אַלס שטאַטהאַלטער זיין קריגס־פירער ליזיאַס. אין סיריע הויבן זיך אָן אינערלעכע רייבונגען און יהודה נוצט אויס די לאַגע צו אָנהויבן באַ־לאַגערן די שטאָט־פעסטונג פון ירושלים (אקרא), בכדי צו פאַרטרייבן פון דאָרט דעם סירישן גאַרניזאָן און דערקלייבן זיך צו די יידישע העלעניזירער, וואָס האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן (163). אָבער דערווייל באַפעסטיקט זיך ליזיאַס אין זיין מאַכט און קאָן אונטערנעמען אַ קריגס־מאַרש קעגן יהודה. ער קומט בראש פון אַ מעכטיקער אַרמיי, וואָס איז אויך באַזאָרגט מיט קריגס־העלפאַנטן. ליזיאַס באַלאַגערט בית צור, און יהודה גייט אַרויס פון ירושלים צו קעמפן מיט דער שטאַרקער סירישער אַרמיי. ביי בית זכריה קומט פאָר אַן אַנטשיידנדיקע שלאַכט. די קעמפער פון יהודה שלאָגן זיך ווי די לייבן, אָבער דער סירישער חיל איז פיל מאָל מעכטיקער פון זיי; די יידן מוזן אָפּ־טרעטן, בית צור ווערט געוונומען. די סיריער קומען צו ביז ירושלים און באַלאַגערן יהודה מיט זיינע חילות אויפן הר־ציון. די באַלאַגערטע באַדראָט הונגער. אָבער פּלוצ־לינג מוז ליזיאַס צוריקלויפן קיין סיריע, ווייל פיליפּוס וויל פאַרכאַפּן דאָרט די מאַכט. ער שלאָגט פאָר יהודהן אַ שלום אויף דער באַזע פון דעם מצב פון פאַר דער גזירה פון אַנטיאָכעס עפיפאַנעס אין יאָר 168. יהודה בלייבט אַ פּראָווינץ פון סיריע, מיט אַ ברייטער אינערלעכער אויטאָנאָמיע, בראש פון וועלכער עס שטייט, ווי פריער, דער כהן גדול. דער עקסטרעם העלעניסטישער כהן גדול מענעלאַאוס ווערט געטויט. יהודה פאַרבלייבט שטעלפאַרטרעטער פון כהן גדול. די פעסטונגען אויפן באַרג ציון ווערן צעשטערט. עס וואָלט זיך געדאַכט, אַז פאַר די פינף יאָר בלוטיקע מלחמות האָט מען גאָרנישט אויסגעפירט. לעגאַל איז דער מצב אין 163 געווען דער זעלבער וואָס אין 168, פאַר דער גזירה, אָבער עס איז דאָך פאַראַן אַ פונדאַמענטאַלער חילוק. יידן האָבן זיך אויסגעלערנט ווידער צו פירן מלחמה...

אין סיריע הויבן זיך דאָן אָן אומרוען און קאַמפן פאַרן טראָן, וואָס ווערט

צושפּילן די אספּיראַציעס פון די חשמונאים, וועלכע שטרעבן שוין צו פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. מען דאַרף געדענקען, אַז אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס איז נישט געווען דער לעגאַלער מלך פון סיריע, ער האָט געירשנט זיין ברודער סעלעווקוס דעם פערטן, אין דער צייט ווען דער לעגאַלער יורש איז געווען דער זון פון סעלעווקוס, דעמעטריוס, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַלס קינד אַן ערובניק אין רוים.

אין 162 קומט דעמעטריוס פון רוים, געוויס מיט דער צושטימונג פון רוימישן סענאַט, וואָס וואָלט וועלן זען אומאָרדענונג אין דער מלוכה פון סיריע, אויף וועלכער רוים שאַרפט שוין פון לאַנג די ציין. דעמעטריוס באַזיגט דעם קליינעם מלך אַנטיאָכעס עווּפּאַטאָר מיט זיין שטאַטהאַלטער ליזיאַס, לאָזט זיי ביידע טויטן און ווערט קעניג מיטן טיטול סאָטער, דער באַזיגער. ער הויבט אָן מאַכן אָרדענונג אין זיין מלוכה. דער מצב אין יהודה, ווו דער רעבעל יהודה המכבי איז שטעלפאַרטרעטער פון כהן גדול, ווען אפילו נישט לעגאַלער כהן גדול, געפעלט גאָר ווייניק דעם נייעם מלך און ער באַשטימט אויפן הויכן אַמט אַ מיטגליד פון אַ מיוחסדיקער כהנים־גדולים פאַמיליע, יקים, וועלכער טראָגט אויך דעם גריכישן נאָמען אַלקימוס, ווייל ער איז אַ מעסיקער העלעניזירער. די באַשטימונג פון אַלקימוס ווערט גוט אויפגענומען אין יהודה. די מעסיקע עלעמענטן, וואָס ווילן רו, האָבן מורא פאַר די אַספּיראַציעס פון יהודה המכבי און זיינע לייט. די חסידים, וואָס האָבן נאָר געקעמפט פאַר פרייהייט פון רעליגיע, זענען אויך מסכים; זיי האָפן אַז יקים, אַ פּלימעניק פון דעם אָנגעזעענעם יוסי בן יועזר איש צרידה, וועט געוויס אָפּהיטן דעם יידישן דת און מער ווי דאָס דאַרפן זיי נישט. יהודה וואַרט אָפּ אין שטילשווייגן. אָבער אַלקימוס קומט קיין ירושלים באַגלייט פון אַ שטאַרקן סירישן חיל אונטער דער פירערשאַפט פון גענעראַל באַקכידעס, וועלכער האָט אין זינען די פּאָליטישע אינטערעסן פון דער סירישער מלוכה, און זיין ערשטע אַרבעט איז כאַפּן זעכציק מאַן פון דער חשמונאים־פּאַרטיי (מעגלעך די מיטגלידער פון זייער כנסת הגדולה) און לאָזן זיי טויטן. אַלקימוס האָט גלייך פאַרלוירן זיין חן ביים רוב פון פאָלק, אויך באַקכידעס מוז זיך צוריקציען און לאָזט אין ירושלים בלויז אַ קליינעם סירישן גאַרניזאָן.

ווי נאָר באַקכידעס פאַרלאָזט יהודה, הויבט אָן יהודה המכבי מיט זיינע אָנהענגער צו באַלעסטיקן אַלקימוסן, וועמען זיי מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן טויט פון די זעכציק הינגעריכטעטע. אַלקימוס לויפט קיין אַנטיאָכיע זיך באַקלאָגן פאַרן מלך. דער מלך דעמעטריוס שיקט גלייך זיין קריגס־פירער, דעם אונדז שוין באַקאַנטן ניקאַנאָר, מיט אַ גרויסער אַרמיי צו מאַכן אַ סוף פון יהודה המכבי און די רעבעלן, מיט וועלכע ער פירט אָן. ניקאַנאָר קומט קיין ירושלים, אָבער ער טרעפט דאָרט נישט יהודהן, וועלכער איז שוין אַרויס אין פעלד. ניקאַנאָר דראָט אין זיין כעס צו צעשטערן דעם בית־המקדש, אויב יהודה וועט אים נישט אַרויסגעגעבן ווערן. דערוויסנדיק זיך אַז יהודה מיט זיין חיל שטייט אין חדשה (ניי־שטאָט), טרעט ניקאַנאָר אַרויס מיט זיין

מיליטער און דערגרייכט ביז בית חורון, א דרייסיק סטאַדיען פון חדשה, דאָרט ווערט ער פלוצלינג איבערגעפאַלן פון יהודהס קעמפער, וועלכע האַלטן אָפּ א גרויסן נצחון, ערב פורים פון 161. ניקאַנאָר פאַלט אין שלאַכט, זיינע חילות ווערן צעשטויבט. דער זיג איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט איינגעפירט צו פייערן אים יערלעך אלס דער טאָג פון ניקאַנאָר, א טאָג פארן טאָג פון מרדכי (פורים).

יהודה המכבי בלייבט ווידער דער פאַקטישער רעגירער פון דער מדינה. אויף צו פארזיכערן זיין לאַגע, ווי אויך אויף אונטערצושטרייכן זיין שטרעבונג צו אומ־אָפּהענגיקייט, שיקט ער שליחים קיין רוים, אויף צו פאָרשלאָגן א בונד דעם סענאַט פון דער רעפובליק. דער סענאַט, וואָס האָט מער נישט געוואָלט ווי צעברעקלען די מלוכה פון סיריע, בכדי לייכטער צו באַהערשן זי, נעמט אָן מיט צופרידנקייט דעם פאָרשלאַג און יהודה ווערט א פאַרבינדעטע פון רוים. אין אָפּמאַך צווישן יהודה און רוים ווערט געזאָגט: „אויב עס וועט טרעפן א מלחמה אין רוים, אָדער אין די לענדער פון זייער הערשאַפט, אָדער פאַרבינדעטע, וועלן זיי די יידן אויפריכטיק העלפן, און אויב עס וועט טרעפן א מלחמה אין לאַנד פון די יידן, וועלן זיי די רוימער קומען צו הילף".ביידע צדדים זענען זיך מתחייב נישט צושטעלן די פיינד פון צווייטן צד נישט קיין שפייז, נישט קיין געלט, אָדער שיפן. מדינת יהודה האָט געמאַכט איר ערשטן שריט אויפן וועג צו פאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט.

אָבער דער בונד מיט רוים האָט נאָך מער דערצערנט דעם מלך דעמעטריוס. ער שיקט גלייך קעגן יהודה פריש מיליטער: צוואַנציק טויזנט פוסגייער, צוויי טויזנט רייטער, אונטער דער אָנפירונג פון פריער דערמאָנטן באַקכידעס. א צוויי חדשים נאָך יהודהס זיג איבער ניקאַנאָר דאַרף ער אָפּשלאָגן דעם אָנגריף פון באַק־כידעס. ער קאָן שוין אָבער נישט צונויפנעמען קיין גרויסן חיל. די חסידים, וואָס האָבן געקעמפט בלויז פאַר רעליגיעזער אויטאָנאָמיע, באַגלייטן אים נישט אין זיין קאַמף פאַר פאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס זיי האַלטן פאַר איבעריק. עס גע־לינגט קוים יהודהן צונויפצוזאַמלען א דריי טויזנט מאַן, קעגן צוויי־און־צוואַנציק טויזנט פון די סיריער. די ראַטגעבער זיינע פאָדערן, מען זאָל זיך דערווייל צוריקציען אין די בערג און פירן א פאַרטיזאַנער־קאַמף. יהודה המכבי איז אָבער פאַר אָן אָפענער שלאַכט: „זאָל מיך גאָט היטן פון אַנטלויפן פארן פיינט, אויב אונדזער שעה האָט געשלאָגן, וועלן מיר שטאַרבן פאַר אונדזערע ברידער ווי העלדן און וועלן נישט נעמען קיין חרפּה אויף אונדזער כבוד". יהודה האָט גוט געהאַט אין זינען די לאָזונג, וואָס ער האָט אמאָל געגעבן זיינע קעמפער: „זכרו את החרפּה!" — געדענקט די חרפּה! דער גרעסטער טייל פון דער קליינער אַרמיי פאַרלאָזט דאָס שלאַכטפעלד, זיי האַלטן דעם קאַמף פאַר פאַרשפּילט. יהודה בלייבט מיט 800 אויסגעפּרואווטע העלדן. ער מאַכט אָן חורבונות אין די סירישע רייען, אָבער די איבערוואָג פון כוחות איז צו גרויס. יהודה מיטן גרעסטן טייל פון זיינע גבורים פאַלן אויפן שלאַכטפעלד ביי אלעשה, אין חודש

ניסן פון יאָר 160. דער נאָמען מכבי איז געבליבן ביי יידן דער אויסדרוק פון העלדישקייט, גבורה און אידעאַליזם. יהודה ווערט באַערדיקט אין פאַמיליען־קבר פון די חשמונאים ביים דאָרף מודיעין. דער קבר האָט זיך אָפּגעהיט ביז היינטיקן טאָג. זינט דער אנשטייאונג פון מדינת ישראל, ברענט דאָרט אַ נר תמיד, פון וועלכן עס ווערט גענומען פייער אויף אָנצוצינדן די חנוכה־ליכט אין די עפנטלעכע געביידעס: כנסת, עיריה און אין די הויפּט־שולן פון לאַנד. אכט שטורקאַצן ווערן דאָרט אָנגעצונדן און אין משך פון די חנוכה־טעג לויפן זיי אַרום דאָס גאַנצע לאַנד. דעם לעצטן טאָג חנוכה ווערן זיי אַלע קאָנצענטרירט אין ירושלים און ווערן איבערגעגעבן דעם מלוכה־פּרעזידענט, אָדער פּרעמיער, ביי אַ פייערלעכן מיליטערישן פּאַראַד פון די יוגנט־באַטאַליאָנען „גדנע", וואָס צעטראָגן די שטורקאַצן איבערן גאַנצן לאַנד, ביים קבר פון הערצל. אזוי האָט די יונגע מדינת ישראל אָנגעקניפּט גייסטיקע פעדעם מיטן אָנדענק פון די, וואָס האָבן מיט איין און צוואַנציק יאָרהונדערט צוריק געקעמפט פאַר יידישער זעלבסטשטענדיקייט.

הערשער און רעגירער פון יהודה אין משך פון דער אָפּהענגיקייט פון די גריכיש־מאַקעדאָנישע מלוכות

1טע עפּאָכע: עגיפּטן 332־198

מלך		כהן גדול
אַלעקסאַנדער מוקדון	323-332	ידוע
פּטאָלאָמעאוס 1 סאָטער	285-312	חוניא א׳
פּטאָלאָמעאוס 2 פילאַדעלפוס	247-285	שמעון א׳
" "	" "	אלעזר
פּטאָלאָמעאוס 3 עווערגעטעס	221-247	חוניא ב׳
פּטאָלאָמעאוס 4 פילאָפּאַטער	204-221	" "
פּטאָלאָמעאוס 5 פילאָמעטער	198-204	שמעון ב׳ הצדיק

2טע עפּאָכע: סיריע 198־ ביז 160

אַנטיאָכעס 3 דער גרויסער	187-198	שמעון ב׳ הצדיק
סעלעווקוס 4	176-187	חוניא ג׳
אַנטיאָכעס 4 עפּיפאַנעס	164-175	ישוע־יאַזאָן ביז 172
" "	" "	מענעלאַאוס ביז 168
" "	" "	יהודה המכבי ביז 162
דעמעטריוס 1 סאָטער	150-162	אלקימוס
אַלעקסאַנדער באַלאַס	145-150	יונתן החשמונאי
דעמעטריוס 2, אַנטיאָכעס 6	142-145	" "

36סטע לעקציע

אין קאמף פאר זעלבסטשטענדיקייט: יונתן החשמונאי

(160 ־ 142 פאר דער א. צ. ר.)

דאס פאלן פון יהודה המכבי האט אבער ווייט נישט געמיינט דאס אויסלעשן פון דער מרידה, וואס דער אלטער מתתיהו החשמונאי האט אנגעצונדן אין 168. די טריי געבליבענע הייפלעך קעמפער, וואס האבן זיך געראטעוועט פון דער שלאכט מיט באקכידעס האבן זיך קאנצענטרירט ארום די דריי לעבנגעבליבענע זין פון דער העלדישער פאמיליע חשמונאי, יוחנן, שמעון און יונתן, אלס פירער ווערט באשטימט דער יינגסטער פון די דריי — יונתן.

יונתן איז נישט נאר א העלדישער קעמפער, ער איז אויך א פראקטישער פאליטיקער, וואס רעכנט זיך מיט אומשטענדן, און א הויך־באגאבטער שטאטסמאן, וואס לאזט קיינמאל נישט ארויס פון אויג דעם הויפט־ציל, צו וועלכן ער שטרעבט: יונתן שטרעבט צו פולשטענדיקער פאליטישער זעלבסטשטענדיקייט פון יהודה. דערווייל, אבער, מוז ער אנהויבן דארט, ווו זיין פאטער מתתיהו האט אנגעהויבן מיט אכט יאר צוריק. זיינע שוואכע מיליטערישע קרעפטן דערלויבן נישט מער ווי אנפירן א פארטיזאנען־קאמף. נישט אלעמאל קאן מען אפילו אזא קאמף פירן. די סירישע חילות, געפירט פון באקכידעס, זענען פיל מאל שטארקער און יונתן מיט די זייניקע מוזן זיך אויסבאהאלטן, ווי דוד ווען ער איז אין זיין צייט אנטלאפן פון די פארפאלגונגען פון שאול אין די מדבריות, פון יענער זייט ירדן, ביי די ארומיקע פריינטלעכע נאמאדן־שבטים, די בני נביות, אא״וו. אין איינער פון די פארטיזאנער־אפעראציעס פאלט דער עלטסטער זון פון מתתיהו, יוחנן החשמונאי.

די אומשטענדן העלפן צו דער פאליטיק פון אפווארטן, וואס יונתן פירט. אלקימוס, דער כהן גדול, וויל זיך איינקויפן אין לאסקע ביי זיינע סירישע בעלי בתים און לאזט צעברעכן די אפצוימונג, וואס האט אנגעוויזן דאס פלאץ ביז וואנען נישט־יידן מעגן צוקומען אין די אויסערלעכע הייף פון בית המקדש. דאס רופט ארויס די פארביטערונג פון פאלק, וואס אלקימוס, א שוואכלינג בטבע, נעמט זיך אזוי שטארק צום הארצן, אז ער שטארבט פון א הארץ־שלאג. באלד פארלאזט אויך דאס לאנד באקכידעס, נאכדעם ווי ער האט באפעסטיקט א רייע שטעט, און געלאזט אומעטום שטארקע גארניזאנען. יהודה בלייבט פאקטיש אן א רעגירונג (160).

א פּאָר יאָר איז אין לאַנד רואיק, יונתן נוצט אויס די צייט אויף צו אָרגאַ־ניזירן זיינע כוחות און ער הויבט אָן אויסאיבן אַ דרוק אויף די העלעניזירער, וואָס זענען ביי דער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד. יענע באַקלאָגן זיך פאַרן מלך, און דע־מעטריוס שיקט ווידעראַמאָל באַקכידעסן מאַכן אָרדענונג אין יהודה. באַקכידעס באַ־לאַגערט די חשמונאים ־ ברידער אין דער מדבר־שטאָט בית חגלה, אָבער זיי גע־לינגט אָפּצוהאַלטן אַ גרויסן, ווען אפילו נישט קיין פולשטענדיקן, זיג איבער די סירישע חילות, און דער סירישער גענעראַל באַקכידעס מוז שליסן שלום מיטן חשמונאי־רעבעל יונתן. באַקכידעס ציט זיך צוריק קיין סיריע און יונתן מיט די זייניקע באַפעסטיקט זיך אין דער שטאָט מכמש, בילדנדיק אַ מין נאַציאָנאַלע רעגירונג, וואָס עקזיסטירט איינצייטיק מיט דער העלעניסטישער אַדמיניסטראַציע אין ירושלים. פינף יאָר איז דאָס לאַנד פולשטענדיק רואיק (153־158) און יונתן נוצט אויס די צייט אויף צו פאַר־גרעסערן און אָרגאַניזירן זיינע מיליטערישע כוחות.

אין 153 הויבן זיך ווייטער אָן מהומות אין סיריע, ווו עס ברעכט אויס אַ פרישער קאַמף אַרום טראָן. אַ געוויסער אוואַנטוריסט אַלעקסאַנדער באַלאַס גיט זיך אויס פאַר אַ זון פון אַנטיאָכעס דעם פערטן (עפּיפאַנעס) און קומט מאָנען דעם טראָן. דער פּרעטענדענט ווערט אַנערקענט פון אַ רייע אַזיאַטישע מלכים, ווי אויך פון דעם סענאַט אין רוים. עס אַנטוויקלט זיך אַ מלחמה צווישן מלך דעמעטריוס און דעם אוואַנטו־ריסט באַלאַס.ביידע זוכן פאַרבינדעטע און ווענדן זיך צו יונתן, וואָס איז דער אָנפי־רער פון אַ באַדייטנדיקן מיליטערישן כוח. דעמעטריוס ווענדט זיך צו יונתן ווי צו אַ טרייען אונטערטאַן, ער זאָל אים קומען צו הילף קעגן אוזורפּאַטאָר, ער דערלויבט אים אפילו צו מאָביליזירן חילות פאַרן קאַמף. יונתן נוצט אויס די דערלויבעניש פאַר זיינע נאַציאָנאַלע צילן. ער פאַרנעמט ירושלים, דאָס סירישע מיליטער ווערט אָפּ־גערופן קיין סיריע, עס בלייבן נאָר גאַרניזאָנען אין בית צור און אין שטאָט־פעסטונג פון ירושלים. יונתן הויבט גלייך אָן בויען די מויערן פון ירושלים, אָרגאַניזירט אַ נייע שטאָט־פאַרוואַלטונג אויף מער דעמאָקראַטישע יסודות (חבר־עיר). אַלעקסאַנדער באַלאַס וויל נישט בלייבן הינטערשטעליק אין חסדים צו אַזאַ מעכטיקן פאַקטאָר ווי דער חשמונאי־פירער. באַשטימט ער יונתן פאַר כהן גדול און שיקט אים אַ פּורפּור־מאַנטל און אַ כהונה־קרוין אַלס מתנה. סוכות פון 152 ריכט יונתן צום ערשטן מאָל אָפּ גאָטעס־דינסט אין בית־המקדש אַלס אָפיציעלער כהן־גדול.

דער מלך דעמעטריוס קאָן נישט בלייבן הינטערשטעליק קעגן די חסדים פון זיין קעגנער און ער גיט דעם פאָלק פון יהודה אַ רייע הנחות, בכדי איינצוהאַלטן אים אויף זיין צד, אָדער, לכל הפחות, קויפן זיין נייטראַליטעט. ער גיט איבער פאָרמעל צו יונתן די קאָמאַנדע איבער דער שטאָט־פעסטונג פון ירושלים (אקרא). ער באַפרייט יידן פון אַ רייע צינזן, פון מלוכה־דינסט אין די טעג פון שבת, ראש חודש און יום־טוב. ער נעמט אויף זיך די הוצאות פון דעם אויפבוי פון די מויערן פון ירושלים,

ער גיט צו צו יהודה דריי דיסטריקטן פון שומרון, ער איז גרייט אויפצונעמען אין זיין אַרמיי דרייסיק טויזנט קעמפער פון יהודה, וואָס זאָלן אָנגעפירט ווערן פון יידישע קאָמאַנדירן. אָבער דאָס אַלץ איז נישט גענוג אויף אַרויסצופירן יונתנען פון זיין נייטראַליטעט, וואָס איז באמת גוטוויליק צו אַלעקסאַנדער באַלאַס.

אין יאָר 150 באַזיגט אַלעקסאַנדער באַלאַס דעם מלך דעמעטריוס און ווערט מלך פון סיריע. דער אַוואַנטוריסט איז זיך מתחתן מיט פּטאָלאָמעאוס, דעם מלך פון עגיפּטן. זיין חתונה מיט דער פּרינצעסין קלעאָפּאַטראַ קומט פאָר אין פּאַלעסטינע, אין דער שטאָט עכו, און יונתן איז איינער פון די אָנגעזעענסטע געסט אויף דער חתונה. קוים דריי יאָר קעניגט באַלאַס רואיק, אין 147 טרעט קעגן אים אַרויס דער זון פון דעמעטריוס דעם ערשטן, דעמעטריוס דער צווייטער. עס ברעכט ווידער אויס אַ בירגער־קריג. יונתן מיידט אויס צו באַטייליקן זיך אין דער מלחמה באמת, אָבער אונטערן אויסרייד פון זיין טריישאַפט צום מלך אַלעקסאַנדער באַלאַס נעמט ער איין די האַפּן־שטאָט יפו, אַשדוד, אַשקלון און שליסט זיי איין אין זיין געביט. אין יאָר 145 באַזיגט דעמעטריוס דער צווייטער אַלעקסאַנדער באַלאַסן און ווערט מלך פון סיריע מיטן טיטל ניקאַטאָר (זיגער).

אָבער די מהומות הערן נישט אויף. אין 142 פּראָקלאַמירט דער גענעראַל טריפאָן דעם קליינעם זון פון אַלעקסאַנדער באַלאַס, אַנטיאָכעס, אַלס מלך פון סיריע מיטן טיטל טעאוס (דער געטלעכער) און אַלס דער זעקסטער מלך מיטן נאָמען אַנטיאָ־כעס. אין אַנטיאָכיע ברעכט אויס אַ מרידה קעגן מלך דעמעטריוס דעם צווייטן. ער ווענדט זיך נאָך הילף צו יונתן, וועלכער שיקט אים אַן אָפּטיילונג פון דריי טויזנט קעמפער. אָבער דערפאַר מוז זיך דער סירישער גאַרניזאָן פון דער ירושלימער שטאָט־פעסטונג (אקרא) צוריקציען קיין סיריע. טריפאָן נעמט פאָרט איין אַנטיאָכיע און דאַן באַשטימט ער יונתן אַלס סטראַטעג (גענעראַל) אין נאָמען פון אַנטיאָכעס דעם זעקסטן איבער גאַנץ פּאַלעסטינע, פון ראַס־איל נקורה (סולמה של צור) ביזן נחל מצרים. יונתן און שמעון נוצן אויס די געלעגנהייט און נעמען איין, אין נאָמען פון מלך אַנטיאָכעס, די שטעט אַשקלון און עזה, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דעם יידישן סטראַטעג. די חשמונאים־ברידער האַלטן אויך אָפּ אַ זיג איבער די חילות פון דעם אַראָפּגעזעצטן מלך דעמעטריוס ניקאַטאָר אין צפון פון ארץ ישראל און ברייטערן אַזוי אַרום אויס די גרענעצן פון זייער געביט. זיי צווינגען אויך דעם גאַרניזאָן פון בית צור, וואָס איז געבליבן טריי דעם מלך דעמעטריוס, צו קאַפּיטולירן, און פאַרנע־מען די שטאָט מיט דער פעסטונג. פאָרזעצנדיק די מלחמה קעגן דעמעטריוס, אַלץ אין נאָמען פון אַנטיאָכעס דעם זעקסטן און זיין שטאַטהאַלטער, דעם פאַקטישן מושל טריפאָן, דערגייט יונתן מיט זיינע חילות ביז דמשק, און שמעון נעמט איין דעם וויכ־טיקן פּאָרט פון יפו. בלויז דער גאַרניזאָן פון דער שטאָט־פעסטונג אין ירושלים בלייבט אויף זיין אָרט.

טריפאָן ווערט באַאומרואיקט פון דעם אויסגעוואַקסענעם כוח פון די חשמו־

נאַים־ברידער. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי קעמפן נאָר לפנים־וועגן אין נאָמען פון מלך אַנטיאָכעס, באמת האָבן זיי אינזינען צו באַפעסטיקן זייער אייגענע יידישע מאַכט, און ער קומט מיט אַ גרויסער אַרמיי קיין בית־שאן, אין ירדן־טאָל. יונתן גייט אים אַרויס מקבל פּנים זיין מיט פערציק טויזנט קעמפער. טריפאָן זעט איין, אַז דער יידישער סטראַטעג איז צו שטאַרק, לאָזט ער זיך אויפן וועג פון פאַרראַט. ער דערקלערט יונתנען, אַז ער איז גאָרנישט געקומען מלחמה האַלטן מיט אים, נאָר, אדרבא, מישב זיין זיך וועגן אייניקע מלוכה־ענינים. דער קלוגער יונתן פאַלט אַריין אין נעץ. ער צעלאָזט זיין חייל, בלייבט בלויז מיט דריי טויזנט מאַן, קומט אין לאַגער פון טריפאָן מיט אַן ערן־וואַך פון טויזנט קעמפער. דאָרט ווערט ער פאַרהאַלטן פון טריפאָן, אַוועקגעפירט קיין עכו, וווּ ער דערמאָרדעט זיין באַגלייטונג און פאַרהאַלט יונתנען ווי אַן ערובניק.

גלייך ווערט פאַררופן אין ירושלים אַ פאָלקס פאַרזאַמלונג, וואָס באַשטימט שמעון החשמונאי, דעם לעצטן זון פון מתתיהו, אַלס רעגירער אַנשטאָט זיין ברודער יונתן. שמעון טרעט אַרויס מיט אַ שטאַרקער אַרמיי קעגן טריפאָן, אָבער יענער דער־קלערט אים, אַז ער האָט פאַרהאַלטן יונתנען בלויז אַלס משכון פאַר די הונדערט טאַ־לאַנטן זילבער, וואָס ער איז שולדיק דער מלוכה. אויב שמעון וועט אים אָפּגעבן דעם סכום און וועט אים צושיקן אַלס ערובניקעס צוויי זין פון יונתן, וועט ער אים באַפרייען. בלית ברירה מוז שמעון נאָכקומען די פאָדערונג. טריפאָן פרוּווט זיך אויך אַריינרייסן אין יהודה, נאָר עס פאַלט אויס אַ געדיכטער שניי און ער מוז זיך צוריק־ציען. עס ווערט דאַן פאַרפאַסט אַ פאָלקס לידל, אין לויב פון גאָט וואָס שיקט שניי:

הנותן שלג כצמר,	ער גיט שניי ווי וואָל,
כפור כאפר יפזר	אייז שפּרייט ער ווי אַש,
משליך קרחו כפתים,	וואַרפט זיין אייז ווי ברעקלעך,
לפני קרתו מי יעמד?	ווער קאָן ביישטיין זיין קעלט?

(תהילים קמ״ז, 16)

אין כעס פאַר זיין דורכפאַל טויט טריפאָן יונתנען און זיינעביידע זין. שמעון קויפט אויס דעם טויטן קערפּער פון יונתן און באַערדיקט אים אין פאַמיליע־קבר אין מודיעים.

אין 142 טויט טריפאָן דעם פּופּן־קעניג אַנטיאָכעס דעם זעקסטן און פּראָ־קלאַמירט זיך פאַר מלך פון סיריע. דאַן ווענדט זיך שמעון צום פאַריקן מלך דעמעט־ריוס דעם צווייטן און פועלט ביי אים אויס פאַר היפּש געלט און מתנות, ער זאָל אָנערקענען די אומאָפּהענגיקייט פון יהודה. 26 יאָר האָט געדויערט דער קאַמף פון די חשמונאים, פון 168, ווען מתתיהו האָט אויפגעהויבן די פאָן פון מרידה פאַר רע־ליגיעזער פרייהייט, ביז זיין זון שמעון האָט דעפיניטיוו געגרינדעט דעם צווייטן שטאַט פון יידישן פאָלק: די אומאָפּהענגיקע מדינת יהודה. דער יום־טוב חנוכה, וואָס פלעגט ביז דאַן געפייערט ווערן בלויז אין יהודה. ווערט פון 142 געפייערט בכל תפוצות ישראל, ווייל ער האָט אומגעקערט דעם פאָלק ישראל זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענ־דיקייט און דערעפנט די צווייטע שטאַטלעכע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע.

אונטער אייגענע הערשער: שמעון החשמונאי

(142 ־ 135 פאר דער א. צ. ר.)

אין 142 איז שמעון חשמונאי אנערקענט געוואָרן אַלס זעלבסטשטענדיקער הערשער מצד דעם מלך פון סיריע דעמעטריוס דער צווייטער, ניקאַטאָר. דאָס איז אָבער נישט געווען גענוג. ביי יידן האָט יעדע וויכטיקע ענדערונג אין פּאָליטישן אָדער רע־ליגיעזן לעבן געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן פון פאָלק.

אין 141 ווערט פאַררופן א פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וואָס דאַרף באַהאַנדלען די צוקינפטיקע רעגירונגס פאָרם פון לאַנד. אין געדעכעניש פון פאָלק זענען פאַרבליבן צוויי רעגירנדיקע דינאַסטיעס: דאָס מלוכה־הויז פון דוד, וואָס איז באַזייטיקט גע־וואָרן אין די צייטן פון דער פערסישער הערשאַפט דורך דער כהנים־דינאַסטיע פון צדוק, אָבער פון וועלכן דאָס פאָלק האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט און אַלעמאָל געהאָפט אויפן דערלייזער, וואָס דאַרף שטאַמען פון זיין אוראַלטער מלכים־דינאַסטיע (משיח), און די כהנים־דינאַסטיע פון צדוק, וואָס האָט זיך שטאַרק קאָמפּראָמעטירט מיט איר טענדענץ צו העלעניזאַציע. די נעמען פון ישוע־יאַזאָן, מענעלאַאוס און אל־קימוס זענען פאַרבליבן ווי א בראַנד־צייכן פון נאַציאָנאַלן פאַרראַט. די פאָלקס־פאַרזאַמלונג אַנערקענט די נייע כהנים־דינאַסטיע פון די חשמונאים, וואָס האָט אויס־געקעמפט די זעלבסטשטענדיקייט און האָט פאַקטיש געהאַלטן די רעגירונג פון לאַנד אין אירע הענט.

שמעון ווערט פּראָקלאַמירט אַלס רעגירער, וואָס גיט איבער זיין הויכן אַמט בירושה צו זיינע דורות. אָבער ער באַקומט נישט דעם טיטל מלך. ער ווערט אנערקענט אַלס נשיא, כהן־גדול, סגן און שר־עם־אל; העכסטער ציווילער, רעליגיעזער און מיליטערישער מנהיג, ביז: „עס וועט אויפשטיין אַן אמתער נביא אין ישראל", ס'הייסט, דער וואָס דאַרף אָנזאָגן דאָס קומען פון משיחן. זיינע אויפגאַבן זענען: „אָפּהיטן דעם בית־המקדש, באַשטימען באַאַמטע פאַרן גאָטעס־דינסט, איבערן לאַנד, אויפן מיליטער

און אויף די פעסטונגען. און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אים געהאָרכזאַם זיין, און אַלע דאָקומענטן זאָלן געשריבן ווערן אין זיין נאָמען, און ער זאָל טראָגן קליידער פון פורפור און גאָלד, און קיינער פון פאָלק, אָדער פון די כהנים, זאָל נישט וואַגן צו פאַרשטערן אָט די רייד און אים אומגעהאָרכזאַם זיין, אָדער מאָביליזירן דאָס פאָלק אָן זיין צושטימונג, אָדער טראָגן פורפור־קליידער, אָדער אַ גאָלדענעם גאַרטל. און ווער עס וועט עובר זיין אויף איינער פון די זאַכן, וועט באַקומען זיין שטראָף" (חשמונאים א').

אַלס פאַקטישער אויסדרוק פון דער מלוכה־סוווערעניטעט לאָזט שמעון אָפּ־גיסן מטבעות, וואָס האָבן אויף זיך דעם נאָמען שמעון, און אייניקע עקזעמפּלאַרן זענען דערגאַנגען צו אונדזערע צייטן; ער באַנייט אויך דעם בונד מיט רוים און מיט ספּאַרטאַ, די רומפולע אַנטיקע שטאָט פון גריכנלאַנד.

שמעון זעצט פאָר די מיליטערישע אָפּעראַציעס, וואָס דאַרפן פאַרוואַנדלען יהודה אין ארץ ישראל. ער באַלאַגערט די שטאָט־פעסטונג (אקרא) פון ירושלים און צווינגט דעם סירישן גאַרניזאָן, וואָס האָט זי ווידער פאַרכאַפּט אין די אומרואיקע טעג, זיך אונטערגעבן און פאַרלאָזן די שטאָט (כ"ג אייר 141). ער דעראָבערט ווידער די האַפנס ביים ים־ברעג: יבנה, אשדוד און יפו, ווי אויך די שטאַרק באַפעסטיקטע גזר, ביים ראַנד פון יהודה. די אַלע שטעט האָבן זיך באַפרייט פון דער חשמונאים־אַדמיניסטראַציע אין די אומרואיקע טעג נאָכן טויט פון יונתן. איצט ווערן זיי צוריק אומגעקערט דער מלוכה פון יהודה. אַלס רעגירער פון די נאָכאַמאָל דעראָבערטע געביטן ווערט באַשטימט דער טראָן־יורש יוחנן.

אין 138 ווערט דער סירישער מלך דעמעטריוס, וועלכער האָט געקעניגט אויף איין טייל פון דער אימפּעריע, בשעת אין דער הויפּטשטאָט אַנטיאָכיע האָט געהערשט דער אוזורפּאַטאָר טריפאָן, געפאַנגען אין אַ מלחמה קעגן די פּערסער, און זיין ברודער, אַנטיאָכעס דער זיבעטער, מיטן ביינאָמען סידעטעס, נעמט זיך צוריקשטעלן די גאַנצ־קייט פון דער סירישער מלוכה. ער לאַדט איין שמעונען צו העלפן אים באַזיגן דעם אוזורפּאַטאָר, און טריפאָן ווערט באַזיגט און געטויט. אָבער ווען דער מלך אַנטיאָכעס סידעטעס פילט זיך פעסט אויפן טראָן, זוכט ער אַן אויסרייד צו פאַרפירן מלחמה מיט שמעונען. ער פאָדערט פון אים אומקערן צו סיריע די שטעט יפו און גזר, אָדער באַצאָלן פאַר זיי 1000 זילבער טאַלאַנטן. שמעון ענטפערט, אַז די שטעט זענען פון קדמונים יידישער באַזיץ. ער איז גרייט פון דרכי שלום וועגן איינצאָלן הונדערט טאַ־לאַנטן. דאַן שיקט אַנטיאָכעס סידעטעס קעגן יהודה זיין קריגספירער קאַנדעבעאוס פון הירקאַניע, אָבער שמעון קאָן אַרויסשטעלן קעגן דעם סירישן אָנגריף אַ מחנה פון צוואַנציק טויזנט פוס־גייער און עטלעכע טויזנט רייטער אונטער דער אָנפירונג פון צוויי פון זיינע זין, יוחנן און יהודה, וועלכע צעקלאַפּן די אַרמיי פון קאַנדעבעאוס. יוחנן באַקומט דאַן דעם צונאָב־נאָמען הורקנוס, אין אָנדענק פון דעם זיג וואָס ער האָט אָפּגע־

האלטן איבערן גענעראל פון הירקאניע. מער האט שמעון קיין מלחמות נישט געפירט.

דער ספר השמונאים א׳ ברענגט א פרעכטיקע באשרייבונג פון מצב פון מדינת יהודה אונטער דער פירערשאפט פון שמעון:

הארץ נתנה יבולה
ועץ השדה — פרים,
זקנים ישבו בחוצות
וישיחו כלם בטובות,
הצעירים לבשו פאר
ובגדי מלחמה,
בערים נתן אכל
ויכן להם כלי־מבצר,
עשה שלום בארץ
וישמח את ישראל
שמחה גדולה.

די ערד האט געגעבן איר גערעטעניש
און די ביימער פון פעלד זייער פרוכט.
אלטע לייט זענען (רואיק) אין די גאסן געזעסן,
געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך.
יונגעלייט האבן זיך פרעכטיק געקליידט
און געטראגן מלחמה־קליידער.
אין די שטעט האט ער עסנווארג פארגרייט,
באזארגט זיי מיט פעסטונגען.
שלום האט ער געמאכט אין לאנד
און דערפרייט דאס פאלק ישראל,
א גרויסע שמחה.

עס איז אויך ארגאניזירט געווארן די אדמיניסטראציע פון לאנד. שמעון איז נישט געווען קיין זעלבסטהערשער. די תורה, וואס איז פראקלאמירט געווארן אלס גרונד־געזעץ פון לאנד אין 435 אונטער עזרא און נחמיה, איז פארבליבן די קאנסטיטוציע פון דער נייער מדינה. פאר דער ווייטערדיקער געזעצגעבונג איז געווען די כנסת הגדולה, וואס האט געביטן איר נאמען אויף חבר־היהודים, די געזעצגעבערישע פארזאמלונג פון דער מלוכה פון יהודה. כפי אלע געזעצן האבן געמוזט זיין באזירט אויף די געבאטן פון דער תורה, זענען אין חבר היהודים געזעסן אויך די געלערנטע, וואס האבן, ווי די אמאליקע סופרים, געקאנט אויסטייטשן די תורה. דער חבר היהודים איז אויך געווען דער העכסטער טריבונאל. אלס מלוכה־פארלאמענט און העכסטער טריבונאל פלעגט דער חבר פרעזידירט ווערן פון נשיא־כהן־גדול, אלס אקאדעמיע פאר געזעץ־אויסטײ־טשונג פלעגט ער פרעזידירט ווערן פון צוויי ספעציעל דערצו באשטימטע פארזיצער (די זוגות).

אין די צייטן פון שמעון החשמונאי האבן אמטירט אלס אזעלכע פארזיצער יוסי בן יועזר איש צרדה און יוסי בן יוחנן איש ירושלים. זיי האבן געקעמפט קעגן די סעקולאריסטישע טענדענצן פון דער נייער מדינה צו ווערן א לאנד ווי אלע לענדער. זיי האבן געוואלט האבן יהודה אין איר פולן אייגנארטיקן דרך פון א „קעניגרייך פון כהנים און הייליק פאלק״. אונטער זייער איינפלוס איז אויסגערופן געווארן טומאה אויף אלע לענדער אויסער יהודה. ווער עס זיצט אין אויסלאנד ווערט באטראכט ווי ריטואל־אומריין און ווען ער קומט צוריק קיין ארץ־ישראל, מוז ער דורכמאכן א צערע־מאניאל פון ריטועלער רייניקונג. קעמפנדיק קעגן לוקסוס, וואס האט אנגעהויבן אריינ־צודרינגען אין לאנד מיט דער פארבעסערונג פון דער עקאנאמישער לאגע, האט דער חבר אויסגערופן טומאה אויף כלים פון גלאז, א לוקסוס־ארטיקל אין יענע צייטן.ביידע פאר־זיצער פון ערשטן חבר היהודים האבן אונדז געלאזט זייערע לערעס: יוסי בן יועזר לערנט:

יהא ביתך בית ועד לחכמים, — זאָל דיין הויז זיין אַ זאַמל־פּלאַץ פאַר די חכמים,
והוה מתאבק בעפר רגליהם, — וואַלגער זיך אין שטויב פון זייערע פיס,
והוה שותה בצמא את דבריהם — און טרינק מיט דורשט זייערע רייד.

יוסי בן יוחנן לערנט:

יהא ביתך פתוח לרוחה, — זאָל דיין הויז זיין ברייט צעעפנט,
ויהיו עניים בני ביתך, — און אָרימעלייט זאָלן זיך ביי דיר פילן היימיש,
ואל תרבה שיחה עם האשה — און שמועס ניט צופיל מיט פרויען.

(פּרקי אָבות,׳ א)

לויט די לערעס קאָן מען שוין פאַרשטיין וואָהין די זוגות, די פאָרזעצער פון די סופרים און פירער פון די פרושים האָבן געפירט דאָס פאָלק.

שמעון החשמונאי האָט אויך צוריק איינגעפירט דעם אוראַלטן מנהג פון אינס־פּעקציע־טורן איבערן לאַנד. ווי שמואל הנביא בשעתו, פלעגט ער באַזוכן די וויכטיקסטע פּונקטן פון לאַנד, באַקאָנען זיך מיט די נויטן פון פאָלק און קאָנטראָלירן די טעטיקייט פון די אָרטיקע באַהערדן. אויף איינעם פון די טורן האָט ער באַזוכט אויך זיין איידעם תלמי בן חביב, וועלכער איז געווען גובערנאַטאָר פון געביט פון יריחו. שוין דער גריכי־שער נאָמען זאָגט עדות, אַז תלמי איז געווען שטאַרק נוטה צו העלעניזם (תלמי־פּטאָלאָ־מעאוס). אַ מענטש מיט אומגעצוימטע אַמביציעס, האָט תלמי פאַרטראַכט צוריקצופירן דאָס לאַנד אויפן וועג פון העלעניזם, פאַרכאַפּנדיק דערביי די רעגירונג. ער איז אויך געווען גרייט זיך אַנערקענען אַלס וואַסאַל פון סיריע. אָן די מאָראַלישע העמונגען פון עכטער יידישקייט, טוט אָפּ תלמי אַ מעשה נורא. ער דערמאָרדעט בשעת אַ באַנקעט אין מגדל דוק זיין שווער און די צוויי זין וואָס האָבן אים באַגלייט אויף דער נסיעה, און פאַרהאַלט די פרוי פון שמעון אַלס ערובניצע. ער שיקט אויך מערדער צו טויטן דעם טראָן־יורש יוחנן.

אָבער יוחנן באַקומט באַצייטנס אַ געהעריקע ידיעה, ער איילט קיין ירושלים בכדי צו פאַרכאַפּן די הויפּטשטאָט, איידער תלמי בן חבוב וועט אַהין אָנקומען. די פאַר־שווערונג פאַלט דורך. יוחנן הורקנוס ווערט אַנערקענט פון דעם חבר היהודים. אַלס נשיא, כהן גדול און שר־עם־אל. תלמי בן חבוב אַנטלויפט צו זיין פאַרבינדעטן זענאָן קאָטולאָ, דעם טיראַן פון עמון, אָבער פריער לאָזט ער טויטן זיין שוויגער, די מוטער פון יוחנן הורקנוס (135).

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן דער לעצטער זון פון מתתיהו החשמונאי, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין פאָטער און ברידער געדינט דעם פאָלק אין משך פון 33 יאָר און האָט דערפירט די צוריק־אויפגעשטאַנענע מלוכה פון יהודה צו אַ הויכער מדרגה פון ווילשטאַנד. שמעון איז מיט אַלע כבודים באַערדיקט געוואָרן אין פאַמיליען־קבר פון די חשמונאים, וווּ עס רוען די רעשטן פון די גרעסטע קעמפער, וואָס אַ פאָלק האָט ווען עס איז געהאַט.

38סטע לעקציע

אין אויפשווּנג פון כוחות: יוחנן הורקנוס ו

(135 ־ 104 פאַר ד. א. צ. ר.)

דער שטאַטסקלאַפּ פון תלמי בן חבוב איז נישט געווען בלויז אַן אינערלעכער ענין. הינטער די פּרעטענזיעס פון די העלעניסטן זענען געשטאַנען די פאָדערונגען פון דער סירישער מלוכה, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון איר אויבערהערשאַפט איבער יהודה. ווען די פאַרשווערונג פון תלמי בן חבוב פאַלט דורך, און נאָך איידער יוחנן־הורקנוס באַוויזט צו באַפעסטיקן זיך אין דער מאַכט, דרינגען אַריין אין יהודה די חילות פון סירישן מלך אַנטיאָכעס דעם 7טן, סידעטעס (131), מאַכן אַן חורבונות אין לאַנד און באַלאַגערן ירושלים. די שטאָט הויבט אָן ליידן פון הונגער און יוחנן הורקנוס זעט זיך געצוווּנגען אַרויסצושיקן פון שטאָט אַלע מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט אַקטיוו באַטייליקן אין דער פאַרטיידיקונג. סידעטעס לאָזט זיי נישט דורך דורך זיין לאַגער, און עס שאַפט זיך אַ ביז גאָר שווערע לאַגע. אָבער די סירער האָבן עס אויך נישט פיל בעסער. די שטאָט איז שטאַרק באַפעסטיקט. זי ווערט העלדיש פאַרטיידיקט. ביידע צדדים הויבן אָן פאַרהאַנדלען און לסוף ווערט דערגרייכט אַ שלום.

יהודה דערהאַלט איר זעלבסטבאַשטימונג, אָבער נישט די פולע אומאָפּהענגי־קייט. דער נשיא פון יהודה אַנערקענט זיך אַלס וואַסאַל פון סירישן מלך און אַלס צייכן פון אונטערטעניקייט מאַכט ער עטוואָס נידעריקער די מויערן פון ירושלים. ער באַצאָלט אויך דעם מלך אַן איינמאָליקן צינז פון פינפהונדערט זילבער טאַלאַנטן. אויף צו קריגן דאָס געלט, עפנט יוחנן־הורקנוס די אוצרות, וואָס זענען פון קדמונים געווען באַהאַלטן אין קבר פון דוד המלך. אָבער אונטערן רשות פון יהודה בלייבן די אַלע געגנטן, וואָס די חשמונאים האָבן איינגענומען. די דאָזיקע אונטערטעניקייט דויערט אָבער נישט מער ווי אַ פּאָר יאָר. אין יאָר 129 נעמט אַנטיאָכעס סידעטעס אונטער אַ מלחמה קעגן די פּאַרטיער. יוחנן־הורקנוס מוז אָנשליסן אין דער סירישער אַרמיי אויך אַ יידישע אָפּטיי־לונג, אָבער דער וואַסאַל פון יהודה איז אַזוי וויכטיק, אַז ווען עס קומט אַ שבת און

באַלד אויף מאָרגן שבועות, מוז דער גאַנצער חיל פאַרהאַלטן זיין מאַרש אויף צוויי טעג, ווייל די יידישע זעלנער רירן זיך נישט פון אָרט אין די טעג פון זייערע שבתים און ימים טובים. אין סיריע הויבן זיך אָן מהומה־יאָרן. אַנטיאָכעס סידעטעס פאַלט אין דער מלחמה מיט די פּאַרטיער. דעמעטריוס דער צווייטער, געשטיצט פון די פּאַרטיער, ווערט ווידער מלך פון סיריע פון 129 ביז 125, ווען ער ווערט אַראָפּגעזעצט פון דעם אוואַנטור־ריסט אַלעקסאַנדער זאַבינאַ (125־122), וועלכער שליסט אַ בונד מיט הורקנוס; ס'הייסט, ער אַנערקענט אים אַלס אַן אומאָפּהענגיקן הערשער. אָבער אַלעקסאַנדער זאַבינאַ ווערט געשטירצט און געטויט דורך אַנטיאָכעס דעם אַכטן, גראַפּאַס, אין יאָר 122; אין 111 טרעט אַרויס קעגן אים זיין שטיף־ברודער, אַנטיאָכעס דער ניינטער, קאַזאַקינעס. די מהומות אין סיריע הערן נישט אויף.

יוחנן הורקנוס נוצט אויס די לאַגע אין סיריע נישט נאָר אויף צו באַפעסטיקן די אומאָפּהענגיקייט פון דער מדינה, נאָר אויך אויף אויסצוברייטערן די גרענעצן פון לאַנד איבער גאַנץ ארץ ישראל, ווי אין די צייטן פון דוד, שלמה, ירבעם דעם צווייטן און עוזיה. די באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל איז דאַן זייער פאַרשידנאַרטיק. פאַראַן ריין־גריכישע שטעט, פאַראַן ישובים פון העלעניזירטע נישט־יידישע פעלקערשאַפטן, פאַראַן אויך העלעניזירטע האַלב־יידישע שטאַמען ווי די אדומים אין דרום־יהודה, די שומרונים אין צענטער פון ארץ ישראל, עמון און מואב אין עבר הירדן, און די רעשט־לעך פון די שבטים נפתלי, אשר, דן, זבולון, וואָס האָבן זיך היפּש אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג און באַוווינען דעם עמק יזרעאל און דעם אונטערשטן גליל. אַממערסטן פאַרגוויאישט זענען די אדומים, וואָס זענען אפילו אַריבער צו געצנדינסט, דער נאָמען פון זייער געץ איז קאָז, האָבן פאַרלאָזט דעם מנהג פון מילה, וואָס איז געווען געמיינזאַם צו אַ סך האַלב־עברישע שטאַמען. אָבער די אדומים האָבן דאָך נאָכן חורבן פאַרכאַפּט דעם דרום פון יהודה, און צווישן זיי זענען פאַרשלונגען געוואָרן פיל משפחות פון יהודה, וואָס האָבן נאָך דערהאַלטן אייניקע יידישע פירונגען. אַמנאָנטסטן צו די בני יהודה זענען געווען די שומרונים. ווען אפילו פּאָליטיש דעפיניטיוו אָפּגעריסן אין די צייטן פון אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס, ווען זיי האָבן געלייקנט אין זייער יידישן אָפּשטאַם און האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווי „פעניציער, וואָס וווינען אין שכם", האָבן זיי דאָך געדינט צום גאָט פון די אבות. זיי האָבן געהאַט די תורה ווי זי איז רעדאַגירט געוואָרן פון עזרא, ווען אפילו אין אַלט־עברישן כתב, אין דעם בית־המקדש, וואָס זיי האָבן אויפגעבויט אויפן באַרג גריזים, דער באַרג פון דער ברכה, לויט אַ ביבלישער טראַדיציע, האָבן געפּראַוועט גאָטעס־דינסט אָפּשטאַמער פון די כהנים פון ירושלים, וואָס האָבן זיך אין די צייטן פאַר עזרא און נחמיה מתחתן געווען מיט די פירנדיקע שומרונישע פאַ־מיליעס. שפּעטער אפילו וועט דער תלמוד עדות זאָגן, אַז די מצוות וואָס די שומרונים (כותים) האַלטן יאָ, היטן זיי אָפּ בעסער פון די יידן גופא.

יוחנן הורקנוס באַשליסט צו באַזיגן די אַלע פעלקערשאַפטן און זיי איינשליסן

אין זיין מלוכה, אַרויפצווינגענדיק אויף אייניקע פון זיי דעם יידישן דת. דער חבר־היהודים איז נישט מסכים נישט צו דער עקספּאַנסיוו־פּאָליטיק, נישט צו דער געצוווּנגענער פאַריידישונג פון פרעמדע און האַלב־פרעמדע שטאַמען. יוחנן הורקנוס מוז דערפאַר צוגעבן צו זיינע יידישע חילות, וואָס זענען בלויז גרייט צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, אויך געדונגענע זעלנער, נישט־יידן, וואָס פירן דורך אָט די אָנגעצייכנטע פּאָליטיק. יוחנן הורקנוס נעמט איין די שטאָט מידבא אין לאַנד מואב און דעם געגנט פון כּפר־סמא, אין געביט פון גלעד, ביידע אין עבר־ הירדן, ער נעמט אויך איין שכם און צעשטערט דעם בית־המקדש פון די שומרונים אויפן באַרג גריזים, אין דער האָפענונג אַז אַזוי אַרום וועלן די שומרונים אָנהויבן באַזוכן דעם בית־המקדש אין ירושלים. נאָכהער נעמט ער איין דאָס לאַנד אדום און צווינגט די באַפעלקערונג אָנצונעמען דעם יידישן דת און מל זיין אַלע זכרים. אין אַ צווייטן קריגס־צוג נעמען איין זיינע זין יהודה־אַריסטאָבלוס און מתתיהו־אַנטיגנוס די שטאָט שומרון. די שומרונים רופן צו הילף דעם סירישן מלך אַנטיאָכעס 9־טער קאַזיקינוס, אָבער די חשמונאים־פּרינצן צעשטויבן זיינע חילות. שומרון ווערט צעשטערט ביזן גרונט. די חשמונאים־פּרינצן נעמען אויך איין דעם עמק יזרעאל און דעם גליל התחתון, און אַ סך האַלב־יידישע שטאַמען פון יענע געביטן ווערן באַקערט צו יידישקייט. יוחנן־הורקנוס מאַכט צוריק העכער די מויערן פון ירושלים, וואָס ער האָט געמאַכט נידעריקער אין די צייטן פון אַנטיאָכעס דעם זיבעטן, סידעטעס, און באַנייט דעם בונד מיט רוים. ער לאָזט אויך אויסגיסן מטבעות, וואָס זענען דערגאַנגען ביז צו אונדזערע צייטן. דער אויפשריפט אויף די מטבעות לויטעט: „יוחנן כהן גדול וחבר היהודים", אָדער „יוחנן כהן גדול ראש חבר היהודים". צו די יידישע סימבאָלן: אתרוג, לולב, טרויבן וכו', קומען אויך צו אַנדערע סימבאָלן, דער האָרן פון שפע און אויך אַ מיליטערישער קיווער (כבע ישועות). קורץ, יוחנן הורקנוס פירט זיך ווי אַ פולקאָם זעלבסטשטענדיקער הערשער.

יוחנן־הורקנוס האָט אויך דורכגעפירט אַ רייע רעפאָרמען אין עקאָנאָמישן פּאָליטישן און גייסטיקן לעבן פון לאַנד. ער האָט באַרייכערט דאָס לאַנד מיט פעסטונגען און ירושלים מיט פּאַלאַצן. אַלע זיינע געביידעס טראָגן ריין־העברעאישע נעמען: מצדה, בירה, אאַ"וו. ער אַנטוויקלט אויך דעם ים־מסחר.

אויפן רעליגיעזן געביט האָט ער באַקעמפט דעם עקסטרעמען פאַנאַטיזם. ער האָט אָפּגעשאַפט די עקזאַלטירטע פרומאַקעס, וואָס פלעגן אין די שווערע צייטן פון קאַמף קעגן די סיריער אַרומגיין איבער די גאַסן פון ירושלים, קלאַפּן מיט האַמערס, טייטלען מיט די פינגער אין הימל און אויסשרייען: „עורה! למה תישן ד'?", דערוואַך גאָט, וואָס שלאָפסטו?" אַזאַ פרום־אַפּיקורסישער רוף איז שוין מער נישט נויטיק געווען. דער גאָט פון ישראל האָט דאָך דערוואַכט און אַרויסגעפירט זיין פאָלק פון אומגליק צו אַ גליקלעך לעבן. יוחנן הורקנוס האָט אויך אָפּגעשאַפט דעם מנהג, אַז יעדער ייד וואָס ברענגט מעשר, זאָל אַליין זאָגן דעם העברעאישן טעקסט, אַז ער האָט עס געטאָן ווי

געהעריק. די פאַרגרעבטע עם־הארץ און די נאָר וואָס צוריקגעקערטע און צוגעצויגענע צו דער יידישער אמונה האָבן קיין העברעאיש נישט געקענט, און פאַר זיי איז געווען שווער צו זאָגן די פאָרמולע, האָט עס יוחנן הורקנוס אָפּגעשאַפט. אָבער די תרומות און מעשרות זענען אין זיין צייט ערנטלעך אָפּגעשיידט געוואָרן. די נייע יידן זענען אויך געווען אייפערדיק אויף זייער נייער אמונה און זייער פּאַטריאָטיזם איז געוואַקסן פון דור צו דור אזוי, אַז אין הונדערט אַכציק יאָר ארום, ביים גרויסן געראַנגל מיט רוים, וועלן דווקא די אדומים און די גלילים זיין די, וואָס וועלן קעמפן מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם און מסירת נפש ביז דער לעצטער שעה. אין די צייטן פון יוחנן הורקנוס ווערן אויך פאַרפאַסט און רעדאַגירט אַ רייע תפילות, וואָס ווערן געזאָגט ביים דאַווענען ביז צום היינטיקן טאָג. עס הויבט זיך דאַן אָן צו שאַפן די וויכטיקסטע תפילה, וואָס באַשטייט פון אַכצן קורצע פאָרמולעס (שמונה עשרה) און וואָס ווערט געזאָגט שטייענדיקערהייט (עמידה).

די תפילות זענען געשריבן אין אַ ריינער העברעאישער שפּראַך, וואָס צעבליט זיך דאַן מיט דער גאַנצער פּראַכט. עס הויבן אָן רעדן העברעאיש אַלץ גרעסערע און מערערע טיילן פון פאָלק. ביסלעכווייז ווערט פאַרלאָזט דער הויך־פּאָעטישער און פּאַטעטישער סטיל פון תנ"ך און מען הויבט אָן רעדן העברעאיש פּשוטער, צוגענגלעכער פאַר די מאַסן און צוגעפּאַסטער צום טאָג־טעגלעכן לעבן. עס הויבט זיך דאַן אָן אויסצובילדן דער העברעאישער סטיל, וואָס איז באַקאַנט אַלס דער סטיל פון דער משנה, און איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן פּראַקטישסטן העברעאישן סטיל ביז צו אונדזערע צייטן, ווען מיטן אויפקום פון מדינת ישראל מאַכט די העברעאישע שפּראַך ווידער דורך אַ פּראָצעס פון באַרייכערונג און צופּאַסונג צום טאָג־טעגלעכן לעבן און ווערט פאַרוואַנדלט אין מאָדערנעם עברית.

צוזאַמען מיט דער שפּראַך צעבליט זיך אויך מיט פרישער קראַפט די העברעאישע ליטעראַטור. חוץ תפילות און מזמורים ווערן פאַרפאַסט היסטאָרישע ביכער, אפילו דערציילונגען מיט אַ וועלטלעכן אינהאַלט, ווען אפילו שטענדיק מיט אַ רעליגיעז־באַפאַרבטן מוסר השכל. די דאָזיקע ספרים זענען נישט אַלע אריין אין תנ"ך, אַ טייל וועט שפּעטער דערקלערט ווערן אַלס ספרים גנוזים (באַהאַלטענע ביכער) און זיי האָבן זיך דערהאַלטן נאָר אַדאַנק דעם, וואָס די קריסטלעכע רעליגיע האָט זיי אויך פאַרהייליקט און אַריינגענומען אין איר קאַנאָן, פון וואַנען זיי זענען לעצטנס צוריק איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש.

אין די 31 יאָר פון דער רעגירונג פון יוחנן־הורקנוס האָט דאָס פאָלק פון יהודה אַנטוויקלט זיינע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע כוחות, די פאָלקס־נשמה איז אָפּגעפרישט געוואָרן און באַקומען קרעפטן פאַר ווייטערדיקן קיום. דער נאָמען פון יוחנן כהן גדול ווערט דערפאַר דערמאַנט מיט פאַרערונג אין תלמוד, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז ער איז געווען באַגאַבט מיט רוח נבואה. אין אַנדערע שריפטן ווערט אויף

אים אָנגעוווּנקען ווי אויפֿן פאַרהאָפטן משיח. אָט ווי עס זינגט וועגן זיינע נצחונות אַן ענטוזיאַסטישער תהלים־זינגער :

עתה ידעתי
כי הושיע ד׳ משיחו,
יענהו משמי קדשו,
בגבורות ישע ימינו,

אלה ברכב ואלה בסוסים,
ואנחנו בשם אלוקינו נזכיר,

המה כרעו ונפלו,
ואנחנו קמנו ונתעודד.
ד׳ הושיעה !
המלך יעננו ביום קראנו.

אַצינד ווייס איך,
אַז גאָט העלפֿט זיין געזאַלבטן,
ער ענטפֿערט אים פֿון זיין הייליקן הימל,
מיט די באַהילפֿיקע גבורות פֿון זיין רעכטער האַנט,
די מיט רייטוועגענער און די מיט פֿערד,
אָבער מיר דערמאָנען דעם נאָמען פֿון אונדזער גאָט.
זיי בייגן זיך און פֿאַלן,
און מיר הייבן זיך אויף באַמוטיקט.
גאָט העלף!
וועט דער קעניג אונדז ענטפֿערן אין טאָג פֿון רופֿן.

(תהלים כ׳)

אָבער, ווען אפֿילו אַרויסגעקומען פֿון אַ רעליגיעזן קאַמף, האָבן זיך די חשמו־נאָים־מלוכה און די דינאַסטיע, וואָס האָט אין איר געהערשט, דאָך געמוזט סעקולאַ־ריזירן. אַ מלוכה קאָן זיך נישט באַפֿרייען פֿון פּאָליטיק און מלחמות, קאָן זיך נישט אָפּזונדערן פֿון דער וועלט. די חשמונאָים מוזן זיך דערפֿאַר דערווייטערן פֿון די שטאָק־פֿרומע חסידים, און פֿון די פּרושים פֿון וועלכע זיי זענען אַרויסגעקומען, און זיך דער־נענטערן צו די מער וועלטלעכע עלעמענטן. דאָס צווינגט זיי אפֿילו צו מאַכן שלום מיט דער אַריסטאָקראַטיע, די צדוקים. שוין מתתיהו מוז אָפּשאַפֿן די שטעלונג פֿון די עקסטרעם פֿרומע חסידים וועגן נישט מלחמה האַלטן אום שבת. י ה ו ד ה המכבי פֿירט זיין לעצטן קאַמף אָן די חסידים, וואָס האָבן אים פֿאַרלאָזט, ווי נאָר זייער איינציקער צוועק, רעליגיעזע פֿרייהייט, האָט געשיינט צו זיין דערגרייכט. דער דריטער דור פֿון די חשמונאָים, יוחנן הורקנוס, דערווייטערט זיך, צום סוף פֿון זיין רעגירונג, פֿון די פּרושים און דערנענטערט זיך צו די צדוקים.

אַלס אוממיטלבאַרע סבה פֿאַר דער ענדערונג זאָל האָבן געדינט פֿאָלגנדיקער פֿאַל. נאָך זיינע גרויסע זיגן האָט יוחנן הורקנוס איינגעאָרדנט אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט אויף וועלכן מען האָט אויף באַגילדעטע טישן געגעסן מאכלים פֿון דעם גראָז, וואָס די ערשטע חשמונאָים האָבן געגעסן בשעתן אויסבאַהאַלטן זיך אין די מדבריות (מלוח). אין אַ מאָמענט פֿון אָפֿנהאַרציקייט האָט ער געפֿרעגט די פֿירער פֿון די פּרושים, צי זיי האָבן עפּעס וואָס אויסצוזעצן קעגן אים. איינער פֿון זיי, אלעזר, האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט זיך גענומען צופֿיל מאַכט, אי נשיא, אי כהן־גדול; זאָל ער בלייבן ביי דער נשיאות און אָפּטרעטן די כהונה גדולה; על פּי דין טאָר ער גאָר קיין כהן גדול נישט זיין, ווייל זיין מוטער איז געווען אַמאָל געפֿאַנגען ביי די סיריער. די באַשולדיקונג האָט זיך אַרויסגעצייגט נישט אמת און יוחנן־הורקנוס האָט געפֿאָדערט מען זאָל אלעזרן באַ־

שטראָפן. די פּרושים האָבן אים פאַרמשפּט צו מלקות, גלייך ווי ער וואָלט באַליידיקט אָן איינפאַכן מענטשן. די דעמאָקראַטישע פּרושים האָבן נישט געהאַלטן פון באַגריף „מאַיעסטעטס באַליידיקונג". דאָס זאָל האָבן געווירקט אויף יוחנן הורקנוס אריבערצוגיין פון די דעמאָקראַטישע פּרושים צו די אַריסטאָקראַטישע צדוקים. די ווירקלעכע סיבות זענען אָבער געווען פיל טיפערע, ווי אויבן איז שוין געזאָגט געוואָרן.

אין די צייטן פון יוחנן הורקנוס ווערט די אַקאַדעמישע טעטיקייט פון חבר היהודים, אָנגעפירט פון דעם זוג (פּאָר) יהושע בן פּרחיה און נתאי (נתנאל) הארבלי, וואָס האָבן איבערגעלאָזט צוויי וויכטיקע אַפאָריזמען:

יהושע בן פּרחיה זאָגט:

עשה לך רב,	מאַך זיך אַ רבין,
וקנה לך חבר.	קויף זיך אַ חבר
והוה דן את כל האדם לכף זכות.	און משפּט יעדן מענטשן צום גוטן.

נתאי הארבלי זאָגט:

התרחק משכן רע,	דערווייטער זיך פון אַ שלעכטן שכן,
ואל תתחבר לרשע	חבר זיך ניט מיט קיין רשע
ואל תתיאש מן הפורענות.	און זיי זיך ניט מיאש פון דער שטראָף (וואָס ער וועט באַקומען).

די העלעניזירטע חשמונאים

(יהודה־אַריסטאָבלוס און יונתן־ינאי־אַלעקסאַנדער: 104־76)

דאָס וואָס יוחנן הורקנוס דער ערשטער גייט אַריבער, צום סוף פון זיינע יאָרן פון דעם צד פון די פאָלקסטימלעכע פרושים אויפן צד פון די אַריסטאָקראַטישע און האַלב־העלעניזירטע צדוקים, ברענגט צו דעם, אַז די פאָלקס פּאַרטיי זאָל קאָנצענטרירן אירע האָפענונגען אויפן טראָן־יורש יהודה.

לויט דער מיינונג פון די ביבל־קריטיקער ווערט דאַן פאַרפאַסט דער מזמור ע"ב פון תהלים, וואָס ווען אפילו ער איז געדאַכט ווי געווידמעט שלמהן, האָט ער אָבער אינזינען יהודה בן יוחנן חשמונאי. דער מזמור לויטעט :

אלהים! משפטך למלך תן	גאָט! גיב דיינע משפטים צום מלך
וצדקתך לבן מלך,	און דיין גערעכטיקייט צום בן־מלך.
ידין עמך בצדק,	זאָל ער משפטן דיין פאָלק מיט גערעכטיקייט,
ועניך במשפט.	און דיינע אָרימעלייט מיט רעכט.
ישאו הרים שלום לעם,	די בערג זאָלן טראָגן שלום צום פאָלק,
וגבעות בצדקה,	און די הויכן דורך גערעכטיקייט.
ישפוט עניי עם,	זאָל ער משפטן די אָרימע פון פאָלק,
יושיע לבני אביון	זאָל ער העלפן די געמיינע לייט,
וידכא עקש.	און זאָל אונטערדריקן די רויבער.

(תהלים ע"ב)

דער מילדער כאַראַקטער פון יהודהן האָט עס געלאָזט דערוואַרטן, אָבער די האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן, גראָד אין די צייטן פון די זין פון יוחנן הורקנוס ווערט דער קאָנפליקט מיט דער דעמאָקראַטיע פון די פרושים פאַרשאַרפט. עס שטאַרקט זיך אויך די העלעניסטישע השפעה אויף די הערשער.

נאָכן טויט פון יוחנן־הורקנוס באַשטייגט דעם טראָן זיין זון יהודה, וועלכער האָט אויך געטראָגן דעם גריכישן נאָמען אַריסטאָבלוס (104). ווען אפילו אויף די מטבעות, וואָס מען האָט אין זיין צייט געגאָסן פיגורירט בלויז דער העברעאישער נאָמען

יהודה און דער טיטל כהן גדול: „יהודה כהן גדול וחבר היהודים", ווייסט מען אבער, אז ער האט אויך געהאט א גריכישן נאמען, אז ער האט זיך אפיציעל געלאזט באטיטלען אלס מלך, און אז ער האט געקראגן דעם ביינאמען פילהעלענוס, א ליבהאבער פון גריכנטום. אין זיין צייט האט מען דעם „חבר היהודים" אנגעהויבן רופן מיטן גריכישן נאמען „סנהדרין". א קרענקלעכער מענטש, האט יהודה־אריסטאבלוס געקעניגט בלויז איין יאר (103־104). אין די רעגירונגס ענינים האט אים געהאלפן זיין פרוי, שלומציון־אלעקסאנדרא, און זיין יינגערער ברודער אנטיגנוס (דער יידישער נאמען, ווארשיינלעך מתתיהו), וועלכער האט אנגעפירט מיט די באוואפנטע כוחות פון לאנד.

יהודה־אריסטאבלוס זעצט פאר די פאליטיק פון זיין פאטער און ברייטערט ווייטער אויס די גרענעצן פון לאנד. אנטיגנוס נעמט איין דעם אויבערשטן גליל, ווי אויך א טייל פון לבנון־געביט, וווּ עס לעבן די בני־יטור, וועמען ער גיט די ברירה, אדער באקערן זיך צו יידישקייט, אדער פארלאזן דאס לאנד. אין דעם איינציקן יאר פון זייער פירערישער טעטיקייט שטארבן ביידע ברידער: יהודה אריסטאבלוס פון סוכאטע און אנטיגנוס דורך א הויף־פארשווערונג, לויט אייניקע היסטאריקער; אויפן שלאכטפעלד, לויט אנדערע.

דעם טראן באטרעט דער דריטער זון פון יוחנן־הורקנוס, יונתן, וועמען דאס פאלק רופט פארקירצט ינאי, און וועלכער האט דעם גריכישן נאמען אלעקסאנדער. ער איז אלט קוים 22 יאר און האט חתונה מיט דער אלמנה פון יהודה־אריסטאבלוס, שלומציון־אלעקסאנדרא, אין הסכם מיטן אורא̇לטן געזעץ פון יִבוּם. יונתן־ינאי־אלעקסאנדער איז געווען איינער פון די אקטיווסטע און ענערגישסטע חשמונאים־הערשער און אונטער זיין מלוכה וועט יהודה דערגרייכן א גאר הויכע פאליטישע מדרגה.

די 27 יאר פון יונתן־ינאי־אלעקסאנדערס רעגירונג קאנען צעטיילט ווערן אין דריי פעריאדן: א) די יארן פון די ערשטע דעראבערונג־מלחמות (103־90), ב) דער בירגער־קריג מיט די פרושים (90־85), ג) די יארן פון די לעצטע דעראבערונגס מלחמות (85־76).

כפי דער גאנצער גליל איז שוין געווען אין יידישע הענט, באלאגערט יונתן־ינאי־אלעקסאנדער די האפן־שטאט פון דער געגנט, עכו, וואס רופט זיך אין גריכיש פטאלאמעאוס. צו הילף די באלאגערטע קומט דער הערשער פון אינדזל ציפערן, פטאלאמעאוס־לאטארוס, א זון פון דער עגיפטישער מלכה קלעאפאטרא 12טע, וואס האט אים אראפגעזעצט פון עגיפטישן טראן און געקעניגט אנשטאט אים. לכתחילה האלט יונתן־ינאי־אלעקסאנדער אפ עטלעכע זיגן איבער פטאלאמעאוס־לאטארוס, אבער לסוף שטארקט זיך דער מלך פון ציפערן און זיינע חילות פארנעמען כמעט גאנץ ארץ־ישראל. דאן אינטערווענירט קלעאפאטרא, וואס האט מורא צו האבן איר זון פאר א צו נאענטן שכן. זי שיקט אירע חילות בראש פון וועלכע עס שטייען צוויי כהנים: חנניה און חלקיה, זין פון כהן גדול חוניו דעם פערטן. וואס איז אין די צייטן פון די חשמונאים

קאַמפּאַן אין יאָר 160 אַוועק קיין מצרים און דאָרט געגרינדעט אַ בית המקדש, אין מיט יידן באַזעצטן געגנט פון לעאָנטאָפּאָליס. די עגיפּטישע אַרמיי, אָנגעפירט פון די דער־מאָנטע כהנים, באַזיגט לאַטאַרוס, וועלכער פאַרלאָזט ארץ ישראל. קלעאָפּאַטראַ וויל דאַן דעפיניטיוו פאַרבלייבן מיט יהודה, וואָס זאָל ווערן אַן עגיפּטישע פּראָווינץ מיט אַ ברייטער רעליגיעזער אויטאָנאָמיע, ווי אין די יאָרן 312-198; אָבער איר יידישער קריגס - פירער, דער כהן חנניה (חלקיה איז געפאַלן אין די שלאַכטן), דער־קלערט, אַז ער און די אַרמיי, וואָס האָט אין אירע רייען פיל יידן, וועט זיך קעגנשטעלן דעם פּלאַן: „זאָלסט וויסן, דערקלערט ער דער מלכה, אַז אָט דאָס אומרעכט וועט אונדז, אַלע יידן, פאַרוואַנדלען אין דיינע שונאים". מיט אַזאַ אַנטשלאָסענער שטעלונג האָט זיך קלעאָפּאַטראַ געמוזט רעכענען. די עגיפּטישע חילות ציען זיך צוריק נאָכדעם ווי די מלכה האָט געקראָגן באַצאַלט פאַר דער טרחה. יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער נעמט זיך ווידער צו זיינע דעראָבערונגס מלחמות. ער נעמט איין אייניקע שטעט אין עבר הירדן מיט דער שטאָט גאַדאַראַ (גדר) בראש, ער נעמט אויך איין אַ רייע האַפן־שטעט ביים מיטללענדישן ים: רפיח (איצט ראַפּיאַ), אַנטידאַן (איצט די חורבות פון טעדאַ נעבן עזה). ער נעמט אויך איין עזה זעלבסט. דאָס באַהערשן די האַפן־שטעט דערלויבט נאָך מער צו אַנט־וויקלען דעם אויסלענדישן מסחר פון לאַנד, וואָס ברענגט אַריין רייכטום אין דער מדינה.

די גאַנצע צייט האַלט זיך יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער אין די ראַמען פון אַ קאָנס־טיטוציאָנעלן מאָנאַרך, ווי די חשמונאים זענען געווען. אויף זיינע מטבעות איז פאַראַן בלויז אַ העברעאישע אויפשריפט, וואָס לויטעט: „יונתן הכהן גדול וחבר היהודים". צו די סימבאָלן אויף די מטבעות קומט צו דער ים־אַנקער, וואָס באַווייזט אויף דער הערשאַפט איבערן ים. אָבער דאָס אַריינגעמען אין די גרענעצן פון יהודה הויך־אַנט־וויקלטע מסחר־שטעט, באַזעצט מיט גריכן, שאַפט אַן אייגנאַרטיק פּראָבלעם אין באַצוג צו די מטבעות. די גריכן האָט יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט צווינגען אָנצונעמען יידישקייט. עס איז געווען אַן אַבסאָלוט פרעמדער עלעמענט און מען האָט נישט געטאָרט טראַכטן אפילו וועגן איינשליסן אים אין פאָלק ישראל. אָבער־דער ריין יידישער טיטל כהן גדול זאָגט דאָך זייער ווייניק פאַר די גריכן און דערצו איז דאָך יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער אַליין היפש העלעניזירט. לאָזט ער אויסגיסן אַנדערע מטבעות אויף צוויי שפּראַכן: העברעאיש און גריכיש, מיט דער אויפשריפט „המלך אַלעקסאַנדער". פאַראַן אויך מטבעות מיט דער זעלבער אויפשריפט בלויז אין העברע־איש, דער חבר היהודים ווערט מער נישט דערמאַנט. ס'הייסט אַ פאַרזוך אויף אַליינ־הערשאַפט, אויפן ריין העלעניסטישן שטייגער. די נייע איינפירן האָבן אַרויסגערופן אַ געוויסע אומצופרידנקייט, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו קאָנען קומען צום אויסדרוק. אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען אין יאָר 95.

די יאָרן וואָס יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע מלחמות, האָט ער נישט געקאָנט אַמטירן אַלס כהן גדול אין בית המקדש, און דאָס

האָט פאַר אים געטאָן דער שטעלפאַרטרעטער (סגן). אין יאָר 95, ווען קיין מלחמות זענען נישט געווען, האָט יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער צום ערשטן מאָל אָפּגעריכט די גאָט־טעס־דינסט אין בית־המקדש. אין יום־טוב סכות איז ער געקומען אין קאָנפליקט מיט אַ נייעם מנהג, וואָס די פּרושים האָבן איינגעפירט און פון וועלכן די צדוקים האָבן נישט געהאַלטן, ווייל עס ווערט וועגן אים גאָרנישט דערמאָנט אין תורת משה. דער מנהג איז באַשטאַנען אין גיסן אין די סכות־טעג אויפן מזבח צוזאַמען מיטן ווייַן און בוימל אויך וואַסער, פּשוטע וואַסער. דאָס אָנשעפּן דאָס וואַסער און דאָס ברענגען עס אין בית המקדש יעדע נאַכט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסע פאָלקס ימים־טובים, מיט אילומינאַציעס, טענץ און פאָלקס־פאַרווייַלונגען. מען האָט צו דער געלעגנהייט פאַרפאַסט ספּעציעלע פאָלקס לידער (שמחת בית השואבה).

יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער האָט, אַלס צדוקי, פון דעם מנהג נישט געהאַלטן, און ווען מען האָט אים צוגעטראָגן די גאָלדענע כלי מיט וואַסער אויפצוגיסן אויפן מזבח, האָט ער דעמאָנסטראַטיוו אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אויף דר'ערד. אַזאַ פאַרלעצונג פון אַ פאָלקס מנהג האָט געבראַכט צום אויסברוך פון דער גאַנצער אומצופרידנקייט מיטן מלכס אַריסטאָקראַטיש־העלעניסטישע פירונגען. דאָס פאָלק האָט פאַרוואָרפן דעם כהן־גדול מיט די אתרוגים וואָס עס האָט לכבוד יום־טוב געהאַלטן אין די הענט. עמעצער פון דעם מלכס מקורבים האָט גלאַט אַריינפירן אין בית־המקדש די לייב־גוואַרדיע, וואָס איז באַשטאַנען פון גריכישע מערסענאַריער, און עס זענען געפאַלן הרוגים. דער אויפברויז איז באַהערשט געוואָרן, אָבער די אומצופרידנקייט איז געוואַקסן.

אין יאָר 90, ווען יונתן־ ינאַי־אַלעקסאַנדער איז אַמאָל געקומען קיין ירושלים נאָך איינער פון זיינע מפּלות, וואָס ער פלעגט אָפט אַריינכאַפּן צווישן די נצחונות, איז אין לאַנד אויסגעבראָכן אַן אָפענע מרידה. זעקס יאָר האָבן די פּרושים, געשטיצט פון גרויסע טיילן פון פאָלק, געפירט מלחמה קעגן זייער געזעצלעכן קעניג. די פאַרביסנקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויף אַן אָנפראַגע פון יונתן־ינאַי־ אַלעקסאַנדער, וואָס פאַראַ פּרייז די פּרושים שטעלן פאַר אַ שלום, האָט מען אים געענטפערט: „דיין טויט". אין יאָר 88 האָבן די פּרושים גערופן צו הילף דעם סירישן מלך, דעמעטריוס דעם דריטן, אַווקערוס, און האָבן מיט זיין שטיצע צעקלאַפּט די חילות פון יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער, וועלכער איז קוים אַנטלאָפן מיט די רעשטלעך פון זיין חיל אין די בערג פון שכם. אָבער דאָס פאָלק האָט זיך געגעבן חשבון, אַז די עקסטרעמיסטן האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס. זעקס טויזנט יידן פאַרלאָזן די רייען פון די עקסטרעם־פרומע און גייען אַריבער אויפן צד פון דעם באַזיגטן מלך. דעמעטריוס ציט זיך צוריק און יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער באַזיגט די מורדים, וועלכע ער באַהאַנדלט גאַנץ שטרענג. גריכישע היסטאָריקער דערציילן, אַז יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער איז זיך באַגאַנגען באַר־באַריש מיט די באַזיגטע, אַז ער האָט געקרייציקט אַכט הונדערט פון די אָנפירער פון דער מרידה, אַז דאָס פאָלק האָט אים דערפאַר געגעבן דעם ביינאָמען „טראַקיער",

ס'הייסט באַרבאַר. די אַלע גרוילן שיינען צו זיין שטאַרק איבערגעטריבן. נישט די מרידה האָט געקאָנט האָבן אַכט הונדערט פירער, נישט קרייציקן איז געווען אַ יידישער אופן פון הינריכטן, נישט די פאָלקס מאַסן אין יהודה האָבן געוווסט צו זאָגן פון דעם מיין פון וואָרט „טראַקיער".

סוף־כל־סוף האָט אַלעקסאַנדער נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון פאָלק. דער חבר היהודים איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אין זיינע רעכט. אויף די מטבעות פון די לעצטע יאָרן פון יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדערס רעגירונג, איז שוין ווידער דאָ די אויפשריפט: „יונתן הכהן גדול וחבר היהודים", דער טיטל מלך ווערט מער אויף די מטבעות נישט דערמאָנט. ינאַי זעצט פאָר זיינע מלחמות. לכתחילה איז ער זייער אָפּגעשוואַכט פון בירגערקריג, און ווען דער סירישער מלך אַנטיאָכעס דער צוועלפטער, דיאָניסיוס, רייסט זיך אריין קיין יהודה אויפן וועג קיין אַראַביע, מיט וועלכער ער פירט קריג, קאָן יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער נישט אַרויסשטעלן קעגן אים גענוגנדיקע מיליטערישע כוחות און ער וויל פאַרהאַלטן זיין מאַרש דורך אַ טיפן גרובן באַשיצט פון אַ מויער מיט טורעמס. די פאַרשאַנצונג ציט זיך פון יפו ביז ראש־העין, נעבן דער איצטיקער פתח תקוה, העכער צוואַנציק קילאָמעטער. אָבער אַנטיאָכעס ברעכט דורך די פאַרשאַנצונג און גייט דורך יהודה, ער פאַלט אָבער אין דער מלחמה. דאַן פּרווט דער מלך פון די אַראַבער חרתת צו פאַרכאַפּן יהודה, אָבער יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער צווינגט אים זיך צוריקציען. ווען ער קומט קיין ירושלים, ווערט ער אויפגענומען מיט טריומף.

די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן איז דער ענערגישער מלך שטאַרק קראַנק אויף קדחת רביעית, ער פאַרלאָזט אָבער נישט זיינע פּלענער פאַרן לאַנד. ער בויט די פעסטונגען מאַכוועך און אַלעקסאַנדריאָן. ער זעצט פאָר מיט די דעראָבערונגען פון נייע שטעט און געגנטן. די קריגס אונטערנעמונגען פון יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די תהלים־מזמורים. דאָס קאַפּיטל מ"ז, וואָס ווערט ביז היינט געזאָגט אין די שולן פאַר שופר בלאָזן, זאָגט צווישן אַנדערס:

ידבר עמים תחתנו	ער (גאָט) אונטערטעניקט פעלקער אונטער אונדז
ולאמים תחת רגלינו,	און אומות אונטער אונדזערע פיס.
יבחר לנו את נחלתנו,	ער ווילט אונדז אויס אונדזער נחלה,
את גאון יעקב אשר אהב.	דעם שטאָלץ פון יעקב וואָס ער האָט ליב.

אין קאַפּיטל ס' פון תהלים זאָגט זיך צווישן אַנדערס:

אלהם דבר בקדשו,	גאָט האָט גערעדט אין זיין הייליקייט,
אעלוזה:	(אַז) איך וועל דערפרייט ווערן:
אחלקה שכם,	איך וועל צעטיילן שכם,
ועמק סכות אמדד,	און דעם טאָל פון סכות וועל איך צעמעסטן,
לי גלעד, לי מנשה,	מיין איז גלעד, מיין איז מנשה,
אפרים מעוז ראשי,	אפרים דער קיווער פון מיין קאָפּ,

יהודה מחוקקי,	יהודה איז מיין סצעפטער,
מואב סיר רחצי,	מואב איז מיין וואש־טאָפּ,
על אדום אשליך נעלי,	אויף אדום וועל איך ווארפן מיין שוך.
עלי פלשת התרועעי.	איבער מיר, פלשת, וועסטו שרייען.

ביים באלאגערן די שטאָט ראגאב (אַרגוב) איז יונתן־ינאי־אלעקסאַנדער געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער געעצהעט זיין פרוי: „זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר די אויפריכטיקע פּרושים, נישט פאַר די אויפריכטיקע צדוקים, נאָר פאַר די צבועקעס, וואָס טוען דאָס ערגסטע (מעשה זמרי) און ווילן באַקומען דאָס בעסטע (שכר כפנחס)". ער איז געשטאָרבן איידער די שטאָט איז גענומען געוואָרן. זיין ענערגישע פרוי, שלומציון אלעקסאַנדרא, וואָס האָט אים אָפּט באַגלייט אין זיינע מלחמות, האָט נישט אַנטפּלעקט דעם טויט פון מלך, איידער די שטאָט איז גענומען געוואָרן. דאַן איז דער סוד פאַרעפנטלעכט געוואָרן און גראָד די פּרושים האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז דער מלך זאָל קומען צו קבורה מיט די געהעריקע כבודים.

דער אָנדענק פון יונתן־ינאי־אלעקסאַנדער איז געבליבן טייער ביים פאָלק. פאַרן תּלמוד איז סתם אַ הערשער פון דער חשמונאים־דינאַסטיע — ינאי המלך. און עס איז מעגלעך, אַז דער נאָמען אלעקסאַנדער (סענדער), וואָס איז גאַנץ פאַרשפּרייט צווישן יידן, זאָל זיין אין אָנדענק פון גרויסן חשמונאים־מלך, און נישט, ווי די פאָלקס לעגענדע וויל עס האָבן, פון אלעקסאַנדער פון מאַקעדאָניע.

40סטע לעקציע

אין זוניקע טעג: שלומציון־אַלעקסאַנדראַ

(76־67 פאַר דער א. צ. ר.)

לויט דער צוואה פון יונתן־ינאי־אַלעקסאַנדער נעמט איבער די רעגירונגס מאַכט נאָך זיין טויט, זיין פרוי שלומציון־אַלעקסאַנדראַ, וועלכע האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט אים אין אַלע מלוכה־ענינים. אַלס כהן גדול ווערט באַשטימט זייער עלטסטער זון יוחנן־הורקנוס דער צווייטער, דער ייִנגערער זון, דער ענערגישער, היציקער און צדוקיש־געשטימטער יהודה־אַריסטאָבלוס דער צווייטער, באַקומט נישט קיין שום אַמט אין דער מלוכה.

די ניין יאָר פון שלומציון־אַלעקסאַנדראַס רעגירונג זענען געווען די רואיקסטע און גליקלעכסטע, וואָס די מדינה פון יהודה האָט דורכגעמאַכט פאַר דער גאַנצער צייט פון איר קיום. אַן ענערגישע, אַקטיווע און זייער קלוגע, איז שלומציון־אַלעקסאַנדראַ געווען אַ פרומע און גאָטספאָרכטיקע מלכה, וואָס האָט געהאַט פאַרשטענדעניש פאַר דער דעמאָקראַטיש־פאָלקסטימלעכער איינשטעלונג פון די פרושים, וועלכע זי האָט צוגעצויגן צו דער מלוכה־פירונג.

די פרושים־פירער, וואָס האָבן געמוזט אַנטלויפן פון לאַנד, בשעת דעם שווערן קאָנפליקט מיט יונתן־ינאי־אַלעקסאַנדער, קומען צוריק. די אָנגעזעענסטע פון זיי: יהושע בן פרחיה, יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח, דער ברודער, אָדער, לויט אַנדערע, דער נאָענטסטער פריינט פון דער מלכה, נעמען איבער די פירערשאַפט פון חבר־היהודים, וואָס האָט שוין צו יענער צייט געהאַט געביטן זיין העברעאישן נאָמען אויף אַ גריכישן: סנהדרין. יהושע בן פרחיה און נאָך אים יהודה בן טבאי זענען די נשיאים פון דער קערפערשאַפט. שמעון בן שטח, דער אַב־בית־דין, ס׳הייסט דער הויפּט פון דער יוסטיץ־קאַמער פון סנהדרין.

ווי פון זיך אַליין שאַפט זיך אַ צעטיילונג פון דער מאַכט, אַ פרינציפּ, וואָס וועט מיט אַכצן הונדערט יאָר שפּעטער אָנגענומען ווערן דורך דער גרויסער פראַנצויז־

זישער רעוואָלוציע און פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. די מלוכה־ענינים ווערן געפירט פון דער מלכה: מיליטער, פעסטונגען, מלחמות, פּאָליטיק. די פאָלקס־ענינים ווערן אָנגעפירט פון סנהדרין: יוסטיץ, פאָלקס־בילדונג, געזעצגעבונג וכ׳. די רעליגיעזע ענינים זענען אונטער דער אויפזיכט פון כהן גדול.

שלומציון־אַלעקסאַנדראַ פּרוווט פאָרזעצן די עקספּאַנסיע־פּאָליטיק פון אירע פאָרגייער. אונטער דער פירערשאַפט פון דעם פרינץ יהודה־אריסטאָבלוס, אַ פעאיקער קריגספירער ווי זיין פאָטער, דעראָבערט יהודה די שטאָט דמשק, הויפּטשטאָט פון דער איצטיקער סיריע, וואָס איז אַמאָל געווען אונטער דער הערשאַפט פון די גרויסע מלכים: דוד, שלמה און ירבעם דער צווייטער. ער מוז אָבער פאַרלאָזן די ניי־דעראָבערטע געגנט אונטערן דרוק פון שטאַרקערע כוחות פון טיגראַן דעם ערשטן, מלך פון אַרמעניע. טיגראַן פּרוווט באַפאַלן די צפון־געגנטן פון ארץ־ישראל און באַלאַגערט עכו, אָבער ער מוז זיך צוריקציען, ווייל ער באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. דערצו באַקומט ער אַ ידיעה, אַז די רוימער, אונטער דער פירערשאַפט פון באַרימטן לוקולוס, זענען באַפאַלן אַרמעניע. מער קיין מלחמות האָט שלומציון־אַלעקסאַנדראַ נישט געפירט.

די אינערלעכע ענינים פון לאַנד ווערן געפירט פון סנהדרין, אין וועלכן די פּרושים האָבן אַ מערהייט. עס ווערן איינגעפירט אַ רייע וויכטיקע תקנות פון דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. אַזוי ווערט פעסטגעשטעלט דער דין, אַז יעדע יידישע טאָכטער מוז חתונה האָבן מיט אַ כתובה (חתונה־קאָנטראַקט), וואָס פאַרזיכערט איר לאַגע אין דער פאַמיליע ביים לעבן פון איר מאַן, און אויך נאָך זיין טויט. די כתובה איז אַן אַלטער סעמיטישער איינפיר, נאָך אין די געזעצן פון האַמוראַבי ווערט גערעדט וועגן אַ חתונה־קאָנטראַקט, אָבער ביז דאַן פלעגן האָבן כתובות בלויז די טעכטער פון די מיוחסדיקע משפחות, און אין די צייטן פון שלומציון־אַלעקסאַנדראַ ווערן אַלע יידישע טעכטער, אָן אויסנאַם, באַגינסטיקט מיט אַ חתונה־קאָנטראַקט. עס ווערט אויך פעסטגעשטעלט, אַז פאַר אַ טייל פאַרמעגן, וואָס די פרוי ברענגט אַריין אין הויז, איז דער מאַן, אָדער זיינע יורשים, פאַראַנטוואָרטלעך. פאַר דער סומע וואָס דער מאַן שרייבט אָפּ דער פרוי אין דער כתובה איז ער פאַראַנטוואָרטלעך אפילו... „מיטן מאַנטל וואָס אויף זיינע פּלייצעס". דאָס געלט פון דער כתובה מוז ער פאַרטאָן אין עפּעס, וואָס ברענגט רווחים, ער זאָל עס נישט האָבן צו דער האַנט און צוליב דעם נישט קאָנען אָפּגטן זיין פרוי אין אַ מינוט פון רוגז, אָדער כעס. דאַן ווערן אויך איינגעפירט די ערשטע עפנטלעכע שולן פאַר פאָלקס־בילדונג. דאָס געזעץ וועגן לערנען די קינדער איז אַ גאָר אַלטס. „ושננתם לבניך" איז אַ זאַץ פון דער תורה. אָבער די פליכט איז געפאַלן נאָר אויפן פאָטער. האָט דער פאָטער גאָרנישט געקאָנט, איז דאָס קינד מערסטנטייל געבליבן אַן איגנאָראַנט. אין די צייטן פון שלומציון־אַלעקסאַנדראַ, אונטער דער ווירקונג פון שמעון בן שטח, ווערט די פליכט פון פאָלקס־בילדונג אַרויפגעלייגט אויך אויף דער געזעלשאַפט, אויפן שטאַט. דאָס איז די ערשטע פאָלקס־שולע אין דער וועלט.

דער סנהדרין האָט זיך אויך פיל אָפּגעגעבן מיט אויסאַרבעטן אַ יוסטיץ־פּראָ־צעדור, וואָס זאָל גאַראַנטירן דעם באַשולדיקטן די אומפּאַרטייאישקייט פון געריכט. יהודה בן טבאי פאָרזאָגט די ריכטער: „זאָלסט נישט זיין ווי די אַדוואָקאַטן. בשעת די צדדים שטייען פאַר דיר, זאָלסטו באַטראַכטן ביידע פאַר גלייך שולדיק, און זאָלסט ביידע האַלטן פאַר גערעכט ווען זיי גייען אַוועק גרייט צו דערפילן דעם פּסק". שמעון בן שטח זאָגט אָן: „זאָלסט פיל אויספאָרשן די עדות, און זיי געהיט אין דיינע רייד, זיי זאָלן זיך אַמאָל נישט אויסלערנען פון זיי צו זאָגן ליגן". גאַראַנטירן די רעכטן פון דער פרוי, פון דעם קינד, פון דעם באַשולדיקטן, איז אַלעמאָל און אומעטום געווען אַ סימן פון אַ גוטער פאָלקסטימלעכער רעגירונג.

אין דער קורצער צייט פון שלומציון־אַלעקסאַנדראַ, ווען דאָס לאַנד געניסט פון שלום, קאָן עס דערפאָלגרייך אַנטוויקלען זיינע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן און עס זאַמלט זיך אָן אַן עשירות, וואָס וועט אין משך פון יאָרן ביישטייַן דער מלוכה אין אירע נויטן. אין די זעלביקע רואיקע צייטן קריסטאַליזירט זיך אויס די איינטיילונג פון פאָלק אין פאַרשידענע גרופּעס און פּאַרטייען, אין הסכם מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן, קולטורעלע שטרעבונגען און גייסטיקע איינשטעלונגען פון די פאַרשידענע שיכטן. עס בילדן זיך דעפיניטיוו אויס דריי אָרגאַניזירטע און קלאָר דעפינירטע גרופּירונגען: די אסיים, די צדוקים, די פּרושים, און עס בלייבט אַ פּערטער שיכט, דער רוב פון פאָלק, נישט אָרגאַניזירט, ווי אומעטום, די פאָלקס מאַסן, וואָס האָבן אין זיך שטרעמונגען, וואָס סימפּאַטיזירן מיט דעם אָדער יענעם געדאַנקען־גאַנג: דאָס איז דער עם־הארץ, דאָס פאָלק פון לאַנד.

א) אסיים. מיר האָבן שוין פריער געזען, ווי די עקסטרעם־פרומע חסידים דער־ווייטערן זיך אַליץ מער און מער פון די חשמונאים־הערשער. מיר געדענקען, ווי זיי האָבן נישט מסכים געווען מיט מתתיהו, נישט געשטיצט אין אַ מאָמענט יהודה־המכבי, צו־זאַמען מיט די פּרושים געקעמפט קעגן יונתן־ינאי־אַלעקסאַנדער. זייערע נאָכפאָלגער, די אסיים, רייסן זיך גאָר אָפּ פון שטאַטלעכן לעבן און שאַפן זיך אַ וועלט פאַר זיך. זיי זענען אַ נישט־גרויסע גרופּע, קוים אַ פּאָר טויזנט מענטשן, אָבער זיי פירן אַן אויס־טערליש לעבן אין קאָלעקטיוון, וואָס קאָנען באַטראַכט ווערן ווי די פאָרגייער פון די היינטיקע קבוצים און קבוצות אין ישראל. די אסיים זאָגן זיך אָפּ פון מסחר, אַ מענטש דאַרף לעבן פון זיין פּראַצע: ערד־אַרבעט, אָדער מלאכה. זיי פירן איין אַ פּרימיטיוון קאָמוניזם: קיינער פאַרמאָגט נישט קיין פּריוואַט־אייגנטום, אפילו די קליידער זענען בשותּפותדיקע. זיי שווערן בכלל נישט, אַפילו אויף אַן אמת, נאָר זייער יאָ איז יאָ, און זייער ניין איז ניין. זיי לעבן אין עקסטרעמער ריטועלער ריינלעכקייט. זייערע בשותּפותדיקע מאָלצייטן זענען געגליכן צו אַ גאָטעס־דינסט. דאָס עסן ווערט צוגעגרייט דורך כהנים. מען עסט נישט מער ווי איין ברויטל און איין געריכט ביי אַ מאָלצייט. פאַרן עסן איז מען זיך טובל, נאָכן עסן וואַשט מען די הענט. ביים זון־אונטערגאַנג

און זון־אויפגאַנג איז מען מתפלל. דער טאָג איז געווידמעט צו אַרבעט, און די שבתים און ימים־־טובים צו לערנען. די אסיים האָבן אייגענע ספרים פון זייער סעקטע, די לערע פון וועלכער קיינער פון אירע מיטגלידער טאָר נישט אַרויסגעבן פאַר אַנדערע. עס שאַפט זיך אַ מין חכמה נסתרה, פאַרגייערין פון דער צוקינפטיקער קבלה. די אסיים האָבן גע־גלויבט אין פאַרבאַשטימונג, דאָס הייסט, אַז אַלץ, וואָס דער מענטש טוט איז באַשטימט פון פאָראויס. דאָך דאַרף דער מענטש זיך באַמיען צו זיין גוט און פרום, ווייל מען דאַרף דינען גאָט אָן אויסזיכטן אויף שכר. זיי האָבן אויך געגלויבט אין השארת הנפש, ס׳הייסט, אַז די נשמה שטאַרבט נישט צוזאַמען מיטן גוף, נאָר זי קערט זיך אום צו איר הימלישן מקור. זיי האָבן אָבער נישט געגלויבט אין תחית המתים, ס׳הייסט אַז דער טויטער גוף וועט צוריק לעבעדיק ווערן. די גרעסטע טייל פון די אסיים האָט געפירט אַ פאַרהייראַט לעבן, געווען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נישט חתונה געהאַט. זיי פלעגן אויפנעמען קינדער פון עלטערן, וואָס זענען נוטה צו זייער לעבנסשטייגער און פלעגן זיי דערציען אַלס אסיים. אויף אַריינצוטרעטן אין דער סעקטע, האָט מען געמוזט דורכמאַכן צוויי פּרווו־פּעריאָדן, פון איין יאָר און פון צוויי, און ערשט דאַן פלעגט מען באַקומען די ווייסע קליידער, וואָס זענען געווען דער אוניפאָרם פון די אסיים. דערוויי־טערט פון שטאָט, זענען אָבער די אסיים נישט געווען אָפּגעריסן פון פאָלק. זיי פלעגן אַפילו קומען מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש, אָבער בלויז מנחות פון מעל מיט בוימל. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון קרבנות פון בעלי־חיים און פון וויין־גיסונגען אויפן מזבח. זיי האָבן אַליין אויך נישט געטרונקען קיין וויין.

ב) צדוקים. די צדוקים זענען געווען די מערהייט פון די כהנים און פון דער נעלט־אַריסטאָקראַטיע פון פאָלק. צו יענער צייט האָבן זיי זיך שוין געהאַט באַפרייט פון די עקסטרעם־העלעניזירנדיקע טענדענצן, ווייל די עקסטרעמע העלעניסטן זענען אומגעקומען אין די קאַמפן קעגן די חשמונאים. די צדוקים זענען געווען פאָרמאַליסטן און קאָנסערוואַטאָרן. געהאַלטן פון בוכשטאַב פון געזעץ, געווען שטרענג אין אַרויפלייגן שטראָף פאַר באַגאַנגענע עברות און פאַרברעכנס. זיי האָבן נישט געגלויבט אין תחית־המתים, נישט אין השארת הנפש, נישט אין פאַרגיטיקונג און שטראָף אויף יענער וועלט, אַלץ דערפאַר, ווייל די אַלע ענינים ווערן נישט אויסדריקלעך דערמאָנט אין תו־רת משה. זיי זענען געווען שטרענגער פון די פרושים אין פראַגן פון רעליגיעזער ריינלעכ־קייט (טהרה), זיי האָבן אָבער געהאַלטן, אַז דאָס איז חל נאָר אויף די כהנים. זיי האָבן געהאַלטן פון דעם אַריסטאָקראַטישן פּרינציפּ, אַז דער קרבן תמיד קאָן קומען פון פּריוואַטע מענטשן. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון די פאָלקס־מינהגים, ווי: גיסן וואַסער אויפן מזבח אין די טעג פון סוכות, און שלאָגן הושענות אין די זעלבע טעג. זיי האָבן גע־דרונגען לויטן שטרענג־פאַרשטאַנענעם טעקסט פון דער תורה, אַז שבועות מוז אַלעמאָל אויספאַלן אום זונטיק. אין דעם זין האָבן די קאַראַאימער און די קריסטן אָנגענומען דעם צדוקישן שטאַנדפּונקט. אַלס פירנדיקע אַריסטאָקראַטיע, זיינען די צדוקים געווען

וועלטלעכער פון די אַנדערע פּאַרטייען, און האָבן אָנגענומען די גריכישע מנהגים, וואָס זענען נישט געווען אין קעגנזאַץ צו תורת משה.

ג) פּרושים. די פּרושים זענען געווען די פאָלקס־אינטעליגענץ און פאָלקס־דע־מאָקראַטיע. זייער פירנדיקער שיכט, די מיטגלידער פון חברים־אָרדן, זענען געווען די פאָרזעצער פון די סופרים, די וואָס האָבן געלערנט, אויסגעטייטשט און פאַרטייטשט די תורה און די נביאים, און פאַרשפּרייט זיי צווישן פאָלק. זיי האָבן אָפּגעהיט ריטו־עלע ריינלעכקייט אין טאָגטעגלעכן לעבן, האָבן זיך געוואַשן פאַר און נאָך דעם עסן, האָבן מתפּלל געווען אין צייט. אין פילאָזאָפישע ענינים האָבן די פּרושים אָפּטמאָל געהאַלטן דעם שטעקן פאַרביידע עקן, אַזוי האָבן זיי געגלויבט, אַז ווען אפילו אַלץ איז פאָראויסגעזען, איז דאָך דער מענטש פריי צו טאָן ווי ער וויל; אַ ווידערשפּרוך, וואָס קאָן נישט לייכט פאַרשטאַנען ווערן. און ווייל דער מענטש קאָן האַנדלען לויט זיין ווילן, ווערט ער באַלוינט פאַר גוטע מעשים, און באַשטראָפט פאַר שלעכטע, דאָס איז אָבער אַלץ אויף יענער וועלט. אין קעגנזאַץ צו די צדוקים, האָבן די פּרושים געלערנט, אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין געצאָלט פאַר מצוות, און דערמיט האָבן זיי גע־מיינט צו פאַרענטפערן דאָס פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו — רשע וטוב לו", אַ צדיק, וואָס קומט אָפּ אויף דער וועלט און אַ רשע וואָס לעבט אַ גוטן טאָג. די פּרושים האָבן געגלויבט אין תחית המתים, נישט נאָר שטאַרבט די נשמה נישט אָפּ, נאָר אויך דער גוף וועט צוריק לעבעדיק ווערן אין דער געהעריקער צייט. אין יורידישע פראַגן זענען די פּרושים געווען מילדער פון די צדוקים. זיי האָבן אויסגעטייטשט די שווין צו שטרענגע פאַר יענער צייט געזעצן פון דער תורה אין אַ מילדערן זין. דאָס געזעץ עין תחת עין, אַן אויג פאַר אַן אויג, האָבן זיי אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז מען דאַרף באַצאָלן געלט פאַר אַן אויג, אָדער אַ צאָן, וואָס מען נעמט אַרויס, בשעת די צדוקים האָבן זיך שטרענג געהאַלטן ביים ווערטערלעכן זין פון געזעץ. דעם יום־טוב שבועות האָבן זיי גע־פייערט פופציק טאָג נאָכן ערשטן טאָג פּסח, אין וואָס פאַראַ טאָג פון דער וואָך עס זאָל נישט האָבן אויסגעפאַלן. אַזוי איז עס אויך פאַרבליבן ביי יידן ביז היינט.

די פּרושים האָבן געהאַט אַ סך אָנהענגער צווישן די דעמאָקראַטישע שיכטן פון פאָלק. פאַרמעגלעכע פּויערים פון די גרעסערע דערפער, גוטשטייענדע בעל־מלאכות אין די שטעט און שטעטלעך, מיטעלע סוחרים, די לויים און די משוררים צווישן זיי. צום העלעניזם האָבן זיי זיך באַצויגן אַבסאָלוט נעגאַטיוו. זיי האָבן אין אים געזען בלויז די חסרונות און נישט געוואָלט אָנערקענען זיינע פּאָזיטיווע זייטן, ווען אפילו זיי האָבן געלערנט, אַז מען דאַרף זיך באַציען אָרנטלעך און גוט צו אַלע מענטשן, און אויב נאָר זיי היטן אָפּ די פונדאַמענטאַלע מענטשלעכע געזעצן, מצוות בני נח, קאָנען זיי אפילו האָבן אויף עולם הבא.

ד) עם־הארץ. דעם גרעסטן רוב פון פאָלק האָט געבילדעט די אומוויסנדיקע

מאסע פון די דערפער, וואָס האָט אין אַ גרויסן טייל אָפּגעשטאַמט פון די שיכטן, וואָס זענען געבליבן אין לאַנד נאָכן חורבן פון ירושלים, ווי אויך פון די גרים, וואָס זענען פאַר דער צייט צוגעשטאַנען הן פון גוטן ווילן, הן געצוווּנגען פון די חשמונאים־הערשער יוחנן הורקנוס, יהודה אריסטאָבלוס א״א. אַט די מאַסע איז געווען פרום און פּאַטריאָטיש אויף איר נאַטירלעכן שטייגער. די געזעצן פון דער תורה האָבן זיי נישט אַלעמאָל געוווּסט, אָבער די וואָס זיי האָבן יאָ געוווּסט, האָבן זיי אייפעריק אָפּגעהיט. די דאָזיקע עמי־הארץ האָבן געקעמפט קעגן די העלעניזירער אונטער דער פאָן פון די חשמונאים, אָבער אָפּהיטן די געזעצן פון ריטועלער ריינלעכקייט (טומאה וטהרה) זענען זיי נישט געווען בכוח, און האָבן דערפאַר פאַרן אריינקומען אין בית המקדש אויף אַ יום־טוב, בעיקר אויף פסח, געמוזט דורכמאַכן אַ ריטואַל פון רייניקונג פאַר וואָס די כהנים פלעגן זיך הייסן באַצאָלן. געווען צווישן די עמי הארץ אָנהענגער אויך פון די אסיים, אָבער ס׳רוב זענען זיי געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די פרושים, אויף וויפל זיי האָבן זי געקאָנט אויפנעמען. צו די צדוקים האָבן זיי זיך באַצויגן נעגאַטיוו, ווי יעדע פאָלקסמאַסע צו איר אריסטאָקראַטיע.

די צוויי הויפּט־פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, זענען געווען די צדוקים און די פרושים. מיר האָבן שוין געזען, ווי זינט די לעצטע יאָרן פון יוחנן הורקנוס זענען ביי דער מלוכה־פירונג געשטאַנען די צדוקים, וואָס האָבן אויך געבילדעט די מערהייט אין סנהדרין. אין די צייטן פון שלומציון־אַלעקסאַנדראַ בייט זיך די לאַגע. די מלכה גיט איבער די פירערשאַפט צו די פרושים, און שמעון בן שטח באַמיט זיך צו באַזייטיקן אינגאַנצן די צדוקים פון דער מלוכה־פירונג, בעיקר פון סנהדרין. שמעון בן שטח איז געווען אַ גרויסער אידעאַליסט, אָבער אויך נישט קיין קליינער עקסטרעמיסט. דער תלמוד גופא זאָגט אויף אים, אַז ער האָט גע־האַט „וואַרעמע הענט״; ס׳הייסט, ער האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט, אפילו פאַר טויט־שטראָף. לויט דער תלמודישער לעגענדע האָט ער געלאָזט פאַרמשפּטן צום טויט און דורכפירן דעם אורטייל אויף זיין אייגענעם זון, אין אַ פּראָצעס, אין וועלכן, ווען ער וואָלט אָנגענומען די צדוקישע אינטערפּרעטאַציע, וואָלט ער געקאָנט ראַטעווען זיין קינדס לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ עקסטרעמער פרושי האָט זיך נישט באַרואיקט, ביז וואַנען ער האָט די צדוקים אינגאַנצן נישט באַזייטיקט און אָפּגע־שאַפט זייער געזעצגעבונג, סיי אויפן ציווילן, סיי אויפן רעליגיעזן געביט. דער זיג איבער די צדוקים איז געפייערט געוואָרן מיט פאָלקס יום־טובים, וואָס זענען אָפּגעהיט געוואָרן אַ גאַנץ לאַנגע צייט: דעם 28סטן טבת, ווען די פרושים האָבן אַרויסגעשטויסן די צדוקים פון סנהדרין, דעם 8טן ניסן, ווען עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער טאָג פון יום־טוב שבועות לויט דער אינטערפּרעטאַציע פון די פרושים, און דעם 14־טן תמוז, ווען עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער צו האַרבער שטראָף־קאָדעקס פון די צדוקים.

אָבער די אַריסטאָקראַטיע פון לאַנד, די צדוקים, האָבן נישט געקאָנט אַזוי לײַכט באַזײַטיקט ווערן פון דער אָנפירערשאַפט מיט דער מדינה. זיי זענען געווען די קריגס־פירער, די דיפּלאָמאַטן, די שטאַטס־לײַט. זיי האָט אויך געשטיצט דער פּרינץ יהודה־אַריסטאָבלוס, הויפּט־קאָמאַנדיר פון די אַרמייען. דורך אים באַקלאָגן זיך די צדוקים פאַר דער מלכה אויף זייער מערכה, זיי דראָען אפילו מיט אַריבערגיין אין דינסט פון אַראַבישן מלך חרתת, וועלכער וועט וויסן ווי אָפּצושאַצן זייערע פּאָלי־טישע פעאיקייטן. אין איינוועגס באַקלאָגט זיך שוין יהודה־אַריסטאָבלוס אויף זיין אייגענעם גורל. ער האַלט זיך פאַר פעאיקער פון זיין ברודער יוחנן הורקנוס און דריקט אויס באַדויערן וואָס... נישט ער איז מלך, אַ צו קלאָרע אָנצוהערעניש אויף אַ מעגלעכן שטאַטסקלאַפּ. די אַלטע מלכה האָט נישט געקאָנט בלייבן טויב צו די אָנקלאַגעס פון די פירער פון איר מיליטער, און האָט איבערגעגעבן אין רשות פון די צדוקים אייניקע מינדערוויכטיקע פעסטונגען. די הויפּט־פעסטונגען: מצדה (הירקאַניע), אַלעקסאַנדר׳אָן און מאַכווער, ווו עס האָבן זיך געפונען די אַרסענאַלן און די אוצרות פון דער מדינה, זענען געבליבן אונטער איר דירעקטן באַפעל.

שלומציון־אַלעקסאַנדראַ האָט רואיק פאַרענדיקט די טעג פון איר ממשלה און איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 73 יאָר. אָבער די אָנגעצויגנקייט צווישן צדוקים און פרושים איז שוין געווען צו שאַרף, און וועט נישט פאַרזאַמען אָפּצורופן זיך אויפן מצב פון דער מדינה נאָכן טויט פון דער מלכה.

41סטע לעקציע

בירגער-קריג: יהודה-אַריסטאָבלוס II

(63־67 פאַר ד. א. צ. ר.)

נאָכן טויט פון שלומציון־אַלעקסאַנדרא (יאָר 67) באַשטייגט דעם טראָן איר עלטסטער זון יוחנן־הורקנוס דער צווייטער, אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, וואָס איז גאָרנישט געווען צוגעפּאַסט צו רעגירן אַ לאַנד ווי די אַריסטאָקראַטיע, די צדוקים, מיט זיין יינגערן און פּעאיקערן ברודער יהודה־אַריסטאָבלוס בראש, האָבן זיך געריסן צו דער מאַכט, פון וועלכער זיי זענען באַזייטיקט געוואָרן דורך דער פאָלקס־פּאַרטיי (פּרושים).

די רעגירונג פון יוחנן־הורקנוס דעם צווייטן האָט טאַקע נישט געדויערט מער ווי דריי חדשים, אַן אויפשטאַנד פון יהודה־אַריסטאָבלוס, געשטיצט פון די צדוקים, האָט אים געצוווּנגען אָפּצודאַנקען דעם טראָן און די כהונה גדולה און פאַרבלייבן אין ירושלים אין דער חשובער פּאָזיציע פון דעם מלכס אַ ברודער. אויף צו באַפעס־טיקן דעם שלום צווישן די ברידער, מאַכט מען חתונה די פּרינצעסין שלומציון־אַלעק־סאַנדרא, טאָכטער פון יוחנן־הורקנוס, מיטן טראָנפאָלגער יונתן־אַלעקסאַנדער, דער זון פון יהודה־אַריסטאָבלוס.

דער פּעאיקער און אַמביציעזער יהודה־אַריסטאָבלוס דער צווייטער גייט אין די דרכים פון זיין פאָטער יונתן־ינאי־אַלעקסאַנדער. ער באַזיגט גלייך די מדינות, וואָס האָבן מורד געווען בשעתן בירגער־קריג אין יהודה, ער שאַפט אויך אַ פלאָטע אויף צו באַקעמפן דעם קאָנטראַבאַנד, וואָס גריכן און עגיפּטער האָבן געטריבן דורך די ברעגן פון יהודה, ביים מיטללענדישן ים. אָבער דאָס צוריקקומען צו דער מאַכט פון די צדוקים איז נישט געווען צום האַרצן די פאָלקס מאַסן אָנגעפירט פון די פּרושים, און אין לאַנד האָט זיך אויפגעהויבן אַן אומצופרידנקייט.

צו די אומצופרידענע איז צוגעקומען נאָך אַ כוח. יהודה אַריסטאָבלוס האָט באַזייטיקט פון זיין אַמט דעם גובערנאַטאָר פון אדום, אַנטיפּאַטער, אַן אָפּשטאַמער

פון די אַמאָליקע אדומישע הערשער, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים. אַן אַמ־ביציעזער אינטריגאַנט, האָט זיך אַנטיפּאַטער דערנענטערט צום אַראָפּגעזעצטן יוחנן־הורקנוס און האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג פון זיינע פּערזענלעכע אַמביציעס. עס געלינגט אַנטיפּאַטערן איינצורעדן יוחנן־הורקנוס, אַז זיין לעבן איז איינגעשטעלט, אַז יהודה אריסטאָבלוס וועט אים זוכן אומצוברענגען, כדי ער זאָל זיך נישט קאָנען שטעלן בראש פון די אומצופרידענע מיטן נייעם מלך. הורקנוס ווערט באַאיינפלוסט פון אַנטיפּאַטער. ער אַנטלויפט מיט אים קיין פּעטרא, די הויפּטשטאָט פון דער אַראַ־בישער מלוכה אויף דער לינקער זייט ים־המלח, ווו ער שליסט מיטן מלך חרתת פּאָל־גנדיקן אָפּמאַך: חרתת וועט מיט זיינע חילות צוריק אַרויפזעצן יוחנן־הורקנוס אויפן טראָן פון יהודה. דערפאַר וועט אים יוחנן־הורקנוס אָפּטרעטן צוועלף שטעט, וואָס זיין פאָטער יונתן־ינאַי־אַלעקסאַנדער האָט דערוואָרבן אין עבר הירדן.

מיט אַ געוואַלדיקן שטאַרקן מיליטער דרינגט אריין חרתת אין יהודה. צו הילף קומען די פּרושים, וואָס האָבן געהאָפּט צו פאַרבעסערן זייער מערכה אונטער דער רעגירונג פון אַ פּרושישן מלך (יוחנן הורקנוס). יהודה־אַריסטאָבלוס ווערט געש. אָגן אין פעלד און מוז זיך באַפעסטיקן מיט די רעשטלעך פון זיין חיל אין בית המקדש, אויפן הר־הבית, ווו זיי ווערן באַלאַגערט. די באַלאַגערונג פאַרציט זיך. ביי די באַלאַ־גערטע פעלן אוים שעפּסעלעך אויף צו אָנהאַלטן מקריב צו זיין דעם קרבן־תמיד, איינ־דערפרי און פאַרנאַכט. עס באַשטייט די סכנה, אַז דאָס גאָטעס־דינסט זאָל אָפּגעשטעלט ווערן. ביידע צדדים שליסן דאַן אַן אָפּמאַך. די באַלאַגערטע וועלן יעדן טאָג אַראָפּ־לאָזן אין אַ קויש טויזנט דראַכמעס (אַרום 100 היינטיקע דאָלאַרן) און וועלן דער־פאַר באַקומען די נויטיקע שעפּסעלעך פאַר די קרבנות פון טאָג. די פאַרביסנקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז איין טאָג האָט מען אַנשטאָט שעפּסעלעך אַרויפגעשיקט אַ חזיר. ווען אין די זעלבע טעג לעבט איבער דאָס לאַנד אַן ערד־ציטערניש, דערקלערט מען עס אין פאָלק ווי אַ צאָרן פון גאָט פאַרן חילול־השם.

די לייט פון יוחנן־הורקנוס זוכן אויך אָפּ אַ גרויסן צדיק פון דער אסיים־סעקטע, חוני המעגל, אויף וועמען מען האָט געגלויבט, אַז אַלץ וואָס ער רעדט אַרויס מוז מקוים ווערן, און זיי פאָדערן פון אים, אַז ער זאָל פאַרשעלטן יהודה־אַריסטאָבלוס און זיינע אָנהענגער. אָבער חוני זאָגט בלויז אַ תפילה, וואָס איז דער אויסדרוק פון זיין הויכער נשמה: „רבונו של עולם, האר פון אַלע וועלטן, די וואָס שטייען דאָ אַרום מיר זענען דיין פאָלק און די באַלאַגערטע זענען דיינע כהנים. בעט איך דיך, זאָלסט נישט דערפילן די תפילות פון די קעגן יענע און זאָלסט נישט אָננעמען דאָס, וואָס יענע בעטן אויף די". די צערייצטקייט פון יוחנן־הורקנוסעס אָנהענגער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פאַרוואָרפן דעם צדיק מיט שטיינער.

דערווייל קומט אָן אַ דריטער, מעכטיקער צד, וואָס וועט אַרויסטרעטן ווי אַ פאַרמיטלער, און וועט לסוף פאַרנעמען גאַנץ יהודה אַלס פּסק־געלט. רוים, די פאַר־בינדעטע פון יהודה, האָט פאַר די צייטן פון יוחנן־הורקנוס דעם ערשטן ביז שלומ־

ציון־אַלעקסאַנדראַ דורכגעמאַכט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע און אַ שאַרפן בירגערקריג, פון וועלכע זי איז דאָך אַרויס גאַנץ און געשטאַרקט. איר קריגס פירער פּאָמפּעאוס, האָט אין יאָר 71 אונטערדריקט אַן אויפשטאַנד פון גלאַדיאַטאָרן און שקלאַפן, אָנ־געפירט פון דעם זייער פּעאיקן ספּאַרטאַקוס. אין יאָר 67 באַקעמפט ער די פּיראַטן פון מיטללענדישן ים און אַרום יאָר 65 נעמט ער אונטער די ליקווידאַציע פון דער סירי־שער אימפּעריע, צו וועלכער יהודה האָט אַמאָל געהערט. ווען דער קאָמאַנדיר פון פּאָמ־פּעאוסעס אַוואַנגאַרד, סקאַברוס, קומט אָן קיין דמשק און דערוויסט זיך פון דעם ביר־גער־קריג אין יהודה, איילט ער זיך צו אינטערווענירן אין דעם שטרייט. פאַר אַלעמען פאַראָרדנט ער חרתתן, דעם מלך פון די אַראַבער, אויפצוגעבן די באַלאַגערונג, און פאַר דער „מתנה" פון דריי הונדערט זילבער־טאַלאַנטן באַשטעטיקט ער יהודה־אַריסטאָבלוסן אויפן טראָן.

אין דער צייט זעצט פאָר פּאָמפּעאוס מיט דער הויפּט־אַרמיי זיין מאַרש, און ביז ער קומט קיין דמשק אונטערוואַרפט ער די קלענערע הערשער פון לבנון־געביט, צווישן זיי צוויי יידישע פּרינצן: שילה, וואָס הערשט אין ליזיאַס, און באַקכיוס, דער הערשער פון טריפּאָלי. אין דמשק נעמט פּאָמפּעאוס אויף די באַגריסונגען פון די „פאַרבינדע־טע" און „פריינטלעכע" הערשער, צווישן זיי אויך די חשמונאים יוחנן הורקנוס און יהודה אַריסטאָבלוס. דער פאַקטישער מלך פון יהודה שענקט אַוועק פּאָמפּעאוסן אַ וויינ־שטאָק פון גאָלד, וואָס זיין פאָטער־יונתן־ינאי־אַלעקסאַנדער האָט געלאָזט מאַכן. דער וויינשטאָק איז פון ריין גאָלד, וועגט 500 טאַלאַנטן און האָט געשמט אויף אַ וועלט מיטן נאָמען: „אַ געגוס פאַרן אויג". יוחנן־הורקנוס לייגט אויס פאַר פּאָמפּעאוס זיינע פּרעטענזיעס אויפן טראָן פון יהודה אַלס עלטערער ברודער און געזעצלעכער יורש. עס קומט אויך פאַר פּאָמפּעאוס אַ דעלעגאַציע פון די עקסטרעם־פרומע פרושים, וואָס שטעלט זיך אַרויס אַלס פאַרטרעטער פון גאַנצן פאָלק און פאָדערט די באַזייטיקונג פון דער חשמונאים־דינאַסטיע, אָפּשאַפן דעם טיטל מלך. יהודה אַנערקענט די אויבער־הערשאַפט פון רוים און באַקומט אַ ברייטע אינערלעכע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, בראש פון וועלכער עס שטייט דער כהן־גדול. פּאָמפּעאוס זאָגט צו מיטצוטיילן זיין באַשלוס: די אומאָפּהענגיקייט פון יהודה איז פאַקטיש פאַרענדיקט.

42סטע לעקציע

רוים מאַכט אַ טאָלק: פּאָמפּעאוס אין יהודה

(63 פאַר ד. א. צ. ר.)

פּאָמפּעאוס צעגערט און אַנטשליסט זיך נישט צו אַנטשיידן אין דעם מלוכה־קאָנפליקט פון יהודה. אַביסל האָט ער מורא פאַרן אַקטיוון און ענערגישן יהודה־אַריסטאָבלוס, וואָס ווערט געשטיצט פון די מיליטערישע אַקטיווערע טיילן פון פאָלק, פּאָמפּעאוס הויבט אָן צו „ווייך מאַכן" דעם באָדן בהדרגה. יהודה־אַריסטאָבלוס מוז אים קודם כל באַגלייטן אויף דער מלחמה קעגן די אַראַבער־נאַבאַטעער. יהודה־אַריסטאָבלוס באַגלייט אים ביז האַלב וועג און קערט זיך אום צוריק אין איינער פון די פעסטונגען פון זיין מלוכה. דערמיט וויל ער אונטערשטרייכן, אַז ער איז דאָך פאָרט אומאָפּהענגיק. פּאָמפּעאוס „באַפעלט" אים דאַן, ער זאָל זיך צושטעלן אין זיין הויפּט־קוואַרטיר. עס הויבט זיך אָן אַ קאַצן־מויז־שפּיל. צוויי מאָל קומט יהודה־אַריסטאָבלוס אין לאַגער פון פּאָמפּעאוס און ווערט אויפגענומען און אָפּגעלאָזט מיט כבוד, אָבער ביים דריטן באַזוך באַפעלט אים פּלוצלינג פּאָמפּעאוס, ער זאָל פאַראָרדענען די קאָמאַנדירן פון אַלע פעסטונגען פון יהודה, זיי איבערצוגעבן אין די הענט פון רוימישע קאָמאַנדירן, אַלס באַווייז און גאַראַנטיע, אַז יהודה בלייבט טריי איר בונד מיט רוים. בלית ברירה גיט יהודה־אַריסטאָבלוס אַזאַ באַפעל אַרויס, אָבער ווי נאָר ער ווערט פריי־געלאָזן פון רוימישן לאַגער, איילט ער קיין ירושלים אויף צו אָרגאַניזירן פון דאָרט די פאַרטיידיקונג פון לאַנד. פּאָמפּעאוס האַלט זיך פאַר פאַרראַטן און טרעט אַרוים אין מאַרש קיין ירושלים. יהודה־אַריסטאָבלוס דערפילט זיך מיטאַמאָל אוממעכטיק צו קעמפן קעגן דער גרויסער רוימישער אַרמיי, ער גייט אַרויס אין רוימישן לאַגער, אויף צו פירן אונטערהאַנדלונגען און דאָרט פאַרשפּרעכט ער איבערצוגעבן ירושלים אָן ווידערשטאַנד. פּאָמפּעאוס שיקט זיין קריגס־פירער גאַביניוס איבערצונעמען די שטאָט, יהודה אַריסטאָבלוס בלייבט אין רוימישן לאַגער אַלס ערובניק. אין ירושלים ווערט דערווייל אַ מהומה. די פּרושים, אָנהענגער פון יוחנן הורקנוס, פאָדערן איבערצוגעבן די שטאָט אָן ווידער־

שטאנד. די צדוקים, אַנהענגער פון יהודה-אַריסטאָבלוס, זענען פאַר אַ קאַמף מיט רוים, ווען דער רוימישער אוואַנגאַרד, געפירט פון לעגאַט פּיזאָן, קומט צו ביז ירושלים, ווערט אים די שטאָט איבערגעגעבן אָן ווידערשטאַנד. אָבער די אַנהענגער פון יהודה־אַריסטאָבלוס באַפעסטיקן זיך אויפן הר־הבית אין בית המקדש. דער גרויסער געראַנגל מיט רוים, וואָס וועט דויערן 200 יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן.

צווישן די באַלאַגערטע שווימט ווידער אַרויף די אַלטע פראַגע פון מלחמה־האַלטן אום שבת. נאָך אַ שאַרפער דיסקוסיע צווישן די מער פרומע און די מער פּראַקטישע, קומט מען צו אַ קאָמפּראָמיס. שבת וועט מען זיך בלויז ווערן קעגן אַ דירעקטן אָנגריף, אָבער מען וועט נישט קעמפן קעגן די אַרבעטן פון אויפשטעלן ערד־וואַלן, גראָבן טראַנשייען און בכלל פאַרשליסן די באַלאַגערונג. דאָס רוימישע מיליטער האָט גוט אויסגענוצט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע שטעלונג פון די באַלאַגערטע. אין אַ שבת־דיקן טאָג פון יאָר 63, לויט אַ געוויסער מיינונג איז עס געווען אום יום־כפור, האָבן די רוימישע חילות באַצוווּנגען די פעסטונג פון בית־המקדש און אַריינגעריסן זיך אין די אינעווייניקסטע הויפן פון היילִיקטום. עס איז גראָד געווען בשעתן פאַרנאַכטיקן גאָטעס־דינסט, וואָס איז נישט איבערגעריסן געוואָרן, אַפילו ווען דער פיינד איז אַריין. די כהנים האָבן געטאָן די עבודה, די משוררים־כאָרן האָבן געזונגען. איז ערגעץ עמעצער געפאַלן, איז באַלד אויף זיין אָרט, אין שטילשווייגן, געקומען אַ צווייטער און פאַרגעזעצט די עבודה. פילע זענען געפאַלן פון שווערד פון די רוימער, אַ סך האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפן פון די באַרג־שפּיצן אין די אָפּגרונטן: אַרום צוועלף טויזנט יידן זענען אומגעקומען.

פּאָמפּעאוס מיט זיינע קריגס־פירער זענען אַריינגעגאַנגען אין קדש הקדשים, וווּהין בלויז דער כהן גדול האָט געקאָנט אַריינקומען איינמאָל אין יאָר, אין טאָג פון יום־כפור. זיי האָט אינטערעסירט צו זען דאָס פאַרבאָרגענע הייליקטום פון אַנגע־שטאַלטיקן גאָט. וואָס פאָרט געפינט זיך אין זיין קדש הקדשים? זעענדיק, אַז דאָרט איז פאַראַן בלויז אַ פעלזן־שפּיץ אויף וועלכן דער כהן גדול פלעגט אַרויפשטעלן יום־כפור אַ פאַן מיט קטרת (אבן שתיה) און אויף וועלכן עס האָט, לויט דער יידישער טראַדיציע, געזאָלט פאָרקומען דאָס ברענגען יצחקן פאַר אַ קרבן, וואָס דער גאָט פון ישראל האָט אָפּגערופן, ווייל ער פאַרלאַנגט נישט קיין מענטשן־בלוט, איז פּאָמפּעאוס אַזוי באַאיינדרוקט געוואָרן, אַז ער האָט פאַראָרדנט אָפּצורייניקן דאָס הייליקטום, עס איבערגעבן צוריק צו די כהנים; ער האָט אַפילו נישט אָנגערירט די קאָסטבאַרע חפצים פון גאָטעס־דינסט, ווי אויך די אוצרות פון בית המקדש.

דאָן נעמט זיך פּאָמפּעאוס צו לייזן דעם קאָנפליקט צווישן די ברידער. יהודה־אַריסטאָבלוס ווערט אַראָפּגעזעצט פון טראָן. דער הויפּט פון לאַנד און פאָלק ווערט יוחנן־הורקנוס, אָבער נישט מיטן טיטל מלך, נאָר בלויז אַלס כהן־גדול. די פאַקטישע אויבערהערשאַפט בלייבט אין די הענט פון רוים. פּאָמפּעאוס רייסט אויך אָפּ פון יהודה

אַלע געביטן, וואָס די חשמונאים־הערשער פון יוחנן הורקנוס דעם ערשטן ביז יהודה־אַריסטאָבלוס דעם צווייטן האָבן איינגענומען. דאָס לאַנד בלייבט רעדוצירט צו דעם אַמאָליקן קליינעם געביט פון דער אייגנטלעכער יהודה און אויך צום גליל, וואָס איז שוין צו יענער צייט געווען יידיש דורך און דורך. אָפּגעריסן פון ים, צעטיילט אירע צווייי געביטן דורכן געגנט פון די שומרונים, איז יהודה, די גרויסע מלוכה פון די חשמו־נאים, געבליבן בלויז אַ שאָטן פון דעם, וואָס זי איז געווען.

אין יאָר 61, ווען פּאָמפּעאוס קערט זיך אום פון זיינע מלחמות אין אַזיע, גייען פאַר זיין טריומף־וואָגן דער געפאַנגענער מלך פון יהודה, יהודה־אַריסטאָבלוס דער צווייטער, זיין זון מתתיהו אַנטיגנוס (דעם צווייטן זון יונתן־אַלעקסאַנדער איז געלונגען צו אַנטלויפן פון געפאַנגענשאַפט), און זיינע טעכטער. די פרוי פון יהודה אַריסטאָבלוס איז געבליבן ווי אַן ערובניצע אין יהודה.

אין יענע יאָרן איז שוין די תהלים־זאַמלונג געווען געשלאָסן, און די משוררים גיסן אויס זייער צער אויפן פאַלן פון בית המקדש אונטער פּאָמפּעאוס און אַנדערע מזמורים, וואָס זענען נישט אַריין אין די הייליקע שריפטן, אָבער זיי זענען דאָך דערגאַנגען צו אונדז. אין דעם אַפּאָקריפישן ספר „תהלות שלמה", אָדער „מזמורי שלמה", קאַפּיטל כ׳, לייענען מיר:

כי חרפו גויים את ירושלים
ורמסוה,
הורד הדרה מכסא כבודה,
חגרה שק תחת לבוש מכלול.
חבל סביב לראשה, תחת עטרה.
הוסר צניף הכבוד,
אשר צנף אותה אלהים.
בחרפה השלכה תפארתה לארץ.

ווייל גויים האָבן געלעסטערט און צעטראָטן
ירושלים.
איר פּראַכט האָט אַראָפּגענידערט פון איר טראָן.
אנשטאָט פּראַכט־קליידער, טראָגט זי אַ זאַק.
אנשטאָט אַ קרוין, אַ שטריק אַרום קאָפּ.
צוגענומען געוואָרן די ערן־הויב,
וואָס גאָט אַליין האָט איר אָנגעטאָן,
מיט שאַנד איז איר פּראַכט געוואָרפן
צו דער ערד.

און דער משורר בעט זיך:

אנו הקשינו את ערפנו,
ואתה מיסרנו.
אל תסתר פניך מאתנו, אלהינו,
פן יבלעונו זרים ואין גואל.

מיר האָבן פאַרשטייפט אונדזער נאַקן
און דו שטראָפסט אונדז.
פאַרבאָרג נישט דיין געזיכט פון אונדז,
אָ גאָט!
ווייל פעלקער וועלן אונדז פאַרשלינגען,
נישטאָ קיין דערלייזער.

אַזוי האָט די פאָלקס מוזע באַוויינט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט רוים.

אין געראַנגל פאַר אומאָפּהענגיקייט

יהודה־אַריסטאָבלוס און זיינע זין (57־49 פאַר ד. א. צ. ר.)

מיט דער אינטערוועניץ פון פּאָמפּעאוס אין יאָר 63 פאַר ד. א. צ. ר. הויבט זיך אָן דער גרויסער געראַנגל צווישן יהודה מיט רוים, וואָס וועט דויערן צוויי הונדערט יאָר, ביז די אַנטי־יידישע געזעצן, וואָס דער אימפּעראַטאָר אַדריאַנוס גיט אַרויס, נאָכדעם ווי ער האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא (יאָר 138 פון ד. א. צ. ר.) ווערן אָפּגעשאַפט. פאַר די צוויי הונדערט יאָר וועט דער יידישער שטאַט צוויי מאָל צעשטערט ווערן, דער צווייטער בית המקדש וועט חרוב ווערן, הונדערטער טויזנטער יידן וועלן פאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער, אַנדערע הונדערטער טויזנטער וועלן אויסשטאַרבן פון הונגער, אָדער פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן, א מיליאָן יידן וועלן ארויסגעריסן ווערן פון זייער לאַנד. אָבער אין דעם אומגלייכן קאַמף וועט דאָס יידישע פאָלק אויסקריסטאַליזירן זיינע אויסטערלישע אייגנשאַפטן און ברענגען צום אויסדרוק די וואונדערבאַרע כוחות, וואָס וועלן גאַראַנטירן זיין אומשטערבלעכקייט אויף אַלע אייביקייטן און וועלן אים געבן די מעגלעכקייט צוריק אויפצושטעלן זיין שטאַט, מדינת ישראל, אַנשטאַט מדינת יהודה, טויזנט אַכט הונדערט דרייצן יאָר נאָכדעם ווי די מדינה וועט צום צווייטן מאָל צעשטערט ווערן.

א דערדריקטע און דערשיטערטע איז געלעגן יהודה נאָך דער אינטערוועניץ פון פּאָמפּעאוס. די מויערן פון דער הויפּט־שטאָט צעשטערט, טויזנטער קעמפער געפאַלן אין שלאַכט. אין ירושלים איז געזעסן א רוימישער גאַרניזאָן. די מדינה איז געוואָרן אָפּגעריסן פון אירע פאַרט־שטעט, איר אויסלענדישער מסחר פאַרקלענערט, פאַרמינדערט דער וווילזיין פון אירע איינוווינער. יהודה איז אָבער ווייט נישט געווען צעשטערט. פאַר די אַכציק יאָר פון דער חשמונאים - הערשאַפט האָט דאָס פאָלק אָנגעזאַמלט פיל מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער, וואָס עס וועט איצט שטעלן אין קאָן פאַרן צוריקדעראָבערן זיין שטאַטלעכע אומאָפּהענגיקייט.

מיטן אָננעמען דעם אַמט פון כהן גדול אונטער רוימישער אויבערהערשאַפט, האָט יוחנן־הורקנוס דער צווייטער אָנגעווירן דאָס ביסל סימפּאַטיע, וואָס ער האָט נאָך געהאַט. עס האָבן זיך, פּאַרקערט, געשטאַרקט די נייגונגען צו יהודה־אַריסטאָבלוס און זיינע זין, וואָס וועלן אין משך פון 26 יאָר נישט אויפגעבן דעם שטרייט פאַר צוריק־שטעלן דעם אָפּגעשאַפטן טראָן פון יהודה, ביז וואַנען זיי וועלן אַלע דריי פאַלן אין זייער אומגלייכן קאַמף.

קוים זעקס יאָר גייען אַריבער אין רעלאַטיווער רואיקייט. אין יאָר 57, גע־לינגט דעם עלטערן זון פון יהודה־אַריסטאָבלוס, יונתן־אַלעקסאַנדער, צו דערלאַנגען זיך קיין יהודה. באַלד מעלדן זיך צו אים טויזנטער קעמפער, פון וועלכע ער אָרגאַני־זירט אַן אַרמיי פון צען טויזנט פוסגייער און טויזנט פינפהונדערט רייטער. ער פאַר־נעמט אייניקע פעסטונגען, צעקלאַפּט די רוימישע אָפּטיילונגען, וואָס טרעטן אַרויס צו באַקעמפן אים. אָבער ער ווערט געשלאָגן פון די רוימישע הויפּט־כוחות, אָנגעפירט פון פּראָ־קאָנסול גאַביניוס. יונתן־אַלעקסאַנדער פאַרשפּאַרט זיך אין דער שטאַרקער פעסטונג אַלעקסאַנדריאָן, וועלכע ער גיט איבער צום שונא נאָך דעם, ווען ער קריגט אַ צוזאָג פרייגעלאָזן צו ווערן. דער צוזאָג ווערט אויך געהאַלטן.

דער אויפשטאַנד פון יונתן־אַלעקסאַנדער באַווייזט די רוימישע מאַכטהאָבער, אַז די מאַכט פון יהודה איז נאָך נישט געבראָכן. גאַביניוס באַשליסט אָפּצושוואַכן די מדינה, וואָס איז אַזוי גרייט צום אויפשטאַנד. ער צעטיילט דאָס לאַנד אין פינף פאַר־שידענע געביטן, יעדער מיט זיין סנהדרין: ירושלים, גזר און יריחו און יהודה גופא, עמאַאוס אין עבר הירדן, ציפּורי אין גליל. דער צענטראַלער סנהדרין ווערט אָפּגעשאַפט. ניין יאָר וועט דויערן די צעטיילונג פון דער מדינה, וואָס וועט סיי ווי נישט געבן די דערוואַרטע רעזולטאַטן.

איין יאָר שפּעטער (56) קומט אין לאַנד יהודה־אַריסטאָבלוס אַליין. עס געלינגט אים אויך צו שאַפן אַן אַרמיי און באַהערשן אַ טייל פון לאַנד. לסוף ווערט ער באַזיגט און אָפּגעשיקט צוזאַמען מיט זיין צווייטן זון מתתיהו־אַנטיגנוס קיין רוים, וווּ ער בלייבט אַ צייט אין תפיסה, מתתיהו־אַנטיגנוס ווערט באַגנעדיקט פון רוימישן סענאַט.

אין יאָר 55 קומט יונתן־אַלעקסאַנדער נאָכאַמאָל קיין יהודה. ער שאַפט ווידער אַ גרויסע אַרמיי. ביים באַרג תבור ווערן זיינע קעמפער אַטאַקירט פון די רוימישע חילות, געשטיצט פון יידישן מיליטער פון יוחנן־הורקנוס. ער פאַרלירט צען טויזנט מאַן פון זיין דרייסיק טויזנט קעפּיקן חיל, און ער קאָן קוים אַנטלויפן מיט אַ קליינער אָפּ־טיילונג.

אַ יאָר שפּעטער (54), רויבט אויס דער טריומוויר קראַסוס די אוצרות פון בית המקדש, אָבער אין יאָר 53 ליידט ער אַ מפּלה אין זיין מלחמה מיט די פּאַרטיער און ווערט געטויט דורך אַריינגיסן אים אין האַלדז צעשמאָלצן גאָלד, אַ מעטאַל, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. די דאָזיקע מפּלה פון רוים שטאַרקט די פּאַטריאָטן אין יהודה.

דער יידישער קריגספירער פּתואל (פּיטאָלאַאוס) בילדעט שנעל אַ גרויסע אַרמיי, ער ווערט אָבער באַזיגט און געטויט דורכן רוימישן קריגס־פירער קאַסיוס לאָנגינוס (52).

באַלד שיינט אויף אַ מעגלעכקייט, אַז יהודה־אַריסטאָבלוס זאָל צוריק באַקומען זיין טראָן. אין רוים ברעכט אויס אַ קריג צווישן די מאַכטהאָבער פון ערשטן טריומוויראַט. צעזאַר יוליוס טרעט אַרויס קעגן פּאָמפּעאוס. ער באַפרייט יהודה־אַריסטאָבלוס פון געפענגעניש און גיט אים צוויי רוימישע לעגיאָנען צו קעמפן קעגן די אָנהענגער פון פּאָמפּעאוס אין פאָדער־אַזיע. די פריינט פון פּאָמפּעאוס באַוויזן צו אָבסמען יהודה־אַריסטאָבלוס, נאָך איידער ער פאַרלאָזט רוים (49). אויף דער פאַראָרדענונג פון פּאָמפּעאוס ווערט דעם זעלבן יאָר געקעפּט יונתן־אַלעקסאַנדער.

דעם זעלבן יאָר באַזיגט צעזאַר יוליוס פּאָמפּעאוסן אין דער שלאַכט ביי פאַרסאַליאַ. פּאָמפּעאוס אַנטלויפט קיין מצרים, ווו ער ווערט פאַררעטעריש דערמאָרדעט אין יאָר 48. צעזאַר יוליוס לאָזט זיך אַוועק קיין מצרים צו באַקעמפן די רעשטלעך פון פּאָמפּעאוסעס חילות. אויפן וועג באַקומט ער די פולסטע שטיצע פון יוחנן־הורקנוס און זיין ראַטגעבער, דעם אדומי אַנטיפּאַטער. דער וועג פון צעזאַר יוליוס קיין מצרים ליגט איבער אַ געגנט, וואָס איז געדיכט באַזעצט מיט יידן, און ווו עס שטייט אפילו אַ קליינער בית־המקדש, אויפגעבויט אין 160 פון דעם כהן־גדול חוניא דעם פערטן. דער געגנט רופט זיך טאַקע ארץ חוניא. יוחנן־הורקנוס שיקט בריוו צו די יידן, אַז זיי זאָלן העלפן צעזאַר יוליוס ביי זיין דורכמאַרש דורך זייער געגנט. ווען צעזאַר יוליוס פאַרפלאָנטערט זיך אין זיין ליבע מיט דער עגיפּטישער מלכה, די באַרימטע קלעאָפּאַטראַ און ער ווערט באַלאַגערט אין קעניגלעכן פּאַלאַץ פון אַלעקסאַנדריע דורך די חילות פון פּטאָלאָמעאוס דעם פערצנטן, ברודער און מאַן פון קלעאָפּאַטראַ, קומט אים צו הילף אַ יידישע מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס העלפט אים אַרויסקריגן זיך פון דער שווערער לאַגע.

צעזאַר יוליוס איז דאַנקבאַר די פירער פון יהודה. ער קערט צוריק דער מדינה אַלע שטעט, וואָס פּאָמפּעאוס האָט פון איר אָפּגעריסן. ער שאַפט אָפּ די לאָקאַלע סנהדריות, וואָס גאַביניוס האָט איינגעפירט, און שטעלט צוריק די גאַנצקייט פון לאַנד. ער באַשענקט יוחנן הורקנוס מיטן טיטל עטנאַרך (פאָלקס־הויפּט), וואָס איז כמעט גלייך צום טיטל מלך, און קערט אפילו אום יהודה די פּאָרטשטאָט יפו.

אַלס אויפמערקזאַמקייט צו יוחנן־הורקנוס, און אויף זיין בקשה, גיט אויך צעזאַר יוליוס אַ רייע פּריווילעגיעס די יידן אין אַנדערע מדינות פון דער רוימישער הערשאַפט. יידן מעגן זיך אומעטום פאַרזאַמלען אין זייערע שולן, ווען אפילו דער אַלגעמיינער בירגערשאַפט זענען פאַרבאָטן פאַרזאַמלונגען. יידן ווערן באַפרייט פון מיליטער־דינסט, ווייל זיי קאָנען נישט מחלל שבת זיין און עסן טרפות, יידן טאָר מען נישט רופן צום געריכט אין די טעג פון שבת און יום־טוב. אין רוים באַקומען יידן אַן אייגן געריכט, וואָס משפּט לויט די יידישע דינים. די אָרימעלייט פון רוים פלעגט מען

טיילן איינמאָל אין מאָנאַט ברויט מיט בוימל, די אָרימע יידן באַקומען אַנשטאָט די פּראָדוקטן געלט. אין סאַרדעס גיט אפילו די שטאָט־פאַרוואַלטונג די יידן אַן אומזיסטן פּלאַץ אויף אויסצובויען דאָרט זייער שול. די אַלע פּריווילעגיעס גיט אַרויס צעזאַר יוליוס די יידן צווישן די יאָרן 44־47, און זיינע נאָכפאָלגער די קאָנסולן דאָלאַבעלאַ (43־44) און יוניוס ברוטוס (42) באַשטעטיקן זיי.

אָבער ביי די אַלע כבודים און פּריווילעגיעס לאָזט צעזאַר יוליוס נישט אַרויס פון אויג די אינטערעסן פון דער רוימישער אימפּעריע. ער באַשטימט אַנטיפּאַטערן אַלס אַפּיטראָפּוס פון מדינת יהודה און גיט אים די רוימישע בירגערשאַפט. דערמיט ווערט פאַרלייגט דער גרונטשטיין פאַר אַ נייער דינאַסטיע, וואָס וועט מיט דער צייט פאַרבייטן די חשמונאים.

דאָך, ווען צעזאַר יוליוס פאַלט אין יאָר 44 אונטער די מעסערס פון קאַסיוס און ברוטוס, וועט קיין פאָלק נישט באַוויינען אַזוי זיין פּריצייטיקן טויט ווי די יידן, ווען אַפילו די פּריווילעגיעס, וואָס ער האָט זיי געגעבן וועלן אָנגעהאַלטן ווערן פון זיינע נאָכפאָלגער.

דער דאָזיקער קאַמף פאַר מאַכט און הערשאַפט צווישן די חשמונאים, וואָס האָט געבראַכט צו דער הערשאַפט פון רוים, רופט אַרויס ביי די בעסערע זין פון פאָלק אַ ווידערווילן קעגן יעדער פּאָליטישער טעטיקייט. די אָנפירער פון דער פּרושים־פּראַקציע אין סנהדרין, שמעיה און אבטליון, האָבן אונדז געלאָזט זייער שטעלונג אין דער הינזיכט.

שמעיה לערנט:

אהב את המלאכה,
ושנא את הרבנות,
ואל תתודע לרשות.

האָב ליב אַרבעט
און פאַראַכט הערשאַפט,
און האָב נישט קיין באַציאונגען מיט רעגירער.

אבטליון עצהט:

חכמים, הזהרו בדבריכם,
שמא תחובו חובת גלות,
ותגלו למקום המים הרעים,
וישתו התלמידים הבאים אחריכם
ונמצא שם־שמים מתחלל.

חכמים, זייט געהיט מיט אייערע רייד,
ווייל טאָמער נישט, קאָנט איר פאַרטריבן ווערן.
פאַרשיקט ווערן אין אָרט פון די שלעכטע וואַסערן
וואָס עס וועלן אויך טרינקען די תלמידים, אייערע נאָכפאָלגער,
און גאָטס נאָמען וועט פאַרשוועכט ווערן.

און דאָך, ביי זייער גאַנצער געצווימטקייט, האָבן זיי נישט געקאָנט אויסמיידן אַ ווערטער־קאָנפליקט מיט יוחנן הורקנוס דעם צווייטן. אַמאָל אין אַ יום־כּפּור, ווען זיי האָבן צוזאַמען מיט אַנדערע חשובע פירער פון פאָלק באַגלייט דעם כהן־גדול צו זיין פּאַלאַץ, נאָך דער גאָטעס־דינסט אין בית המקדש, האָט ער זיי אָפּגעזעגנט מיט אַ שטאָך־ווערטל: „זאָלן די „קינדער פון פאָלק" גיין געזונטערהייט". אויף וואָס איינער

פון זיי האָט געענטפערט: יאָ, די „קינדער פון פאָלק, וואָס טוען די אַרבעט פון אהרן הכהן (זוכן שלום צווישן פאָלק) וועלן גיין געזונטערהייט, אָבער עס וועט נישט גיין געזונטערהייט דער זון פון אהרן (דער כהן), וואָס טוט נישט די אַרבעט פון זיין גרויסן פאָטער.

די צעשיידונג פון די פאָלקס מאַסן מיט זייערע אָפיציעלע רעגירער ווערט פון מאָל צו מאָל גרעסער. ווען דער טיטל פון מלך ווערט אָפגעשאַפט, אָדער די מלכים זענען אונטערגעוואָרפן דעם רצון פון פרעמדן באַצווינגער, ווען דער אַמט פון כהן־גדול וועט אָפט זיין פאַרנומען, אין דער רוימישער עפּאָכע, דורך אומווירדיקע פּערזאָנען, וועט די פאָלקס־מאַסע נאָך ענגער שליסן אירע רייען אַרום די פירער פון די פרושים, וואָס וועלן ווערן די נישט־געקרוינטע פירער פון פאָלק. אנשטאָט דעם אָפגעשאַפטן כתר־מלכות, און דעם פאַרשוועכטן כתר־כהונה, וועט אויפקומען דער אידעאַליסטישער כתר־תורה.

הערשער פון דער חשמונאים־דינאַסטיע

א) פירער פון אויפשטאַנד

מתתיהו בן יוחנן	168
יהודה המכבי בן מתתיהו	160-168

ב) כהן גדול און לאנד־פאַרוואַלטער

יונתן בן מתתיהו	142-160

ג) אומאָפּהענגיקע נשיאים און כהנים גדולים

שמעון בן מתתיהו	135-141
יוחנן־הורקנוס א׳ בן שמעון	104-135

4) מלכים

יהודה אַריסטאָבלוס בן יוחנן הורקנוס	103-104
יונתן־ינאי־אַלעקסאַנדער בן יוחנן הורקנוס	76-103
שלומציון־אַלעקסאַנדראַ	67- 76
יהודה־אַריסטאָבלוס בן יונתן־ינאי	63- 67

5) כהן גדול און נשיא אונטער רוימישער אויבערהערשאַפט

יוחנן הורקנוס II בן יונתן־ינאי	41- 63

6) לעצטער זעלבסטשטענדיקער הערשער

מתתיהו אַנטיגנוס בן יהודה־אַריסטאָבלוס	37- 41

44סטע לעקציע

דער ארומישער קנאפל פון רוימישן שטיוול

אנטיפאטער און זיינע זין (47־41 פאר ד. א. צ. ר.)

אנטיפאטער נעמט פעסט אריין אין זיינע הענט די רעגירונג פון יהודה, צו וועלכער ער ציט צו זיינע צוויי זין, הורדוס און פצאל (פייזאל). פצאל ווערט באשטימט עסטראטעגוס (גענעראל) פון ירושלים, הורדוס — עסטראטעגוס פון גליל.

די באפעלקערונג פון גליל איז באשטאנען מערסטנטייל פון קליינע פויערים, איינגנטימער פון זייער באדן, אויף וועלכן עס איז אמשווערסטן געפאלן די לאסט פון די גרויסע צינזן, וואס רוים האט נישט אויפגעהערט צו מאנען. אין גליל איז גלייך אויפגעקומען א פאטריאטיש־רעוואלוציאנערע פארטיי, וואס האט זיך געשטעלט דעם צוועק אראפצוווארפן דעם רוימישן יאך. דער גרינדער פון דער פארטיי איז געווען א געוויסער חזקיה מיטן ביינאמען הגלילי, וועלכער האט געגרינדעט א מין דינאסטיע פון אויפשטענדלער, וואס וועלן נישט אויפהערן צו קעמפן קעגן רוים. דער לעצטער פון זיי, אלעזר בן יאיר, וועט פאלן ווי דער לעצטער קעמפער, אויף די ווענט פון דער לעצטער פעסטונג פון יהודה, אין מאסאדא (מצדה), אין יאר 73 פון ד. א. צ. ר.

הורדוס איז פולשטענדיק העלעניזירט און אבסאלוט טריי רוים. פאר אים זענען חזקיה מיט זיינע אנהענגער איינפאכע באנדיטן. ער הויבט אן קעגן זיי קריגס אפעראציעס, נעמט געפאנגען חזקיה מיט אייניקע פירער פון זיין פארטיי און לאזט זיי טויטן אן יעטווערן פראצעס, אן אומדערהערטע זאך אין יהודה. די דראסטישע נישט־יידישע האנדלונג פון הורדוסן רופט ארויס אן אויפברויז אין ירושלים. די מו־טערס פון די דערמארדעטע מאנען אלע טאג אין בית המקדש ביים נשיא און כהן גדול, יוחנן־הורקנוס דעם צווייטן, דאס בלוט פון זייערע קינדער: זיי פאדערן גערעכטיקייט. יוחנן־הורקנוס מוז פאראדערנען הורדוסן קומען קיין ירושלים און זיך שטעלן פארן משפט פון סנהדרין. אויפן ווונק פון זיין פאטער, אנטיפאטער, קומט הורדוס געהארכ־זאם קיין ירושלים זיך שטעלן צום משפט.

אָבער הורדוס קומט אין געריכט־זאַל ווי אַ רוימישער קריגס פירער, געקליידט אין אַ פּורפּור־טאָגע און באַגלייט פון אַ לייב־וואַך. יוחנן־הורקנוס, דער פּאָרזיצער פון סנהדרין, איז גרייט אַראָפּצושלינגען אַזאַ אומדערהערטע האַלטונג. אָבער איינער פון די וויצע פּאָרזיצערס, דער שפּעטער באַרימטער שמאי, פּראָטעסטירט ענערגיש קעגן אַזאַ האַנדלונג. הורדוס מוז זיך צושטעלן צום געריכט ווי ביי יידן פירט זיך, באַשיידן און אין טרויער, ווייל „נישט פאַר אונדז שטייסטו, נאָר פאַר דעם, וואָס האָט געזאָגט און די וועלט איז געוואָרן״, פאַר גאָט, הייסט עס. דער סנהדרין באַהאַנדלט דעם ענין אָן נשיאת פּנים. עס האַלט דערביי, אַז הורדוס זאָל פאַרמשפּט ווערן צום טויט! מען טאָר אָבער נישט אַרויסטראָגן קיין טויט־אורטייל ביינאַכט, און יוחנן הורקנוס פאַרציט דעם פּראָצעס, ביז עס ווערט נאַכט... ער גיט אויך הורדוסן די געלעגנהייט צו אַנטלויפן. הורדוס אַנטלויפט צום רוימישן לעגאַט פון סיריע, סעקסטוס, וועלכער באַשטימט אים אַלס סטראַטעג פון לבנון־טאָל (46).

דער בירגער־קאָנפליקט אין רוים ווערט דערווייל פאַרגעזעצט. די אָנהענגער פון פּאָמפּעאוס (די סענאַט־פּאַרטיי) קעמפן קעגן צעזאַר יוליוס און זיינע אָנהענגער. דעם 15־טן מערץ פון יאָר 44, ווערט צעזאַר יוליוס דערמאָרדעט אין מיטן פון אַ סענאַט־זיצונג. די הויפּט־פאַרשווערער, קאַסיוס און ברוטוס, אַנטלויפן אין די מדינות, צו זאַמלען מיליטערישע כוחות אויף צו קעמפן קעגן דעם פּלימעניק פון צעזאַר יוליוס, אָקטאַוויאַנוס, און זיין חבר מאַרקוס־אַנטאָניוס, וואָס האָבן געשוווירן נוקם צו זיין זיך פאַרן בלוט פון צעזאַר יוליוס. קאַסיוס קומט קיין פאָדער־אַזיע. אויף יהודה לייגט ער אַרויף אַ שטייער פון 700 זילבער טאַלאַנטן, און אַנטיפּאַטער מאָנט אויף דעם שטייער דורך זיינע זין, מיט דער גרעסטער אכזריות. הורדוס האָט זיך אינצווישן צו־ריקגעקערט קיין יהודה, און קאַסיוס פאַרשפּרעכט צו מאַכן אים פאַר מלך פון יהודה.

נישט קאָנענדיק באַקעמפן אָפן אַנטיפּאַטערן מיט זיינע בנים, מוזן די פּאַט־ריאָטן אָנקומען צו ווייניקער אַנשטענדיקע מיטלען: לויטן העלעניסטישן שטייגער, צו גיפט. סוף 43 ווערט אַנטיפּאַטער אָפּגעסמט אויף אַ באַנקעט אין פּאַלאַץ פון יוח־נן־הורקנוס. הורדוס און פצאל זענען חושד אַ געוויסן אָנהענגער פון די חשמונאים, אַ הויכן מלוכה־באַאַמטן אלימלך (מאַליכוס), אַז ער האָט אָרגאַניזירט די פאַרגיפטונג פון זייער פאָטער, און לאָזן אים דערמאָרדן נישט ווייט פון צור. דאָס שטאַרקט נאָך מער דעם פאָלקס־צאָרן קעגן די ברידער.

אין יאָר 42, ווי נאָר די רוימישע חילות פון קאַסיוס פאַרלאָזן סיריע, ברעכט אויס אַן אויפשטאַנד קעגן די אדומים, וואָס הערשן אין נאָמען פון יוחנן־הורקנוס. בראש פון דעם אויפשטאַנד שטעלט זיך מתתיהו־אַנטיגנוס, דער צווייטער זון פון מלך יהודה־אַריסטאָבלוס. עס העלפן אים די פּרינצן פון כאַלקיס און פון צור. אָבער הורדוס צעשטערט זייערע פּלענער און באַזיגט די אויפשטענדלער. פאַר דעם זיג ווערט הורדוס באַשאָנקען פון יוחנן־הורקנוס מיט אַ זיגער־קראַנץ. ער קריגט אויך די האַנט פון זיין

איינִיקל, די שיינע מרימי, די טאָכטער פון שלומציון־אַלעקסאַנדראַ און יונתן־אַלעק־סאַנדער, דעם זון פון יהודה־אַריסטאָבלוס. די דאָזיקע חשמונאים־טאָכטער פאַרבינדט הורדוסן מיט דער רעגירנדיקער חשמונאים־דינאַסטיע, וואָס וועט געבן אַ געוויסע לעגאַלע באַזע זיינע פּרעטענזיעס אויפן טראָן פון יהודה.

דעם זעלבן יאָר 42 באַזיגן אָקטאַוויאַנוס און מאַרקוס אַנטאָניוס די אָנהענ־גער פון פּאָמפּעאוס, ברוטוס און קאַסיוס, אין דער שלאַכט ביי פיליפּי, און בלייבן די איינציקע הערשער פון רוים. מאַרקוס אַנטאָניוס נעמט איבער די פאַרוואַלטונג פון די מזרח־געביטן. די איינוווינער פון יהודה מיינען צו האָבן אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון די אדומישע רעגירער אין לאַנד. זיי שיקן צוויי צאָלרייכע דעלעגאַציעס צום אויב־ערהערשער פון מזרח. איינע, פון הונדערט מאַן קיין ביטיניע, און אַ צווייטע פון גאַנצע טויזנט מאַן קיין אַנטיאָכיע. די דעלעגאַציעס באַקלאָגן זיך אויף די זין פון אַנטיפּאַטער,רעכענען אויס אַלע עוולות, וואָס זיי זענען באַגאַנגען און בעטן צו באַ־זייטיקן זיי פון דער רעגירונג. הורדוס האָט שוין אָבער געוווּסט דעם וועג צו מאַרקוס־אַנטאָניוס, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט פאַרפלאַנטערט אין זיין זייער קאָסטבאַרער ליבע מיט דער באַרימטער עגיפּטישער קעניגין קלעאָפּאַטראַ, און די „מתנות” פון הור־דוסן האָבן איבערגעוווויגן די טענות פון ביידע פאָלקס־דעלעגאַציעס, בפרט אַז דער נאָמינעלער הערשער פון יהודה, יוחנן־הורקנוס, האָט גוט געזאָגט פאַר די ברידער. מאַרקוס אַנטאָניוס באַשטימט הורדוסן און פּצאַלן פאַר טעטראַרכן, אומגעקרוינטע רעגירער פון יהודה. ביי יוחנן־הורקנוס בלייבט בלויז דער פּוסטער טיטל פון עטנאַרך און דער אַמט פון כהן גדול, אויף וועלכן די אדומים קאָנען דאָך נישט פּרעטענדירן.

דאָס פאָלק אין יהודה זעט, אַז די אדומים און די רוימער זענען איינס און דאָס זעלבע. אין דער ליטעראַטור וועט אדום בלייבן אַ סינאָנים פון רוים. און ווען די אדומים וועלן אַוועק און רוים וועט בלייבן, וועט מען רעדן אַלדאָס בייז אויף אדום, מיינענדיק רוים.

45סטע לעקציע

דער לעצטער חשמונאי: מתתיהו אַנטיגנוס

(41־37 פאַר ד. א. צ. ר.)

די אומצופרידנקייט אין פאָלק וואַקסט אַלץ מער און מער. דאָס נוצט אויס מתתיהו־אַנטיגנוס, דער צווייטער זון פון יהודה־אַריסטאָבלוס און מאַכט אַ לעצטן פּרואוו צוריקצוקריגן דעם טראָן פון זיין פאָטער. די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע שפּילט אים צו. די פּאַרטיער האָבן דערקלערט קריג רוים און זייערע חילות זענען צוגעקומען ביז צו די גרענעצן פון ארץ ישראל. מתתיהו־אַנטיגנוס שלאָגט זיי פאָר זיין הילף, מיטן תנאי אַז זיי זאָלן אים צוריק אַרויפזעצן אויפן טראָן פון זיינע אבות. די פּאַרטיער זענען מסכים, און ווי נאָר זייער מיליטער מיט מתתיהו־אַנטיגנוס קומט צו ביז די כרמל־בערג, מעלדן זיך טויזנטער יידישע קעמפער, בראש פון וועלכע מתתיהו־אַנטיגנוס לאָזט זיך אַוועק אויף ירושלים, וווהין ער קומט אָן אין די טעג פאַר שבועות. עס פאַרבינדט זיך אַ שלאַכט מיט די אָנהענגער פון די אדומים. די טויזנטער עולי־רגל זענען אויפן צד פון חשמונאי, אָבער די העלעניזירטע אַריסטאָקראַטיע שטיצט די אדומים. דאָס געווער איז נישט בכוח צו אַנטשיידן צווישן די צדדים, און עס ווערט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיך אויף אַ בוררות פון די פּאַרטיער, וועלכע זענען דערווייל צוגעקומען ביז ירושלים. דער קאָמאַנדיר פון פּאַרטישן אַוואַנגאַרד, פּאַקאָר, שיקט אַריבער דעם אַלטן יוחנן־הורקנוס און דעם טעטראַרך פּצאל צו דער הויפּט־קוואַרטיר פון די פּאַרטישע חילות אין גליל. דאָרט ווערן זיי אַרעסטירט אויפן באַפעל פון פּאַרטישן הויפּט־קאָמאַנדיר. פּצאל נעמט זיך דאָס לעבן, יוחנן־הורקנוס ווערט פאַרשיקט אין גלות קיין בבל, וווּ דער יידישער ישוב נעמט אים אויף מיט גרויס כבוד. בכדי ער זאָל מער נישט קאָנען זיין קיין כהן־גדול ווערט אים געמאַכט אַ לייכטער מום אין אַן אויער. מתתיהו־אַנטיגנוס ווערט מלך פון יהודה. אָבער הורדוס געלינגט עס ראַטעווען זיך. ער אַנטלויפט אין זיין פאָטערלאַנד, אדום, פון דאָרט קיין פּעטרא, די הויפּט־שטאָט פון אַן אַראַבישן שטאַט, פון וואַנען ער דערלאַנגט זיך סוף כל סוף קיין רוים.

אין רוים ווערט הורדוס אויפגענומען זייער פריינטלעך פון זיין אַלטן־באַ־

קאַנטן מאַרקוס־אַנטאָניוס, וועלכער שטעלט אים פֿאַר פֿאַר זיין שותּף אין דער רעגי־רונג, דעם פּלימעניק פֿון צעזאַר יוליוס, אָקטאַוויאַנוס. אויף זייער אָנווייזונג באַשטימט דער סענאַט צו פּראָקלאַמירן הורדוס אַלס מלך פֿון יהודה. אין קאַפּיטאָליום ווערן ביי דער געלעגנהייט געבראַכט קרבנות צו די רוימישע געטער (סוף יאָר 40). עס איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן ווי אַזוי אַ מלך, באַשטימט פֿון פֿרעמדע הערשער, און לכּבֿוד וועמען מען האָט מקריבֿ געווען קרבנות צו פֿרעמדע געטער, וועט אויפֿגענומען ווערן אין יהודה.

אין יהודה רעגירט דערוויל דער חשמונאַי מתתיהו־אַנטיגנוס, וועלכער באַ־נייט די טראַדיציע פֿון די ערשטע חשמונאָים. אויף די מטבעות, וואָס ער לאָזט אויס־גיסן אין צוויי שפּראַכן, העברעאיש און גריכיש, לייענט זיך אין דער העברעאישער־אויפֿשריפֿט: „מתתיהו כהן גדול וחבר היהודים”. דער קעניג־טיטל און דער גריכישער נאָמען, אַנטיגנוס, ווערן דערמאָנט בלויז אין דער גריכישער אויפֿשריפֿט. דאָס פֿאָלק איז ענג צוזאַמענגעשלאָסן אַרום זיין מלך. ווען דער רוימישער קריגס־פֿידער ווענטי־דיאָס באַזיגט סוף כּל סוף די פּאַרטיער און לאָזט זיך אויף יהודה, ווערט ער צעשלאָגן פֿון די חילות פֿון מתתיהו אַנטיגנוס, וועלכער קאָן אָבער נישט נעמען די פֿעסטונג מצדה, ווו דער שוואָגער פֿון הורדוס, יוסף, האָט זיך באַפֿעסטיקט מיט דער אַדומים־משפּחה, צווישן וועלכע עס געפֿינט זיך אויך הורדוסעס כּלה, די חשמונאית מרים.

אָנפֿאַנג יאָר 39 קומט הורדוס קיין יהודה. ער שטייגט אַרויס פֿון שיף אין פּאָרט פֿון עכּו און הויבט אָן אָרגאַניזירן אַן אַרמיי, אויף צו קעמפֿן קעגן מתּתיהו־אַנטיגנוס. הורדוס ווערט געשטיצט פֿון די העלעניזירטע יידן אין יהודה און נאָענטע לענדער. דער רייכסטער ייד פֿון סיריע, שר־המעלה, גיט אים געגוג געלט אויף צו אָר־גאַניזירן און באַזאָרגן זיין אַרמיי. זיינע פֿריינט פֿון אדום און שומרון אָרגאַניזירן זיך אויף צו העלפֿן אים. אויך די רוימישע קאָמאַנדירן אין סיריע ווענטידיאָס און סילאָ־נוס קומען אים צו הילף. הורדוס נעמט איין יפֿו, צווינגט אַראָפּצונעמען די באַלאַגע־רונג פֿון מצדה און באַפֿרייט זיין פֿאַמיליע. ער פֿאַלט אָבער דורך ביים פּרוּוו צו נעמען ירושלים, און מוז זיך צוריקציען איבערווינטערן אין אדום.

אָנפֿאַנג יאָר 38 טרעטן ווידער אַרויס די פּאַרטיער און קומען צו ביז די גרענעצן פֿון ארץ ישׂראל. אין גליל ברעכט גלייך אויס אַ מרידה קעגן די רוימער און זייער „מלך” הורדוס. דער קאַמף אין גליל אַנטוויקלט זיך מיט אַ גוואַלדיקער ביטער־קייט. די פּאַטריאָטן פֿירן דאָרט אַ פּאַרטיזאַנען־קאַמף און באַפֿעסטיקן זיך אין די היילן, וואָס ווערן נאָך ביז היינט געוויזן, אין די בערג אַרום צפֿת. אויך אין הורדוסעס געבורט־לאַנד, אדום, ברעכט אויס קעגן אים אַ מרידה. קנאַפּע צוויי יאָר ווערט פֿאַר־געזעצט די מלחמה מיט פֿאַרשידענעם דערפֿאָלג פֿאַר די צדדים. אָבער די רוימער שיקן אַלץ מער און מער פֿאַרשטאַרקונג און דאָס וועגט אַריבער די וואָגשאָל פֿון נצחון אויף דער זייט פֿון הורדוס.

הורדוס קאָן שוין צוטרעטן באַלאַגערן ירושלים. אָבער ער פילט, אַז פריער מוז ער שאַפן פאַר זיך אַ גינסטיקע שטימונג צווישן די מאַסן פון יהודה. ער לאָזט צירקולירן קלאַנגען, אַז ער איז גאָר באמת נישט קיין אדומי, נאָר אַן אָפּשטאַמער פון די משפחות פון יהודה, וואָס האָבן זיך נאָכן צוריקקערן פון גלות־בבל באַזעצט אין געביט פון אדום. ער האָט אויך דאַן חתונה געהאַט פאַר זיין כלה מרים, דאָס אייניקל פון דעם אראָפּגעזעצטן כהן־גדול יוחנן הורקנוס, דערמיט ווערט ער ווי, להבדיל, דוד בשעתו, דער איידעם פון קעניג, און קאָן דערפאַר פּרעטענדירן אויפן טראָן.

פאַר דער צייט קומען אויך צו נאָך רוימישע חילות, און פרילינג פון יאָר 37 ווערט ירושלים באַלאַגערט פון עלף רוימישע לעגיאָנען און זעקס טויזנט רייטער, חוץ געהילף־חילות. אונטער דער פירערשאַפט פון לעצטן חשמונאי, מתתיהו אנטיגנוס, קעמפן יידן ווי די לייבן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון יהודה און פאַרטיידיקונג פון ירושלים. זיי הערן זיך נישט צו צו די עצות פון די פרושים־פירער הלל און שמאי, וואָס ראַטן עפענען די טויערן פאַר הורדוסן מיט זיינע רוימער. די פּאַטריאָטן ווילן אפילו נישט הערן דערפון און קעמפן מוטיק פינף חדשים פאַר יעדן שפּאַן באָדן. אָבער זומער 37, אין אַ שבתדיקן טאָג, פאַלט די לעצטע פעסטונג פון ירושלים, די פעס־טונג אַרום בית המקדש. צערייצטע פון זייערע אָנשטרענגונגען, האָבן די רוימער גע־מאַכט אַזאַ שווידערלעכע בלוט־באָד, אַז הורדוס אַליין האָט זיך גענומען בעטן ביי זיי אָפּצושטעלן די שחיטה, ווייל „זיי ווילן דאָך נישט, ער זאָל קעניגן אין אַ פּוסטער שטאָט, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מדבר".

מתתיהו אנטיגנוס פאַלט אריין אַ לעבעדיקער אין די הענט פון די רוימער. ער ווערט איבערגעשיקט צו מאַרקוס־אַנטאָניוס קיין אַנטיאָכיע, וווּ ער ווערט געקעפּט, אויפן פאַרלאַנג פון הורדוס. דורך אַזאַ מיאוסן טויט, וואָס רוים האָט קיינמאָל נישט אַנגעווענדט צו קיין מלך, האָט מען געזוכט אַרויסצורייסן פון יידישע הערצער די פאַר־ערונג און ליבע, וואָס זיי האָבן געהאַט צו די חשמונאים. אַנטאָניוס לאָזט אויסגיסן אַ ספּעציעלע מטבע לכבוד דעם טריומף איבער יהודה. פון איין זייט זעט מען אַ מאַן געשמידט אין קייטן, מתתיהו־אנטיגנוס, און אַ געפאַנגענע פרוי, יהודה, פון דער צווייטער זייט, אַן אויפשריפט פון בלויז איין וואָרט: אַנטאָניוס.

אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן דער לעצטער פון די חשמונאים־הערשער, וואָס האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען ווי דער ערשטער פון זיי, וואָס האָט אויפגע־הויבן די פאָן פון מרידה פאַרן יידישן כבוד און גלויבן. הונדערט און דרייסיק יאָר האָט די דינאַסטיע פון דאָרפס־כהנים אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן, וואָס איז אונטער איר פירערשאַפט געשטיגן צו גאָר אַ הויכער מדרגה. דער יום־טוב חנוכה, וואָס ווערט ביז היינט געפייערט אין אָנדענק פון זייערע נצחונות, איז דער לעבעדיקער דענקמאָל, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אין זייער כבוד אויפגעשטעלט.

46סטע לעקציע

הורדוס באַפעסטיקט זיך אויפן טראָן ווי אַ פוקס

(37 ־ 24 פאַר ד. א. צ. ר.)

אויפן פאַרבלוטיקטן טראָן פון די חשמונאים שטייגט אַרויף, מיטן חסד פון רוים, הורדוס, אַ זון פון האַלב־יידישן שטאַם אדום, וועלכער האָט ערשט מיט אַ יאָר זיבעציק צוריק געהאַט אָנגענומען געצוווּנגענערהייט דעם יידישן גלויבן. הורדוס איז בלי ספק אַ זייער פּעאיקער מענטש, אפשר אויך אַ גרויסער מלך. ער איז אָבער נישט קיין יידישער מלך. דורך און דורך העלעניזירט, איז זיין שווערער כאַראַקטער נישט דערהויבן דורך דער השפּעה, וואָס יידישקייט האָט געהאַט אפילו אויף די ערגסטע יידישע הערשער. ער האָט כשר פאַרדינט דאָס געשליפענע וואָרט פון אַ פּראָנצויזישן היסטאָריקער (קאַפּעפיג) אַז: „ער איז געקומען צום טראָן ווי אַ פוקס, האָט געקעניגט ווי אַ טיגער, און איז געשטאָרבן ווי אַ הונט".

די דריי און דרייסיק יאָר פון זיין רעגירן קאָנען איינגעטיילט ווערן אין דריי פּעריאָדן. פון 37 ביז 24, אין פאַרלויף פון וועלכע ער באַפעסטיקט זיך אויפן טראָן, אויסראָטנדיק מיט דער גרעסטער אַכזריות און שלויקייט אַלע מיטגלידער, און אפילו נאָענטע קרובים, פון דער חשמונאים־דינאַסטיע; פון יאָר 24 ביזן יאָר צען, ווען דאָס לאַנד און דער קעניג געניסן פון רעלאַטיווער רואיקייט; און פון 10 ביז 4, ווען עס אַנטוויקלט זיך דער גרויזאַמער בלוטיקער קאַמף אַרום דער טראָנפאָלגונג.

ווי נאָר הורדוס דערפילט זיך פעסטער אויף זיין טראָן, צוליב דעם שענדלעכן טויט פון מתתיהו־אַנטיגנוס, הויבט ער אָן צו פאַרפאָלגן די אָנהענגער פון דער חשמונאים־דינאַסטיע, בעיקר די רייכערע פון זיי, וואָס ער לאָזט טויטן אָן אַ יידישן דין ומשפּט און קאָנפיסקירט זייערע פאַרמעגנס, וואָס ווערן דער מקור פון רייכטום פון דער הורדוס־דינאַסטיע.

הורדוס שטרעבט צו זעלבסטהערשאַפט. ער שאַפט כמעט אָפּ דעם סנהדרין, טויט די מערהייט פון זיינע מיטגלידער, איבערלאָזנדיק בלויז די, וואָס האָבן בשעתּם געשטיצט דעם פאָרשלאַג פון הלל און שמאי צו עפענען פאַר אים די טויערן פון ירושלים. דער סנהדרין ווערט אָן זיינע מלוכה־פונקציעס און בלייבט רעדוצירט צו אַן אַקאַדעמיע, וואָס פאַרטיפט זיך אין שטודיום פון די רעליגיעזע יידישע געזעצן: די

הלכה. קעגן דעם האָט הורדוס, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ טרייען רעליגיעזן ייד, גאָרנישט געקאָנט האָבן: אדרבא, ער שטיצט אַזאַ נאָמינעלן קיום פון פּרעסטיזש־פולן אַנשטאַלט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן יידישן לעבן. אין סנהדרין זיצן איצט די פּרושים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער אינטערווענץ אין די מלוכה־ענינים, וואָס ווערן געפירט פון אַ פרעמדער מאַכט, רוים און הורדוס, און זענען אינגאַנצן אַוועק אין לימוד התורה. ביים פאָלק קומט אפילו אויס, אַז הורדוס איז אַן אָנהענגער פון די דעמאָקראַטישע פּרושים, קעגן די אַריסטאָקראַטישע צדוקים, אַ צוג, וואָס אַלע דעמאַגאָגן פּראַקטיצירן פון קדמונים. אויף איינצוהאַלטן דעם דאָזיקן איינדרוק, פאַרשווייגט אפילו הורדוס דעם פאַקט, וואָס זעקס טויזנט עקסטרעם־פּאַטריאָטישע פּרושים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שווערן אים טריישאַפט.

הורדוס פאַרמינערט אויך די באַדייטונג פון דעם כהן־גדול. מיטן חסד פון רוים האָט ער געקאָנט ווערן מלך פון יהודה, אָבער נישט קיין כהן־גדול, דערצו מוז מען געבוירן ווערן אין אַ כהנים־פאַמיליע. פון די חשמונאים איז דערווייל פאַרבליבן אין לאַנד אַן אייניקל פון יוחנן הורקנוס דעם צווייטן, יונתן־אַריסטאָבלוס, דער ברודער פון זיין ווייב מרים. דער אַמט פון כהן־גדול קומט אים בירושה, אָבער הורדוס מאַכט זיך נישט וויסנדיק דערפון און באַשטימט אויפן הויכן אַמט אַן אומבאַקאַנטן כהן מיטן נאָמען חנמאל, וואָס מען ווייסט אפילו נישט גענוי פון וואַנען ער שטאַמט, פון בבל, צי פון מצרים. דאָ שטויסט זיך אָבער אָן דער ווילקיר פון מלך אין דער אַמביציע פון זיין שוויגער, שלומציון־אַלעקסאַנדראַ, די טאָכטער פון יוחנן הורקנוס דעם צווייטן און מוטער פון יונתן־אַריסטאָבלוס. זי איז זייער באַפריינדעט מיט קלעאָפּאַטראַ, דער קעניגין פון מצרים און געליבטע פון מאַרקוס אַנטאָניוס, דעם רוימישן הערשער פון מזרח. הורדוס באַקומט אַן אָנווייזונג, אַז יונתן אַריסטאָבלוס זאָל באַשטימט ווערן פאַר כהן־גדול. בלית ברירה גיט ער נאָך. אָבער ווען דער אַכצניאָריקער כהן גדול דערשיינט אין בית המקדש און טוט די עבודה אין טאָג פון יום־כפור, איז דאָס פאָלק קאָנצענטרירט אויף אים די גאַנצע ליבע, וואָס עס האָט געפילט צו דער חשמונאים־דינאַסטיע, פון וועלכער ער איז דער לעצטער צווייג, אַנטשליסט זיך הורדוס אויף אַ געוואַגטן שריט. נאָך סוכות לאַדט ער איין דעם יונגן כהן־גדול צו פאַרברענגען אין זיין פּאַלאַץ נעבן יריחו, דאָרט פּראָוואָצירן אים אונטערגעשטעלטע מערדער אויף אַ געוועט־שווים אין אַ וואַסער־באַסיין, ווו דער יונגער חשמונאי ווערט „צופעליק" דערטרינקען. הורדוס ווייזט אפילו אַרויס גרויס באַדויערן אויפן טויט פון זיין שוואָגער, אָבער דאָס פאָלק ווייסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און דער האַס צו הורדוסן ווערט נאָך גרעסער (סוף 35).

שלומציון־אַלעקסאַנדראַ פּועלט אויס דורך קלעאָפּאַטראַ, אַז מאַרקוס־אַנטאָניוס זאָל אַרויסרופן צו זיך הורדוסן און פאָדערן ביי אים דין וחשבון. הורדוס מוז זיך לאָזן אויף דער געפערלעכער נסיעה. פאַרן אָפּפאָרן לאָזט ער איבער אַ באַפעל זיין פינאַנץ־מיניסטער און שוואָגער יוסף, אַז אין פאַל ער קומט נישט צוריק, זאָל ער

טויטן שלומציון אַלעקסאַנדראַ און אויך מרים, אין וועלכער הורדוס איז אַזוי שטערב־לעך פאַרליבט, אַז ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל אָנקומען אַן אַנדערן נאָך זיין טויט. הורדוס „פאַרענטפערט" זיך פאַר מאַרקוס־אַנטאָניוס מיט קאָסטבאַרע מתנות. ער טרעט אויך אָפּ קלעאָפּאַטראַן די באַלזאַם־פּלאַנטאַציעס פון יריחו און אַ טייל פון גליל, וואָס ער נעמט טאַקע צוריק ביי איר אין אַ רענדע אויף זייער אַ הויכן פּרייז... אַזעלכע „אַרגו־מענטן" האָבן געקאָנט שטילן דאָס גערעכטיקייט־געפיל פון די רוימישע הערשער. הור־דוס קומט בשלום צוריק. אָבער דערווייל האָט זיך מרים דערוווסט פון דעם געהיימען באַפעל צו טויטן זי, אין פאַל מיט אים זאָל עפּעס פּאַסירן, און דער שלום בית צווישן מרים און הורדוס איז אויף אַלעמאָל צעשטערט. אויף צו פאַרגיטיקן מרים, לאָזט הורדוס אַראָפּברענגען פון בבל דעם אַלטן יוחנן־הורקנוס דעם צווייטן, וועמען ער האַלט אויס מיטן גרעסטן כבוד און רופט אים אפילו פאָטער (יאָר 34).

אין יאָר 32 ברעכט אויס דער קאָנפליקט צווישן די הערשער פון רוים, אָק־טאַוויאַנוס און מאַרקוס־אַנטאָניוס. זיי הויבן אָן זאַמלען קרעפטן צו אַ דעפיניטיווער שלאַכט. הורדוס זוכט צו בלייבן מן הצד פון דעם קאָנפליקט. ער ווייסט דאָך נאָך נישט, ווער עס וועט זיין דער זיגער... ער זוכט זיך אויס אַ תירוץ און פאַרפירט אַ מלחמה קעגן מאַליק, דעם קעניג פון די אַראַבער, וואָס האָט נישט רעגלמעסיק געצאָלט קלעאָ־פּאַטראַן די אַרענדע פאַר זיינע אייגענע לענדער, וואָס ער האָט פון איר „געפּאַכטעט". הורדוס איז געווען דער ערב פאַר די צאָלונגען. הורדוס ליידט מפּלות אין דעם קריג, אָבער פאַר אים איז דאָך דער עיקר נישט צו באַטייליקן זיך אין דעם קאַמף צווישן זיינע אויבערהערשער; ער זאָל תמיד קאָנען בלייבן אויף דער זייט פון דעם זיגער. לסוף האַלט ער יאָ אָפּ אַ זיג איבער די אַראַבער, אָבער די שמחה ווערט פאַרשטערט דורך אַן ערד־ציטערניש, וואָס איז גלייכצייטיק אויסגעבראָכן אין יהודה און האָט פאַראור־זאַכט פיל היזיקות.

דעם 2טן סעפּטעמבער פון יאָר 31 באַזיגט אָקטאַוויאַנוס מאַרקוס־אַנטאָניוסן אין דער שלאַכט ביי אַקציום און ווערט דער איינציקער הערשער פון רוים, פאַר וואָס ער קריגט די טיטלען אימפּעראַטאָר און אויגוסטוס, מיטן לעצטן טיטל איז ער באַקאַנט אין דער געשיכטע מער ווי מיט זיין פּערזענלעכן נאָמען. די לאַגע הויבט אָן ווערן גע־פערלעך פאַר הורדוסן, ער געפינט אָבער אַן אויסוועג. ווען אַנטאָניוס אַנטלויפט קיין עגיפּטן און הויבט אָן זאַמלען פרישע כוחות פאַר באַנייען דעם קאַמף מיט אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס, זוכט אַ גרופּע גלאַדיאַטאָרן צוריקצוקומען פון סיריע קיין עגיפּטן צו מאַרקוס־אַנטאָניוס, אָבער דער גובערנאַטאָר פון סיריע לאָזט זיי נישט דורך און הור־דוס העלפט אים אין דעם. דאָס הייסט, אַז ער איז שוין אויפן צד פון אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס.

הורדוס דאַרף פאָרן באַגריסן דעם זיגער אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס, אָבער אין יהודה לעבט דאָך זינט 34 יוחנן הורקנוס דער צווייטער, איז וואָס טוט מען טאָמער פּראָקלאַמירט אים דאָס פאָלק צוריק אַלס נשיא אין זיין אָפּוועזנהייט? יוחנ־

הורקנוס איז דאָך נישט קיין פרעמדער אין רוים און האָט דאָרט אויך זיינע אָנ־הענגער. אויף צו זיין באַוואָרנט קעגן אַזאַ עווענטואַליטעט, פעלשט הורדוס אַ בריוו פון יוחנן הורקנוס צום אַראַבישן קעניג מאַליק און באַשולדיקט דעם געוועזענעם כהן גדול און נשיא אין הויך־פאַרראַט. דער סנהדרין איז שוין דאַן אוממעכטיק, יוחנן הור־קנוס ווערט געמשפּט פון אַ הויף־געריכט, פאַרמשפּט צום טויט און הינגעריכטעט. הורדוס קאָן שוין רואיק פאָרן צו אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס.

אין פרילינג פון יאָר 30, קומט הורדוס אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון אָקטאַוו־יאַנוס־אויגוסטוס, אויפן אינדזל ראָדאָס. ער איז אָפנהערציק מיט זיין אויבערהאַר. ער איז זיך מודה, אַז ער האָט טריי געדינט מאַרקוס־אַנטאָניוס, אָבער איצט איז ער גרייט צו דינען דעם נייעם הערשער. ער גיט איבער אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס זיין קרוין, וואָס ער וויל פונדאַסניי באַקומען נאָר פון זיינע הענט. דערביי גיט ער אים אַ „מתנה" פון 800 זילבער־טאַלאַנטן, און דאָס אַלץ צוזאַמען ווירקט. הורדוס ווערט באַשטעטיקט אויפן טראָן פון יהודה. ווען אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס קומט שפּעטער קיין עגיפּטן, ווו מאַר־קוס אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטראַ נעמען זיך דאָס לעבן, געלינגט הורדוסן אויסצופועלן, אַז אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס זאָל אים צוריקקערן דעם געביט פון יריחו, וואָס האָט דאָך נאָמינעל געהערט צו קלעאָפּאַטראַ, ווי אויך דעם געביט פון עזה און אַלע פּאָרטן פון ארץ ישראל ביים מיטללענדישן ים.

הורדוס וואָלט שוין געקאָנט רואיק קעניגן, אָבער דאָ רופט זיך אָפּ זיין פאַ־מיליען־קאָנפליקט. פאַרן אָפּפאָרן צו אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס האָט הורדוס איבערגעחזרט דעם באַפעל צו טויטן מרים, אין פאַל ער זאָל נישט צוריקקומען, און אויך דאָס מאָל דערוויסט זיך מרים פון דעם באַפעל. זי וואַרפט עס אים פאָר אין האַרבע ווערטער. דער טיראַנישער הורדוס ברענגט זי צו זיין הויפגעריכט אונטער דער באַשולדיקונג פון אומ־טרייהייט, און זי ווערט פאַרמשפּט צום טויט. לאַנג צעגערט הורדוס מיטן דורכפירן דעם אורטייל. אָבער לסוף אַנטשליסט ער זיך און זיין באַליבטע פרוי, מוטער פון זיינע פינף קינדער, ווערט הינגעריכטעט אויפן עשאַפאָט, צו וועלכן זי גייט מיטן שטאָלץ פון אַ מלכה און ווירדיקייט פון אַ חשמונאי (סוף 29). אין גיכן ווערט אויך הינגעריכטעט שלומציון אַלעקסאַנדראַ. איצט, ווען קלעאָפּאַטראַ לעבט נישט מער, קאָן זיך הורדוס אָפּרעכענען מיט זיין שוויגער (אָנפאַנג 28). אין אַ פּאָר יאָר אַרום דערוויסט זיך הורדוס פון זיין שוועסטער שלומית, אַז איר מאַן, דער אדומי קאָזגעווער (קוזגבר), באַהאַלט אויס אייניקע ווייטע קרובים פון דער חשמונאַי־דינאַסטיע, די בני בבא, וועלכע האָבן זיך געהאַט קעגנגעשטעלט אין סנהדרין דעם פאָרשלאַג צו עפענען די טויערן פון ירושלים בשעת דער מלחמה צווישן הורדוס און מתתיהו אנטיגנוס. הורדוס לאָזט זיי גלייך אויסזוכן און אומברענגען. ער טויט אויך קאָזגעווערן מיט זיינע אַרויסהעלפער. אַזוי ווערט אויסגעראָטן די גאַנצע חשמונאים־דינאַסטיע. עס בלייבן נאָר ביים לעבן אירע מישלינג־אָפּשטאַמער פון מרימי און הורדוס.

הורדוס קעניגט ווי אַ טיגער

(24 ־ 10 פאַר ד. א. צ. ר.)

די קאָמפּליקאַציעס מיט דער רוימישער אויבערהערשאַפט, די טראַגעדיעס פון קעניגלעכן הויף, די קליינע מלחמות מיט די שכנותדיקע לענדער, אפילו אַזאַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע ווי דער ערדציטער פון יאָר 35, און אייניקע רעגנלאָזע יאָרן, האָבן דאָך נישט אָפּגעהאַלטן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד וואָס האָט גענאָסן פון אַ רעלאַטיוון פרידן אין די צייטן פון הורדוסן. יידן זענען געווען אַ זייער אַרבעטזאַם פאָלק און האָט מען זיי נאָר געגעבן רו, האָבן זיי פון זייער נישט איבעריק רייכן באָדן אַרויסבאַקומען אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטן. יידן האָבן פון קדמונים אָפּגעהיט די פרוכטבאַרקייט פון באָדן. לויט אַן אַלטן געזעץ האָט מען יעדעס זיבעטע יאָר געדאַרפט לאָזן די פעלדער אָפּרוען. מען האָט זיך אויך שטאַרק אָפּגעגעבן מיט באָדן־מעליאָראַציע. אויף די בערג פלעגן געמאַכט ווערן טעראַסן, וואָס זאָלן פאַרהאַלטן די פרוכטבאַרע ערד, אַז די שטורעמדיקע רעגנס זאָלן זי נישט אַראָפּשווענקען. אין די טרוקענע געגנטן פלעגט דורכגעפירט ווערן באַוואַסערונג. די פעלדער פלעגן אָפּגערייניקט ווערן פון די שטיינער און פון די דערנער, פון וועלכע מען פלעגט מאַכן צוימען אַרום זיי.

איז טאַקע אין רואיקע צייטן געווען אַן איבערפלוס פון פּראָדוקטן, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט אין נאָענטע און ווייטע לענדער: תבואה, וויין, בוימל, פרוכטן, פרישע און געטריקנטע, האָניק,, גרינצייג, וואָל, טייטלען פון ירדן־טאָל, באַלזאַם פון יריחו, וואָס האָט זיך פאַרקויפט טייערער פון גאָלד. פון ים־המלח פלעגט מען אַרויסבאַקומען אַספאַלט, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי „בעטון פון יהודה", יידן האָבן אויך פאַבריצירט פּאַרפומען, וואָס האָבן געשמט אויף דער וועלט. די פּאָרטן פון דער מדינה האָבן אויך געדינט פאַר אייניקע מלוכות פון דער סביבה. איבער די וועגן פון לאַנד האָבן געמוזט דורכגיין די קאַראַוואַנען פון קעמלען און אייזלען, וואָס האָבן געפירט דעם אינטערנאַציאָנאַלן מסחר צווישן טאָל פון נילוס און דעם טאָל צווישן חדקל און פרת. אָט דער טראַנזיט האָט אויך אַריינגעטראָגן היפּשע רווחים און מלוכה־איינגאַמען

פון ציגזן. צו דעם זענען צוגעקומען די הכנסות, וואָס האָבן פון דער גאַנצער יידישער וועלט געשטראָמט פאַרן בית־המקדש.

איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס הורדוס, דער הערשער פון אַ רעלאַטיוו קליין לאַנד, האָט געקאָנט פירן אַ שטאָט פון אַן אמתן מזרח־פּאָטענטאַט. ווי יעדער טיראַן און זעלבסטהערשער, האָט הורדוס געהאַט אַ שוואַכקייט צו בנינים. די יאָרן 10־24 האָט ער זיך געווידמעט כמעט אויסשליסלעך אויפצושטעלן מאָנומענטאַלע בנינים אין ירושלים, יהודה, און אפילו אין שטעט און לענדער אויסער זיין מדינה. אין יאָר 24 טרעט הורדוס צו בויען אַ נייעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, וואָס וועט טראָגן זיין נאָמען און וועט איבעראַשן מיט זיין פּאַרנעם און לוקסוס. דער פּאַלאַץ איז אויך אַ פעסטונג, באַוואַכט פון דריי הויכע טורעמס, איינער אויפן נאָמען פון זיין ווייב מרים, דער צווייטער אויפן נאָמען פון זיין ברודער פּצאל, וועלכער שטייט נאָך ביז היינט און ווערט על פּי טעות גערופן מגדל דוד, און דער דריטער אויפן נאָמען פון הורדוסעס רוימישן פריינט היפּיקוס. דאַן בויט הורדוס איבער די אַלטע שטאָט־פעסטונג פון ירושלים און באַפעסטיקט זי גאָר שטאַרק. זי וועט פון דאַן אָן טראָגן דעם נאָמען פון אַנטאָניוס. ער בויט אויך אויס אַ טעאַטער אין ירושלים און אַן אַמפיטעאַטער אויסער דער שטאָט. הורדוס פירט איין עפנטלעכע ספּאָרט־שפּילן איינמאָל אין פינף יאָר לכבוד אויגוסטוס, אַ ריין העלעניסטישער איינפיר.

איבערן לאַנד בויט הורדוס אַ נייע שטאָט קיסריה, ביים ברעג ים, און אַ צווייטע שטאָט אויפן נאָמען פון זיין מוטער כופר נעבן יריחו. ער שטעלט אויף פון אירע חורבות די שטאָט שומרון און גיט איר דעם גריכישן נאָמען סאַבעסטי. די חורבות פון שומרון־סאַבעסטי זענען איצט אויפגעגראָבן געוואָרן. די שטאָט כפר סבא באַפעסטיקט ער, און גיט איר דעם נאָמען פון זיין פאָטער, אַנטיפּאַטרים. ער בויט צוריק די חרובע פעסטונג אַנטעדאָן און גיט איר אַ נאָמען אַגריפּיאַס, נאָך זיין פריינד, דעם איידעם פון אָקטאַוויאַנוס אויגוסטוס. הורדוס בויט אויך צוויי נייע פעסטונגען, וואָס וועלן טראָגן זיין נאָמען העראָדיאָן, און בויט איבער די פעסטונגען: מאַכאַוועך און מצדה (מאַסאַדאַ).

הורדוס בויט אויך בנינים אין אַ רייע גריכישע שטעט: אויפן אינדזל ראָדאָס בויט ער אַ טעמפּל אין כבוד פון אַפּאָלאָן, אין ניקאָפּאָליס בויט ער אויס די מערהייט פון די עפנטלעכע געביידעס, אין אַנטיאָכיע און אויפן אינדזל כיאָס בויט ער זיילן־שפּאַצירן (קאָלומנאַטאַס) און פלאַסטערט אויס די הויפּט־גאַסן מיט מאַרמאָר. אין אשקלון בויט ער ציסטערנעס און בעדער, אין טריפּאָלי, צידון און ביירוט — טעאַטערס. אין לאַאָדאָקיאַ — וואַסער־ליטונג. אויך אַטענאַס און ספּאַרטאַ האָבן גענאָסן פון דער ברייטהאַרציקייט פון אדומישן מלך פון יהודה.

אויף זיך איינצוקויפן אין ליבע ביים פאָלק און אויסקויפן אַלע זיינע גרויזאַמע חטאים, טרעט צו הורדוס איבערצובויען דעם בית המקדש און די פעסטונג אַרום אים. די בוי־אַרבעטן הויבן זיך אָן אין יאָר 20. דאָס פאָלק טרויט אים נישט, מען איז חושד,

אַז ער וועט צעשטערן דעם אַלטן בנין און נישט אויפשטעלן קיין נייעם. ווערט דערפאַר דער בית־המקדש געבויט טיילנווייז. מען צעשטערט אַ טייל פון אַלטן בנין, מען בויט אויף די נייע טייל און אַזוי ווייטער. אויף נאָך מער אויסצונעמען ביים פאָלק, לערנט אויס הורדוס אַ גרופע כהנים די בוי־קונסט, בכדי די אינערלעכע זאַלן פון הייליקטום זאָלן געבויט ווערן בלויז פון כהנים.

דער בית־המקדש גופא ווערט אויפגעבויט אין אַנדערהאַלבן יאָר, און דאַן ווערט געפּראַוועט דער אָפיציעלער חנוכת הבית. בויען די אויסערלעכע מויער האָט געדויערט אַכט יאָר. זי איז געווען געבויט פון ריזיקע שטיינער. איין וואַנט, די מערב־וואַנט (כתל מערבי) האָט אויסגעהאַלטן אַלע חורבונות און איז פאַרבליבן ביז הייניקן טאָג: דאָס גרעסטע הייליקטום פון יידישן פאָלק. אָבער דאָס אויפשטעלן די אַרומיקע געבײַדעס און אַרויסענדיקן די אינערלעכע באַפּוצונגען האָט זיך פאַרצויגן זייער לאַנג און זענען פאַרענדיקט געוואָרן איינציקע יאָר פאַר דעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן. פון די הויפן (עזרות) פון נייעם בית־המקדש איז איינער באַשטימט געוואָרן פאַר פרויען און אַ צווייטער פאַר נישט־יידן, וואָס האָבן דאָן אין מאַסן זיך אינטערעסירט און זיך געפילט נאָענט צו דער יידישער אמונה, ווען אפילו זיי האָבן זיך נישט מגיר געווען: מען האָט זיי באַצייכנט אַלס גאָטספאָרכטיקע (יראי ד׳). דאָס איבערבויען פון בית המקדש, וואָס איז געווען אַ מאָנומענטאַלע פּראַכט־געבײַדע, וועגן וועלכער דער תלמוד זאָגט, אַז ווער עס האָט נישט געזען דעם בנין פון הורדוס, האָט גאָר קיין שיינע געבײַדע נישט געזען, וואָלט געוויס געמאַכט הורדוסן סימפּאַטישער ביים פאָלק. ער האָט אָבער אַליין קאַליע געמאַכט מיט דעם, וואָס ער האָט איבערן הויפּט־אַריינגאַנג אויפגעהאָנגען אַ גאָלדענעם אָדלער, דעם סימבאָל פון דער רוימישער מאַכט. עס איז געווען סיי אַ נאַציאָנאַלע באַליידיקונג, הן אַ רעליגיעזע עבירה, מען טאָר נישט מאַכן קיין אָפּבילדונג פון אַ לעבעדיקן וועזן: אדום איז געבליבן אדום.

אין זיין אויסערלעכער פּאָליטיק איז הורדוס געווען אומקאָנדיציאָנעל אונטערגעוואָרפן רוים און האָט זיך באַמיט נושא חן צו זיין ביי די רוימישע מאַכטהאָבער. ווען אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס באַזוכט אין יאָר 20 סיריע, האָט אים הורדוס ממש באַשאָטן מיט קאָסטבאַרע מתנות, אַזוי אויך זיין איידעם און ראַטגעבער אַגריפּאַ. זיינע דריי זין, אַנטיפּאַטער, אַריסטאָבלוס און אַלעקסאַנדער האָט ער דערצויגן אין רוים. אין די יאָרן 18, 12 און 10, האָט הורדוס אַליין באַזוכט רוים און געשאָטן מיט מתנות. אין זיין צוואה זאָגט ער אָפּ אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס צען מיליאָן זילבערנע מטבעות, דער אימפּעראַטאָרין יוליאַ און אַ סך הויפלייט, צו פופציק טויזנט זילבער־מטבעות, חוץ כלים פון גאָלד און זילבער און טייערע קליידער פאַר אַלעמען. די דאָזיקע פּאָליטיק ברענגט הורדוסן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. ער קריגט צוריק די גריכישע שטעט פון ארץ־ישראל, דעם גאַנצן עבר הירדן, וווּ ער באַזעצט יידישע קאָלאָניסטן, געבראַכטע פון בבל, אויף צו גאַראַנטירן די רו, אַזוי אַז דאָס לאַנד דערגרייכט אין זיינע צייטן די

גרענעצן וואָס אין אמאָליקע דורות, אין די צייטן פון דוד, שלמה, ירבעם דער צווייטער און עוזיהו.

אין עצם איז דער הויף פון הורדוס פולשטענדיק העלעניזירט. זיין ערשטער מיניסטער און נאָענטסטער ראטגעבער איז דער גריך ניקאָלאאוס פון דמשק, וואָס וועט שפּעטער באַשרייבן זיין לעבנס געשיכטע, זיין לייב־וואך באשטייט פון גריכן און גער־מאַנער, אויף זיינע מטבעות זעט מען טאַקע נישט קיין מענטשלעכע פיגורן אָדער ביוסטן, נאָר די יידישע סימבאָלן, לולבים, שופרות, שטערן, פייערפאַנען, אויך שיפן און אַנקערס, אָבער די אויפשריפטן זענען בלויז אין גריכיש, אָן איין יידישן אות. דאָך האָט זיך הורדוס געהאַלטן פאַר אַ יידישן מלך און האָט געזוכט צו באַשיצן אין נויטיקע פאַלן די יידישע ישובים פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. ער פלעגט אָפט אינ־טערוועניר אין רוים אין פאַרטיידיקונג פון דער אָדער יענער יידישער קהילה, און אויף זיין בקשה האָט אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס באַשטעטיקט אַלע פּריווילעגיעס, וואָס צעזאַר יוליוס האָט בשעתו געגעבן די יידן.

די אינערלעכע פּאָליטיק פון הורדוסן איז אויך אין העלעניסטישן סטיל. די מדינה ווערט באַטראַכט ווי דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון מלך; אָבער דאָך מערקט זיך אַ געוויסע יידישע השפּעה. הורדוס איז אַ זייער געטרייער און איבערגעגעבענער צו זיינע קרובים, ברידער, שוועסטער. ער זאָרגט אויך פאַר זיינע צען פרויען און קינדער. עס גענוסן אויך פון זיינע חסדים די מקורבים און די פּריש־אויפגעקומענע געלט־אַריס־טאָקראַטיע.

הורדוס זוכט אויך צו פאַראייניקן זיך מיט דער יחוס־אַריסטאָקראַטיע. נאָכ־דעם ווי ער האָט פאַרטיליקט די דינאַסטיע פון די חשמונאים, האָט זיך הורדוס גאַנץ גוט געהיט פון רופן צוריק די כהנים־דינאַסטיע פון צדוק. לכתחילה באַשטימט ער פון צייט צו צייט אַן אַנדער כהן־גדול, וואָס באַווייזט נישט איינצושטעלן אַ רעגולערע די־נאַסטיע, אָבער נאָכן טויט פון מרים החשמונאית פאַרליבט ער זיך אין אַ צווייטער מרים, אַ טאָכטער פון כהן שמעון, פון דער פאַמיליע בייתוס, און האָט מיט איר חתונה. דער שווער, שמעון, ווערט באַשטימט אַלס כהן־גדול און גרינדעט אַ נייע כהנים־די־נאַסטיע, די בייתוסים, וואָס וועלן זיך מיט דער צייט אידענטיפיצירן מיט די צדוקים.

די געלט־ און יחוס־אַריסטאָקראַטיע באַמיט זיך אָפּצושאַפן, ווי ווייט מעגלעך, די סאָציאַלע געזעצגעבונג, וואָס מען האָט ביז דאַן אָנגעווענדט. כפי די געזעצן זענען דאָך מן התורה און קאָנען נישט אָפּגערופן ווערן, ווערט געזוכט און געפונען וועגן ווי אַזוי זיי אַרומצוגיין. דער אַנטוויקלטער האַנדל האָט בעיקר געפאָדערט די אָפּשאַפונג פונעם אוראַלטן געזעץ פון אָפּמעקן די חובות יעדן זיבעטן יאָר (שמיטת כספים). געלט האָט מען דאָך געליען נישט נאָר אין אַן עת צרה, נאָר אויך אויף צו טרייבן מסחר אין מאַכן פאַרמעגנס. איז דערפאַר געוועזן נישט פּראַקטיש און אפילו נישט יושרדיק יעדעס זיבעטע יאָר (שמיטה) אָפּמעקן די קרעדיטן. דער פירער פון די פּרושים, הלל הזקן, פירט

דאַן איין דעם „פּרוזבול", אַ יורידישע פאָרמולע, לויט וועלכער דער וואָס האָט פאַרליען געלט, אָדער געגעבן סחורה אויף באָרג, גיט פאַר שמיטה איבער די וועקסלען צום גע־ריכט, און דערפאַר איז אויפן חוב מער נישט חל דער דין פון שמיטה, ווייל דאָס געריכט איז דאָך נישט קיין פּריוואַטע פּערזאָן. אויף אַזאַ אופן האָבן די חובות קיינמאָל נישט געקאָנט בטל ווערן, סיי די וואָס מען האָט גענומען אויף מסחר, סיי די וואָס מען האָט באַקומען אין אַן עת צרה. דאָס געזעץ פון אומקערן די פאַרקויפטע לענדערייען אין יובל־יאָר ווערט נישט אָפּגעשאַפט און אויך נישט אויסגעטייטשט, עס ווערט אָבער אויך נישט מער אָפּגעהיט און עס אַנטשטייט אין יהודה אַ קלאַס פון באָדנלאָזע פּויערים.
אונטער דער רעגירונג פון הורדוסן מאַכט דורך דאָס יידישע פאָלק אַ טיפע סאָציאַלע איבערשיכטונג. די מאַסן ווערן געוואַלדיק פאַראָרעמט און די רייכע ווערן נאָך רייכער, און דאָס וועט זיך אָפּרופן אויף דער צוקונפט. דער אויסערלעכער גלאַנץ פון הורדוסעס מלוכה קאָסט אויך צו טייער די מאַסן פון יהודה. דער שטייערן־שרויף דריקט שרעק־לעך. איז שוין דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס בשעת די גריכישע היסטאָריקער גיבן הורדוסן ברייטהאַרציק דעם טיטל „גרויסער", פאַר די חסדים וואָס ער האָט געטאָן מיט אַ סך גריכישע שטעט, האָט ער נישט ביי יידן קיין אַנדער נאָמען ווי דער אד:מישער קנעכט (עבד־אדומי), און זיין נאָמען ווערט דערמאָנט מיט שנאה און פאַראַכטונג.

דער קאַמף פאַר אַ טראָן

(15 ־ 4 פאַר ד. א. צ. ר.)

די לעצטע יאָרן פון הורדוסעס לעבן זענען פאַרסמט און פאַרטונקלט פון ־י אינטריגעס און רציחות אַרום דער צוקונפטיקער ירושה פון טראָן. פון פאַרשידענע פרויען האָט הורדוס געהאַט מערערע זין, וואָס זענען געקומען אין אָנבאַטראַכט אַלס מעגלעכע טראָנפאָלגער. זיין ערשטע פרוי, די אדומית דאָריס, האָט אים געבוירן זיין עלטערן זון, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון זיין פאָטער אנטיפּאַטער. מרים החשמו־נאית האָט אים געבוירן צוויי זין, וואָס האָבן געטראָגן די צווישן איר דינאַסטיע אַזוי אָפטע נעמען ווי אַלעקסאַנדער און אַריסטאָבלוס. די צווייטע מרים, די טאָכטער פון כהן שמעון הביתוסי, האָט אים געבוירן אַ זון מיטן נאָמען הורדוס. די שומרונית מלתכה האָט אים געבוירן צוויי זין: אַרכעלאַאוס און אַנטיפּאַס, און די ירושלימער קלעאָפּאַטרא האָט געבוירן אַ זון פיליפּוס. כדאי צו באַמערקן, אַז קיינער פון די זין, וואָס האָבן דאָך געקאָנט ווערן הערשער פון יהודה, האָט נישט געטראָגן קיין יידישן נאָמען.

לכתחילה דענקט הורדוס לאָזן דעם טראָן איינעם פון די זין פון מרים החש־מונאית, זיי קומט עס דאָך בירושה, זיי זענען דאָך האַלבע חשמונאים. ער שיקט זיי אַוועק שטודירן קיין רוים, וווּ זיי וווינען אין הויז פון רעטאָר אַסיניוס פּאָליאָן. אין יאָר 18 פאַרט הורדוס קיין רוים, צו ברענגען פון דאָרט זיינע צוויי זין. ווען ער קומט צוריק, נעמט זיי דאָס פאָלק אויף מיט גרויס כבוד און ליבע, זיי זענען דאָך פאָרט חשמונאים פון דער מוטערס צד. הורדוס באַשטימט זיי ביידן פאַר זיינע יורשים. ער טוט מיט זיי קעניגלעכע שדוכים. אַלעקסאַנדער האָט חתונה פאַר גלאַפירא, די טאָכטער פון קעניג פון קאַפּאַדאָקיא, וואָס נעמט אָן דעם יידישן גלויבן. אַריסטאָבלוס האָט חתונה פאַר הורדוסעס אַ פּלימעניצע, בערעניקאַ, די טאָכטער פון זיין שוועסטער שלומית, דער בייזער גייסט פון הורדוסעס הויז.

שלומית רעדט איין הורדוסן, אַז די זין פון מרים פאַרשווערן קעגן זיין לעבן, בכדי וואָס פריער צו באַקומען די קרוין. ער וואַגט אָבער גאָרנישט אונטערצונעמען קעגן די חשמונאים־פּרינצן, וואָס זענען גלייך חשוב אין רוים ווי אין ירושלים. ער פאַרהאַלט זיי נאָר ביי זיך אין יהודה. קיין רוים ווערט אין יאָר 13 אַוועקגעשיקט דער עלטסטער זון אַנטיפּאַטער. דאָס שמעקט געוויס נישט די קינדער פון מרים, וועלכע דריקן זיך שאַרף אויס קעגן הורדוסן, וואָס האָט אומגעבראַכט זייער מוטער. יעדעס וואָרט פון די פאַרהאַסטע חשמונאים ווערט גלייך אונטערגעטראָגן הורדוסן דורך זיין שוועסטער שלומית, ברודער פרורא און די אָנהענגער פון אַנטיפּאַטער. עס איז אַ מלחמה פון אדומים קעגן חשמונאים.

אָבער הורדוס באַשליסט זיך אַלץ נישט אָנצורירן די זין פון מרים. לסוף פאָרט ער מיט זיי אָפּ אין יאָר 12 צו אָקטאַוויאַנוס אויגוסטוס, וועלכער געפינט זיך דאַן אין אַקווילעאַ. דאָרטן טענהען זיך אויס פאָטער און זין פאַרן רוימישן הערשער, וועלכער לייגט זיך אַריין אין אַ שלום. אַלע דריי קערן זיך צוריק בשלום קיין ירושלים. אָבער דער שלום האַלט לאַנג נישט אָן. איינמאָל און אַ צווייטן מאָל ווערט אונטערגעטראָגן הור־דוסן, אַז מרימס זין קאָמפּלאָטירן קעגן אים. לאַנג שטאַרקט זיך דער טיראַנישער פאָ־טער, לסוף לאָזט ער זיי דאָך אַרעסטירן. זיין הויף־געריכט פאַרמשפּט זיי צום טויט. הור־דוס וואַגט אָבער נישט אויסצופירן דעם באַשלוס פון געריכט. עס זענען דאָך פאָרט חשמונאים, אין דער שריט קאָן אים צו טייער קאָסטן. אָבער ווען ער דערוויסט זיך, אַז דאָס מיליטער פון קיסריה איז פאַר די חשמונאים־פּרינצן און עס קאָן יעדע רגע אויס־ברעכן אַ מרידה, פירט ער זיי אַוועק קיין שומרון־ סאַבעסטי, ווו יידן זענען כמעט נישטאָ, און דאָרט ווערן זיי היגגעריכטעט דורך הענגען (יאָר 7).

אַנטיפּאַטער, דער עלטסטער זון, האַלט זיך שוין פאַרן פאַקטישן יורש. אָבער ער זעט, אַז הורדוס לייגט צופיל אויפמערקזאַמקייט אויף די קינדער, וואָס זענען פאַר־בליבן נאָך זיינע געהאַנגענע זין, הויבט ער אָן צו קאָמפּלאָטירן קעגן פאָטער, צוזאַמען מיט הורדוסעס ברודער פרורא. הורדוס דערשמעקט עפּעס וועגן קאָמפּלאָט, אָבער פרורא ציט זיך צוריק אין עבר הירדן און אַנטיפּאַטער פאָרט אָפּ קיין רוים צו באַשטעטיקן דאָרט די נייע צוואה פון הורדוסן, לויט וועלכער ער איז דער לעגאַלער טראָנפאָלגער. דערווייל ווערט פרורא קראַנק. הורדוס איילט צו זיין קראַנקן־בעט און פּילגעוועט אים די גאַנצע צייט פון זיין קראַנקהייט. הורדוס איז בכלל שטאַרק געטריי זיין משפּחה. אָבער פרורא שטאַרבט און עס פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז מען האָט אים אָפּגעסמט. אונטער אַ שטרענגער אויספאָרשונג דערקלערט פרוראס פרוי, אַז אין הויז איז טאַקע געווען גיפט, אָבער דאָס האָט פרוראַן געשיקט אַנטיפּאַטער און עס איז געווען באַשטימט פאַר הורדוסן... אין דער זעלבער צייט האָט הורדוס אָנגעהויבן דערהאַלטן בריוו פון אַנטי־פּאַטער, אַז ער זאָל זיך היטן פאַר זיינע זין אַרכעלאַאוס און אַנטיפּאַס, ווייל זיי ווילן אים אומברענגען... אַזוי האָט אויסגעזען דאָס הויז פון העלעניזירטן אדומי, וואָס איז

געווען מלך אין יהודה: פאַרראַט, פאַרשווערונגען, ברודער־ און פאָטער־מאָרד. אַלע מעלות פון דער העלעניסטישער ציוויליזאַציע.

הורדוס ווערט פון ערגערניש קראַנק. אין פאָלק פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן. אייניקע עקזאַלטירטע פּרושים, מיט יהודה בן צריפה און מתתיהו בן מרגלא בראש, נוצן אויס דעם מאָמענט אויף אַראָפּצורייסן דעם גאָלדענעם אָדלער פון איבערן טויער פון בית המקדש. פערציק פון די מורדים ווערן געכאַפּט און פאַר־משפּט צום טויט, וואָס זיי טראָגן איבער מיט מסירת נפש אויף קידוש השם.

הורדוס לאָזט קומען אַנטיפּאַטערן פון רוים, פאַרפירט קעגן אים אַ פּראָצעס און לאָזט אים פאַרמשפּטן צום טויט. אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן איז אַנטיפּאַ־טער הינגעריכטעט געוואָרן. ווען אָקטאַוויאַנוס אויגוסטוס האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט ער באַמערקט: „בעסער צו זיין הורדוסעס אַ חזיר, ווי אַ זון", אַ רמז אויף דעם, אַז אַלס אַ מענטש פון יידישן גלויבן וואָלט דאָך הורדוס קיין חזיר נישט געגעסן. פאַר דער הריגה פון זיינע דריי זין האָט זיך אַרום דעם נאָמען פון הורדוס אָנגעהויבן וועבן אַ לעגענדע פון אַ קינדער־מערדער, וואָס וועט שפּעטער אויסגענוצט ווערן פון די קריסט־לעכע שריפטשטעלער.

פאַרן טויט האָט נאָך הורדוס באַוויזן צו מאַכן אַ פערטע און לעצטע צוואה: אַרכעלאַאוס זאָל ירשנען די מלוכה פון יהודה אין שומרון און דעם טיטל מלך. אַנטיפּאַס, דעם גליל און אַ טייל פון עבר הירדן מיטן טיטל טעטראַרך; פיליפּוס, דעם צווייטן טייל עבר הירדן מיטן זעלבן טיטל. הורדוס לאָזט אויך איבער אַ געהיימע פאַראָרדענונג, אַז אין דעם טאָג פון זיין טויט זאָל מען דערמאָרדן די חשובסטע יידן, בכדי דאָס פאָלק זאָל זיי דאַרפן באַוויינען, ווען עס אויסקומען, אַז עס טרויערט נאָך זיין „גרויסן" מלך. דער באַפעל איז נישט דורכגעפירט געוואָרן, און הורדוס איז באמת געשטאָרבן ווי אַ הונט, אין יאָר 4.

49סטע לעקציע

אַ ווירדיקער זון פון אַ ווירדיקן פאָטער: אַרכעלאַאוס

(4 פּאַר ־ 6 פון ד. א. צ. ר.)

דער טויט פון הורדוסן דינסט אלס סיגנאַל, אַז עס זאָל קומען צום אויסדרוק די גאַנצע פאַרביטערטקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין פאָלק פאַר דער צייט פון זיין דרייאון דרייסיק יאָריקער טיראַניי. זיין נאָכפאָלגער, אַרכעלאַאוס, ווערן גלייך צוגעשטעלט פינף פאָדערונגען: א) פאַרקלענערן דעם קאָפּשטייער, ב) אָפּשאַפן דעם שטייער אויף קויף און פאַרקויף, ג) באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, ד) באַשטראָפן די ראַטגעבער פון הורדוס,ה) אַראָפּזעצן דעם כהן גדול יועזר הביתוסי. אַרכעלאַאוס איז כלומרשט גרייט נאָכצוגעבן די ערשטע דריי פאָדערונגען. ער טענהט אָבער, אַז ער איז נישט באַפולמעכטיקט צו באַפרידיקן די לעצטע צוויי, כל זמן ער איז נישט אָנערקענט אלס מלך פון דעם אימפּעראַטאָר אין רוים. דאָס פאָלק ענטפערט מיט גוואַלדטאַטן. אין די פּסח־טעג ברעכט אויס אַן אָפענע מרידה, וואָס דער נאָך נישט באַשטעטיקטער מלך אונטערדריקט מיט אכזריות. עס פאַלן דריי טויזנט טויטע; די וואָס זענען געקומען אויף יום טוב קיין ירושלים, באַקומען אַ באַפעל פון אומקערן זיך אַהיים אין מיטן די יום טוב טעג.

אַרכעלאַאוס פאָרט אָפּ קיין רוים, אויף צו באַמיען זיך, ער זאָל באַשטעטיקט ווערן אויף זיין טראָן, אָבער קיין רוים פאָרט אויך אָפּ אַ פאָלקס דעלעגאַציע פון פופציק פערזאָן, וואָס וועט בעטן דעם אימפּעראַטאָר אינגאַנצן אָפּצושאַפן די הורדוס־דינאַסטיע און פאַרוואַלטן יהודה דירעקט ווי אַ רוימישע פּראָווינץ, מיט אַ ברייטער אויטאָנאָמיע אין רעליגיעז־גייסטיקע אָנגעלעגנהייטן. אויף איר וועג צום קאַפּיטאָליום ווערט די דעלעגאַציע באַגלייט פון אַ מאַניפעסטאַציע פון אַרום אַכט טויזנט מאַן, אַזוי צאָלרייך איז שוין דאַן געווען די יידישע קהלה אין דער הויפּטשטאָט פון דער אימפּעריע.

דערווייל, בשעת אין רוים פירן זיך אונטערהאַנדלונגען איבער דער צוואה פון הורדוס, ברעכן אויס אומרוען אין יהודה. דאָס אונטערדריקטע פאָלק האָט אָנגעהויבן מאָנען זיינע רעכטן. בראש פון די מורדים אין גליל שטייט יהודה, דער זון פון חזקיה הגלילי, וואָס הורדוס האָט בשעתו געלאָזט טויטן. יהודה באַפאַלט די קעניגלעכע אַרסענאַלן, באַוואָפנט מיט זייער געווער זיינע אָנהענגער און הויבט אויף אַ פאַרטיזאַנען־קאַמף, וואָס וועט אָנהאַלטן די גאַנצע צייט, כמעט ביזן חורבן. אויסער די פאַרטיזאַנען

פון יהודה הגלילי באַוויזן זיך אין לאַנד סתם באַנדיטן. איינער, אַ באַאַמטער פון הור־דוס, שמעון, הויבט אויף די פאָן פון אויפשטאַנד אין עבר הירדן. ער פאַרברענט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ פון יריחו און ווערט לסוף געטויט פון הורדוסעס גענעראַל גראַטוס. אַ פּשוטער פּאַסטוך, אתרונגא, אַ ריזיקער, שטאַרקער מענטש, וואָס האָט פיר ריזיקע, קרעפטיקע ברידער, פּרעטענדירט אויפן טראָן און לאָזט זיך פּראָקלאַמירן אַלס מלך. אויסער יהודה זוכט זיך אָפּ אַן אַוואַנטוריסט, וואָס גיט זיך אויס אַלס מרימס זון, אַלעק־סאַנדער, וואָס זאָל זיך האָבן געראַטעוועט פון דער תליה. טויזנטער יידן גלויבן אים, טיילן אים צו קעניגלעכן כבוד און שטיצן זיינע פּרעטענזיעס אויפן טראָן פון די חשמו־נאים. אין ירושלים גופא ברעכן אויס אָפטע אומרוען, וואָס דער רוימישער לעגאַט אין סיריע, קווינטיליוס וואַרוס, אונטערדריקט מיט אכזריות. דערביי רויבט ער אויס די אוצרות פון בית המקדש, אין וואָס עס העלפט אים צו זיין אָרטיקער פאַרטרעטער סאַבינוס.

בשעת אין יהודה צעשפּילט זיך אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע, ווערן אין רוים פאָרגעזעצט די דיסקוסיעס אַרום דער צוואה פון הורדוס. דער אימפּעראַטאָר אָקטאַוויאַ־נוס־אויגוסטוס האָט דאָך באַשטעטיקט די צוואה מיטן איינציקן אויסנאַם, וואָס אַרכע־לאַאוס האָט נישט באַקומען דעם טיטל מלך, נאָר בלויז עטנאַרך.

אַרכעלאַאוס גייט אין די וועגן פון זיין פאָטער הורדוס. פאַר די צען יאָר פון זיין רעגירונג בייט ער מערערע כהנים גדולים, ער פירט אויך נישט קיין יידיש פאַמיליע־לעבן, ער איז דאָך באמת כמעט קיין ייד נישט; דער פאָטער אַן אדומי, די מוטער אַ שומרונית. ווי זיין פאָטער, איז אַרכעלאַאוס געווען להוט נאָך בנינים. צווישן יריחו און בית־שאן האָט ער אויסגעבויט אַ שטאָט, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען. ער פלאַנצט אויך גרויסע וועלדער פון טייטלען־פּאַלמען און פירט דורך אַ קאַנאַליזאַציע אויף צו באַוואַסערן די וועלדער. אין פערטן יאָר פון זיין רעגירן ווערט געבוירן ישוע בן יוסף פון נצרת, אַרום וועמענס אָנדענק עס וועט שפּעטער געשאַפן ווערן די קריסטלעכע אמונה.

אויפן צענטן יאָר פון דער פאַרוואַלטונג פון אַרכעלאַאוס שיקן די יידן, צוזאַ־מען מיט די שומרונים, אַ דעלעגאַציע צו באַקלאָגן זיך אויף אים אין רוים. דער אימ־פּעראַטאָר אָקטאַוויאַנוס אויגוסטוס רופט אַרויס אַרכעלאַאוסן קיין רוים אָפּגעבן דין וחשבון פון זיין רעגירונג. דער באַריכט מאַכט הפּנים נישט קיין גינסטיקן רושם, ווייל אַרכעלאַאוס ווערט אַראָפּגעזעצט פון טראָן און פאַרשיקט קיין גאַליע, די איצטיקע פראַנק־רייך, אין דער שטאָט וויענאַ, צו מזרח פון דער איצטיקער שטאָט ליאָן. הפּנים, אַז דאָן איז שוין דאָרט געווען אַ יידישער ישוב, אָדער אַרכעלאַאוס און זיינע באַגלייטער האָבן אַזעלכן געגרינדעט. יהודה ווערט דערקלערט אַלס אַ רוימישע פּראָווינץ.

די אַנדערע צוויי זין פון הורדוס, די טעטראַרכן אַנטיפּאַס און פיליפּוס בלייבן רעגירן איבער זייערע קליינע מלוכהלעך. זיי צייכענען זיך ווייניק וואָס אויס פון די

אַלע אַנדערע אַזיאַטישע קליינע הערשער, וואַסאַלן פון רוים. פיליפּוס וועט רעגירן אין זיין מלוכהלע, ווו עס איז כמעט קיין יידן נישטאָ, ביזן יאָר 34 פון ד. א. צ. ר. ער גרינדעט אַ נייע הויפּטשטאָט, וואָס ער גיט אַ נאָמען קיסריה פיליפּי. אַנטיפּאַס וועט רעגירן ביזן יאָר 39 פון ד. א. צ. ר. ער גרינדעט די שטאָט טבריה, וואָס טראָגט דעם נאָמען נאָכן רוימישן אימפּעראַטאָר טיבעריוס, דעם יורש פון אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס. טבריה איז שפּעטער געווען די רעגידענץ פון דער יידישער אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג פון נאָכן חורבן, בראש פון וועלכער עס זענען געשטאַנען די נשיאים. דערפאַר ווערט טבריה פאַררעכנט צווישן די הייליקע שטעט פון ארץ־ישראל.

דער נאָמען פון אַנטיפּאַס איז ענג פאַרבונדן מיט דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום. אַנטיפּאַס לאָזט טויטן דעם אסיישן פּריידיקער יוחנן בן זכריה, וואָס וועט שפּעטער פאַררעכנט ווערן ביי די קריסטן ווי אַ הייליקער, יאָהאַן דער טויפער. אַנטיפּאַס וועט אויך האָבן אַ שיכות צו דער הינריכטונג פון ישוע בן יוסף פון נצרת, אין יאָר 33 פון דער איצטיקער צייט־רעכענונג.

50סטע לעקציע

אונטער דירעקטער רוימישער הערשאַפֿט

(6 ־ 37 פֿון ד. א. צ. ר.)

עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז מיטן אַראָפּזעצן אַרכעלאַאוסן און אַרויסשיקן אים פֿון לאַנד, האָט די רוימישע אימפּעריע נאָכגעגעבן די פֿאָדערונגען, וואָס די פֿאָלקס־דעלעגאַציע האָט געשטעלט מיט צען יאָר צוריק, באַלד נאָכן טויט פֿון הורדוסן: צו פּראָקלאַמירן יהודה אַלס רוימישע פּראָווינץ, מיט אַ ברייטער אינערלעכער אויטאָנאָמיע.

לפּנים וועגן האָט עס טאַקע אַזוי אויסגעזען. בראש פֿון דער מדינה איז געשטאַנען דער כהן גדול, וועלכער האָט רעגירט מיט דער הילף פֿון סנהדרין, און האָט געהאַט די פֿולסטע יוריסדיקציע אין די אינערלעכע ענינים. יידישע געריכטן האָבן ווייטער געפּסקנט אין רעליגיעזע עבֿרות, ציווילע קאָנפֿליקטן און קרימינעלע פֿאַרברעכנס. דער סנהדרין האָט אַפֿילו געקאָנט פֿאַרמשפּטן צו טויט־שטראָף. די יידישע געריכטן האָבן אויך אינטערווענירט אין פּראָצעסן צווישן יידישע און נישט יידישע איינוווינער פֿון לאַנד, מיטן אויסנאַם פֿון רוימישע בירגער, וואָס האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פֿאָדערן אַ משפּט פֿאַרן אימפּעראַטאָר.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען נאָר לפּנים. אין דער ווירקלעכקייט האָט די גאַנצע דעה געהאַט דער רוימישער פּראָקוראַטאָר (גובערנאַטאָר), וואָס איז געווען אונטערגעוואָרפֿן דעם רוימישן לעגאַט (גענ. גובערנאַטאָר) פֿון סיריע. דער פּראָקוראַטאָר האָט אַפֿילו געוווינט אין דער פֿון הורדוסן געגרינדעטער קיסריה, אָבער אויף די גרויסע ימים־טובֿים: פּסח, שבֿועות, סוכּות און ימים נוראָים פֿלעגט ער קומען קיין ירושלים, ווו עס איז געשטאַנען אַ רוימישער גאַרניזאָן. דער פּראָקוראַטאָר פֿלעגט איינמאָנען די מלוכה־שטייערן און צינזן, אַ שטיקל צייט האָט ער אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַשטימען און אַראָפּזעצן דעם כהן־גדול און די דאָזיקע „פֿאָלקס־פֿאַרטרעטער" זענען געווען פּשוטע וועקצייג אין זיינע הענט. דערצו האָבן זיך די אָפֿיציעלע קליידער פֿון כהן גדול געפֿונען אין רשות פֿון דעם קאָמאַנדיר פֿון ירושלימער גאַרניזאָן, וואָס פֿלעגט זיי אַרויסגעבן איין וואָך פֿאַר יעדן גרויסן יום־טובֿ. וואָס דאָס האָט געמיינט פֿאַרן נאַציאָנאַלן כּבֿוד פֿון דעם פֿאָלק, איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן. דער פּראָקוראַטאָר האָט אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַשטראָפֿן פֿאַר פּאָליטישע פֿאַרברעכנס, אַפֿילו מיט טויט־שטראָף.

יעדער איינער פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן האָט געהאַט זיינע כוונות ביים באַשטימען די פּראָקוראַטאָרן, וואָס פלעגן מערסטנטייל אויסגעקליבן ווערן פון דעם נישט איבעריק קולטורעלן ריטער־שטאַנד. פאַר די ערשטע 31 יאָר פון דער הערשאַפט פון די פּראָקוראַטאָרן האָבן אַמטירט בסך הכל זעקס פּראָקוראַטאָרן. די דריי ערשטע, באַשטימט פון אימפּעראַטאָר אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס, האָבן געוועלטיקט צו דריי יאָר יעדער איינער: קאָפּאָניוס 6־3; מאַרקוס אַמביבילוס 9־12; אַנכיוס רופוס 12־15. דער צוועק פון דעם אָפטן בייטן די פּראָקוראַטאָרן איז געווען אַ פּשוטער: דערלויבן זיי שנעל רייך צו ווערן אויפן חשבון פון דער פּראָווינץ, און גלייך אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ אַ צווייטן. אַלס באַווייז, אַז דאָס איז געווען אַזוי, קאָן דינען אַ וואָרט פון צווייטן אימפּעראַטאָר טיבעריוס, וועלכער האָט געזאָגט: „די רוימישע גובערנאַטאָרן זענען ווי די פליגן, זיי זויגן אויס דאָס בלוט פון די באַהערשטע פעלקער. איך אייל זיך נישט זיי אָפּט צו בייטן, ווייל זאַטע פליגן זויגן ווייניקער פון הונגעריקע". האָט טאַקע טיבעריוס נישט באַשטימט מער ווי צוויי פּראָקוראַטאָרן: וואַלעריוס גראַטוס 15־26 און פּאָנטיוס פּילאַטוס 26־36. נאָך פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט צייטווייליק אַמטירט מאַרצעלוס, וועלכער איז פּראָוויזאָריש באַשטימט געוואָרן פון סירישן לעגאַט.

יידן האָבן געדולדיק געטראָגן דעם יאָך. קאָנפליקטן זענען אויסגעבראָכן נאָר מיטן ערשטן פּראָקוראַטאָר קאָפּאָניוס און מיטן לעצטן פּאָנטיוס פּילאַטוס. באַלד ווי דאָס לאַנד איז אַרונטער דעם נייעם רעזשים, האָט קווירינוס, דער לעגאַט פון סיריע, פאַראָרדנט דורכצופירן אַ פאָלקס־ציילונג פון דער באַפעלקערונג און צענז פון די רייכטימער פון דער מדינה. דאָס איז געווען דער ערשטער סימן פון דירעקטער אונטעריאָכקייט צו רוים און דאָס פאָלק האָט עס אויפגענומען מיט גרויס אומצופרידנקייט. דערצו איז ביי יידן געווען אַ גלויבן, אַז מען טאָר נישט ציילן קיין לעבעדיקע מענטשן, אַ גלויבן, וואָס איז אין געוויסע שיכטן פאַרבליבן ביז היינט. אגב איז געווען קלאָר, אַז מיטן צענז מיינט מען גרעסערע שטייערן. דעם ביתוסישן כהן גדול יועזר איז געלונגען צו באַרואיקן דאָס פאָלק און דער צענז איז דורכגעפירט געוואָרן. דער פאַל האָט אָבער געדינט צו פאַרשטאַרקן די עקסטרעמיסטישע שטימונגען. דער אונדז שוין באַקאַנטער יהודה הגלילי פאַראייניקט זיך מיטן עקסטרעם פרומען פּרושי צדוק, און גרינדן די פּאַרטיי פון די קנאים, וואָס וועט אויפהויבן אַ קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן רוים און איר אימפּעראַטאָר. דער לאָזונג פון די פּאַטריאָטן איז: „ד' מלך!", בלויז גאָט איז קעניג, און די קינדער פון ישראל דאַרפן נישט אַנערקענען קיין אַנדערן מושל.

מער קאָמפּליצירט און פאַרביטערט זענען געווען די מערערע קאָנפליקטן מיטן לעצטן פּראָקוראַטאָר פון דעם פּעריאָד. פּאָנטיוס פּילאַטוס, אַ מענטש פון נישט גרויסער אינטעליגענץ און אַ ביטערן כאַראַקטער, האָט ער זיך געפילט זייער גדולדיק מיט זיין אַמט און געוואָגט צו טאָן דאָס, וואָס קיין פּראָקוראַטאָר פאַר אים האָט זיך ניט דערלויבט. אַזוי פאַראָרדנט ער דעם גאַרניזאָן פון ירושלים אַריינצוטראָגן אין שטאָט זיינע שטאַנדאַרטן, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעמאָלט פיגורן פון בעלי חיים, אַ זאַך, וואָס

די תורה פארבאָט: לא תעשה לך פסל. ביז דאַן פלעגן די שטאַנדאַרטן בלייבן אויסער דער שטאָט. רוים איז געווען רעספּעקטפול צו די רעליגיעזע סענטימענטן פון די איר אונטערגעוואָרפענע פעלקער. אויף דער פּראָוואָקאַציע פון פּילאַטוס רעאַגירן יידן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. אין די טויזנטער לאָזן זיי זיך אַוועק קיין קסריה, די רעזידענץ פון פּראָקוראַטאָר, און בעטן ביי אים תחנונים, ער זאָל פאַראָרדענען אַרויסנעמען די שטאַנדאַרטן פון ירושלים. פינף טעג און פינף נעכט דויערן די מאַניפעסטאַציעס. פּילאַטוס פאַראָרדנט, אַז אַלע מאַניפעסטאַנטן זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין גרויסן אַמפיטעאַטער. דאָרט ווערן זיי אַרומגערינגלט פון רוימישע לעגיאָנערן מיט בלויזע שווערדן, און פּילאַטוס דערקלערט, אַז ווער עס וועט נישט אויפהערן צו בעטן די צוריקציאונג פון די שטאַנדאַרטן, וועט אויפן אָרט געטויט ווערן. אַלע ווי איינער האָבן טויזנטער יידן אויסגעשטרעקט די העלדזער, גרייט צו שטאַרבן. די גבורה פון מסירת נפש האָט אימפּאָנירט אפילו דעם פאַרדאַרבענעם רוימישן טיראַן און די שטאַנדאַרטן זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון ירושלים.

פּילאַטוס האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פון ווייטערדיקע פּראָוואָקאַציעס. ער לאָזט אויסשטעלן אין ירושלים שילדן מיטן נאָמען פון אימפּעראַטאָר. דאָס איז שוין נישט קיין געשטאַלט, בלויז אַן אויפשריפט. אָבער יידן דערגייען ביז רוים, און טיבעריוס אַליין פאַראָרדנט אַרויסצונעמען די שילדן פון ירושלים.

אין יאָר 33 האָט פּילאַטוס פאַרמשפּט צום טויט און היגגעריכטעט דורך קרייצונג, אַ סטעלמאַך פון דאָרף נצרת אין גליל, ישוע בן יוסף, אַרום וועמען עס האָט געהאַלטן ביים אַנטשטיין אַ משיח-באַוועגונג, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דאָס קריסטנטום. יידן זענען געווען זייער אומצופרידן מיט דער הינריכטונג און האָבן פאַרדאַמט דעם כהן־גדול, יוסף הקייף, וואָס האָט אים מורא פאַר רעפּרעסאַליעס מצד פּאָנטיוס פּילאַטוס, אַרויסגעגעבן אין זיינע הענט ישוען.

אַ דריטער קאָנפליקט ברעכט אויס מיט פּאָנטיוס פּילאַטוס אַרום אַן עקאָנאָמישן ענין. אין זיין גייציקייט נאָך געלט זוכט פּאָנטיוס צו דערקלייבן זיך צו די אוצרות פון בית המקדש. אַלס אויסרייד נוצט אים דאָס, וואָס ער פירט דורך אַן אויסברייטערונג אין דער וואַסער־לייטונג פון ירושלים. על פי דין האָט מען פאַר אַזאַ וויכטיקער אונטערנעמונג געמעגט נעמען געלט פון דער בית המקדש קאַסע. עס איז אָבער געווען אַ פראַגע, ווער איז דער נעמער?... יידן האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט צו פּילאַטוסן זעלבסט, ווען ער איז געקומען קיין ירושלים. נישט האָבנדיק קיין בעסערן תירוץ, האָט ער אַרויסגעשיקט קעגן די פּראָטעסטירער איבערגעטוענע זעלנער, וואָס האָבן צעמזיקט און אויך געטויט אייניקע פון זיי.

לסוף איז פּאָנטיוס פּילאַטוס אויך באַפאַלן די שומרונים. עפּעס אַ פאַלשער נביא האָט פאַרשפּראָכן די שומרונים צו געפינען די כלים, וואָס משה רבנו האָט אַמאָל געמאַכט פאַרן משכן, און וועלכע זאָלן זיין באַגראָבן אויפן באַרג גריזים נעבן שכם.

טויזנטער שומרונים האבן זיך אהין פארזאמלט, צו זען דעם וואונדער. פילאטוס האט עס באטראכט ווי א מרידה און געשיקט קעגן זיי מיליטער. א סך שומרונים זענען געפאלן. די שומרונים האבן פילאטוסן אנגעקלאגט פאר וויטעליוס, דעם לעגאט פון סיריע, און יענער האט באפוילן פילאטוסן פארן קיין רוים און דארט אפגעבן רעכענונג פאר זיינע מעשים. פון רוים איז שוין פילאטוס נישט צוריקגעקומען.

אויף צו פארגיטיקן דעם פאלק פאר אלץ, וואס עס האט זיך אנגעליטן אונטער דער ממשלה פון פילאטוסן, קומט וויטעליוס קיין ירושלים און גיט די יידן א רייע פאר־לייכטערונגען. ער קערט צוריק אין בית המקדש די אפיציעלע קליידער פון כהן־גדול, ער נעמט אראפ די שטייערן אויפן עסנווארג, וואס ווערט פארקויפט אין שטאט. ער באַ־זייטיקט דעם כהן גדול יוסף בן הקייף, וואס האט איבערגעגעבן ישוע פון נצרת צו פילאטוסן, און באשטימט אויף זיין ארט יונתן בן חנן. ער באשטימט אויך א פראווי־זארישן פראקוראטאר, מארצעלוס, וועלכער וועט אמטירן בלויז איין יאר.

אינגיכן וועט אויפגיין דער שטערן פון אן אייניקל פון הורדוס, פון זיין זון אריסטאבלוס, וואס ער האט געהאט מיט מרים החשמונאית, דער גרויסער מלך אגריפא, וואס וועט, לײדער אויף א קורצע צייט, צוריקשטעלן די מלוכה פון יהודה אין איר פולן פארנעם, און וועט באנייען די טראדיציע פון די רעכטפארטיקע יידישע מלכים.

הערשער אין יהודה פון 37 פאר ביז 37 פון דער א. צ. ר.

אימפעראטארן	לאקאלע הערשער	כהנים גדולים
אקטאוויאנוס אויגוסטוס	הורדוס 37-4 פאר ד.א.צ.ר.	חנמאל המצרי
14-37	ארכעלאוס 4 פאר,	1טע מאל 36-37
	6 פון ד.א.צ.ר.	יונתן־אריסטאבלוס 35
	———	חנמאל המצרי
		2טע מאל ?-34
	קאפאניוס 6 -9	ישוע בן פיאבי ? -23
	מארקוס אמביבילוס 9 -12	שמעון בן ביתום 5-23
	אנכיוס רופוס 15-12	מתתיהו בן ידידיה
		(טעאפילוס) 5 -4
		יוסף בן אלם איין טאג
טיבעריוס 37-14	וואלעריוס גראטוס 26-15	יועזר בן ביתום
	פאנטיוס פילאטוס 36-26	1טע מאל 4 -
	מארצעלוס 37-36	אליעזר בן ביתום 4 -?
		ישוע בן סיאה ? -?
		יועזר בן ביתום ?-6 פון
		חנן בן שת 6 -15
		ישמעאל בן פיאבי א'
		16-15
		אלעזר בן חנן 17-16
		שמעון בן קמחית 18-17
		יוסף בן הקייף (קייפא)
		36-18
		יונתן בן חנן 37-36

51סטע לעקציע

אין קאַמף פאַר זעלבסטווירדע

(37 ־ 41 פון ד. א. צ. ר.)

צווישן די יאָרן 37־41 וועט דאָס יידישע פאָלק אין דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע איבערלעבן אַ שרעקלעכן פּרוּוו, ווען עס וועט איינער אַליין דאַרפן שטיין אין פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן דער גאַנצער וועלט, אָנגעפירט פון אַ רוימישן אימפּעראַטאָר, וואָס האָט פון צופיל מאַכט אין זיינע הענט פאַרלוירן זיין גייסטיקן און מאָראַלישן גלייכגעוויכט, און האָט אַריינגעשריבן דאָס שענדלעכסטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער רוימישער אימפּעריע. אין דער דאָזיקער דראַמע וועט שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אַן אייניקל פון הורדוס און מרים החשמונאית, אַגריפּאַ, וואָס וועט שפּעטער ווערן דער מלך פון גאַנץ ארץ־ישראל. דער דאָזיקער גרויסער נסיון איז דער פּרוּושטיין, וואָס באַווייזט קלאָר, אַז די יידישע נשמה איז שוין געווען דעפיניטיוו אויסגעפורעמט, אַז זי איז שוין געווען בכוח איבערצוטראָגן די שווערסטע שטרייטן, אַז בייגן זי איז שוין קיינער מער נישט געווען אימשטאַנד.

דעם 16־טן מערץ פון יאָר 37, שטאַרבט אימפּעראַטאָר טיבעריוס און אויפן טראָן גייט אַרויף קאַיוס קאַליגולאַ. איינער פון די ערשטע שריט פון נייעם הערשער איז צו באַפרייען פון תפיסה דעם אויבנדערמאָנטן יידישן פּרינץ אַגריפּאַ, וועלכער האָט שוין ביז דאַן דורכגעמאַכט אַ זייער שטורמיש לעבן. געבוירן אין יאָר 10 פאַר דער א. צ. ר. איז אַגריפּאַ דאַן אַלט געווען זיבן און פערציק יאָר. דערצויגן אין רוים אין די קרייזן פון אימפּעראַטאָרישן הויף, איז אַגריפּאַ אין זיין יוגנט געווען אַ פערזענלעכער חבר פון דעם צוקונפטיקן יורש פון דער אימפּעריע דרוזוס דער יונגער. אָבער אין יאָר 23, ווען אַגריפּאַ איז 33 יאָר אַלט, שטאַרבט דרוזוס און דער יונגער יידישער פּרינץ ווערט אָן זיין אָנשפּאַר אין רוים. געוווינט צו אַ לעבן פון פאַרשווענדונג, קריכט אַגריפּאַ אַריין אין חובות, און עס האַלט דערביי, אַז מען זאָל אים פאַר די חובות אַרעסטירן. אין אַ געוויסן מאָמענט האַלט ער אַפילו ביי זעלבסטמאָרד, נאָר

זיין קלוגע און ענערגישע פרוי כפר, אויך אַן איינִיקל פון מרים החשמונאית, די טאָכ־טער פון איר טאָכטער שלומציון און פון פּצאל, דעם זון פון פּצאל, דעם ברודער פון הורדוס, האלט אים דערפון אָפּ. זי ווירקט פאַר אים אויס אַ פּאָסטן פון פּאָליציי־שעף אין טבריה, די הויפּטשטאָט פון זיין פעטער אנטיפּאַס, וואָס איז אויך געווען זיין שוואָגער, ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטער, די בארימטע הערָאדיאַ. אָבער אגריפּאַס האלט זיך אויף זיין פּאָסטן קוים אַ פּאָר יאָר (29־30). ער וואַנדערט דאַן פון שטאָט צו שטאָט, פארקריכט אַלץ מער און מער אין חובות, און אין יאָר 36 קערט ער זיך אום צוריק קיין רוים. דאָ באַקומט ער אַ נייעם אַנשפּאַר, דעם אַמאָ־ליקן פרינץ זיינעם און איצטיקן טראָן־יורש קאַיוס קאליגולאַ. אָבער דערווייל לעבט נאָך דער אַלטער טיבעריוס, וועלכער האָט, אגב, בכלל פיינט מענטשן, און קאַיוס קאַ־ליגולאַן מער פון אַלעמען. ווי דערלעבט מען שוין די שעה, קאַליגולאַ זאָל ווערן אימ־פּעראַטאָר?... ענלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך ביי אַ געלעגנהייט ארויסגעכאַפּט ביי אגריפּאַס, זענען דערגאַנגען צום אַלטן אימפּעראַטאָר, וועלכער האָט דעם אומגעדולדיקן יידישן פּרינץ אריינגעזעצט אין תפיסה. אָבער אגריפּאַס איז דאָרט געזעסן אַ האַלב יאָר. טיבעריוס שטאַרבט, קאַליגולאַ ווערט אימפּעראַטאָר און אגריפּאַס ווערט באַפרייט.

דער נייער אימפּעראַטאָר שענקט אגריפּאַסן אַ שווערע גאָלדענע קייט, אַזוי גרויס, ווי די אייזערנע קייט אין וועלכער ער איז געווען געשמידט. ער גיט אים אויך איבער די מלוכה פון זיין פעטער, דער טעטראַרך פיליפּוס, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 34. אַזוי איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון יידישן פּרינץ, אַ מישלינג פון די לעצטע צוויי דינאַסטיעס: די חשמונאים און די הורדוסער.

דאָס גאַנצע יאָר 37 זיצט דער נייער מלך אין רוים, דער אימפּעראַטאָר קאַיוס קאַליגולאַ וויל זיך מיט אים נישט שיידן. אָבער אויפן צווייטן יאָר פון זיין הערש; ווען אין קאַיוס קאליגולאַ הויבן זיך אָן באַווייזן די נייגונגען צו טיראַניי און ווילד־קייטן, וואָס האָבן אים געמאַכט טרויעריק באַרימט, געלינגט עס אגריפּאַסן זיך אָפּבעטן אין זיין מלוכה אריין.

דער וועג פון אגריפּאַס ליגט דורך דער הויפּטשטאָט פון עגיפּטן, אַלעקסאַנ־דריע, וווּ עס לעבן ארום הונדערט טויזנט יידן, אין זייער אַנגעצווייגענע באַציאונגען מיט דער מערהייט פון דער שטאָט־באַפעלקערונג, די גריכן. פון קדמונים נאָך האָבן די גריכן נישט געקאָנט פארטראָגן, וואָס די יידן פון אַלעקסאַנדריע האָבן גלייכע רעכט מיט זיי און געניסן נאָך דערצו פון אַ ברייטער זעלבסטפארוואַלטונג. יידן אין אַלעקסאַנדריע זענען שוין דאַן געווען גוטע סוחרים און שאַרפע קאָנקורענטן פון די גריכן אויף פארשידענע געביטן, ווי מלאכות, ים־פּאַרעריי וכ'. אפילו אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און וויסן בלייבן זיי נישט הינטערשטעליק. יחזקאל און אריסטאָבולוס זענען באַקאַנטע נעמען אין די אינטעלעקטועלע קרייזן, און ידידיה־פילאָן איז אַ גאָר אַנגעזעענער דענקער. די ידיעה, אַז יידן האָבן צוריק באַקומען אַ מלך, ווען אפילו

בלויז אויף א טייל פון זייער לאנד, האט נאך מער אויפגערעגט די גריכן, ווייל עגיפּטן איז שוין פון יאר 30 געווען א רוימישע פּראווינץ.

אגריפּאס ווייסט וועגן דער אנגעצויגנקייט פון די באציאונגען און ער פאר־שטייט, אז זיין אנוועזנהייט קאן נאך מער פארשארפן די לאגע. ער פאראָרדנט דער־פאר זיין שיפסקאפּיטאן אריינצוקומען אין האפן פון אלעקסאנדריע ביינאכט און קומט אריין אן פּאראד אין יידישן געגנט פון שטאט. אבער קיין סודות זענען נישטא. די גריכישע דעמאגאגן אפּיאן, איסידאָר און לאמפּאן באשליסן איינצואָרדענען א פיינטלעכע מאניפעסטאציע קעגן דעם יידישן מלך. א גרויסער עולם פאַרזאַמלט זיך אין אמפיטעאטער, ווו מען קרוינט אויף חוזק דעם שטאט־משוגענעם קאראבאס. מען טוט אים אן א טאגע פון טראנטעס, א קרוין פון פּאפּיר, מען גיט אים אין האנט א „סצעפּטער" פון א צעבראכענעם שטעקן און מען באגריסט אים אויף חוזק פייערלעך אין אראמעאיש: מרן, ס'הייסט: מאיעסטעט. לסוף ווערט קאראבאס געקרייציקט. מען האט נישט געדארפט זיין צו קלוג, אויף צו פארשטיין וועמען מען מיינט דא.

דער טומל ארום דעם באזוך פון יידישן מלך ווערט אויסגענוצט פון געשיקטע פּאליטיקער צו זייערע צוועקן. דער ערשטער אויסצונוצן די געלעגנהייט איז דער רוי־מישער גובערנאטאר פון עגיפּטן א ו י ל י ו ס פּ ל א ק ו ס. ער ווייסט, אז ער האט נישט איבעריק נושא חן געווען ביי קאיוס־קאליגולא, דערפאר וואס ער איז גע־ווען אומקאנדיציאנעל איבערגעגעבן דעם פאריקן הערשער טיבעריוס. זוכט פּלאקוס צו באווייזן, אז ער וועט אויך דעם נייעם מושל דינען מיט פליים. צו יענער צייט האט שוין קאיוס קאליגולא אנגעהויבן צו פאָדערן, אז עס זאל אים אפּגעגעבן ווערן געט־לעכער כבוד ביים לעבן (די פאריקע צוויי רוימישע אימפּעראטאָרס זענען פארגע־טערט געוואָרן ערשט נאכן טויט: אפּאטעאָסיס). זיין סטאטוע איז אריינגעשטעלט גע־וואָרן אין א סך טעמפּלען פון דער אימפּעריע, ווי אויך אין אלעקסאנדריע. עס פאר־שטייט זיך, אז די יידן האבן נישט געקאנט נאכקומען דעם קאפּריז פון מאניאקישן מושל און האבן אין ערגעץ נישט אריינגעשטעלט זיין אפּבילד. פּלאקוס לאזט ארגאנ־ניזירן א „מאסן אויסברוך" אין אלעקסאנדריע. די זעלביקע טוער לאמפּאן און איזי־דאָר, אינספּירירט פון אפּיאן, ארגאניזירן א מאב, וואס שטעלט אריין אויף כוח סטאטועס פון קאיוס־קאליגולא אין די שולן פון אלעקסאנדריע, אויך אין דער גרויסער שול, דער שטאָלץ און צירונג פון ישוב. אין איניקע טעג ארום גיט ארויס פּלאקוס א דערקלערונג, אז יידן זענען נישט קיין בירגער פון אלעקסאנדריע. זיי זענען בלויז פרעמדשטאמיקע איינוווינער. מען צווינגט די יידן זיך ארויסצוציען פון אלע אנדערע שטאט־טיילן אין דעם שטאט־פערטל, וואס איז פאר זיי באשטימט געוואָרן: די ערשטע ארויפגעצווונגענע געטא אין דער יידישער געשיכטע. די פארלאזטע הייזער, א פיר הונדערט אין צאל, ווערן צערויבט און צעשטערט פון דעם מאב, אזוי אויך די שולן. עס איז דער ערשטער פּאגראם אין דער יידישער געשיכטע. דעם 31סטן אויגוסט, יאר

38, אין געבורטסטאָג פון קאיוס קאַליגולאַ, לאָזט פלאַקוס אַרעסטירן די פירער פון יידישן ישוב, ברענגט זיי געשמידט אין קייטן אין אַמפיטעאַטער, ווו ער לאָזט זיי עפנטלעך אָפּשמייסן. יידישע חשובע דאַמען ווערן געצוווּנגען צו עסן חזיר, און אַ מיליטערישע אָפּטיילונג ווערט געשיקט אין יידישן געטאָ צו „זוכן געווער". אין אַלעק־סאַנדריע ווערט אין יאָר 38 דערפונדן די גאַנצע טעכניק פון די צוקינפטיקע יידישע פּאָגראָמען, צו וועלכע די קומענדיקע אַנטיסעמיטן וועלן ווייניק וואָס צוגעבן.

דאָס אַלץ האָט אָבער פלאַקוסן ניט געהאָלפן. אין די סוכות־טעג פון יאָר 38 איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט, פאַרשיקט געוואָרן אויף אַן אינדזל פון עגע־אישן ים און איז דאָרט געטויט געוואָרן. אָבער זיינע גזרות זענען געבליבן אין קראַפט און דער גרויסער יידישער יישוב פון אַלעקסאַנדריע לעבט איבער אַ שווערע פּאָר יאָר.

אין יאָר 40 באַשליסן די יידן פון אַלעקסאַנדריע שיקן אַ דעלעגאַציע צו קאיוס קאַליגולאַ און פאָרברענגען פאַר אים זייערע טענות. עס פאָרן פינף אָנגעזעענע קהילה־פירער מיטן פילאָזאָף פילאָן (ידידיה) בראש. די גריכן שיקן אַ קעגן־דעלעגאַציע, בראש פון וועלכער עס שטייען די פּען־גענגסטערס: אַפּיאָן, איזידאָר און לאַמפּאָן. אויך דער מלך אַגריפּאַס, וואָס האָט צו יענער צייט צובאַקומען צו זיין מלוכהלע די מלוכה פון זיין פעטער אַגריפּאַס און געגנט פון אַווילענאַ, קומט קיין רוים.

לאַנג האָט זיך די יידישע דעלעגאַציע פון אַלעקסאַנדריע באַמיט צו קריגן אַן אוידיענץ ביי קאיוס־קאַליגולאַ. זי פאָרט אים נאָך אין זיינע רייזעס איבער איטאַליע, זי פּרוווט ווירקן דורך זיין באַליבטן שקלאַף העליקאָן, אָבער יענער איז אַן עגיפּטער און שטיצט די דעלעגאַציע פון די גריכן. בלית ברירה שטעלט צו די דעלעגאַציע אַ מעמאָראַנדום צום אימפּעראַטאָר. דאָס גיט אַ געלעגנהייט, אַז אויך אַפּיאָן זאָל אַרויס־קומען מיט אַ שריפט, דאָס פאָרבילד פון דער צוקינפטיקער אַנטיסעמיטישער ליטע־ראַטור איבער דער גאָרער וועלט, און אין אַלע צייטן.

אַפּיאָן באַמיט זיך צו באַשמוצן די יידן אַלס פאָלק און אַלס מענטשן, און פון זיינע רייד קאָן מען דרינגען, וואָס עס האָט דעמאָלט שטאַרק געאַרט די אַנטיסע־מיטן :

1) די געזעצן פון ריטועלער ריינלעכקייט (טומאה וטהרה) האָבן די יידן נישט דערלויבט צו קומען אין צו נאָענטן פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט געצנדינער. דרינגט אַרויס אַפּיאָן אין זיינע כתבים, שטיצנדיק זיך אויף די שריפטן פון זיינעם אַ פאָר־גייער, דעם מצריש־גריכישן פּריסטער מאַנעטאָ, אַז יידן שטאַמען אַרויס פון אַ שבט מצורעים, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון מצרים פאַר זייער קערפּערלעכער אומ־ריינקייט. דאָס זידל־וואָרט „שמוציקער ייד" מוז שטאַמען פון יענעם בלבול פון אַפּיאָן.

2) צוליב די דינים פון כשרות קאָנען די יידן נישט עסן פון אַ נישט־יידישן טיש, בעיקר, ווייל זיי זענען געהיט פון עסן פון בלוט. דערציילט אַפּיאָן, אַז באמת זענען נאָר די יידן פּשוטע מענטשנפרעסער. אין טעמפּל פון ירושלים האָדעוועט מען אַ

גאנץ קיילעכדיק יאָר אַ גריך, אַ געצנדינער; פאַר פסח ווערט ער געקוילעט און זיין בלוט אריינגעקנאָטן אין די מצות. דער אומגעלומפּערטער בלבול פון נוצן בלוט אויף פסח איז געבוירן געוואָרן.

3) יידן זאָגן, אז זיי קאָנען נישט באערן די סטאַטוע פון דעם אימפּעראַ־טאָר, ווייל זיי דינען נישט צו קיין בילד און געשטאַלט. ווייסט אַפּיאָן צו דערציילן, אז אין קודש הקדשים פון בית המקדש אין ירושלים, ווערט פאַרהייליקט... אַ קאָפּ פון אַן אייזל. ביז היינט מאַכן נישט־יידן פון געוויסע לענדער, אויף צו דעררגזנען אַ יידן, אַן אייזל־אויער מיט אַ פּאָלע פון זייער קלייד. די דריי בלבולים פון אַפּיאָן זענען אין תוך דער אלף און דער תיו פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין משך פון יאָרהונדערטער.

אויפגערייצט פון דער צודרינגלעכקייט פון דער דעלעגאַציע פון אַלעקסאַנדריע, וואָס לאָזט נישט נאָך אין אירע בקשות אויפגענומען צו ווערן, באַשליסט קאַיוס קאַ־ליגולאַ אַ גרויזאַמען אַטענטאַט. ער פאַראָרדנט דעם נייעם לעגאַט פון סיריע, פּעטראָ־ניוס, אריינצושטעלן זיין סטאַטוע אין בית המקדש פון ירושלים. זינט אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס, אין יאָר 168 פאַר ד. א. צ. ר., האָט קיינער נישט געוואָגט אויפצוהויבן די האַנט אויפן גרעסטן יידישן הייליקטום, צו וועלכן אויך נישט־יידן האָבן זיך באַצויגן מיט דרך ארץ. אָבער קאַיוס קאַליגולאַ האָט דאָך אויך געוואָגט צו באַשטימען זיין פערד אַלס קאָנסול פון רוים, טאָ וואָס האָט מען פון אַזאַ איינעם נישט געקאָנט דער־וואַרטן? אַלס אויסרייד פאַרן באַפעל האָט געדינט דער פאַל, וואָס יידן האָבן צעשטערט אין יבנה אַ מזבח, וואָס די דאָרטיקע גריכן האָבן אויפגעשטעלט אין כבוד פון אימ־פּעראַטאָר.

דעם 31סטן אויגוסט פון יאָר 40 ווערט אַגריפּאַס אויפגענומען פון קאַיוס קאַליגולאַ און ער באַמערקט גלייך, אז דער אימפּעראַטאָר איז מיט אים נישט אַזוי פריינטלעך ווי אַלעמאָל. פּלוצלינג שיסט קאַיוס־קאַליגולאַ אויס, אז ער האָט באַפוילן אריינצושטעלן זיין סטאַטוע אין בית המקדש און די יידן וואָגן זיך קעגנצושטעלן זיין באַפעל. און ווירקלעך, דער יידישער ישוב פון יהודה האָט ווי איין מענטש באַשלאָסן זיך קעגנשטעלן דער פאַרשוועכונג פון זייער הייליקטום. אַ טייל האָט גערופן צו אַק־טיוון ווידערשטאַנד, צו מרידה; דער רוב. אָבער, וואָס האָט איינגעזען די אויסזיכט־לאָזיקייט פון אַזאַ אויפשטאַנד, האָט זיך אַנטשלאָסן אויף אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד. ווען פּעטראָניוס, דער לעגאַט פון סיריע, איז אָנגעקומען מיט זיינע חילות קיין עכו, בכדי דורכצופירן דעם באַפעל פון קאַיוס־קאַליגולאַ, האָבן זיך צו אים געמאָלדן צענד־ליקער טויזנטער יידן און דערקלערט, אז זיי וועלן נישט דערלאָזן פאַרשוועכן דעם בית־המקדש.

— ווילט איר קעמפן קעגן קיסר? — האָט פּעטראָניוס געפרעגט.

— ניין, — איז געווען דער ענטפער. — ווער קען קעמפן קעגן אַ שטאַרקערן

פון זיך? אָבער כל זמן מיר אָטעמען, קאָנען מיר נישט דערלויבן צו פאַרשווענכן אונדזער בית המקדש; מיר וועלן בעסער שטאַרבן, איידער דאָס דערלאָזן. טויזנטער יידן האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער, גרייט צו שטאַרבן.

אָן ענלעכע סצענע האָט זיך איבערגעחזרט אין טבריה, וווהין פעטראָניוס איז אָפּגעפאָרן פון עכו אויף צו געווינען צייט. גערירט פון אַזאַ גייסטיקער גבורה און באַאיינפלוסט פון די רייד פון אריסטאָבלוס, דעם ברודער פון מלך אגריפּאַס, באַשליסט פעטראָניוס אָפּצוּוואַרטן, און שרייבט צום אימפּעראַטאָר, אַז פאַרשיידענע מניעות, צווישן זיי דאָס וואָס די אָפּגעגאָסענע סטאַטוע איז נישט אַרויס גענראָטן און מען דאַרף מאַכן אַ נייע, דערלויבן נישט דורכצופירן זיין באַפעל מיט דער געפאָדערטער שנעלקייט.

אָט־אָ די מיטטיילונג האָט עס אַזוי אויפגערעגט דעם הערשערישן מאַניאַק, און ער האָט עס אַרויסגעזאָגט פאַר אגריפּאַס. די ידיעה האָט אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז דער יידישער מלך איז גלייך געפאַלן אין חלשות. ווען ער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען צו די כוחות, האָט ער געשיקט אַ שריפטלעכן מעמאָראַנדום צו קאַיוס קאַליגולאַ, אין וועלכן ער זאָגט צווישן אַנדערש: „נישטאָ פאַר מיר קיין טייערערע זאַך, ווי די קעניגלעכע קרוין, וואָס דו האָסט מיר באַוויליקט; נעם ביי מיר צו די קרוין מיט דער מלוכה, נאָר פאַרשוועך נישט דאָס הייליקטום פון מיין פאָלק. און אויב דו האָסט פאָרט באַשלאָסן אַריינצושטעלן דיין סטאַטוע אין בית־המקדש — טאָ טויט מיך פריער!" דאָס פאָלק אין יהודה און דער העלעניזירטער מלך אגריפּאַס אין רוים האָבן אָנגענומען די זעלבע שטעלונג: פריער טויט, איידער לאָזן פאַרשווענן דאָס הייליקטום. מסירת נפש אויף קידוש השם.

צערייצט פון דער אַלגעמיינער יידישער קעגנערשאַפט, שיקט קאַיוס קאַליגולאַ אַ שטרענגן באַפעל צו פעטראָניוס, אַז ער זאָל זיך נעמען דאָס לעבן, ווייל ער האָט געוואַגט צו צעגערן ביי דער דערפילונג פון אַן אויסדריקלעכן באַפעל פון אימפּעראַטאָר. ער באַשליסט אויך פּלוצלינג אויפצונעמען די יידישע דעלעגאַציע פון אַלעקסאַנדריע.

די אויפנאַמע פון דער דעלעגאַציע איז פולשטענדיק אין הסכם מיט דער פּסיכישער נישט־נאָרמאַלקייט פון דעם הערשער. ער נעמט זיי אויף אין די גערטנער, וואָס אַ געוויסער מעסענאַס האָט אים נישט לאַנג צוריק געשאָנקען, און ווי ער פּלאַנט אויפצובויען אַ נייעם פּאַלאַץ. ער גייט אַרום אין באַגלייטונג פון אַרכיטעקטן און בוי־מייסטערס פון איין אָרט צום צווייטן, באַהאַנדלט די בוי־פּלענער, און אין צווישן הערט ער אויס די דעלעגאַציע, צו וועלכער ער הערט זיך באמת ווייניק וואָס צו.

ער הויבט אָן פון גאָר אַ האַרבער פראַגע:

— זענט איר, הייסט עס, די גאָטלאָזע, וואָס גלויבן נישט אין מיין געטלעכקייט און דינען צו אַן אומבאַקאַנטן גאָט, בשעת אַלע אַנדערע פעלקער פאַרערן מיך?

די פראגע קומט באגלייט מיט נישט דרוקבארע זידל־ווערטער. ווען פילאָן וויל אים דערקלערן, אז די יידן זענען טריי דער אימפעריע און האָבן שוין דריי מאָל מקריב געווען קרבנות פאַר דעם ווילזיין פון אימפעראטאָר: ווען ער איז באשטיגן דעם טראָן, ווען ער איז געזונט געוואָרן נאָך א קראנקהייט, און ווען ער האָט באזיגט זיינע שונאים אין גערמאניע, ענטפערט קאיום קאליגולא:

— וואָס גייט מיך אָן וואָס איר זענט מקריב קרבנות פאַר מיר, ווען איר ווילט זיי נישט מקריב זיין צו מיר?! און באלד קומט אָן אומדערוואַרטע פראגע: „פארוואָס עסט איר נישט קיין חזיר־פלייש?"

וואָס אָנבאלאנגט דער פראגע פון בירגער־רעכט פאַר די יידן אין אלעקסאנד־ריע הייסט ער זיך צושטעלן די געשריבענע דאָקומענטן, לויט וועלכע יידן געניסן פון אזעלכע רעכט. ער לאָזט אָפּ די דעלעגאציע און באמערקט צו זיינע מקורבים:

— איך זע, אז די מענטשן זענען מער נאראָנים ווי רשעים. זיי לייקענען דאָך אין מיין געטלעכקייט!

א פּאלאץ־פארשווערונג באפרייט די אימפעריע און אויך דאָס יידישע פאָלק פון געפערלעכן מאניאק. דעם 24סטן יאנואר פון יאָר 41 ווערט קאיום קאליגולא דערמאָרדעט. ביים באשטימען זיין נאָכפאָלגער שפּילט ווידער א גרויסע ראָלע דער יידישער מלך אגריפּאס, וועלכער ווירקט מיט, אז אלס אימפעראטאָר זאָל באשטימט ווערן זיין נאָענטער פריינט קלאַודיוס, אויף וועלכן ער איז משפּיע, אז ער זאָל אָנ־נעמען דעם אמט.

52סטע לעקציע

דער לעצטער שטראַל פון מלכות: אַגריפּאַס I

(41 - 44)

דער טויט פון קאיוס קאַליגולאַ און די דערהויבונג פון קלאַאודיוס באַפרייט דאָס יידישע פאָלק פון שרעקלעכן קאָשמאַר, און ווידער שיינט אויף אויף די הימלען פון יידישן לעבן די שײַן פון מלכות. קלאַאודיוס ברייטערט אויס די מלוכה פון אַגרי־פּאַסן אויך אויף יהודה, אַזוי אַז גאַנץ ארץ ישראל איז ווידער פאַראייניקט אונטער אַ יידישן רעגירער, כמעט אין אירע פולע היסטאָרישע גרענעצן.

אַגריפּאַס זוכט צו זיין נישט בלויז דער מלך פון די יידן, נאָר אויך אַ יידישער מלך. ער פירט זיך אין הסכם מיט די פאָלקס־טראַדיציעס און זעט ביי יעדער געלעגנ־הייט אונטערצושטרייכן זיין באַציאונג צו די דעמאָקראַטישע פאָלקס־מנהגים. די גאָל־דענע קייט, וואָס קאַיוס־קאַליגולאַ האָט אים בשעתו געשאָנקען, הענגט ער אויף אין בית המקדש; צוזאַמען מיט אַלע יידן ברענגט ער בכורים פון זיינע פרוכטגערטנער און טראָגט אויף די אייגענע פּלייצעס דעם קאָרב מיט פרוכטן; ער טרעט אָפּ דעם וועג פאַר אַ כלה, וואָס מען פירט צו דער חופה. לויטן דין דאַרף אַ מלך קיינעם נישט אָפּטרעטן דעם וועג, אָבער אַגריפּאַס האַנדלט לפנים משורת הדין, באַמערקנדיק דער־ביי: „איך טראָג מיין קרוין אַלע טאָג און זי טראָגט איר קרוין בלויז איין שעה״. אין יענע צייטן פלעגן יידישע חתן־כלה גיין צו דער חופה אין קרוינען: חתן דומה למלך. אין אַ טאָג, ווען אַגריפּאַס האָט געהאַט פאַרזאָגט די כהנים, אַז בלויז זיינע קרבנות זאָלן געבראַכט ווערן אויפן מזבח, האָט ער דאָך דערלויבט, אַז פאַר אים זאָל אַן אָרע־מער ייד ברענגען זיין קרבן פון צוויי טויבן. אין דער קורצער צייט פון זיין רעגירן פאַלט אויס אַ שמיטה־יאָר, אַגריפּאַס באַנייט דעם מנהג פון פאַררופן אין דעם יאָר אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, פאַר וועלכער דער מלך אַליין דאַרף פאַרלייענען געוויסע שטעלן פון ספר־דברים. ער האָט די פרשיות נישט געלייענט זיצנדיק, ווי דער דין דערלויבט דעם מלך, נאָר ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו נעמען דעם ספר־תורה און האָט שוין אַזוי געלייענט שטייענדיק. ווען ער איז געקומען צום פסוק וואָס שטעלט פעסט, אַז אַ פרעמדשטאַמיקער קאָן נישט זיין קיין מלך ביי יידן, האָבן אין זיין שטימע געקלונגען טרערן, ער האָט דאָך געשטאַמט פון דעם אדומי הורדוס. דאָס פאָלק האָט דאַן אויס־גערופן: „האָב קיין מורא, אַגריפּאַס, ביסט אונדזערער אַ ברודער! אונדזערער אַ ברי־

דער!" אונטערשטרייכנדיק דערמיט, אַז ער איז דאָך אויך אַן אייניקל פון מרים החש־מונאית. אַגריפּאַס, און בעיקר די מלכה כפר, שטייען אונטער דער גייסטיקער השפּעה פון פּרושישן נשיא פון סנהדרין, דעם אייניקל פון הלל הזקן, ר' גמליאל ב"ר שמעון, און דער קעניגלעכער הויף פירט זיך אין הסכם מיט די יידישע דינים פון כשרות אין ריטועלער ריינסייט.

אונטער דער רעגירונג פון אַזאַ מלך רוט אָפּ דאָס פאָלק, און דאָס לאַנד קומט צו זיך פון די איבערגעלעבטע צרות. אַגריפּאַס הויבט אָן צו באַפעסטיקן די נישט־באַשיצטע טייל פון ירושלים. ער פאַררופט אויך אַ באַראַטונג פון די אַרומיקע מלכים, צווישן זיי זיין ייִנגערן ברודער הורדוס, מלך פון כאַלקיס, מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן געמיינזאַם דעם אָפּוועיר קעגן, כלומרשט, אַ מעגלעכן אָנפאַל פון די פּאַרטיער. אָבער דעם לעגאַט פון סיריע זענען די אַלע מעשים אַ ביסל פאַרדעכטיק, ער פאַראָרדנט אָפּ־צושטעלן דעם בנין פון מויער, און לאַדט אײַן די „פריינטלעכע מלכים" צעפאָרן זיך אַהיים...

אַגריפּאַס האָט אויך אָנגעהאַלטן די טראַדיציע פון יוחנן־הורקנוס דעם צווייטן און הורדוס, צו זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון די יידישע ישובים אויסער ארץ־ישראל. ער אינטערווענירט אין דעם קאָנפליקט צווישן די יידן און גריכן אין אַלעקסאַנדריע און אויף זיין בקשה באַשטעטיקט דער אימפּעראַטאָר קלאַאודיוס אַלע אַלטע יידישע פּריווילעגיעס און פולע בירגער־רעכט. קלאַאודיוס באַשטעטיקט אויך נאָכאַמאָל די אַלטע פּריווילעגיעס פאַר די יידן פון דער גאַנצער אימפּעריע, וואָס צעזאַר יוליוס האָט בשעתו אַרויסגעגעבן און אָקטאַוויאַנוס־אויגוסט, דער ערשטער אימפּעראַטאָר, האָט באַשטעטיקט. ווען אין דער שטאָט צאַר האָבן די גריכן אויף כוח אַריינגעשטעלט די סטאַטוע פון קלאַאודיוס אין דער יידישער שול, האָט זיך אַגריפּאַס געווענדט צו פּעטראָניוס, דעם לעגאַט פון סיריע, און די סטאַטוע איז באַזייטיקט געוואָרן. אין נאָמען פון קלאַאודיוס זענען אויסדריקלעך פאַרבאָטן געוואָרן אַזעלכע מעשים אויף להבא.

ווער ווייסט ווי דאָס יידישע לעבן אין יהודה און אויף דער גאָרער וועלט וואָלט זיך אַנטוויקלט, ווען אַגריפּאַס שטאַרבט נישט פּלוצלינג אין יאָר 44. וואָרשיינ־לעך האָט מען אים אָפּגעסמט. מיטן טויט פון אַגריפּאַס איז פאַרגאַנגען דער לעצטער שטראַל פון מלכות אין יהודה. נאָמינעל באַקומט זיין זון, מיטן זעלבן נאָמען אַגריפּאַס, דעם טיטל מלך פון יהודה. עס איז אָבער בלויז אַ טיטל. אונטערן אויסרייד, אַז ער איז נאָך צו יונג אָנצופירן די מלוכה, גייט אַריבער די אַדמיניסטראַציע פון דער פּראָווינץ יהודה דירעקט צו דער אימפּעריע, און עס הויבט זיך אָן אַ נייע רייע פון פּראָ־קוראַטאָרן. גרויס איז געווען דער טרויער פון יידישן פאָלק נאָך זיין גרויסן מלך. דער־פאַר האָבן זיך געפרייט און געיובלט די שונאי־ישראל פון אַלע לענדער, זיי האָבן דערפילט, אַז זייער צייט איז געקומען.

53סטע לעקציע

אויפן וועג צו מרידה

(66 - 44)

נאָכן טויט פון אַגריפּאַס. איז די פאַרוואַלטונג פון לאַנד ווידער אַריבער צו די רוימישע פּראָקוראַטאָרן. בלויז דאָס באַשטימען די כהנים־גדולים איז געבליבן אין די הענט פון די אָפּשטאַמער פון דער הורדוס־דינאַסטיע. פון די יאָרן 44־51 האָט עס געטאָן דער ברודער פון אַגריפּאַס, הורדוס פון כאַלקיס, און פון 53 ביז 66, דער זון פון אַגריפּאַס, מיטן זעלבן נאָמען וואָס דער פאָטער, וועלכער האָט באַקומען אַלס מלוכה די טעטראַרכיע פון פיליפּוס און אייניקע צפון־געגנטן פון ארץ ישראל, מיט דער שטאָט טבריה בראש, ווי אויך די השגחה אויפן בית־המקדש.

די מיסיע פון השגחה געבן אויפן בית המקדש האָט דער קלענער זון פון גרויסן פאָטער פאַרשטאַנען אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. אין זיין רעזידענץ אין השמנאים־פּאַלאַץ האָט ער אויפגעבויט אַ הויכן טורעם, פון וואַנען ער האָט געקאָנט אַריינקוקן אַפילו אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקלען פון בית־המקדש. די כהנים האָבן דאַן געלאָזט אויסבויען אַ הויכע וואַנט, וואָס זאָל פאַרשטעלן דעם אויסבליק פון חשמונאים־פּאַלאַץ אויפן בית המקדש. אַגריפּאַס האָט געפאָדערט, אַז די וואַנט זאָל צענומען ווערן. אַ דעלעגאַציע פון ניין חשובים פון ירושלים, מיטן כהן גדול ישמעאל בן פיאבי בראש, פאָרט אָפּ קיין רוים צו באַקלאָגן זיך פאַרן אימפּעראַטאָר נעראָן, און אַדאַנק דער השפּעה פון דער אימפּעראַטאָרין פּאָפּעאַ, וואָס האָט געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס צו יידישקייט, פּסקנט נעראָן אַז די וואַנט זאָל בלייבן. אַגריפּאַס איז זיך נוקם אין כהן גדול, ער זעצט אים אַראָפּ פון זיין אַמט און באַשטימט אַ צווייטן אויף זיין אָרט. בכלל בייט אַגריפּאַס זייער אָפט די כהנים גדולים. ער האָט עס געמאַכט פאַר אַ מקור פון הכנסה. יעדע נייע באַשטימונג טראָגט אים אַריין אַ פיינע סומע. די רייכע מאַרטאַ, פון דער פאַמיליע ביתוס, באַצאָלט צוויי טעפּ גאָלדענע רענדלעך פאַר באַשטימען איר מאַן יהושע בן גמלא אַלס כהן גדול. די כהנים גדולים האָבן געזוכט צו „אָפּפאַרדינען" דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אויסגעגעבן, און די באַדייטונג פון דער כהונה גדולה איז אין די לעצטע יאָרן פון בית המקדש שטאַרק געפאַלן. אַ פאָלקסליד פון יענער צייט גיט אונדז אַ בילד פון די באַציאונגען מיט די כהנים גדולים:

אוי לי מבית ביתוס
אוי לי מאלתן
אוי לי מבית חנן
אוי לי מלחישתן
אוי לי מבית קתרוס
אוי לי מקולמוסן,
אוי לי מבית ישמעאל בן פיאבי
אוי לי מאגרופן.
שהם כהנים גדולים
ובניהם גיזברים
וחתניהן אמרכלים
ועבדיהם חובטים את העם
במקלות.

וויי מיר פון הויז בייתוס
וויי מיר פון זייערע שטעקנס,
וויי מיר פון הויז חנן,
וויי מיר פון זייערע מורמלערייען,
וויי מיר פון הויז קאַטרוס,
וויי מיר פון זייערע פעדערס,
וויי מיר פון הויז ישמעאל בן פיאַבי,
וויי מיר פון זייערע פויסטן,
ווייל זיי זענען כהנים גדולים,
און זייערע זין קאַסירער,
און זייערע איידעמס, פאַרוואַלטער.
און זייערע דינער שלאָגן דאָס פאָלק
מיט שטעקנס.

אָבער דאָס פאָלק פון יהודה, וואָס האָט אונטער דער רעגירונג פון אַגריפּאַס דעם ערשטן פאַרזוכט דעם טעם פון אַ גוטער אייגענער פאַרוואַלטונג, האָט זיך מער נישט געקאָנט צוגעוווינען צום ווילקיר פון פּראָקוראַטאָרן און כהנים גדולים. די גאַנצע צייט, צווישן 44 און 66, קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ צוגרייטונג־פּעריאָד צו דער גרויסער נאַציאָנאַלער מרידה, וואָס וועט אויסברעכן אין יאָר 66. פאַר דער צייט בייטן זיך זיבן פּראָקוראַטאָרס און העכער צען כהנים גדולים. די אומרואיקייט אין לאַנד לאָזט נישט איינשטעלן קיין סטאַבילע ציווילע און רעליגיעזע מאַכט.

דער ערשטער פּראָקוראַטאָר, קאַספּיוס פאַדוס, אַמטירט קוים צוויי יאָר (44־46). ער פאָדערט, אַז די אָפיציעלע בגדים פון כהן גדול זאָלן אים איבערגעגעבן ווערן אויף שמירה, ווי אין די צייטן פון די פריקע פּראָקוראַטאָרס. מען פועלט ביי אים קוים ער זאָל אָפּוואַרטן ביז מען וועט שיקן אַ דעלעגאַציע קיין רוים. אונטער דער השפּעה פון אַגריפּאַס דעם צווייטן, באַפעלט אימפּעראַטאָר קלאַאודיוס פאַדוסן, ער זאָל לאָזן יידן צורו.

דער צווייטער פּראָקוראַטאָר איז אַ געשמדטער ייד פון אַלעקסאַנדריע, טיבעריוס אַלעקסאַנדער, אַ פּלימעניק פון פילאָזאָף פילאָן (ידידיה). ווי כמעט יעדער משומד און אַסימילאַטאָר, וויל ער זיך ווייזן שטרענג צו זיינע אַמאָליקע גלויבנס גענאָסן און ער פאַרפאָלגט שטאַרק די פּאַטריאָטן, וואָס הויבן זיך אָן גרייטן צו דער מרידה. ער כאַפּט און קרייציקט די צוויי זין פון דעם קנאי יהודה הגלילי, יעקב און שמעון, וואָס האָבן פאָרגעזעצט די טעטיקייט פון זייער פאָטער. נאָך צוויי יאָר אַמטירן ציט זיך טיבעריוס אַלעקסאַנדער צוריק פון יהודה, ווּהין ער וועט זיך צוריקקערן מיט 21 יאָר שפּעטער, אויף אָנצופירן, אַלס שעף פון רוימישן גענעראַל־שטאַב, מיט דער באַלאַגערונג פון ירושלים.

אין די צייטן פון דריטן פּראָקוראַטאָר קומאַנוס (48־52) קומען שוין פאָר די ערשטע אויסברוכן פון דער צוקינפטיקער מרידה. נישט געפינענדיק קיין שוץ ביי דער רוימישער אַדמיניסטראַציע, נעמט דאָס פאָלק די גערעכטיקייט אין אייגענע הענט. ווען אַ זעלנער דערלויבט זיך אַ מיאוסע באַוועגונג אין די אויסערלעכע הייף פון בית

המקדש (אין די אינערלעכע האָבן קיין נישט־יידן נישט געטאָרט אַריינקומען, אונטער דראָאונג פון טויט־שטראָף) און קומאַנוס אַנטזאָגט זיך צו באַשטראָפן אים, באַפאַלט דער המון דעם רוימישן גאַרניזאָן מיט שטיינער. דאָס מיליטער רעאַגירט מיט געוועער און עס פאַלן פון די יידן פיל טויטע און נאָך מער פאַרוווּנדעטע. אַלס נקמה באַפאַלט אַ פּאַטריאָטישע פּאַרטיזאַנען־גרופּע אַ הויכן רעגירונגס באַאַמטן און בארויבט אים. קומאַנוס שיקט אַ שטראָף־עקספּעדיציע אין די ישובים נאָענטע צום אָרט ווו דער אָנפאַל האָט פּאַסירט. איינער פון די זעלנער שענדעט אַ ספר־תורה און פאַרברענט זי. אַן אויפגעבראַוזטער המון לאָזט זיך קיין קיסריה צו פאָדערן סאַטיספאַקציע פון קומאַנוסן, וועלכער מוז נאָכגעבן און באַשטראָפן דעם שענדער מיט טויט. ווען די שומרונים באַפאַלן אַ גרופּע עולי־רגל און דערהרגענען איינעם פון זיי, אַנטזאָגט זיך קומאַנוס צו באַשטראָפן די שולדיקע. דאַן טרעט אַרויס אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע פון די קנאים, מיט אליעזר בן דינאי בראש, און מאַכן הרוב אייניקע דערפער פון די שומרונים. קומאַנוס שיקט קעגן זיי מיליטער, וואָס טויט און נעמט געפאַנגען אייניקע יידן. דער קאָנפליקט צווישן די יידן און שומרונים דערגייט ביז רוים, וווהין עס פאָרט אַרויס אַ יידישע דעלעגאַציע מיטן כהן גדול יונתן בראש און אַ דעלעגאַציע פון שומרונים, אָנגעפירט פון פּראָקוראַטאָר קומאַנוס. באַאיינפלוסט פון נאָמינעלן מלך אַגריפּאַס דער צווייטער, טוט אימפּעראַטאָר קלאַאודיוס גערעכטיקייט. דריי שומרונים ווערן פאַרמשפּט צום טויט און דער פּראָקוראַטאָר קומאַנוס ווערט אַראָפּגעזעצט.

דער פערטער פּראָקוראַטאָר אַנטאָניוס פעליקס איז געווען פיל ערגער פון זיינע פאָרגייער, אַ ברודער פון דעם באַפרייטן שקלאַף פּאַלאַס, וואָס איז געווען אַ מקורב למלכות, האָט זיך אַנטאָניוס פעליקס געהאַלטן פאַר געניג פּראָטעזשירט אויף צו טאָן, וואָס זיין האַרץ גלוסט. אין יהודה האָט פעליקס חתונה מיט דער טאָכטער פון אַגריפּאַס דעם ערשטן, די וווּנדערשיינע דרוסילאַ, וואָס פאַרלאָזט צוליב אים איר מאַן און די אמונה פון אירע אבות. פעליקס פאַרפאָלגט אָן רחמנות די פּאַטריאָטן, די קנאים. ווו ער קאָן נישט אויספירן מיט כוח, ווענדט ער אָן באַטרוג. אַ סך קנאים פאַרלירן זייער לעבן. דאָס איז גורם, אַז צווישן די קנאים זאָל זיך שאַפן אַן עקסטרעמיסטישע גרופּע, די סיקאַריער, וואָס הויבט אָן אָנווענדן טעראָר. מיט אַ קורצן רוימישן קינדזשאַל, סיקאַ (פון דאַנען זייער נאָמען), וואָס זיי טראָגן אונטער די קליידער, טויטן זיי אין גע־היים, ווען נאָר זיי קאָנען פון די רוימער און פון זייערע אָנהענגער. פון זייערע הענט פאַלט דער כהן גדול יונתן, וואָס האָט מסכים געווען צו דער באַשטימונג פון פעליקס. פעליקסן געלינגט אויסצונוצן די סיקאַריער פאַר זיינע צוועקן און די לאַגע צווישן די פּאַטריאָטן ווערט קאָמפּליצירטער.

דערמוטיקט פון דער שנאה צווישן פּראָקוראַטאָר און דער יידישער באַפעלקע־רונג פון לאַנד, טרעטן אַרויס אַ רייע איינוווינער פון גריכישע שטעט קעגן זייערע יידישע שכנים. אין קסריה ברעכט אויס אַן אמתער בירגער־קריג. די גריכן טענהן, אַז

איידער הורדוס האָט די שטאָט געבויט, האָבן דאָרט קיין ייִדן נישט געוווינט, און דערפאַר זענען זיי נישט קיין שטאָט־בירגער, נאָר פרעמדע. די ייִדן האָבן, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, נישט געקאָנט מסכים זיין באַטראַכט צו ווערן אַלס פרעמדע אין אַ שטאָט פון זייער אייגן לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע מחלוקת. עס זענען געפאַלן טויטע פון ביידע צדדים. אָבער די ייִדן באַרויִקן זיך נישט, און פעליקס מוז אַרי־בערשיקן דעם ענין קיין רוים, ווו עס רעגירט זינט יאָר 54 דער אימפּעראַטאָר נעראָן. פעליקס ווערט דערווייל פאַרביטן דורך אַן אַנדער פּראָקוראַטאָר (60).

דער פינפטער פּראָקוראַטאָר, פאַרדיוס פעסטוס, האָט אַמטירט בלויז צוויי יאָר (62-60). דאָס לאַנד האָט זיך נישט באַרויִקט. עס איז נאָך, אדרבא, פאַרערגערט גע־וואָרן, מיט דעם וואָס נעראָן האָט אין דעם סכסוך פון קסריה אַנטשידן לטובת די גריכן. די ייִדן זענען מער נישט קיין בירגער אין קיסריה, אין אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך אין ייִדישן לאַנד. דאָס האָט געשטאַרקט די עקסטרעמיסטן. מען מוז גיין צו מרידה. און די וואָס זענען קעגן דעם, מוז מען צווינגען אויף כוח צו באַטייליקן זיך אין דער גרויסער פאָלקס זאַך.

די לעצטע צוויי פּראָקוראַטאָרס: אַלבינוס (64-62) און געסיוס פלאָרוס (66-64), האָבן איבערגעשטיגן איינער דעם אַנדערן אין ווילקיר, אויסרויבונג פון לאַנד, פאַרפאַל־גונג פון פּאַטריאָטן. די לאַגע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. די עקסטרעמיסטן האָבן באַקומען אַלץ מער אָנהענגער, די מרידה איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך. אויסנוצנדיק אַ באַזוך פון לעגאַט פון סיריע, קעסטיוס גאַלוס, האָבן זיך די ייִדן פאַרקלאָגט פאַר אים אויפן פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס. דער לעגאַט האָט צוגעזאָגט צו באַווירקן דעם פּראָ־קוראַטאָר צום גונסטן פון די ייִדן. אָבער פלאָרוס האָט באַשלאָסן צו פּראָוואָצירן די מרידה, וואָס וועט פאַרענטפערן אַלע זיינע האַנדלונגען פאַר דער צענטראַלער מאַכט.

הערשער אין יהודה פאַר די יאָרן 37 - 70

אימפּעראַטאָרן		קעניגן און פּראָקוראַטאָרן		כהנים גדולים	
קאַיוס קאַליגולאַ	41-37	מאַרצעלוס	38-37	יונתן בן חנן	37-36
קלאַאודיוס	54-41	מאַרולוס	41-38	טעאָפילוס בן חנן	41-37
		אַגריפּאַס א׳	44-41	שמעון קנתרס בן ביתוס	42-41
		אַגריפּאַס ב׳ (נאָמינעל)	66-44	מתתיהו בן חנן	43-42
		קאַספּיוס פאַדוס	46-44	אליהו עיני בן הקיף	44-43
		טיבעריוס אַלעקסאַנ.	48-46	יוסף בן קמחית	47-44
		קומאַנוס	52-48	חנניה בן נדבאי	59-47
נעראָן	68-54	אַנטאָניוס פעליקס	60-52	ישמעאל בן פיאבי	60-59
גאַלבאַ, אָטאָן, וויטעליוס	69-68	פאַרדיוס פעסטוס	62-60	יוסף קאַבי	61-60
אַספּאַסיאַנוס	79-69	אַלבינוס	64-62	חנן בן חנן	62-61
		געסיוס פלאָרוס	66-64	יהושע בן דמנאי	64-63
		נאַציאָנאַלע רעגירונג	70-66	יהושע בן גמלא	65-64
				חנן בן יוחנן	66-65

54סטע לעקציע

די מרידה

(יאָר 66)

דער פונק, וואָס האָט אָנגעצונדן די פולווער־פאַס, האָט אויסגעשלאָגן אין קסריה. ווען אפילו נעראָן האָט געפסקנט, אַז די יידן זענען נישט קיין בירגער פון דער שטאָט, זענען זיי דאָך געבליבן וווינען דאָרט אַלס איינפאַכע איינוווינער. די גריבן האָבן געזוכט מיטלען, ווי אַזוי פון זיי פטור צו ווערן. האָט מען אויסגעפונען, אַז די שול פון קסריה שטייט אויף אַ פּלאַץ, וואָס געהערט צו אַ גריך. וויפל מען האָט אים נישט אָנגעבאָטן פאַרן פּלאַץ, האָט ער נישט געוואָלט. ער וויל נישט פאַרקויפן; ער האָט נאָך געוואָלט פאַרבויען דעם וועג צו דער שול. דאָס האָבן שוין יידישע בחורים נישט געלאָזט אויף כוח. דער פּראָקוראַטאָר האָט גענומען געלט פון ביידע צדדים און האָט זיך אין דער מחלוקת כלומרשט נישט געמישט. אין אַ געוויסן שבת האָט אַ גריך דעמאָנסטראַטיוו מקריב געווען אויפן שוועל פון דער שול אַ פויגל, אַ רמז אויף דעם, אַז די יידן שטאַמען אָפּ פון מצורעים, וועמענס קרבן עס איז געווען אַ פויגל. די יידן האָבן רעאַגירט. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט, וואָס דער אָרטיקער רוימישער גאַרניזאָן האָט נישט געקאָנט באַהערשן. די יידן זענען געשלאָגן געוואָרן. זיי האָבן גענומען זייערע ספרי תורה און אַוועק אין דער נאָענטער שטאָט נרבתא.

אין ירושלים האָט דער אויסגאַנג פון דעם סכסוך אין קסריה אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אויפברויז. צו דעם איז אָנגעקומען פון געסיום פלאָרוס אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל אים גלייך צושטעלן 17 זילבער טאַלאַנטן „פאַרן אימפּעראַטאָר". לוסטיקע חברה האָבן דערפון געמאַכט אַ שפּאַס. זיי זענען אַרויס מיט פּושקעס אין די גאַסן און געבעטלט „אַ נדבה פאַרן אָרימען פלאָרוס". דער פּראָקוראַטאָר האָט געאיילט מיט זיין מיליטער קיין ירושלים. דאָרט האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל אים אַרויסגעבן די, וואָס האָבן געוואַגט צו שפּאָטן פון אים, און כפי מען האָט זיי אים נישט געוואָלט יסגעבן, האָט פלאָרוס פאַראָרדנט דער סאָלדאַטעסקאַ אויסצורויבן דעם אויבערשטן

מארק. דערצו האָט מען געבאַפּט מענטשן פון גאַס און פלאָרוס האָט זיי פאַרמשפּט צום טויט דורך קרייציקונג. די שוועסטער פון אַגריפּאַס דעם צווייטן, בערעניקאַ, איז פּערזענלעך געקומען בעטן דעם פּראָקוראַטאָר אָפּשטעלן די הינריכטונגען, ער האָט אפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם.

געשטילט זיין בלוט־דורשטיקייט, האָט פלאָרוס צוגעטראַכט אַן אופן ווי נאָך מער צו דערנידעריקן די יידן. ער האָט אַרויסגערופן פון קיסריה נאָך צוויי רוימישע לעגיאָנען און געפּאָדערט, אַז דאָס פאָלק זאָל פאַר זיי איינאָרדענען אַ פייערלעכן קבלת פּנים, אויף צו דערוויזן דערמיט זיין לאָיאַליטעט צום קיסר און צו רוים. דאָס פאָלק האָט לכתחילה נישט מסכים געווען, אָבער די כהנים, אָנגעטאָן אין זייערע דינסט־בגדים, האָבן זיך געבעטן רחמנות האָבן אויף דער שטאָט און אויפן בית־המקדש און אַ טייל פון דער באַפעלקערונג איז פאָרט אַרויס מקבל פּנים זיין די לעגיאָנען. אָבער די סאָלדאַטן האָבן געהאַט אַ פאַראָרדענונג פון פלאָרוסן אָנצוגרייפן די וואָס וועלן זיי קומען באַגריסן און זיי זענען באַפאַלן די יידן, זיי געטריבן, געשלאָגן און געטראָטן מיט זייערע פערד. די עקסטרעמיסטישע עלעמענטן, וואָס זענען געבליבן אין שטאָט, האָבן גלייך אָרגאַניזירט אַ ווידערשטאַנד, און פלאָרוס האָט זיך געמוזט צוריקציען מיט זיינע חילות. בלויז אַ קליינער גאַרניזאָן איז געבליבן אין ירושלים. דער כהן־גדול און דער סנהדרין האָבן גאַראַנטירט, אַז די רו וועט נישט געשטערט ווערן.

ווען די ידיעה וועגן די אומאָרדענונגען אין ירושלים איז דערגאַנגען צום גענעראַל־גובערנאַטאָר פון סיריע, לעגאַט קעסטיוס גאַלוס, האָט ער געשיקט אַ הויכן באַאַמטן צו מאַכן אַן אויספאָרשונג. אויפן וועג האָט זיך דער באַאַמטער צונויפגעטראָפן מיט אַגריפּאַס דעם צווייטן, וועלכער האָט אויך געאיילט קיין ירושלים, צו זען וואָס דאָרט קומט פאָר. דאָס פאָלק האָט זיך פאַרביידע הויכע פאַרטרעטער פון דער רוימישער מאַכט באַקלאָגט אויף פלאָרוסן. מען האָט אויך געפּאָדערט פון אַגריפּאַס, ער זאָל זיך שטעלן בראש פון אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל פאָרן קיין רוים. אַגריפּאַס האָט אָבער געקאָנט די לאַגע אין רוים און האָט געוווּסט, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו דערוואַרטן קיין גערעכטיקייט פון אַן אוממענטש ווי נעראָן. אמת, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז געלונגען דעם כהן יוסף בן מתתיהו צו באַפרייען פון רוימישער תפיסה דריי כהנים פון יהודה, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו אייביקער צוואַנגס־אַרבעט. אין זיין מיסיע האָט אים געהאָלפן דער הויף־אַקטיאָר, דער ייד אַלטאַרוס. אָבער דאַן האָט נאָך געהאַט השפּעה די אימפּעראַטאָרין פּאָפּעא, וואָס האָט געהאַט סימפּאַטיעס צו יידישקייט. איצט, אָבער, איז נעראָן געווען נאָך צעווילדעוועטער ווי אַמאָל, בעיקר זינט רוים האָט אָפּגעברענט, אין יאָר 64. וואָס קאָן אַ דעלעגאַציע פועלן איצט אין רוים? אַגריפּאַס האָט געמוזט ראָטן די יידן צו טראָגן געדולדיק דעם יאָך פון רוים, ווייל זיי האָבן זיך נישט מיט וואָס קעגנצושטעלן, און פון וואַנען קאָנען זיי באַקומען הילף? די איינציקע צוויי וויכטיקע ישובים אויסער דער רוימישער אימפּעריע, דער

ישוב אין בבל און די באַפעלקערונג פון קליינעם לאַנד אדיאבענע, די מלכים פון וועלכן איזאטוס, העלענא און מונאבאז האָבן נישט לאַנג צוריק אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן, וועלן גאָר ווייניק קאָנען העלפן אין דעם נישט־גלייכן קאַמף צווישן יהודה און רוים. די רעדע פון אגריפאַס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן פאָלק, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביי באַרואיקן זיך. אָבער ווען אַגריפאַס האָט געגעבן צו וויסן, אַז דערווייל מוז מען זיך אונטערוואַרפן דער אויטאָריטעט פון פלאָרוסן, זענען די מאַסן אַרויס פון געדולד. מען האָט גענומען זידלען און אָנגרייפן אַגריפאַסן, וועלכער האָט געמוזט אַנטלויפן פון ירושלים.

די פּאַטריאָטישע עלעמענטן באַקומען די אויבערהאַנט. עס שטייט צו זיי צו דער הויפּט פון דער טעמפּל־שמירה, דער סגן הכהנים אלעזר בן חנניה, פריער אַן אומקאָנדיציאָנעלער רודף שלום, און אויף זיין פאַראָרדענונג שטעלט מען אָפּ מקריב צו זיין קרבנות פאַרן וווילזיין פון אימפּעראַטאָר און דער אימפּעריע. דערמיט האָט סימבאָליש אויפגעהערט די אויבערהערשאַפט פון רוים.

די שלום־פּאַרטיי ווענדט זיך נאָך הילף צו אַגריפאַסן, וועלכער שיקט קיין ירושלים אַ דריי טויזנט רייטער פון זיין מדינהלע. עס ברעכט אויס אַ בלוטיקער בירגער־קריג. די פּאַטריאָטן נוצן אויס די אומאָרדענונגען אויף צו פאַרברענען, צווישן אַנדערע בנינים, דעם ארכיון, וווּ עס האָבן זיך אויפגעהיט אַלע חובות־פאַרפליכטונגען אין הסכם מיט דער תקנה פון פּרוזבול, וואָס הלל הזקן האָט מתקן געווען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק. צום נאַציאָנאַלן מאָמענט פון דער מרידה איז צוגעקומען דער סאָציאַלער. אָרעם האָט גענומען קעמפן קעגן רייך. די שלום־פּאַרטיי איז געשלאָגן געוואָרן. דער רוימישער גאַרניזאָן אויסגעהרגעט, מיטן אויסנאַם פון איינעם מעטעל־יוס, פון די יראי ד׳ וואָס האָט פאַרשפּראָכן זיך פולשטענדיק מגייר זיין. ירושלים איז פריי געוואָרן פון רוימישער הערשאַפט (י״ז אלול 66).

עס קומט דאַן צו אַן אינערלעכן שטרייט איבער דער מאַכט. די עקסטרעמיס־טישע סיקאַריער, מיט מנחם הגלילי בראש, ווילן פאַרכאַפּן די מאַכט. זיי טויטן אַ סך אָנגעזעענע בירגער פון שטאָט, צווישן זיי דעם געוועזענעם כהן גדול חנניה בן נדבאי. אָבער די מעסיקע פּאַטריאָטן, די קנאים פון אלעזר בן חנניה געלינגט צו באַ־זיגן די עקסטרעמיסטן, טויטן זייער פירער, מנחם הגלילי, און בלייבן ביי דער מאַכט אין שטאָט.

אויף צו דערשטיקן די מרידה טרעט אַרויס דער לעגאַט פון סיריע, קעסטיוס גאַלוס, מיט אַ היפּשן מיליטער פון רוימישע לעגיאָנען און געהילפס חילות פון די „פאַרבינדעטע" מלכים, צווישן זיי אויך דער מלך אַגריפּאַס. קעסטיוס באַהערשט פריער די שטעט ביים ים־ברעג, עכו און יפו. פון יפו לאָזט ער זיך קיין ירושלים, פאַרברעגט אויפן וועג די שטאָט לוד און קומט צו ביז גבעון, אַ פופציק סטאַדיעס צפון־מערב פון ירושלים. עס זענען די טעג פון סוכות און ירושלים איז פול מיט עולה־רגל. אַ באַ־

גייסטערטע מאסע לאָזט זיך ארויס אנטקעגן די רוימישע חילות, פאַלט איבער דעם צוואַנגאַרד און טויט עטלעכע הונדערט מענטשן. דער זיג איז אָבער נישט קיין דעפי־ניטיווער. קעסטיוס גאַלוס מיט זיינע הויפּט־קרעפטן שלאָגט אָפּ דעם אָנפאַל און קומט צו ביז ירושלים. דאָס פאָלק פאַרטיידיקט זיך מיט אַ סך מסירת נפש. אָבער וויניק געווער. דער ענטוזיאַזם אָבער איז גרויס. די אָנהענגער פון כהן חנן בן יוחנן, וואָס האָבן געראָטן צו קאַפּיטולירן, האָט מען אַריבערגעוואָרפן איבער די מויערן, זאָלן זיי גיין צו די רוימער.

די מלחמה ארום ירושלים האָט זיך פאַרצויגן מער וויפל קעסטיוס גאַלוס האָט גערעכנט. די יידן האָבן ארויסגעוויזן אַ צו שטאַרקן ווידערשטאַנד, זייערע פּאַר־טיזאַנער אין פעלד האָבן אָנגעהויבן אָפּצושניידן די אַפּראָוויזאַציע פון די רוימישע חילות, דערצו איז אונטערגעקומען די ווינטערדיקע רעגנצייט. קעסטיוס האָט באַ־שלאָסן אָפּצוטרעטן פון ירושלים. אָבער אין זיין צוריקצוג, אין שמאָלן באַרג־דורכ־גאַנג פון בית־חורון, זענען זיינע חילות איבערגעפאַלן געוואָרן פון די פּאַרטיזאַנער פון דעם קנאים ־ הויפּט שמעון בן גיורא און האָבן געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה. נאָר די נאַכט האָט געראַטעוועט די רעשטלעך פון מיליטער פון קעסטיוס גאַלוס. די פּאַרטיזאַנער האָבן גענומען אַ סך געווער, אַמוניציע, באַלאַגערונגס־מאַשינען, וואָס וועלן זיי שפּעטער צוניצקומען ביים פאַרטיידיקן די שטאָט (מרחשוון 66).

מיט געזאַנג פון הלל און אַנדערע מזמורים פון תהלים, וואָס זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין די גרויסע טעג פון די חשמונאים, זענען די יידישע קעמפער צוריקגע־קומען קיין ירושלים. רוים איז באַזיגט געוואָרן. עס קערן זיך אום די גלאָררייכע טעג פון די מכבים. דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך גענומען גרייטן צום אַנטשיידנדיקן קאַמף.

דער גלענצנדיקער יידישער זיג האָט אויפגערייצט די געצנדינערישע איינ־וווינער פון ארץ ישראל און שכנותדיקע לענדער. עס האָט אויסגעבראָכן אַן אמתער פעלקער־קריג. אין קיסריה האָט דער פּראָקוראַטאָר פלאָרוס געהאָלפן די גריכישע איינ־וווינער צו פאַרטיליקן זייערע פאַרבליבענע יידישע שכנים. דער דאָזיקער מאַסנמאָרד האָט ארויסגערופן פאַרביטערונג צווישן די יידן, וואָס האָבן געהרגעט די נישט־יידישע איינוווינער פון די שטעט מיט געמישטער באַפעלקערונג. אין בית שאן האָבן די יידן פון דער שלום־פּאַרטיי געשלאָסן אַ בונד מיט די נישט־יידישע שכנים און צוזאַמען אָפּגעשלאָגן אַן אָנגריף פון די קנאים־פּאַרטיזאַנען. אָבער ווי נאָר יענע זענען אָפּגע־טראָטן, האָבן די געצנדינער אויסגעהרגעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון שטאָט.

פון ארץ־ישראל האָט זיך דער פעלקער־קריג פאַרשפּרייט אויף די נאָענטע לענדער. אין דמשק האָבן די געצנדינער באַשלאָסן אויסצוהרגענען אַלע יידן. זיי האָבן עס אָבער געמוזט האַלטן בסוד פון זייערע ווייבער, וואָס האָבן אַ סך נוטה געווען צו יידישקייט. לסוף האָט מען די יידן איינגעלאַדן צו אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג און דאָרט אַ סך פון זיי דערהרגעט.

עס האָט זיך אויך צעפלאַקערט דער נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשענער קאָנפליקט אין אַלעקסאַנדריע. די גריכישע באַפעלקערונג האָט פאַררופן אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג אויף צו באַשליסן וואָס צו טאָן מיט די יידישע איינוווינער פון שטאָט. יידן האָבן געשיקט אַהין זייערע מענטשן צו דערוויסן זיך, וואָס עס וועט באַשלאָסן ווערן. ווען מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן די „שפּיאָנען", זענען יידן געקומען צו הילף און עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג. דער רוימישער גובערנאַטאָר, דער משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, געוו׳ פּראָקוראַטאָר פון יהודה, איז געקומען איינשטעלן אָרדענונג. ער האָט געפאָדערט, די יידן זאָלן זיך פונאַנדערגיין, אָבער יידן האָבן אים געזידלט, פאַרגעוואָרפן זיין אָפּטריניקייט. אַ צערייצטער שיקט דער משומד צוויי לעגיאָנען, וואָס מאַכן אָן אַ גוואַלדיקן חורבן אין יידישן שטאָט־פערטל דעלטאַ (אָנפאַנג 67).

אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, מיט ווייניק אייניקייט אין די רייען פון די אייגענע זין, איז דאָס יידישע פאָלק געשטאַנען אין אַ גוואַלדיקן פאַרמעסט מיט דער גרעסטער און שטאַרקסטער אימפּעריע פון אַלטערטום. זיבן יאָר וועט דויערן דער קאַמף. יהודה וועט באַזיגט ווערן, אָבער נישט פאַלן. פון די טיפענישן פון זיין נשמה וועט דאָס יידישע פאָלק שעפּן כוחות אויף פאָרצוזעצן דעם געראַנגל, וואָס דויערט שוין באַלד נייַנצנהונדערט יאָר.

55סטע לעקציע

צוגרייטונגען צום גיגאַנטישן פאַרמעסט

(66 - 67)

זיבן יאָר האָט געדויערט דער נישט־גלייכער געראַנגל צווישן יהודה און רוים. עס איז אַ שטאַרק קאָמפּליצירטער פּראָצעס, אין וועלכן עס האָבן צו זאָגן צאָלרייכע פאַקטאָרן, וואָס מען מוז נעמען אין חשבון, אויף צו פאַרשטיין די גאַנצע באַדייטונג פון דער מלחמה צווישן דעם דוד־שטאַט — יהודה, מיט דער גלית־אימפּעריע — רוים.

די רוימישע אימפּעריע איז אין צאָלן געווען פופצן מאָל גרעסער פון גאַנצן יידישן פאָלק, און דרייסיק מאָל גרעסער פון דעם טייל זיינעם, וואָס האָט געלעבט אין ארץ־ישראל. די רוימישע אימפּעריע האָט דאַן געציילט אַרום זעכציק מיליאָן מענטשן; יידן זענען אויף דער וועלט געווען אַרום פיר מיליאָן, פון וועלכע אַ העלפט האָט גע־לעבט אויסער ארץ־ישראל, און פון דעם אַ העלפט אויסער די גרענעצן פון דער רוימי־שער אימפּעריע.

עקאָנאָמיש איז יהודה געווען גאַנץ פעסט. דער צאָלרייכער פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַן אויסדרוק פון דער נישט גערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס האָט באַהערשט דאָס לאַנד פאַר די לעצטע הונדערט יאָר זינט דער רעגירונג פון הורדוסן, אָבער נישט קיין באַוויז פון דער אָרעמקייט פון לאַנד. דאָס לאַנד האָט פיל פּראָ־דוצירט, היפּש עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד. פון אַלע עקן וועלט פלעגן אריינפליסן ביי־שטייערונגען פאַרן בית־המקדש, וווּ עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט גרויסע אוצרות. רוים האָט אָבער געהאַט צו איר דיספּאָזיציע די רייכטימער פון דער גאַנצער דאַן־באַקאַנטער וועלט.

מיליטעריש איז רוים געווען אַ וועלט־מאַכט מיט צאָלרייכע גוט־געשולטע און נאָך בעסער באַוואָפנטע לעגיאָנען. אַלע אונטערגעוואָרפענע פעלקער האָבן געמוזט צו־שטעלן געהילפס־חילות. יהודה איז באַשטאַנען פון אַרבעטזאַמע פּויערים, בעלי־מלאכות און פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן זינט דעם לעצטן חשמונאים מלך מתתיהו אַנטיגנוס (37-41 פאַר דער א. צ. ר.) כמעט נישט געהאַלטן קיין געווער אין האַנט.

סאָציאַל איז רוים באַשטאַנען פון אַ דינעם שיכט אַריסטאָקראַטן, נישט צופיל בעלי־בתים און פרייע האַנטווערקער. דער איבערוועגנדיקער רוב פון איר באַפעל־קערונג איז באַשטאַנען פון שקלאַפן, וואָס האָבן מערסטנטייל בשתיקה און געדולדיק געטראָגן דעם שווערן יאָך, וועלכן זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן מיט געצנדינערישן פּאַטאַליזם. דאָס קליינע פאָלק פון יהודה איז געווען צעטיילט אין צאָלרייכע סאָציאַלע שיכטן, רעליגיעזע סעקטעס און פּאָליטישע פּאַרטייען, צווישן וועלכע עס האָט געמוזט אָנגיין אַ שאַרפער קאָנפליקט, וואָס וועט מיט דער צייט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ ווירקלעכן קאַמף.

אין באַצוג צום קאָנפליקט מיט רוים, האָבן זיך די גרופּירונגען פון פאָלק אין יהודה געטיילט אויף צוויי ריכטונגען: אָנהענגער פון שלום מיט רוים און אָנהענ־גער פון נאַציאָנאַלער מרידה און סאָציאַלער רעוואָלוציע. יעדער טייל האָט געהאַט אין זיך פאַרטרעטער פון די פאַרשידנסטע שיכטן, ווען אפילו נישט אין דער זעלבער פּראָ־פּאָרץ. צו דער שלום־טענדענץ האָבן געהערט:

א) די רעשטלעך פון דער הורדוס־דינאַסטיע, די אָפּשטאַמער פון זיינע זין, וואָס ער האָט געהאַט מיט מרים החשמונאית, וואָס האָבן נאָך געהערשט אין געוויסע טיילן פון לאַנד, און איינער פון זיי, אַגריפּאַס דער צווייטער, האָט נאָך נאָמינעל גע־טראָגן דעם טיטל „מלך פון יהודה".

ב) די כהנים־אַריסטאָקראַטיע, די מיטגלידער פון די פּריווילעגירטע פאַמיליעס פון די כהנים גדולים, וואָס האָבן געהאַט אין זייערע הענט די הכנסות פון בית המקדש און האָבן זיך גאַנץ גוט געפילט אונטער דער רוימישער איבערהערשאַפט. פאַר זיי איז געווען דער עיקר אָפּהיטן דעם בית המקדש, דעם מקור פון זייער פּרנסה.

ג) די העלעניזירטע געלט־אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט געצויגן צו גריכישער קולטור און רוימישער גרויסקייט. אפילו די פון זיי, וואָס האָבן זיך פאָרמעל געהאַלטן ביי יידישקייט, זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס רוימישע איז פיל העכער און דאָס גריכישע פיל שענער. אַלס עקספּאָנענטן פון אָט דעם נישט גאָר גרויסן, אָבער זייער וויכטיקן שיכט, קאָנען דינען דער משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, שעף פון גענעראַל־שטאַב פון די רוימישע אַרמייען, וואָס האָבן באַלאַגערט ירושלים, און יוסף בן מתתיהו הכהן, דער קריגס־קאָמיסאַר פאַר דער פאַרטיידיקונג פון גליל.

ד) די געמעסיקטע פּרושים, די שולע פון הלל (בית־הלל), וואָס האָבן איינ־געזען, אַז יעדע רעגירונג איז דאָן געווען אַ צרה, פון וועלכער מען מוז ליידן. העלע־ניזירטע חשמונאים, די הורדוס־דינאַסטיע, די רוימישע פּראָקוראַטאָרן, אין תוך איינס און דאָס זעלבע. דאַרף מען געדולדיק איבערטראָגן, דערווייל זיך טרייסטן מיטן למוד התורה און וואַרטן אויפן איינציקן מלך פון צדק און יושר, דעם מלך המשיח.

ה) דער גרעסטער טייל אסיים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די גאַנצע סאָציאַלע אָרדענונג דאַרף איבערגעבויט ווערן אויף נייע יסודות: אַרבעט, קערפּערלעכע און גייס־

טיקע ריינקייט, גלייכהייט און באַשיידענער לעבנס־שטייגער. טאָ וואָס איז פאַר זיי געווען דער חילוק די צי יענע מאַכט?

ו) די יידן־קריסטן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז ישוע בן יוסף פון נצרת איז געווען דער אמתער צוגעזאָגטער משיח, וועלכן די רוימישע מאַכט האָט פאַרפייניקט. ער וועט אָבער צוריקקומען און אויפריכטן די גאַנצע וועלט.

אָנהענגער פון מלחמה זענען געווען:

א) געציילטע מענטשן פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון כהנים שטאַנד.

ב) אַ הייפעלע אסיים, וואָס האָבן נאָך טייער געהאַלטן דעם בית המקדש.

ג) די מער קאָמפּראָמיסלאָזע פּרושים, די שולע פון שמאי (בית שמאי), וואָס זענען געווען הייסע פּאַטריאָטן און אַנטשלאָסענע קעגנער פון רוים.

ד) די פאַרמעגלעכע שטאָט־איינוווינער, וואָס האָבן געהאָפט צו פאַרבעסערן זייער שטאַנד אונטער אַן אייגענער יידישער מאַכט.

ה) די עקספּלאָאַטירטע קליינע לאַנד־באַזיצער, וואָס האָבן געהאָפט צוריקצו־שטעלן די יידישע אַגראַר־געזעצן פון שמיטה און יובל, די באַזע פון זייער וווילשטאַנד.

ו) דער שטאָטישער און דאָרפישער פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געוואָלט פאַר־איינוועגס דורכפירן אַ סאָציאַלע איבערקערעניש, וואָס זאָל אים דערלייזן צו לינדערן זיין ביטערן שווערן גורל.

די סאָציאַלע דיפערענצירונגען האָבן געבראַכט צו מיינונגס־פאַרשידנהייטן אין די רייען פון די פּאַטריאָטישע קעמפער, וואָס האָבן זיך געטיילט אויף געמעסיקטע, עקסטרעמע, און גאָר עקסטרעמע, וואָס ווען זיך אָפּטמאָל באַקעמפן קעגנזייטיק.

די רוימער האָבן אויסגענוצט אָט די צעשפּליטערטקייט פון פאָלק אין יהודה און האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי קעמפן גאָרנישט קעגן יהודה, נאָר קעגן די עקסטרעמיסטן, וואָס ווילן אומברענגען דאָס לאַנד. אין זייער לאַגער האָט זיך געפונען דער נאָמינעלער מלך פון יהודה, אַגריפּאַס דער צווייטער, זיין שוועסטער, די פּרינצעסין בערעניקע, די טאָכטער פון גרויסן מלך אַגריפּאַס דער ערשטער. שפּעטער קומט צו דער געפאַנגענער קריגס קאָמיסאַר פון גליל, יוסף בן מתתיהו הכהן, און ווען אין די לעצטע טעג פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים קומט אין רוימישן לאַגער דער אַב בית דין פון סנהדרין ר' יוחנן בן זכאי, ווערט ער אויפגענומען מיט אַלע כבודן.

אָבער דער קאַמף צווישן יהודה און רוים איז נישט נאָר געווען אַ פּאָליטישער, נאָר אויך אַ רעליגיעזער און מאָראַלער. מאָנאָטעאיזם האָט געקעמפט קעגן געצנדינסט, יידישקייט — קעגן העלעניזם. דערפאַר וועט דער קאַמף זיך אויסשפּרייטן ווייט איבער די גרענעצן פון א"י און וועט אַרומכאַפּן די יידישע ישובים אין מצרים, צפון־אַפריקע און אַ רייע אַנדערע פּלעצער פון דער רוימישער אימפּעריע. די רעליגיעז־מאָראַלישע באַפאַרבונג פון דער מלחמה דערקלערט דאָס, וואָס אין יענער צייט ווערט געענדערט די פאָרמולע פון די יידישע ברכות. צו די ווערטער: ברוך אתה ד' אלהינו, ווערן צוגע־

געבן די ווערטער מלך העולם, קעניג פון דער וועלט. די קנאים קעמפן פאַר גאָטס קעניגרייך, לויטן באַגריף פון די נביאים, אַ קעניגרייך פון צדק, יושר און גייסטיקער דערהויבנקייט.

גלייך נאָכן זיג איבער קעסטיוס גאַלוס, סוף 66, ווערט אָרגאַניזירט אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, וואָס דאַרף צוגרייטן דאָס לאַנד פאַרן ווייטערדיקן געראַנגל. דער גרויסער זיג האָט אויף אַ מאָמענט אָפּגעשאַפט כמעט אַלע מיינונגס־פאַרשידנקייטן. אַלע גרופּן, שיכטן און פאַרטייען, זענען גרייט צו פאַרטיידיקן די דערָאבערטע פרייהייט. עס ווערט געשאַפן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע. די מאַכט געהערט דעם סנהדרין, בראש פון וועלכן עס שטייט דער נשיא ר׳ שמעון בן גמליאל, אַן אור־אייניקל פון הלל הזקן. זיין וויצע, דער אָב־בית־דין, איז ר׳ יוחנן בן זכאי, אַ תלמיד פון הלל. דער סנהדרין פירט אָן מיט אַלע לויפנדיקע ענינים. פאַר וויכטיקע פאַלן ווערט צוריק אויפגעלעבט די אוראַלטע פאָלקס פאַרזאַמלונג. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג ווערן באַשטימט די הויפּט־אָנפירער פון דער פאַרטיידיקונג. די הויפּט־שטאָט ווערט אָנפאַרטרויט דעם געוועזענעם כהן־גדול חנן און דעם אַריסטאָקראַט יוסף בן גוריון. די פאַרטיידיקונג פון גליל, די געגנט וואָס וועט דאַרפן אויסהאַלטן דעם ערשטן אָנגריף, ווערט איבערגעגעבן דעם יונגן כהן יוסף בן מתתיהו, אַן אור־אור־אייניקל פון יונתן החשמונאי. אין דרום פון לאַנד ווערן געשיקט די כהנים אלעזר בן חנניה און יהושע בן צפיה, דער מאַל פון יריחו ווערט אָנפאַרטרויט דעם אסיי צדוק, אין אַנדערע געגנטן, ווי עבר הירדן, יפו, אא״וו ווערן אויך באַשטימט ספּעציעלע קאָמיסאַרן. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז גלייך ביים אָנפאַנג נעמען איבער די פירערשאַפט די געמעסיקטע עלעמענטן, די כהונה האָט די אויבערהאַנט, די עקסטרעמע קנאים ווערן צו דער פירערשאַפט נישט צוגעלאָזט. אַפילו דער זיגער ביי בית־חורון, שמעון בר גיורא, קריגט נישט קיין פירנדיקן אַמט. נישט קיין גוטער סימן פאַר אַ מרידה, ווען זי ווערט אָנגעפירט פון לעבלעכע עלעמענטן.

דאָך נעמט מען זיך ענערגיש גרייטן צום קאַמף. עס ווערט פאַבריצירט געווער. אין ירושלים ווערן פאַרגרייט גרויסע זאַפּאַסן עסנוואַרג. די רוימישע מטבעות, וואָס צירקולירן אין לאַנד, ווערן איבערגעשטעמפּלט מיט אַ העברעאישער אויפשריפט. זיי וועלן שפּעטער זיין באַקאַנט ווי די מטבעות פון אויפשטאַנד (ש(ל)מרד).

אויך רוים מאַכט די געהעריקע הכנות. אַלס הויפּט־קאָמאַנדיר קעגן יהודה ווערט באַשטימט דער אויסגעפּרוּווטער גענעראַל אַספּאַסיאַנוס פלאַוויוס, וועלכער נעמט זיך אַלס געהילף זיין זון טיטוס. תחילת יאָר 67 קומט אַספּאַסיאַנוס קיין אַנטיאָכיע, די הויפּטשטאָט פון סיריע, און שיקט זיין זון טיטוס קיין אַלעקסאַנדריע, די הויפּט־שטאָט פון עגיפּטן. עס הויבט זיך אָן די מאָביליזאַציע פון אַ גרויסן רוימישן היל. זעכציק טויזנט זעלנער, פוסגייער און רייטער, חוץ די געהילפס־חילות פון די אונטערטעניקע פעלקער.

56סטע לעקציע

אין אומאַנטשלאָסענע הענט: דער קאַמף אין גליל

(יאָר 67)

דער יונגער קריגס קאָמיסאַר, דער כהן און מיוחס יוסף בן מתתיהו, הויבט אָן שלאַבעריק זיין טעטיקייט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון גליל. ער איז נאָך מיט זיך אַליין נישט דורכגעקומען. א נישט־געשטעלטער כאַראַקטער, וואַקלט ער זיך נאָך אַלץ צווישן זיינע יידיש־פּאַטריאָטישע געפילן, און באַוווּנדערונג פאַר רוים. ער זוכט אפילו צו לעבן גוט מיט אגריפּאַס דעם צווייטן, ווי ער, אויך אַן אָפּשטאַמער פון די השמונאים, וואָס האָט זיין רעזידענץ אין טבריה, א שטאָט פון גליל.

דער אָרטיקער פירער פון די גלילער פּאַטריאָטן, יוחנן מגוש־חלב, באַקלאָגט זיך קיין ירושלים אויף יוסף בן מתתיהו. ער באַשולדיקט אים אפילו אין באַוווּסטזיניקן פאַרראַט. פון ירושלים ווערט געשיקט אַן אונטערזוכונגס קאָמיסיע. יוספן געלינגט אָבער, אַז זי זאָל צושטעלן א צופרידנשטעלנדיקן באַריכט.

ערשט ווען דאָס רוימישע מיליטער דרינגט אריין אין גליל (מיטן 67), כאַפּט זיך דער קריגס־קאָמיסאַר יוסף בן מתתיהו, אַז ער איז ניט געהעריק צוגעגרייט אויפצונעמען דעם אָנגריף. ער האָט מאָביליזירט הונדערט טויזנט קעמפער, אָבער זיי זענען נישט גוט געשולט, נישט גענוג באַוואָפנט. בעט דער קריגס קאָמיסאַר פון דער רעגירונג אין ירושלים, אָדער מען זאָל אים צושיקן פאַרשטאַרקונג, אָדער... באַפולמעכטיקן אָנצוהויבן שלום־פאַרהאַנדלונגען.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי די פאַרטיידיקונג פון גליל האָט אויסגעזען אונטער אַזאַ אָנפירער. די שטעט טבריה און צפּורי עפענען די טויערן פאַר די רוימער. יוסף בן מתתיהו פאַרטיידיקט בלויז איין פעסטונג, יודפת, וואָס פאַרהאַלט די רוימער א פּאָר חדשים, אָבער מער מיט דער מסירת נפש פון די קעמפער, ווי מיט די פעאיקייטן פון זייער קאָמאַנדיר. ווען די פעסטונג פאַלט, קומען אום אַלע אירע פאַרטיידיקער אין קאַמף, בלויז דעם פאַרטיידיקונגס קאָמיסאַר געלינגט עס צו ראַטעווען זיך און איבערגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט, וווּ ער ווערט דווקא גוט אויפגענומען, און וועט זיך אויך ווייטער באַטייליקן אין דער מלחמה, ווי א צוגעשריבענער צום רוימישן

גענעראַל־שטאַב, וואָס וועט האַלטן רעדעס פאַר די פאַרעקשנטע פאַרטיידיקער פון ירו־שלים און וועט זיי צורעדן צו קאַפּיטולירן. ער וועט צום סוף פון זיין לעבן ווערן אַ באַרימטער היסטאָריקער, וואָס וועט אונדז איבערלאָזן אַ באַריכט וועגן „די מלחמות פון די יידן”, אַן אַפּאָלאָגעטישע יידישע געשיכטע „די אַלטערטימלעכקייטן פון די יידן” און אַנדערע אַפּאָלאָגעטישע שריפטן. אָבער דאָס וועט ער שוין טאָן אונטער אַ נייעם נאָמען, וואָס באַשטייט פון זיין נאָמען יוסף און פון דעם פאַמיליע־נאָמען פון די באַ־צווינגער פון זיין פאָטערלאַנד, פלאַוויוס: יוסף (יאָזעפוס) פלאַוויוס.

מיט דער געפאַנגענשאַפט פון פאַרטיידיקונגס קאָמיסאַר איז נאָך אָבער דער קאַמף נישט אויפגעגעבן. די גלילער פאַטריאָטן קעמפן אין זייערע שטעט און פאַרטיי־דיקן זיך העלדיש. די פעסטונג טאַריכיי קאָסט די רוימער אַ זייער טייערן פּרייז און זי האַלט זיך ביזן חודש סעפּטעמבער פון 67. נאָך טייערער לאָזט פאַר זיך באַצאָ־ן די פעסטונג גמלא, אויף דער מזרח־זייט פון ירדן, וואָס פאַלט ערשט אין אָקטאָבער 67. די רעשטלעך פון די גלילער פאַטריאָטן קאָנצענטרירן זיך אַרום לאָקאַלן קנאים־פירער יוחנן מגוש חלב, זיי געלינגט דורכצורייסן די רוימישע בלאָקאַדע און קומען קיין ירושלים.

צוליבן ווינטער מוזן די קריגס אָפּעראַציעס אָפּגעשטעלט ווערן. די פּויזע וועט אָבער צוליב אַ רייע סיבות זיך פאַרציען אויף קנאַפּע צוויי יאָר, אין משך פון וועלכע סיי יהודה, סיי רוים, וועלן איבערלעבן גרויסע אינערלעכע אויפטרייסלונגען.

דער דורכפאַל פון דער פאַרטיידיקונג פון גליל האָט אויפגעבראַוזט די עקס־טרעמע פאַטריאָטן, וועלכע האָבן באַשלאָסן איבערצונעמען די פאַרטיידיקונג פון דער הויפּטשטאָט און זייערע אייגענע הענט. די רעגירונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג האָט די מאַכט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ בירגער־קריג. די קרעפטן פון דער רעגירונג האָבן שוין כמעט באַהערשט די לאַגע, ווען צו די עקסטרע־מיסטן זענען געקומען צו הילף די נאָך עקסטרעמיסטישערע פּויערים פון לאַנד אדום. מיט זייער שטיצע האָבן זיך די עקסטרעמיסטן אימפּאָנירט. אַ פאָלקס־געריכט האָט גענומען משפּטן די „פאַררעטער”. די פאַרטיידיקונגס קאָמיסאַרן פון ירושלים, דער כהן חנן און דער אַריסטאָקראַט יוסף בן גוריון זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אַזוי אויך דער געוו׳ כהן גדול יהושע בן גמלא און אַנדערע חשובים. אפילו די, וואָס דאָס פאָלקס־געריכט פלעגט באַפרייען, פלעגן די עקסטרעמיסטן דערמאָרדן אויף אייגענער האַנט. אַלס קאָמאַנדאַנט פון ירושלים איז באַשטימט געוואָרן דער גלילער העלד און פאַטריאָט יוחנן מגוש חלב.

אַספּאַסיאַנוס האָט פון דער ווייטנס צוגעזען ווי די יידן ברענגען זיך אום צווישן זיך. ער האָט געהאַלטן פאַר אומנויטיק צו ברענגען זיינע זעלנער אין סכנה אויף צו טויטן מענטשן, וואָס טוען אַליין אַזוי גוט די אַרבעט. ער האָט דערווייל מיט ווייניק אָנשטרענגונגען פאַרנומען די איבעריקע טיילן פון לאַנד.

אָבער אויך אין רוים ברעכן אויס, צו יענער צייט, (יאָר 68), אומרוען. אימפּע־

ראטאָר נעראָן ווערט דערמאָרדעט. אויפן טראָן בייטן זיך שנעל אַנדערע דריי אימפּע־ראטאָרן: גאַלבאַ, אָטאָן און וויטעליוס, אין רוים בושעוועט אַ רעגעלער בירגער־קריג. אין אַזאַ קריטישער צייט האָט אַספּאַסיאַנוס נישט געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו באַשעפטיקן זיינע חילות מיט דער באַלאַגערונג פון ירושלים. ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, ווען ער וועט זיינע זעלנער קאָנען אויסנוצן פאַר אַנדערע, פאַר אים פערזענלעך וויכטי־קערע צוועקן. די געלעגנהייט קומט. סוף יאָר 69, ווען אַספּאַסיאַנוס ווערט פּראָקלאַמירט אַלס אימפּעראַטאָר דורך זיין אַרמיי אין יהודה. ער וועט נרינגדן די פלאַוויער דינאַסטיע, וואָס וועט זיך האַלטן אויפן טראָן אַרום הונדערט יאָר. ערשט ווען אַספּאַסיאַנוס באַ־פעסטיקט זיין פּאָזיציע, קאָן זיין זון טיטוס, וואָס איז פאַרבליבן דער הויפּט־אָנפירער פון דער אַרמיי אין יהודה, אָנהויבן די באַלאַגערונג פון ירושלים, מיט וועלכער עס פירט פּאַקטיש אָן דער שעף פון זיין גענעראַל־שטאַב, דער משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער.

די באַלאַגערונג און דאָס פֿאַלן פֿון ירושלים

(יאָר 70)

ירושלים איז געווען אין די הענט פֿון די קנאים, אָבער זיי אַליין זענען נישט געווען בײַ זיך אין די הענט. צעטיילט אין דרײַ פֿראַקציעס, אַ מעסיקע, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון אלעזר בן שמעון, וואָס האָט זיך באַפֿעסטיקט אין בית המקדש; אַ ווייניקער געמעסיקטע, אונטער דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון יוחנן מגוש חלב, וואָס האָט פֿאַרנומען דעם הר־הבית און אַ טייל פֿון דער אונטערשטער שטאָט מיט דער שטאָט־ציטאַדעל, די פֿעסטונג אַנטאָניוס; און גאָר אַן עקסטרעמע, אָנגעפֿירט פֿון שמעון בר גיורא, וואָס האָט זיך באַפֿעסטיקט אין הורדוס פּאַלאַץ מיט זײַנע שטאַרקע דרײַ טורעמס און האָט פֿון דאָרטן באַהערשט די העכערע טייל שטאָט און אויך אַ טייל פֿון דער אונטערשטער שטאָט. די דרײַ פֿראַקציעס האָבן פֿאַרגאָסן זייערע שטרײַטיקייטן און אין איינעם פֿון די צוזאַמענשטויסן זענען פֿאַרברענט געוואָרן די שפּײַז־דעפּאָזיטן, וואָס די רעגירונג פֿון נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידיקונג האָט געהאַט פֿאַרגרייט.

עס האָט זיך דערנענטערט פּסח פֿון יאָר 70. פֿון אַלע עקן לאַנד, וואָס איז שוין געווען פֿאַרנומען פֿון די רוימער, האָבן געשטראָמט עולי־רגל קיין ירושלים. די רוימישע וואַכפּאָסטנס האָבן זיי פֿרײַ געלאָזט דורכגיין. טיטוס האָט געוואָלט באַלאַגערן ירושלים מיט וואָס מער מענטשן אינעווייניק, בכדי זיי זאָלן וואָס פֿריער פֿאַרצערן די פֿאַרבליבענע זאַפּאַסן. לכבוד דעם גרויסן יום־טוב האָט מען געמוזט ברייט צעפֿענען די טויערן פֿון בית־המקדש. דערמיט האָבן זיך באַנוצט די עקסטרעמע פֿראַקציעס פֿון יוחנן מגוש חלב און שמעון בר גיורא אויף אַרײַנצוקריגן זיך אין דער פֿעסטונג פֿון בית־המקדש. עס איז צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ נײַער געפֿעכט. אין דער צײַט האָבן די רוימער באַלאַגערט ירושלים, אײַנשטעלנדיק זייער הויפּט־קוואַרטיר אויפֿן הר־הצופֿים, וווּ עס שטייט איצט די העברעאישע אוניווערזיטעט.

פֿינף חדשים האָט געדויערט די באַלאַגערונג פֿון ירושלים. די קנאים האָבן געקעמפֿט ווי די לייבן. זיי האָבן באַוויזן אויסטערלישע העלדישקייטן. זיי האָבן באַניצט די מאַשינען, וואָס מען האָט גענומען בײַ קעסטיוס גאַלוס, און פֿון זיי געשליי־

דערט שטיינער אויף די באַלאַגערער. יעדער וויטערדיקער שריט פאָראויס האָט די רוימער געקאָסט אומצאָליקע קרבנות. אָבער דער גורל פון דער שטאָט איז געווען געחתמעט. די רוימער צו הילף איז געקומען דער הונגער, קעגן וועלכן די באַלאַגערטע האָבן קיין מיטל נישט געהאַט, אַלע וועגן צו דער שטאָט זענען געווען קאָנטראָלירט פון די רוימער. מערערע מאָל האָט די רוימישע קאָמאַנדע געשיקט דעם נאָמינעלן מלך אַגריפאַס דעם צווייטן און דעם געוועזענעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיסאַר פון גליל, יוסף בן מתתיהו, איינרעדן די באַלאַגערטע, זיי זאָלן לייגן דאָס געווער. אַלע אָנבאָטן זענען צוריקגעוויזן געוואָרן. פרייהייט אָדער טויט! איז געווען די לאָזונג פון די פּאַטריאָטן.

אין מאַי פון יאָר 70 איז געפאַלן די ערשטע מויער פון ירושלים. אָבער די פאַרטיידיקער האָבן פאַרצווייפלט געקעמפט אין די אַנדערע טיילן פון שטאָט. 5 טעג אין תמוז איז געפאַלן די פעסטונג פון בית־המקדש. די פאַרטיידיקער האָבן זיך באַפעסטיקט אין די אינערלעכע הויפן. 17 טעג אין תמוז האָט מען געמוזט אויפהערן מקריב זיין דעם קרבן תמיד, עס איז מער נישט געווען וואָס מקריב צו זיין. אַכט טאָג אין אָב איז אינמיטן פון אַ שרעקלעכן קאַמף אונטערגעצונדן געוואָרן דער בית־המקדש, וועלכער האָט געברענט דעם גאַנצן טאָג פון ניינטן אָב (תשעה באב). דער דאַטום איז פאַרבליבן אַ טאָג פון נאַציאָנאַלן טרויער.

אין דער צווישנצייט האָבן געקאָנט אַרויס פון ירושלים אייניקע גרופּן פון דער שלום־פּאַרטיי: אייניקע כהנים, וואָס טיטוס האָט געשאָנקען דאָס לעבן, די יידישע קריסטלעכע סעקטע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין עבר־הירדן. יעדער איינער האָט געטראַכט בלויז וועגן זיך: די קנאים, ווי העלדישער צו שטאַרבן, די אַנדערע, ווי דאָס אייגענע לעבן צו ראַטעווען. איינער אָבער האָט נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר וועגן פאָלק. דאָס איז געווען דער אַב־בית־דין פון סנהדרין, ר' יוחנן בן זכאי. ביז די לעצטע חדשים איז ער געבליבן אין שטאָט, געליטן צוזאַמען מיט די באַלאַגערטע, אָבער ווען דער סוף איז שוין געווען מער ווי קלאָר, איז ער מיט דער צושטימונג פון אַ קנאים־פירער (אבא־סיקרא) אַרויס פון שטאָט, צו ראַטעווען פון דעם שונא וואָס עס וועט זיך לאָזן. ער ווערט זייער פיין אויפגענומען פון טיטוסן אַליין, און עס ווערן באַפרידיקט זיינע בקשות, צווישן וועלכע עס איז געווען דאָס רעספּעקטירן די דינאַסטיע פון הלל, און די דערלויבעניש אָנצוהאַלטן אַן אַקאַדעמיע פאַר תורה־לערנען אין דער שטאָט יבנה. מיטן נאָכגעבן די בקשות פון ר' יוחנן בן זכאי האָט טיטוס געמיינט אָפּצושוואַכן דעם האָפענונגלאָזן ווידערשטאַנד פון די קנאים; יענע אָבער האָבן דערפירט דעם קאַמף ביז צום סוף.

נאָכן חורבן פון בית־המקדש האָבן די קנאים געקעמפט אין דער אויבערשטער שטאָט. הויז ביי הויז, גאַס ביי גאַס. ערשט אַרום העלפט אלול איז די גאַנצע אויבערשטע טייל שטאָט געווען אין די הענט פון די רוימער. ירושלים איז געלעגן אין

חורבות. טיטוס האט נאר געלאזט גאנץ די דריי טורעמס פון הורדוס פאלאץ, איינער פון וועלכע עקזיסטירט ביז היינט און ווערט על פי טעות גערופן מגדל דוד. עס איז אויך געבליבן נישט צעשטערט א טייל פון דער מערב־וואנט פון דער בית־המקדש פעסטונג, וואס ווערט ביז היינט פארהייליקט ביים יידישן פאלק (כתל מערבי). די רעשטלעך פון די קנאים האבן נאך אייניקע וואכן פארגעזעצט דעם קאמף אין די הייל אונטער די חורבות, זיי זענען אבער אומגעקומען, אדער אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט מיט זייערע אנפירער יוחנן מגוש חלב און שמעון בר גיורא.

רוים האט טריומפירט. פארן וואגן פון אספאסיאנוס און טיטוס, אין זייער טריומף־צוג אין רוים, זענען געטראגן געווארן די גאלדענע כלים פון בית המקדש: דער טיש, די מנורה א. א. וו., ווי אויך א ספר תורה, וואס זענען שפעטער אריינגעשטעלט געווארן אין טעמפל פון יופיטער. צווישן די געפאנגענע זיינען אויך געפירט געווארן די פירער פון די קנאים, וואס זענען אומגעבראכט געווארן בשעת די פייערונגען לכבוד דעם נצחון. א ספעציעלע מטבע איז אפגעגאסן געווארן. פון איין זייט פון דער מטבע זעט מען א באצערטע פרוי געשמידט אין קייטן, און אן אויפשריפט: „יודעא קאפטא, יודעא דעוויקטא", ס'הייסט: יהודה איז געפאנגען, יהודה איז באזיגט. אין רוים איז שפעטער אויפגעשטעלט געווארן א טריומף־בויגן לכבוד דעם נצחון. אויף דעם בויגן קאן מען נאך ביז היינט זען די רעליעפן פון די בית־המקדש כלים און די כהנים, וואס טראגן זיי, און פון די קריגס־געפאנגענע. יידן מיידן אויס פארבייצוגיין פאר דעם טריומף־בויגן. ווען אין אנפאנג צוואנציקסטן יארהונדערט איז דער ייד ערנסט נאטאן געווארן בירגערמייסטער פון רוים און האט אין א פייערלעכער פראצעסיע באזוכט אלע וויכטיקע מאנומענטן פון שטאט, איז אין הסכם מיט דער טראדיציע דער טריומף־בויגן דורכגעלאזט געווארן. דער סענאט האט אויך געוואלט באערן די פלאוויוס־פאמיליע מיטן טיטל „יודאאיקוס", ס'הייסט: די באזיגער פון יהודה. אספאסיאנוס האט זיך אבער דערפון אפגעזאגט, ווייל עס וואלט אויך געקאנט אויסגעטייטשט ווערן אין דעם זין ווי „אנהענגער פון יידישקייט".

טויזנטער און טויזנטער יידישע געפאנגענע זענען פארקויפט געווארן אלס שקלאפן און. כאטש זיי זענען געווען קרעפטיקע מענער, און פיל פון זיי גוטע בעלי־מלאכות, האט מען פאר זיי געצאלט ביליקער ווי פאר נישט־יידישע שקלאפן, ווייל זיי האבן בלויז געארבעט זעקס טעג אין וואך, רוענדיק שבת.

דער באדן פון יהודה איז דערקלערט געווארן ווי אייגנטום פון אימפעראטאר. די ערד־ארבעטער זענען באטראכט געווארן נישט ווי אייגנטימער, נאר ווי פאכטער. עס איז געשאפן געווארן א ספעציעלער יידישער אפצאל. די פיר דראכמעס (מחצית השקל), וואס יידן פון דער גאנצער אימפעריע פלעגן צאלן פארן בית המקדש אין ירושלים, האבן זיי פון דאן אן געדארפט צאלן פארן „פיסקוס יודאאיקוס", יידישער פאנד, וואס פלעגט גיין אויף אויסצוהאלטן דעם טעמפל פון שלום אין רוים.

8 5 ס ט ע   ל ע ק צ י ע

האַפּענונגלאָזער קאַמף

(73 - 70)

מיטן פאַלן פון ירושלים איז נאָך אָבער דער קאַמף אין יהודה נישט געווען פולשטענדיק פאַרענדיקט. עס זענען נאָך געבליבן אין די הענט פון די קנאים דריי פעסטונגען: הערָדיאָן, מאַכאָוועראָן און מאַסאַדאַ (מצדה), וואָס דער ניי־באַשטימטער גובערנאַטאָר פון יהודה, סילוואַ, האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט צו נעמען. בעיקר האָט זיך אויסגעצייכנט די פאַרטיידיקונג פון מאַסאַדאַ, די לעצטע פעסטונג, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פון דעם קנאי אלעזר בן יאיר, דער לעצטער פון דער פּאַטריאָטישער דינאַסטיע, וואָס חזקיה הגלילי האָט געגרינדעט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק. קיינער פון די פאַרטיידיקער פון מאַסאַדאַ איז נישט אַריינגעפאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די רוימער. אין דער לעצטער שעה האָבן די לעבנגעבליבענע פאַרטיידיקער געטויט זייערע פרויען און קינדער, און איינער דעם צווייטן. דער לעצטער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ווען די רוימער זענען אַריין אין דער טוימער פעסטונג, האָבן זיי געפונען לעבעדיק בלויז צוויי פרויען און פינף קינדער, וועלכע עס איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן (73). דער נאָמען מאַסאַדאַ איז געבליבן דער סימבאָל פון אַ לעצטן שטיץ־פונקט, פון וועלכן עס איז נישטאָ קיין וועג אָפּצוטרעטן, סיידן דער טויט.

די קנאים, וואָס איז געלונגען צו אַנטלויפן פון יהודה, האָבן מיט עקשנות פאָרגעזעצט זייער קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן רוים. אין אַלעקסאַנדריע פון עגיפּטן האָבן זיי אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד פון די דאָרטיקע יידן. ביי די אָנגעצויגענע באַציאונגען מיט דער גריכישער באַפעלקערונג פון שטאָט, האָט עס געקאָנט מיינען די אויסראָטונג פון גאַנצן יידישן ישוב. אויף אויסצומיידן אַזאַ קאַטאַסטראָפע באַשליסן זיך די פירער פון דער קהילה אויף אַ געוואַגטן שריט און ליפערן אויס די קנאים צו דער רוימישער מאַכט. דער גובערנאַטאָר יוליוס לופוס האָט זיי געלאָזט

פּייניקן מיט די שווידערלעכסטע ענויים, אָבער זיי זענען אַלע בייגעשטאַנען דעם נסיון און נישט איינגעוויליקט צו אנערקענען דעם רוימישן אימפּעראַטאָר אַלס זייער האַר.

אַנדערע קנאים געלינגט עס דאָך אַרויסצורופן מרידה־שטימונגען אין אַנדערע ערטער פון עגיפּטן, בעיקר אין דער מיט יידן געדיכט באַפעלקערטער געגנט ארץ חוניו. דאָרט איז נאָך געשטאַנען דער בית המקדש, וואָס דער כהן חוניו פון ירושלים האָט געגרינדעט אין יאָר 160, און ווו מען האָט געדינט צום גאָט פון ישראל מיט קרבנות, ווען אפילו נישט פון בעלי־חיים. נאָכן חורבן פון דעם בית המקדש אין ירושלים האָט דער מקדש חוניו געקאָנט ווערן אַ געוויסער צענטער פאַרן יידישן לעבן אויסער יהודה. אָבער נאָכן אויפבראויז, וואָס די קנאים טראָגן אַריין אין „ארץ חוניו" באַפעלט אספּאַסיאַנוס צו שליסן דעם מקדש אין יאָר 73. אַ מרידה, אַרויסגערופן פון די קנאים־פּליטים, ברעכט אויס אין סירענאַאיקאַ, זי איז אָבער שנעל אונטערגע־דריקט געוואָרן.

פון דער מרידה אין יהודה און איר אונטערדריקונג האָט געליטן נאָך אַ וויכטיקער יידישער ישוב, דער פון אַנטיאָכיע, די הויפּטשטאָט פון סיריע. אויך דאָרט האָט צעצונדן דאָס פייער פון יידנהאַס אַ משומד, אַ זון פון איינעם פון די קהילה־פירער, וואָס האָט אָנגענומען דעם גריכישן נאָמען אַנטיאָכעס, סימבאָליש פאַר אַ שונא ישראל. ער האָט אויסגעטראַכט אַ בילבול, אַז זיין פאָטער און אַנדערע יידישע תושבים פּלאַנעווען צו אונטערצינדן די שטאָט. דער מאָב האָט זיך געוואָרפן אויפן יידישן געגנט, געבאַפּט אייניקע יידישע פירער און פאַרברענט זיי לעבעדיקערהייט. יידן זענען אויך געצוווּנגען געוואָרן מקריב צו זיין קרבנות פאַר דער סטאַטוע פון אימפּעראַטאָר. ווען צוליב אַ פּראָוואָקאַציע, אָדער צופעליק, ברעכט טאַקע אויס אַ שריפה, און אַנטיאָכעס הזרט איבער זיינע באַשולדיקונגען, ווערט די יידישע לאַגע גאָר געפערלעך. אָבער דער רוימישער שטאָט־הויפּט האָט דורכגעפירט אַן אויספאָר־שונג, וואָס האָט אויפגעדעקט די אמתע אונטערצינדער, און די יידן זענען געראַ־טעוועט געוואָרן פון אַ סכנה.

ווען טיטוס איז נאָכן חורבן ירושלים פאַרבייגעפאָרן אַנטיאָכיע, אויף זיין וועג קיין רוים, האָט די גריכישע באַפעלקערונג פון שטאָט געפאָדערט, ער זאָל אַרויס־טרייבן פון דאָרט די „שונאים פון רוים". טיטוס האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגע־זאָגט נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג און האָט אפילו נישט דערלויבט אַראָפּצונעמען די בראָנזענע טאָוולען, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעקריצט די פּריווילעגיעס פון דעם יידישן ישוב אין שטאָט.

די יידישע געמיינדע פון רוים גופא האָט אויך היפּש געליטן פון דער אַרו־מיקער שטימונג קעגן דער „ווידערשפּעניקער יהודה". נאָך גרעסער זענען געווען די מאָראַלישע ליידן בישעתן טריומף־צוג פון די באַצווינגער פון יהודה. אָבער צו קיין עפנטלעכע אויסברוכן קעגן יידן איז נישט געקומען.

נאָך אַ קרבן איז געפאַלן פון דער אַנטי־יידישער שטימונג, וואָס דער אויפ־שטאַנד אין יהודה האָט אַרויסגערופן אין דער רוימישער אימפעריע. בערעניקאַ, די טאָכטער פון אַגריפּאַס דעם ערשטן און שוועסטער פון אַגריפּאַס דעם צווייטן, איז געווען זייער אינטים מיטן באַצווינגער פון ירושלים, טיטוס, דער זון פון אַספּאַסיאַ־נוס. עס האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט פון זייער התונה. אָבער ווען אַספּאַסיאַנוס איז געוואָרן אימפעראַטאָר און טיטוס טראָנפאָלגער, און, בעיקר, ווען ירושלים איז צעשטערט געוואָרן און דער נאָמען יהודה איז געוואָרן אַ סינאָנים פון שאַרפער קעג־נערשאַפט צו רוים, איז פון שידוך גאָרנישט געוואָרן. בערעניקאַ איז צוריקגעפאָרן צו איר ברודער אַגריפּאַס אין זיין קליינער הויפט־שטאָט טבריה.

נאָך אַ נפש האָט דורכגעלעבט אַ טיפע פערזענלעכע טראַגעדיע אין שייכות מיטן דורכפאַל פון דעם אויפשטאַנד פון יהודה. דאָס איז געווען יוסף בן מתתיהו, דער קריגס־קאָמיסאַר פון גליל, וואָס האָט פאַקטיש געעפנט פאַר די רוימער די טויערן פון לאַנד. טיף רעליגיעז, און אויף זיין שטייגער פּאַטריאָטיש, האָט ער שטאַרק איבער־געלעבט דעם חורבן פון לאַנד, שטאָט און טעמפּל. ער פילט זיך שולדיק אין אַ סך און זוכט זיך צו פאַרענטפערן, לכל הפחות פאַר זיך אַליין. ער ווידמעט זיך דער גע־שיכטע־שרייבונג. אין אַראַמעאיש און אין גריכיש שרייבט ער באַנד נאָך באַנד, די געשיכטע פון דער מלחמה קעגן רוים, די געשיכטע פון יידישן פאָלק, זיין אויטאָביאָ־גראַפיע, אַפּאָלאָגעטישע ווערק. ער זוכט ריינצוואַשן זיך פון די באַשולדיקונגען, וואָס אַ צווייטער העלעניזירטער ייד, יוסטוס פון טבריה, וואַרפט אויף אים. עס גיט זיך אים אָבער נישט איין. ער איז ביז היינט געבליבן אָפּגעפרעגט ביי יידן.

59סטע לעקציע

גייסטיקער איבערבוי

(70 ־ 85 בערך)

יוחנן בן זכאי

יהודה איז געווען באזיגט. ירושלים און די גרעסערע פעסטונגען צעשטערט, אייניקע פון די וויכטיקסטע שטעט הרוב, דער בית־המקדש פארברענט. אָבער דער גייסט פון פאָלק איז נישט געווען געבראָכן, זיין מוט איז געווען גאַנץ, ער וועט ווייטער פאָרזעצן זיין קיום. מען האָט בלויז געמוזט בייטן די טאַקטיק פון אַקטיווער מרידה אויף פאַסיוון ווידערשטאַנד.

דאָס לאַנד איז ווייט נישט געווען רואינירט. די מערהייט ערטער האָבן זיך דאָך אונטערגעגעבן די רוימער. געליטן האָבן נאָר אייניקע גרעסערע ישובים, וואָס האָבן ארויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד. אָבער אויך דאָרט איז נישט אַלץ צעשטערט געוואָרן. רוים האָט דאָך געוואָלט באַהערשן יהודה, אָבער נישט געוועלטיקן איבער אַ פּוסט לאַנד. די רוימער האָבן נישט פאַרטריבן די איינוווינער פון דער מדינה, זיי האָבן בלויז פאַרקויפט די קריגס געפאַנגענע אין שקלאַפעריי. זיי האָבן אפילו געגעבן ר' יוחנן ב.ן זכאי די דערלויבעניש אויפצושטעלן עטוואָס ענלעכס אויף אַ צענטער פאַרן פאָלקס־לעבן.

די דאָרפישע באַפעלקערונג, דער רוקנביין פון דער מדינה, איז אין גרויסע צאָלן געבליבן אויף זייערע ערטער. געליטן האָבן מער די ישובים, וואָס זענען געלעגן נאָענט צו די סטראַטעגישע וועגן. די אָפּגעלעגענע פונקטן האָבן אַ סך ווייניקער שאָדן געהאַט. געוויס זענען געווען אַ סך געפאַלענע, פאַרוווּנדעטע און געפאַנגענע, מען דאַרף אָבער אָנעמען מיט באַוואָרענישן די צאָלן, וואָס יאָזעפוס פלאַוויוס גיט אָן, מען מוז זיי רעדוצירן אין דער געהעריקער פּראָפּאָרץ. גרויס גענומען, איז די יידישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ פערטל, מאַקסימום אַ דריטל, אָבער דער גרעסטער רוב איז געבליבן אין דער מדינה. ארום אנדערהאַלבן מיליאָן נפשות.

די רוימער האָבן טאַקע קאָנפיסקירט אַלע יידישע לענדערייען און דערקלערט זיי אַלס אייגנטום פון אימפּעראַטאָר און זיין פאַמיליע, אָבער מען האָט דאָך געדאַרפט האָבן ווער עס זאָל די לענדערייען באַאַרבעטן און מער ווי אַ פּאָר געציילטע קאָלאָניעס פון אויסגעדינטע זעלנער האָט רוים אין יהודה נישט געגרינדעט. איינע פון זיי איז געווען אויפן אָרט, וווּ איצט איז די קאָלאָניע מוצא, ביי ירושלים.

יידן זענען געווען זייער גוטע ערד־אַרבעטער. געווען אין לאַנד אַזעלכע דעליקאַטע געוויקסן ווי דער באַלזאַם פון יריחו און די טייטלען־פּאַלמען, וואָס נאָר יידן האָבן געוווּסט ווי אַרומצוגיין אַרום זיי. יידן האָבן בעסער פון אַלע געקענט דעם באָדן פון זייער לאַנד. לויטן ריח פון דער ערד האָבן זיי געוווּסט וויפל רעגן זי האָט אַריינגעזאַפּט. זיי האָבן אויך געוווּסט וואָס צו זייען אויף יעדן שפּאַן פון באָדן. דאָ ווייגשטאָק, דאָ איילבירט, דאָ פייגנבוימער א. א. וו. איז דער רוב פון יידישן ישוב אין די דערפער געבליבן אויף זייערע פעלדער. דאָס אייגנטום־רעכט פון דעם אימפּעראַטאָר האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מען האָט אים געדאַרפט צאָלן גרעסערע שטייערן און אַרענדעס. די עקאָנאָמישע באַזע פון דעם ישוב איז געבליבן כמעט אומבאַרירט. נישט אַזוי די באַזע פאַרן גייסטיקן קיום, וואָס האָט געליטן אַ שטאַרקע צעטרייסלונג.

דער בית המקדש, דער צענטער פון יידישן רעליגיעזן לעבן אין לאַנד און אויף דער וועלט, איז געווען צעשטערט. דאָס גאָטעס־דינסט דורך קרבנות אָפּגעשטעלט; קרבנות האָט מען געמעגט מקריב זיין נאָר אויפן מזבח פון בית־המקדש. די עליה־לרגל, וואָס האָט אַזוי ענג צוזאַמענגעבונדן די צעשפּרייטע טיילן פון פאָלק, איז בטל געוואָרן; נישט געווען מער וווּהין עולה רגל צו זיין. אויף וואָס־זשע זאָל זיך האַלטן דאָס גייסטיקע לעבן פון פאָלק?

אָט אויף דער האַרבער פראַגע האָט געגעבן אַן ענטפער דער אָב־בית־דין פון לעצטן סנהדרין אין ירושלים, יוחנן בן זכאי. אים האָבן מיטגעהאָלפן אַ קרייז פון חכמים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט במשך פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער ירידה און האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער נישט גרויסער שטאָט יבנה, נישט ווייט פון ים, צו דרום פון יפו. יוחנן בן זכאי און זיינע חברים שטעלן אויף אַ בית דין אין יבנה, וואָס ווערט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלען אין אַ סנהדרין, וועלכער וועט אפילו אַנערקענט ווערן פון דער מאַכט. דער סנהדרין פון יבנה בויט איבער דאָס גייסטיקע לעבן פון יידישן פאָלק אין יהודה און אין די תפוצות אויף גאָר אַנדערע יסודות.

די קרבנות זענען טאַקע בטל, אָבער עס איז פאַראַן מיט וואָס זיי צו פאַרבייטן, מיט מעשים טובים. די תפילות און די געזאַנגען פון בית המקדש, דאָס לייענען אין דער תורה, די דרשות, קאָן מען דאָך אָנפירן אומעטום. מען קאָן אויך פאַרשטאַרקן דעם לימוד התורה, דאָס הייסט, לערנען און קולטיווירן די קולטור־אוצרות, וואָס דאָס פאָלק האָט אָנגעזאַמלט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין קיום. תפילה, תורה לערנען און מעשים טובים קאָנען פאַרבייטן די קרבנות, וואָס זענען בטל געוואָרן. דערביי דאַרף

דאָס פֿאָלק זיך פֿאַרטיפֿן אין זיך גופֿא, אין זיין גייסטיקער וועלט, און דאָרט ווייטער שמידן די כוחות פֿון זיין נשמה. ווען פֿאַרזעצן דעם אַקטיוון קאַמף, קאָן דערווייל קיין רייד נישט זיין, דאַרף מען ראַטעווען דעם טייערסטן אוצר, די אייגנאַרטיקייט פֿון פֿאָלק, און געדולדיק אָפּוואַרטן בעסערע צייטן.

דער צוזאַמענשטעל פֿון דעם ישוב, וואָס איז פֿאַרבליבן אין לאַנד, האָט פֿאַר־לייכטערט די שווערע אויפֿגאַבע, וואָס דער סנהדרין האָט אויף זיך גענומען. די באַ־פֿעלקערונג איז געווען פֿיל איינהייטלעכער ווי פֿאַרן חורבן. די צדוקים, וואָס זענען געקומען פֿון צווישן די מיוחסימדיקע כהנים, געלט־אַריסטאָקראַטיע און העלעניזירטע שיכטן, האָבן נאָכן חורבן אָנגעווירן זייער ווירקטיקייט. בלויז די כהנים און לוויים זענען אין אָנדענק פֿון בית המקדש געהאַלטן געוואָרן אין כבוד. מען האָט נישט אויפֿ־געהערט צו אויסצאָלן זיי די תרומות ומעשרות. ביז היינטיקן טאָג באַקומען די כהנים געוויסע כבודים: די ערשטע עליה, בענטשן דאָס פֿאָלק אין די טעג פֿון די גרויסע ימים־טובים, די ניי־געבוירענע יינגלעך ווערן אויסגעלייזט ביי די כהנים אויפֿן פּדיון־הבן א. א. וו. אָבער די צדוקים, אַלס פּאַרטיי, האָבן כמעט ווי נישט עקזיסטירט מער. די עקסטרעמע פּאַטריאָטן, די קנאים, זענען כמעט אַלע אומגעקומען אין דער מרידה. די אסיים זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן פֿון די רוימער, וואָס האָבן באַין אופֿן נישט געקאָנט באַגרייפֿן זייער לעבנס שטייגער. זענען געבליבן כמעט נאָר די פּרושים, וועלכע זענען טאַקע געווען צעטיילט אין צוויי שולעס: אַ מילדערע (בית־הלל) און אַ שטרענ־גערע (בית־שמאי), אָבער דאָך זענען זיי געווען פֿון איינער און דער זעלבער איינ־שטעלונג. די באַפֿעלקערונג האָט געטרויט די פּרושים און איז זיי נאָכגעגאַנגען אויפֿן וועג וואָס זיי האָבן געפֿירט: תורה, תפילה און מעשים־טובים.

אָבער דאָס איז דאָך געגאַנגען נאָר פֿאַרן יחיד. ווי דערהאַלט מען די גאַנצקייט פֿונעם פֿאָלק, וואָס איז פֿריער געווען צעמענטירט דורך דעם בית־המקדש? אויך פֿאַר דער פֿראַגע האָט דער סנהדרין פֿון יבנה געפֿונען אַ לייזונג.

דער סנהדרין פֿון יבנה האָט איינגעהאַלטן פֿאַר זיך דאָס רעכט פֿון סנהדרין אין ירושלים צו באַשטימען דעם יידישן לוח און די דאַטומס פֿון די ימים־טובים. דאָס איז דאַן געווען אַ גאַנץ וויכטיקער ענין. דער יידישער לוח האָט אַ שוועריקייט, וואָס בלויז אַ קאָמפּעטענטע קערפּערשאַפֿט האָט דאַן געקאָנט אָנטשיידן פֿאַר אַלע ישובים פֿון דער יידישער צעשפּרייטונג. פֿון די אוראַלטע צייטן האָבן יידן געהאַלטן פֿון דער צייט־צעטיילונג אין חדשים. דער ערשטער טאָג פֿון דער נייער לבנה (חדש—ניי) איז געווען אַ יום־טוב. די גרויסע ימים־טובים פּסח און סכות הויבן זיך אָן, ווען די לבנה איז פֿול, און ראש השנה איז אין ערשטן טאָג פֿון מאָנאַט, ס׳הייסט, ביי אַ נייער לבנה. אַ חדש ציט זיך פֿון איין נייער לבנה (מולד) ביז דער צווייטער. די נייע לבנה פֿלעגט פּראָקלאַמירט ווערן פֿון סנהדרין לויט עדות־זאָגן פֿון די, וואָס האָבן געזען דעם מולד.

ווען יידן זענען אריבער צו ערד־ארבעט, האבן זיי געמוזט איבערנעמען דעם לוח פון דער זון, לויט וועלכן די ארבעטן ביי אגריקולטור ווערן געפירט. א יאר איז די צייט, וואס עס דויערט דער ערד צו מאכן א פולן קרייז ארום דער זון. אבער צוועלף לבנה־חדשים מאכן נישט אוים קיין פול זון־יאר. צוועלף לבנה־חדשים האבן 354 טעג מיט שעהען, און א זון־יאר האט 365 טעג מיט שעהען. וואס זאל זיין מיט דער דיפערענץ פון עלף טעג מיט שעהען? אויב מען זאל מאכן פון יעדע צוועלף לבנה־חדשים א יאר, וועלן די ימים־טובים נישט אויסקומען שטענדיק אין דער זעלבער צייט פון יאר. זיי וועלן אויסקומען אמאל זומער, אמאל גאר ווינטער, און פסח איז דער יום טוב פון פרילינג און מוז אלעמאל אויספאלן אין פרילינג. איז מען זיך ביי יידן נוהג צוצוגעבן פון צייט צו צייט א 13־טן חודש (עבור). איצט ווערט עס אלץ געארדנט לויט מאטעמאטישע אויסרעכענונגען, אבער דאן זענען נאך אזעלכע חשבו־נות נישט געווען, פלעגט דער סנהדרין באשטימען, ווען צוצוגעבן דעם דרייצנטן חודש פון א עבור־יאר. די זעלבע פרעראגאטיוו האט זיך גענומען דער סנהדרין פון יבנה, און פלעגט אויך מיטטיילן אלע יידישע ישובים אויסער ארץ ישראל, ווען צו מאכן אן עבור־יאר, אזוי, אז די ימים טובים זאלן אומעטום געפייערט ווערן איינ־צייטיק. דער סנהדרין פון יבנה שטעלט אויך פעסט דעם סדר פון די תפילות, בעיקר פון דער שמונה־עשרה, אדער עמידה, אזוי אז אלע יידן פון דער וועלט דאווענען לויט איין סטיל. דערמיט ווערט דער סנהדרין פון יבנה פארוואנדלט אין א גייסטיקן צענטער פאר אלע יידן.

ר׳ יוחנן בן זכאי באמיט זיך אויך צו געבן דעם סנהדרין פון יבנה דעם גרעסטן אנזען. ווען די מלוכה איז בטל געווארן און די כהונה אפגעשאפט צוליב דעם חורבן בית המקדש, איז דער סנהדרין אין יבנה געבליבן די צענטראלע אנפירנדיקע קער־פערשאפט. ער פראקלאמירט די חדשים און די יארן, אין יבנה מעג מען בלאזן שופר אפילו אום ראש־השנה וואס געפאלט אום שבת, און דארט ווערן אויך פראקלאמירט די יארן פון שמיטה און יובל.

ארום פופצן יאר שטייט ר׳ יוחנן בן זכאי בראש פון דעם סנהדרין אין יבנה, ביז עס וואקסט אונטער דער זון פון לעצטן נשיא פון סנהדרין אין ירושלים, רבן גמליאל בר׳ שמעון, און קאן איבערנעמען די פירערשאפט פון פאלק אלס אפשטאמער פון הלל הזקן, וואס ציט זיין יחוס פון דוד המלך, ווען אפילו פון דער מוטערס צד.

60סטע לעקציע

גייסטיקע קאָנסאָלידאַציע: ר׳ גמליאל דיבנה

(85 - 114)

ר׳ יוחנן בן זכאי האָט פאַר די פופצן יאָר פון זיין טעטיקייט אין יבנה בלויז אָנגעצייכנט די ריכטליניעס פאַר אַ נייער יידישקייט אָן אַ בית המקדש און אָן קרבנות, נאָר מיט אַ פאַרטיפטן גייסטיקן אינהאַלט. ריכטליניעס זענען אָבער נישט אַלץ, עס איז נויטיק אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָרגאַניזירן דאָס לעבן לויט די דאָזיקע ריכטליניעס, און אָט די אַרבעט האָט דורכגעפירט ר׳ גמליאל דיבנה, וואָס האָט פאַרביטן ר׳ יוחנן בן זכאי אין דער פירערשאַפט פון סנהדרין, אַרום יאָר 85.

דאָס גייסטיקע יידישע לעבן איז צו יענער צייט אָנגעגריפן געוואָרן פון פאַרשידענע ריכטונגען. דער העלעניזם האָט נישט אויפגעהערט צו אויסאיבן אַ ווירקונג אויף יידישע מוחות. צו דעם איז צוגעקומען דאָס קריסטנטום, וואָס האָט זיך פאַר די פופציק יאָר זינט דעם טויט פון ישוע בן יוסף פון נצרת, אין וועמענס נאָמען עס איז געגרינדעט געוואָרן, געשאַפן אַ באַדייטנדע אייגענע ליטעראַטור, די עוואַנגעליעס, אין וועלכע ס׳איז פאַרטיידיקט געוואָרן אַן אַבסאָלוט קעגנזעצטער שטאַנדפונקט, ווי דער וואָס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט פאַרלייגט אַלס גרונטפּרינציפּ פון יידנטום. ס׳קריסטנטום איז אַרויסגעטראָטן קעגן תורה און מעשים טובים. לויט דער לערע פון באַגרינדער פון קריסטנטום, דעם ייד שאול פון טאַרסוס, וואָס איז באַקאַנט אין קריסטנטום אַלס דער הייליקער פּוילוס, איז מיטן קומען פון ישוע בן יוסף די תורה אָפּגעשאַפט געוואָרן, און אַלע מעשים טובים ווערן פאַרביטן בלויז מיטן גלויבן, אַז ישוע איז געווען דער פון די נביאים פאַרשפּראָכענער משיח. אין חורבן פון בית המקדש האָבן די קריסטן געזען, און געוואָלט אַז אויך אַנדערע זאָלן זען, אַ באַשטעטיקונג פון זייער טענות: גאָט האָט פאַרמיאוסט זיין פאָלק, ווייל דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם, וועמען ער האָט געשיקט אים צו דערלייזן: ישוע פון נצרת.

דערצו איז אין די יידישע רייען נישט געווען קיין גאַנצקייט. די צוויי שולן פון די פּרושים: בית שמאי און בית הלל, זענען נישט געווען איינשטימיק אין אַ רייע

דינים און מנהגים, און וואָס איינע האָט געזאָגט כשר, האָט די צווייטע אָפט געזאָגט טריף, וואָס איינע האָט געזאָגט טמא, האָט די צוויי געזאָגט טהור, און וואָס איינע האָט געזאָגט אַז מען מעג, האָט די צווייטע געזאָגט, אַז מען טאָר נישט. די תורה איז ממש געוואָרן ווי צוויי תורות.

רבן גמליאל באַמיט זיך קודם כל איינצושטעלן די גאַנצקייט צווישן די בית שמאי און בית הלל. ער וויל עס דורכפירן אויף אייגענער האַנט אַלס נשיא, וועמען ער שרייבט צו גאָר ברייטע רעכטן. אָבער עס שטעלן זיך קעגן די גרעסטע חכמים פון יענער צייט, וואָס טרעטן אַרויס פון סנהדרין און גרינדן ישיבות פאַר זיך. ר׳ אלעזר בן ערך אין עמאַאוס, ר׳ אליעזר בן הורקנוס אין לוד און ר׳ יהושע בן חנניה אין בקיעין, צווישן יבנה און לוד. דער פירוד ווערט גרעסער, און ווען ר׳ גמליאל באַ־שטימט אַמאָל יום־כפור אויף איין דאַטום, באַשטימט ר׳ יהושע בן חנניה אויף אַ צווייטן דאַטום. אמת, ער וואַרפט זיך אונטער דעם שטרענגן באַפעל פון ר׳ גמליאל און קומט צו אים אין טאָג פון זיין יום־כפור מיט זיין שטעקן און טייסטער, אַלס סימ־באָל, אַז ער אָנערקענט די אויטאָריטעט פון נשיא, אָבער די צעשפּליטערטקייט האַלט אַלץ אָן. ר׳ גמליאל פאַררופט דאַן אַ געמיינזאַמע זיצונג פון די חכמים, וואָס געהערן צו בית שמאי און בית הלל, אויף צו דיסקוטירן די אַלע ענינים, וואָס צעטיילן זיי און באַשליסן מיט אַ מערהייט שטימען, אונטער וועלכער די מינדערהייט וועט זיך מוזן אונטערוואַרפן. אָבער עס זענען פאַראַן גרויסע עקשנים, וואָס וואַרפן זיך נישט אונטער דעם רוב, צווישן זיי דער שוואָגער פון ר׳ גמליאל, דער גרויסער תנא ר׳ אליעזר בן הורקנוס, אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער קאָמפּראָמיסלאָזיקייט פון די בית־שמאי. ר׳ גמליאל דיבנה זעט זיך געצוווּנגען אַריינצוּוואַרפן זיין גרויסן שוואָגער אין חרם. ער פאַרפירט אויך אַ צווייטן שאַרפן קאָנפליקט מיט ר׳ יהושע בן חנניה. דאָס רופט אַרויס אַ רעאַקציע מצד די סנהדרין־מיטגלידער און ר׳ גמליאל ווערט אַראָפּגעזעצט פון זיין הויכן אַמט. אויף זיין אָרט ווערט באַשטימט דער יונגער יחסן ר׳ אלעזר בן עזריה. אָבער דער קאָנפליקט ווערט דאָך לסוף געליזט, ר׳ גמליאל ווערט צוריק נשיא, נאָר ער אַמטירט צוזאַמען מיט ר׳ אלעזר בן עזריה. די שאַרפקייט פון דער מחלוקת צווישן בית שמאי און בית הלל ווערט צוגענומען. אונטערן פאָרזיץ פון ר׳ גמליאל פירט איין דער סנהדרין אַ רייע נייע מנהגים. דריי תפילות אַ טאָג. דער עיקר פון די תפילות איז קריאת שמע און שמונה־עשרה. עס ווערט אויך איינגעפירט דער צווייטער טאָג יום־טוב פאַר די גלות־לענדער. אַזוי למשל, ווען מיר האָבן צוויי סדרים, האַלט מען אין ארץ ישראל נאָר איין סדר. ר׳ גמליאל פאָרט אייניקע מאָל קיין רוים וועגן אָנגעלעגנהייטן פון דעם ישוב אין ארץ־ישראל. דאָרט האַלט ער זיך אויף אין הויז פון יאָזעפוס פלאַוויוס און פירט וכוחים מיט היידנישע און קריסטלעכע געלערנטע. ווען ער שטאַרבט, הייסט ער זיך באַגראָבן אין פּראָסטע ווייסע קליידער. פון אים שטאַמט דער יידישער מנהג פון תכריכים.

ר׳ גמליאל דיבנה נעמט אויך אונטער מיטן סנהדרין די ריזיקע אַרבעט צו רעדאַגירן און דעפיניטיוו באַשליסן וועלכע ספרים פון דער יידישער ליטעראַטור דאַרפן אַריינגענומען ווערן אין די הייליקע שריפטן (כתבי הקדש). פון זינט עזרא האָט דעפיניטיוו רעדאַגירט די תורה און זי פּראָקלאַמירט אַלס גרונדגעזעץ פון יידישן לעבן, און פון זינט מען האָט אין די צייטן פון יהודה המכבי רעדאַגירט און אָנגענומען דעם גרעסטן טייל פון די ספרי נבואה, האָט זיך די ליטעראַרישע שאַפונג זייער צעוואַקסן. עס זענען געשאַפן געוואָרן צענדליקער ספרים און מען האָט געדאַרפט באַשטימען, וועלכע פון זיי געהערן צו די הייליקע שריפטן און וועלכע דאַרפן בלייבן אויסער זיי. דער קריטעריום פאַר אַזאַ אָפּקלייב איז געווען דער רוח הקדש, ס׳הייסט דער הייליקער, עכט יידישער גייסט. די אַלע ספרים, וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט רוח הקדש, ווערן אַריינגענומען אין די כתבי הקדש, די וואָס זענען אָבער געשריבן געוואָרן אונטער דער השפעה פון פרעמדע קולטורן, דאַרפן נישט אַריינגענומען ווערן.

די דיסקוסיע האָט זיך באַגרענעצט אויף בלויז אַ טייל ספרים, און נאָר אייניקע פון די דאָזיקע זענען אַריינגענומען געוואָרן אין די כתבי הקדש, כאָטש עס פילט זיך אין זיי אַ געוויסע השפעה פון דער גריכישער אָדער אַנדערע קולטורן. דאָס זענען: קהלת, שיר־השירים, מגלת אסתר, איוב און משלי. די הייליקע שריפטן ווערן איינגעטיילט אין 36 ספרים, וואָס בילדן 24 בענדער (עשרים וארבעה) צעטיילט אין דריי טיילן: תורה, נביאים און כתובים. דער ראשי תבות פון די דריי ווערטער בילדן דאָס וואָרט תנ״ך. תורה אַנטהאַלט פינף ספרים (חומש): בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים. די נביאים זענען צעטיילט אין צוויי חלקים. נביאים ראשונים: היסטאָרישע ביכער. יהושע, שופטים, שמואל א׳ און ב׳, מלכים א׳ און ב׳. נביאים אחרונים: פופצן ספרים, וואָס טראָגן די נעמען פון נביאים: ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל, הושע, יואל, עמוס, עובדיה, יונה, מיכה, נחום; חבקוק; צפניה; חגי; זכריה; מלאכי. די לעצטע צוועלף בילדן איין באַנד: תרי עשר—12. כתובים: אַ פאַרשידנאַרטיקע זאַמלונג פון פאַרשידענע זשאַנערן: תהלים, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע הימנען; משלי, איוב און קהלת, פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען; שיר השירים, די פּאָעמע פון ליבע און זאַמלונג פון חתונה־לידער; איכה, די עלעגיעס אויף דער צעשטערונג פון ירושלים; רות און אסתר, נאָוועלן אויף היסטאָרישע טעמעס; דניאל, עזרא, נחמיה און דברי הימים, היסטאָרישע ספרים, דער לעצטער אין צוויי טיילן.

אויך אויסער די הייליקע שריפטן איז געבליבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ליטעראַטור, טייל פאַרפאַסט אין העברעאיש און אַראַמעאיש אין ארץ־ישראל, און אַ צווייטע טייל פאַרפאַסט אין גריכיש. צו די ערשטע געהערן: חכמת בן סירא, אַ זאַמלונג פון סענטענצן פון פּראַקטישער חכמה און אַ פּאָעמע איבער יידישער געשיכטע. ספר חשמונאים א׳, די באַשרייבונג פון די גזירות פון אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס און דער קאַמף פון די חשמונאים ביזן זיג איבער ניקאַנאָר. יהודית — אַ היסטאָרישע נאָוועלע וועגן

א יידישער שיינהייט יהודית, וואָס ראַטעוועט איר שטאָט בית חוליה דורך דעם, וואָס זי טויט דעם פירער פון די באַלאַגערער האָלאָפערנעס. טוביה: אויך אַ היסטאָרישע נאָוועלע וועגן אַ גאָטספאָרכטיקן ייד, טוביה, אין גלות פון אשור. תהלות שלמה: אַ זאַמלונג נאָכאַמונגען די מזמורים פון תהלים; ספר חנוך: אַ געמיש פון געשיכטע, עטיק, אַסטראָלאָגיע און מיסטיק. לויט קריסטלעכע ביבל־פאָרשער איז דער ספר חנוך דאָס פאָרבילד פון דאַנטעס געטלעכע קאָמעדיע. ספר היובלות, אַ אינטערפּרעטאַציע פון ספר־בראשית און די ערשטע צוועלף קאַפּיטלען פון ספר שמות. אַ מלאך דערציילט משהן אַלץ וואָס האָט פּאַסירט זינט דעם באַשאַף פון דער וועלט, ביז די יידן זענען אַרויס פון מצרים. פון דעם בוך איז צו זען, אַז יידן האָבן שוין דאַן געהאַט ידיעות אין וויסנשאַפט; געאָגראַפיע און עטנאָלאָגיע האָבן זיי געקאָנט מער פון די גריכן; די צוואות פון די צוועלף שבטים, אַן עטיש ווערק אין פאָרם פון צוואות, וואָס עס זאָלן האָבן געשריבן די צוועלף קינדער פון יעקב. יעדער איינער וואָרנט קעגן אַ מענטשלעכער שוואַכקייט, אין וועלכער ער איז נכשל געוואָרן: ראובן — קעגן פרויען־שיינקייט; שמעון — קעגן קנאה; לוי — קעגן גאווה, יהודה — קעגן געלט־גיריקייט און זנות; יששכר לויבט די נאַאיוויטעט, זבולון — דאָס רחמנות; דן — פאַרדאַמט דעם כעס; נפתלי לויבט גוטהאַרציקייט. גד וואָרנט קעגן שנאה. אשר — באַטראַכטונגען וועגן רעכט און אומרעכט; יוסף לויבט צניעות; בנימין רעקאָמענדירט ריינקייט פון געדאַנק. די צוואות קאָנען רעזומירט ווערן אין איין פראַזע: האָט ליב גאָט און אייערע נאָענטע, האָט רחמנות אויף שוואַכע און אָרעמע, בויגט דעם רוקן צו אַרבעט, טיט אַליין אַלע פעלד־אַרבעטן. דער ספר עזרא, די אַפּאָקאַליפּסיס פון ברוך, דאָס בוך פון ברוך און דאָס לעבן פון אדם און חוה, זענען אַפּאָקאַליפּטישע זעאונגען.

די ביכער געשריבן אין גריכיש זענען: חשמונאים ב׳, ג׳ און ד׳. היסטאָרישע דערציילונגען. חכמת שלמה. סענטענצן פון פּראַקטישער ווייזהייט מיט וויסנשאַפטלעכער באַאַרבונג, צוגאָבן צום ספר דניאל, עזרא ג׳, די וויזיע פון ברוך, אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס. דאָס סיבילן־בוך, היסטאָרישע באַלייכטונגען אין פאָרם פון נבואות, די בריוו פון אַריסטיאַס, אַן אַפּאָלאָגעטישע שריפט, אין וועלכער עס ווערט געניי דערציילט ווי די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף גריכיש. די ביכער וואָס זענען פאַרבליבן אויסער די כתבי הקדש ווערן געטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: אַפּאָקריפן (גנוזים) און פּסעוודאָ־עפּיגראַפן (חיצונים).

אָבער די יידישע ליטעראַטור אויף גריכיש האָט שוין דאַן פאַרמאָגט אַ רייע ביכער, וואָס זענען אפילו נישט באַטראַכט געוואָרן פון סנהדרין אין יבנה. צו דער דאָזיקער ליטעראַטור געהערן די היסטאָרישע ווערק פון יאָזעפוס פלאַוויוס און יוסטוס פון טבריה, די פילאָזאָפישע ווערק פון פילאָן, אַ יידישע געשיכטע פון דעמעטריוס, אַ דראַמע וועגן יציאת מצרים פון אַ גריכישן ייד יחזקאל, די ווערק פון אַריסטאָבולוס א. אַ. וו.

אין קאמף קעגן קריסטנטום האט דער סנהדרין פון יבנה דורכגעפירט א גאר וויכטיקע ליטעראַרישע אַרבעט, אַ נייע איבערזעצונג פון דער ביבל אויף גריכיש. כאָטש דאָס קריסטנטום האט שוין דאַן געלערנט, אז די תורה איז אָפּגעשאפט, האָבן דאָך די קריסטלעכע פּריידיקער זיך פיל באַנוצט מיט פּסוקים פון תנ"ך. קיין העברעאיש האָבן זיי מערסטנס נישט געקענט און האָבן באַנוצט די גריכישע איבערזעצונג פון די זיבעציק (סעפּטואַגינטאַ). אָבער די איבערזעצונג איז שוין צו יענער צייט געווען שטאַרק פאַרגרייזט. דערצו פלעגן זיך די קריסטן דערלויבן צוגעבן אָדער אָראָפּנעמען ווערטער און גאַנצע פראַזן. דער אינטערעס צו דער ביבל אין דער נישט־יידישער וועלט איז געווען גרויס. עס זענען אויך געווען פיל יידן, וואָס גריכיש איז געווען זייער איינציקע שפּראַך. דער סנהדרין פון יבנה באַשליסט צו מאַכן אַ נייע איבערזעצונג פון תנ"ך אויף גריכיש, אַ פּינקטלעכערע און מאָדערנערע. די אַרבעט ווערט איבערגעגעבן אַ גריכישן גר מיטן נאָמען אַקילעס, און ער פירט זי גלענצנדיק דורך אונטער דער אויפזיכט פון די סנהדרין־מיטגלידער ר' יהושע בן חנניה און ר' עקיבא בן יוסף.

אזוי איז פאַר די בערך דרייסיק יאָר, וואָס ר' גמליאל דיבנה איז געשטאַנען בראש פון סנהדרין אין יבנה קאָנסאָלידירט געוואָרן דער גייסטיקער אינהאַלט פון יידנטום, פעסטגעשטעלט געוואָרן זיין הייליקע ליטעראַטור און געגעבן געוואָרן אין די הענט פון פאָלק מאַטעריאַל אויף צו פירן די דיסקוסיע מיט די קריסטן. די וואַנגעליעס זענען אינגאַנצן פאַרבאָטן געוואָרן צו לייענען.

ר' גמליאל האָט אונדז געלאָזט אַ מאמר, וואָס באַווייזט, ווי הויך ער האָט געשטעלט דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט:

עשה לך רב,	מאַך זיך אַן אויטאָריטעט,
והסתלק מן הספק.	און באַפריי זיך פון ספקות.

61סטע לעקציע

גייסטיקע קרעפטיקונג פאַר אַ צווייטער מרידה

(132 - 114)

ווען רבן גמליאל דיבנה שטאַרבט, אַרום יאָר 114, איז שוין דאָס יידישע פאָלק לאַנג אַרויס פון דער פאַרווירונג, אין וועלכער דער חורבן האָט עס אַריינגעוואָרפן. עס האָט געפונען זיין נייעם וועג פאַר קיום, וואָס ווערט אויסגעפילט מיט גייסטיקן אינהאַלט, אין וועלכן דער למוד התורה פאַרנעמט דעם אויבנאָן.

דאָס לעבן פון פאָלק איז געפורעמט אין גייסט פון הלל הזקן, דעם עלטער־זיידן פון רבן גמליאל, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון הורדוס און האָט אָנגעצייכנט נייע וועגן אין דעם פילן און דענקען פון פאָלק. הלל איז נישט געווען קיין קעמפערישע נאַטור, ער האָט געהאַלטן, אַז מען מוז קאָנען דורכקומען, און דערפאַר געלערנט:

הוה מתלמידיו של אהרן,	זיי פון די תלמידים פון אהרן (הכהן)
אוהב שלום ורודף שלום,	אַ ליבהאָבער פון שלום וואָס זוכט שלום,
אוהב את הבריות	אַ ליבהאָבער פון מענטשן
ומקרבן לתורה.	וואָס ציט זיי צו צום לערנען.

(פרקי אבות)

הלל האָט שטאַרק געגלויבט אין דעם כוח פון קולטור, פון לערנען, פון וויסן. אויף דעם זאָגט עדות זיינער אַ מאמר, וואָס האָט זיך דערהאַלטן אין אַראַמעאיש, אַ סימן, אַז עס איז געוואָרן אַ פאַרשפּרייט פאָלקס־ווערטל:

נגיד שמיה — אבד שמיה,	ווער עס גרויסט צופיל זיין נאָמען, פאַרלירט זיין נאָמען,
ודלא מוסיף — יסף,	און ווער עס מערט ניט (קיין וויסן) — פאַרלירט,
ודלא יליף קטלא חיב,	און ווער עס לערנט גאָרנישט, פאַרדינט דעם טויט.
ודאשתמש בתגא -- חלף.	און ווער עס באַנוצט זיך מיט דער קרוין (פון לערנען) — איז אַ פאַרפאַלענער.

(פרקי אבות)

אין דער פראַגע פון באַציאונגען צווישן דעם יחיד און דער געזעלשאַפט אַרבעט הלל אויס אַ קאָמפּראָמיס־פאָרמולע:

אם אין אני לי — מי לי!
וכשאני לעצמי — מה אני?

אויב איך בין ניט פאַר מיר, טאָר ווער איז פאַר מיר?
אָבער אויב איך בלייב אַליין, וואָס באַדייט איך?
(פּרקי אבות)

ס'הייסט, אַ מענטש דאַרף זיין טריי זיך זעלבסט, אָבער גלייכצייטיק איינגעשלאָסן אין דער געזעלשאַפט.

הלל איז דערצו אַקטיוו, אָפּטימיסטיש און אַ הייסער אָנהענגער פון ליבע און לעבן. לערנט ער אויך אויף די געביטן קורץ און שאַרף:

1) אם לא עכשיו — אימתי? — אויב נישט איצט, טאָ ווען?
2) ברוך ד' יום יום — געלויבט איז גאָט טאָג איין טאָג אויס.
3) מה דסאני לך, לחברך לא תעביד. — וואָס דיר איז נישט ליב, זאָלסטו דיין חבר ניט טאָן.

אין פּאָליטיק איז הלל נאָכגעביק. בשעת דער מלחמה צווישן הורדוס און מתתיהו אַנטיגנוס ראַט ער צו עפענען די טויערן פון ירושלים פאַר די רוימישע חילות, ווייל ער זעט איין, אַז די שטאָט וועט ממילא פריער־שפּעטער פאַלן. ער קאָן אויך אויסקומען מיטן טיראַנישן הורדוס, וואָס ער נעמט אָן ווי אַן אומפאַרמיידלעך בייז. ער איז אפילו מתקן דעם פּרוזבול, ווייל ער זעט איין, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד פאַדערט עס.

הלל איז דער פולשטענדיקער קעגנזאַץ פון זיין חבר אין בית דין פון סנהדרין, שמאי. אַן ענערגישער, האַרטער, שטרענגער און קאָמפּראָמיסלאָזער כאַראַקטער. שמאי לערנט טאָקע:

עשה תורתך קבע,
אמור מעט ועשה הרבה,
והוי מקבל את כל האדם
בסבר פנים יפות.

שטעל פעסט צייט פאַר לערנען.
זאָג ווייניק און טו אַ סך,
און נעם אויף יעדן מענטשן
מיט פריינדלעכקייט.

(פּרקי אבות)

אָבער ער איז האַרט און קאָמפּראָמיסלאָז. פון די צוויי ברירות, וואָס דער תלמוד גיט דעם מענטשן: זיין בויגזאַם ווי אַ רער, אָדער האַרט ווי אַ צעדער, האָט הלל אויסגעקליבן דאָס ערשטע, שמאי דאָס צווייטע.

די דאָזיקע צוויי גדולים זענען, ווי זייערע גרויסע פאָרגייער, די נביאים עמוס און הושע, גרינדער פון צוויי פאַרשידענע שיטות אין יידישן לעבן. בית הלל און בית שמאי, וואָס זענען געווען מחולק נישט נאָר אין פאַרשידענע דינים, נאָר אויך אין עצם צוגאַנג צום לעבן און צו זיינע פּראָבלעמען. די אָנהענגער פון שמאיס קאָמ־

פראמיסלאזער שיטה זענען אריין מאסנווייז אין די רייען פון די קעמפנדיקע פאטריאטן (קנאים). די אנהענגער פון הללס נאכגעביקייט און בויגזאמקייט זענען געווען ס'רוב צווישן די, וואס האבן געזוכט איינפארשטענדעניש מיט רוים. בשעתן אויפשטאנד האבן די אויבערהאנט געהאט די תלמידים פון שמאי, נאכן חורבן האט די פירער־שאפט איבערגענומען דער תלמיד פון הלל, ר' יוחנן בן זכאי.

הלל איז געווען א תלמיד־חכם מיט א ברייטער אלגעמיינער קולטור. ער האט אויך געקענט גריכיש, געווען באקאנט מיט די ווערק פון די גריכישע דענקער און האט דער ערשטער אוועקגעשטעלט דעם למוד התורה אויף א וויסנשאפטלעכער באזע. די לערעס פון דער תורה דארפן אויסגעטייטשט ווערן, אין הסכם מיט זיבן לאגישע כללים (מידות), אין וועלכע עס פילט זיך די השפעה פון דער אריסטאטעלישער לאגיק:

1)	קל וחמר	ארויסדרינגען א לייכטערע זאך פון א הארבערער, און פארקערט.
2)	גזירה־שוה	טעקסט־אנאלאגיעס באדייטן אויך געזעץ־אנאלאגיעס.
3)	בנין אב מכתוב אחד	אן אלגעמיינע שטעלונג פארמולירט אין איין פסוק.
4)	בנין אב משני כתובים	אן אלגעמיינע שטעלונג פארמולירט אין צוויי פסוקים.
5)	כלל ופרט וכלל	אינדוקציע און דעדוקציע.
6)	כיוצא בו ממקום אחר	א לאגישע אנאלאגיע פון א צווייטן ארט.
7)	דבר הלמד מענינו.	א זאך וואס מען קאן ארויסדרינגען פון ענין.

די דאזיקע פונדאמענטאלע כללים וועלן מיט דער צייט צעשפליטערט ווערן אין דרייצן, דורך דער שולע פון רבי ישמעאל, און אויף צוויי און דרייסיק דורך ר' אלעזר דעם זון פון ר' יוסי הגלילי. דאס קאן דינען אלס באוויז, אויף וויפל דער למוד התורה האט זיך פארפיינערט און איז אלץ מער אריינגעדרונגען אין דעם עצם תוך פון די ענינים.

ר' יוחנן בן זכאי, דער תלמיד פון הלל, איז געגאנגען אין די דרכים פון זיין גרויסן רבין. ער האט געהאלטן, אז א „גוט הארץ" איז די גרעסטע טוגנט, און וועגן תורה לערנען האט ער געזאגט:

אם למדת תורה הרבה	האסטו געלערנט א סך תורה,
אל תחזיק טובה לעצמך	זאלסטו עס ניט האלטן פאר א גוטטואונג פאר זיך,
כי לכך נוצרת.	ווייל אויף דעם ביסטו באשאפן געווארן.

(פרקי אבות)

דאס לערנען תורה אנטוויקלט זיך שטארק, און די ישיבות ווערן פארוואנדלט אין וויכטיקע אנשטאלטן, וווּ די יידישע יוגנט וועט באקומען די נויטיקע גייסטיקע כוחות אויף א נייעם פארמעסט מיט רוים.

ר׳ גמליאל דיבנה האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון ר׳ יוחנן בן זכאי. מיר האָבן שוין געזען, ווי אַזוי ער האָט נאָך אַ שווערן קאַמף, אַ היציקער דעבאַטע, געלאָזט אָפּשטימען אַלע שטרייט־פּונקטן צווישן בית־הלל און בית שמאי, און עס איז געבליבן אַ כלל, אַז הלכה כבית הלל, דער פּרינציפּ פון בויגזאַמקייט האָט טריומפירט איבערן פּרינציפּ פון קאָמפּראָמיסלאָזיקייט.

אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳גמליאל דיבנה ווערט דער פּרינציפּ פון בית הלל, דער פּאַציפיסטישער צוגאַנג, אויך מאַסגעבנדיק פאַר דער באַציאונג פון פאָלק צו רוים. בפרט, אַז רוים, פון איר צד, זוכט אויך נישט צופיל אויפצורעגן די געמיטער אין יהודה.

אַספּאַסיאַנוס און טיטוס, וואָס האָבן געוווּסט, ווי שווער עס איז זיי אָנגעקומען צו באַהערשן די גרויסע נאַציאָנאַלע מרידה, האָבן נישט געזוכט צו שאַפן קיין ספּעציעלע שוועריקייטן דעם באַזיגטן פאָלק. די לאַגע האָט זיך געענדערט צום ערגערן אין די טעג פון דאָמיציאַן, דעם צווייטן זון פון אַספּאַסיאַנוס, וועלכער פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט צווישן די רוימישע טיראַנען. עפּעס האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז אין יהודה קאָן ווידעראַמאָל אויסברעכן אַ מרידה. אַרום יאָר 85 פאַראָרדנט ער צו זוכן די אַלע, וואָס האַלטן זיך פאַר אָפּשטאַמער פון דער דוד־דינאַסטיע. אין יאָר 86 לאָזט ער אויסגיסן די זעלבע מטבעות, וואָס זענען אויסגעגאָסן געוואָרן אין יאָר 70, בשעת דעם זיג איבער יהודה, ווי וועלנדיק דערמיט אונטערשטרייכן, אַז דער זיג פון רוים איז אַ דעפיניטיווער. ער שטעלט אויך אויף דעם טריומף־בויגן לכבוד דעם זיג פון אַספּאַסיאַנוס און טיטוס. אין יאָר 95 איז זיך מגיר אַ געשוועסטערקינד פון קינדערלאָזן דאָמיציאַן, דער סענאַטאָר קלעמענס פלאַוויוס, מיט זיין פרוי דאָמיטילאַ. קלעמענס ווערט הינגעריכטעט, דאָמיטילאַ פאַרשיקט אויף אַן אינדזל, און עס אַנטשטייט אַ רדיפה אויף די וואָס ווילן אָננעמען דעם יידישן גלויבן, און אויף יידן וואָס העלפן זיי אין דעם. דער סנהדרין פון יבנה שיקט אַ דעלעגאַציע קיין רוים מיט ר׳ גמליאל בראש, אויף אָפּצושרייען די גזירה. אין דער צייט וואָס די דעלעגאַציע געפינט זיך אין רוים, ווערט דאָמיציאַן דערמאָרדעט, און אַלס אימפּעראַטאָר ווערט דערוויילט נערוואַ.

אימפּעראַטאָר נערוואַ איז אַ ליבעראַלער הערשער. ער שטעלט אָפּ די פאַרפאָלגונגען און מאַכט אפילו געוויסע פאַרלייכטערונגען אין דעם ספּעציעלן יידן־אָפּצאָל, וואָס אַספּאַסיאַנוס האָט איינגעפירט. לכבוד דער פאַרלייכטערונג ווערן אָפּגעגאָסן ספּעציעלע מטבעות, מיט דער לאַטיינישער אויפשריפט: „בטל געוואָרן די מסירות אין באַצוג צום יידנאָפּצאָל״. אימפּעראַטאָר נערוואַ רעגירט אָבער בלויז זעכצן חדשים. נאָך זיין טויט נעמט איבער דעם טראָן זיין צוגעשריבענער זון טראַיאַנוס, וועלכער רעגירט פון יאָר 98 ביז 117.

אין יאָר 114 נעמט אונטער טראַיאַנוס אַ קריג קעגן דער אימפּעריע פון די פּאַרטער. ער מאָביליזירט אַ גרויסע אַרמיי, און דאָס שוואַכט אָפּ די רוימישע גאַרניזאָ־

נען פון אַלע אַרומיקע מדינות. דאָס גוצן אויס די יידן פון סירענאַיקאַ און ליביע, אין צפון־אפריקע, און מאַכן אַ מרידה קעגן דער רוימישער הערשאַפט. בראש פון דער מרידה שטייט אַ מאַן, וואָס אייניקע היסטאָרישער רופן אַנדרעאַס, און אַנדערע לוקאַס. דער פּלאַן פון אַנדרעאַס־לוקאַס איז דורכצורייסן זיך מיט זיינע חילות דורך עגיפּטן קיין ארץ ישראל און באַנייען דאָרט די יידישע מלוכה. ער רעדט זיך צונויף מיט די גרויסע יידישע ישובים אין בבל, אַז ווען דער חיל פון טראַיאַנוס וועט אַריין טיפער אין לאַנד, אויפן וועג צו דער הויפּטשטאָט, זאָלן זיי מאַכן אַ מרידה אין רוקן פון רוימישן פראָנט. גלייכצייטיק ברעכט אויס אַ מרידה פון יידישן ישוב אויפן אינדזל ציפּערן, בראָש פון וועלכער עס שטייט אַ מאַן מיטן נאָמען אַרטעמיאָן. אין ארץ־ישראל גופא גרייטן זיך מחנות אויפשטענדלער צוצושטיין צו דער מרידה, ווי נאָר די חילות פון די אויפשטענדלער וועלן אַריינקומען אין לאַנד. אָבער די אויטאָריטעט פון ר׳ גמליאל דיבנה האַלט אָפּ פון איבערגעאיילטע שריט.

די גרויסע אונטערנעמונג ליידט לײַדער אַ דורכפאַל. די רוימישע גובערנאַ־טאָרן: מאַרקאָס טורבאָ אין אַפריקע און לוסיוס קוויעטוס אין און אַרום ארץ ישראל אונטערדריקן די מרידה. נאָך אַ קאַמף פון צוויי יאָר. זיי מאַכן חרוב די יידישע ישובים פון אייניקע לענדער, אָבער דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט כמעט נישט געליטן פון די פּאַסירונגען, ווען אפילו ער איז שוין געווען גרייט צו אַ צווייטער מרידה.

אַרום יאָר 114 שטאַרבט ר׳ גמליאל דיבנה. אין יאָר 117 שטאַרבט אויך דער אימפּעראַטאָר טראַיאַנוס.

צוליב דער מינדעריאָריקייט פון ר׳ גמליאלס זון שמעון איז די פירערשאַפט פון סנהדרין אַריבער צייטווייליק צו די תנאים ר׳ עקיבא און ר׳ טרפון. דעם אַמט פון אימפּעראַטאָר האָט איבערגענומען דער קרוב פון טראַיאַנוס, פּובליוס איליוס אַדריאַ־נוס, אַ געבוירענער אין שפּאַניע, נישט ווייט פון דער היינטיקער שטאָט סעוויליע. יהודה און רוים ווערן געפירט פון נייע מענטשן, וואָס האָבן דעם קאַמף פון יאָר 70 כמעט נישט געזען, און דאָס מאַכט מעגלעך אַ נייעם צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי גרויסע קעגנער.

62סטע לעקציע

דער לעצטער געפעכט: בר כוכבא

(135 ־ 132)

אימפעראטאָר אַדריאַנוס ענדערט פונדאַמענטאַל די דעראָבערישע פּאָליטיק פון דער רוימישער אימפעריע. אַ מענטש מיט אַ באַדייטנדיקער גריכישער קולטור, וויל ער זיך מאַכן גרויס אין דער געשיכטע דורך אַן אויפבוי־ווערק אין אַלע טיילן פון דער אימפעריע. ער הויבט אָן אַ פּאָליטיק פון באַרואיקונג. ער זאָגט זיך אָפּ פון די פּאַרטישע פּראָווינצן, וואָס טראַיאַנוס האָט ערשט דעראָבערט און שליסט מיט די פּאַרטער אַ שלום, וואָס וועט אָנהאַלטן אַ פערציק יאָר. דאַן איילט ער קיין צפון־אַפריקע, וואָס האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן באַרואיקט פון דער לעצטער מרידה, און זוכט צו באַרואיקן די געמיטער מיט צוזאָגן. אויך צו די יידן פון אַלעקסאַנדריע מאַכט ער אַ רייע פאַרשפּרעכונגען און לאָזט אַפילו פאַלן דאָס וואָרט, אַז ער האָט בדעה צוריק אויפצושטעלן די חורבות פון ירושלים.

די דאָזיקע בשורה רופט אַרויס אַן אויפרודערונג אין דער יידישער באַפעלקערונג. עס ווערט מיט מער אייפער פּראַקטיצירט דער אַלטער מנהג פון עליה לרגל. טויזנטער יידן לאָזן זיך אויף באַזוך צו די חורבות פון בית־המקדש, וואָס וועלן דאָך אינגיכן אויפגעריכט ווערן. צוויי ברידער, פּאַפּוס און לוליאַנוס, אָרגאַניזירן די נויטיקע פאַרזאָרגונג פאַר די צאָלרייכע פּילגרימען. אָבער דער גובערנאַטאָר לוסיוס קוויעטוס איז גאָרנישט צופרידן מיטן גאַנצן אויפברויז אין אַ לאַנד, וווּ די מרידה־שטימונגען האָבן זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן. ער אַרעסטירט די צוויי ברידער און אונטערדריקט בכלל דעם פאָלקס ענטוזיאַזם. דאָס פאָלק איז שוין גרייט אויסצוברעכן אין אַ מרידה, אָבער דעם וואָרטזאָגער פון סנהדרין, ר׳ יהושע בן חנניה, געלינגט צו באַרואיקן די געמיטער.

יהושע בן חנניה פאָרט קיין מצרים, וווּ ער ווערט אויפגענומען פון אַדריאַנוס, וועלכער רופט אָפּ לוסיוס קוויעטוס און באַשטימט אויף זיין אָרט דעם גר צדק אַקילעס, וואָס האָט געמאַכט די נייע תנ״ך־איבערזעצונג אויף גריכיש. די געמיטער

בארואיקן זיך. לוסיוס קוויעטוס פרווט צו מאכן אין רוים א פארשווערונג קעגן אדריאנוס. ער ווערט געכאפט און הינגעריכטעט.

יהודה טרעט ארײן אין א פעריאד פון אפװארטונג. ירושלים ווערט דערוויל נישט צוריקגעשטעלט. אדריאנוס פארט ארום איבער דער אימפעריע. ער האט הפנים גאר פארגעסן דעם צוזאג. יידן זענען ווידער גרייט צו אן אויפשטאנד. זיי ארגאניזירן זיך אין געהיים, פארזארגן זיך מיט געווער, וואס זיי באהאלטן אין די פילצאליקע הייל פון לאנד. אלס צושטעלער פון געווער פאר די רוימער, מאכן זיי אויך סאבאטאזש, דאס צוגעשטעלטע כלי זין איז פון א נידעריקער קוואליטעט.

אין יאר 130 קומט אדריאנוס קיין יהודה. די גריכישע באפעלקערונג פון לאנד נעמט אים אויף מיט גרויס פרייד און נאך גרעסערע כיבודים. דער יידישער ישוב האלט זיך רעזערווירט. צווישן איין באערונג און דער אנדערער בארעדן די גריכן דעם יידישן ישוב פאר אדריאנוסן, וועלכער נעמט אן זיין ענדגילטיקן באשלוס. ירושלים וועט טאקע אויפגעבויט ווערן, אבער נישט ווי די יידישע, נאר ווי א רוימישע שטאט, מיט טעאטער, אמפיטעאטער, געצנדינערישע טעמפלען א. א. וו. אין אזא שטאט קאן און וועט דער בית המקדש נישט אויפגעשטעלט ווערן. אקילעס ווערט באזייטיקט פון גובערנאטאר־אמט. אויף זיין ארט ווערט באשטימט א שטארקער מאן, טיניוס רופוס, און יידן מאכן גלייך איבער זיין נאמען אויף טיראנוס רופוס (טורנוסרופוס) און גיבן אים דעם ביינאמען „סאמקאר״ (רוויטער).

עס ווערן געמאכט די הכנות צום אויפבוי פון ירושלים, יידן גרייטן זיך צו א מרידה. דער סנהדרין פרווט נאך געפינען אן אויסוועג, און שיקט דעלעגאציעס צו אדריאנוסן, וועלכער געפינט זיך נאך אין די נאענטע מדינות. אבער אלץ איז אומזיסט. דער באשלוס איז דעפיניטיוו. ביים פארלייגן דעם פונדאמענט פון דער נייער שטאט פירט דורך טיניוס רופוס א רוימישע צערעמאניע פון אנצייכענען איר שטח און ארומאקערן דעם פערימעטער מיט אן אקער־אייזן געשלעפט פון צוויי אקסן. פאר די יידן איז די צערעמאניע ווי א מעסער אין הארצן, בפרט אז זי באשטעטיקט אן אלטע נבואה: „ציון שדה תחרש״, ציון וועט ווי א פעלד צעאקערט ווערן און ווערט, מסתמא בכיון, דורכגעפירט אין דעם פאר יידן פיל באדייטנדיקן טאג פון תשעה באב (132). באלד ברעכט אויס די מרידה.

בראש פון אויפשטאנד שטייען צוויי אויסטערלישע פיגורן. דער גייסטיקער פירער איז ר׳ עקיבא בר יוסף, א געוועזענער פאסטוך, וואס איז א דאנק זיינע פעאיקייטן און התמדה און דער אפפערוויליקייט פון זיין פרוי רחל, א טאכטער פון איינער פון די רייכסטע משפחות פון יהודה, כלבא שבוע, געווארן פון א פולשטענדיקן איגנאראנט (עם הארץ) איינער פון די גרעסטע תנאים, ציטווייליקער פארזיצער פון סנהדרין, און דער אנערקענטער פאלקס פירער.

דער מיליטערישער פירער פון קאמף איז געווען שמעון בר כוזיבא, א מאן

פון דער שטא̇ט כזיב אין יהודה. פון זיין פא̇רגא̇נגענהייט ווייסט מען זייער ווייניק. ער הא̇ט געמוזט לעבן א̇ סך צייט אויסער יהודה און הא̇ט אפשר געדינט אין רוימישן מיליטער, ווו ער הא̇ט זיך געלערנט די קונסט פון פירן קריג. פון פא̇טערס צד הא̇ט ער געשטא̇מט פון דער דוד־דינא̇סטיע, פון דער מוטערס צד איז ער געווען א̇ פא̇ר־וואנדטער פון די חשמונאים, אזוי א̇ז ער הא̇ט אין זיין פערזא̇ן פא̇ראייניקט ביידע בא̇ליבטע הערשער־דינא̇סטיעס.

ווי א̇ שטרא̇ם פייערדיקע לא̇ווע צעלא̇זן זיך די יידישע חילות איבערן לא̇נד יהודה, און פא̇רנעמען אויך טיילן פון גליל. אין א̇ קורצער צייט ווערן איינגענומען א̇רום פופציק בא̇פעסטיקטע ישובים און קנא̇פע טויזנט בא̇פעלקערטע פונקטן. דא̇ס רוימישע מיליטער לויפט אין בהלה, יהודה איז ווידער פריי (132).

דער גלענצנדיקער זיג הייטערט אויף די געמיטער. ר׳ עקיבא דערקלערט, א̇ז שמעון בר כוזיבא איז עס דער פא̇רשפּרא̇כענער משיח און ענדערט זיין נא̇מען אויף בר־כוכבא, אין א̇נקלא̇נג מיטן פסוק: „דרך כוכב מיעקב״, א̇ שטערן איז אויפגעגא̇נגען ביי יידן. בר־כוכבא ווערט פּרא̇קלא̇מירט א̇לס נשיא פון בא̇פרייטן לא̇נד. עס ווערט אויך בא̇שטימט א̇ כהן גדול, ר׳ אלעזר המודעי, א̇ פעטער פון שמעון בר־כוכבא.

לזכר פון דער אזוי וויכטיקער פּא̇סירונג ווערן א̇פּגעגא̇סן מטבעות, וווא̇ס הא̇בן זיך דערהא̇לטן ביז אונדזערע טעג. אויף איינער זעט מען פון איין זייט א̇ טייטל־בוים און די ווערטער: „שמעון נשיא ישראל״, פון דער צווייטער א̇ וויינטרויב־בלא̇ט מיטן דא̇טום: „שנה אחת לגאולת ישראל״, — דא̇ס ערשטע יא̇ר פון דערלייזונג פון ישראל. אויף דער צווייטער מטבע איז פא̇רא̇ן פון איין זייט א̇ טייטלבוים מיט דער אויפשריפט: אלעזר הכהן, פון דער צווייטער זייט א̇ הענגל טרויבן מיטן זעלבן דא̇טום ווא̇ס אויף דער ערשטער מטבע. פערצן מטבעות, פון די ווא̇ס שמעון בר־כוכבא הא̇ט געלא̇זט א̇פּגיסן, זענען צו אונדז דערגא̇נגען, 10 פון בראנדז און פיר פון זילבער

מען איז גלייך צוגעטרא̇טן צו בא̇נייען און בא̇פעסטיקן ירושלים. מען הא̇ט געווים געפּלא̇נט אויך צוריקשטעלן דעם בית המקדש. צום ערשטן פּסח נא̇ך דער בא̇־פרייאונג הא̇ט ר׳ עקיבא פא̇רפא̇סט א̇ ספּעציעלע ברכה, מיט וועלכער עס ווערט ביז היינט געשלא̇סן די ערשטע טייל פון דעם סדר, אין די פּסח־נעכט. דער טעקסט פון דער ברכה לייענט זיך:

ברוך אתה ד׳,	געלויבט ביסטו גא̇ט,
אלהינו מלך העולם,	אונדזער גא̇ט, דער מלך פון דער וועלט,
אשר גאלנו	ווא̇ס הא̇ט אונדז דערלייזט,
וגאל את אבותינו ממצרים	און הא̇ט דערלייזט אונדזערע עלטערן פון מצרים
והגיענו הלילה הזה לאכל בו מצה ומרור.	און הא̇ט אונדז געלא̇זט דערלעבן די נא̇כט צו עסן אין איר מצה און מרור.
כן, ד׳ אלהינו ואלהי אבותינו,	אזוי, אונדזער גא̇ט און דער גא̇ט פון אונדזערע עלטערן,
יגיענו למועדים ולרגלים אחרים,	זא̇לן מיר דערלעבן א̇נדערע ימים טובים,

שמחים בבנין עירך,
וששים בעבודתך,
ונאכל שם מן הזבחים ומן
הפסחים,
אשר יגיע דמם על קיר מזבחך
לרצון,
ונודה לך שיר חדש
על גאולתנו ועל פדות נפשנו.

ברוך אתה ד׳ גאל ישראל.

דערפרייט מיטן אויפבוי פון דיין שטאָט,
אויפגעהייטערט אין דיין דינסט,
און דאָרט וועלן מיר עסן פון די פסח־קרבנות,

וואָס זייער בלוט וועט געשפּריצט ווערן
אויפן וואַנט פון דיין מזבח צו ווילן,
און מיר וועלן דיך לויבן מיט א ניי געזאַנג ,
אויף אונדזער באַפרייאונג און דערלייזונג
פון אונדזער זעל.
געלויבט ביסטו גאָט, וואָס האָט דערלייזט
ישראל.

ווי עס איז צו זען, איז די ברכה פאַרפאַסט אין מיטן פון די קאַמפן, ירושלים איז נאָך נישט באַפרייט, אָבער גאָר אין גיכן וועט אויך די הויפּטשטאָט באַפרייט ווערן, ווי עס זאָגן עדות די מטבעות מיטן פראַנט פון בית־המקדש, און מיטן אויפשריפט: „ירושלים״ און „לחרות ירושלים״, צו דער באַפרייאונג פון ירושלים.

63סטע קאפיטל

נאָכאַמאָל מסירת נפש און קידוש השם

(135 - 138)

רוים האָט אָבער אויך נישט געשוויגן. אָנפאַנג מאַי פון יאָר 133 איז שוין ביי די גרענעצן פון ארץ־ישראל געשטאַנען דאָס רוימישע מיליטער, וואָס איז געשיקט געוואָרן אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד. אַרום 35 טויזנט מאַן, אונטער דער פיר־רערשאַפט פון אויסגעפּרוּווטן פירער יוליוס סעווערוס. ווי אַספּאַסיאַנוס אין זיין צייט, האָט סעווערוס אָנגעהויבן זיין מאַרש פון גליל. די יידן האָבן זיך פאַרטיידיקט העלדיש. זייערע פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונגען האָבן אָנגעטאָן צרות דער רוימישער אַרמיי, איבער־געשניטן אירע פאַרבינדונגען, נישט דערלאָזט צופירן קיין פּראָוויאַנט א. אַ. וו. אָבער ווי אַ מעכטיקער שטראָם האָבן די רוימער פאָרגעזעצט זייער מאַרש פאָראויס. דאָס מאָל האָט דאָס גאַנצע פאָלק געקעמפט פאַראייניקט, און יעדער שריט פאָראויס האָט געקאָסט די אַריינדרינגער שווערע קרבנות. אין אַפּריל 134 זענען שוין די רוימישע חילות געשטאַנען ביי די בערג פון שומרון און אָנגעהויבן דעם מאַרש אויף יהודה. די גרויסע קראַפט פון די רוימער האָט אַריינגעטראָגן אַ צערודערונג אין דער יידישער מחנה, א טייל האָט איינגעזען, אַז די מרידה איז פאַרשפּילט און האָט גענומען פאָר־דערן, מען זאָל קאַפּיטולירן. מעגלעך, אַז אויף דעם באָדן איז אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן דעם נשיא שמעון בר־כוכבא און דעם כהן גדול, אלעזר המודעי. בר־כוכבא איז אָבער געווען דער יורש פון די קנאים, וואָס גיבן נישט נאָך. מיט די רעשטן פון זיין מיליטער האָט ער זיך באַפעסטיקט אין ביתר, וווּ ער האָט געגעבן דעם לעצטן, פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. אייניקע חדשים האָט זיך געצויגן די באַלאַגערונג. בר כוכבא און זיינע קעמפער האָבן באַוויזן וווּנדער פון גבורה. די רוימער האָבן געליטן געוואַלדיקע פאַרלוסטן. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט. אין אויגוסט פון 135 (תשעה באב) איז ביתר געפאַלן. בר כוכבא איז געפאַלן אין שלאַכט. די מרידה איז געווען דערשטיקט. דער פּרייז וואָס די רוימער האָבן באַצאָלט פאַר זייער זיג איז געווען אַזאַ הויכער, אַז אימפּעראַטאָר אַדריאַנוס האָט אין אַן אָפיציעלן באַריכט צום סענאַט דורכגעלאָזט די טראַדיציאָנעלע פראַזע: „איך און די לעגיאָנען פילן זיך גוט". הפנים קיינער האָט זיך נישט געפילט גוט אין רוימישן לאַגער.

יידן האָט עס אויך טייער געקאָסט, און די שווערסטע וואָכן פון דער באַלאַ־גערונג, אין די טעג צווישן פסח און שבועות, זענען ביז היינט נאַציאָנאַלע טרויער־

טעג, וואָס דערמאָנען אין יענעם גרויסן מיט רוים. די לעגענדע דערציילט, אַז אין יענע טעג זענען געפאַלן פון אַן עפּידעמיע 24 טויזנט פון ר׳ עקיבאס תלמידים. דאָס איז אַ קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון היסטאָרישן אמת. די איבערגעגעבנסטע קעמפער אין אויפשטאַנד פון בר־כוכבא זענען געווען די תלמידי־חכמים פון די ישיבות, וואָס דער סנהדרין פון יבנה האָט געגרינדעט, און קאָנען דערפאַר אַלע באַטראַכט ווערן ווי תלמידים פון ר׳ עקיבא בן יוסף, דעם ראש פון סנהדרין. אין אָנדענק פון דער באַטייליקונג פון דער סטודענטשאַפט אין דער בר־כוכבא־מרידה, ווערט ביז היינט געפייערט דער טאָג פון ל״ג בעומר, אַלס אַ שול־יום־טוב, פאַר די קינדער פון חדרים, ישיבות און שולן. הפּנים, אַז אין דעם טאָג איז אין דער מרידה פון בר־כוכבא אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיג איבער די רוימער, און דער נאַציאָנאַלער טרויער ווערט איבערגעריסן אויף איין טאָג, אין וועלכן מען מעג זיך שערן און באָדן, שפּילן חתונות א. א. וו. קינדער פון די שולן גייען אין דעם טאָג ארויס אין פעלד מיט פייל און בויגן, אַן אָנדענק, אַז דער שול־יום־טוב האָט צו טאָן מיט אַ מיליטערישער עפּאָפּעע.

אין רוים האָט מען איינגעזען, אַז די גייסטיקע אויטאָנאָמיע, וואָס מען האָט געגעבן די יידן, נאָך דער צעשטערונג פון ירושלים, האָט דערמעגלעכט דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא אין צוויי און זעכציק יאָר ארום. אדריאַנוס האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען וויל באַהערשן יידן פּאָליטיש, מוז מען זיי פריער באַזיגן גייסטיק. אין הסכם מיט דעם לאָזט ער ארויס אַ רייע דעקרעטן, וואָס פאַרבאָטן אָפּהיטן יידישקייט. עס ווערט פאַרבאָטן אונטער טויט־שטראָף: 1) לערנען תורה, 2) מל זיין די זכרים, 3) אָפּהיטן שבת און יום־טוב, 4) געבן סמיכה, דאָס הייסט, באַשטעטיקן נייע מיט־גלידער פאַרן סנהדרין. פאַר אָט דער לעצטער עבירה וועט נישט נאָר געטויט ווערן דער, וואָס וועט די סמיכה געבן און דער וואָס וועט די סמיכה באַקומען, נאָר אויך די שטאָט, וווּ דער פייערלעכער אַקט וועט פאָרקומען, וועט צעשטערט ווערן. יידן ווערט אויך פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין ירושלים, וואָס ווערט איבערגעבויט ווי אַ געצנדינערישע שטאָט און באַקומט דעם נאָמען עליא קאַפּיטאָלינאַ, אין כבוד פון אדריאַנים און פון רוימישן הויפּט־גאָט, יופּיטער.

ווי אין די צייטן פון אַנטיאָכעס עפּיפאַנעס, מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, האָבן יידן ווייטער געקעמפט מיט זייער אויסגעפּרוווטן געווער פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד: מסירת נפש און קידוש השם. איז פאַרבאָטן צו לערנען תורה, זיצט דווקא ר׳ חנינא בן תרדיון און לערנט תורה מיט תלמידים. ער ווערט געכאַפּט און פאַרברענט מיטן ספר תורה צוזאַמען. אין זיינע לעצטע מינוטן וואַרפט ער דאָס גרויסע ארויסרופערישע וואָרט:

גווילין נשרפים ואותיות פורחות — פאַרמעטן ווערן פאַרברענט,
די אותיות פליען . . .

איז פאַרבאָטן צו געבן סמיכה, נעמט דער אַלטער ר׳ יהודה בן בבא אַ גרופּע תלמידי חכמים, וואָס זענען ראוי דערצו, גייט אוועק מיט זיי אין פעלד אויסער דער שטאָט, בכדי די שטאָט זאָל נישט צעשטערט ווערן, און גיט זיי סמיכה. ס׳הייסט, ער

ליגט ארויף זיינע הענט אויף זייערע קעפּ און באַפולמעכטיקט זיי דערמיט צו זיין פירער ביי יידן. די רוימישע שפּיאָנען האָבן פאַרט דערשמעקט, און די לעגיאָנערן דערנענטערן זיך צום אָרט, וווּ די סמיכה ווערט געגעבן. דער גרויסער זקן הייסט די מוסמכים צעלויפן זיך און ער אַליין בלייבט צו פאַרהאַלטן דעם שונא מיט רייד און מיט קאַמף און פאַלט „דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ".

אָבער דאָס מסירת נפש פון די מנהיגים איז נישט גענוג. מען מוז אויך אָריענטירן דאָס פאָלק וואָס צו טאָן אין דער שווערער שעה. אויף אַ געהיימער זיצונג פון די פאַרבליבענע סנהדרין־מיטגלידער ווערט באַשלאָסן: אויף אַלע פאַרבאָטן און גזבאָטן פון דער תורה זאָל אַ ייד עובר זיין, אבי צו ראַטעווען דאָס לעבן, חוץ אויף דריי, געצנדינסט, בלוט־פאַרגיסונג און זנות. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן הונדערטער און הונדערטער פון פאָלק זיך מוסר נפש זיין פאַר מל זיין קינדער, אָפּהיטן שבת און יום־טוב, פּראַווען חתונות לויטן יידישן דין. ווי אין די צייטן פון אַנטיאָכעס, גיט מען צו ווייסן וועגן אַ ברית מילה, אָדער אַ חתונה, דורך ספּעציעלע סימנים, וואָס דאָס פאָלק האָט נאָך נישט פאַרגעסן אין דריי יאָרהונדערטער. איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל, פלעגט אַ גאַנצע וואָך מאָלן דאָס הויז־מילכל. אַ פאָלקס ליד פלעגט געזונגען ווערן:

קול ריחים בבורני,	דאָס מילכל מאָלט אין בוראַני,
שבוע הבן, שבוע הבן.	די וואָך פון זון, די וואָך פון זון.

און ביי אַ חתונה פלעגט מען געבן צייכנס מיט ליכט, ווי עס באַשטעטיקט אַ צווייט פאָלקס־ליד:

אור הנר בברור חיל,	ברענט אַ ליכט אין ברור חיל,
משתה שם, משתה שם.	אַ מאָלצייט דאָרט, אַ מאָלצייט דאָרט.

מיטן פּאַסיוון ווידערשטאַנד פירט אָן ר' עקיבא. ער ווערט געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. אָבער אויך פון דאָרט זעצט ער פאָר זיין פירערשאַפט. דער גובערנאַטאָר טיניוס רופוס, וואָס קאָן גוט יידישע דינים און מנהגים, פאַרפאָלגט די נישט געהאָרכזאַמע מיט דער גרעסטער אכזריות. ר' עקיבאן לאָזט ער פאַרפּייניקן דורך שניידן פון אים פּאַסן לעבעדיקערהייט; ר' ישמעאל הכהן, פאַרן חטא פון לייגן תפילין, לאָזט ער לעבעדיקערהייט אָפּשינדן די הויט. די מאַרטירער שטאַרבן העלדיש מיט שמע ישראל אויף די ליפּן.

דאָס יידישע פאָלק האַלט ביז היינט הייליק דעם אָנדענק פון יענע באַוווּסטע און אומבאַוווּסטע מאַרטירער. אַ סך האַרציקע תפלות זענען פאַרפאַסט געוואָרן אין זייער אָנדענק. די רירנדיקסטע פון זיי ווערן געזאָגט אין טאָג פון גרויסן חשבון הנפש, יום כפור, און אין טאָג פון נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג תשעה באב. די תפלות און קינות אויף די עשרה הרוגי מלכות. אויך די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע האָט געווידמעט רירנדיקע סטראָפן אין זייער הייליקן אָנדענק.

64סטע לעקציע

ווען ביידע צדדים ווערן מיד

(138 - 210)

נאך א גערא‏נגל פון צוויי יאָרהונדערטער האָבן רוים און יהודה איינגעזען, אַז זיי מוזן געפינען אַן אופן פון צוזאַמענלעבן. יהודה איז נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא און די רדיפות פון אימפּעראַטאָר אַדריאַנוס געווען דערשעפּט, אָבער אויך רוים איז געווען אויסגעמאַטערט. יהודה האָט זיך איבערצייגט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט קאָנען באַזיגן רוים אויפן שלאַכט־פעלד. רוים האָט אָנערקענט, אַז זי וועט קיינמאָל נישט קענען אָפּשאַפן די יידישע אייגנטימלעכקייט. און ווען אפילו אימפּעראַטאָר אַדריאַנוס האָט אָפּגעשאַפט אויך דעם נאָמען פון יהודה, און פון 138 ביז 1948 האָט דאָס לאַנד געטראָגן דעם נאָמען פּאַלעסטינאַ, איז אָבער געווען קלאָר פאַר זיינע נאָכפאָלגער, אַז פאַרטיליקן די יידן איז אוממעגלעך, און ווער ווייסט, צי עס איז גאָר לוינבאַר פאַר דער אימפּעריע.

דערפאַר שטעלט אָפּ איינער פון די ערשטע דעקרעטן פון אדריאַנוסעס נאָכפאָלגער, דער אימפּעראַטאָר אַנטאָנינוס פּיוס, די גזירות און רדיפות אויף יידישקייט, וואָס איז צוריק געוואָרן אַ לעגאַל אָנערקענטע רעליגיע. עס איז בלויז פאַרבליבן דער פאַרבאָט פאַר יידן צו וווינען אין ירושלים און אין איר נאָענטער סביבה. אפילו אַריינקומען אין שטאָט ציטווייליק האָבן זיי געמעגט בלויז איינמאָל אין יאָר, תשעה באב, צו באַוויינען דעם חורבן פון זייער הויפּט־שטאָט און בית־המקדש.

דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא האָט אָפּגעקאָסט דער יידישער באַפעלקערונג העכער אַ האַלבן מיליאָן פאַרלוסטן, צווישן געפאַלענע און געפאַנגענע, וואָס זענען פאַרקויפט געוואָרן אין שקלאַפעריי אויסער ארץ־ישראל. אָבער דאָך זענען יידן פאַרבליבן אויך אין פּאַלעסטינע אַ באַדייטנדיקער עקאָנאָמישער, עטנישער און ממילא אויך פּאָליטישער כוח. אין לאַנד זענען פאַרבליבן אַ 7־8 הונדערט טויזנט ייד' נפשות. איין דריטל, בערך, אין יהודה, וואָס האָט מער געליטן פון אויפשטאַנד און זיין אונטערדריקונג, און צוויי דריטל אין גליל, וואָס האָט ווייניקער געליטן אין די יאָרן 132־138. די

יידישע באפעלקערונג איז געווען עקאנאמיש פעסט. זי איז באשטאנען ס'רוב פון פויערים מיט אייגענעם ערד־באזיץ, פון דעם אימפעראטארישן אייגנטום־רעכט אויפן באדן איז שוין כמעט קיין זכר נישט געבליבן, יידן האבן צוריק אויסגעלייזט זייער ערד. עס איז אויך געווען א צאלרייכער שיכט פון בעלי מלאכות און רעלאטיוו ווייניק סוחרים און פונקציאנארן. יידן זענען געווען אויסגעצייכנטע ערד־ארבעטער און האבן פון זייער באדן געצויגן פיין חיונה. די געבליבענע יידישע ישובים זענען געווען קאנ־צענטרירט אין עמק יזרעאל און אין גליל, ביי דער זייט פון וויכטיקסטן וועג, וואס האט געפירט צו די גרענעצן פון רוים מיט דער פארטישער אימפעריע, ווו עס האבן גע־לעבט קאמפאקטע יידישע מאסן. אזוי, אז אפילו נאכן דורכפאל פון דער מרידה פון בר־כוכבא זענען יידן דאך פארבליבן א וויכטיקער פאליטישער פאקטאר אין פאלעס־טינע און אין די שכנותדיקע לענדער.

די יידישע פירער האבן נישט פארזאמט אויסצונוצן דאס אפרופן די גזירות פון אימפעראטאר אדריאנוס. די תלמידי־חכמים, וואס האבן געהאט סמיכה, זענען זיך צונויפגעפארן אין די גרעסערע שטעטלעך פון גליל: צוערשט אושא, נאכהער שפרעם, און האבן פארלייגט א נייעם פונדאמענט פאר דער באנייטער יידישער זעלבסט־פארוואל־טונג. דער סנהדרין איז צוריקגעשטעלט געווארן. אלס נשיא איז באשטימט געווארן ר' שמעון (דער דריטער) בן גמליאל, דער זון פון גמליאל דיבנה, וואס איז אין דער צווישנ־צייט געווארן פוליערט. עס זענען צוריקגעשטעלט געווארן די נויטיקע ארגאנען פון דער זעלבסט־פארוואלטונג: געריכטן, שולן, ישיבות. דאס פאלק האט לאנגזאם אנגעהויבן קומען צו זיך נאך דער גרויזאמער אויפטרייסלונג פון אויפשטאנד און פארפאלגונגען.

די נשיאות האט זיך געשטיצט אויף די געמעסיקטע שיכטן פון פאלק און האט געזוכט זיך איינצולעבן מיט רוים. די עקסטרעמע פאטריאטן פלעגן אפילו ארויסגעגעבן ווערן דער רוימישער מאכט. אין דעם האט אויך מיטגעארבעט אזא מאן ווי ר' אלעזר, דער זון פון דעם פייערדיקן פאטריאט ר' שמעון בן יוחאי, וואס האט זיך די גאנצע דרייצן יאר אויסבאהאלטן מיט זיין פאטער אין די הייליו פון גליל, אבער לסוף שלום געמאכט מיט רוים. ביידע צדדים — רוים און יהודה, האבן געזוכט צו פארטושן די צייכנס און די שטימונגען פון די פאריקע מיספארשטענדענישן. יידן האבן שלום געמאכט מיט זייער גורל אלס אויטאנאם פאלק אין גבול פון דער רוימישער אימפעריע, און האבן געלאזט די ענדגילטיקע גאולה אויפן איינזען פון הימל.

אין רוים האבן זיך דערוויל געביטן אויפן טראן א רייע מער באזאכטע אימ־פעראטארן. נאך אנטאנינוס פיוס (138־161), קומט צו דער מאכט דער פילאזאפיש איינגעשטעלטער מארקוס אאורעליוס (161־180). נאך א קורצן איבעררייס פון באזאב־טער רעגירונג אין די צייטן פון זיין זון, דעם טיראנישן קאמאדוס (180־192), און נאך א קורצן קריג צווישן די פרעטענדענטן אויפן טראן, האט זיך באפעסטיקט אויפן טראן די האלב־סעמיטישע דינאסטיע פון די סעווערער. סעפטימוס סעווערוס, וועלכער באשטייגט

דעם רוימישן טראָן, נאָך אַ קורצן קאַמף אין יאָר 193, איז געווען פון פּונישן (צורישן) אָפּשטאַם. זיין פרוי, יוליאַ דאָמנאַ, האָט געשטאַמט פון סיריע, אין זיין הויז האָט מען גערעדט די פּונישע שפּראַך, דאָס לשון פון צור און קאַרטאַגאָ, וואָס איז שטאַרק ענלעך אויף העברעאיש. די באַציאונגען מיט די יידן האָבן זיך פיל געבעסערט. דער קירכן־פאָטער הערעָנימוס זאָגט עדות, אַז סעווערוס און זיין זון האָבן זייער גערן געהאַט יידן. אין אונדזערע ציטן זענען אַנטדעקט געוואָרן אין גליל די רעשטן פון אַ שול, וואָס יידן האָבן אויפגעבויט לכבוד דעם אימפּעראַטאָר סעפּטימוס סעווערוס, זיין פרוי יוליאַ און זייערע זין געטאַ און אַנטאָנינוס־מאַרקוס־אַאורעליוס. דער לעצטער איז שפּעטער געוואָרן אימפּעראַטאָר, באַקאַנט מיטן ביינאָמען קאַראַקאַלאַ. אין יאָר 212 גיט קאַראַקאַלאַ בירגער־רעכט צו אַלע איינוווינער פון דער רוימישער אימפּעריע, און יידן ווערן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון דער גרויסער וועלט־מאַכט.

אונטער די דאָזיקע גינסטיקע באַדינגונגען קומט דער ישוב צו זיך. דער נשיא און דער סנהדרין פירן אָן מיטן יידישן לעבן נישט נאָר אין פּאַלעסטינע, נאָר האָבן אויך גרוים השפּעה אויף די יידישע ישובים איבער דער רוימישער אימפּעריע. עמיסאַרן (שליחים) פון נשיא באַזוכן פון ציט צו ציט אַלע יידישע ישובים אין דער אימפּעריע און איבער איר, קאָנטראָלירן זייער טעטיקייט, גיבן השגחה אויף זייערע אַנשטאַלטן, און מאָנען איין אַ ספּעציעלן שטייער פאַרן נשיא און סנהדרין. דער נשיא באַשטימט אויך די דיינים, וואָס משפּטן לויט די יידישע געזעצן, נישט נאָר אין ענינים פון רעליגיע, נאָר אויך אין ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן.

דער סנהדרין האַלט אָן זיין קאָמפּעטענץ ביים פעסטשטעלן דעם לוח, פּראָקלאַמירן אַן עבור־יאָר און פעסטשטעלן דורך דעם די דאַטומס פון די יידישע ימים טובים, וואָס ווערן געפייערט איינצייטיק אויף דער גאַנצער יידישער וועלט. אין בבל ווערן אפילו געמאַכט פּרוּוון צו באַפרייען זיך פון דער העגעמאָניע פון דעם נשיא און סנהדרין. די ראשי גולה, די הויפּטן פון דעם יידישן ישוב אין בבל, האָבן זיך געהאַלטן פאַר גרעסערע מיוחסים פון די נשיאים אין ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי שטאַמען פון דער דוד־דינאַסטיע לויט דער מענלעכער ליניע (מלך יהויכין), בעת די נשיאים פון דער הלל־דינאַסטיע קומען אַרויס פון דער דוד־דינאַסטיע פון מוטערס צד. בשעת די רדיפות פון אימפּעראַטאָר אַדריאַנוס, ווען דער סנהדרין אין ארץ ישראל האָט נישט געקאָנט פונקציאָנירן, הויבן אָן די ראשי־גולה פון בבל צו פירן דעם לוח לויט זייער איינזען. אָבער ווען די אויטאָנאָמיע אין ארץ ישראל ווערט צוריקגעשטעלט, האָבן זיך די ראשי גולה געמוזט אָפּזאָגן פון דער נייער אויטאָריטעט, וואָס זיי האָבן זיך אַליין גענומען.

די דאָזיקע השפּעה פון דעם נשיא אויף די יידישע ישובים איבער דער אימפּעריע ווערט אין רוים געהעריק אָפּגעשאַצט. די נשיאים באַקומען לעגאַלע אָנערקענונג פון די אימפּעראַטאָרן און אפילו ערן־טיטלען ווי „דורכלויכט", ערן־פּרעפעקט א. א. וו.

פון יידישן צד דערלויבט מען דער פאמיליע פון נשיא צו לערנען גריכיש, צו באנוצן זיך מיט שפיגלען, צו שערן זיך אויפן גריכישן שטייגער, ווייל זיי מוזן קומען אין באַציאונגען מיט די מאַכט־פאַרשטייער. וואָרף אַרויס די העלעניזאַציע פון טיר קומט זי צוריק דורכן פענצטער.

די העלעניזאַציע האָט אויך גענומען אַ קרבן צווישן די רייען פון די תנאים. דער תנא אלישע בן אבויה, אַ יינגערער חבר פון ר׳ עקיבא, איז פולשטענדיק העלעניזירט געוואָרן. ער האָט געלייענט גריכישע ליטעראַטור, געזונגען גריכישע געזאַנגען, זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך יידישע מנהגים און באַקעמפט די צו גרויסע איבערגעגעבנקייט צום לימוד התורה. ער האָט געהאַלטן, אַז נישט אַלע די וואָס לערנען, זענען באַרופן צו דעם און האָט געפאָדערט, אַז די ווייניקער באַרופענע זאָלן זיך בעסער אָפּגעבן מיט מלאכה, אין דער צייט ווען די אָנגענומענע יידישע שטעלונג איז געווען:

יפה תורה עם דרך ארץ,	עס איז גוט תורה מיט אַ וועלטלעכער באַשעפטיקונג,
שיגיעת שניהם משכחת עוון.	ווייל די מי פאַר ביידע, מאַכט פאַרגעסן זינד.

אלישע בן אבויה איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון כלל. זיין נאָמען איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ ביינאָמען „אחר", דער אַנדערער, זיינע חברים און פריינט האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט. בלויז זיין געטרייער תלמיד, דער גרויסער תנא ר׳ מאיר, האָט זיך פון אים נישט אָפּגעשיידט, און פלעגט אָפּט הערן זיינע געדאַנקען, מיט וועלכע ער איז זיך באַגאַנגען לויט דער תלמודישער פאָרמולע:

ר׳ מאיר מצא רמון,	ר׳ מאיר האָט געפונען אַ מילגרוים,
תוכו אכל, קליפתו זרק.	דאָס אינעווייניקסטע האָט ער אויפגעגעסן, די שאָלעכץ אַרויסגעוואָרפן.

ר׳ מאיר גופא איז אויך אויסגעשלאָסן געוואָרן פון סנהדרין פאַר זיין שטאַרקער פערזענלעכקייט, וואָס האָט ביי דער גאַנצער גוטסקייט און ווייכקייט פון זיין כאַראַקטער זיך דאָך נישט געקאָנט אונטערוואַרפן בלינדערהייט דער אויטאָריטעט פון נשיא און סנהדרין, און גראָד האָבן די נשיאים פון יענער צייט געפאָדערט שטרענגע געהאָרכזאַמקייט.

דער נשיא ר׳ שמעון (דער דריטער) בן גמליאל, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן סנהדרין פון זינט ער איז צוריקגעשטעלט געוואָרן נאָכן אָפּשאַפן די גזירות פון אימפּעראַטאָר אַדריאַנוס ביזן יאָר 165, איז געווען אַ פעסטער כאַראַקטער, ווען אַפילו ער האָט זיך געהאַלטן פאַר „מער פוקס ווי לייב". ער האָט פיל אויסגעברייטערט די פּרעראָגאַטיוון פון דעם נשיא. דער סנהדרין קאָן נישט באַשטימען אויף קיין אַמט אָן דער צושטימונג פון דעם נשיא, אָבער דער נשיא קאָן באַשטימען אָן דער צושטימונג פון סנהדרין. ער האָט אויך געפאָדערט באַזונדערע באַערונג פאַרן נשיא, מער ווי פאַר די אַנדערע צוויי מיטגליד׳ער פון פּרעזידיום, דער אב בית דין, און דער חכם. ווען דער נשיא קומט אַריין אין זיצונג־זאַל, זאָל שטיין דער גאַנצער עולם אויף די פיס, ביז ער הייסט זיך זעצן. ווען

דער חכם קומט אריין, מאַכט מען בלויז א שורה פון ביידע זייטן וועג, וואָס ער גייט דורך. פאַרן אב־בית־דין איז שוין די שורה אַ סך שיטערער. דער חכם פון ר׳ שמעון דעם דריטן איז געוועזן ר׳ מאיר, זיין אב־בית־דין, ר׳ נתן פון בבל, ביידע גרעסערע לומדים פון דעם נשיא, און עס איז דערפאַר געקומען צו קאָנפליקטן.

נאָך באַדייטנדיקער איז געווען די מאַכט פון דעם זון פון רבן שמעון דעם דריטן, ר׳ יהודה ב״ר שמעון, באַקאַנט בלויז מיטן טיטל רבי, אָדער רבינו הקדוש. רבי האָט אָנגעפירט זיין נשיאות אין משך פון 45 יאָר, פון 165 ביז 210, און האָט געבראַכט דעם אַמט צום העכסטן אויסדרוק פון אָנזען, סיי אינערהאַלב דעם יידישן פאָלק, סיי לגבי דער רוימישער מאַכט. רבי איז געווען שטאַרק רייך, האָט געפירט אַן אויסטאָקראַטישן שטאַט און איז געווען בּערזענלעך באַפריינדעט מיטן רוימישן אימפּעראַטאָר אַנטאָנינוס מאַרקוס אאורעליוס סעווערוס (קאַראַקאַלאַ).

די אויטאָריטעט פון רבי יהודה דעם ערשטן (רבי) דערלויבט אים צו קאָדיפיצירן די גאַנצע געזעצגעבונג, וואָס איז ביז דאַן געווען בלויז אַ מינדלעכע, און מאַכן זי אַ שריפטלעכע. וואָס הלל הזקן האָט אָנגעהויבן אין יאָר 40, האָט זיין זעקסטער דור, רבי, פאַרענדיקט אין יאָר 210, שאַפנדיק די משנה. דאָס איז אַ וויכטיקער מייל־שטיין אין דער יידישער גייסטיקער שאַפונג. עזרא רעדאַגירט דעפיניטיוו די תורה, אַרום יאָר 435 פאַר ד. א. צ. ר. אין די צייטן פון יהודה המכבי ווערן דעפיניטיוו רעדאַגירט די ביכער פון די נביאים, אַרום 160 פאַר ד. א. צ. ר. דער סנהדרין אין יבנה רעדאַגירט דעפיניטיוו די כתובים און שטעלט פעסט דעם צוזאַמענשטעל פון די הייליקע שריפטן (תנ״ך) אין די יאָרן 70-114 פון ד. א. צ. ר. רבי לאָזט אויפשרייבן און רעדאַגירט דעפיניטיוו די משנה אין יאָר 210. די דאָזיקע ריזיקע אַרבעט ווערט געמאַכט אויפן גרונד פון די טיילווייזע געשריבענע קאָדעקסן, וואָס זענען פאַרפאַסט געוואָרן פריער: משנת בית חשמונאי, משנת ר׳ עקיבא, משנת ר׳ מאיר א. אנד. די משנה איז סיסטעמאַטיש איינגעטיילט אין זעקס טיילן (סדרים):

1) זרעים. (פלאַנצונגען.) אַלע דינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו ערד און ערד־אַרבעט. תרומה און מעשר.

2) מועד(צייטן) דינים פון שבת און יום־טוב.

3) נשים (פרויען), פאַמיליען־רעכט — חתונות, גטן, ירושות, כתובות.

4) נזיקין (שאָדנס), ציווילע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, קרימינעלע ענינים, פּראָצעדורעלע רעכט.

5) קדשים (הייליגטימער), דינים פון קרבנות, בית המקדש, א. אַ. וו.

6) טהרות (ריינלעכקייט), דינים פון ריטועלער ריינלעכקייט.

די משנה איז אָן ווידערשטאַנד אָנגענומען געוואָרן אויף דער גאַנצער יידישער וועלט. און מען האָט גלייך אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען זי ווי אַ צווייטע געשריבענע תורה, וואָס דאַרף אויסגעטייטשט ווערן. די שפּראַך פון דער משנה איז העברעאיש, קורץ, פּרעציז, שאַרף, און דער בוי פון דער פּראָזע זייער בויגזאַם.

ל ע ק צ י ע   65 ס ט ע

אויפבלי פון צענטער אין בבל

(210 ־ 235)

רבי איז בכלל געווען די שטארקסטע פערזענלעכקייט פון אלע נשיאים פון נאכן אויפשטאנד פון בר־כוכבא. ער האט אריבערגעטראגן די רעזידענץ פון סנהדרין קיין צפורי, דער וווינארט פון רוימישן גובערנאטאר, ער האט נאך איניקע רעגנלאזע יארן דערלויבט צו באארבעטן די פעלדער אין א שמיטה יאר, און ער האט אפילו געהאט בדעה אפצושאפן דעם תענית פון תשעה באב, אזוי וויניק האט זיך אין זיינע צייטן געפילט די אונטערגעווארפנקייט צו רוים. מיט דער פירערשאפט פון פאלק האט ער זיך געפירט ווי מיט זיין פריוואט־אייגנטום. אין זיין צוואה פארארדנט ער: גמליאל מיין זון וועט זיין נשיא, שמעון מיין זון — חכם, און חנינא בר חמא — אב־בית־דין און ראש הישיבה.

גמליאל (דער דריטער) ב"ר יהודה האט רעגירט פון 210 ביז 230. א רואיקער און באזאכטער מענטש, האט ער זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין ספעציעלע טאלאנטן. פון אים זענען געבליבן א פאר מאמרים, וואס באווייזן א הויכע מאראלישע פערזענ־לעכקייט.

כל תורה שאין עמה מלאכה	תורה אן מלאכה
סופה בטלה וגוררת עוון.	האט נישט קיין האפט און ברענגט צו זינד.

ער גיט אויך א פראקטישע אנדייטונג, ווי ארומצוגיין מיט די רוימישע מאכט־פארשטייער:

הוו זהירין ברשות	זייט געהיט מיט די רעגירער,
שאין מקרבין לו לאדם	ווייל זיי דערנענטערן א מענטשן,
אלא לצרך עצמם.	נאר צוליב אייגננוץ.

אין ארץ־ישראל און אונטער דער אנפירערשאפט פון ר' חנינא בר חמא הויבט מען אן אין יענער צייט די פונאנדערארבעטונג פון דער משנה, וואס ווערט דערגענצט

מיט א זאמלונג פון שפעטערע משנות (בריתות). די משנות און בריתות ווערן אינטער־פרעטירט און אויסגעטייטשט און ווען זיך צעוואקסן אין דער וויטערדיקער לערע, דער תלמוד, לערע אין העברעאיש, אדער גמרא, לערע אין אראמעאיש.

די באציאונגען מיט רוים זענען גוטע די גאנצע צייט.

נאך סעפטימוס סעווערוס הערשן אין דער צייט דריי אימפעראטארן, וואס זענען אלע זייער פריינטלעך צו יידן. אנטאנינוס מארקוס אאורעליוס, דער זון פון סעפ־טימוס סעווערוס, איז מער באקאנט אונטערן ביינאמען קאראקאלא; ער רעגירט פון 211 ביז 217. עס פארבייט אים העליאגאבאלוס, וואס האט א נטיה צו יידישקייט, ער איז אפגעהיט פון עסן חזיר און פאראן אפילו א מיינונג, אז ער האט זיך מל געווען (117־222). פון די יארן 222־235 רעגירט דער אימפעראטאר אלעקסאנדער סעווערוס, וועלכער האט ארייגענומען אין זיין געבעט־צימער צווישן אלע הייליקייטן אויך די סטאטועס פון אברהם און ישוע פון נצרת. זיינע קעגנער פלעגן אים רופן אין שפאס: „שול־גבאי".

אין די צייטן, ווען די יידן אין דער רוימישער אימפעריע רוען אפ אונטער דעם צו זיי גוט געגויגטן אימפעראטאר אלעקסאנדער סעווערוס, לעבן איבער די יידן אין בבל א שווער שטיקל צייט. אין 224 ברעכט אויס אין פערסיע א מרידה קעגן די פרעמדשטאמיקע פארטישע הערשער. נאך צוויי יאר קאמף באזיגט ארדאשיר דער ערש־טער דעם פארטישן מלך פון דער ארסקידן־דינאסטיע, ארטאבאן דער פערטער, און גרינדעט א נייע דינאסטיע פון איינגעבוירענע פערסער, די סאסאנידן (226). ארדאשיר דער ערשטער ווערט שטארק געשטיצט פון די פריסטער פון דער פייער־אמונה, און איז דערפאר נישט טאלעראנט צו אנדערע אמונות, יידן ארייגערעכנט. אלע ווערן גע־צוווּנגען צו דינען צום פייער, ווען אפילו יידן, צוליב זייער צאל און וויכטיקייט, און ווייל זיי לעבן אין קאמפאקטע מאסן אין א באזונדערער געגנט, און געניסן פון א ברייטער אויטאנאמיע אונטער דער פירערשאפט פון אן אייגענעם פירשט פון דער דוד־דינאסטיע, וואס טראגט דעם טיטל ריש־גלותא, קאנען אויסמיידן די שווערע קאנ־סעקווענצן פון דער גזירה. די רדיפה דויערט ביזן טויט פון ארדאשיר דעם ערשטן, אין 241.

דאס פארוואנדלען די משנה פון א מינדלעכער אין א שריפטלעכער לערע האט דערמעגלעכט צו אנטוויקלען דעם ווייטערדיקן לימוד התורה אויך אין די לענדער חוץ ארץ ישראל. מען האט שוין מער נישט געדארפט פארן פון בבל קיין ארץ ישראל, צו לערנען מינדלעך אין דער ישיבה ביים סנהדרין. דער געשריבענער טעקסט פון דער משנה שטעלט צו דעם נויטיקן שטודיום־מאטעריאל און מען קאן שוין פארזעצן דעם לימוד אליין. צעבליט זיך טאקע נאך חתימת המשנה דער יידישער צענטער אין בבל, וואס זעצט פאר דעם ווייטערדיקן לימוד התורה אויף זיין אייגענעם דרך און וועט שאפן פאראלעל מיטן תלמוד פון ארץ ישראל (תלמוד ירושלמי), אן אייגענעם תלמוד (בבלי). אין בבל

האָט נאָך פאַר 210 עקזיסטירט אַ קליינע ישיבה (סידרא אין אַראַמעאיש), פון וועלכער די מער באַגאַבטע תלמידים פלעגן פאָרן קיין ארץ ישראל דערגענצן זייערע לימודים.

צוויי פון אָט די תלמידים פון דער סידרא אין בבל. אבא אריכא און שמואל בר נחמני, זענען געווען אין ארץ ישראל, ווען די משנה איז רעדאַגירט געוואָרן און אבא אריכא האָט זיך אפילו באַטייליקט אין איר רעדאַגירונג. באַלד ווי די קאָדיפיקאַציע־אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, האָבן זיךביידע בבלים צוריקגעקערט אהיים.

שמואל אַנטוויקלט די ישיבה, וואָס האָט עקזיסטירט אין נהרדעא, און רב גרינדעט אין 219 אַ נייע ישיבה אין דער שטאָט סורא. אבא אריכא ווערט באַטראַכט ווי דער גרינדער פון לימוד התורה אין בבל. ער איז מער באַקאַנט מיטן בלויזן טיטל רב, דער טיטל, וואָס ווערט געגעבן אַלע גרויסע געלערנטע פון נאָך דער אָפּשליסונג פון דער משנה, ביז דער רעדאַקציע פון תלמוד.

רב און שמואל זענען נישט נאָר די שטענדיקע בעלי־פּלוגתאס אין דער תלמודישער יוריספּרודענץ, זיי זענען אויך פערזענלעכקייטן מיט פאַרשידענעם גייסטיקן באַנעם. רב איז רעליגיעז און פּאָעטיש געשטימט. ער שאַפט די ערשטע תפילות פאַר די גרויסע ימים טובים: די שמונה־עשרה פון ראש השנה; מלכיות, זכרונות, שופרות. ער פאַרפאַסט אויך די תפילה פון עלינו, מיט וועלכער עס ווערן געשלאָסן אַלע תפילות. עס איז אַ תפילה פון משיחישן פאַרמעסט מיט העכסט נביאישע אידעאַלן: „לתקן עולם במלכות שדי", אויפריכטן די גאַנצע וועלט אין אַ געטלעכן קעניגרייך, פון צדק און יושר. רב איז געשטאָרבן אין יאָר 247.

שמואל איז געווען ווייניקער פּאָעטיש און מער וויסנשאַפטלעך ראַציאָנאַליסטיש איינגעשטעלט. ער גיט זיך אָפּ מיט פּראַקטישע ענינים, בעיקר דיני ממונות (קאָנפליקטן אין געלט־ענינים). ער שטעלט פעסט, אַז: „דינא דמלכותא דינא", די ציווילע געזעצגעבונג פון דער נישט־יידישער מלוכה זענען אויך גילטיק פאַר יידן. ער פּסקנט, אַז אַ סוחר טאָר נישט פאַרדינען מער ווי אַ זעקסטל, ווען נישט איז עס ווי גזלה; ער דערלויבט זיך אפילו צו זאָגן, אַז די טעג פון משיח וועלן זיך אונטערשיידן נאָר מיט דעם, וואָס דאָס יידישע פאָלק וועט מער נישט זיין אונטערגעיאָכט. ער צייכנט זיך אויך אויס אויפן געביט פון מעדיצין, מאַטעמאַטיק, און אַסטראָנאָמיע און באַרימט זיך, אַז

נהירין לי שבילין דרקיע,	איך בין קלאָר אין די שטעגן פון הימל,
כשבילין דנהרדעא	ווי אין די וועגן פון נהרדעא (זיין ווינשטאָט).

אַלס אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער פאַרפאַסט שמואל אַ לוח, אין וועלכן ער רעכנט אויס די דאַטומס פון די יידישע ימים־טובים אויף אַ צייט פאַראויס. אַרום יאָר 230 שטעלט ער צו דעם לוח צו דער גוטהייסונג פון נשיא און סנהדרין אין ארץ ישראל, אָבער ער באַקומט נישט די צושטימונג, וואָס וואָלט געמאַכט אַן ענדע צו דער העגעמאָניע פון דער נשיאות איבער די יידישע ישובים, ווייבאַלד זיי וואָלטן שוין נישט געווען

אפהענגיק פון ארץ־ישראל אין די פראגן פון פעסטשטעלן די עבור־יארן. דער לוח וועט אבער יא גוטגעהייסן ווערן אין א הונדערט דרייסיק יאר ארום, ווען די לאגע פון דער נשיאות וועט זיך ראדיקאל בייטן.

שמואל איז געשטארבן אין יאר 257. זיין ארט פארנעמט ר׳ נחמן בר יעקב, אן איידעם פון ראש גולה מר עוקבא. אין יאר 261 ווערט נהרדעא צעשטערט, און די ישיבה ווערט אריבערגעטראגן קיין פומבדיתא, ווו עס וועט זיך אנהויבן אנטוויקלען דער פלפול, וועגן וועלכן מען האט זיך געוויצלט, אז עס איז א סיסטעם ווי אזוי „דורכצופירן א העלפאנט דורך אן אויג פון א נאדל״.

איןביידע ישיבות, סורא און נהרדעא־פומבדיתא, ווערט איינגעפירט דער מנהג פון פארשפרייטן תורה צווישן די פאלקסמאסן. אין די חדשים, ווען דער יידישער ערד־ארבעטער איז פרייער פון זיינע באשעפטיקונגען, פאר די גרויסע יידישע ימים טובים, אין די חדשים אדר און אלול, פלעגן זיך די וויסנבאגיריקע צונויפקומען אין די ישיבות, ווו זיי פלעגן לערנען און הערן לעקציעס פון די ראשי ישיבות. דער איינפיר האט זיך גערופן ירחי כלה. די ישיבות אין בבל קאנען דערפאר פאררעכנט ווערן ווי דאס געבורט־ארט פון די פאלקס־אוניווערזיטעטן.

אזוי אנטוויקלט זיך אין בבל א גייסטיקע צענטער, וואס וועט שפעטער פארבייטן דעם צענטער אין ארץ ישראל, ווען ער וועט אריינפאלן אין דעקאדענץ.

66סטע לעקציע

קריזיס אין דער רוימישער אימפעריע

(235 ־ 284)

באלד נאכן טויט פון דעם נשיא גמליאל ב"ר יהודה אין יאר 230, טרעט אריין די רוימישע אימפעריע אין א שארפן קריזיס, וואס באדייט די ענדע פון דער אנטיקער וועלט און דעם אנהויב פון דעם מיטלאלטער. דער קריזיס איז אן אלזייטיקער, פאלי־טיש, מיליטעריש, עקאנאמיש, גייסטיק.

אין משך פון קנאפע פופציק יאר (235־284) בייטן זיך אויפן טראן פון דער אימפעריע העכער צוואנציק אימפעראטארס, און אין דורכשניט הערשט יעדער פון זיי קנאפע צוויי יאר. דער כמעט אומאויפהערלעכער בירגער־קריג רואינירט דאס עקאנאמישע לעבן פון דער אימפעריע. דאס רוימישע געלט פארלירט 55 פראצענט פון זיין ווערט. די מטבעות זענען שוין מער נישט פון גוטן זילבער, נאר פון ביליקע מעטאלן, צו וועלכע עס ווערט צוגעמישט א ביסל זילבער פון יוצא וועגן. די אינפלאציע שטייגט און עס פארשווינדט די זיכערקייט אין מארגנדיקן טאג.

דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האט אויך נישט אויסגעמיטן די פאלגן פון דעם שווערן פיליטיקן קריזיס. בעיקר האט געליטן די דארפישע באפעלקערונג, וואס האט געהאט אויסצושטיין פון די דינסט־לייסטונגען פאר די חילות פון די אימפע־ראטארס און פרעטענדענטן אויפן טראן. די ארעמקייט איז געשטיגן צו אזא מדרגה, אז איינער פון די גרעסטע תלמידי־חכמים פון יענער צייט, ריש לקיש, האט געמוזט איבעררייסן זיין לערנען און פארדינגען זיך אויף א צייט פאר א גלאדיאטאר. ווען דער דרשן ר׳ שמלאי האט פארלאנגט פון זיינע צוהערער אין טבריה, אז זיי זאלן קומען אנ־געטאן אין שבתדיקע בגדים, האבן זיי אים געענטפערט, אז די איינציקע בגדים, וואס זיי פארמאגן, נוצן זיי סיי שבת, סיי אינדערוואכן. די ארעמקייט האט געבראכט צו הונגער און צו מגפות. עס האט זיך אנגעהויבן אן עמיגראציע פון לאנד, קיין בבל, אויסער די גרענעצן פון דער רוימישער אימפעריע. אין לאנד גופא האט מען זיך גע־ווארפן צו מסחר, ביי וועלכן מען האט זיך פארט געקאנט בעסער דורכשפייזן. א פאלקס־

ווערטל פון יענער צייט זאָגט: „הונדערט גילדן אין מסחר, פלייש און ווייַן יעדן טאָג; הונדערט גילדן אין באָדן, קוים גרינצייג און זאַלץ". אויף עטוואָס צו פאַרלייכטערן די לאַגע, האָט דער נשיא ר׳ יהודה דער צווייטער דערלויבט צו באַנוצן נישט־יידישן בוימל. ער האָט אויך געוואָלט דערלויבן נישט־יידיש ברויט, אָבער דער סנהדרין האָט זיך קעגנגעשטעלט.

דער דאָזיקער נשיא, (230־285), האָט אויסגענוצט די אומאָרדענונגען אין דער אימפעריע אויף צו אויסברייטערן די רעכטן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע. די רוימישע מאַכט האָט צוגעזען און געשוויגן און נישט געוואַגט איינצורייסן מיטן מעכטיקן יידישן הערשער. די רעזידענץ פון דער נשיאות איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין טבריה, די וויכטיקסטע שטאָט פון דער געגנט. צוליב די אומאָרדענונגען איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער פאַרבאָט אויף יידן צו באַזעצן זיך אין ירושלים. מען האָט אָנגעהויבן אָפטער עולה לרגל צו זיין קיין ירושלים. לסוף האָבן אייניקע יידן דעפיניטיוו זיך באַזעצט אין זייער אַמאָליקער הויפּט־שטאָט. דאָך האָט זיך ר׳ יהודה נשיאה באַקלאָגט, אַז די רעגירונגען רייסן ביי אים צו הויכע אָפּצאָלן, אויף וואָס ריש לקיש האָט אים געגעבן אַן עצה: „נעם נישט ביי יענעם, וועט מען נישט מאָנען ביי דיר".

אָבער אויך אין די דאָזיקע שווערע צייטן. איז דער למוד התורה נישט אָפּ־געשטעלט געוואָרן. ר׳ יהודה נשיאה איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון פאָלקס־בילדונג און עס זענען פון אים פאַרבליבן אַ פּאָר הויכע געדאַנקען וועגן שול־קינדער:

אין העולם מתקים,	די וועלט האַלט זיך
אלא בשביל הבל פיהם	נאָר אין זכות פון דעם מויל־הויך
של תינוקות של בית רבן.	פון די חדר־קינדער.
	. . .
אין מבטלין	מען איז נישט מבטל פון לערנען
תינוקות של בית רבן	קיין חדר־קינדער,
אפילו לבנין בית המקדש.	אפילו פאַרן אויפבוי פון בית־המקדש.

עס איז אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן דאָס ווייטערדיקע שטודירן פון דער משנה. די תלמידי חכמים, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיטן דערקלערן די משנה ווערן אָנגערופן אמוראים (זאָגערס) און טראָגן דעם טיטל רב. אין יענער צייט האָבן געווירקט די גרויסע אמוראים ר׳ יוחנן בן נפחא און ר׳ שמעון בר לקיש, וואָס האָבן פאַרלייגט די יסודות פון תלמוד ירושלמי.

אָבער די ברייטע פאָלקסדיקע פאָלקס מאַסע האָט נישט געקאָנט געטרייסט ווערן פון דעם, וואָס די חכמים פאַרטיפן זיך אין דעם. אָדער יענעם דין. דער שווערער קריזיס האָט געפאָדערט אַ גייסטיקע שפּייז פון אַן אַנדער אינהאַלט. צעבליט זיך אין יענע צייטן די אגדה, דער ווונדערבאַרער פאָלקלאָר, וואָס די דרשנים האָבן אויסגע־טייטשט און איינגעטייטשט אין ווערטער פון דער תורה. נישט נאָר דינים און געזעצן, נאָר בעיקר, האָפענונג און טרייסט, מוסר און דרך ארץ, אין וואָס דאָס פאָלק האָט זיך

אזוי שטארק געניטיקט. פּאַראַלעל מיט די אמוראים, וואָס שאַפן די טרוקענע הלכה, הויבן אָן ווירקן די דרשנים, „רבנן דאגדתא", וואָס שאַפן די אייביק־זאַפטיקע אגדה, וועלכע וועט מיט דער צייט אריין אין תלמוד און אין די פאַרשידענע מדרשים. באַזונ־דערע זאַמלונגען וועלן שפּעטער מיט יאָרהונדערטער געמאַכט ווערן אין פּאָפּולערע ספרים, פון דעם „עין יעקב" ביזן מאָדערנעם ספר האגדה, ווו דאָס פאָלק זוכט און געפינט טרייסט און קרעפטיקונג אין זיין אייגענער חכמה. דער גרעסטער פון די בעלי אגדה איז געווען ר' שמלאי פון לוד. אין זיין דרך זענען געגאַנגען זיינע אײנציײטלער און נאָכפאָלגער: ר' לוי, ר' יצחק, ר' יהושעיה, ר' ירמיה, ר' שמעון בן פזי.

די יידן פון בבל לעבן איבער אין דעם זעלבן פּעריאָד דריי פאַרשידענע צייטן. פון 235 ביז 241 ליידן זיי נאָך די אָפּגעשוואַכטע רדיפות פון ארדאשיר דעם 1־טן, פון 241 ביז 272 לעבט זיך זיי זייער גוט אונטער דער הערשאַפט פון ארדאשירס יורש שאבור דער ערשטער, כאָטש אפילו זיי ליידן פון זיינע מלחמות מיט די רוימער. אין 260 נעמט שאבור געפאַנגען דעם אימפּעראַטאָר וואַלעריאַנוס. אלס נקמה רייסט זיך אריין אין בבל דער אַראַבישער מושל פון תדמור (פּאַלמירא) אדינעט, וועלכער מאַכט חרוב, צווישן אַנדערע אויך די יידישע שטאָט נהרדעא מיט איר באַרימטער ישיבה, וועלכע ציט זיך פּראָוויזאָריש אַריבער קיין מחוזא, און פון דאָרט קיין פום־בדיתא (261). נאָכן טויט פון שאבור דעם ערשטן אין 272, הויבן זיך אָן אין פּערסיע מהומות, וואָס דויערן דרייסיק יאָר און פון וועלכע יידן ליידן גלייך מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער אימפּעריע.

67סטע לעקציע

דאָס קריסטנטום נעמט איין רוים

אין יאָר 284 ווערט פאַרענדיקט דער קריזיס אין דער רוימישער אימפּעריע. אויף דעם אימפּעראַטאָר־טראָן גייט אַרויף דער ענערגישער פּויערים־זון פון דאַלמאַציע, דיאָקלעטאַנוס, וועלכער וועט רעגירן די אימפּעריע ביז 305, און וועט איר געבן אַ צוואַנציק יאָר סטאַביליטעט און רו. דיאָקלעטאַנוס וועט אויך פּרוּוון רעאָרגאַניזירן די אימפּעריע. ער זעט איין, אַז אַזאַ גרויסע מדינה קאָן נישט פאַרוואַלטעט ווערן פון איין אַדמיניסטראַטיוון צענטער. ער פאַרשטייט אויך, אַז אין גרונד באַשטייט די אימפּעריע פון צוויי באַזונדערע טיילן: דער מזרחדיקער, דער מער רייכער און מער ציוויליזירטער, ווו עס וועט גערעדט בעיקר גריכיש; און דער מערבֿדיקער, דער אָרעמערער און מער צוריקגעשטאַנענער, ווו עס ווערט גערעדט בעיקר לאַטיין. ער האַלט, אַז ביידע טיילן קאָנען נישט רעגירט ווערן מיטן זעלבן סיסטעם און פירט דורך די אַדמיניסטראַטיווע צעטיילונג פון דער אימפּעריע אין צוויי טיילן, מזרח און מערבֿ, ווען אפילו נאָמינעל, בלייבט זי איין גאַנצקייט. יעדע טייל באַקומט אַ רעגירער מיטן טיטל אויגוסטוס, וועלכער האָט אַ געהילף, וואָס טראָגט דעם טיטל צעזאַר. ווען דער אויגוסטוס שטאַרבט, באַטרעט דער צעזאַר זיין אַמט און באַשטימט אַן אַנדער צעזאַר אַלס זיין געהילף.

די פּאָליטישע סטאַביליזאַציע האָט זיך גוט אָפּגערופן אויף דער עקאָנאָמיק פון דער אימפּעריע, וואָס האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. אָבער דיאָקלעטאַנוס איז נישט געווען בכוח צו לייזן אויך דעם גייסטיקן קריזיס, וואָס האָט צעטרייסלט די עצם יסודות פון דער אַלטער וועלט, מיט דער אימפּעריע בראש. עס איז די עפּאָכע פון געטער־דעמערונג, דאָס געצנדינסט פאַרלירט דעם חן אין די אויגן פון די פּראָגעשריטענע קלאַסן. אויך דער פּשוטער המון קערט זיך אָפּ פון די געצן פון שטיין און האָלץ, זילבער און גאָלד. די היידנישע געטער זענען די באַשיצער פון די רייכע, און די מאַסן קערן זיך פון זיי אָפּ. די מלחמה קעגן געצנדינסט, וואָס דאָס יידנטום האָט אויפגעהויבן מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, האָט לסוף געגעבן איר רעזולטאַט. די וועלט איז געווען רייף פאַר אַ נייער העכערער רעליגיע. דאָס קאָמפּראָ־

מיסלאָזע יידנטום, וואָס האָט געפאָדערט די דערפילונג פון אַ רייע פּראַקטישע מצוות, צווישן זיי איניקע גאַנץ שווערע, ווי מילה, כשרות וכו׳, האָט נישט געקאָנט אָנגענו־מען ווערן פון די הײדנישע מאַסן, כאָטש זיי האָבן געפילט צו אים אַ שטאַרקע סימ־פּאַטיע. דאָס האָט אויסגענוצט דאָס קריסטנטום, וואָס האָט פאַר די קנאַפּע דריי הונ־דערט יאָר זינט זיין אַנטשטייאונג, באַוויזן צוצופּאַסן זיך צו אַ רייע געצנדינערישע געדאַנקען און מנהגים, און איז דערפאַר געוואָרן אָנגענעמבאַר פאַר די געצנדינער. דאָס קריסטנטום איז געוואָרן אַ וועלט־כוח, וואָס האָט האָט באַדראָט דעם קיום פון די אַלטע געטער און זייערע געצנדינערישע אמונות.

דיאָקלעטיאַנוס פּרוווט באַקעמפן דאָס קריסטנטום מיט רדיפות. אָבער אין גייסטיקע ענינים לאָזט זיך מיט פאַרפאָלגונגען ווייניק אויפטאָן. דאָס קריסטנטום, וואָס שטאַמט אָפּ פון יידנטום, באַווייזט אין דער געלעגנהייט, אַז עס האָט איבערגע־נומען פון יידנטום די גרויסע מידה פון מסירת נפש. עס אַנטשטייט אַ קריסטלעך מאַרטירערטום. דאָס קריסטנטום באַווייזט צו זיין אַ ווירדיקע טאָכטער פון יידנטום און קאָן אויסשטיין רדיפות.

אָבער די צייטן פון קריסטלעכן מאַרטירערטום האָבן נישט לאַנג געדויערט. אין 305 דאַנקט אָפּ דיאָקלעטיאַנוס און די רעגירונגס־סיסטעם, וואָס ער האָט צוגעטראַכט, לעבט נישט פיל איבער איר גרינדער. עס הייבט זיך אָן אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן די פיר רעגירער פון דער אימפּעריע. יעדער איינער פון די ביידע אויגוסטוס און ביידע צעזאַרס וויל בלייבן זעלבסטהערשער פון דער אימפּעריע. איינער פון די אויגוסטוס, דער הערשער פון מזרח, קאָנסטאַנטין, דער זון פון קאָנסטאַנציוס כלאָרוס, שאַצט ריכטיק אָפּ, אַז די קריסטן, וואָס בילדן אַ גרויסע טייל פון דער אַרמיי, קאָנען זיין אַ דעצידירנדיקער כוח, און ער הויבט זיך אָן דערנענטערן צו די קריסטן. אין 311 ווירקט ער אויס ביי זיין מיטרעגירער אַ דעקרעט פון טאָלעראַנץ פאַרן קריסטנטום. די פאַר־פאָלגונגען ווערן אָפּגעשטעלט. באַלד ווערט אויך דאָס קריסטנטום דערקלערט ווי אַ לעגאַלע רעליגיע באַגלייך מיטן יידנטום און הײדנטום. דאָס קריסטנטום ווערט אַ דעצידירנדיקער פּאָליטישער כוח.

אין זיין קאַמף מיט ליציניוס, דעם הערשער פון מערב, מוז קאָנסטאַנטין אַליין מער און מער זיך אָנשפּאַרן אויף די קריסטן, און ווען ער באַזיגט זיין קעגנער אין מערב און ער בלייבט דער איינציקער הערשער פון דער אימפּעריע, הויבט ער זיך אָן צו האַלטן פאַר אַ קריסט, ווען אפילו ער וועט זיך ערשט טויפן אויף זיין טויטן־בעט. ער איז איבערצייגט, אַז דער גאָט פון די קריסטן, פון וועלכן ער האָט אַ ריין געצנדינערישע פאָרשטעלונג, האָט אים געגעבן דעם זיג איבער זיין שונא, בכדי ער זאָל פאַרשפּרייטן דעם גלויבן אין אים איבער דער אימפּעריע.

דאָס קריסטנטום ווערט דערהויבן צו דער רעליגיע פון די רוימישע הערשער. מיטן דערפאָלג איז געקומען דער אַפּעטיט, ער ווערט פון אַ פאַרפאָלגטן פאַרוואַנדלט

אין אַ פאַרפאָלגער. ער וויל זיך אימפּאָנירן אויף כוח הן אויף די היידן, הן אויף די ייִדן. און נאָך צוויי הונדערט יאָר וואַפנשטילשטאַנד מיט דער רוימישער אימפּעריע, מוז דאָס ייִדנטום אַרייַנטרעטן אין אַ נייַעם גערAַנגל מיט דער נייַער אויפגעקומענער וועלט־מאַכט, מיטן קריסטנטום, אַ געראַנגל, וואָס דויערט נאָך ביז צו הייַנטיקן טאָג.

ארץ ישראל פאַלט אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון קריסטלעכע אימפּעראַטאָרן, וואָס וועלן אָפּשאַפן די נשיאות, און דערמיט צונעמען די פירנדיקע ראָל פון דעם ייִדישן ישוב אין לאַנד, זייַן העגעמאָניע איבער אַלע ייִדישע ישובים אין דער וועלט. אין דער זעלבער צייַט וועט דער ישוב אין בבל זיך אַנטוויקלען צו אַזאַ מדרגה, וואָס וועט אים דערלויבן די דאָזיקע העגעמאָניע איבערצונעמען. בבל בלייַבט אויסער דער הערשאַפט פון קריסטנטום, און די פירנדיקע ראָל אין ייִדישן לעבן וועט אַריבער צום דאָרטיקן ישוב אויף אַ צייַט פון אַרום זעקס יאָרהונדערטער (1030־425).

בכדי צו באַגרייַפן די גאַנצע אויסוויקלונג פון אָט דעם געראַנגל און גייסטיקן וויכוח צווישן ייִדנטום און קריסטנטום, וועלן מיר מוזן דורכשטודירן גענוי די אַנטוויקלונג־סטאַדיעס פון דער נייַער אמונה, ווען אפילו מיר וועלן צוליב דעם זיך דאַרפן צוריקקערן אויף דריי הונדערט יאָר צוריק, ווען דער גרויסער וויכוח האָט זיך אָנגעהויבן.

68סטע לעקציע

דער גרויסער וויכוח מיטן קריסטנטום: דער אסי יוחנן בן זכריה

(30)

ווען דאָס קריסטנטום איז געוואָרן דער גלויבן פון די רוימישע אימפעראַטאָרן, איז עס שוין אַלט געווען אַרום דריי הונדערט יאָר. אַנטשטאַנען אין יהודה, אין דער עקסטרעם־פרומער גרופּע פון די אסיים, האָט עס זיך צוליב אַ גאַנצער רייע אינערלעכע און אויסערלעכע סיבות אָפּגעטיילט פון יידנטום און אויסגעבילדעט אַ באַזונדערע אמונה, וואָס איז אַ מין פּשרה צווישן ריינעם יידנטום און אַבסאָלוטן היידנטום (געצנדינסט). דערמיט האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט פאַר די צאָלרייכע היידן, וואָס האָבן זיך געפילט צוגעצויגן צום יידנטום און האָבן זיך נישט געקאָנט מגיר זיין צוליב די ספּעציפישע שוועריקייטן פון דער יידישער אמונה: מילה, כשרות וכ׳ זיך אָנצושליסן אין אַ רעליגיע, וואָס האָט געפּריידיקט די מאָראַלישע פּרינציפּן פון יידישקייט און נישט געפאָדערט די דערפילונג פון אַלע פּראַקטישע יידישע דינים און מנהגים.

שוין אין די צייטן פון דעם חשמונאים־קאַמף האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אַ חילוק צווישן די גרופּן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. די עקסטרעם־פרומע גרופּע פון די חסידים האָט בלויז געשטרעבט צו רעליגיעזער פרייהייט פאַרן יחיד, האָט אָבער נישט געהאַלטן פאַר אַבסאָלוט נויטיק די פּאָליטישע פרייהייט פון פאָלק. פּאָליטישע ענינים האָבן זי ווייניק אינטערעסירט, און ווי נאָר די רעליגיעזע פרייהייט איז דערגרייכט געוואָרן, האָט זיך די דאָזיקע גרופּע צוריקגעצויגן פון קאַמף, וועלכער איז פאָרגעזעצט געוואָרן גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר כמעט אָן איר באַטייליקונג.

אין משך פון דער הערשאַפט פון די ערשטע חשמונאים איז די גרופּע פון עקסטרעם־פרומע חסידים ווייניק געוואַקסן אין צאָל. די ערשטע חשמונאים־הערשער זענען געווען גענוג פרום רעליגיעז, אַז זיי זאָלן קאָנען צוציען דעם איבערוועגנדיקן רוב פון די פרומערע עלעמענטן. אָבער ווען די שפּעטערדיקע חשמונאים־הערשער האָבן אַרויסגעוויזן העלעניזירנדיקע טענדענצן, און אָנגעהויבן זיך שטיצן אויף דער וועלט־

לעבער פּאַרטיי פון די צדוקים, דערוווייטערנדיק זיך פון די פּרומערע נאַציאָנאַל־איינ־געשטעלטע פּרושים, האָט די עקסטרעם־פרומע גרופּע חסידים גענומען וואַקסן אין צאָל און באַדייטונג. נאָך שטאַרקער איז געוואָרן זייער וווּקס אין די צייטן פון דער הורדוס־דינאַסטיע, ווען מיטן לאַנד האָבן רעגירט העלעניזירטע האַלב־יידן, אומקאַנדיציאָנעלע אַגענטן פון דער רויבערישער רוימישער אויבערמאַכט. דאַן איז אין אַ סך יידישע מוחות רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז מלוכהשאַפט און נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט האָבן נישט די ווערט די קרבנות וואָס זיי קאָסטן. שוין די רוימישע הערשער פּאָמפּעאוס, אַנטאָניוס און אויגוסטוס. האָבן געהאַט אויפגעוועקט דעלעגאַציעס פון שטאָק־פרומע יידן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל גאָר אינגאַנצן אָפּגעשאַפט ווערן די יידישע מלוכהשאַפט און עס זאָל צוריק איינגעפירט ווערן די רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, מיטן כהן־גדול בראש, ווי אין די „גוטע אַלטע צייטן".

מיט דער צייט איז זיך די חסידים־גרופּע צעוואַקסן אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער פּאַרטיי, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען אסיים. בערך אַ הונדערט יאָר, פון יאָר 70 פאַר, ביז 30 פון ד. א. צ. ר., האָבן זיך די אסיים געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון פאָלק און דערוווייטערט פון פּאָליטישן לעבן. זיי האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין די אָאַזיסן פון מדבר־יהודה, ווו זיי האָבן געגרינדעט ישובים אויף קאָמוניסטישע יסודות, די ערשטע קבוצות, און האָבן געווידמעט זייער צייט צו אַרבעט, תפילות, דענקען און לעבן אין קדושה וטהרה. אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד האָבן זיי זיך ווייניק געמישט. בלויז פון צייט צו צייט פלעגן זיי קומען מתפּלל זיין אין בית המקדש און אפילו מקריב זיין קרבנות, אָבער נישט פון בעלי־חיים, נאָר בלויז פון מעל און בוימל (מנחות), ווען אפילו נישט אַלע אסיים האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון מקיים זיין די מצוה פון פריה ורביה און האָבן געהאַט פאַמיליעס, זענען אָבער אַ סך געווען אָרגאַניזירט ווי אַ נזירים־אָרדן. דער סימבאָל פון אַריינטרעטן אין זייער אָרדן איז געווען דאָס טובלען זיך אין די וואַסערן פון ירדן. זיי פלעגן אויך אָפט מאַכן טבילות אין משך פון טאָג, פאַרן דאַווענען, נאָך דער אַרבעט וכו'.

דער פאַרלאַנג פון די שטאָק־פרומע שיכטן איז דערגרייכט געוואָרן אין יאָר 6 פון דער א. צ. ר. ווען דער זון פון הורדוס, אַרכעלאַאוס, איז באַזייטיקט געוואָרן פון דער מלוכה. און יהודה איז געוואָרן אַ רוימישע פּראָווינץ, ווו די ציוויל־פּאָליטישע מאַכט האָט געהערט צום רוימישן פּראָקוראַטאָר, און די גייסטיק־רעליגיעזע צום כהן־גדול. אָבער די רפואה איז געווען ערגער פון דער מכה. אונטער די ערשטע רוימישע פּראָקוראַטאָרן האָבן יידן נאָכאַמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון אַן אַבסאָלוט פרעמדער מאַכט, לגבי וועלכער די האַלב־פרעמדע הורדוס־דינאַסטיע איז געווען אַן אידעאַל, און ווער רעדט שוין פון די חשמונאים. די אָרעמקייט אין פאָלק איז געוואַקסן. דער רוימישער יאָך איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, און דאָס קרעכצן און זיפצן פון די אונ־טערדריקטע מאַסן איז אויך דערגאַנגען צו די אָפּגעזונדערטע ישובים פון די אסיים,

ווען מען צאָל האָט געגומען שנעל וואַקסן, טראָץ אַלע שוועריקייטן, וואָס זיי האָבן געשטעלט אויף אַנצונעמען נייע מיטגלידער.

די שטאָק־פרומע אסיים האָבן אָנגעהויבן דערקלערן אַז די אַלע צרות פון פאָלק אַלס די חבלי־משיח, די לײַדן וואָס דאָס פאָלק וועט דאַרפן אויסשטיין אין די לעצטע יאָרן, איידער עס וועט קומען די פולשטענדיקע גאולה דורך דעם צוגעזאָגטן משיח, וועגן וועלכן זיי האָבן פאַרפאַסט אַ רייע כתבים און מזמורים. אָבער לײַדן אַליין זענען נישט גענוג. די לײַדן דאַרפן דינען אַלס אָנרעגונג צו תשובה, ווײַל נאָר דורך תשובה־טאָן אויף די זינד, קאָן דער מענטש מיטהעלפן צום אָנקום פון גרויסן גאולה־טאָג. וואָרום פאַרן קומען פון משיח, וועט דאָך זײַן דער טאָג פון גרויסן משפט, דער טאָג פון גאָטס גערעכטיקייט (יום ד׳), וואָס וועט אויסראָמען אַלע די, וואָס פאַרדינען נישט צו דערלעבן משיחן, וועלכער וועט באַנייען אויף דער וועלט דאָס קעניג־רײַך פון גאָט (מלכות שמים). מוז מען אָנהויבן אַ תשובה־באַוועגונג.

דער אסי יוחנן בן זכריה לאָזט זיך אַרום איבערן לאַנד פּרײדיקן תשובה. ער רופט אומעטום, איבער שטעטלעך און דערפער: „טוט תשובה, ווײַל דער טאָג פון געטלעכן קעניגרײַך איז נאָענט. שוין איז אויפגעהויבן די האַק אויף די וואָרצלען פון די ביימער, און יעדער בוים, וואָס טראָגט נישט קיין גוטע פרוכט, וועט אויסגע־האַקט ווערן און געשליידערט ווערן אין פײַער״. אַלס סימבאָל פון דער תשובה פּריי־דיקט יוחנן דעם אסישן מנהג פון טבילה, און טויזנטער ייִדן פון יהודה און ירושלים און ירדן־געגנט לאָזן זיך פון אים טובלען אין ירדן. דערביי זאָגט יוחנן בן זכריה צו זײַנע נייע אָנהענגער: „איך טובל אײַך אין וואַסער, אָבער נאָך מיר קומט איינער, וואָס איך בין נישט ווערט צו פאַרבינדן זײַנע שיך, און ער וועט אײַך טובלען אין פײַער פון הייליקן גייסט״. אויף אַזאַ אופן זאָגט יוחנן בן זכריה אָן דאָס נאָענטע קומען פון משיחן.

אַלס עקסטרעם פרומער ייִד פאַרפירט יוחנן אַ מחלוקת מיטן הערודישן הער־שער דעם טעטראַרך, הורדוס אַנטיפּאַס, דער זון פון הורדוס דעם גרויסן. דאָס מחלוקת איז פון ריין ייִדישן אינהאַלט. לויטן אוראַלטן ייִדישן דין, איז ווען אַ מאַן שטאַרבט קינדערלאָז, דאַרף זײַנער אַ ברודער חתונה האָבן פאַר זײַן אַלמנה. אויב אָבער די אַלמנה האָט יאָ אַ קינד פון איר ערשטן מאַן, טאָר זי זײַן ברודער נישט נעמען, ווײַל עס איז בלוט־שאַנדע (ערוה). דער דאָזיקער געזעץ איז פאַרשידן אויסגעטײַטשט גע־וואָרן פון די פרושים און צדוקים. די לעצטע האָבן זיך, ווי שטענדיק, געהאַלטן בײַם טעקסט פון געזעץ, וועלכער זאָגט „ובן אין לו״, ער האָט נישט קיין זון, ס׳הייסט, אַז אויב פון דעם ערשטן מאַן איז געבליבן אַ טאָכטער, דאַרף דער ברודער יאָ חתונה האָבן פאַר זײַן אַלמנה. די פרושים אָבער האָבן זיך מער גערעכנט מיטן זין פון געזעץ און האָבן געטײַטשט די ווערטער „ובן אין לו״: און קיין קינד האָט ער נישט, ס׳הייסט, אַז אויב עס איז פון ערשטן מאַן געבליבן אַ טאָכטער, טאָר פאַר איר זײַן ברודער נישט

חתונה האָבן. נו, האָט געטראָפן, אַז הורדוס־אַנטיפּאַס האָט חתונה געהאַט פאַר זיין ברודערס אַלמנה, העראָדיאַ, כאָטש זי האָט געהאַט פון ערשטן מאַן אַ טאָכטער, שלומית (סאַלאָמע). יוחנן בן זכריה האָט אָבער געהאַלטן מיט דער מיינונג פון די פּרושים, און האָט מיט אמת־נבואישן מוט געשטראָפט דעם הערשער פאַר בלוט־שאַנדע. די העראָדיאַנער, וואָס האָבן איבערגענומען די אַכזריות פון די העלעניסטישע און רוימישע הערשער, האָבן אויך שטאַרק געהאַלטן פון דעם באַגריף „לעסאַ מאַיעסטעט", קעניג־באַליידיקונג, האָט הורדוס־אַנטיפּאַס געלאָזט איינשפּאַרן יוחנן בן זכריהן אין דער פעסטונג מאַכוועך. אָבער כפי דער שטרענגער מוכיח איז אויך דאָרט נישט אַנט־שוויגן געוואָרן, האָט אים דער הערשער געלאָזט טויטן. דער אסי יוחנן בן זכריה, וועלכער איז אומגעקומען אין קאַמף פאַר אַ פּרושישער אינטערפּרעטאַציע פון אַ זאַץ פון דער יידישער תורה, וועט שפּעטער, מיט דער צייט, ווערן דער ערשטער קריסטלעכער מאַרטירער־הייליקער, מיטן נאָמען יאָהאַן (יוחנן) דער טויפער (דער טובלער).

69סטע לעקציע

דער גרויסער וויכוח מיטן קריסטנטום: ישוע בן יוסף פון נצרת

צווישן די תלמידים פון יוחנן בן זכריה, וואָס האָבן זיך פון אים געלאָזט טובלען לשם תשובה אין די ירדן־וואַסערן, איז געווען דער יונגער סטעלמאַך ישוע, דער זון פון סטעלמאַך יוסף, פון דער שטאָט נצרת, וואָס אין גליל. ווען דער רבי יוחנן איז אומגעקומען, האָט דער תלמיד, ישוע, איבערגענומען זיין מיסיע און פאַר־געזעצט דעם רוף צו תשובה איבער די יידישע ישובים פון זיין געגנט אין גליל.

ישוע איז געווען אַ זייער באַגאַבטער מענטש, אַ תלמיד חכם; ער האָט אַ צייט געלערנט אין די ישיבות פון גליל און אפילו ירושלים. זיינע אָנהענגער האָבן אים גענומען רופן רבי. דערצו איז ער געווען אַ מילדער, צוגעלאָזענער מענטש, גוט צו אָרעמע און אונטערדריקטע, האָט נישט געמאַכט קיין וועזן פון זיין לומדות און האָט זיך געהאַלטן ווי אַ גלייכער מיט גלייכע מיט די פאַרגרעבטע פּויערים און פישער פון גליל, וואָס מען האָט באַצייכנט מיטן בטול־נאָמען עם־הארץ. ער פלעגט עסן מיט זיי פון איין טעלער, כאָטש זיי זענען נישט געווען אַזוי אָפּגעהיט אין די דינים פון ריטואַלער ריינקייט, ער האָט אפילו געדולדעט, וואָס זיי האָבן נישט שטענדיק אַכטונג געגעבן צו וואַשן די הענט פאַרן עסן. ער האָט צו זיך צוגעלאָזן אַפילו די מער אָפּגעפרעגטע עלעמענטן פון פאָלק: די צינז־מאָנער, וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרהאַסט, פרויען פון צווייפלהאַפטער אויפפירונג א. אַ. וו.

ישוע באַגנוגנט זיך נישט מיט בלויז פרידיקן תשובה, ער לערנט אויך, ווי אַ מענטש דאַרף זיך אויפפירן נאָך דעם ווי ער וועט תשובה טאָן. ער זאָגט, אַז ער איז נישט געקומען ענדערן די תורה פון משה, נאָר בלויז צוגעבן צו איר, און דערפאַר איז זיין נייע לערע אַ ביסל צו פרום. אַזוי, למשל, פרידיקט ער, אַז ווער עס קוקט בלויז אויף אַ פרוי מיט גלוסטעניש, איז גלייך ווי ער וואָלט מיט איר מזנה געווען. ווער עס ווערט בלויז אין כעס אויף אַ פריינד, איז שוין באַגאַנגען אַן עבירה. ווער עס רופט אַ פריינט „אויסוואָרף", קומט אום אין גיהנום. נישט נאָר טאָר מען נישט שווערן אויף פאַלש, מען טאָר בכלל נישט שווערן. מען טאָר אויך נישט זיך קעגנשטעלן שלעכטס: דערלאַנגט דיר איינער אין איין באַק, שטעל אים אונטער די צווייטע; נעמט ביי דיר

איינער צו דאָס העמד, גיב אים אויך אַוועק דעם אויבערבגד. מען טאָר נישט משפּטן, בכדי מען זאָל אַליין נישט געמשפּט ווערן. ישוע פּריידיקט אויך אַן איבערגעטריבע־נעם בטחון: זאָרגט נישט אויפן מאָרגן, זאָל ער זיך אַליין פאַרזאָרגן. זאָרגט נישט וועגן דעם, וואָס איר וועט עסן און וואָס איר וועט אָנטאָן אויפן לייב; די נשמה איז טייערער פון עסן און דער קערפּער איז טייערער פון מלבוש. בעט און עס וועט אייך געגעבן ווערן. קלאַפּט אין טיר, און עס וועט אייך געעפנט ווערן. אין פּאָליטיק איז ישוע נישט פאַראינטערעסירט. נישט כדאי די מי: גיט דעם צעזאַר (קיסר) וואָס אים באַלאַנגט, — די צינזן, און גאָט, וואָס עס געהערט צו אים, — די נשמה. בעיקר דאַרף מען היטן די נשמה. זיינע דרשות פלעגט ישוע באַווירצן מיט אויסרופן, וואָס האָבן געמוטיקט און געשטאַרקט די דערשלאָגענע און אַנטמוטיקטע: „ווויל איז צו די וואָס טרויערן, ווייל זיי וועלן געטרייסט ווערן. ווויל איז די באַשיידענע, ווייל זיי וועלן ארבן די וועלט. ווויל איז די, וואָס לעכצן נאָך גערעכטיקייט, ווייל זיי וועלן געזעטיקט ווערן. ווויל איז די וואָס האָבן רחמנות, ווייל מען וועט אויף זיי רחמנות האָבן. ווויל איז די, וואָס זענען ריין מיטן האַרצן, ווייל זיי וועלן זוכה זיין צו זען גאָט. ווויל איז די, וואָס יאָגן זיך נאָך פרידן, געטלעכע קינדער וועט מען זיי רופן"... (מתי ה׳ 4־10)

ישוע באַטאָנט בעיקר די מאָראַלישע ווערטן פון יידישקייט, בנוגע די פּראַק־טישע, ריטועלע פירונגען איז ער ווייניקער שטרענג. ער לערנט זיינע אָנהענגער, אַז פאַר תפילה־טאָן איז גענוג די קורצע תפילה, וואָס פלעגט געזאָגט ווערן פון די, וואָס זענען אונטערוועגס, אָדער אין א סכנה, אָדער קאָנען סתם נישט אָפּריכטן קיין פול דאַווענען. די תפילה זאָגט: „פאָטער אין הימל, זאָל דיין נאָמען געהייליקט זיין. זאָל קומען דיין מלכות, זאָל דערפילט ווערן דיין רצון אויפן הימל און אויף דער ערד. גיב אונדז אונדזער טעגלעך ברויט און זיי אונדז מוחל אונדזערע זינד, ווי מיר זענען מוחל אנדערע. ברענג אונדז נישט צו קיין נסיון און היט אונדז אויס פון שלעכטס".

ישוע ווערט שטאַרק באַליבט ביי דער דאָרפישער באַפעלקערונג פון גליל. מען הויבט אָן צו דערציילן וועגן אים מופתים: קראַנקע האָט ער געהיילט, שטומע געמאַכט רעדעוודיק, לאָמע האָבן אָנגעהויבן גיין, ער טרייבט ארויס דיבוקים, ער זאָל אָפילו האָבן מחיה־מתים געווען... מען הויבט אָן צו מורמלען, אַז אפשר איז ער עס דער משיח... ווען די קלאַנגען דערגייען צו ישוע, פרעגט ער ביי זיינע תלמידים וואָס רעדן מענטשן וועגן אים, און שמעון בר יונה זאָגט אים, אַז מען האַלט, ער איז דער משיח; עס קומט צו א שאַרפן איבערררייד צווישן רבין און תלמיד, און ישוע זאָגט אים לסוף: „אַוועק פון מיר, שטן, דו הערסט נישט דאָס וואָרט פון גאָט, נאָר הערסט זיך צו, וואָס מענטשן רעדן". ער איז אפנים אַליין נישט קלאָר מיט זיין מהות.

אויף פסח פון יאָר 33 קומט ישוע מיט זיינע תלמידים קיין ירושלים. זיין אָנוועזנהייט אין דער הויפּטשטאָט אין די טעג פון באַפרייאונגס־יום־טוב רופט אַרויס אַ שטאַרקן אויפברויז צווישן די עולי רגל. די שטימונג אין שטאָט ווערט שטאַרק אָנגעצווינגן. ביי זיין באַזוך אין בית המקדש איז ער באַגלייט געוואָרן פון אַ גרויסער מאַסע, פון צווישן וועלכער עס האָבן זיך דערהערט אויסרופן: הושענא לבן־דוד, גאָט, העלף דעם זון פון דוד! אין דער לופטן שמעקט מיט אויפשטאַנד קעגן רוים, און גראָד געפינט זיך דאַן אין ירושלים דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס, וועלכער איז, ווי אַלעמאָל, געקומען אויף די „געפערלעכע" פּסח־טעג מיט אַ שטאַרקער מיליטערישער אָפּטיילונג, אויף איינצוהאַלטן די אָרדענונג.

אין זיין באַזוך אין בית המקדש דערלויבט זיך ישוע אַ פּאָר האַנדלונגען, וואָס קאָנען באַדייטן, אַז ער באַטראַכט זיך באמת פאַרן משיח. ער צעטרייבט פון די אויסערלעכע בית־המקדש - הייף הענדלער מיט טויבן פאַר קרבנות, ווייַן און בוימל, די חלפנים, וואָס בייטן אויס די מטבעות פון די פאַרשידענע לענדער פון וואַנען יידן קומען עולה לרגל זיין; ער טענהט דערביי, אַז דער בית־המקדש איז אַ הויז פון תפילה, נישט אַ פּלאַץ פאַר האַנדל; איינעם פון זיינע תלמידים, וועלכער דריקט אויס זיין התפּעלות פאַר דעם גראַנדיעזן בנין פון בית־המקדש, זאָגט ער, אַז ר'איז בכוח צו צעשטערן דעם בנין וואָס איז געבויט דורך מענטשן, און אין דריי טעג אַרום אויפשטעלן אַ געביידע, נישט פון מענטשן געבויט. דאָס אַלץ ווערט אויסגעטייטשט פון זיינע אָנהענגער אַלס באַווייז, אַז ער איז דער אַזוי לאַנג דערוואַרטער משיח, אָבער ער מאַכט נישט קיין אויסדריקלעכע דערקלערונג וועגן דעם. אדרבא, ער האַנדלט אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר דער מאַכט, ער בלייבט נישט נעכטיקן אין ירושלים, נאָר גייט אַוועק אין די דערפער אַרום שטאָט.

די דאָזיקע אומאַנטשלאָסנקייט ווירקט אויף איינעם פון זיינע תלמידים, יהודה איש קריות, וועלכער הויבט אָן צווייפלען אין דעם, צי זיין רבי איז טאַקע דער אמתער משיח. אַן עקזאַלטירטע נאַטור, בלייבט ער נישט אומאַנטשלאָסן, נאָר, פאַרקערט, ער וויל צווינגען דעם רבין ער זאָל זיך דעפינירן, אַהער אָדער אַהין. יהודה ווייסט, אַז אין די קרייזן פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס שטייט בראש פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג, איז מען אומרואיק וועגן דעם אויפברויז, וואָס דער באַזוך פון ישוע האָט אַריינגעטראָגן. מען האָט מורא פאַר אַן אינטערווענץ פון דער רוימישער מאַכט, וועלכע קאָן זיך טשעפּען צו דעם, וואָס די יידישע מאַכט האָט נישט אַרויסגעגעבן אַ פּערזאָן, וואָס פּראָקלאַמירט זיך אַלס משיח, און באַגייט דערמיט אַ פּאָליטישן פאַרברעכן. די רוימישע מאַכט איז אויך אומרואיק; נישט לאַנג צוריק האָט זי קוים באַהערשט אַ מרידה־באַוועגונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען אַ געוויסער בר־אבא (באַראַבאַס), וועלכן זיי האַלטן איצט געפאַנגען. יהודה מעלדעט זיך צו דער יידישער מאַכט און שלאָגט זיי פאָר אַרויסצוגעבן די באַהעלטעניש,

ווי ישוע נעכטיקט, מען זאָל אים פון דאָרט, אָן איבעריקן רעש, קאָנען ברענגען צום סנהדרין אויף אַ פאַרהער, און דערוויסן זיך דעפיניטיוו, צי האַלט ער זיך פאַר משיח, אָדער נישט.

יענעם יאָר איז דער ערשטער טאָג פסח אויסגעפאַלן אום שבת. אין אַזאַ פאַל פלעגן די צדוקישע כהנים־גדולים פאַראָרדענען מקריב זיין דעם קרבן פסח דאָנערשטיק פאַרנאַכט. ישוע מיט זיינע תלמידים האָבן, ווי כשרע יידן, מקריב געווען זייער קרבן פסח און געפראַוועט דעם סדר אין אַ הויז אויפן גרענעץ פון שטאָט, ווייל דער קרבן פסח מוז דאָך געגעסן ווערן נאָר אין ירושלים. דער רבי האָט געמאַכט קידוש, געטיילט זיינע תלמידים ווייז פון קידוש־בעכער, שפעטער, נאָך דער הגדה פון יציאת מצרים, האָט ער צעבראָכן די מצות און געגעבן זיי מקים זיין די מצוה על אכילת מצה (פון אָט דעם וויין מיט דער מצה פון לעצטן אָוונטברויט, וועט שפעטער ווערן אַ מיסטישער קריסטלעכער סאַקראַמענט, באַקאַנט אַלס „קאָמוניאָן”.)

נאָכן סדר איז ישוע פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער פאָליציי פון דער יידישער מאַכט, וועלכער יהודה איש קריות האָט געוויזן דעם וועג צום הויז, ווו דער סדר איז געפראַוועט געוואָרן. ישוע ווערט געבראַכט פאַרן סנהדרין, וואָס ווערט פרעזידירט פון כהן גדול יוסף בן הקייף (קאַיאַפאַ). עדות דערקלערן, אַז זיי האָבן געהערט פון אים אויסדרוקן, וואָס קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אַ גאָט־לעסטערונג, אָבער זייער עדות זאָגן איז פאַרן סנהדרין נישט גענוג. דער עיקר איז צו וויסן, צי האַלט ער זיך פאַרן משיח, אָדער נישט, ווייל נאָר אין דעם פאַל ווערט ער אַ פאָליטישער פאַרברעכער, וואָס מוז אויסגעליפערט ווערן דער רוימישער מאַכט. לסוף פרעגט אים דער כהן־גדול: „איך באַשווער דיך ביים לעבעדיקן גאָט, דו זאָלסט אונדז זאָגן, ביסטו דער געטלעכער משיח?” ישוע גיט אַ נישט קלאָרע תשובה. ער ענטפערט: „דו האָסט עס געזאָגט”, גלייך ווי ער אַליין וויל עס נישט זאָגן. ער גיט אָבער צו: „און איך זאָג אייך, אַז גאָר גיך וועט איר זען דעם מענטשן־זון, ווי ער זיצט ביי דער רעכטער האַנט פון אַלמעכטיקן און קומט מיט די וואָלקנס פון הימל”. לויט אַ צווייטער גרסא, זאָל ער האָבן געזאָגט: „יאָ, איך בין עס”. אין אַלע פאַלן האָט דער כהן גדול באַטראַכט זיין דערקלערונג ווי אַ באַשטעטיקונג פון דעם, אַז ער האַלט זיך פאַר משיח און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויסליפערן אים דער רוימישער מאַכט.

פאָנטיוס פילאַטוס, דער רוימישער פראָקוראַטאָר, האָט מיט ישוע נישט געמאַכט קיין לאַנגע מהזקות, ער האָט זיך געאיילט צו ליקווידירן דעם גאַנצן ענין און דער טאָג איז געווען פרייטיק, דערצו ערב פסח, מען האָט זיך געמוזט אַוועקיילן. פון יוצא וועגן שיקט ער אים אָפ צו הורדוס־אַנטיפאַס, דעם הערשער פון גליל, אָבער יענער שיקט אים צוריק. ישוע ווערט פון פילאַטוסן פאַרמשפט צום טויט דורך קרייצונג, אַ רוימישער אכזריותדיקער אופן פון טויט־שטראָף, און ער ווערט גלייך נאָכמיטאָג געקרייציקט. אויפן קרייץ לאָזט פילאַטוס צוקלאַפּן אַן אויפשריפט: ישוע פון

נצרת דער מלך פון די יידן". דער ראשי תבות פון די באַטרעפנדיקע פיר לאַטיינישע ווערטער J. N. R. J. באַצירט ביז היינט אַ סך קריסטלעכע קרייצן. ישוע איז געקריי־ציקט געוואָרן אין די ערשטע שעהען פון נאָכמיטאָג, און פאַרנאַכט האָט מען אים שוין געמוזט אַראָפּנעמען. ווייל לויטן יידישן דין, וואָס אויך די רוימישע מאַכט אין יהודה האָט רעספּעקטירט, טאָר קיין הינגעריכטעטער נישט בלייבן הענגען אויף דער תליה ביז איבער נאַכט. עס איז אַ גאָטס־לעסטערונג. אַזוי אַז ישוע איז געהאָנגען קוים אַ געציילטע פּאָר שעה, וואָס זענען נישט גענוג, אַז אַ הינגעריכטעטער זאָל אויס־גיין אויפן קרייץ. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ער איז גאָרנישט געווען טויט, ווען מען האָט אים פון קרייץ אַראָפּגענומען, און איז שפּעטער געקומען צו זיך.

צוליב ערב שבת האָט מען ישוען נישט געקאָנט באַערדיקן ווי עס באַדאַרף צו זיין. מען האָט אים פּראָוויזאָריש דעפּאָזיטירט אין אַ קבר, וואָס איינער פון זיינע אָנהענגער האָט פאַרמאָגט. ווען מען איז געקומען נאָך שבת, זונטיק פרי, צו טאָן אים זיין רעכט לויט די יידישע מנהגים, האָט מען דעם קבר געטראָפן ליידיק. די מער עק־זאַלטירטע פון זיינע אָנהענגערינס האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן געזען אַ מלאך, וועל־כער האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן נישט זוכן דעם טויטן קערפּער פון ישוע, ווייל יענער איז אַרויף אויפן הימל. דער קבר ווערט ביז היינט פאַרהייליקט פון די קריסטן.

די קרייציקונג פון ישוען האָט אויסגעניכטערט די גרויסע מאַסע פון זיינע אָנהענגער, אָבער זיינע תלמידים, און אַ הייפל פון גאָר עקזאַלטירטע אָנהענגער, האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים, אַרויף אויפן הימל, פון וואַנען ער וועט צוריקקערן, אויף צו דערפילן זיין משיחישע מיסיע און ברענגען די גאולה.

דערווייל האָבן זיינע תלמידים, בראש פון וועלכע עס איז געשטאַנען דער פישער־מאַן פון גליל, שמעון בר יונה, פאַרגעזעצט צו פאַרשפּרייטן זיין לערע, און האָבן געהיילט קראַנקע אין זיין נאָמען. זיי האָבן געגרינדעט אַ סעקטע פון יידן, וואָס האָבן געגלויבט, אַז ישוע בן יוסף איז געווען משיח, און האָבן זיך גערופן ענווים אָדער אביונים.

70סטע לעקציע

דער גרויסער וויכוח מיטן קריסטנטום: שאול פון טאַרסוס

(58 ־ 66 פון ד. א. צ. ר.)

די יידישע סעקטע פון די, וואָס האָבן געגלויבט אין דער משיחישער מיסיע פון ישוע בן יוסף פון נצרת, איז אופגענומען געוואָרן גאַנץ טאָלעראַנט מצד דער יידישער עפנטלעכקייט. מען האָט זי נישט אויסגעשלאָסן פון יידישן כלל, מען פלעגט זיי מצרף זיין צו אַ מנין. אין אַ צייט ארום האָט מען זיי בלויז פאַרבאָטן צו זיין פאַר־בעטערס (חזנים), מען האָט זיי אפילו געלאָזט פריידיקן זייער גלויבן אין ישוע אַלס משיח אין די עזרות פון בית המקדש, וווהין זיי פלעגן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע יידן קומען מקריב זיין קרבנות און מתפלל זיין. מען האָט זיי נאָר אַ נאָמען געגעבן „מינים", ס'הייסט, יידן פון אַ באַזונדערן מין. פאַראַן אויך אַ מיינונג, אַז דאָס וואָרט „מין" איז אַ ראשי־תבות פון די ווערטער מאמיני ישוע הנוצרי, די וואָס גלויבן אין ישוע פון נצרת. בראש פון דער סעקטע זענען געשטאַנען דער ברודער פון ישוע, יעקב, אַ גאָר גאָטספאָרכטיקער ייד, און זיין באַליבטסטער תלמיד שמעון בן יונה, אַ פישער פון גליל, וועלכער איז געווען אַ קלענערער למדן, אָבער אַ ייד דורך און דורך.

אָבער די לערע וועגן ישוע און זיין משיחישער מיסיע האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס מחוץ דער יידישער סביבה אין יהודה, צווישן די געצנדי־נער, וואָס זענען געשטאַנען גאָר נאָענט צו יידישקייט, ווי אויך צווישן די העלעניזירטע יידן אין חוץ לארץ, וועלכע האָבן גערעדט גריכיש, זענען געווען שטאַרק אסימילירט און האָבן איינגעזאַפּט אין זייער אונטערבאַוווּסטזיין אַ כך היידנישע באַגריפן.

יידישקייט האָט פון קדמונים אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס ביי די בעסערע צווישן די געצנדינער. דער גלויבן אין איינציקן גאָט, די מאָראַלישע לערעס פון יידנטום, די שבתים און ימים־טובים, דאָס יידישע פאַמיליען־לעבן, האָט צוגעצויגן אַ סך פון די דענקענדיקע נישט־יידן. מאַסן געצנדינער האָבן זיך אין פאַרשידענע צייטן מגייר געווען און פאַרשלונגען געוואָרן אין יידישן פאָלק. זיי ווערן אפילו דער מאָנט אין אַ תפילה פון שמונה עשרה צוזאַמען מיט די צדיקים און חסידים, דאָס זענען די גרי הצדק, די אויפריכטיקע גרים, וואָס זענען געוואָרן פולשטענדיקע יידן.

אָבער נאָך גרעסערע מאָסן האָט געצויגן צו יידישקייט, ווען אַפילו זיי האָבן נישט געהאַט דעם מוט אָנצונעמען דעם עול פון די „שווערע" יידישע מצוות, ווי מילה, כשרות וכ'. אויך אַט די האַלבע יידן ווערן דערמאָנט צום גוטן אין די יידישע תפילות, אונטערן נאָמען „יראי ד'" — גאָטספאָרכטיקע. אין בית־המקדש איז פאַר זיי אָפּגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדער הויף (עזרה) און די לויים פלעגן זיי דערמאָנען אין זייערע הימנען, און בענטשן זיי צוזאַמען מיטן כלל ישראל.

אַט צווישן די צוויי עלעמענטן, די היידן, וואָס האָבן זיך געריסן צו יידישקייט, און די יידן, וואָס זענען פאַרגוואַישט געוואָרן, האָט די דערציילונג וועגן ישוע, זיין מיסיע, זיין טויט און זיין כלומרשטן תחית המתים אַרויסגערופן גרויסן אינטערעס. אין כמעט אַלע היידנישע אמונות איז פאַראַן אַ פרילינגס־גאָט, וואָס שטאַרבט און שטייט אויף תחית המתים. דאָס האָט לכתחילה סימבאָליזירט דאָס פאַרוועלקן פון דער נאַטור אין האַרבסט און איר צוריקוואַכן אין פרילינג. מיט דער צייט האָט מען עס אָנגעהויבן אויסטייטשן אַנדערש און איינטייטשן אין דעם אַ רייע מיסטישע געהיימנישן. לויט אייניקע אמונות, ווערט אַזאַ גאָט געבוירן פון אַ געטין, וואָס בלייבט אַ בתולה. די דערציילונג וועגן ישוע האָט דערפאַר געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין דער האַלב־יידישער פעריפעריע פון די געצנדינערישע יראי ד'.

אַ סך פון די יראי ד' זענען געווען גרייט אָנצונעמען די לערע וועגן ישוע און זיין משיחישע מיסיע, אָבער די יידיש־קריסטלעכע סעקטע האָט זיי נישט געקאָנט אַריינגעמען, ווייל זי איז געווען הונדערט־פּראָצענטיק יידיש און האָט געפאָדערט די דערפילונג פון אַלע יידישע מצוות. די תלמידים פון ישוע האָבן גוט געדענקט זיין אָנזאָג צו זיי: „אין די וועגן פון די גויים זאָלט איר נישט גיין, אין דער שטאָט פון די שומרונים זאָלט איר נישט קומען. גייט בלויז צו די פאַרלוירענע שאָף פון יידישן פאָלק".

אַזאַ לאַגע האָט אָנגעהאַלטן אַ יאָר פינף און צוואַנציק, ביז צו דער יידיש־קריסטלעכער סעקטע איז צוגעשטאַנען דער העלעניזירטער ייד, שאול, פון דער שטאָט טאַרסוס, נעבן אַנטיאָכיע, אין קליינאַזיע.

שאול איז געווען באַהאַוונט אין דער יידישער תורה. ער האָט אויך פאַרמאָגט היפּשע גריכישע קולטור. לכתחילה איז ער געווען אַ קעגנער פון דער יידיש־קריסטלעכער סעקטע, און ווען די מער עקזאַלטירטע פון צווישן די קעגנער האָבן אויף אייגענער האַנט פאַרשטיינערט דעם פּריידיקער פון קריסטנטום, עסטעבאַנוס, איז שאול געווען צווישן זיי. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט איז ער געקומען אויפן געדאַנק, אַז אויב די לערע פון ישוע גיט אין תוך גאָרנישט צו צו יידישקייט, קאָן זי דאָך ווערן אַ קוואַל פון דערהויבונג פאַר די היידן, וואָס זינקען אין די אָפּגרונטן פון געצנדינסט און אין דער טומאה פון שכרות, זנות א. א. וו.

שאול פּאַסט צו די באַגריפן פון משיחיזם צו דעם וועלט־באַנעם פון די

היידן און הייבט אָן פּריידיקן צווישן זיי די אמונה אין ישוען, לויט פאָלגנדיקע פּאָס־טולאַטן: ישוע איז דער משיח, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון גאָט, נישט אויף צו באַפרייען דאָס יידישע פאָלק פון זיין פּאָליטישער פארשקלאַפונג, נאָר אויף אויסצו־לייזן אַלע מענטשן, יידן און היידן צוגלייך, פון אַלע זינד, וואָס ליגן אויף זיי, זינט דעם אור־חטא, וואָס אדם און חוה זענען באַגאַנגען. אין זיין אומענדלעכער ליבע צו דער מענטשהייט האָט גאָט אַראָפּגעשיקט זיין משיח ישוען, ער זאָל געבראַכט ווערן אַלס אַ קרבן, און זיין פאַרגאָסן בלוט זאָל זיין אַ כפרה אויף אַלע זינד פון דער מענטש־הייט. דערפאַר איז בלויז נויטיק, אַז אַ מענטש זאָל גלויבן אין דער שליחות פון ישוע און אין דער מיסטישער באַדייטונג פון זיין טויט און פון זיין תחית המתים, אַז ער זאָל אויסגעלייזט ווערן פון זיינע זינד און די שטראָף פאַר זיי.

דער דאָזיקער צוגאַנג, וואָס ווערט אויפגענומען פון די יראי־ד׳ און פון אַ סך אַנדערע היידן ווי „די גוטע בשורה״, רופט אַרויס אַ שטורעם צווישן דער ייד׳ סעקטע פון די גלויביקע אין ישוע און זייערע פירער. דער ברודער פון ישוע, יעקב, פאַר־עפנטלעכט דאַן אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערם: „ברידער מיינע, וואָס וועט העלפן אַ מענטשן, ווען ער וועט זאָגן אַז ער גלויבט, און ער האָט נישט קיין מעשים טובים, קאָן דעם די אמונה העלפן?״ דער פּאָזיטיווער יידישער באַגריף פון מעשים־טובים, שטעלט זיך דאָ פּעסט אַרויס קעגן דער אַבסטראַקציע פון בלויז אמונה, וואָס קומט אָן זייער לייכט. שמעון, דער תלמיד פון ישוע, שטיצט לכתחילה אינגאַנצן די שטעלונג פון יעקב. אָבער שאול פון טאַרסוס טענהט, אַז ער איז דער אָנזאָגער פון ישוע אַלס משיח צו די גויים, און זיי זענען דאָך גאָר נישט מחויב אָפּ־צוהיטן אַלע מצוות, וואָס זענען פאַרזאָגט געוואָרן נאָר צו יידן. לסוף קומט מען צו אַן אויסגלייך. די יידישע קריסטן מוזן אָפּהיטן אַלע מצוות פון תורת משה, אָבער פאַר די היידנישע אָנהענגער פון ישוע וועט גענוג זיין, ווען זיי וועלן אָפּהיטן בלויז די מצוות, וואָס זענען פאַרזאָגט געוואָרן צו אַלע מענטשן־קינדער (בני־נח): גלויבן אין גאָט, נישט דינען צו געצן, נישט גנבנען, נישט מאָרדן, נישט נואפן, און נישט עסן קיין פלייש פון דערשטיקטע חיות און בהמות, נאָר פון געשאָכטענע.

אויף אַזאַ אופן איז די קריסטלעכע סעקטע צעטיילט געוואָרן אויף צוויי חלקים: יידן־קריסטן, וואָס זענען מקיים אַלע מצוות, און היידן־קריסטן, וואָס האָבן בלויז אייניקע מצוות. עס איז גלייך געווען קלאָר, אַז די יידישע קריסטן שטייען אויף אַ העכערער מדרגה פון זייערע היידנישע גלויבנס־גענאָסן, און דאָס איז שאולן נישט וווילגעפעלן. ווי אַן אמתער סאָפיסט האָט ער גענומען אַרויסדרינגען, אַז אדרבא, די היידנישע אָנהענגער פון ישוען זענען העכער פון די יידן. פריער האָט ער געטענהט, אַז די תורה איז מער נישט גילטיק, אַז מיטן קומען פון ישוע דעם משיח איז די תורה פאַרביטן געוואָרן מיטן גלויבן אין זיין שליחות. נאָכהער האָט ער גענומען דרינגען, אַז די אמונה איז העכער פון דער תורה. ווייל די תורה איז דער אות פון גאָטס ווילן

און די אמונה איז זיין גייסט, און גייסט איז העכער פון אות. און ווייל די יידן האָבן נישט אָנגענומען די בשורה פון ישוע, האָבן זיי פאַרלוירן זייער פאָרצוג. זיי זענען די קינדער פון אברהמען בלויז לויטן בלוט, אָבער די היידן און יידן, וואָס גלויבן אין יעזוסן, זענען קינדער פון אברהמען לויטן גייסט, ווייל אויך דער שטאַמפאָטער פון יידישן פאָלק איז געווען אַ גרויסער מאמין, און פאַר זיין אמונה האָט ער באַקומען פון גאָט די אַלע גרויסע צוזאָגן. אַזאַ שטעלונג איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון די היידנישע קריסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פילן העכער אין מדרגה פון די יידן גופא. די יידן־קריסטן האָבן געמוזט נאָכגעבן, בעיקר נאָכן טויט פון יעקב, וועלכער איז אין יאָר 62 הינגעריכטעט געוואָרן לויטן פסק־דין פון צדוקישן כהן־גדול חנן בן חנן. שוין שמעון גופא מוז נאָכגעבן אין אַזאַ וויכטיקער פראַגע ווי כשרס און טריפה. ער דערציילט, אַז מען האָט אים פון הימל געוויזן אין חלום, אַז: „וואָס גאָט האָט ריין געמאַכט, זאָלסטו נישט האַלטן פאַר טמא", אַזוי אַז ער האָט מתיר געווען עסן אַלץ.

שמעון בר יונה איז פאַרהייליקט געוואָרן ביי די קריסטן אַלס דער שליח (אַפּאָסטאָל) פּעטרוס; שאול פון טאַרסוס איז ביי זיי פאַרהייליקט געוואָרן אַלס אַפּאָס־טאָל פּאַאולוס. ביידע זענען לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע אומגעקומען אין רוים, בשעת דער ערשטער פאַרפאָלגונג אויף די קריסטן, אונטער אימפּעראַטאָר נעראָן, אין יאָר 66, אין וועלכן עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע נאַציאָנאַלע מרידה אין יהודה.

ע י צ ק ע ל ע ט ס 71

דער דעפיניטיווער ריס

(66 ־ 138)

דער ריס צווישן יידנטום און קריסטנטום איז געוואָרן פיל שטאַרקער צווישן די צוויי גרויסע נאַציאָנאַלע מרידות קעגן רוים, אין די יאָרן 66 ביז 138 פון ד. א. צ. ר. די יידן־קריסטן באַטייליקן זיך נישט אין דער ערשטער מרידה פון די יאָרן 66־73. ווען ירושלים ווערט באַלאַגערט, אַנטלויפט די קליינע געמיינדע פון די יידן־קריסטן צו זייערע הײדנישע גלויבנסגענאָסן, אין דער שטאָט פּעכאַל, אין עבר הירדן.

דער חורבן פון בית־ המקדש ווערט פון די קריסטן אויסגעטייטשט ווי אַ באַשטעטיקונג פון דעם, אַז גאָט האָט פאַרלאָזט דאָס פאָלק ישראל און, געוויס דער־פאַר, ווייל עס האָט צוריקגעוויזן די שליחות פון דעם משיח ישוע, וואָס ער האָט געשיקט צו זיי.

אין דער זעלבער צייט שטאַרקן זיך אין קריסטנטום די היידנישע עלעמענטן, וואָס פורעמען דעם נייעם גלויבן לויט זייער געפיל און געשמאַק. די קריסטוס־לעגענדע ווערט געשאַפן מיט אַ שטאַרקן היידנישן בייגעשמאַק. ישוע איז מער נישט בשר ודם, דער זון פון דעם סטעלמאַך יוסף פון נצרת און זיין פרוי מרים, נאָר ער ווערט טאַקע געבוירן פון מרים, וועלכע האָט פאַרשוואַנגערט פון רוח הקודש. אין דער דערציילונג וועגן ישועס הינריכטונג ווערן אפילו אַריינגעטראָגן שאַרפע אַנטי־יידישע מאָמענטן. דער רוימישער פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס זאָל גאָר געוועזן האָבן באַטראַכט אים פאַר אומשולדיק, ער זאָל אפילו האָבן פאָרגעשלאָגן די יידן צו באַפרייען אים לכבוד דעם יום טוב פסח, בעת די יידן האָבן געפאָדערט, מ׳זאָל אים קרייציקן, און האָבן גענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט אויף זיך און אויף זייערע צוקונפטיקע דורות. לויט איין קריסטלעכן ספר, דער עוואַנגעליום לויט יוחנן, איז ישוע געווען אפילו מער ווי גאָטס אַ זון. ער איז אַליין אַ גאָט. דאָס וואָרט, דער לאָגאָס, וואָס האָט עקזיסטירט, נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן: „צוערשט איז געווען דאָס וואָרט, און דאָס וואָרט איז געווען מיט גאָט, און גאָט איז געווען דאָס

ווארט. און דאָס וואָרט איז געוואָרן לייב און האָט גערוט צווישן אונדז און מיר האָבן געזען זיין כבוד, ווי דער כבוד פון אַ בן יחיד צו זיין פּאָטער, וואָס איז פול גנאָד און אמת".

אין דער צייט ווען דער יידישער סנהדרין איז טעטיק נאָכן חורבן פון בית המקדש אין יבנה און אָרגאַניזירט דאָס נאַציאָנאַלע יידישע לעבן אויף גייסטיקע יסודות, און עס ווערט דעפיניטיוו רעדאַגירט די הייליקע שריפט, דער תנ"ך, רעדאַגירן אויך די קריסטן זייערע הייליקע שריפטן, די פיר עוואַנגעליומס און די מעשים פון די אַפּאָס־טאָלן, וועלכע זיי שטעלן אַרויס קעגן די יידישע כתבי הקודש. די קריסטן באַנוצן זיך אין זייער פּראָפּאַגאַנדע און וויכוחים מיט יידן מיט דער גריכישער איבערזעצונג פון תנ"ך (סעפּטואַגינטאַ), וואָהין זיי טראָגן אַריין ענדערונגען, גיבן צו און נעמען אַראָפּ אותיות און ווערטער, בכדי די פּסוקים זאָלן שטימען מיט זייער אינטערפּרעטאַציע. דער סנהדרין איז געצוווּנגען צו מאַכן אַ נייע אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון תנ"ך אויף גריכיש. די אַרבעט פירט דורך דער גר־צדק אַקילעס, אונטער דער אויפזיכט פון די תנאים ר' עקיבא און ר' יהושע בן חנניה.

דער ריס צווישן יידנטום און קריסטנטום ווערט דעפיניטיוו אין די צייטן פון דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא, 132-135. די יידן־קריסטן באַטייליקן זיך נישט אין דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען אַלע שיכטן פון פאָלק. זיי טוען עס נישט צוליב דעם, וואָס בר־כוכבא איז אַנערקענט געוואָרן אַלס משיח, און לויט זייער גלויבן איז דאָך דער אמתער משיח געווען ישוע. די יידישע נאַציאָנאַלע רעגירונג, וואָס פירט אָן מיטן אויפשטאַנד, דערקלערט די יידן־קריסטן אַלס נאַציאָנאַלע פאַרברעכער. זיי ווערן גערודפט און אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל. זיי ווערן אָבער אויך נישט אַנערקענט פון די קריסטן, וואָס זענען שוין צום רוב נישט־געמלטע. פאַר זיי זענען די יידן־קריסטן צופיל יידיש.

ווען קיסר אדריאַנוס פאַרבאָט אַלע געמלטע צו וווינען אין ירושלים, קאָנען דאָרט נישט וווינען נישט קיין יידן, נישט קיין יידן־קריסטן, וואָס האָבן דאָך אויך פּראַקטיצירט מילה. דאַן שאַפט זיך אין ירושלים צום ערשטן מאָל אַ גרויסע געמיינדע פון נישט־געמלטע קריסטן, וועלכע האָבן דעם ערשטן נישט־געמלטן בישאָף. די ערגער־ניש פון די יידן, פאַר דעם וואָס זיי קאָנען ניט באַטרעטן דעם באָדן פון זייער הייליקער שטאָט, ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס זייערע קעגנער, די קריסטן, קאָנען דאָרט יאָ לעבן, גלייך ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ מין באַשטעטיקונג, אַז זיי זענען די ריכטיקע יידן.

אין יענע צייטן ווערט פאַרפאַסט די תפילה קעגן די מוסרים, אַ וואָרט, וואָס איז שטאַרק ענלעך אויף נוצרים (קריסטן), פון וואַנען עס האָט זיך שפּעטער גענומען די מיינונג, אַז יידן שעלטן די קריסטן אַלע טאָג אין זייערע שולן. דאָס וואָרט מוסרים איז מיט דער צייט פאַרביטן געוואָרן אויף אַ צווייט וואָרט פון ענלעכן באַדייט, מלשינים.

27סטע לעקציע

די קירכן-פּאַטערס

(138 - 324)

אין די קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר, וואָס עס האַלט אָן דער וואַפנשטילשטאַנד צווישן די יידן און דער רוימישער אימפּעריע, ווערט פאָרגעזעצט דער וויכוח צווישן יידנטום און קריסטנטום. די קירכע, וואָס האַלט זיך אין אַנטוויקלען און איז נאָך נישט אנערקענט אָפיציעל, מוז פירן בלויז מיט אַרגומענטן איר וויכוח קעגן דעם יידנטום, וואָס איז אנערקענט ווי אַ לעגאַלע רעליגיע; די צייטן, ווען די קירכע וועט רעדן אין נאָמען פון פיזישן כוח און געוואַלט, זענען נאָך דערווייל ווייט.

דער ערשטער פאָרצווזעצן דעם אָנגריף אויפן יידנטום, נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא איז דער קירכן־פּאָטער יוסטינוס, וועלכער איז באַקאַנט מיטן צונאָמען מאַרטיר, אָדער פילאָזאָף. אַ גריכישער געלערנטער, וואָס האָט אָנגענומען דאָס קריס־טנטום, האָט יוסטינוס געהאַט אַ טאָפּלטע אויפגאַבע צו פאַרענטפערן זיך קעגן דער געצנדינסט, וואָס איז געווען די אָפיציעלע שטאַטס־רעליגיע, און גלייכצייטיק אָנגרייפן די איינציקע אַנערקענטע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע, דאָס יידנטום. אין אַ ספּעציעל בוך פאַרעפנטלעכט ער זיינע וויכוחים מיטן יידן טריפאָן (וואַרשיינלעך דער תנא ר' טרפון, איינציטלער פון ר' עקיבא). ער האַלט פון דער טעאָריע פון פּאַאולוס, אַז „אַלע מצוות פון דער תורה, ווי שבת, מילה, קרבנות, כשר־עסן, זענען געגעבן געוואָרן צו יידן, אויף ווייך צו מאַכן זייער פאַרשטיינערט האַרץ, אָבער אמתע צדיקים נויטיקן זיך נישט אין דעם אַלעמען". ער פאַרזיכערט אויך, אַז „די קריסטן פון צווישן די היידן זענען מערער און פרומער פון די קריסטן פון צווישן די יידן און שומרונים". אין זיינע אַרגומענטן שטיצט זיך יוסטינוס אויף פּסוקים פון תנ"ך (דער אַלטער טעס־טאַמענט), אַ סך פאַרגרייזטע אין זייער איבערזעצונג, איניקע וואָס עקזיסטירן גאָר נישט, ווי למשל, דער נישט-געשטויגענער פּסוק: ד' מלך מן העץ", גאָט קעניגט פון דעם האָלץ, ס'הייסט פון קרייץ.

דער ייד טריפֿאָן פֿאַרטיידיקט זיך קוים אין די דיאַלאָגן מיט יוסטינוס: געשריבן האָט דאָך זיי דער קריסט, איז דעם יידנס מערכה נישט גאָר גינסטיק.

דערפֿאַר אָבער קומט דער יידישער שטאַנדפּונקט צום אויסדרוק אין אַ ווערק פֿון אַ געצנדינער, קעלסוס, „אַ וואָרט פֿון אמת", ווו ער פֿאַלט אָן הן אויפֿן קריסטנטום, הן אויפֿן יידנטום, ווייל ער האַלט נישט פֿון מאָנאָטעאיזם בכלל. קעלסוס שאַצט אָבער אָפּ דאָס יידנטום ווי אַ קאָדעקס פֿון פּראַקטישע מצוות, וואָס פֿאַראייניקט דאָס פֿאָלק ישראל, אָבער מיטן קריסטנטום קאָן ער גאָרנישט דורכקומען. אין די ערשטע צוויי טיילן פֿון זיין בוך, שטעלט קעלסוס אַרויס די טענות פֿון אַ יידן קעגן קריסטנטום. עס איז קאָנטיק, אַז דאָ האָט אַ ייד מיטגעאַרבעט. דער ייד טענהט, אַז „די מופֿתים, וואָס ווערן דערציילט וועגן ישוען קאָן מען הערן דערציילן אויף אַלע קונצנמאַכער, וועלן מיר דערפֿאַר גלייבן, אַז זיי זענען זין פֿון גאָט? און ווען איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ טויטער זאָל אויפֿשטיין תחית המתים? און ווער האָט עס געזען? אַן עקזאַלטירטע פֿרוי, לויט די אייגענע רייד פֿון די קריסטן. דעם טויט פֿון ישוע אויפֿן קרייץ האָבן געזען פֿיל מענטשן, זיין תחית המתים — נאָר איינער אַ מענטש. עס וואָלט געווען מער באַגרינדעט, ווען עס וואָלט געווען פֿאַרקערט". קעלסוס איז דער ערשטער צו ברענגען די לעגענדע, אַז ישוע איז געווען אַ נישט־כשר געבוירן קינד.

די קריסטן האָבן זיך באַמיט אויסצוראָמען דאָס שאַרפֿע בוך פֿון קעלסוס, און עס איז זיי טאַקע געלונגען, אָבער דער קירכן־פֿאָטער אָריגענעס (געב. אין אַלעקסאַנדריע אין 185, געשטאָרבן אין צור אין 254) האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ באַזונדער ווערק „קעגן קעלסוס", אין וועלכן ער ברענגט גרויסע אויסצוגן פֿון קעלסוסעס בוך, בכדי צו קאָנען אָפּשלאָגן זיינע אַרגומענטן. אָריגענעס האָט אַ יאָר דרייסיק געלעבט אין דער שטאָט קסריה אין ארץ ישראל. ער האָט קאָנטראָלירט די גריכישע איבערזעצונג פֿון תנ"ך, די סעפּטואַגינטאַ, מיטן אָריגינאַל און מיט אַנדערע איבערזעצונגען. אַלס רעזולטאַט פֿון דער וויכטיקער און שווערער אַרבעט איז דערשינען אַ פֿונדאַמענטאַל ווערק. דער תנ"ך אין זעקס קאָלומס (העקסאַפּלאַ) פֿון אָריגענעס. די זעקס קאָלומס זענען: דער העברעאישער טעקסט, דער זעלבער אין גריכישער טראַנסקריפּציע, די סעפּטואַגינטאַ, די גריכישע איבערזעצונג פֿון אַקילעס, די איבערזעצונג פֿון סומכוס, און די איבערזעצונג פֿון טעאָדאָסיוס. פֿונעם וויכוח מיטן קריסטנטום איז, אין דעם פֿאַל, אַרויסגעקומען אַ גרינטלעך ווערק איבערן תנ"ך.

אין צפֿון־אַפֿריקע איז אין די זעלבע צייטן געווען טעטיק דער קירכן־פֿאָטער טערטוליאַנוס, וועלכער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ באַזונדער ווערק „קעגן די יידן". ער דערציילט וועגן שאַרפֿע קאָנפֿליקטן צווישן יידן און קריסטן אין זיין וווינאָרט קאַרטאַגאָ. ער פֿאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז נישט יידן זענען דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק, נאָר די קריסטן, ווייל זיי האָבן אָנגענומען דעם נייעם טעסטאַמענט, בעת די יידן וואָס האָבן אים נישט אָנגענומען, זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און קאָנען אפֿילו נישט אַריינקומען קיין ירושלים.

יידן האָבן זיך אין דער גאַנצער דיסקוסיע כמעט ווי נישט באַטייליקט. יידן האָבן געקאָנט דיסקוטירן, כל זמן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן ענין וואָס איז געווען פאַר זיי באַגרייפלעך; צי איז ישוע בן יוסף פון נצרת געווען דער פאַרשפּראָכענער משיח, אָדער נישט. פון דעם מאָמענט, וואָס דאָס קריסטנטום האָט אָנגענומען אַ מער הייִדנישע צורה און דער אין וועמענס נאָמען עס איז געגרינדעט געוואָרן איז פון אַ משיח געוואָרן אַ זון פון גאָט און שפּעטער אַ גאָט, האָבן יידן מער נישט געהאַט קיין געמיינזאַמע שפּראַך פאַר דיסקוסיעס. זיי האָבן נישט געקאָנט פירן קיין וויכוח וועגן באַגריפן, וואָס זענען אפשר געווען פאַרשטענדלעך פאַר דערצויגענע אין הייִדנטום, אָבער נישט פאַר די, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף ריינעם מאָנאָטעאיזם. די דיסקוסיע־ביכער זענען אפילו צו זיי נישט דערגאַנגען, ווייל זיי זענען געווען געשריבן אין גריכיש, וואָס יידן האָבן שוין דאַן נישט געקאָנט לערנען.

אָבער אין דער צייט ווען די קירכן־פאָטערס האָבן געפירט אַזאַ העפטיקן וויכוח קעגן יידן און יידישקייט, האָבן זייערע גלויביקע דווקא אָנגעהאַלטן די בעסטע באַציאונגען מיט די אָנהענגער פון אַלטן טעסטאַמענט. אַ סך קריסטן האָבן נאָך דאַן געפייערט שבת אָנשטאָט זונטיק. זיי פלעגן אָפט קומען אין די יידישע שולן, צוזאַ־מען מיט יידן פייערן פּסח און אַנדערע ימים־טובים. אין שפּאַניע פלעגן קריסטן אפילו איינלאַדן יידישע רבנים צו בענטשן זייערע פעלדער. קעגן אַזאַ מין התקרבות צווישן די אָנהענגער פון נייעם און אַלטן טעסטאַמענט זענען אַרויסגעטראָטן די בישאָפן, וואָס האָבן זיך באַמיט צו דערווייטערן זייערע גלויביקע פון צו נאָענטן קאָנטאַקט מיט יידן. דער ערשטער בישאָפן־צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אויפגענומען די פראַגע און האָט אָנ־גענומען אַ רייע באַשלוסן אויף צו דערווייטערן קריסטן פון יידן, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער שטאָט עלווירא, שפּאַניע, אין יאָר 306.

73סטע לעקציע

די ערשטע קריסטלעכע אימפּעראַטאָרן

(324 - 361)

אין יאָר 324 ווערט קאָנסטאַנטין דער גרויסער דער איינציקער הערשער פון דער רוימישער אימפּעריע. קאָנסטאַנטין איז אַ מאַן מיט גרויסע אַמביציעס. ער דענקט קאָנען אָנהויבן אַ ניי קאַפּיטל פון דער וועלט־געשיכטע. ער גיט דער אימפּעריע אַ נייע אמונה, דאָס קריסטנטום. ער גרינדעט אויך אַ נייע הויפּטשטאָט, וואָס טראָגט ביז היינט זיין נאָמען, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ער באַגינסטיקט די גריכישע שפּראַך קעגן דער לאַטיינישער. ער האָט טאַקע באמת אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל, אָבער פון דער פינצטערסטער עפּאָכע אין דער היסטאָריע פון דער מענטשהייט — פון מיטלאַלטער.

דער כאַראַקטעריסטישער גרונט־שטריך פון מיטלאַלטער באַשטייט אין דעם וואָס די רעליגיע באַהערשט דאָס גאַנצע לעבן און ווערט די איינציקע אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך דער מענטשלעכער געדאַנק און טעטיקייט. די קריסטלעכע אמונה האָט נאָך צו יענער צייט נישט פעסטגעשטעלט אירע דאָגמעס. צווישן די קירכן־פאָטערס גייט נאָך אָן אַ שאַרפע דיסקוסיע וועגן דעם מהות פון ישועס פערזענלעכקייט. אויב ער איז אַ גאָט, איז דאַן נויטיק פעסטצושטעלן, צי איז ער פון דער זעלבער מהות וואָס גאָט דער פאָטער, אָדער פון אַן ענלעכער מהות. זענען פאַראַן וועגן דעם צוויי שיטות. די פון אַטאַנאַסיאָס האַלט, אַז די מהות פון גאָט דעם פאָטער און גאָט דעם זון איז אידענטיש. די פון אַריוס האַלט, אַז די מהות פון זון איז בלויז ענלעך אויף דעם מהות פון פאָטער. ווערט אין 325 פאַררופן אַ בישאָפן־צוזאַמענפאָר אין דעם שטעטל ניקעאַ, אַ פאָרשטאָט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו די דאָזיקע טעאָלאָגישע ענינים ווערן דיסקוטירט מיט גריכישער רעטאָריק און עכט סעמיטישער היציקייט. די שטה פון אַטאַנאַסיאָס איז גובר. אַריוס ווערט אַריינגעלייגט אין חרם. אָבער זיינע אָנהענגער גרינדן אַ באַזונדערע סעקטע, וואָס וועט עקזיסטירן העכער פיר הונדערט יאָר.

דער בישאָפן־צוזאַמענפאָר האָט אויך צייט צו אָפּגעבן זיך מיט דער יידן־פראַגע. עס ווערן אויף אים גוטגעהייסן און אויסגעברייטערט די באַשלוסן פון דעם צוזאַמענפאָר אין עלווירא (שפּאַניע) אין 306. אויף אויסצומיידן, אַז קריסטן זאָלן גיין אין יידישע דרכים, דאַרף מען די יידן דערווייטערן פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. עס ווערט די קריסטן פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט יידן, עסן מיט זיי ביי איין טיש,

לאָזן בענטשן זייערע פעלדער פון יידישע רבנים, פייערן יידישע שבתים און ימים־טובים, צינדן שבת־ און יום־טוב ־ ליכט, אָננעמען יידישע מתנות. עס ווערט פאַר־אָרדנט דווקא צו אַרבעטן אין די טעג פון שבת און יום־טוב, נישט פאַסטן יום־כפּור. עס ווערט פאַרבאָטן צו פייערן פּאַסכאַ לויטן יידישן חשבון וועגן פּסח. פון די אַלע פאַרבאָטן קאָן מען זיך שאַפן אַ בילד ווי ענג דאָס יידישע לעבן איז דאָן געווען פאַרבונדן מיטן קריסטלעכן און ווי אינטים עס זענען געווען די באַציאונגען צווישן די אָנהענגער פוןביידע אמונות. נאָך אין 380 מוז דער בישאָפן צוזאַמענפאָר אין לאַאָדאָקיאַ נאָכאַמאָל פאַרבאָטן קריסטן עסן מצה, אָפּהיטן שבת און עסן צו־זאַמען מיט יידן.

די רעגירונג, פון איר צד, גיט אויך אַרויס דעקרעטן וועגן יידן. עס ווערט זיי פאַרווערט מגייר צו זיין קריסטן, רודפן משומדים, עס ווערט ביי זיי צוגענומען די פּריווילעגיע פון נישט־באַטייליקן זיך אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגען, וואָס זענען דאָן בלויז געווען אָרגאַנען פאַר איינמאָנען צינזן, עס ווערט אָנגעהאַלטן דער פאַרבאָט פאַר יידן צו וווינען אין ירושלים, בלויז אין טאָג פון תשעה באב מעגן יידן אַריינ־קומען אין זייער געוועזענער הויפּטשטאָט, אויף צו באַוויינען אירע חורבות. אָבער עס ווערט אַראָפּגענומען דער פאַרבאָט פון וווינען אין דער סביבה פון ירושלים.

ירושלים באַקומט דאַן גראָד אַ גאָר גרויסע באַדייטונג, אַלס הייליקע שטאָט פאַרן קריסטנטום. קאָנסטאַנטין. און זיין פרומע מוטער העלענאַ בויען אויס אין שטאָט אַ רייע מאָנומענטאַלע קירכן, דאָס נעמלעכע אין בית לחם, וואָס איז לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע דאָס געבורט־אָרט פון ישוע. מיטאַמאָל האָבן יידן באַקומען אַ געפערלעכן פּרעטענדענט אויף ירושלים. די קריסטלעכע וועלט, פאַר וועלכער די שטאָט איז אַזוי הייליק.

די קירכע הויבט אויך אָן אָן אַקטיווע מיסיאָנערישע טעטיקייט צווישן די יידן אין ארץ ישראל. אַלס איר הויפּט־אַגענט איז טעטיק דער משומד יוסף, וועלכער האָט געקראָגן דעם טיטל קאָמיס, ס'מיינט דער פריינט פון קיסר, און האָט געזוכט צו פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום צווישן יידן דורך אויפבויען קירכן אין די יידישע ישובים.

די לאַגע ווערט פיל פאַרערגערט, ווען נאָכן טויט פון קאָנסטאַנטין, ווערט קיסר זיין זון קאָנסטאַנציוס, אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, וועלכער איז געווען אַ ווערקצייג אין די הענט פון דער קירכע, אויף וועלכער ער האָט זיך געשטיצט אין זיין קאַמף קעגן זיינע צוויי ברידער, וואָס זענען געווען מיטהערשער פון דער אימפּעריע. קאָנסטאַנציוס האַלט אָן אַלע פאַריקע באַשרענקונגען פון זיין פאָטער קעגן די יידן. אין 339 גיט ער נאָך צו אַ פאַרבאָט פאַר יידן צו האַלטן קריסטלעכע, ווי נישט־קריסט־לעכע שקלאַפן. אין יענע יאָרן איז דער שקלאַף געווען די איינציקע פּראָדוקטיווע אַרבעטס־קראַפט, און דער פאַרבאָט צו האַלטן שקלאַפן האָט יידן שטאַרק געטראָפן עקאָנאָמיש. די אומצופרידנקייט צווישן די יידן וואַקסט.

פון 337 ביז 350 איז קאָנסטאַנציוס פאַרנומען מיט באַקעמפן און אומ־ברענגען זיינע ברידער. לסוף, ווען ער בלייבט שוין זעלבסטהערשער, זענען מורד אין אים זיינע גענעראַלן. אין 351 ליידט ער אַ שטאַרקע מפּלה אין זיין מאַרש קעגן דעם אוזורפּאַטאָר מאַגנענציוס, און די יידן נוצן אויס די געלעגנהייט אויפצוהויבן אַ מרידה, באַוווּסט אַלס די מרידה אונטער גאַלוס, אַזוי האָט דאַן געהייסן דער רוימי־שער רעגירער פון מזרח.

די מרידה ברעכט אויס אין צפּורי, די הויפּט־שטאָט פון גליל. זי ווערט גע־שטיצט פון טבריה, לוד און עכו. לכתחילה האָבן די מורדים דערפאָלג, זיי שטעלן אויף אַ מין אייגענע רעגירונג, בראש פון וועלכער עס שטייט זייער פירער, אַ מענטש מיטן נאָמען פּאַטריציוס, וועלכער ווערט געקרוינט אַלס מלך. די מרידה איז אָבער געווען נאָר פון דער מער עקזאַלטירטער טייל פון דעם ישוב.

די מעסיקערע עלעמענטן און די אָרגאַנען פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַל־טונג אונטער דער נשיאות האָבן זי נישט געשטיצט. אַזוי, אַז דאָס רוימישע מיליטער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון גענעראַל אורציסינוס, האָט נישט געהאַט קיין צופיל שוועריקייטן די מרידה צו דערשטיקן. דאָך איז פאַרשוואונדן דער יידישער ישוב פון דריי שטעט און עס זענען חרוב געוואָרן פופצן יידישע דערפער. פאַרן ישוב, וואָס איז שוין דאַן געווען נישט איבעריק גרויס, איז עס געווען אַ גענוג שטאַרקער קלאַפּ. די מרידה האָט פאַרט עפּעס געהאָלפן. דער מיטהערשער גאַלוס איז באַזייטיקט געוואָרן און געטויט געוואָרן אין 354. אָבער די אַנטי־יידישע געזעצן זענען געבליבן אין קראַפט. אין דעם זין האָט די מרידה גאָרנישט אויפגעטאָן.

דער אויפשטאַנד האָט אָבער געדינט פאַר אַן אויסרייד, אַז די רעגירונג זאָל אָנהויבן צו אינטערווענירן אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַל־טונג. דעם אַמט פון נשיא האָט דאַן געהאַלטן הלל דער צווייטער (330־365), און ווי פילנדיק, אַז די יאָרן פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אונטער די קריסטלעכע אימפּעראַטאָרן זענען געציילטע, נעמט ער אַרויס פון די אַרכיוון דעם לוח, וואָס שמואל ירחינאה האָט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק אויסגעאַרבעט און באַשטעטיקט אים צוזאַמען מיט איניקע כללים, וואָס רעגירן דעם יידישן לוח ביז צו היינטיקן טאָג.

די יאָרן ווערן צעטיילט אין פּעריאָדן פון 19 יאָר (מחזור), פון וועלכע זיבן יאָר האָבן צו דרייצן חדשים אָנשטאָט צוועלף (עבור־יאָר). דאָס דריטע, זעקסטע, אַכטע, עלפטע, פערצנטע, זיבעצנטע און ניינצנטע יאָר פון יעדן פּעריאָד זענען עבור־יאָרן. אויף אַזאַ אויפן האָט זיך די נשיאות מיטן סנהדרין אָפּגעזאָגט פון איר וויכטיקער פּעראָגאַטיוו פעסטצושטעלן דעם יידישן לוח. אַלע קהילות פון דער וועלט האָבן אָנ־גענומען דעם נייעם לוח, און די יידישע צייטרעכענונג ווערט דורך אים רעגולירט ביז היינט. דער צענטער אין ארץ־ישראל פאַרלירט אַ גרויסע טייל פון זיין ווירקזאַמקייט.

כדאי צו באַמערקן, אַז די רוימישע פּויפּסטן האַלטן ביז היינט אָן די פּרער־ראָגאַטיוו פון רעגולירן ביי אַ געלעגנהייט דעם קריסטלעכן לוח.

74סטע לעקציע

דער לעצטער היידנישער אימפעראטאר

(יוליאנוס דער אפטריניקער: 361־363)

א קליינער איבעררייס אין די באשרענקונגען קעגן יידן קומט פאר אין די צוויי יאר 361 ביז 363, ווען נאכן טויט פון קאנסטאנציוס באשטייגט דעם טראן זיין פלימעניק יוליאנוס, וועלכער איז פון דער קריסטלעכער קירכע באצייכנט געווארן אלס אפטריניקער (אפאסטאט).

א מענטש מיט א פילאזאפישער בילדונג און ברייטן קוק אויף זאכן, איז ער קעגן דער קריסטלעכער אומטאלעראנץ. ער פראקלאמירט פולשטענדיקע רעליגיעזע פרייהייט אן קיין שום פריווילעגיעס פאר וועלכער ס׳איז אמונה. ער לאזט אפילו צו־ריקשטעלן אויפן חשבון פון שטאט אלע היידנישע טעמפלען, וואס די קריסטן האבן צעשטערט. ער איז בכלל א גרויסער אנהענגער פון בלוט־אפפער און האלט, אז דאס איז די מער צוגעפאסטע פארם אויף צו דינען די געטער.

ווען ער באזוכט פאלעסטינע, אויפן וועג קיין פערסיע, מיט וועלכער ער זעצט פאר דעם שטענדיקן קריג צווישן די צוויי אימפעריעס, רוים און פערסיע, נעמט ער אויף א דעלעגאציע פון יידן, וועלכער ער שטעלט די פראגע, פארוואס עס זענען אפגעשטעלט געווארן די קרבנות וואס יידן פלעגן אמאל מקריב זיין צו זייער גאט. די דעלעגאציע ענטפערט אים, אז קרבנות קאנען געבראכט ווערן נאר אין דעם בית המקדש וואס אין ירושלים, אבער אט דאס היילינגטום איז אין יאר 70 צעשטערט געווארן דורך דער רוימישער אימפעריע. יוליאנוס באטראכט עס פאר זיין פליכט צוריקצושטעלן דעם צעשטערטן בית־המקדש אויפן חשבון פון דער אימפעריאלער שאץ־קאמער.

אין יאר 362 לאזט יוליאנוס ארויס א פראקלאמאציע צום „יידישן כלל", אין וועלכער ער פארשפרעכט א רייע הנחות אין די צינזן, אפשאפן אלע באשרענקונגען, וואס די פאריקע קריסטלעכע קיסרים האבן ארויסגעגעבן, און פארענדיקט מיטן צוזאג: „און ווען איך וועל ענדיקן מיט הצלחה מיין מלחמה מיט די פערסער, וועל איך צו־ריקשטעלן אויף מיין חשבון די הייליקע שטאט ירושלים, איך וועל זי באנייען, ווי איר האט עס שוין פון לאנג געהאפט, און צוזאמען מיט אייך וועל איך דארט לויבן דעם אלמעכטיקן גאט".

אומגעדולדיק צו ווארטן ביזן סוף פון דער מלחמה, באאויפטראגט ער זיין

פריינט אַליפּיוס גלייך אָנצוהויבן די בוי־אַרבעטן. די יידישע עפנטלעכקייט איז אינ־גאַנצן צעמומלט פון אַזאַ פּלוצלינגער ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער מאַכט, וועלכע האָט זיך כּלל נישט געדעקט מיט די ביז דעמאָלדיקע באַציאונגען צווישן יידנ־טום און היידנטום. די אָנפירנדיקע רעגירנדיקע קרייזן מיטן נשיא הלל דעם צווייטן בראש נעמען אָן אַן אויסוואַרטנדיקע שטעלונג. דערצו האָט יוליאַנוס אָפּגעשאַפט דעם קרוין־צינז, וואָס די יידישע קהילות פלעגן צאָלן דעם נשיא, און דאָס האָט געוויס אַרויסגערופן וויניק צופרידנקייט אין דער נשיאות און די צו איר נאָענטע קרייזן. אויף צו פאַרגיטיקן דעם נשיא, האָט אים יוליאַנוס געשאָנקען דעם טיטל פון ערן־פּרעפעקט און האָט אים דערהויבן צו דער העכסטער קאַטעגאָריע פון די רוימישע שטאַטס־באַאַמטע, וואָס ווערן באַטיטלט אַלס „אילוסטרים", דורכלויכט.

אָבער די יידישע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט נעמען אויף די ידיעה פון דער צוריקשטעלונג פון בית־המקדש מיט גרויס שמחה. פון נאָענטע לענדער הויבט זיך אָן אַן עליה פון יידן קיין ארץ־ישראל. אַ סך גרייטן זיך מיטצואַרבעטן מיט די אייגענע הענט ביים אויפבוי פון בית־המקדש, פון דער שטאָט מיט אירע מויערן. אַזוי ווי עס איז פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט אייזן ביים אויפבוי פון מזבח און בית־המקדש, מאַכן יידן כלים פון זילבער, אויף דורכצופירן די דאָזיקע בוי־אַרבעטן.

אין חודש מערץ פון יאָר 363 הויבט מען אָן אָפּרייניקן די חורבות, וואָס פאַרדעקן דעם מקום־המקדש, אָבער פּונקט אין יענער צייט לײדט ארץ ישראל פון אַ שטאַרקן ערד־ציטער, אויפן בוי־פּלאַץ קומען פאָר אַ רייע אויפרייסן, וואַרשײנלעך צוליב דעם, וואָס די אונטער די חורבות צונויפגעפּרעסטע לופט האָט זיך אָנגעצונדן ביים אַרויס אויף דער פריי. אַליפּיוס דערשרעקט זיך, און פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די בוי־אַרבעטן, ביז וואַנען ער וועט מיטטיילן וועגן די זאָנדערבאַרע פּאַסירונגען דעם קיסר יוליאַנוס. אָבער די ידיעה איז שוין צו יוליאַנוסן נישט דערגאַנגען, ער איז גע־פאַלן אין איינער פון די שלאַכטן מיט די פּערסער, און לויט אַ גאַנץ אויטאָריזירטער מיינונג, פון אַ פייל פון אַ רוימישן זעלנער פון קריסטלעכן גלויבן. די קריסטלעכע היסטאָריקער, די איינציקע, וואָס ברענגען דעם גאַנצן ענין וועגן דער פאַראָרדענונג אויפצושטעלן דעם בית־המקדש און די זאָנדערבאַרע אומשטענדן, וואָס האָבן גורם געווען דאָס אָפּשטעלן פון דער אַרבעט, זעען אין דעם אַלעמען, ווי אויך אין דעם טויט פון יוליאַנוס, אַ שטראָף פון גאָט פאַר דער אָפּטריניקייט פון לעצטן היידנישן קיסר פון דער רוימישער אימפּעריע.

די קריסטן נוצן אויס די אומרואיקע צייטן בין קיסר לקיסר אויף צו רע־וואַנשירן זיך קעגן זייערע קעגנער די היידן און יידן, וועלכע האָבן שוין צוריק געהאַט אויפגעהויבן די קעפּ. אין יענער צייט ווערן חרוב די יידישע ישובים, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַט דערהאַלטן אין דרום־טייל פון לאַנד (יהודה). די סכנה שוועבט אויך אויף די יידישע ישובים אין גליל, שוואַרצע שאָטנס רוקן זיך אָן אויפן יידישן לעבן.

75סטע לעקציע

דער סוף פון דער נשיאות

(363 ־ 425)

נאָכן פּלוצלינגן טויט פון יוליאַנוס. באַשטייגט דעם קיסר־טראָן וואַלענטי־ניאַנוס, וועלכער ציט צו אַלס שותף און הערשער פון מזרח־טייל פון דער אימפּעריע זיין ברודער וואַלענס, וואָס טאַקע געווען א קריסט, אָבער פון דער אַריאַנישער סעקטע; די אָרטאָדאָקסן האָבן זי גערופן „די יידישע סעקטע". דער באַנייטער קאַמף צווישן אָרטאָדאָקסן און אַריאַנער האָט דערווייל אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די יידן, וועלכע האָבן געלעבט רעלאַטיוו רואיק ביזן יאָר 379, ווען דער קיסר־טראָן איז פאַרנומען געוואָרן פון שטאַרק־פרומען שפּאַניער, טעאָדאָסיוס, וועלכער איז אריין אין דער געשיכטע אַלס טעאָדאָסיוס דער גרויסער.

אונטער דער רעגירונג פון אַזא אָרטאָדאָקסישן מושל פאַרשאַרפט זיך דער קאַמף קעגן די „אָפּטריניקע": היידן, אַריאַנער און יידן. אין קאַמף קומען אונטער די מאָנאַכן־ברודערשאַפטן, וואָס דער הייליקער אַנטאָניוס האָט אָנגעהויבן גרינדן אין די מדבריות פון מצרים, מיט א יאָרהונדערט צוריק. די מאָנאַכן, אָנגעפירט פון די בישאָפן, האָבן גענומען פאַרפאָלגן די אָפּטריניקע דורך ראַיאָטן, צעשטערן טעמפּלען, ברענען שולן א. א. וו.

די אימפּעריאַלע מאַכטהאָבער האַלטן זיך נאָך דערווייל אין דער מעלה. ווען אין 388 האָט א פאַנאַטיזירטער המון, אונטערגעהעצט פון די מאָנאַכן און אָרטיקן בישאָף, פאַרברענט די יידישע שול אין קאַליניקוס, א שטאָט אויף די ברעגן פון טייך פרת, פאַראָרדנט טעאָדאָסיוס, אַז דער בישאָף זאָל צוריק אויפבויען די שול אויף זיין חשבון. אָבער דער מעכטיקער קיסר מוז צוריקציען זיין באַפעל, ווייל דער בישאָף פון מילאַן, דער באַרימטער אַמבראָסיוס, שטעלט זיך איין פאַר זיין קאָלעגע און מוסרט שאַרף אויס דעם גאָטספאַרכטיקן קיסר, וואָס פאַרטיידיקט נישט־גלויביקע.

טעאָדאָסיוס דער גרויסער איז נאָך גענוג רעגירער אויף צו אימפּאָנירן זיך. און צווישן די יאָרן 392 און 395 לאָזט ער אַרויס א רייע דעקרעטן צום שוץ פון די יידן. אָבער ווען טעאָדאָסיוס שטאַרבט אין 395 און די אימפּעריע ווערט צעטיילט צווישן זיינע צוויי זין: אַרקאַדיוס (די מזרח־געביטן, מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַלס הויפּט־שטאָט), און האָנאָריוס (די מערב־געביטן, מיט רוים אַלס הויפּטשטאָט) ווערט די לאַגע פון די יידן היפּש פאַרערגערט. די רוימישע מערב־אימפּעריע הויבט אָן צו־

זאַמענגברעכן, די באַרבאַרישע גערמאַנישע שבטים רייסן פון איר שטיקער, און אין יאָר 410 נעמט איין דער פירער פון די גאָטן אַלאַריך די הויפּטשטאָט רוים. די קריסטלעכע פּריידיקער טייטשן עס אַלץ אויס ווי אַ שטראָף פון הימל פאַר דער טאָלעראַנץ, וואָס די נישט־קריסטן געניסן אין דער אימפּעריע.

נאָך ערגער ווערט די יידישע לאַגע, ווען אויפן קיסר־טראָן שטייגט אַרויף אין 408 טעאָדאָסיוס דער צווייטער, דער זון פון אַרקאַדיוס און אייניקל פון טעאָדאָסיוס דעם ערשטן, וועלכער געפינט זיך אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פון זיין שטאָק־פרומער שוועסטער פּולכעריאַ. אין זיין צייט ווערן באַנייט די אַלע אַנטי־יידישע געזעצן, פאַרשטאַרקט די געזעצן קעגן די, וואָס נעמען אָן דעם יידישן גלויבן, און פאַרגרעסערט די שטראָף פון די, וואָס זענען זיי מגייר. ביי יידן ווערט צוגענומען דאָס רעכט צו באַקליידן עפנטלעכע אַמטן און דינען אין מיליטער. עס ווערן פאַרבאָטן די פאָלקס־פייערונגען פון פורים, אָבער מען מעג אָנגיין מיט אַנדערע רעליגיעזע פייערונגען, אויף וויפל זיי באַליידיקן נישט די קריסטן. דער מאָב, אָנגעפירט פון מאָנאַכן און בישאָפן, הערט נישט אויף צו צעשטערן יידישע שולן, צווישן אַנדערע ווערט אין יאָר 414 צעשטערט די באַרימטע שול פון אַלעקסאַנדריע של מצרים. אין יאָר 438 ווערט יידן פאַרבאָטן צו בויען נייע שולן, זיי מעגן אָבער פאַררעכטן די אַלטע בנינים, וואָס האַלטן ביים איינפאַלן.

גלייכצייטיק ווערט פאַרגעזעצט דער אָנגריף קעגן דער העכסטער יידישער אויטאָנאָמער אויטאָריטעט, די נשיאות. אין יאָר 399 ווערן פאַרבאָטן אין דער מערב־אימפּעריע די געלט־זאַמלונגען פאַרן נשיא, דער פאַרבאָט ווערט אָבער צוריקגערופן אין 404. די נשיאות איז נאָך אַלץ שטאַרק און מען מוז זיך מיט איר רעכענען. ווען עס ברעכט אַמאָל אויס אַ קאָנפליקט צווישן דעם נשיא און דעם גובערנאַטאָר פון פּאַלעסטינע, ווערט דער גובערנאַטאָר אפילו פאַרמשפּט צום טויט. אָבער אין יאָר 415 ווערט ביים נשיא גמליאל דער זעקסטער צוגענומען דער טיטל פון ערן־פּרעפעקט, דערפאַר וואָס ער האָט, טראָץ דעם פאַרבאָט, דאָך מגייר געווען קריסטלעכע קנעכט און געבויט שולן. ווען דער זעלבער נשיא שטאַרבט קינדערלאָז אין 425, נוצט אויס די רעגירונג די געלעגנהייט און באַשטימט נישט קיין נאָכפאָלגער. די נשיאות ווערט בטל, ווען אפילו די אויטאָנאָמיע ווערט נישט אָפּגעשאַפט און דער סנהדרין זעצט פאָר זיין טעטיקייט, אונטערן פאָרזיץ פון די „ראשי־פּירקא", ישיבה־הויפּטן. די שווערע לאַגע צווינגט דעם סנהדרין צואיילן מיטן פאַרפיקסירן שריפטלעך די קאָמענטאַרן פון דער משנה, וואָס זענען ביז דאַן געלערנט געוואָרן מינדלעך. עס ווערן רעדאַגירט די מינדלעכע קאָמענטאַרן, וואָס האָבן באַקומען דעם נאָמען תלמוד ירושלמי, וועלכער איז פאַרענדיקט געוואָרן כמעט אײנצייטיק מיטן תלמוד בבלי, אַרום יאָר 500.

אַזוי איז אונטער די קלעפּ פון דער קירכלעכער אומטאָלעראַנץ, געשטיצט אויף דער שטאַטלעכער מאַכט, בטל געוואָרן דאָס נשיאות, וואָס האָט אויף ברייטע אויטאָנאָמע יסודות אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן אין אַ משך פון 355 יאָר, פון דעם

טאָג, וואָס ירושלים איז צעשטערט געוואָרן, אין יאָר 70, ביז דאָס נשיאות איז בטל געוואָרן אין יאָר 425. אַלע נשיאים זענען געווען פון איין פאַמיליע, די דינאַסטיע פון הלל, וואָס האָט געהאַלטן, אַז זי שטאַמט, פון מוטערס צד, פון דער קעניגלעכער דינאַסטיע פון דוד.

מיט 26 יאָר נאָך דער אָפּשאַפונג פון דער נשיאות, וועט די קריסטלעכע קירכע אויפן בישאָפן־צוזאַמענפאָר פון כאַלקעדאָן באַשענקען מיטן טיטל פּאַטריאַרך (נשיא) דעם בישאָף פון ירושלים. דאָס קריסטנטום ירשנט דאָס ייִדנטום.

דאָס קריסטנטום, וואָס האָט צעשטערט די פּאָליטישע אויטאָנאָמיע פון דעם ייִדישן ישוב אין ארץ־ישׂראל, האָט גראַד בייגעטראָגן צו פאַרשטאַרקן זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע אין לאַנד. אונטער דער קריסטלעכער ביצאַנץ בליט אויף ארץ־ישׂראל, וואָס ווערט דאָך באַטראַכט אויך פון די קריסטן ווי אַ הייליק לאַנד. פון אַלע עקן וועלט קומען קריסטלעכע עולי־רגל (פּילגרימערס), צו באַזוכן די הייליקע ערטער, און ייִדן זענען פאַר זיי די בעסטע וועג־ווייזער, ווייל ווער נאָך ווי זיי קאָן זייער אייגן לאַנד? עס אַנטוויקלט זיך אַן עקספּאָרט פון די ביינער פון די קריסטלעכע הייליקע און אויך ייִדישע נביאים. ייִדן זענען בר־סמכאָס צו זאָגן מיט „זיכערקייט", ווו וועמענס קבר עס געפינט זיך. קירכן־פּאָטערס, צווישן זיי דער באַרימטער העראָנימוס, וואָס האָט איבערגעזעצט דעם תנ"ך אויף לאַטיין (די וווּלגאַטאַ), קומען קיין ארץ ישׂראל צו לערנען תורה ביי ייִדן און שטודירן דעם תנ"ך אין דעם לאַנד, ווו ער איז געשאַפן געוואָרן (400).

דער סדר פון די נשיאים

	הלל הזקן	— שמעון ב"ר הלל.
26-52	גמליאל ב"ר שמעון הזקן	מיטצייטלער פון אַגריפּאַ דעם 1טן
52-70	שמעון ב"ר גמליאל דער 2טער	געשטאַנען בראש פון נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד אין די יאָרן 66-70
85-114	גמליאל ב"ר שמעון דיבנה	געשטאַנען בראש פון סנהדרין אין יבנה נאָך דער צעשטערונג פון ירושלים
138-165	שמעון ב"ר גמליאל דער 3טער	געשטאַנען בראש פון רעאָרגאַניזירטן סנהדרין אין גליל
165-210	יהודה ב"ר שמעון א'	רעדאַגירט די משנה
210-230	גמליאל ב"ר יהודה 3טער	אין זיין צייט זענען געזאַמלט געוואָרן די ברייתות
230-285	יהודה ב"ר גמליאל 2 (נשיאה)	פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פון נשיאות און סנהדרין אין טבריה
285-300	גמליאל ב"ר יהודה 4טער	
300-330	ר' יהודה ב"ר גמליאל 3טער	
330-365	הלל 2טער ב"ר יהודה	פירט איין דעם לוח
365-385	גמליאל ב"ר הלל 5טער	
385-400	יהודה ב"ר גמליאל 4טער	
400-425	גמליאל ב"ר יהודה 6טער	אָפּגעשאַפט די נשיאות

76סטע לעקציע

ווען א וועלט-אימפעריע פאלט

(407 ־ 527)

די אייגנטלעכע רוימישע אימפעריע האָט נישט אויף קיין סך איבערגעלעבט דעם אויטאָנאָמען יידישן צענטער, וואָס איר יורשטע ביצאַנץ האָט אָפּגעשאַפט אין 425. אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון די באַרבאַרישע גערמאַנישע שבטים, וואָס רייסן זיך אַריין אין דער אימפּעריע, ווערט זי צעפּיצלט, און לסוף ווערט רוים גופא פאַר־וואַנדלט אין דער הויפּשטאָט פון אַ קעניגרייך, וואָס דער גערמאַנישער שבט גאָטן, וועט גרינדן אין איטאַליע.

אין 407, ציען זיך די רוימישע לעגיאָנען צוריק פון בריטאַניע (ענגלאַנד). אין 410 רויבט אוים דער וועסט-גאָטישער פירער אַלאַריך די אימפּעריאַלע רוים. דעם זעלבן יאָר גרינדן די וואַנדאַלן זייער מלוכה אין שפּאַניע, מיט טאָלעדאָ אַלס הויפּט־שטאָט. אין 419 גרינדן די וועסט־גאָטן אַ צווייטע מלוכה אין דרום־פראַנקרייך, מיט טולוז אַלס הויפּטשטאָט. אין 429 נעמט איין דער וואַנדאַל גענזעריך צפון־אַפריקע און גרינדעט דאָרט אַ מלוכה, וואָס וועט עקזיסטירן אַ הונדערט יאָר. אין 455 רויבט ער אוים רוים. צווישן אַלע רייכטימער פירט ער אויך אוועק אין זיין הויפּטשטאָט קאַר־טאַגאָ די הייליקע כלים פון בית המקדש, וואָס טיטוס האָט געבראַכט נאָכן חורבן ירושלים אין יאָר 70. אין 443 גרינדן די בורגונדיער אַ שטאַרקע מלוכה אין סאַוואָיען, און אין 476 טיילט מיט דער גאָטישער מלך אָדאָאַקער דעם אימפּעראַטאָר פון בי־צאַנץ, אַז די רוימישע אימפּעריע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דער דאָזיקער גאָ־טישער מלך איז אַנערקענט געוואָרן פון ביצאַנץ.

אין די דאָזיקע פאַר דער אַנטיקער וועלט שווערע צייטן ווערט אָפּגעשוואַכט די אַנטי־יידישע געזעצגעבונג. די מערב־אימפּעריע (רוים) איז צעשטערט. די מזרח־אימפּעריע (ביצאַנץ) איז אויך היפּש צעטרייסלט פון די באַרבאַרן און האָט וויכטי־קערע זאָרג ווי אַנטי־יידישע געזעצן. דאָס יידישע לעבן אַנטוויקלט זיך רעלאַטיוו נאָר־מאַל. אין גליל ווערט פאַרגעזעצט דער לימוד התורה אונטער דער לייטונג פון די ראשי־

פירקא, וואָס האָבן פאַרטראַכטן די נשיאים. עס ווערט פאַרענדיקט די רעדאַגירונג פון תלמוד ירושלמי. עס ווערן אויך געשאַפן די מדרשים: מכילתא, ספרא, ספרי, מדרש רבא, מדרש תנחומא, פסיקתא רבתי און פסיקתא דר׳ כהנא. אין די שווערע צייטן, וואָס דאָס פאָלק לעבט דורך, אונטערן ביזאַנטישן יאָך, האָט עס מער נישט קיין מוט פאַר גריבלען זיך אין דינים, פּרטים פון מצוות. דער דערדריקטער פאָלקס־גייסט פאָר־דערט אַן אַנדער גייסטיקע שפּייז, וואָס זאָל אים באַמוטיקן און קרעפטיקן זיין נשמה אין דעם שווערן פּרוּוו, וואָס ער האָט אויסצושטיין. אָט־אָ די גרויסע אויפגאַבע דער־פילן די מדרשים. אין די שולן, נאָך קריאת התורה, אָדער שבת ביי טאָג, ווערט דער טעקסט פון דער תורה און פון די נביאים נישט נאָר פאַרטייטשט און דערקלערט, נאָר אויך אינטערפּרעטירט. מיט אַ רמז, מיט אַן אָנדייטונג באַציט מען זיך אויך צו פראַגן פון דער דעמאָלסטיקער אַקטואַליטעט. געוויס קאָן מען נישט אָפן רעדן קעגן דער רע־גירונג, אָבער אונטערן פּסעוודאָנים אדום ווערט וועגן ביצאַנץ געזאָגט אַלץ, וואָס מען האַלט פאַר נויטיק, און עס ווערט איר געווונטשן אַלץ, וואָס זי פאַרדינט באמת.

די אגדה־טייל פון די מדרשים און פון תלמוד ווערן באַקאַנט און באַליבט ביים פאָלק, וואָס געפינט אין זיי טרייסט און באַמוטיקונג אין זיין שווערער לאַגע. הלכה איז אַן ענין פאַר לומדים, פאַר יחידי־סגולה, אָבער אגדה, דרוש אויף דער פאַר־שטענדלעכער פאָלקס־שפּראַך, איז אַ גייסטיקער היילמיטל און קרעפטיקונג־געטראַנק פאַר אַלע יידישע הערצער און נשמות. פאַרגלייכן עס טאָקע די בעלי־אגדה צו צוויי מענטשן, וואָס קומען אין אַ שטאָט. איינער בלויז מיט גרויסע גאָלד־רענדלעך, דער צווייטער מיט קליינגעלט אין האַנט, אַוודאי איז דעם צווייטן לייכטער צו האַנדלען און צו קויפן ווי דעם ערשטן.

אין די אַנדערע טיילן פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע האָבן זיך יידן דער־וואָרבן אַ היפּשע עקאָנאָמישע פּאָזיציע און זענען אַזוי ווייט אַריינגעוואָקסן אין אַרו־מיקן לעבן, אַז זיי האָבן זיך אַפילו באַטייליקט אין די קאַמפן צווישן „גרינע" און „בלויע", וואָס האָבן דורך זייער ריוואַליטעט אין צירק־ענינים פיל משפּיע געווען אויף דער פּאָליטישער לאַגע. די דאָזיקע אינטערווענץ אין דער גרויסער מחלוקת צווישן די צירק־פּאַרטייען האָט יידן נישט ביליק געקאָסט. אין יאָר 486 פאַרברענען די „גרינע" די יידישע שול אין אַנטיאָכיע, טויטן איינִיקע מתפּללים און וואַרפן אַריין זייערע קערפּערס אין די פלאַמען. דער קיסר זענאָן האָט בלויז באַדויערט, וואָס מען האָט פאַר־ברענט טויטע יידן, נישט קיין לעבעדיקע... אין 507 חזרן די „גרינע" איבער זייער אויפטו אין פאַרשטאָט דאַפנע, ביי אַנטיאָכיע, און בלייבן ווידער אומבאַשטראָפט.

נישט בעסער גייט עס צו יענער צייט די יידן אין בבל. שטענדיק געטריי די פּערסישע הערשער, האָבן יידן העלדיש געקעמפט קעגן די רוימישע חילות, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט אַריינדרינגען אין בבל. אויס טרייִשאַפט צו זייערע הערשער האָבן זיך די יידן פון מחוזא קעגנגעשטעלט אַפילו די חילות פון יוליאַנוס דעם אַפּטריניק,

ווען אפילו דער דאָזיקער רוימישער קיסר האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן די הכנות צו־ריק אויפצובויען דעם בית־המקדש. דאָס אַלץ איז זיי אָבער נישט בייגעשטאַנען, ווען צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון פינפטן יאָרהונדערט קומען צו דער מאַכט פאַ־נאַטישע הערשער, וואָס באַנייען ווידעראַמאָל אין בבל אַ תקופה פון יידנפאַרפאָלגונגען. דער ביישפּיל פון אומטאָלעראַנץ אין ביצאַנץ איז אָנשטעקנדיק.

דער ערשטער אָנצוהויבן די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען איז געווען איזדאגער דער צווייטער (438־457), וועלכער האָט געהאַלטן, אַז די אונטערטאַנען דאַרפן אָפּהיטן די זעלבע רעליגיע וואָס זייער הערשער. יידן האָט מען פאַרבאָטן צו לייענען עפנטלעך קריאת־שמע, ווייל דאָרט ווערט אונטערגעשטריכט, אַז עס איז דאָ בלויז איין גאָט, ווען דער מלך האָט געהאַלטן, אַז עס זענען דאָ צוויי געטער, דער גאָט פון גוטס און דער גאָט פון שלעכטס; נישט צינדן קיין שבת־ליכט, ווייל דאָס פייער איז פאַרהייליקט געוואָרן ביי די פּערסער א. א. וו.

ערגער איז געוואָרן די לאַגע אונטער דער טיראַניע פון פירוז (459־486), וואָס איז אַריין אין די יידישע מקורות מיטן צונאָמען רשיעא (דער רשע). ער איז געווען אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון דער אמונה אין פייער, און ווען צוויי פון די פּריסטער פון דער רעליגיע זענען דערהרגעט געוואָרן אין אַ צוזאַמענשטויס מיט יידן, האָט ער געהייסן טויטן אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון יענער שטאָט, איבערגעבן יידישע קינדער אין די פּאַרסישע טעמפּלען, ווו זיי זאָלן דערצויגן ווערן אין דער פייער־אמונה. דעם ריש גלותא הונא מרי און אייניקע יידישע פירער האָט ער פאַרמשפּט צום טויט, געשלאָסן די יידישע שולן, פאַרמאַכט די ישיבות און אָפּגעשאַפט די יידישע געריכטן.

יידן האָבן אויף די פאַרפאָלגונגען געענטפערט מיט אַן אויפשטאַנד. דער זון פון געטויטן ריש־גלותא, מר זוטרא, האָט אָרגאַניזירט אַ יידישע אַרמיי און האָט זיך זיבן יאָר געהאַלטן אין יידישן געגנט, ביז ער איז לסוף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פירוז און געטויט געוואָרן. מאַסן יידן זענען אַנטלאָפן פון בבל קיין אַראַביע און קיין אינדיע, ווו מיר וועלן שפּעטער פון זיי הערן.

אַרום יאָר 490 ברעכט אויס אין פּערסיע אַ בירגער־קריג אויף אַ קאָמוניסטי־שער באַזיס. דער רעפאָרמאַטאָר פון דער פּערסישער רעליגיע מאַצדאַק, האָט דערקלערט, אַז בכדי הורמיז, דער גאָט פון גוטס און ליכט, זאָל קאָנען גובר זיין אהרימאַן, דעם גאָט פון שלעכטס און פינצטערניש, איז נויטיק צו אויסגלייכן די מענטשן אין אַלע הינזיכטן. צוליב דעם דאַרף מען אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום, איינפירן געמיינזאַמען באַזיץ פון פאַרמעגן, ווי אויך פון די פרויען. דער רעפאָרמאַטאָר איז געשטיצט געוואָרן פון קעניג קאַוואַד (490־534), און די יידן האָבן צוגלייך מיט אַלע איינוווינער געליטן פון אָט דעם פּאַרצייטיקן קאָמוניסטישן פּרווו.

אין די דאָזיקע שווערע פינצטערע צייטן איז דאָך דורכגעפירט געוואָרן די

ריזיקע ארבעט פון אויפזאמלען און דעפיניטיוו רעדאגירן דעם תלמוד בבלי. אָנגע־הויבן האָט די אַרבעט אין די ערשטע יאָרן פון פינפטן יאָרהונדערט דער ראש ישיבה פון סורא, רב אַשי, דער וויכטיקסטער פון פערטן דור אמוראים. זיין זון טביומי, וועל־כער איז מער באַקאַנט מיטן צונאָמען מר בר רב אַשי, אַ צונאָמען, וואָס איז געוואָרן אַ גאַנגבאַר וואָרט ביי יידן, האָט פאָרגעזעצט די זאַמל־אַרבעט אין די שווערסטע יאָרן, צווישן 430 און 470, און פאַרענדיקט דאָס ריזיקע ווערק האָט דער שפּעטערדיקער ראש ישיבה פון סורא, דער וויכטיקסטער אמורא פון זעקסטן און לעצטן דור, רבינא בר הונא, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 500, און דערפאַר ווערט דאָס דאָזיקע יאָר גערעכנט פאַרן יאָר, ווען דער תלמוד בבלי איז דעפיניטיוו אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

דער תלמוד דינט ביז היינט ווי דער „קאָרפּוס יורים", קאָדעקס פון יידישן פאָלק. אַלע שפּעטערדיקע קאָדיפיקאַציעס, ביזן שולחן־ערוך, זענען באַזירט אויפן תלמוד בבלי. דער תלמוד איז אָבער אויך די וויכטיקסטע זאַמלונג פון יידישן פאָלק־לאָר, געשיכטע, פאָלקס־מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטן, ווי מאַטעמאַטיק און אַסט־ראָנאָמיע. עס איז אַ מערקווירדיק ווערק, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויפן ווייטערדיקן יידישן לעבן, מיטמאַכנדיק אַלע גלותן, וואָס דאָס פאָלק האָט דורכגע־מאַכט. דער תלמוד איז פאַרפאָלגט געוואָרן גלייך מיט די, וואָס האָבן אים געלערנט. מער ווי איין מאָל איז ער געברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן; ער איז אפילו באַ־קעמפט געוואָרן מצד געוויסע קרייזן אין דעם יידישן פאָלק גופא, וואָס האָבן געזוכט אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט, וואָס דער תלמוד פאַרקער־פּערט. פופצן הונדערט יאָר ווערט דער תלמוד געלערנט בכל תפוצות ישראל, זיין גורל בלייבט ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון אייביקן פאָלק.

די מסכתות פון תלמוד בבלי

א) באַגרינדעטע אויף משניות: 36 מסכתות, 310 פרקים, 2744 דפים

ברכות, שבת, עירובין, פסחים, יומא, סוכה, ביצה, ראש־השנה, תענית, מגילה, מועד קטן, חגיגה, יבמות, כתובות, גיטין, נדרים, נזיר, סוטה, בבא־קמא, בבא־מציעא, בבא־בתרא, סנהדרין, מכות, שבועות, עבודה זרה, הוריות, זבחים, מנחות, חולין, בכורות, ערכין, תמורה, מעילה, כריתות, נדה, תמיד.

ב) באַגרינדעטע אויף בריתות:

כלה, כלה רבתי, שמחות אָדער אבל רבתי, אָבות דר' נתן, סופרים, דרך ארץ רבה, דרך ארץ זוטא, גרים, כותים, ספר תורה, תפילין, ציצית, מזוזה.

77סטע לעקציע

אונטער ביזאַנטישער טיראַניי

(527 ־ 614)

אין אָנפאַנג פון 6־טן יאָרהונדערט מאַכט דורך די ביזאַנטישע אימפּעריע אַ קורצן פּעריאָד פון מאַכט און אויפבלי. אין 527 באַשטייגט דעם טראָן פון דער אימפּעריע דער ענערגישער און אמביציעזער יוסטיניאַנוס, וועלכער פאַרמעסט זיך אָנצושליסן אין דער אימפּעריע די טיילן פון אייראָפּע און אַפריקע, וואָס האָבן אַמאָל באַלאַנגט צו דער רוימישער וועלט־מאַכט.

אין 535 ווערט דער זייער פעאיקער קריגס־פירער בעליזאַריוס געשיקט קיין צפון־אַפריקע, ווו ער באַזיגט און צעשטערט די מלוכה, וואָס די וואַנדאַלן האָבן דאָרט געגרינדעט אין 429. צווישן דעם מלחמה־רויב, וואָס בעליזאַריוס פירט אַרויס פון קאַרטאַגאָ, די הויפּטשטאָט פון וואַנדאַלן־לאַנד, קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געפינען זיך אויך די הייליקע כלים, וואָס טיטוס האָט פון בית המקדש אין ירושלים געבראַכט קיין רוים, פון וואַנען דער מלך פון די וואַנדאַלן גענזעריך האָט זיי אַוועקגעפירט קיין קאַרטאַגאָ, ווען ער האָט אויסגערויבט רוים אין 455. עס איז נישט באַוווּסט דער גורל פון אָט די יידישע הייליקטימער. לויט איין ידיעה, איז די שיף, וואָס האָט זיי געפירט, אונטערגעגאַנגען אויף איר רייזע; לויט אַ צווייטער ידיעה, זענען די כלים געבראַכט געוואָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און פון דאָרט אַריבערגעשיקט געוואָרן אין אַ קירך קיין ירושלים, ווו זיי זאָלן זיך נאָך מעגלעך געפינען אונטער די רואינען פון יענער קירכע. צווישן 535 און 554 באַזיגן יוסטיניאַנוסעס גענעראַלן בעליזאַריוס און נאַר־ציסוס די גאָטן, וואָס הערשן אין איטאַליע, וועלכע ווערט אָנגעשלאָסן אין דער ביזאַנ־טישער אימפּעריע, און ווערט רעגירט פון אַ וויצע־קעניג מיטן טיטל עקזאַרך, וואָס וווינט אין ראַווענאַ, צפון איטאַליע.

אויסער אָט די געלונגענע מיליטערישע אָפּעראַציעס, גיט זיך אָפּ יוסטיניאַ־נוס מיט קאָדיפיצירן דאָס רוימישע געזעץ. דער „קאָדעקס יוסטיניאַני" רעזומירט אַלע רוימישע געזעצן, וואָס ער האָט געלאָזט אין קראַפט, און די נייע (נאָוועלן), וואָס ער האָט צוגעגעבן.

ביי דעם אַלעמען באַנייט אויך יוסטיניאַנוס די אַנטי־יידישע געזעצגעבונג, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן מיט אַ 90 יאָר צוריק. קיין סך נייעס לאָזט זיך נישט צוגעבן, כמעט אַלץ איז שוין פון פריער פאַראויסגעזען, אָבער ווען ער פירט אַריבער די געזעצן וועגן יידן פון די אַלטע קאָדעקסן, ווערט דורכגעלאָזט די שטעלע, וואָס אָנערקענט יידישקייט ווי אַ לעגאַלע רעליגיע, און יידן ווערן אַריינגערעכנט צווישן אַלע נישט־גלויביקע. אין 537 ווערט באַנייט דער געזעץ, אַז יידן טאָרן נישט פאַרנעמען קיין עפנט־לעכע אַמטן, עס ווערט אָבער צוגעגעבן, אַז זיי דאַרפן לייסטן זייער דינסט אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגען אין דעם נידעריקסטן און שווערסטן אַמט פון קאָהאָרטאַלינו. יוסטיניאַנוס גיט דעם טעם פון אַזאַ האַנדלונג: „זאָלן די יידן טראָגן די לאַסט און זיפצן אונטער איר משא, אָבער נישט געניסן פון מינדעסטן כבוד. זאָלן זיי זיין פיזיש אַזוי נעבעכדיק, ווי זיי זענען עס גייסטיק". יוסטיניאַנוס פאַראָרדנט אויך, אַז יידן זאָלן באַפרייען נישט בלויז די קריסטלעכע קנעכט, נאָר אויך אַ קנעכט, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ ווילן צו טויפן זיך. יידן ווערן אויך נישט אָנגענומען אַלס עדות, סיידן זיי זאָגן עדות צו גונסטן די קריסטן. אויב איינער פון די עלטערן איז גרייט צו שמדן זיין קינד, און דער צווייטער איז נישט מסכים, זאָל געטאָן ווערן לויטן ווילן פון ערשטן, מעג עס זיין דער פאָטער, אָדער די מוטער. יידן טאָרן נישט קויפן, האַלטן גערונגען אָדער נעמען אין היפּאָטעק אַ פּלאַץ אויף וועלכן עס שטייט אַ קירכע.

יוסטיניאַנוס האָט אויך אינטערווענירט אין אינערלעכע יידישע ענינים. אַזוי, למשל, האָט ער דערלויבט צו לייענען די תורה בלויז אין דער גריכישער איבערזעצונג, אָן דעם העברעאישן אָריגינאַל. בכדי יידן זאָלן ריכטיק פאַרשטיין דעם סודותדיקן פּשט פון געוויסע שטעלן, רעקאָמענדירט יוסטיניאַנוס צו לייענען אין דער גריכישער איבערזעצונג פון די זיבעציק. ער איז אָבער גענוג גרויסמוטיק צו דערלויבן אויך אַנ־דערע גריכישע איבערזעצונגען, אַפילו די פון דעם גר אַקילעס.

כפי אַ סך קריסטן פייערן נאָך אַלץ זייער פסח אין איין צייט מיט די יידן, פאַראָרדנט יוסטיניאַנוס, אַז ווען דער יידישער פסח וועט אויספאַלן פאַרן קריסטלעכן, זאָלן די יידן נישט טאָרן פייערן אים דורך עפנטלעכע תפילות, נישט עסן קיין מצה. יוסטיניאַנוס האָט אויך פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט דער משנה, תלמוד און אגדה, ווייל זיי זענען דאָך נישט געגעבן געוואָרן פון גאָט, נאָר מענטשן האָבן זיי אויסגע־טראַכט. אין דער שטאָט באָריאַן, אין קירענאַיקאַ, איז געשטאַנען אַ פּרעכטיקע שול, וואָס מען האָט געהאַלטן, אַז זי שטאַמט נאָך פון שלמה המלכס צייטן. יוסטיניאַנוס האָט די שול פאַרוואַנדלט אין אַ קירכע און די יידן פון שטאָט געצוווּנגען צו שמד. דער ערשטער אָפיציעל אַרויסגעצוווּנגענער שמד אונטערן קריסטנטום.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס די השגחה אויף דער דורכפירונג פון די אַנטי־יידישע געזעצן איז איבערגעגעבן געוואָרן די בישאָפן צוגלייך מיט די גובערנאַטאָרן. דער בישאָף האָט אָבער דאָס רעכט צו פאַרקלאָגן זיך צום אימפּעראַטאָר, ווען די צי־

ווילע מאכט איז נאכלעסיק ביים אפּהיטן די געזעצן. דערצו איז דעקרעטירט געוואָרן, אַז די באַשלוסן פון די בישאָף־צוזאַמענפאָרן זענען פאַרפליכטנדיק צוגלייך מיט די מלוכה־געזעצן.

ביצאַנץ האָט אויך געהאַט די געלעגנהייט חרוב צו מאַכן אַ יידישע מלוכה, וואָס איז מיט אַ פופציק יאָר צוריק אַנטשטאַנען אויפן אַראַבישן האַלב־אינדזל, נישט ווייט פון דעם איצטיקן פּאָרט אַדען. די יידישע פּליטים פון ארץ ישראל און פון בבל, וואָס האָבן זיך אין פאַרשידענע צייטן באַזעצט אויפן אַראַבישן האַלב אינדזל, האָבן אַרויסגערופן צווישן די אַראַבישע שבטים אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר מגייר זיין זיך. אייניקע פון די שבטים (המיר), האָבן געגרינדעט די אויבנדערמאָנטע מלוכה, וואָס האָט פאַרנומען אַ זייער סטראַטעגישע פּאָזיציע, ביים דורכגאַנג פון ים־סוף אין אינדישן אָקעאַן, אַ וואַסער־וועג, וואָס האָט קאָנטראָלירט דעם גאַנצן האַנדל פון ביצאַנץ מיטן ווייטן מזרח. אַלס רעאַקציע קעגן די רדיפות פון די ביזאַנטישע אימפּעראַטאָרן אויף יידן, האָט דער קעניג פון חמיר, יוסף די נואַס, גענומען געפאַנגען אייניקע ביצאַנטישע סוחרים און געהאַלטן זייער פאַרמעגן אין משכון. אויף דער איינלאַדונג פון ביצאַנץ זענען דאַן די קריסטלעכע אַביסיניער אַריבער דעם שמאָלן ים־דורכגוס, וואָס האָט אָפּגעטיילט זייער דעמאָלטדיקן באַזיץ פון דער יידיש־אַראַבישער מדינה, און האָבן זי צעשטערט. דער מלך, יוסף די נואַס, האָט זיך, רייטנדיק אויף זיין שלאַכט־פערד, אַראָפּגעוואָרפן פון אַ הויכן באַרג־שפּיץ אין די טיפע ים־כוואַליעס, אַבי נישט צו ווערן געפאַנגען פון די קריסטן.

אין די צייטן פון יוסטיניאַנוס זענען אויך פאָרגעקומען צוויי אויפשטאַנדן פון די שומרונים, דעם מעכטיקן האַלב־יידישן שבט, וואָס האָט געלעבט אין צענטראַלן טייל פון פּאַלעסטינע. לכתחילה האָבן די אויפשטאַנדן געהאַט דערפאָלג, אין ערשטן אויפשטאַנד, אין 529, האָבן די שומרונים אפילו באַוויזן צו קרוינען אַ מלך, אַ געוויסן יוליאַנוס בן צברא, אָבער דער אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן. דער מלך איז געקעפּט געוואָרן, זיין קאָפּ מיט דער קרוין אָפּגעשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. נישט בעסער האָט זיך פאַרענדיקט דער אויפשטאַנד פון יאָר 556. די אויפשטאַנדן האָבן פולשטענדיק דערשעפּט די שומרונים, וואָס זענען פון דאַן אָן אַריין אין דעקאַדענץ. ביים היינטיקן טאָג ציילט דער שבט קוים עטוואָס מער פון דרייהונדערט נפשות, וואָס זוכן זיך אָנצושליסן אין דער נייער מדינת ישראל.

די נאָכפאָלגער פון יוסטיניאַנוס זענען געגאַנגען אין זיינע דרכים, די יידן־פאַרפאָלגונגען זענען נישט שוואַכער געוואָרן, אדרבא, זיי האָבן זיך נאָך פיל פאַרשטאַרקט אין די צייטן פון דעם טיראַנישן אוזורפּאַטאָר פאָקאַס (602־610) און האָבן געבראַכט צו אַן אָפענער יידישער מרידה אין די צייטן פון קיסר העראַקליוס (610).

אויסנוצנדיק אַ פאַרצויגענע מלחמה צווישן ביצאַנץ און פּערסיע, און ווען די פּערסישע חילות זענען צוגעקומען האַרט צו די גרענעצן פון פּאַלעסטינע, דער־

קלערן זיך די יידישע איינוווינער פון לאַנד אין אַן אָפענער מרידה קעגן ביצאַנץ. בראַש פון דעם אויפשטאַנד האָט זיך געשטעלט בנימין פון טבריה, מעגלעך אַן אָפּשטאַמער פון דער נשיאים־דינאַסטיע, וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן מיט קנאַפּע צוויי יאָרהונ־דערטער צוריק פון איר הויכן אַמט.

יידן פון ארץ ישראל און בבל בילדן אַן אַרמיי פון דרייסיק טויזנט מאַן, וואָס העלפן די פּערסער איינעמען דאָס לאַנד. אין יולי פון יאָר 614 איז ירושלים געפאַלן. די פּערסער האָבן אויסגעשלאַכטעט אַ סך קריסטן, חרוב געמאַכט אַ סך קירכן און גענומען געפאַנגען דעם הייליקן קרייץ, אויף וועלכן מען האָט, לויט דער קריסטלעכער טראַדיציע, געקרייציקט בשעתו ישוע פון נצרת. די פאַרוואַלטונג פון שטאָט און לאַנד איז איבערגעגעבן געוואָרן די יידן. די גרויסע מפּלה פון ביצאַנץ ווערט אין יידישע קרייזן אויסגעטייטשט אַלס אַ סימן, אַז עס קומען משיחס צייטן. עס איז אפילו פאַראַן אַ מדרש, אַז יידן האָבן נאָכאַמאָל באַנייט דאָס גאָטעס־דינסט דורך קרבנות אויפן פּלאַץ פון חרובן בית המקדש, וואָס מען האָט זיך געקליבן צוריק אויפבויען. דאָס דאָזיקע ווירקט אויך אויף די קריסטלעכע מאַסן, צווישן וועלכע עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג פון גרות.

די יידישע אַרמיי טרעט ארויס צו העלפן די פּערסער אויך אויסערן געביט פון דער אייגנטלעכער יידישער זאָנע. זיי פאַרנעמען די האַפנשטאָט עכו, אָבער זיי ליידן אַ מפּלה ביי דער באַלאַגערונג פון צור, און דאָס ברענגט צו ערנסטע קאָנ־סעקווענצן. די פּערסער זעען איין, אַז די יידן זענען פאָרט אַ מינדערהייט אין פּאַלעס־טינע, און מיט אַ מינדערהייט קאָן מען נישט רעגירן קיין לאַנד. דער דורכפאַל ביי צור ווערט אויסגענוצט ווי אַן אויסרייד אויף אָפּצוברעכן דעם יידיש־פּערסישן אָפּמאַך. נאָך אַ קיום פון 5 יאָר, בערך, ווערט די יידישע רעגירונג פון ירושלים אָפּגעשאַפט, די שטאָט ווערט צוריק איבערגעגעבן די קריסטן. אָבער די יידן האַלטן אָן זייער אויז־טאָנאָמע פאַרוואַלטונג אין די דורך זיי באַוווינטע געגנטן.

דאָס פאַרמינערט נישט די יידישע אומצופרידנקייט מיט די פּערסער, וואָס האָבן זיי אָפּגענאַרט, פאַרראַטן און צעשטערט איינע פון די שענסטע אילוזיעס פון באַפרייאונג פון גלות. אַזוי, אַז ווען אין 622 נעמט אונטער דער קיסר העראַקליוס אַן אָנגריף קעגן די פּערסער, שטיצן זיי די יידן נישט מער, און זיי קוקן צו פּאַסיוו ווי דאָס לאַנד פאַלט ווידער אריין צו די ביזאַנטינער אין 629.

פופצן יאָר האָט געדויערט דער עפּיזאָד פון צוריקקערן צו אַ יידישער פּאָלי־טישער מאַכט אין ארץ־ישראל, אַ יאָר פינף האָבן די יידן אפילו באַהערשט זייער הויפּטשטאָט ירושלים. ווען העראַקליוס קומט צו די גרענעצן פון פּאַלעסטינע אין יאָר 629, מוז ער נאָך פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די יידן, ווייל אָן זייער צושטימונג וועט אים אָנקומען שווער צו פאַרנעמען דאָס לאַנד. ער זאָגט צו נישט רודפן זיי פאַר דער פאַרגאַנגענער מרידה. אָבער ווי נאָר ער פאַרנעמט דאָס לאַנד, ברעכט ער זיין שבועה

און איז זיך נוקם אין די יידן מיט רדיפות און שחיטות. העראַקליוס איז בכלל איינער פון די שרעקלעכסטע שונאי ישראל. אונטער זיין השפעה באַשליסן דער קעניג פון פראַנקרייך דאַגאָבערט און דער קעניג פון שפּאַניע סיסעבוט צו צווינגען די יידן צו שמד, אָדער צו פאַרלאָזן זייערע לענדער.

ביצאַנץ האָט ווידער טריומפירט. די יידן פון פּאַלעסטינע זענען אונטערגעיאָכט און דערדריקט, אָבער דער זיג פון העראַקליוס איז אויך נישט דויערהאַפט. אין דער צו פּאַלעסטינע נאָענטער אַראַביע ווערט אין יענע יאָרן געבוירן דער איסלאַם, די צווייטע רעליגיע, וואָס קומט צום לעבן אונטער דער השפּעה פון יידן און יידישקייט. דער גרינדער פון דער נייער אמונה, מחמד בן עבדאַללה, וועט זיך ווענדן מיט אַ בריוו צו די אימפּעראַטאָרן פון ביצאַנץ און פּערסיע און וועט זיי אויפפאָדערן איבערצוגעבן זייערע באַטרעפנדע אימפּעריעס אים, דעם איינציקן פאַרטרעטער און נביא פון גאָט אויף דער וועלט. לכתחילה וועלן זיך די אימפּעראַטאָרן אויסלאַכן פון דער מאָדנער און אַזוי געוואַגטער אויפפאָדערונג, אָבער עס וועלן קיין צען יאָר נישט פאַרבייגיין און דער איסלאַם וועט דעראָבערן מיטן שווערד, וואָס מען האָט אים נישט געוואָלט מיט גוטן געבן...

78סטע לעקציע

די אנטשטייאונג פון איסלאם און זיין קאמף מיט יידישקייט

(622 ־ 630)

די באפעלקערונג פון אראבישן האלב־אינדזל, דאס וויגעלע פון דער סעמיטישער ראסע, האט זיך פון אלעמאל געהאלטן פאר גאר נאענטע קרובים פון יידישן פאלק. די אראבער פון דרום־טייל האבן אנגעוויזן זייער יחוס פון יקטן בן עבר, אן אורפאטער פון די עברישע שטאמען. זיי האבן זיך מער אפגעגעבן מיט ערד־ארבעט און אין זייער אומגעגנט איז אויפגעקומען די יידיש־אראבישע מלוכה, וועגן וועלכער מיר האבן גערעדט אין פאריקן קאפיטל. די אראבער פון די צפון־געגנטן האבן אנגעוויזן זייער יחוס פון ישמעאל, דעם זון פון אברהם אבינו, און זענען געווען שטיפברידער פון די יידן. זיי האבן זיך אפגעגעבן מער מיט פיצוכט און מיט קולטיווירן טייטל־ביימער אין די אאזיסן וואס זענען צעווארפן איבער יענע אומענדלעכע מדבריות.

אין די שווערע יארן פון נאציאנאלע קאטאסטראפעס, ווי די צעשטערונג פון ירושלים, דער דורכפאל פון בר־כוכבא־אויפשטאנד, די רדיפות פון אדריאנוס, די רדיפות אין בבל, האבן זיך א סך יידן געראטעוועט קיין אראביע, ווו זייער באזעצן זיך איז געווען פארלייכטערט דורך דעם, וואס די אראבישע שפאך איז א שוועסטער־שפראך פון העברעאיש און אראמעאיש און האט פון יידן געקאנט שנעל באהערשט ווערן.

ווי זייערע אראבישע שטאם־ברידער, האבן זיך די יידישע פליטים ארגאניזירט אין אומאפהענגיקע שבטים מיט אייגענע נשיאים. זיי האבן זיך ווייניק אפגעשיידט פון די אראבער מיט זייער קליידונג, עסן, לעבנס־שטייגער, זיי האבן אפילו איבערגענומען געוויסע זיטן און מנהגים און די נייגונג צו פאעטיזירן. דער איינציקער אונטערשיד איז געווען אויפן געביט פון רעליגיע. בשעת די יידן זענען שוין געווען מאנאטעאיסטן פון גאר א הויכער מדרגה, האבן פארמאגט די כתבי הקודש (תנ"ך) און טיילווייז אויך די משנה און תלמוד, זענען נאך די אראבער געווען איינפאכע געצנדינער: יעדער שבט האט געהאט זיין געץ און די אלע געצן זענען געשטאנען אין גרעסטן היילקטום, קאבא, אין דער שטאט מעקא.

מעקאַ שטייט כמעט אויף מיט־וועג צווישן די דרום־ און צפון־געביטן. די אַראַבישע שבטים פֿלעגן עולה־רגל זיין אין איר גרויסן הייליקטום, ווו זיי האָבן געדינט, יעדער שבט צו זיין געץ, און אַלע צוזאַמען, צום בשותפותדיקן הייליקטום, דעם שוואַרצן שטיין. אין די וואָכן פון עולה־רגל זיין, האָט געהערשט אַ מין וואָפנשטיל־שטאַנד צווישן די שבטים, וואָס פֿלעגן פירן צווישן זיך כמעט אומאויפהערלעכע מלחמות. די וועגן זענען געווען זיכער, און אין מעקאַ פלעגט איינגעאָרדנט ווערן אַ יריד, ווו די שבטים האָבן געקאָנט אומגעשטערט איינהאַנדלען די נויטיקע סחורות און פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און פרימיטיווע אויסאַרבעטונגען. די שטאָט מעקאַ האָט בעיקר געצויגן חיונה פון די פּילגרימען און פון די געשעפטן, וואָס זיי פלעגן צווישן זיך מאַכן.

די אָנוועזנהייט פון די יידישע שטאַמען האָט שטאַרק באַווירקט די רעליגיעזע איינשטעלונג פון די אַראַבער. יידישקייט האָט דאָ, ווי אומעטום, באַוויזן אַ גרויסע צוציאונגס־קראַפט. עס איז אויפגעקומען אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר מגייר זיין זיך. אויך די קריסטלעכע קירכע האָט געזוכט, פון אַביסיניע אויס, צו באַאיינפלוסן די אַראַבער קעגן געצנדינסט. דער גלויבן אין די אַלטע געטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, די אַראַבער זענען געוואָרן רייף פאַר אָננעמען אַן אַנדער גלויבן. ס'איז נאָר נויטיק געווען, אַז עמעצער פון זייער אייגענער מיט זאָל זיי געבן דעם לעצטן שטויס אין דער הינזיכט.

אין אָנפאַנג פון זיבעטן יאָרהונדערט באַווייזט זיך דער נויטיקער מאַן. מחמד בן עבדאַללה, אַ געבוירענער אין מעקאַ, אַ קינד פון מיוחסדיקן שטאַם, אַ פרימיטיווער דענקער און טרוימער, אָבער אַן עם־הארץ, וואָס קאָן נישט לייענען און שרייבן. אַלס קעמל־טרייבער און קאַראַוואַנען־פירער, מאַכט ער אָפטע נסיעות אין די נאָענטע מדינות, פּאַלעסטינע און בבל, ער קומט דאָרט אין קאָנטאַקט מיט יידן, ווי אויך מיט קריסטן, ער הערט זיך אָן זייערע רעליגיעזע דערציילונגען, ער קוקט זיך אויפמערקזאַם צו צו זייערע מנהגים, ער ווערט דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג אין מאָנאָטעאיזם און הויבט אָן פרעדיקן דעם גלויבן אין איינאונאיינציקן גאָט צווישן זיינע שטאַם־ברידער.

אָבער די אמונה אין איין גייסטיקער גאָטהייט מיינט אויך די צעשטערונג פון אַלע אָפּגעטער. דער טעמפּל פון קאַאַבאַ דאַרף אָנווערן זיין הייליקייט, און דאָס איז קעגן די אינטערעסן פון די איינוווינער פון מעקאַ, וואָס ציען דאָך חיונה פון די עולי־רגל. מחמד און דער ענגער קרייז פון זיינע געציילטע אָנהענגער ווערן גערודפט, זיין לעבן שטייט אין סכנה און אין יאָר 622 איז ער געצוווּנגען צו אַנטלויפן קיין יאַטריב, אַ שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג. די אַראַבישע טייל פון יאַטריב איז שוין דאַן רייף אָנצונעמען די לערע פון מחמד. דאָס יאָר 622, דאָס יאָר פון דער בריחה, אַנטלויפן (העגירא אין אַראַביש) ווערט דאָס אָנפאַנג־יאָר פון אַ נייער ערע, די מוסלימישע, ביי וועלכער די מאַכמעדאַנישע פעלקער האַלטן זיך ביז צו היינטיקן טאָג.

די אראבער פון יאטריב נעמען אויף מחמדן אלס זייער הויפט און נעמען אן זיין לערע, וואס ער פריידיקט, לויט ער באקומט זי פון א מלאך קאפיטלעכווייז (סורא'ס). די קאפיטלעך וועלן שפעטער בילדן די הייליקע שריפט פון דעם איסלאם, דעם קאראן.

אין זיינע ערשטע שריט דערנענטערט זיך מחמד שטארק צו יידישקייט. ער שאפט אפ דעם מנהג פון עולה־רגל זיין קיין מעקא. ער פירט איין פינף תפילות א טאג, די מתפללים מוזן בשעת די תפילות שטיין מיטן פנים צו ירושלים; ער נעמט אן דעם יידישן שבת אלס רו־טאג; ער פירט איין דעם יידישן תענית פון יום־כפור אונטערן אראבישן נאמען „עשורא", וואס מיינט דער צענטער טאג. אויף צוציען די יידן ווי אויך די קריסטן צו דער נייער אמונה, וואס ער פריידיקט, דערקלערט ער זיין מיס־יע אויף אזא אופן: פון צייט צו צייט שיקט גאט זיין ווארט צום מענטשלעכן געשלעכט דורך זיינע שליחים, די נביאים. די הויפט־שליחים ביז דאן זענען געווען אברהם, משה און ישוע, דער זון פון מרים פון נצרת. יעדער איינער פון זיי איז גרעסער פון זיין פארגייער. איצט קומט ער, מחמד בן עבדאללה, דער גרעסטער און דער לעצטער פון די שליחים־נביאים. מיט אים ווערט די נבואה פארחתמעט אויף אלע אייביקייטן, ווייל די לערע וואס ווערט דורך אים איבערגעגעבן איז „איסלאם", פערפעקט, דאס לעצטע געטלעכע ווארט צום מענטשן.

דאס פריידיקן פון מחמד געפינט א ברייטן אפקלאנג אין אראבישע הערצער, און די איינוווינער פון מעקא, וועלכע באגרייפן די סכנה, וואס די נייע אמונה מיינט פארן עצם קיום פון זייער שטאט, דערקלערן קריג דעם נייעם נביא. זיי ליידן אבער א מפלה אין דער שלאכט ביי באדר (יאר 624), און נאך א רייע אונטערהאנדלונגען קומען ביידע צדדים צו אן אויסגלייך.

די איינוווינער פון מעקא זענען גרייט ארויסצוווארפן די אפגעטער פון דער קאאבא און אננעמען די אמונה, וואס מחמד פריידיקט. זיי אנערקענען אים אויך אלס זייער הויפט און נביא. מחמד, פון זיין צד, לאזט איבער די עליה לרגל קיין מעקא אלס איינע פון די הויפט־מצוות פון זיין אמונה, און באפעלט זיינע גלוביקע צו זאגן זייערע תפילות שטייענדיק מיטן פנים צו מעקא. מיטן געהעריקן פאראד פארט מחמד צוריק אריבער קיין מעקא. אבער די שטאט יאטריב בייט זינט דאן איר נאמען אויף מעדינאט־איל־נעבי, די שטאט פון נביא, פארקירצט: מעדינא.

שטאלץ מיט זיין זיג, זוכט מחמד ארונטערצונעמען אויך די יידן אונטער די פליגל פון זיין נייער אמונה. די יידישע שבטים אנטזאגן זיך אבער צו אנערקענען אים אלס נביא, און מחמד דערקלערט זיי קריג. די יידישע שבטים קעמפן גישט־פאראייניקט און ווערן דערפאר באזיגט. מחמד באגייט זיך לכתחילה מיט די באזיגטע אן איבערי־קער גרויזאמקייט. ווען ער באזיגט אין 626 דעם שבט קיינוקא, און אין 627 דעם שבט נציר, גיט ער זיי א ברירה: אדער איבערגיין אין זיין אמונה, אדער פארלאזן דאס לאנד,

איבערלאָזנדיק דאָס פאַרמעגן. די גרעסטע טייל פון די צוויי שבטים איז מסכים אויס־צוואַנדערן און פאָרן אַריבער קיין ארץ ישראל. וואָס געפינט זיך דאַן אונטער פער־סישער אויבערהערשאַפט, און באַזעצן זיך אין עבר־הירדן. אָבער ווען מחמד דערפילט זיך גענוג פעסט, ווערט ער גרויזאַמער. ווען ער באַזיגט דעם שבט קורייטאַ, גיט ער שוין נישט קיין אַנדער ברירה, ווי: אָדער אָננעמען זיין אמונה, אָדער: „די מענער טויט; די פרויען און קינדער צעטיילן אַלס שקלאַפן". די יידן פון חייבאַר און פון תימאַ ווערט דערלויבט צו בלייבן אויף די ערטער, אָבער זיי מוזן איבערגעבן זייערע פראָ־דוקטן צו די מוסלימישע הערשער. ס'הייסט, פשוט, זיי ווערן פאַרשקלאַפט. דער נשיא פון אַ יידישן שבט נציר, כננה מרחב, ווערט פאַרפייניקט, ווייל ער וויל נישט אַרויס־געבן די באַהעלטעניש פון זיינע אוצרות, און, בעיקר, דערפאַר, ווייל מחמד וויל נעמען פאַר זיך זיין בילד־שיינע פרוי ספיה (628). די דאָזיקע אכזריות רופט אַרויס נקמה־געפילן ביי דער יונגער און שיינער סאַינאַב, די פרוי פון איינעם פון די געפאַלענע יידישע העלדן. זי מאַכט אַ באַנקעט פאַר מחמד מיט זיינע מקורבים און איז אים מכבד מיט זיין באַליבטן מאכל, שאָף־בראָטן. אָבער דאָס פלייש איז מיט גיפט. איינער פון די מיטעסער פאַלט גלייך אַ טויטער. מחמד ברעכט אויס דעם פאַרסמטן ביסן און בלייבט לעבן. אויף זיין פראַגע, פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן, ענטפערט סאַינאַב: „האָסט מיין פאָלק פאַרשאַפט גרויזאַמע לײדן". מחמד באַפעלט צו טויטן זי. אָבער ווען ער שטאַרבט מיט פיר יאָר שפּעטער אין 632, גלויבט ער אַליין, אַז עס איז אַ קאָנסעקווענץ פון יענעם גיפט.

אַראַביע בלייבט כמעט יידנריין. מחמד איז נישט נאָר דער נביא, נאָר אויך דער אומבאַגרענעצטער הערשער פון אַלע אַראַבישע שבטים. דאָס צוגערויבטע יידישע פאַרמעגן גיט אים די מיטלען צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע אַרמיי, וועלכע וועט, פאַנאַטי־זירט און דערהויבן דורך דער נייער אמונה, זיך אַוועקלאָזן איינצונעמען די וועלט, מיט דער לאָזונג: „נישטאָ קיין גאָט חוץ אַללה, און מחמד איז זיין נביא", ווי אויך מיטן געשריי: „דער גלויבן פון מחמד ווערט אַרויפגעצוווּנגען מיטן שווערד", וועלן די אַראַ־בישע חילות באַזיגן פעלקער און לענדער און וועלן שאַפן אַ קעגנגעוויכט קעגן דעם קריסטנטום, וואָס האָט געמיינט צו בלייבן דער איינציקער הערשער אויף דער וועלט.

79סטע לעקציע

אונטער די ערשטע כאַליפן

(660 - 632)

מחמד איז מער נביא ווי הערשער. ער גרינדעט נישט קיין דינאַסטיע. ווען ער שטאַרבט, פאַרנעמען זיין אָרט זיינע נאָענטע מענטשן און תלמידים, וואָס טראָגן דעם טיטל „כאַליף", שטעלפאַרטרעטער. דער ערשטער כאַליף, אבו בעקר, רעגירט בלויז צוויי יאָר. ער זעצט פאָר די הכנות, וואָס מחמד האָט אָנגעהויבן, אויף צו פאַרשפּרייטן זיין אמונה מיטן כוח פון שווערד.

ווען אין 634 באַטרעט דעם כאַליפן־טראָן אָמאַר בן אַכטאַב, הויבט זיך אָן דער דעראָבערונגס־מאַרש פון די איסלאַמישע חילות. די גרויסע אימפּעריעס ביצאַנץ און פּערסיע זענען דאַן געווען זייער אָפּגעשוואַכט, נאָך אַ שווערן קריג, וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך אין משך פון 25 יאָר און וועלכער האָט זיך ערשט נישט לאַנג געהאַט פאַרענדיקט. די אונטערטעניקע פעלקער האָבן נישט געהאַט קיין איבעריקע מאָטיוון צו בלייבן טריי זייערע באַצווינגער, דערצו איז דער רעליגיעזער מאָמענט געווען נישט איינגעשטעלט; אין ביצאַנץ איז דאָס געצנדינסט שוין לאַנג געווען אָפּגעשאַפט, דאָס קריסטנטום — נאָך נישט גענוג איינגעוואָרצלט. אויך זענען נאָך אָנגעגאַנגען מחלוקתן צווישן די פאַרשידענע סעקטעס: מאָנאָפיסיטן, אַריאַנער, נעסטאָריאַנער, א. אַ. די באַפעלקערונג האָט באמת נישט געהאַט פאַר וואָס און פאַר וועמען צו קעמפן, און די איסלאַמישע חילות האָבן אָפּגעהאַלטן איין זיג נאָכן צווייטן.

פאַר פיר יאָר 634-38, נעמען איין די איסלאַמישע חילות גאַנץ פּאַלעסטינע, אין 638 גיט זיך אויך אונטער ירושלים. אויף איבערצונעמען די הייליקע שטאָט, וואָס אויך די אַראַבער באַטיטלען „אַל־קודס", דאָס הייליקטום, קומט דער כאַליף אָמאַר, בכבודו ובעצמו. ער וויל דערמיט אונטערשטרייכן דעם נצחון פון דעם איסלאַם אין דער שטאָט, וואָס איז הייליק אויך פאַר די אַנדערע צוויי אמונות: דעם אידנטום און דעם קריסטנטום. ביים אַריינקומען אין דער הייליקער שטאָט האָט אָמאַר אָפּגעריכט אַ תפילה, אין וועלכער ער האָט איינגעשלאָסן דעם ערשטן פּסוק פון דער 17טער סוראַ פון קאָראַן, וועלכער לויטעט: „אין נאָמען פון גנאַדיקן גאָט, דעם בעל הרחמים. אַ לויב

צו גאָט, וואָס האָט איבערנאַכט איבערגעפירט זיין דינער פון טעמפּל פון מעקאַ צום ווייטן מקדש פון ירושלים, וואָס מיר האָבן געבענטשט, אויף צו לאָזן דאָרט דעם צייכן פון אונדזער מאַכט. גאָט זעט און ווייסט אַלץ". דערמיט האָט אָמאַר אָנגעדייט אויף דער מיסטעריעזער נסיעה, פון מחמד, פון מעקאַ קיין ירושלים, וואָס האָט די לעצטע באַשטעטיקט אַלס אַ שטאָט, וואָס איז אויך הייליק פאַר די מוסלימער.

אין ירושלים זענען דאַן קיין יידן נישט געווען. די פאַנאַטישע קריסטן האָבן אָנגעהאַלטן די אַלטע געזעצן, וואָס פאַרבאָטן יידן צו וווינען אין שטאָט. ער האָט אָבער געשיקט רופן אַ יידן, מיטן נאָמען קאַאַב, וואָס האָט געצוווּנגענערהייט אָנגענו־מען דעם איסלאַם און האָט אים געפרעגט: „ווּ ראַטסטו מיר צו בויען אַ מעטשעט?" קאַאַב האָט אָנגעוויזן אויפן פעלז, אויף וועלכן דער בית־המקדש איז געשטאַנען, און האָט אים פאַראיינוועגס געראַטן איבערצובייטן די פּאָזיציע פון די מתפּללים מיטן פּנים צו ירושלים, אַנשטאָט מעקאַ. אָמאַר האָט אים אויסגערעדט, פאַרוואָס ער האָט נאָך נישט פאַרגעסן זיינע נייגונגען צו יידישקייט. דאַן האָט זיך אָמאַר באַראַטן מיטן פּאַטריאַרך סאָפראָניוס און יענער האָט אים אויך אָנגעוויזן צו בויען אויפן הר־הבית, אָבער אַוועקשטעלן דעם מאָשעע אַזוי, אַז ווען די מתפּללים וועלן זיך בוקן קעגן מעקאַ, זאָלן זיי אויסקומען מיט דער פּלייצע צום פּלאַץ פון בית־ המקדש. אָמאַר האָט פאַר־לייגט דעם פונדאַמענט פון אַ מעטשעט אויפן הר־הבית, אָבער דער פּינקטלעכער פּלאַץ איז נישט באַוווּסט. אַלנפאַלס רופט זיך דער איצטיקער מעטשעט אויפן הר־הבית דער מעטשעט פון אָמאַר.

אָמאַרן ווערן אויך צוגעשריבן די רעגולאַציעס וועגן די אַנדערש־גלויביקע אונטער איסלאַמישער הערשאַפט. זיי ווערן איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: אין געצנדינער, וואָס מוזן אָננעמען דעם איסלאַם, ווען נישט זאָלן זיי אויסגעשלאַכט ווערן, און אין די, וואָס גלייבן אין גאָט, אָבער נישט אין מחמדן: יידן און קריסטן. די דאָזיקע דאַרפן רעספּעקטירט ווערן אין זייער לעבן און פאַרמעגן, אָבער זיי מוזן אָפּהיטן פאָלגנדיקע תנאים: צאָלן ספּעציעלע שטייערן, נישט קליידן זיך ווי מוסולמע־נער, נישט טראָגן קיין געווער, נישט רייטן אויף פערד, נישט בויען קיין טעמפּלען, נישט אָפּריכטן עפנטלעך זייער גאָטעסדינסט, נישט באַערדיקן מיט פּאָמפּע זייערע פאַרשטאָרבענע. זיי מוזן אויך איינקוואַרטירן ביי זיך אומזיסט די איסלאַמישע דורכ־רייזנדע אויף אַ משך פון דריי טעג.

מיטן באַהערשן ירושלים איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט דאָס איינעמען פּאַלעסטינע. קסריה, די רעזידענץ־שטאָט פון די ביצאַנטישע גובערנאַטאָרן, האָט זיך נאָך געהאַלטן צוויי יאָר, אָבער אין 640 איז זי אויך געפאַלן, און גאַנץ פּאַלעסטינע איז אַרונטערגעפאַלן דער הערשאַפט פון איסלאַם. אַלס באַלדיקער פועל יוצא פון דעם איז געווען די מעגלעכקייט פאַר יידן ווידער צו באַזעצן זיך אין ירושלים, ווו עס ווערט גלייך געגרינדעט אַ יידישער ישוב. די מוסלימער זענען אָבער געווען טאָלעראַנט צו

אנדערש־גלויביקע בלויז אין די לענדער מחוץ פון אראביע. די אראבישע געגנטן האבן געמוזט בליבן באוווינט בלויז פון איסלאמער, און די יידן פון חייבאר זענען אין 640 פארטריבן געווארן קיין סיריע.

גלייכצייטיק מיטן איינעמען פאלעסטינע דרינגען אויך ארײַן די אראבישע חילות קיין בבל, ווו עס האט עקזיסטירט דער צווייטער גרעסטער יידישער ישוב פון יענער צייט. אויך פרס איז גיך איינגענומען געווארן. אין 637 איז געפאלן די הויפט־שטאט פון דער פערסישער אימפעריע: אקטיספאן. דער נאכפאלגער פון אמאר, דער כאליף אסמאן, באנייט די יידישע אויטאנאמיע אין בבל און שטעלט צוריק די מאכט פון ריש־גלותא, וואס איז אפגעשאפט געווארן אין די צייטן פון די פארפאלגונגען. אלס ריש־גלותא ווערט באשטימט בוסתנאי, אן אפשטאמער פון דער משפחה פון די פריערדיקע רישי־גלותא, וואס ציען זייער יחוס פון דוד המלך.

נאכן טויט פון אסמאן, באשטייגט דעם כאליפן־טראן דער איידעם פון מחמד, דער מאן פון זיין טאכטער פאטימא, עלי. אין זיין קאמף פארן טראן העלפט אים שטארק מיט א ייד, וואס האט אנגענומען (מסתמא געצוווּנגענערהייט) דעם איסלאמישן גלויבן און איז אפילו געווארן איינער פון די באגרינדער פון דער מוסולמענישער סעקטע שיאיטן. דער דאזיקער מוסלימישער מאראן, עבדאללה בן סעבע, האט געהאט א גרויסע השפעה אויפן כאליף, און א דאנק זיין אינטערווענץ האט דער הערשער באשאנקען די ראשי ישיבה פון סורא און פומבדיתא מיטן טיטל „גאון", וואס באדייט דאס זעלבע וואס „עקסעלענץ". אזוי איז פאראלעל צו דער וועלטלעכער מאכט פון דעם ריש־גלותא אנטשטאנען די רעליגיעזע אויטאריטעט פון די גאונים. אבער, בשעת דער ריש־גלותא האט געהאט צו זאגן נאר איבער די ענינים פון די קהלות, וואס האבן זיך געפונען אין כאליפאט, ווען די גאונים מיט דער צייט באקומען א השפעה אויף אלע יידישע ישובים פון דער וועלט, פון וואנען מען וועט זיך ווענדן צו זיי אין אלע ענינים וואס האבן א שיכות צו דער יידישער רעליגיע, אדער געזעצגעבונג. דורך די גאונים באקומט דאס יידישע פאלק צוריק א מוסד, וואס האלט פאראייניקט זיינע טיילן, וואס זענען צעווארפן איבער דער גארער וועלט. די גאונים ווען אין משך פון קנאפע פיר הונדערט יאר שפילן אין דער געשיכטע א ראל, וואס איז ענלעך אויף דער פון די נשיאים אין גליל, ווען אפילו פון א פיל קלענערן פארנעם.

די איסלאמישע חילות זעצן פאר זייער טריומפאלן דערארבערונגס־צוג. אין 641 ווערט איינגענומען אלעקסאנדריע. איר אלטער יידישער ישוב, וואס האט צו יענער צייט געציילט ארום פערציק טויזנט נפשות, ווערט באפרייט פון דער טיראניע פון די ביצאנטישע הערשער.

סמטע 80 לעקציע

אונטער די אָמיאַדן-כאַליפן

(660 - 750)

אויף וויפל דער איסלאַם איז פון א רעליגיעזער באוועגונג פארוואַנדלט געוואָרן אין א גרויסער אימפעריע, האָבן די פּאָליטישע מאָמענטן געמוזט איבערוועגן די רעליגיעזע. די ערשטע פיר שטעלפאַרטרעטער (כאַליפן) פון דעם נביא מחמד האָבן נישט געגרינדעט קיין דינאַסטיעס, בלויז דער לעצטער, עלי, איז געוועזן אַן איידעם פון גרינדער פון איסלאַם און האָט געהאַט דינאַסטישע פּרעטענזיעס, וואָס וועלן מיט דער צייט ברענגען צו דער גרינדונג פון דער פאַטימידן־דינאַסטיע.

דערוויילע אָבער האָט דער קריגס־פירער מאַאוויע, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם אָמיא־קלאַן אין מעקא, געגרינדעט די ערשטע רעגולמעסיקע דינאַסטיע פון איסלאַמישע הערשער, די אָמיאַדן־דינאַסטיע, וואָס האָט געוועלטיקט ניינציק יאָר, פון 660 ביז 750. די אָמיאַדן זענען געווען מער ציווילע הערשער ווי רעליגיעזע מנהגים. אין די אינטערעסן פון זייער שטאַט און דינאַסטיע האָבן זיי זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַר מיליטערישע עקספּעדיציעס קעגן די הייליקע שטעט פון איסלאַם: מעקא און מעדינאַ (יאַזיד דער ערשטער, אין די יאָרן 680-684).

די שפּעטערדיקע אָמיאַדן־הערשער האָבן זיך באַמיט אָפּצורייסן די רעכטגלויביקע פון דער צוגעבונדנקייט צו מעקא, וואָס איז געווען פאַררוקט אין א ווייטן ווינקל פון זייער מעכטיקער אימפּעריע, און קאָנצענטרירן די צוגעבונדנקייט פון די מוסלימער אויף א שטאָט, וואָס איז געאָגראַפיש בעסער סיטואירט און איז אויך הייליק פאַרן איסלאַם.

דער גרויסער כאַליף, עבד־איל־מאַליק, האָט אין די צוואַנציק יאָר פון זיין רעגירונג געפּרוווט שטעלן ירושלים אין צענטער פון דער איסלאַמישער וועלט. ער דערגענצט דעם מעטשעט אויפן הר־הבית, געגרינדעט פון אָמאַר דעם 1טן און פאַראָרדנט, אַז די מוסלימער זאָלן עולה רגל זיין קיין ירושלים, אנשטאָט קיין מעקא. דאָס זעלבע טוט זיין נאָכפאָלגער וואַליד, וועלכער האָט געהערשט צען יאָר: 705-715. דער קומענדיקער כאַליף, סולימאַן, באַזעצט זיך אין רמלה, א שטאָט פון ארץ ישראל, און האַלט אָן די הייליקייט פון ירושלים איבער מעקא.

דער ווונדערבארער אויפקום פון איסלאם, וועלכער פארוואנדלט די ביז דאן כמעט אומבאקאנטע אראבישע שבטים אין גאנצע וועלט־באהערשער, היצט אויף די פאנטאזיע אין געוויסע יידישע קרייזן, וואס זעען אין דעם אויפשטייג פון איסלאם אן אנפאנג פון די משיח־צייטן. אויפן שוועל פון אכטן יארהונדערט קומט אויף אין פערסיע א משיח־באוועגונג, בראש פון וועלכער עס שטעלט זיך דער שניידער פון דער שטאט איספאהאן, יצחק עובדיה, מיטן אראבישן צונאמען אבו־עיסא. חוץ אנזאגן דאס גיכע קומען פון משיח, פראקלאמירט ער אויך געוויסע רעליגיעזע רעפארמען: זיבן תפילות א טאג, אנשטאט דריי, אפשאפן דעם גט צווישן מאן און ווייב, און די אנערקענונג פון ישוע הנוצרי און מחמד אלס נביאים. אבו־עיסא לערנט זיינע אנהענגער צו לייענען נישט נאר די תורה, נאר אויך דעם עוואנגעליום און דעם קאראן.

ווען אבו־עיסא פאלט אין קאמף מיט די חילות פון כאליף. זעצט פאר זיין טעטיקייט דער תלמיד זיינער, דוד, פון דער שטאט האמאדאן, וועלכער רופט זיך אויף אראביש, אדגאן־איל־רעי. אויך ער גרינדעט א רעליגיעזע סעקטע, וואס היט זיך פון עסן פלייש און טרינקען וויין, דאוונט און פאסט א סך, אבער איז נישט גענוג אפגעהיט אין די דינים פון שבת און יום־טוב. אויך דוד פאלט פון די הענט פון די איסלאמישע רעגירער און די באוועגונג ווערט פארגעזעצט פון זיין תלמיד מושקא (מסתמא משה), וועלכער פריידיקט אקטיוון קאמף מיט די קעגנער פון דער סעקטע, וואס באקומט דעם נאמען „מושקאניער". מושקא פאלט טאקע אין איינער פון די שלאכטן פון דעם קאמף, וואס ער האט ארויסגערופן. די ערשטע משיחישע באוועגונגען זענען געווען צו שוואך, האבן ארומגעכאפט נאר קליינע טיילן פון פאלק און זענען געבליבן רעדוצירט צו קליינע סעקטעס מיט רעליגיעזער באפארבונג.

אבער די איסלאמישע חילות זעצן פאר זייער טריומף־צוג. אין 670 האבן זיי שוין פארכאפט כמעט גאנץ צפון אפריקע, וווּ זיי גרינדן אויף דעם פלאץ פון דער אמאליקער שטאט קארטאגא. די שטאט קירואן, וואס וועט ווערן א וויכטיקער גייסטיקער צענטער פאר יידן. אין 711 קרייצן די איסלאמישע חילות דורך דעם ים־דורכגוס, וואס טיילט אפ אפריקע פון אייראפע, וועלכער טראגט זינט דאן דעם נאמען פון אראבישן קאמאנדיר טאריק: גיבראלטאר (ג'עבל־איל־טאריק — דער בארג פון טאריק), און נעמען איין שפאניע. אין 717 שטייען שוין די איסלאמישע חילות ביי די סאמע טויערן פון קאנסטאנטינאפאל. ביצאנץ האלט ביי פאלן, אבער דעם קיסר לעא דער איסאאוריער געלינגט אפצושלאגן דעם אנגריף און פארזיכערן דעם קיום פון דער אימפעריע אויף נאך העכער 700 יאר. עס הויבן זיך ווידער אן רדיפות אויף יידן און עס אנטשטייט א נייע משיח־באוועגונג, אנגעפירט פון איינעם סעריני, א ביצאנטישן פליט, וואס האט זיך געראטעוועט קיין סיריע. די דאזיקע באוועגונג באקומט א ברייטן אפקלאנג אין דער יידישער וועלט, זי האט אנהענגער אפילו אין דער ווייטער שפאניע. עטלעכע יאר האלט אן די באוועגונג, וועלכע ווערט פארוואנדלט אין א רעליגיעזער רעפארם־באוועגונג: די אנהענגער פון סעריני עסן טרפות, דאוונען נישט ווי געהע־

ריק, האַלטן נישט פון צווייטן טאָג יום־טוב, דערלויבן חתונה האָבן פאַר אייניקע נאָענטע קרובות, וואָס די תורה פאַרבאָט, אַזוי אַז ווען סעריני ווערט לסוף געכאַפּט פון דער מאַכט, זעען זיי אין זיין באַוועגונג בלויז אַ רעליגיעזן ענין, און גיבן אים איבער צום געריכט פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אויך נאָך סעריני בלייבט אַ סעקטע פון זיינע אָנהענגער. די אַלע סעקטעס זענען דער פאָרשפּיל צו דער גרויסער שפּאַלטונג, וואָס וועט איינגיכן פאָרקומען אין יידישן לעבן.

דערווייל אָבער אַנטוויקלט זיך די יידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין בבל נאָר־מאַל. דער ריש גלותא איז דער אָנערקענטער הויפּט פון די יידן. ער איז אַ הויכער דיגניטאַר פון דער מלוכה און האָט איינפלוס אין הויף פון כאַליף. קיין גענויע פּרטים וועגן דער טעטיקייט פון דער יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג פאַר דער צייט זענען נישטאָ, עס זענען בלויז באַוווּסט די נעמען פון פיר ראשי־גולה: בוסתנאי, חנינא, חסדאי, שלמה. פון אַ בריוו פון ר׳ שרירא גאון, אין צענטן יאָרהונדערט, ווייסן מיר, אַז די באַציאונגען צווישן די ראשי־גולה און זייערע אונטערטאַנען און אפילו מיט די גאונים פון די ישיבות אין סורא און פומבדיתא זענען געווען שטאַרק אָנגעצויגענע.

„דער אַמט פון ריש־גלותא, שרייבט שרירא גאון, פלעגט פאַרקויפט ווערן פון די מוסולמענישע הערשער פאַר גרויס געלט. און געווען פון די ראשי גולה אַזעלכע, וואָס פלעגן מצער זיין די פירער פון די ישיבות״. די אַטמאָספער איז געווען רייף פאַר אַ שפּאַלטונג, וואָס וועט איינגיכן אויסברעכן.

אין די לעצטע יאָרן פון דער אָמיאַדן־דינאַסטיע ווערן די איסלאַמישע חילות, וואָס רייסן זיך אויף איינצונעמען אייראָפּע, אָפּגעשטעלט אין זייער דעראָבערישן מאַרש. די אויסשפּרייטונג פון איסלאַם אין אייראָפּע ווערט פאַרהאַלטן. דורך דריי וועגן רייסן זיך די איסלאַמישע קרעפטן קיין אייראָפּע: דורכן באַלקאַנישן האַלבאינדזל, וווּ זיי ווערן אין 717 אָפּגעשטעלט ביי די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך דעם בי־צאַנטישן קיסר לעאָן דער איסאַאורער; דורך שפּאַניע, פון וואַנען עס געלינגט זיי אַריינצודרינגען אין דרום־טייל פון איצטיקן פראַנקרייך. זיי ווערן אָבער פאַרהאַלטן ווערן אין 632 דורך דעם העלדישן פירער פון די קריגערישע פראַנקן, קאַרל מאַרטעל; און דורך קאַווקאַז, דורך וואַנען זיי רייסן זיך דורך ביז די ביי וואָלגאַ־סטעפּעס, וווּ זיי ווערן פאַרהאַלטן, אַרום יאָר 735, פון דעם כאַן בולאַן, דעם הערשער פון די קרי־געריש טאָטערישע שבטים פון די כאַזאַרן.

די כאַזאַרן זענען נאָך צו יענער צייט געצנדינער, אָבער זייער מעכטיקער הערשער, בולאַן, וועלכער האָט די געלעגנהייט צו באַקאַנען זיך מיט די עיקרים פון די דריי מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס: יידנטום, קריסטנטום און איסלאַם, באַשליסט אָנצונעמען דעם יידישן גלויבן און איז זיך מגייר אין יאָר 740 צוזאַמען מיט זיין פאַ־מיליע און אַ גרויסן טייל פון די פירנדיקע שיכטן. ביי די ברעגן פון דער וואָלגאַ אַנט־שטייט אַ מעכטיקע מלוכה פון יידישן גלויבן, ווען אפילו פון מאָנגאָלישער ראַסע.

81סטע לעקציע

אונטער די אבאסידן-כאליפן

(750 ־ 940)

די טאלעראנטע דינאסטיע פון די אמיאדן ווערט אין 750 באזיגט און באַזייטיקט דורך דער דינאסטיע פון די אבאסידן, וועלכע איז זיך מיחס אויף א פעטער פון מהמד, אבאס. לויטן אריענטאלישן מנהג ווערן אלע מיטגלידער פון דער אמיאדן־פאמיליע אומגעבראכט, בלויז איינעם פון זיי, עבד־אל־רהמן, געלינגט עס צו ראטעווען זיך און אנטלויפן קיין שפאניע, ווו ער וועט גרינדן אן אומאפהענגיקן כאליפאט, ברענגענדיק דערמיט די ערשטע שפאלטונג אין דער איסלאמישער וועלט. אויף זיין וועג קיין שפאניע ווערט עבד־אל־רחמן פארהאלטן דורך דעם גובערנאטאר פון מאראקא, וועלכער האט בדעה אים צו טויטן. זיין יידישער ראטגעבער האלט אים אבער אפ דערפון און דער לעצטער פון די אמיאדן בלייבט לעבן א דאנק דער עצה פון א יידן.

ווי יעטוועדע נייע דינאסטיע, זוכן די אבאסידן אפצומעקן די שפורן פון אירע פארגייער. זיי טראגן אריבער זייער הויפט־שטאט פון דמשק אין דער דורך זיי געגרינדעטער נייער שטאט באגדאד, וועלכע געפינט זיך נישט ווייט פון דער אויטאנאמישער יידישער געגנט אין בבל.

די אבאסידן זענען ווייניקער טאלעראנט צו אנדערש־גלויביקע און אין די צייטן פון צווייטן כאליף פון דער דינאסטיע, דער בארימטער הארון־איל־ראשיד (786־809), ארבעט אוים זיין יורידישער ראטגעבער יוסוף א געגויע רעגלאמענטירונג וועגן די באדינגונגען, אויף וועלכע די אנדערש־גלויביקע, אלצאיינס יידן, קריסטן, צי געצנדינער, קאנען לעבן אין די איסלאמישע מדינות. עס ווערן פעסטגעשטעלט די ספעציעלע אפצאלן, וואס די נישט־מוסלימער דארפן צאלן: 48 גאלד־פראנק די גאר רייכע, 24 גאלד־פראנק די מיטעלע סוחרים און קליינע אינדוסטריאלן, די וואס לעבן פון ארבעט: שניידער, שוסטער, פארבער, — צאלן בלויז 12 גאלד־פראנק א יאר. דאס צאלן נאר די מענער, נישט פרויען און קינדער; בעטלערס און נישט־פארמעגלעכע קאליקעס ווערן

באַפרייט פון צינז. אַלע פאַריקע אויסנאַם־געזעצן קעגן די נישט־מוסלימער ווערן באַשטעטיקט און פאַרשטאַרקט. זיי מוזן זיך קליידן פאַרשידן פון די מוסלימער, מענער טאָרן נישט רייטן אויף קיין פערד, פרויען טאָרן נישט רייטן אויף קיין קעמלען, קיינער טאָר נישט טראָגן קיין געווער, זיי טאָרן נישט האַנדלען עפנטלעך מיט ווײַן און חזיר־פלייש, וואָס זענען פאַרבאָטן די מוסלימער, זיי טאָרן נישט בויען קיין נייע טעמפלען, שולן, קירכן, נישט פּראַווען קיין פּראָצעסיעס, זייערע קברים טאָרן זיך נישט אַרויסזען פון דער ערד־פלאַך. אינערהאַלב די דאָזיקע באַגרענעצונגען און, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַצאָלט די געהעריקע צינזן, קאָנען די אַנדערש־גלוביקע לעבן פריי און אומגעשטערט.

די דאָזיקע רעגולאַציעס זענען נישט אַלעמאָל אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער זעלבער שטרענגקייט. איז דער כאַליף, אָדער דער וויזיר, געווען אַן אויפגעקלערטער מענטש, האָט מען פיל נאָכגעלאָזט פון די באַגרעניצונגען, איז דער הערשער, אָדער זיינע ראַטגעבער געווען פאַנאַטיקער, האָט מען זיי שטרענג אָפּגעהיט און נאָך פאַרשטאַרקט. אַזוי, למשל, האָט זיך דער אויפגעקלערטער כאַליף איל־ מאַמון געוואַקלט צווישן אויפגעקלערטער טאָלעראַנץ און טיראַנישן ווילקיר (833־813). דער פאַנאַטישער כאַליף איל־מוטאַוואַקיל (861־847) האָט גערודפט די אַנדערש־גלוביקע און אַרויסגעגעבן קעגן זיי אַ סך שטרענגע רעגולאַציעס. ער איז געווען דער ערשטער הערשער איינצופירן אַ באַזונדערע אָפּצייכענונג, אַ געלע לאַטע, אויף די קליידער פון די אַנדערש־גלוביקע. ער האָט אויך פאַרבאָטן נישט־מוסלימער צו באָדן זיך צוזאַמען מיט די רעכט־גלוביקע און האָט פאַרטאָפּלט זייערע צינזן. דער כאַליף איל ־ מותאַדיר (902־897), האָט געדולדעט, אַז זיין וויזיר אבן־סולימאַן זאָל מקבר זיין אַנדערש־גלוביקע און אויפנעמען יידן און קריסטן אין עפנטלעכן דינסט. דער כאַליף איל־מוקטאַדיר (932־908) באַפעלט, אַז יידן און קריסטן זאָלן אָנגענומען ווערן בלויז אַלס דאָקטוירים, אָדער צינז־איינקאַסירער, אָבער זיי מוזן דערביי טראָגן זייער אָפּצייכענונג. דער כאַליף־איל־ראַדי (940־934) שרעקט זיך נישט אָפּ פאַרן פּראָטעסט פון די פאַנאַטיקער, באַשטימט יידן און קריסטן אויף גאָר הויכע אַמטן און באַפעלט, אַז: „אין דינסט פון דער מלוכה דאַרפן שטיין מענטשן אָרנטלעכע, פלייסיקע און קלוגע”.

אין אַלגעמיין איז די לאַגע פון די נישט־גלוביקע אונטער די אַבאַסידן געווען אַ דערטרעגלעכע, יידן האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין גרויס־מסחר, האָבן געשיקט קאַראַוואַנען מיט סחורות פון איין ברעג כאַליפאַט צום צווייטן און אפילו קיין אויסלאַנד. יידן אַסימילירן זיך שפּראַכלעך, זיי פאַרלאָזן די אַראַמעאישע און גריכישע דיאַלעקטן, וואָס זיי האָבן גערעדט אין פאַריקע יאָרהונדערטער, און גייען אַריבער צו אַראַביש. ווען אין די צייטן פון אויפגעקלערטן כאַליף איל־מאַמון (833־813) הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען די אַראַבישע ליטעראַטור, הויבן יידן אויך אָן צו שאַפן אַן אייגענע יידישע ליטעראַטור אויף אַראַביש. צום סוף פון דער אַבאַסידן־תקופה ווער

דער גאון פון סורא ר׳ סעדיה געפינען פאר נויטיק צו מאכן אן איבערזעצונג פון תנ״ך אויף אראביש, ווייל דער רוב יידן פון כאליפאט האבן שוין דאן קיין אנדער שפראך נישט פארשטאנען.

די אבאסידן האבן אנערקענט די יידישע זעלבסטפארוואלטונג און האבן זיך ווייניק געמישט אין די אינערלעכע ענינים פון דעם יידישן קבוץ. מיטן וווקס און אנט־וויקלונג פון דער נייער הויפטשטאט באגדאד האבן יידן אנגעהויבן ציען אין מאסן אהין: לכתחילה האבן זיי זיך באזעצט אין באזונדערע געגנטן, איינער פון די שטאט־טיילן האט געטראגן דעם נאמען דאר־איל־יאהוד (דער יידישער געגנט), אויך איינע פון די בריקן פון שטאט איז גערופן געווארן די יידישע בריק. מיט דער צייט האט זיך אויך דער הויף פון ריש־גלותא אריבערגעצויגן אין דער הויפט־שטאט באגדאד, וואס האט געהאט א גרויסן יידישן ישוב.

די ריש־גלותאס האבן געפירט א פירשטלעכן שטאט, זיי האבן געהאט גרויסע הכנסות פון די אפצאלן פון די קהילות פון א טייל כאליפאט (די צווייטע טייל פלעגט צאלן פאר די ישיבות און גאונים), ווי אויך פון געשאנקען פון פריוואטע פערזאנען. די באשטימונג פון א נייעם ריש־גלותא איז געווען א קאמפליצירטער ענין. אין פלוג איז דער אמט אריבערגעגאנגען בירושה, אבער די גאונים, די פירער פון די ישיבות און פון די געמיינדעס האבן געהאט צו זאגן, ווער פון די זין, אדער אנדערע קרובים, זאלן ירשענען דעם טראן. דער כאליף האט אויך געהאט וואס צו זאגן, ווייל ער האט געדארפט דעם ריש־גלותא באשטעטיקן אויף זיין הויכן אמט, ווי זיינעם א וואסאל. ווען דער נייער ריש־גלותא פלעגט באשטימט ווערן, פלעגט מען אים פראקלאמירן אין א דאר־נערשטיק, די גאונים פלעגן אים בענטשן דורך ארויפלייגן די הענט אויף זיין קאפ און מען פלעגט בלאזן שופר, ווי פארצייטן ביים פראקלאמירן א מלך, אדער נשיא. דעם ערשטן שבת פון זינט ער האט באטראטן דעם אמט פלעגט מען אים פירן מיט גרויס פאראד אין שול, דארט פלעגט ער זיצן צוזאמען מיט די גאונים אויף א ספעציעלער בימה, וואס פלעגט זיין פארהאנגען פון אלע זייטן מיט די טייערסטע טעפיכער. עס פלעגט דורכגעפירט ווערן א צערעמאניאל פון תפילות, דרשות און ברכות. צו קריאת התורה פלעגט דער ספר צוגעטראגן ווערן צום ריש־גלותא, ער זאל האבן זיין עליה. זיין נאמען פלעגט אויך דערמאנט ווערן אין קדיש. פון שול פלעגט דער ריש־גלותא אפגעפירט ווערן מיט פאראד אהיים, און מער איז ער שוין אין שול נישט געגאנגען, נאר פלעגט דאווענען אין זיין אייגענעם בית־תפילה ביי אים אין הויז. אין קעניגלעכן פאלאץ פלעגט ער פארן אין א פרעכטיקער קארעטע, באגלייט פון פופצן לייב־וועכטער. יעדער ייד, וואס האט באגעגנט די קארעטע, האט זיך גענייטיקט אנשליסן אין דער פראצעסיע. מיטן זעלבן צערעמאניאל פלעגט דער ריש־גלותא פארן פון פאלאץ אהיים.

דער ריש גלותא איז אבער בלויז געווען א וועלטלעכער פירשט, די אמתע מנהיגים פון די קהילות זענען געווען די גאונים, צו וועמען מען פלעגט זיך ווענדן פון

אַלע עקן וועלט מיט אָנפראַגן וועגן ענינים פון יידישער רעליגיע און דינים. ענטפערס פון די גאונים זענען אויפגעהיט געוואָרן ביז היינט. די גאונים האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פעסטשטעלן דעם ריטואַל פון דאַוונען, און דער סידור, וואָס ווערט היינט באַנוצט ביי יידן, איז צוערשט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דורך די גאונים.

די ישיבות האָבן אויך אָנגעהאַלטן די פּראַקטישע טראַדיציע פון די ירחי־כלה, ווען אפילו אין אַ ביסל אַ פאַרענדערטער פאָרם. צוויי מאָל אין יאָר, אין די חדשים אדר און אלול, פלעגן זיך די לומדים פון דער גאַנצער געגנט צונויפפאָרן אויף אַ מין קורס, אויף וועלכן זיי פלעגן באַלייגן אַן עקזאַמען וועגן דער מסכתא פון תלמוד, וואָס זיי האָבן געלערנט פאַר זיך אין משך פון פאַרגאַנגענעם זמן (האַלבן יאָר), און אָנצייכענען אַ מסכתא, וואָס וועט פון אַלעמען געלערנט ווערן אין משך פון קומענדיקן סעמעסטער. גלייכצייטיק פלעגן אויך אָפּגעהאַלטן ווערן אַקאַדעמישע זיצונגען וועגן פראַגן, וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן צו דעם באַשלוס פון די גאונים. די אַקאַדעמישע זיצונגען פלעגן פרעזידירט ווערן פון אַ גאון און עס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט 70 לומדים, וואָס האָבן דערצו זוכה געווען מיט זייער וויסן. זיי פלעגן זיצן אין 7 שורות, צו צען לומדים אין יעדער שורה. פון די, וואָס זענען געזעסן אין דער ערשטער שורה, האָבן זיבן געטראָגן דעם טיטל „ראשי כלה", ס'הייסט, די עלטסטע פון די צוזאַמענקונפטן, און דריי האָבן זיך גערופן „חברים", אַ מין שטעלפאַרטרעטער. הינטער די 70 מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע, וואָס האָט זיך גערופן סנהדריה גדולה, פלעגן זיצן די מער פאָרגעשריטענע תלמידים, פיר הונדערט אין צאָל. די באַשלוסן פון דער סנהדריה פלעגן מיטגעטיילט ווערן אַלס ענטפערס אויף די וויכטיקע שאלות, וואָס זענען פאַר דער צייט אָנגעקומען. די גאונים (מסתמא מיט דער צושטימונג פון דער סנהדריה גדולה) פלעגן באַשטימען רבנים און דיינים פאַר אַלע קהילות. אָן אַ באַשטעטיקונגשיין פון גרויסן בית־דין, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין אמט פון רב אָדער דיין.

82סטע לעקציע

די אָפּשפּאַלטונג פון די קראים

די יידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, געשטיצט אויף אַ פעסט־געשטעלטער היע־ראַרכיע און באַזירט אויף די שטרענגע דינים פון תלמוד, האָט נישט אין אַלע קרייזן פון קבוץ אין בבל נושא חן געווען. מיר האָבן שוין אין אַ פאַריקן קאַפּיטל געזען, ווי די משיח־באַוועגונג פון אבו־עיסאַ האָט זיך גאָר אַנטוויקלט אין אַ רעליגיעזער סעקטע מיט רעפאָרמיסטישע טענדענצן, וואָס זיינע תלמידים דוד אַלרעי און מושקא האָבן פאָרגעזעצט און אַנטוויקלט, אָבער די דאָזיקע רעפאָרמיסטישע באַוועגונג איז געקו־מען פון די פּשוטערע שיכטן. אבו־עיסאַ איז געווען אַ שניידער, דוד אַלרעי, אַ פּאַס־טוך, א. א. וו. עס איז אָבער געקומען אַ צייט, ווען בראש פון אַזאַ רעפאָרמיסטישער באַוועגונג האָבן זיך געשטעלט די העכערע שיכטן, מיט אַ מיטגליד פון דער ריש־גלותאַ־דינאַסטיע בראש, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ דעפיניטיווער שפּאַלטונג אין יידנטום.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 765, ווען עס איז געשטאָרבן קינדערלאָז דער ריש־גלותא שלמה און עס האָבן געזוכט צו ירשנען דעם טראָן זיינע קרובים ענן און יאשיהו. ענן איז געווען דער עלטערער, אָבער די גאונים האָבן באַשטימט דעם יינגערן יאשיהו, ווייל אויף ענן איז געווען אַ חשד, אַז ער איז געכאַפּט אין קעגנערשאַפט צום תלמוד. יאשיהו איז באַשטעטיקט געוואָרן פון כאַליף, אָבער די אָנהענגער פון ענן האָבן אים אויך פּראָקלאַמירט פאַר ריש־גלותא און דערמיט אריין אין אַ קאָנפליקט מיט דער מאַכט.

אין 767 איז ענן אריינגעזעצט געוואָרן אין געפענגעניש און האָט זיך דאָרט צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ מוסלימישן גייסטלעכן אבו־חניפאַ, וועלכער איז אויך געזעסן פאַרן חטא פון אַפּיקורסות אין געוויסע איסלאַמישע לערעס. אבו חניפאַ האָט געגעבן ענענען אַן עצה, אַז ער זאָל טענהן פאַרן כאַליף, אַז ער פאַרטרעט גאָר אַן אַנדער יידיש־קייט, ווייל ער וואַרפט אָפּ דעם תלמוד און האַלט נאָר פון תורת משה. ענן האָט גע־פאָלגט די פּראַקטישע עצה, אים איז נאָך דערביי געלונגען צו איבערצייגן דעם כאַליף איל־מאַנצור (אַלמאַנזאָר), אַז זיינע אָנהענגער האַלטן אין אייניקע הינזיכטן די לערעס פון מחמד. ענן איז באַפרייט געוואָרן, און דער ריס צווישן די אָנהענגער און קעגנער

פון תלמוד, תלמודים און קראים (קאַראַימער) איז געבליבן דעפיניטיוו ביז צו היינטיקן טאָג.

אָפּוואַרפנדיק די תלמודישע אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה, האָט ענן זיך געמוזט שטרענג האַלטן ביים ווערטערלעכן באַדייט פון אירע געזעצן און איז דערפאַר געקומען צו אַבסורדן, וואָס האָבן נאָך שווערער געמאַכט דאָס אָפּהיטן די מצוות פון דער תורה. אַזוי, למשל, האָט ער אויסגעטייטשט דעם געבאָט פון נישט אָנצינדן קיין פייער אום שבת, אַז מען טאָר אויך נישט אָנצינדן קיין ליכט פריטיק און נוצן די ליכטיקייט שבת. דאַרפן די קאַראַאימער זיצן פרייטיק צו נאַכט אין דער פינצטער. זיי מוזן אויך עסן שבת בלויז קאַלטע עסנס, ווייל אויב דאָס עסן זאָל שטיין אויף הייסע קוילן אָדער אַש פון פרייטיק אָן, הייסט עס דאָך, אַז ס'איז געקאָכט אום שבת. דער געבאָט פון נישט פאַרלאָזן די ערטער אין טאָג שבת, האָט ער געמוזט אויסטייטשן אין ווערטלעכן באַדייט, אַז שבת טאָר מען פון שטוב נישט אַרויסגיין. ער האָט אויך פאַרבאָטן צו זינגען זמירות אום שבת, הכלל, דער ליכטיקער יידישער שבת איז געוואָרן אַן אָפּקומעניש ביי די קאַראַאימער. די מצות אויף פסח פלעגן די קאַראַאימער מאַכן פון גערשטן, נישט פון ווייץ, צו מקיים זיין די ווערטער „לחם עני“, ברויט פון אָרעמקייט, און פסח איז אויך געוואָרן פון אַ יום־טוב אַן אָפּקומעניש. פליישיקס טאָרן יידן נישט מישן מיט מילכיקס, אָבער ענן האָט גאָר אינגאַנצן געאַסרט עסן פלייש, ווייל מען קאָן דאָך אין די צייטן נישט ברענגען קיין קרבנות, טאָר מען אינגאַנצן קיין פלייש נישט עסן. ער האָט אויך איינגעפירט אַ סך חומרות אין די דינים פון טומאה וטהרה. קורץ, אַנשטאָט פאַרלייכטערן, האָט ענן געמאַכט יידישקייט נאָך שווערער. אין אַ שטיקל צייט נאָך ענען איז ביי די קאַראַאימער אויפגעקומען זייער באַדייטנדיקסטער מלומד, בנימין, וואָס איז געווען אַ דיין אין דער פּערסישער שטאָט נאַהווענד, און הייסט דערפאַר נאַהווענדי. ער האָט אַנשטאָט דעם „ספר המצוות“ פון ענן פאַרפאַסט זיין „ספר הדינים“, אין וועלכן די איבערגעטריבענע חומרות פון ענן ווערן אַ ביסל פאַרלייכטערט. און עס איז אַוועק אַ גאַנג. יעדער איינער פון די קאַראַאימישע חכמים האָט זיך געפונען באַרעכטיקט אויסצוטייטשן די תורה אויף זיין שטייגער. די אַנטי־תלמודישע באַוועגונג האָט זיך גענומען ברעקלען אויף סעקטעס: עכבאַריער, משויער, טיפליסער, מאַליקער א. אַ. וו. די קאַראַאימער האָבן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער אָפּגעריסן פון יידישן כלל, ווייל זיי האָבן איינגעפירט אַן אייגענעם לוח און האָבן אפילו זייערע ימים־טובים געפייערט אין באַזונדערע דאַטומס פון די תלמודישע יידן. מיט דער צייט האָבן זיי זיך גענומען באַטראַכטן ווי יידן פון גאָר אַן אַנדער מין, די רבנים האָבן אויך פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט זיי, אַזוי אַז די סעקטע האָט זיך דעפיניטיוו אָפּגעריסן פון יידישן שטאַם. ביי היינטיקן טאָג זענען אויף דער גאַנצער וועלט פאַרבליבן אַ צען טויזנט קאַראַאימער, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען וועגן צוריק אַריין אין כלל ישראל.

אָבער די אָפּשפּאַלטונג פון די קאַראַאימער האָט דאָך געבראַכט צו איין פּאָזיטיוון רעזולטאַט. ענן האָט געוואָרפן אַ לאָזונג: „פאָרשט גוט אין דער תורה". אויף צו אָנהאַלטן זייער אָפּגעטיילטקייט פון די תלמודישע יידן, האָבן די קאַראַאימער געמוזט לייגן מער געוויכט אויפן תנ"ך און זענען געווען פון די ערשטע צו שטודירן דעם דקדוק פון דער העברעאישער שפּראַך.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקערן אינטערעס צום תנ"ך אויך צווישן די תלמודישע יידן. אָפט איז אויסגעקומען צו פירן וויכוחים מיט די קאַראַאימער וועגן פּינקטלעכן טייטש פון דעם אָדער יענעם פּסוק און דאָ האָט מען זיך גענעבן חשבון, אַז מיט דער צייט איז דער לימוד פון תנ"ך שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן און דער פּראָסטער עולם קאָן אַפילו נישט לייכט דורכקריכן אַ פּסוק חומש.

מען האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אויך אויף אַנדערע שוועריקייטן: העברעאיש ווערט געשריבן אָן וואָקאַלן, בלויז מיט די קאָנסאָנאַנטן, און עס איז אָמאָל שווער צו וויסן גענוי, ווי אַ וואָרט דאַרף געלייענט ווערן. דאָס ענדערן די וואָקאַלן קאָן די זעלבע קאָנסאָנאַנטן געבן גאָר אַן אַנדער באַדייט. דערצו זענען די אַלטע העברעאישע הייליקע ספרים געשריבן אָן פּונקטאַציע, נישטאָ קיין פּונקטן, קאָמאַס, פראַגע־צייכנס א. אַ. וו. און דער זין פון אַ פּסוק הענגט זייער אָפט אָפּ פון דעם, ווי אַזוי ער ווערט איינגעטיילט. אַנטשטייט טאַקע אין ניינטן יאָרהונדערט אַ באַוועגונג, סיי אין בבל, סיי אין ארץ־ישראל, צו שאַפן וואָקאַלן און פּונקטאַציע פאַרן תנ"ך. ס'ווערט אָנגענומען די שיטה פון ארץ־ישראל, געשאַפן אין דער שטאָט טבריה. דאָרט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ סיסטעם פון וואָקאַלן אין דער פאָרם פון פּינטעלעך (נקודות), וואָס ווערן געשטעלט איבער אָדער אונטער די קאָנסאָנאַנטן־אותיות. מען קאָן שוין וויסן גענוי, ווי אַ וואָרט דאַרף געלייענט און פאַרטייטשט ווערן. מען האָט אויך געשאַפן אַ פּונקטאַציע־סיסטעם, די טעמים, דער טראָפּ, לויט וועלכן די סדרה ווערט ביז היינט געלייענט אין די שולן, ווי אויך די הפטורה פון נביאים, די מגילות א. אַ. וו. אין טבריה זענען אויך פאָרמולירט געוואָרן די ערשטע רודימענטאַרע כללים פון דער העברעאישער גראַמאַטיק (דקדוק).

דער שטודיום פון דער העברעאישער שפּראַך האָט גורם געווען, אַז עס זאָל אויף איר באַנייט ווערן די ליטעראַרישע שאַפונג. די התחלה ווערט געמאַכט פון דעם פּיטן יוסי בן יוסי. אין ניינטן יאָרהונדערט לעבט אין ארץ ישראל דער באַדייטנדיקער העברעאישער פּיטן ינאי. צוזאַמען מיט זיין תלמיד אליעזר הקליר, וואָס האָט אויך געלעבט אין ארץ־ישראל, וועט ער פאַרלייגן די יסודות פון דער נייער העברעאישער דיכטונג.

דער וויכוח מיט די קאַראַאימער האָט זיך אָבער נישט געשטילט, בעיקר זינט עס איז קעגן זיי אַרויסגעטראָטן דער שאַרפזיניקער און פּילזייטיקער געלערנטער, דער גאון פון דער ישיבה אין סורא ר' סעדיה, די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייט, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן אין זיינע צייטן.

סעדיה בן יוסף איז געבוירן געוואָרן אין 882 אין מצרים, אין געגנט פון פתום (פאַיום). ער האָט פיל געלערנט העברעאיש, תלמוד, און איז אויך געווען באַהאַוונט אין דער אַראַבישער שפּראַך און ליטעראַטור. אין דער עלטער פון צוואַנציק יאָר פאַרפאַסט ער אַ העברעאישן ווערטערבוך און די ערשטע העברעאישע גראַמאַטיק (דקדוק), דעם אגרון. אין אַ דריי יאָר אַרום פאַרפאַסט ער אַ דיסקוסיע־שריפט קעגן די קאַראַאימער, וואָס האָט געטראָפן אין פינטל אַריין מיט זיינע אייזנפעסטע ראיות און אַרגומענטן. באַלד טרעט ער צו איבערצוזעצן דעם תנ"ך אויף אַראַביש, בכדי צו מאַכן אים צוגענגלעך פאַר די יידן, וואָס קאָנען בלויז אַראַביש, ווי פאַר די אַראַבישע געלערנטע, וואָס ווילן זיך באַקאָנען מיטן ספר הספרים. די איבערזעצונג איז באַזאָרגט אויך מיט אַן אַראַבישן פּירוש, אין וועלכן דער תנ"ך ווערט אויסגעטייטשט אין הסכם מיט דער תלמודישער טראַדיציע. אין 915 נעמט אונטער סעדיה אַ רייזע קיין ארץ־ישראל ווו ער ווערט געראָפן זיך אַרויסצוזאָגן אין אַ מחלוקת צווישן די לומדים פון ארץ־ישראל און פון בבל וועגן דעם, די תלמידי חכמים פון וועלכן לאַנד האָבן מער רעכט פעסטצושטעלן די דאַטומס פון די יידישע ימים־טובים. איינער פון די תלמידי חכמים פון דער באַניימטער ישיבה אין ארץ־ישראל, בן־מאיר, האָט געמיינט צו האָבן דערוויזן, אַז דער חשבון, ביי וועלכן עס האַלטן זיך די ישיבות פון בבל, איז גערוקט אין דריי טעג, און האָט אויסגעפירט, אַז אין איין יאָר זענען די ימים טובים פון ראש השנה און יו"כ געפייערט געוואָרן אין באַזונדערע דאַטומס אין ארץ־ישראל און אין בבל. סעדיה שטעלט אָפּ דאָס מחלוקת און מיידט אויס אַ שפּאַלטונג ביי יידן. ער פּסקנט לטובת בבל.

סעדיה ווערט דאַן איינגעלאַדן אַלס ראש ישיבה פון דער אַלטער סורא. דאָרט טרעט ער אַריין אין אַ קאָנפליקט מיטן ריש גלותא דוד בן זכאי וועגן אַ ירושה־ענין, וואָס דער ריש־גלותא האָט נישט ריכטיק געפּסקנט, און סעדיה גאון האָט נישט געוואָלט באַשטעטיקן מיט זיין צושטימונג. דער ריש־גלותא ווערט געשטיצט פון דעם באַגדאַדער תקיף אהרן בן שאַרגאַדאַ, וואָס איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקער תלמיד חכם, ער טראַכט אויס אויף ר' סעדיה גאון כלערליי בלבולים. ער טרעט אַרויס קעגן סעדיה גאון מיט אַ פּאַמפלעט, וואָס יענער ענטפערט אָפּ, און סעדיה ווערט באַזייטיקט פון זיין אַמט. אָבער דער אמת טריומפירט פאָרט. אין 937 ווערט געשלאָסן אַ שלום צווישן דעם ריש גלותא און דעם גאון און ר' סעדיה ווערט צוריקגעשטעלט אין אַמט. אין דריי יאָר אַרום, אין 940, שטאַרבט דער ריש גלותא דוד בן זכאי. זיין זון יהודה לעבט אים איבער נאָר מיט זיבן חדשים, און סעדיה נעמט אַריין צו זיך אין שטוב דאָס אייניקל פון דוד און זון פון יהודה, דעם לעצטן צווייג פון דער ריש־גלותא - דינאַסטיע, און גיט זיך אָפּ מיט זיין דערציאונג. אין צוויי יאָר אַרום, 942, שטאַרבט אויך ר' סעדיה גאון, אין עלטער פון קיים 60 יאָר.

סעדיה גאון איז אויך דער ערשטער יידישער דענקער, וואָס פּרוווט שאַפן

אַ סיסטעם פון רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע. ייִדישקייט איז ביז דאַן געווען אַן אמונה, באַזירט אויפן געפיל און גלויבן, נישט אויפן פאַרשטאַנד און לאָגיק. סעדיה גאון וויל באַגרינדן ייִדישקייט אויך על פי שכל. אין זיין ווערק „האמונות והדעות”, גלויבנס און וויסנס, געשריבן אין אַראַביש, שטעלט ער פעסט פיר קוואַלן פון דערקענטעניש:

א) ידיעת הנראה, דאָס אויגנשיינלעכע, וואָס מען באַגרייפט מיט די חושים.
ב) מדע השכל, דאָס פאַרשטענדלעכע, ווייל מען זעט דעם נוצן דערפון.
ג) ידיעת ההכרח, נויטווענדיקע באַגריפן, וואָס דער שכל, די לאָגיק, איז מחיב.
ד) ההגדה הנאמנת וספרי הנבואה, די באַגלויבטע טראַדיציע און די נבואה,

דאָס הייסט, די שאַפונגען פון דער אינטואיציע, וואָס דער שכל קאָן נישט אַלע מאָל דערוויזן, אָבער וואָס אַ טיפערער געפיל איז מחיב. אין צען קאַפּיטלען אַנטוויקלט סעדיה גאון זיינע געדאַנקען און באַגרינדעט זיי ווי וויט מעגלעך לאָגיש.

איינצייטלער מיט סעדיה גאון זענען די דענקער: ד"ר יצחק איזראַעלי און דער דענקער דוד אַלמוקאַמעץ, ביידע פון קיירואַן, אין צפון אַפריקע. אָבער דער ייִדישער צענטער אין מזרח האָט שוין אויסגעשעפּט זיינע גייסטיקע מעגלעכקייטן. נאָך דער מחלוקת פון סעדיה גאון מיט דעם ריש גלותא דוד בן זכאי פאַלט אַריין דער מזרח־צענטער אין דעקאַדענץ.

אין די יונגנט־יאָרן פון ר' סעדיה גאון איז די ייִדישע וועלט אויפגערודערט געוואָרן פון אַ זאָנדערבאַרן רייזנדן אלדד הדני, וואָס איז געקומען פון אומבאַוווּסטע מקומות, האָט גערעדט בלויז העברעאיש און האָט זיך אָנדערציילט וווּנדריירים פון די ייִדישע זעלבסטשטענדיקע שבטים אין אַביסיניע. לויט אלדד הדני, זענען עס די שבטים דן, נפתלי, גד און אשר. ער אַליין זאָל שטאַמען פון שבט דן. ער האָט אויך דערציילט, אַז אַ ביסל ווייטער, פון יענער זייט טייך סמבטיון, לעבן די אָפּשטאַמען פון משה רבינו, וועלכע לעבן לאַנג, ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר. זיי זענען געשיצט פון דעם טייך, וואָס וואַרפט אַ גאַנצע וואָך שטיינער און רוט בלויז אין טאָג פון שבת. אויף זיינע רייזעס איבער דער וועלט זאָל אלדד הדני האָבן געזען אויך די רעשטלעך פון די אַנדערע שבטים: ראובן, אפרים און אַ האַלבן שבט פון מנשה, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פיצוכט און לעבן ווי די בעדואינער; יששכר, זבולון, שמעון און די צווייטע העלפט פון מנשה זענען ערד־אַרבעטער. יידן האָבן זיך געחידושט אויף די אַלע וווּנדריירים און פון קיירואַן האָט מען אין יאָר 890 אָנגעפרעגט ביים גאון פון סורא ר' צמח, ווי מען זאָל זיך באַציען צו די דערציילונגען פון ר' אלדד הדני. דער גאון האָט געענטפערט, אַז מען דאַרף זיך נישט באַציען צו די דערציילונגען מיט צופיל אומצוטרוי, פאַראַן פאַרשידענע יידן אויף דער וועלט.

דאָך האָט מען אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אלדד הדני פאַר אַ פאַנטיזיאָר, און אַנדערע גאָר פאַר אַ שווינדלער. איצט באַצייט מען זיך מיט מער צוטרוי צו זיינע דערציילונגען.

83סטע לעקציע

אָפּשלוס פון דער אַזיאַטיש־אַפריקאַנער תקופה

(942 ־ 1040)

מיטן טויט פון ר' סעדיה גאון אין 942 הייבט זיך אָן די דעקאַדענץ פון דעם גייסטיקן צענטער אין בבל, וועלכער וועט אָנהאַלטן בלויז א נאָמינעלע העגעמאָניע אין משך פון הונדערט יאָר, אָבער ער וועט מער נישט שפּילן די וויכטיקע ראָל, וואָס אין די פאַריקע יאָרהונדערטער. פאַר דער צייט וועלן אויפקומען די יידישע גייסטיקע צענטערן אין אייראָפּע, וואָס וועלן דערעפענען די אייראָפּעאישע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. אָבער אויפן וועג פון אזיע קיין אייראָפּע וועט זיך דער צענטער צייטווייליק פאַרהאַלטן אין אפריקע.

זינט 750, ווען די אַבאַסידן פאַרבייטן די אָמיאַדן אויפן טראָן פון מזרח־כאַליפאַט, הויבט זיך אָן אין איסלאַם א פּראָצעס פון צעדריבלונג. פּאַראַלעל מיטן מזרח־כאַליפאַט אין אזיע, בראש פון וועלכן עס שטייען די אַבאַסידן, אַנטשטייט א מערב־כאַליפאַט אין אייראָפּע (שפּאַניע) אונטער דער פירערשאַפט פון די אָמיאַדן. און אין 969 ווערט געגרינדעט א כאַליפאַט אויך אין אפריקע, אונטער דער פירערשאַפט פון די אָפּשטאַמער פון דעם כאַליף עלי און פאַטימאַ, דער טאָכטער פון מאַכמעד: די פאַטימידן. צוזאַמען מיט דער צעשפּליטערונג פון איסלאַמישן כאַליפאַט, קומט אויך פאָר א צעשפּליטערונג אין דער יידישער פירערשאַפט אין די איסלאַמישע לענדער, דער גאָאָנאַט, וואָס די כאַליפן האָבן געשאַפן.

בבל וועט אָנהאַלטן בלויז א מין אַבסטראַקטע השפעה פון א בכבודיקער מוטער אויף אירע דערוואַקסענע קינדער. און ווען דער לעצטער גאון פון פּומבדיתא וועט שטאַרבן ארום 1040, וועט אים מספיד זיין דער הויפּט־רב און מיניסטער פון גראַנאַדאַ אין שפּאַניע, ר' שמואל הנגיד, מיט פאָלגנדיקע סטראָפן:

ואם הלך ואין לו בן?
ביום הלכו לתחתיה?

ולא ילדה תעודתו,
ולא חזרה לאכסניה?
ילדים לו בכל ארץ
ערבית ואדומיה
אשר גדל עלי תלמוד
וטפח להוריה.

איז ער דען אוועק אָן קינדער,
אין דעם טאָג וואָס ער איז אין אָפּגרונט פאַרשוואונדן?
און האָט דען זיין לערע נישט געבוירן?
נישט אומגעקערט זיך צו איר אכסניה?
קינדער האָט ער אין אַלע לענדער
אַראַבישע און אדומישע (קריסטלעכע),
וואָס ער האָט אויפגעהאָדעוועט אויפן תלמוד
און דערצויגן ביז פּסקענען שאלות.

די פאטימידן־הערשער אין צפון־אפריקע, פונקט ווי די אמיאדן־הערשער אין אייראפע, האבן זיך פיל באנוצט מיט יידן אלס הויף־מעדיקער, ראטגעבער און לאנד־רעגירער, ווי אויף אנדערע מלוכה־פאסטנס. ווען דער ערשטער פאטימיד, מאכמעד עבד־אללה, פארכאפט אין 909 די מאכט אין קיירואן, צפון־אפריקע, דער זאמלפונקט פון די קאראוואנען, וואס גייען פון באגדאד קיין קארדאבא און צוריק, און זעצט אראפ די לאקאלע הערשער פון הויז אגלאב, נעמט ער איבער, צוזאמען מיט דער מלוכה, דעם הויף־דאקטאר יצחק איזראעלי (840־940), א געבוירענער און דערצויגענער אין אלעקסאנדריע פון עגיפטן, ווו ער האט שטודירט אויף דעם דארטיקן בארימטן אוני־ווערזיטעט און פון וואנען ער פירט ארויס קיין מערב דעם סכום וויסן, וואס איז געווען באקאנט צו יענער צייט.

ווען דער פאטימידן־הערשער אלמואיז גרינדעט אין 969 דעם כאליפאט, וועלכער ווערט פון קיירואן אריבערגעטראגן קיין מצרים, ציט ער צו יידן און קריסטן צו דער פארוואלטונג מיט דער מלוכה. דער נאענטסטער ראטגעבער פון אלמואיז איז דער ייד יעקב אבן־כילים, וואס האט לפנים וועגן אנגענומען דעם איסלאם. אין 975 שטארבט אלמואיז און דעם כאליפאטן־טראן פון אפריקע פארנעמט אל־ עזיז (975־996). ער באשטימט יעקב אבן כילים פאר זיין וויזיר, אן אמט, וואס ער האלט אן ביז זיין טויט, אין 991.

נאכן טויט פון אבן־כילים ווערט באשטימט אלס וויזיר דער נעסטאריאנער קריסט עיסי, און ער באשטימט אלס וויצע־קעניג פון סיריע, וואס די פאטימידן האבן דערוויל איינגענומען, דעם ייד מנשה בן קאצאצא. אונטער דער הערשאפט פון על־עזיז, אין 985, ווערט ארגאניזירט די צענטראלע אינסטאנץ פון די קהילות אין פאטימידן־כאליפאט. עס ווערט באשטימט א יידן־הויפט „ראס־איל־יאהוד". אין 1080 וועט דער טיטל פון ראס־איל יאהוד פארביטן ווערן אויף דער העברעאישער באצייכענונג נגיד. דער ערשטער צו טראגן אט דעם טיטל, וואס איז אזוי וויכטיק ווי דער טיטל פון ריש־גלותא אין בבל, וועט זיין דער הויף־דאקטאר, מבורך, וואס וועט דינען אין דעם אמט דרייסיק יאר (1080־1110).

אין 970 ווערן אויך געגרינדעט וויכטיקע גייסטיקע צענטערן אין מצרים און אין קיירואן, גלייכצייטיק אנטוויקלט זיך דער נייער אייראפעאישער צענטער אין שפאניע, קארדאבא. עס איז פארשפרייט די טראדיציע, אז די פירער פון אלע דריי צענטערס זענען געקומען פון בבל, זיי זענען געווען אנגעזעענע לומדים פון דער ישיבה אין פומבדיתא, וואס זענען געפארן אין א שליחות צו די יידישע ישובים איבער דער וועלט. זיי זענען בשלום אנגעקומען קיין אריא (איטאליע), אבער אויף דער וויטער־דיקער נסיעה ווערן זיי גענומען געפאנגען פון דעם אדמיראל פון דעם אמיאדישן כאליף עבד־אל־רחמן דער דריטער און ווערן פארקויפט פאר שקלאפן. זיי זענען אויס־געלייזט געווארן פון די יידישע קהילות און זענען געווארן זייערע גייסטיקע מנהיגים,

גרינדנדיק ישיבות אָדער איבערנעמענדיק די פירערשאַפט פון די ישיבות, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט פאַר זייער אָנקומען אין די מקומות.

ר' שמריה בן אלחנן גרינדעט אַ ישיבה אין פאָסטאַט (אַלט־קאַהיר), מצרים, בראש פון וועלכער ער וועט שטיין פערציק יאָר (970־1011). זיין פּאָסטן וועט איבער־נעמען זיין זון אלחנן, וועלכער וועט אָנפירן מיט דער ישיבה פון 1012 ביז 1026.

ר' חושיאל וועט גרינדן צוזאַמען מיטן אָרטיקן געלערנטן ר' יעקב בן נסים אבן שאהין די ישיבה אין קיירואַן, בראש פון וועלכער ער וועט שטיין 30 יאָר (970־1000). זייערע זין ר' חננאל בן חושיאל און ר' נסים בן יעקב וועלן אָנפירן מיטן לער־אַנשטאַלט פון יאָר 1000 ביזן יאָר 1050, ווען די פירערשאַפט פון דער ישיבה וועט איבערנעמען ר' יצחק פון דער שטאָט פעס (אַלפאַסי), וואָס וועט שפּעטער ווערן איינער פון די באַרימטע יידישע פוסקים. אין זיין צייט וועט די פאַנאַטישע סעקטע פון די בערבערן (מאַראָקאַנער), די אַלמאָראַווידן (מאַראַבוטן) זיך אָפּרייסן פון פאַטימידישן כאַליפאַט און וועט פאַרכאַפּן די מאַכט אין אַ גרויסן טייל פון צפון־אַפריקע. דער־פירער פון דער סעקטע, יוסף איבן תשפין (1062־1106) וועט אין 1086 גערופן ווערן קיין שפּאַניע, אויף צו קעמפן קעגן די קריסטן. צוזאַמען מיט די אַלמאָראַווידן־חילות וועט אויך אַריבערקומען קיין שפּאַניע ר' יצחק אַלפאַסי (רי"ף).

ר' משה בן חנוך, דער דריטער פון די געפאַנגענע גדולים פון פומבדיתא וועט זיך באַזעצן אין קאָרדאָבאַ (שפּאַניע), ווו ער וועט איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער דאָרטיקער ישיבה און וועט פאַררעכנט ווערן צווישן די ערשטע גרינדער פון יידישן גייסטיקן צענטער אין אייראָפּע.

די אָפּשוואַכונג פון צענטער אין בבל האָט אויך פאַרשטאַרקט די שטרעבונג: פון צענטער אין ארץ־ישראל צוריק איבערצונעמען די פירערשאַפט אין יידישן לעבן. אין 1025 נעמט איבער שלמה בן יהודה הכהן די פירערשאַפט פון דער ישיבה אין ירושלים און נעמט אָן דעם טיטל גאון. ער אָרגאַניזירט אַ קליינעם סנהדרין, וועמענס באַשלוסן עס ווערן פייערלעך אויסגערופן איינמאָל אין יאָר, אין טאָג פון הושענא רבה, פון דעם הר הזיתים. ווען שלמה ב"ר יהודה הכהן שטאַרבט אין 1050, נעמט איבער דעם אַמט יוסף הכהן.

אָבער אין 1051 קומט פון בבל ר' דניאל בר עזריה, פון דער ריש־גלותא פאַמיליע, און ווערט פּראָקלאַמירט אַלס נשיא פון דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. נאָך אַ קאַמף פון צוויי יאָר גיט אים איבער ר' יוסף הכהנס נאָכפאָלגער ר' אליהו הכהן, אויך דעם טיטל פון גאון. אין 1062 שטאַרבט ר' דניאל ב"ר עזריה און אליהו הכהן נעמט צוריק איבער דעם טיטל פון גאון, וואָס ער האַלט אָן ביז 1082. פאַר זיין טויט פאַררופט אליהו הכהן אַ פאַרזאַמלונג, וואָס דערוויילט זיין זון אביתר אַלס גאון אויף זיין פּלאַץ. אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום, טרעט אַרויס אַלס פּרעטענדענט אויפן טיטל גאון ר' דוד, דער זון פון פאַרשטאָרבענעם ר' דניאל ב"ר עזריה. עס

ברענגט אויס א שארפע מחלוקת, וואס וועט דערליידיקט ווערן אויף א צוזאמענפאר אין צור, אין יאר 1093, ווו ר' אביתר ווערט אנערקענט אלס גאון. אין זעקס יאר ארום, אין 1099, וועלן די ערשטע קרייץ־טרעגער חרוב מאכן א גרויסן טייל פון ישוב אין ארץ־ישראל און אויף לאנג מאכן א סוף צום גייסטיקן צענטער אין לאנד פון די אבות.

דאס יידישע לעבן איז נישט אלעמאל געפלאסן רואיק אונטער דער הערשאפט פון די פאטימידן, בעיקר האבן זיי געליטן אונטערן כאליף אל־חכים (996־1021). אין 1007 פארלירט דער כאליף זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט און הויבט אן פארפאלגן יידן און קריסטן. ער פאראָרדנט, אז אלע נישט־מוסלימער זאלן זיך קליידן בלויז אין שווארצן און טראגן א ספּעציעלע אָפּצייכענונג. די קריסטן א גרויסן הילצערנעם קרייץ, די יידן א קאפּ פון א קאלב, אויך פון האלץ, אן אנדייטונג אויף דער זינד פון עגל. ער האט אויך געצוווּנגען יידן און קריסטן אָנצונעמען דעם איסלאם.

צום סוף פון זיין לעבן פאלט ארונטער אל־חכים אונטער דער השפעה פון פאנאטיקער דרוזי, גרינדער פון דער דרוזישער סעקטע, און ער הויבט אן צו גלויבן, אז ער איז א גאט. די צייטן זענען דאן געווען סימבאלישע. אין 1022 האט געדארפט ווערן פיר הונדערט יאר זינט דער גרינדונג פון איסלאם און א פאלקס־לעגענדע האט דערציילט, אז יידן האבן בשעתו אפּגעמאכט מיט מחמדן, אז אויב משיח קומט נישט ביז דער צייט, מוזן זיי אננעמען דעם איסלאם. ר' סעדיה גאון האט אין זיין צייט אויסגערעכנט, אז ארום די יארן דארף זיך אנהויבן די משיח־עפּאכע. אויפן יאר 1033, טויזנט יאר נאך דער קרייציקונג, האבן די קריסטן דערווארט דאס צווייטע, דעפי־ניטיווע קומען פון יעזוסן. אזוי, אז ביים נישט גלייכגעוויכטיקן כאליף איז געבוירן געווארן דער געדאנק, אז אפשר איז ער עס טאקע דער דערווארטער משיח און די פאר־קערפערונג פון יעזוסן, און דאן איז ער דאך, לויט דער קריסטלעכער אויפפאסונג, א גאט. אל־חכים פארשווינדט פלוצים אין 1021 און די לאגע פון די פרעמד־גלויביקע אין פאטימידן־כאליפאט ווערט דערטרעגלעכער.

אזוי שליסט זיך די אזיאטיש־אפריקאנישע תקופה פון דער יידישער געשיכטע, ווען די גרויסע גייסטיקע צענטערן, וואס האבן אמאל אנגעפירט מיטן יידישן לעבן אין ארץ ישראל און בבל, ווערן אפּגעשוואכט, ווי די צייטווייליקע צענטערן אין קיירואן און מצרים. די העגעמאניע אין יידישן לעבן גייט אריבער צו די ישובים אין אייראפּע.

84סטע לעקציע

די גייסטיקע שאַפונג אין דער גאונים-עפּאָכע

(1040 - 500)

די גייסטיקע שאַפונג פון דער גאונים־עפּאָכע איז נישט פון באַזונדער־גרויסער וויכטיקייט. די ערשטע חכמים, וואָס האָבן פאַרביטן די שעפער פון תלמוד און אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן ביז דער גרינדונג פון גאָאָנאַט (500-660) ווערן גערופן רבנן סבוראי (דערקלערער) און גיבן זיך אָפּ מיט קלאָר מאַכן די האַרבערע שטעלן פון תלמוד און אויסבעסערן זיין רעדאַקציע. די גאונים באַגרענעצן זייער טעטיקייט אויף ענטפערן שאלות וועגן ענינים פון ריטואַל, כשרות, שחיטה, סדר התפילות א. אַ. וו. זיי דערקלערן אויך די שווערע שטעלן אין תלמוד, וואָס די לומדים פון דער גאַנצער יידישער וועלט פרעגן ביי זיי אָן.

אייניקע גאונים פּרוון צו סיסטעמאַטיזירן און מאַכן קאָמפּענדיומס פון דעם תלמוד־מאַטעריאַל און הלכה. שוין אין דער צווייטער העלפט פון 8־טן יאָרהונדערט פאַרפאַסט ר' אחיי משבחא, וואָס האָט געזאָלט ווערן גאון אין פומבדיתא, אַ ווערק אין וועלכן ער פּרוּווט צו סיסטעמאַטיזירן דעם תלמודישן מאַטעריאַל אין באַצוג צו די געהעריקע פּסוקים פון דער תורה, אויף וועלכער ער שטיצט זיך, און איינגעטיילט לויט די סדרות פון דער וואָך. דאָס ווערק איז צעטיילט אין 170 קאַפּיטלעך (סמנים) און טראָגט דעם נאָמען שאלתות (פראַגן, טעמעס).

אין 760 דערשיינען זאַמלונגען פון געפּסקטע שאלות: הלכות פּסוקות און הלכות קצובות, וואָס מען האַלט פאַר די ווערק פון יהודאי גאון פון סורא.

אויך ר' סעדיה גאון האָט פאַרפאַסט חבורים אין הלכה, פון וועלכע עס האָבן זיך דערהאַלטן בלויז צוויי: „ספר מקח וממכר", וועגן האַנדלס־יוסטיץ, און „שערי שבועות" וועגן נדרים און שבועות.

ר' נסים ב"ר יעקב פון קיירואַן פאַרפאַסט אַ פּירוש אויף דריי מסכתות פון תלמוד, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „המפתח", דער שליסל. זיין חבר ר' חננאל ב"ר חושיאל, אויך פון קיירואַן, פאַרפאַסט דעם ערשטן אומפאַנגענדיקן פירוש צו תלמוד.

אין 884 ווערט פאַרפאַסט אין דער ישיבה פון סורא, די כראָנאָלאָגיע פון די שעפּער פון דער משנה (תנאים) און די שעפּער פון תּלמוד (אמוראים), אונטערן נאָמען פון „סדר תנאים ואמוראים". דאָס ווערק ווערט אויסגענוצט מיט הונדערט יאָר שפּע־טער, אין 986, ווען ר' יעקב בן נסים פון קיירואַן ווענדט זיך צום גאון פון פּומבדיתא, ר' שרירא, מיט דער ביטע צו דערקלערן אים גענוי, ווי אַזוי די משנה און דער תלמוד זענען געשאַפן געוואָרן. ר' שרירא ענטפערט אָפּ מיט אַ גענויעם בריוו, באַקאַנט אַלס „אגרת ר' שרירא גאון". דער בריוו איז זייער סינטעטיש. ער אַנטהאַלט כמעט בלויז נעמען און כראָנאָלאָגישע דאַטן. אָבער ער ווערט דערגענצט מיט אַ גענויער אָפּ־האַנדלונג אונטערן נאָמען „סדר ישיבות", פאַרפאַסט פון נתן הבבלי, וועלכער איז געקומען פון באַגדאַד קיין קיירואַן און דאָרט געהאַלטן לעקציעס איבער דער יידישער אויטאָנאָמיע אין בבל.

אויך די קאַראַאימער שאַפן נאָך אין יענער צייט וויכטיקע פּאָלעמישע און פילאָזאָפישע ווערק. אַזוי פאַרפאַסט דער קראי סלמן בן ירוחם אַ ספר „מלחמות ד'" קעגן די אָנגריפן פון ר' סעדיה גאון אויף דער סעקטע. ר' יפת ב"ר עלי (950־980) פאַרפאַסט אויף דער זעלבער טעמע בריוו אין גראַמען, אין וועלכע ער באַמיט זיך אָפּ־צוּווענדן די איינוווענדונגען פון ר' סעדיה גאון. סהל בן מצליח, פּאָלעמיזירט אין זיין ספר „תוכחת מגולה" (אָפענע אַרגומענטן) קעגן דעם תלמיד פון ר' סעדיה גאון, יעקב ב"ר שמואל. יוסף אַל־בסיר „הרואה", דער זעעוודיקער. (גראָד איז ער געווען אַ בלינ־דער), פאַרפאַסט אין אַראַביש צוויי פילאָזאָפישע ווערק, וואָס טראָגן אין דער העב־רעאישער איבערזעצונג די נעמען „ספר־הנעימות" און „מחכימת פתי". דער קראי ישוע בן יהודה פון ארץ־ישראל פירט די פּראָפּאַגאַנדע פון זיין סעקטע מינדלעך און ווערט דערפאַר גערופן דער גרויסער לערער.

אָנפאַנג ניינטן יאָרהונדערט לעבט אין פּרס דער ערשטער ביבל־קריטיקער חוי הבלכי, וואָס האַלט זיך ביי גאַנץ פרייע מיינונגען און זוכט צו דערקלערן אַ סך נסים פון דער תורה אויף אַ נאַטירלעכן וועג. זיינע קעגנער רופן אים אין כעס, אַנשטאָט הבלכי, הכלבי, וואָס מיינט צו זאָגן: דער הינטישער. אַ צווייטער חבור אין ביבל־קרי־טיק פון אַן אַנאָנימען מחבר פון יענע צייטן איז לעצטנס אַנטדעקט געוואָרן אין דער גניזה פון קאַאיר, מצרים.

אין דער גאונים־עפּאָכע קומט אויך אויף די מיסטישע ליטעראַטור. חבורים ווי שעור קומה, וועגן די דימענסיעס פון דער גאָטהייט; היכלות, וועגן די הימל־פּאַ־לאַצן, אותיות דר' עקיבא, וועגן דעם מיסטישן באַדייט און כוח פון די אותיות פון א"ב; חבוט הקבר, אָדער מעשה ב"ר יהושע בן לוי, אַ באַריכט פון יענער וועלט; ספר יצירה, אַ ספר וואָס ווערט צוגעשריבן אברהם אָבינו און אין וועלכן עס ווערט אַנט־וויקלט די מיסטישע אידעע פון די צען עמאַנאַציעס פון דער גאָטהייט (ספירות), אין דעם מיסטישן כוח פון די צוויי און צוואַנציק אותיות פון העברעאישן אלף בית. צו־

זאַמען שטעלן זיי צונויף די 32 וועגן פון חכמה, לויט וועלכע די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט קומט אויך אויף דער יידישער ראַציאָנאַליזם. ר׳ שמואל בן חפני, וואָס באַקליידט דעם אַמט פון גאון נאָך ר׳ סעדיה, האַלט, אַז מען דאַרף גאָרנישט מאַכן קיין אָנשטרענגונג פון זוכן אַ פשרה צווישן נסים, וואָס ליגן זיך נישט אויפן שכל, מיט די פאָדערונגען פון אמת פרומען גלויבן, גאָר פשוט: „אויב די רייד פון די פאַרצייטיקע זענען קעגן דעם שכל, זענען מיר גאָרנישט מחויב זיי אָנצונעמען״, ווייל „גאָט וועט נישט ענדערן אפילו קיין פינטעלע אין דער וועלט־פירונג, וואָס ער אַליין האָט איינגעשטעלט, בלויז בכדי צו באַרעכטיקן זיין נביא״. דער קאָנפליקט צווישן ראַציאָנאַליזם און מיסטיק וועט זיך שפּעטער אויסשפּילן אין די גייס־טיקע צענטערן פון אייראָפּע.

אין משך פון דער גאונים־עפּאָכע קומט אויך אויף אַ יידיש־אַראַבישע ליטע־ראַטור און יידן באַטייליקן זיך גאַנץ אַקטיוו אין דער קולטור־באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די איסלאַמישע לענדער. דער יידישער ביטראַג איז בעיקר וויכטיק אויפן געביט פון איבערזעצונגען פון גריכיש אויף אַראַביש. אין 830 זעצט איבער דער יידישער דאָקטאָר און מאַטעמאַטיקער סאַהל טאַוואַרי, פון טאַווריסטאַן, דאָס באַקאַנטע בוך פון גריכישן אַסטראָנאָם פּטאָלאָמעאוס, וואָס האָט געדינט אַלס באַזע פאַר דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט ביז די אַנטדעקונגען פון קאָפּערניקוס. זיין זון, עלי בן סאַהל, האָט פאַרעפנטלעכט אין אַראַביש אַ רייע ביכער איבער מעדיצין. יצחק איזראַעלי פון קיירואַן, פאַרפאַסט אין אַראַביש וויכטיקע מעדיצינישע ביכער: „וועגן קדחת״, „וועגן דער השתנה״, „וועגן באַשפּייזונג״, „וועגן דער מעדיצינישער עטיק״. די ביכער פון יצחק איזראַעלי זענען דורך יידן איבערגעזעצט געוואָרן פון אַראַביש אויף העברעאיש און לאַטיין. זיין תלמיד דונאַש תמים אבו־סאַהאל (900־970), הויף־דאָקטאָר פון די פאַטימידן־הערשער אין קיירואַן, האָט אויך פאַרפאַסט אייניקע ביכער וועגן מעדיצין, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע און אויך מיסטיק. אָנפאַנג עלפטן יאָרהונ־דערט פאַרפאַסט רבנו נסים מקירואן אַ זאַמלבוך פון דערציילונגען: חבור יפה מהישועה, אָדער מעשיות שבתלמוד.

אין ארץ ישראל ווערן פאַר דער צייט געשאַפן די נקודות, דער טראָפּ. עס הייבט זיך אָן די ערשטע אַנטוויקלונג פון פיוט.

ביים פאַרלירן זיין פירנדיקע ראָל, האָט דער אַזיאַטיש־אייראָפּעאישער צענ־טער איבערגעלאָזן פאַר די צענטערן אין אייראָפּע, וואָס וועלן אים ירשנען, אַ רייכע פילפאַרביקע ירושה: תנ״ך און משנה, תלמוד און מדרשים, וויסנשאַפט און פילאָ־זאָפיע, פאָלעמיק און געשיכטע, מיסטיק און פּאָעזיע. דאָס אַלץ וועלן די אייראָפּעאישע גייסטיקע צענטערן אַנטוויקלען ביז צו דער העכסטער מדרגה פאַר די טויזנט יאָר פון זייער קיום, אין משך פון וועלכע זיי וועלן זייער פיל ליידן, אָבער אויך פיל שאַפן.

(סוף פון ערשטן באַנד)

אינהאַלט

★

ערשטע אָפּטיילונג

פאַרשטאַטלעכע עפּאָכע

1טע לעקציע: משפּחה־כראָניק: די צייטן פון די אבות — — — — — — 13-9
2טע " פאַרשקלאַפונג און באַפרייאונג — — — — — — — — — — 19-14
3טע " צוריקוואַנדערונג קיין כנען — — — — — — — — — — 22-20
4טע " די דעראָבערונג פון כנען — — — — — — — — — — 26-23
5טע " ציוויליזאַציע און קולטור־פאָרשריט אין די צייטן פון די שופטים — — — — — — — — — — — — 29-27
6טע " דער לעצטער שופט, שמואל; גרינדונג פון דער מלוכה 33-30

צווייטע אָפּטיילונג

די גרויסע פאַראייניקטע מלוכה

7טע לעקציע שאול, דער ערשטער עברישער מלך — — — — — — — 39-34
8טע " אין יאָרן פון אומבאַשטימטקייט — — — — — — — — — 41-40
9טע " דוד מלך ישראל — — — — — — — — — — — — — — 46-42
10טע " ידידיה - שלמה המלך — — — — — — — — — — — 50-47

דריטע אָפּטיילונג

די צוויי מלוכות עפּאָכע

11טע לעקציע שפּאַלטונג און ברידער־קריג — — — — — — — — — 54-51
12טע " דינאַסטיע עמרי 1 — — — — — — — — — — — 58-55
13טע " דינאַסטיע עמרי 2 — — — — — — — — — — — 62-59
14טע " דינאַסטיע יהוא 1 — — — — — — — — — — — 66-63
15טע " דינאַסטיע יהוא 2 — — — — — — — — — — — 69-67
16טע " צוזאַמענברוך פון מלכות ישראל — — — — — — — — 74-70

פערטע אָפּטיילונג

אין קלעם צווישן צוויי אימפּעריעס

17טע לעקציע אַן אָנזאָג פון משיחס צייטן: חזקיהו מלך יהודה — — — 78-75
18טע „ אין יאָרן פון געפאַלנקייט: מנשה בן חזקיהו — — — — 80-79
19טע „ בירגער־קריג: יהודה אריסטאָבלוס — — — — — — 85-81
20סטע „ באַרג אַראָפּ: די מלכים יהויקים און יהויכין — — — — 88-86
21סטע „ דער לעצטער געראַנגל — — — — — — — — — — 93-89

פינפטע אָפּטיילונג

גלות און דער זיג איבער אים

22סטע לעקציע תחית המתים פון אַ פאָלק — — — — — — — — — 98-94
23סטע „ אַ נבואה ווערט מקוים — — — — — — — — — — 102-98

זעקסטע אָפּטיילונג

אונטער פּערסישער הערשאַפט

24סטע לעקציע שווערקייטן פון ווידעראויפבוי — — — — — — — 107-103
25סטע „ אונטער כהנים־הערשאַפט — — — — — — — — — 110-108
26סטע „ די גרויסע רעפאָרמע: עזרא און נחמיה — — — — — 117-111
27סטע „ דער לעצטער יאָרהונדערט אונטער דער פּערסישער הערשאַפט — — — — — — — — — — — — 121-118
28סטע „ ערשטע שפּראָצונגען פון יידנהאַס — — — — — — 124-122

זיבעטע אָפּטיילונג

קאָנפליקט מיטן העלעניזם

29סטע לעקציע ווען אַ וועלט ווערט פאַרענדערט — — — — — — — 128-125
30סטע „ פרידלעך צוזאַמענלעבן פון יידנטום מיטן העלעניזם 133-129
31סטע „ אין פלאַנטער פון קאָנפליקטן — — — — — — — 138-134
32סטע „ אונטער עקסטרעמער העלעניזאַציע — — — — — — 142-139
33סטע „ די ערשטע מאַרטירער על קידוש השם — — — — — 145-143
34סטע „ אין קאַמף וועסטו דיין רעכט דערגרייכן — — — — — 150-146
35סטע „ קבוץ גלויות — — — — — — — — — — — — 156-151
36סטע „ אין קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט — — — — — — 160-157

אַכטע אָפּטיילונג

צווייטע שטאַטלעכע עפּאָכע

37סטע לעקציע אונטער אייגענע הערשער: שמעון החשמונאי — — — 164-161
38סטע „ אין אויפשוואונג פון כוחות: יוחנן הורקנוס 1 — — — — 170-165
39סטע „ די העלעניזירטע חשמונאים — — — — — — — — 176-171
40סטע „ אין זוניקע טעג: שלומציון אלעקסאנדרא — — — — 183-177
41סטע „ בירגער־קריג: יהודה אריסטאָבלוס 2 — — — — — — 186-184

ניינטע אָפּטיילונג

דער פאַרמעסט מיט רוים

42סטע לעקציע רוים מאַכט א טאַלק: פּאָמפּעאוס אין יהודה — — — — 189-187
43סטע „ אין געראַנגל פאַר אומאָפּהענגיקייט — — — — — — 194-190
44סטע „ דער אדומישער קנאַפּל פון רוימישן שטיוול — — — 197-195
45סטע „ דער לעצטער חשמונאי: מתתיהו אנטיגנוס — — — — 200-198

צענטע אָפּטיילונג

דער געראַנגל מיט רוים

46סטע לעקציע הורדוס באַפעסטיקט זיך אויפן טראָן ווי א פוקס — 204-201
47סטע „ הורדוס קעניגט ווי א טיגער — — — — — — — — 209-205
48סטע „ דער קאַמף פאַר א טראָן — — — — — — — — — — 212-210
49סטע „ א ווירדיקער זון פון א ווירדיקן פאָטער: ארכעלאאוס — 215-213
50סטע „ אונטער דירעקטער רוימישער הערשאַפט — — — — — 219-216
51סטע „ אין קאַמף פאַר זעלבסטווירדע — — — — — — — — 226-220
52סטע „ דער לעצטער שטראַל פון מלכות: אַגריפּאַס 1 — — — 228-227
53סטע „ אויפן וועג צו מרידה — — — — — — — — — — — 232-229
54סטע „ די מרידה — — — — — — — — — — — — — — — 237-233
55סטע „ צוגרייטונגען צום גיגאַנטישן פאַרמעסט — — — — 241-238
56סטע „ אין אומאַנטשלאָסענע הענט: דער קאַמף אין גליל — — 244-242
57סטע „ די באַלאַגערונג און דאָס פאַלן פון ירושלים — — — 247-245
58סטע „ האָפענונגלאָזער קאַמף — — — — — — — — — — 250-248
59סטע „ גייסטיקער איבערבוי — — — — — — — — — — — 254-251
60סטע „ גייסטיקע קאָנסאָלידאַציע: ר׳ גמליאל דיבנה — — — 259-255
61סטע „ גייסטיקע קרעפטיקונג פאַר א צווייטער מרידה — — — 264-260
62סטע „ דער לעצטער געפעכט: בר כוכבא — — — — — — 468-265
63סטע „ נאָכאַמאָל מסירת נפש און קידוש השם — — — — — 271-269

עלפטע אָפּטיילונג

די צווייַ גייסטיקע צענטערן: ארץ ישראל און בבל

64סטע לעקציע	ווען ביידע צדדים ווערן מיד	276-272
65סטע „	אויפבלי פון צענטער אין בבל	280-277
66סטע „	קריזיס אין דער רוימישער אימפעריע	283-281
67סטע „	דאָס קריסטנטום נעמט איין רוים	286-284

צוועלפטע אָפּטיילונג

דער וויכוח מיטן קריסטנטום

68סטע לעקציע	דער גרויסער וויכוח מיטן קריסטנטום: דער אסי יוחנן בן זכריה	290-287
69סטע „	דער גרויסער וויכוח מיטן קריסטנטום: ישוע בן יוסף פון נצרת	295-291
70סטע „	דער גרויסער וויכוח מיטן קריסטנטום: שאול פון טארסוס	299-296
71סטע „	דער דעפיניטיווער ריס	301-300
72סטע „	די קירכן־פאַטערס	304-302
73סטע „	די ערשטע קריסטלעכע אימפעראַטאָרן	307-305
74סטע „	דער לעצטער היידנישער אימפעראַטאָר	309-308
75סטע „	דער סוף פון דער נשיאות	312-310
76סטע „	ווען אַ וועלט־אימפעריע פאַלט	316-313
77סטע „	אונטער ביזאַנטישער טיראַניי	321-317

דרייצנטע אָפּטיילונג

אין שאָטן פון איסלאַם

78סטע לעקציע	די אַנטשטייאונג פון איסלאַם און זיין קאַמף מיט יידישקייט	325-322
79סטע „	אונטער די ערשטע כאַליפן	328-326
80סטע „	אונטער די אָמיאַדן־כאַליפן	331-329
81סטע „	אונטער די אַבאַסידן־כאַליפן	335-332
82סטע „	די אָפּשפּאַלטונג פון די קראים	340-336
83סטע „	אָפּשלוס פון דער אַזיאַטיש־אַפריקאַנישער תקופה	344-341
84סטע „	גייסטיקע שאַפונג אין דער גאונים־עפּאָכע	347-345

Este libro terminóse de imprimir el día 15 de Octubre de 1951 en los Talleres Gráficos HEUMAN, Pasteur 333 - T. E. 47-7752 _ Bs. As.